STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09171

# DI LERERIN ESTER

Jacob Pat

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פּאַט

# די לערערין אסתּר

יעקב פאַט

# די לערערין אסתר

פארלאג "ייִדבוך"

ביי דער
"געזעלשאַפט פאַר ייִדיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"
בוענאָס-איירעס
1956

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

# אינהאַלט

## ערשטער טייל

## דער יסוד


| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 1 | די בלינדע לערערין | 13 |
| 2 | די לידער פון דער מאַמען | 20 |
| 3 | אין גבירישן הויז | 25 |
| 4 | חשבונות | 35 |
| 5 | ביי לייבען אין וואַרשטאַט | 41 |
| 6 | קיין סלאָבאָדקער ישיבה | 48 |
| 7 | די ערשטע ליבע | 56 |
| 8 | זאָלסט מיר זיין געזונט, אסתר | 68 |
| 9 | אסתר ראַטעוועט צלובהן | 77 |
| 10 | אומגליק איבערן הויז | 83 |
| 11 | די שטילע חתונה | 88 |
| 12 | מזל־טוב | 95 |
| 13 | געענדיקט גימנאַזיע | 101 |
| 14 | „אַ פייער אויף זייערע קעפּ"... | 106 |
| 15 | די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן | 112 |


## צווייטער טייל

## ווענט


| | | |
|---|---|---|
| 1 | ביי די דייטשן | 121 |
| 2 | צוויי לערעס | 129 |
| 3 | מער ווי דער גאָלדענער מעדאַל | 135 |
| 4 | שטורעם איבער קהל | 141 |
| 5 | ויהי ערב ויהי בקר | 153 |
| 6 | די לערערינס רייזל און אידאַ | 161 |
| 7 | די מעשה וועגן משה רבינו | 170 |
| 8 | מער ווי די ווערטער | 173 |
| 9 | אסתרס גוטע בשורה | 178 |
| 10 | אויף אַלע דריי שטאָקן | 185 |

| קאַפּ. | | זייט |
|---|---|---|
| 11 | דער גרויסער יום־טוב | 192 |
| 12 | אין ווייסן וואַלד זאַלבעצווייט | 202 |
| 13 | מלחמה פאַר תנ״ך | 208 |
| 14 | די פאַרבלוטיקטע האַנט | 216 |
| 15 | שבת פאַרנאַכט | 222 |
| 16 | ליבשאַפט | 229 |
| 17 | אַן אידייע איז געבוירן | 231 |
| 18 | אין וואַלד־שול | 236 |
| 19 | אסתר און עטל | 248 |
| 20 | זאַווערוכע פון רוסלאַנד | 257 |
| 21 | אידאַס חתונה | 261 |
| 22 | קומט דער גוטער צויבערמאַן אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן | 266 |
| 23 | די קינדער וואַרטן | 278 |


## דריטער טייל

# דער בנין


| | | |
|---|---|---|
| 1 | שול־צוזאַמענפאָר | 287 |
| 2 | אין פאַבריק פון לערער | 299 |
| 3 | לייען, לייען, זאָל אויף דיר די ברכה זיין | 305 |
| 4 | אין זעמבראָווע און אין ווילנע | 311 |
| 5 | לערער־שטרייק | 324 |
| 6 | ברוך לוריע | 329 |
| 7 | מען דאַרף העבלעווען אויך די נשמה | 341 |
| 8 | צעבליטע ביימער | 346 |
| 9 | דרשה־געשאַנק | 355 |
| 10 | גימנאַזיע | 363 |
| 11 | ביים ים | 370 |
| 12 | „אונדזער קינד...“ | 379 |
| 13 | אַ נייער מענטש אין משפחה — רפאל | 385 |
| 14 | אַ לעבעדיקער נפש ראַנגלט זיך | 392 |
| 15 | אין איין מעת־לעת | 401 |
| 16 | פשיטיק | 406 |
| 17 | ווערט זייער ליבשאַפט לויטערער | 411 |
| 18 | שטרייק! | 417 |
| 19 | די שטראָף איז געקומען | 422 |
| 20 | גיב אַ קוש רפאלקען | 431 |
| 21 | אין נאָזשיקס שול | 438 |
| 22 | אַ גאַסט איז געקומען און אַוועק | 444 |
| 23 | אין מיטן טאָג אויפן אַלטן מאַרק | 453 |
| 24 | ליבע איז אַוועק | 459 |
| 25 | צו פרצס קבר | 464 |

**
*

„די לערערין אסתר" איז נישט קיין דמיון. די מענטשן, די געשטאַלטן, די סילועטן, וואָס קומען אַריין אין דעם ספור־המעשה, זענען אמתדיקע. זיי זענען שוין אָבער מער נישטאָ צווישן די לעבע־דיקע — זכרונם לברכה. דער מחבר האָט אויסגעמיטן, צוליב כמה טעמים, אַריינצוברענגען אין דעם ספור־המעשה מענטשן, וואָס לעבן נאָך עד היום.

דער מחבר גיט איבער זיין מאַנוסקריפּט צום דרוק מיט אַן אומרו;יק געמיט — מחמת דעם וואָס ער האָט נישט געהאַט גענוג כח אַרויסצוברענגען דעם ספור־המעשה, ווי די מעשה האָט פּאַרדינט. ער האָט עס געשריבן אין משך פון פינף יאָר, און ער האָט נישט געזען קיין אַנדערן, וואָס זאָל עס ויסן און קענען טאָן.

די אכזריותדיקע צייט לויפט. עס קען ווערן צו שפּעט.

דער מחבר

ערשטער טייל

# דער יסוד

ערשטער קאַפּיטל

# די בלינדע לערערין

די אלטע, בלינדע דירעקטאָרין פון דער רוסישער פאָלקסשול פאַר ייִדישע מיידלעך אויף ליפּאָווע גאַס אין ביאַליסטאָק, מאַריא אבראַמאָוונא קופּער, האָט געגלעט איבערן קאָפּ פון דער סמוגלער עלף־יאָריקער שילערין מיטן שאַרפן נעזל און גרויסע, קיילעכדיקע, ארויסשטאַרצנדיקע שוואַרצע אויגן; בלינדערהייט אָנגענומען איר שמאָל, וואַרים הענטל, עס געהאַלטן פעסט אין אירע קאַלטע, ביינערדיקע פינגער, און אַזוי גערעדט:

— זאָל קומען דיין מאַמע צו מיר מאָרגן, 12 אזייגער, אין קאַנצעלאַריע.

האָט די שילערין אסתר געענטפערט, א צערודערטע, מיט אביסל מורא און א סך דרך־ארץ, ווייל עס איז איר שווער געווען צו רעדן אַנטקעגן מאַריאַ אַבראַמאָוונאַן:

— מיין מאַמע קאָן ניט, זי ארבעט אין פאַבריק.

— אויב אַזוי — האָט די בלינדע דירעקטאָרין געזאָגט — זאָל קומען דיין טאַטע.

האָט אסתר א באַוועג געטאָן אין דער ברייט מיט איר שוואַרצן קאָפּ און ווידער געזאָגט, קוקנדיק אין די צוויי בלינדע אויגן אריין:

— מיין טאַטע איז אין סופּראַסל, ביי בוכהאַלצן אויף די דעכער. ער קומט נאָר אויף שבת אהיים.

— אויב אַזוי, אויב אַזוי — האָט גערעדט שטיל מאַריא אבראַמאָוונא — לאָמיר זען, ווער־זשע קאָן קומען פון אייער שטוב?

— מיין עלטערע שוועסטער.

— וואָס טוט זי?

— זי איז א שנעלערקע אין הענדלערס פאַבריק, אויף גומיענער גאַס.

— וואָס איז דאָס אַ שנעלערקע? — האָט די בלינדע מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ געוואָלט וויסן.

— זי פאַרבינדט די קעטעס, בינדט צונויף פּאָדים צו פּאָדים אין וועב־שטול, ווען איין קעטע ענדיקט זיך און מען דאַרף אַרויפנעמען די צווייטע. — האָט געזאָגט פּאַכמעניש די שילערין אסתּר לאַפּידעס און געקוקט אויפן אומרויִקן אַלטן, בלינדן פּנים פון דער באַרימטער לערערין. איר לענגערער צעפּל מיטן ווייסן בענדל אין אים האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג.

— איך האָב עס קיינמאָל ניט געזען — האָט געזאָגט מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַ, און אויסגעצויגן איר דאַרן פּנים מיט די גרויע ברעמען און פינצטערע אויגן צו איר שילערין.

— אסתּר, ווערסטו קומען מאָרגן מיט דיין שוועסטער... ווי רופט מען איר?

— צלובה — האָט אסתּר געענטפערט.

— טאָ קום מיט איר מאָרגן.

אסתּר לאַפּידעס האָט געזאָגט „אַ גוטן טאָג״, געמאַכט אַ קניקס מיט איר רעכטן פוס, הגם די בלינדע לערערין האָט דאָס ניט געקענט זען. אַזוי האָט מען געלערנט אין שולע.

— ווערסטו קומען מיט צלובהן, — האָט נאָך געזאָגט מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַ, ווען איר שילערין אסתּר איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר.

— גוט... דאָ סווידאַניאַ...

דער שמועס איז געפירט געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אין רוסיש. מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַ האָט אָנגעקוואָלן פון דעם גוטן רוסיש, וועלכן עס רעדט דאָס אָרימע קינד. וואָס האָט היינט פאַרענדיקט איר שולע.

מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַ איז געווען אַ שם־דבר אין שטאָט און אין דער גאַנצער גראָדנער גובערניע. ווען זי איז שוין געווען אָנהויב די פופציקער יאָרן, איז זי געפאָרן קיין פּעטערבורג צו די בעסטוזשעווער קורסן, דאָרט צו הערן צוגאָב־לעקציעס אין לימוד פון נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס עס איז געווען איר באַרוף. זי האָט גוט געקענט און ליב געהאַט די ווערימלעך, די פליגעלעך, די גרינסן, די קרייטעכצער. זי האָט ניט באַוויזן חתונה צו האָבן צוליב איר לערערשאַפט און פאַרנומענקייט מיט די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע סלאָיען, פּושקעס, טעפּ. דאָרט, אויף די בעסטוזשעווער קורסן, איז מיט איר געשען אַן אומגליק: אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע איז זי בלינד געוואָרן. דאָס איז געווען מיט צען יאָר צוריק, נאָכדעם ווי זי איז שוין געווען פינף־און־צוואַנציק יאָר אַ לערערין, אַ „נאַטשאַלניצע״ פון אַ פּאָלקסשול פאַר מיידלעך. פריִער פון דער ווילנער שול־קרייז־אינספּעקציע און שפּעטער אַזש פון מיניסטעריום, פון פּעטערבורג, האָט מען געמאַכט פאַר איר אַ גרויסן, אַ זעלטענעם אויסנאַם — מען האָט איר איבערגעלאָזט ווייטער אין איר שול.

אין פאַרלויף פון יאָרן האָט זיך מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַ אויסגעלערנט „זען״ מיט בלינדע אויגן, גוט זען. זי האָט געזען מיט איר חוש, מיט איר נאָז, מיט איר אָטעם, מיט איר האַרץ.

זי האָט בלינדערהייט נאָך אַלץ געלערנט אין די קלאסן געשיכטע, דערציילט מעשהלעך פון נאַטור־וויסנשאַפט, דערקענט יעדעס קינד לויט זיין שטימע.

זי האָט אין איר שול אריינגעלייגט איר נשמה. זי האָט פאַרמאָגט א גוטע נשמה, וואָס איז נאָך בעסער געוואָרן אין דער פינצטערניש. זי פלעגט אַרומנעמען גרופּקעס קינדער אַרום זיך, ריידן מיט זיי, דערציילן זיי, און זי פלעגט זאָגן:

— וואָס מער פעיִקע קינדער, אַלץ ווערט מיר אינעווייניק ליכטיקער.

אירע שילערינס זענען געווען פון דער יידישער אָרימקייט. זי פלעגט זאָגן, אַז דער דלות אין איר קלאַס שמעקט. איר האַרץ לויטערט זיך אויס אין דער אָרימקייט פון קלאַס. זי זעט אפילו וועלכעס קינד האָט געבראַכט מיט זיך בלויז טרוקן ברויט, וועלכעס אויך אַן עפּל, וועלכעס האָט געבראַכט — גאָרניט... זי „זעט" אָבער, אַז יעדעס קינד אין קלאַס זאָל האָבן עפּעס וואָס צום עסן.

זי האָט איינגעפירט א קינדער־„סעודה" יעדן טאָג. זי פלעגט עסן אין קלאַס מיט אַלע קינדער צוזאמען. אין דער פינצטער האָט זי געוווּסט פונאַנדערצוטיילן אַלעמען די פעניצער מיט איינגעמאַכטס. זי האָט געהאַלטן השגחה איבער אירע שילערינס ווען זיי זענען אפילו שוין אַוועק פון שול. זי האָט געוווּסט וואָס זיי טוען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט. ניט געלאָזן די פעיִקע קינדער זאָלן גיין מיט זייערע פעיִקייטן אין ניוועץ.

— פעיִקייטן איז גאָטס מתנה — פלעגט זי זאָגן — ניט בלויז פאַר דעם פעיִקן, נאָר פאַר אַלעמען, פאַר אַלע מענטשן, פאַר דער וועלט. מען טאָר ניט לאָזן פאַרלאָרן גיין גאָטס גאָב...

מאריא אבראמאָוונא פלעגט אויך גיין אויף די חתונות פון אירע געוועזענע שילערינס און פלעגט טאַנצן: א בלינדע, אין חתונה־זאַל מיט דער כלה.

— זאָל זיין ליכטיק דיין לעבן... — פלעגט זי ווינטשן מיט אזא דבקות און פרייד, אַזוי ווי פון אירע פינצטערע אויגן־גריבלעך וואָלט אַרויסגעשלאָגן אַן אינעווייניקסטע ליכטיקייט, פון די סאַמע טיפעניש. דאָרט טיף מוז זיין זייער ליכטיק, א גאַנצער פּלאַנעט.

איר שילערין אסתר לאַפּידעס, וואָס האָט אין יענעם טאָג פאַרענדיקט די שול, האָט מאריא אבראמאָוונא באַזונדער ליב געהאַט צוליב איר גוטן קאָפּ.

— זי וואַקסט א מאַטעמאַטיקערין...

זייער אָפט פלעגט אין די פאַרנאַכטן די שוואַרץ־קאָפּיקע און שאַרף־נעזלדיקע און גרויס־אויגיקע אסתר אָנקלאַפּן אין מאריא אבראמאָוונאס שטוב:

— איך בין געקומען עפּעס לייענען פאַר דער לערערין — פלעגט זאָגן אסתרקע א צופרידענע, וואָס זי וועט וואָס קענען טאָן. זי האָט געוווּסט, אַז די לערערין איז פון דעם זייער צופרידן. איינמאָל האָט זי, די לערערין, דאָס ביי איר געבעטן. און פון דעמאָלט אָן פלעגט זי דאָס אָפט טאָן.

— קום אַריין, א געזונט אויף דיין קאָפּ, קינד מיינס... — פלעגט זי זאָגן און גלעטן אין דער פינצטער אסתרלס פּנימל.

מאריא אבראמאָוונא האָט גאָרניט געזאָגט אסתר לאַפּידעסן, פאַרוואָס זי דאַרף

קומען מיט איר שוועסטער, — אויב ניט מיט דער מאמען אָדער מיטן טאטן. זי איז געווען א נייגעריקע, אסתר, זי האָט אָבער ניט געקענט צופרידנשטעלן איר נייגעריקייט.

אין אָוונט האָט זי דאָס געזאָגט איר עלטערער שוועסטער צלובה.

— מאריא אבראמאָוונא האָט געהייסן דיר קומען.

— וואָס עפּעס?

— איך ווייס ניט.

צלובה האָט מער געוווּסט וועגן מאריא אבראמאָוונא ווי איר קליינע שוועסטער אסתר. קיינער האָט אין שטוב נישט געוווּסט, ווייל צלובה האָט דאָס געהאַלטן בסוד, אז זי, צלובה, איז מיט די „ברידער און שוועסטער", און אז די בלינדע לערערין לערנט געהיימע תורה מיט קרייזלעך פון די „ברידער און שוועסטער". צלובה איז געווען אין קרייזל. אין צלובהס פאבריק האָבן וועבער געוווּסט, אז צלובה איז פון „יענע". אָבער צלובהס טאטע־מאמע האָבן דערפון ניט געוווּסט. זי האָט געהאַט גוואַלדיק דרך־ארץ פאר דער בלינדער מאריא אבראמאָוונא.

אויף מאָרגן, טאקע פּינקטלעך צוועלף א זייגער, איז אסתר געווען אין שולע מיט איר שוועסטער צלובה.

ווען מאריא אבראמאָוונא וואָלט געהאַט אָפענע אויגן, וואָלט זי געזען ווי אַזוי די צוויי שוועסטער, איינע עלטער פון דער צווייטער מיט אַ צען יאָר, זענען געראָטן איינע אין דער אנדערער. צלובה איז געווען מיטלוווּקסיק, אָבער שלאַנק, מיט א שווארצן צאָפּ, איבערגעפלאָכטן איבערן קאָפּ. פון אירע קליידער האָט זיך געהערט וועבעריי, וואָל, קעטעס. זי האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון דער ארבעט בלויז אויף א ווײַלע.

— דו וועסט אונדז לאָזן אליין... — האָט מאריא אבראמאָוונא געזאָגט צו אסתרן, — דו גיי ארויס און מאך צו די טיר הינטער זיך...

אסתר איז ארויסגעגאַנגען.

בלינדערהייט האָט מאריא אבראמאָוונא געטראָפן צו דער טיר, א טאָפּ צו טאָן צי זי איז גוט צוגעמאַכט.

די בלינדע לערערין איז, ווי איר שטייגער די לעצטע יאָרן, צוגעגאַנגען נאָענט צום מענטשן, מיט וועמען זי האָט געהאַנדלט, אָנגערירט אים מיט ביידע הענט. פון דעם איז זי געוואָרן זיכערער. זי האָט דערשפּירט דעם פאבריק־ריח.

— איר קומט פון דער ארבעט? פון פאבריק?

— יאָ, גלייך פון דער ארבעט. מיין שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אז איר האָט מיך גערופן.

— אַזוי איז דאָס — האָט מאריא אבראמאָוונא געזאָגט, — עס שטימט... קומט, לאָמיר זיך זעצן א ווײַלע ביים טיש.

צלובה האָט ווייניק צייט. זי דאַרף באַלד זיין צוריק אין פאבריק און עס איז א שטיק וועג, אָבער זי וועט ניט וואגן דאָס צו זאָגן מאריא אבראמאָוונאַן.

— וועגן אייער שוועסטער האָב איך אייך גערופן. אייער שוועסטער האָט גע־ענדיקט אונדזער שולע. זי האָט געענדיקט אויסשליסלעך מיט „פינפן". זי איז אַ זייער פעיִק קינד. עס איז אַ שאָד, אַ שאָד, עס זאָלן גיין אין ניוועץ אירע פעיִקייטן. זי האָט אַ טייערן זכרון. אַ שכל פון אַ דערוואַקסענעם. אַ מאַטעמאַטיקערין. איר שפּראַך איז אויך גוט. און זי וויל לערנען. זי האָט חשק. טאָר מען דאָס ניט לאָזן אַזוי. מען דאַרף עפּעס טאָן...

צלובה ווייסט ניט וואָס מען דאַרף טאָן. וואַרט זי געהאָרכזאַם וואָס מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ וועט זאָגן. מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ קען ניט זען מיט וועלכער דערוואַר־טונג עס קוקט אויף איר צלובה די „שנעלערקע", זי פילט אָבער.

— זי דאַרף לערנען ווייטער... זי דאַרף גיין אין גימנאַזיע... — זאָגט מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ — איר דאַרפט איר לאָזן גיין...

זי האָט נאָך נישט געענדיקט רעדן, זי זוכט צלובהס הענט. אַז זי וועט אָננעמען אירע הענט, וועט זי זיך פילן נענטער, זיכערער.

— איז יאָ — האָט מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ ווייטער גערעדט — האָב איך אָפּגע־רעדט מיט מאַדאַם כוואָליעס, די „נאַטשאַלניצע" פון דער פּרויען־גימנאַזיע אויף פאַבריטשנע גאַס, ביי יוראָווצער, אַז מען זאָל אָננעמען אייער שוועסטער נאָך די קאַניקולעס, אין אויגוסט. זי וועט אָנקומען גלייך אין צווייטן קלאַס. און וואָס אָנ־באַלאַנגט צאָלן, וועט מען איר אויפנעמען אומזיסט... איר וועט נאָר דאַרפן זען מאַכן איר אַ מונדיר, קויפן ביכער; זען זי זאָל קענען גיין אין גימנאַזיע, זי זאָל ניט אי־בעררייסן דאָס לערנען ביז זי וועט ענדיקן אַלע קלאַסן. פאַרשטאַנען? איר זאָגט מיר צו?...

— איך האָב פאַרשטאַנען — האָט צלובה געזאָגט — אָבער נאָר איינס...

— זאָגט מיר ניט קיין אָבער, איך הייס אייך...

— אָבער. . .

— איר אָבערט דאָך . . .

— נאָר אייך זאָך... — האָט צלובה געזאָגט — אומזיסט וויל איך ניט... אומ־זיסט איז אַ נדבה פאַר אַן אָרים קינד...

— קענסטו צאָלן? — האָט מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ געפרעגט איבערגייענדיק אויף דו.

— קיין סך ניט. אָבער אויב מען וועט מוזן... בעסער ווי אומזיסט...

— וויפל קענסטו?

— איך ווייס ניט, אָבער איך וועל זען.

— קענסטו דריי רובל אַ חודש?

— דאָס וועל איך.

— איז גוט. איז זייער גוט. דו געפעלסט מיר. פאַרוואָס ביזטו ביי מיר קיינ־מאָל ניט געווען... וועגן דיין שוועסטער? זי איז אַ גוט קינד...

מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ האָט ניט געזען, אַז צלובהס אויגן גלאַנצן. עס שטייען טרערן.

— אז מען ארבעט אין פאבריק, ווען קען מען גיין?... דערצו נאָך ווייס איך, אז... איר...

— וואָס איר? פון וואנען קענסטו מיך?

דעמאָלט האָט צלובה געוואגט צו זאָגן:

— פון קרייז...

מאריא אבראמאָוונא האָט איר אָנגעכאפּט פאר ביידע הענט:

— א חברטע?...

— יאָ.

— איז גוט. איז זייער גוט. וועסטו שוין זיכער זען, אז דיין שוועסטער זאָל לערנען.

— מאריא אבראמאָוונא — האָט צלובה געזאָגט — איר האָט אין מיר אריינגעזעצט א נייע נשמה. איך האָב ניט געקענט לערנען, וועל איך כאָטש זען, אז מיין שוועסטער זאָל לערנען.

— גיב מיר א האנט... איך וועל זען איינאָרדענען. דו האָסט דאָך ניט קיין צייט, לויף צוריק אין פאבריק...

— איך דאנק אייך, מאריא אבראמאָוונא. איך דאנק אייך זייער.

אין פאָדער־צימער האָט אומגעדולדיק און אומרויק געוואַרט אסתרקע אויף איר גרויסער שוועסטער צלובה, וועלכע איז אַרויסגעקומען שוין אַ פאַרשפּעטיקטע, אַ כאַפּ געטאָן אסתרן פאַר דער האַנט:

— קום, עס איז שוין שפּעט.

— וואָס איז? וואָס איז געווען? — האָט אסתר געפרעגט.

— וועסט גיין אין גימנאזיע, אין כוואלעסעס גימנאזיע.

— איך?...

— ווער דען, איך?

צלובה האָט ניט געהאַט קיין צייט. אסתרקע וועט אליין טרעפן אין שטוב, זי מוז לויפן צו גומיענער גאַס, צו הענדלערס פאבריק.

— אסתר, זאָלסט דערווייל גאָרניט ריידן וועגן דעם.

זי האָט ניט געוווּסט, די עלף יאָריקע אסתר, אז אין דער שעה איז אָפּגעחתמעט געוואָרן איר גורל אויף א סך יאָרן.

די נאכט פון זעלבן טאָג איז אסתר געשלאָפן צוזאמען מיט איר שוועסטער צלובה אין הילצערנעם טאַפּטשאַן, וואָס האָט זיך ארויסגערוקט אויף דער נאכט, ווי א ברייטער שופלאָד, און אין דער פרי האָט מען דעם שלאָף־שופלאָד צוריק אריינגערוקט. צלובה האָט גערעדט אין דער שטיל, שעפּטשענדיק, צו איר שוועסטער וועגן דעם, אז זי זאָל זיין פלייסיק, זי זאָל גוט לערנען, אז זי וועט ווערן א מענטש. דאָס בלישטשענדיקע וואָרט „גימנאזיע" איז כסדר אריינגעקומען אין דער שעפּטשעניש פון דער נאַכט. צלובה האָט איר קליינער שוועסטער אַרומגענו־

מען, צוגעדריקט צו זיך און אזוי איינגעשלאָפן. אסתר איז נאָך לאנג געלעגן מיט אָפענע אויגן:

— זי וועט זיין אַ גימנאַזיסטקע...

וועגן דעם האָט דאָס די בלינדע מאריא אבראמאָוונא גערופן איר שוועסטער צלובה.

זי האָט א גוטע שוועסטער!

מיט דער מאמען און נאָכדעם מיטן טאטן וועט שוין צלובה אליין ריידן.

## צווייטער קאַפּיטל

# די לידער פון דער מאַמען

אסתר איז שוין דאָס צווייטע יאָר אין גימנאַזיע.

אין גימנאַזיע גייען די גימנאַזיסטקעס אָנגעטאָן אין ברוינע קליידלעך מיט ווייסע קעלנערלעך און אין שוואַרצע שירצן. אַלע גלייך. אַז מען גייט אויף דער גאַס טראָגט מען אַ לאַנגן, שמאָלן היטל, אַזוי ווי אַ פּאַפּירן שיפל, און אויף דער רעכטער זייט זענען דריי רוסישע בוכשטאַבן מיט אַ רעמל אַרום זיי, וואָס זיי מיינען — דעם נאָמען פון דער פרויען־גימנאַזיע פון כוואָלעס.

אסתר איז א גימנאזיסטקע דאָס צווייטע יאָר.

ווען זי גייט אין דרויסן, ווייסט מען ניט, אַז זי, אסתר די גימנאזיסטקע, איז גאָר לייבע דעם בלעכערס טאָכטער, אַז איר מאמע מאשע אַרבעט שווער צווישן די קעטן אין די פאַבריקן אַלס שנעלערקע, צוזאַמען מיט איר עלטערער טאָכטער צלובה. זי גייט מיט דעם ביכער־בענדל אויפן אָרעם, מיטן היטעלע מיט די בוכשטאַבן, מיט דעם ברוינעם קליידל און שוואַרצן שירצל אזוי ווי אלע אנדערע גימנאזיסטקעס. מען ווייסט ניט, אַז די גאנצע משפחה פון לייבע און מאשע לאפּידעס וווינט אין דריי קליינע חדרים, אַז זיי זענען דאָרט אַ משפחה זאַלבע זעקס און אַז אסתרס שוועסטער צלובה, דאָס פאבריק־מיידל, זאָרגט דאָס, אַז איר שוועסטער אסתר זאָל „ווערן א מענטש“.

נאָך עפּעס ווייסט מען נישט. אַז זי לערנט אויף „פּינפן“, און אַז עס קען זיין, אַז זי, אסתר לאפּידעס, וועט אמאָל ענדיקן די גימנאזיע מיט א גילדענעם מעדאל. מען ווייסט נישט, אַז זייער אָפט וווּנדערט זיך די „נאַטשאַלניצע“ כוואָלעס און וואָלט וועלן אריינקוקן ביי אסתרן אין מוח — ווי אזוי מאכט זי דאָס אזוי שנעל און אזוי פּינקטלעך, אויף אויסנווייניק, אויפן קאָפּ, די גרויסע „זאדאטשעס“ פון דער מאַטעמאַטיק?

מען ווייסט נישט דערפאַר, ווייל ערשטנס איז אסתר אַ שטילע, אַ שווייגערין. די מאמע רופט איר „פארקלערטע לבנה" און אן אומעטיקע איז זי. פארוואָס זי איז אַן אומעטיקע, ווייסט זי אַליין נישט. זי ווייסט אפילו נישט, אַז זי גייט שטענדיק מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט האלב פארמאכטע אויגן, און אירע ליפּן זאָגן ־ זאָגן עפּעס בעתן גאַנג. סיידן זי מאַכט חשבונות. די שטום־זאָגנדיקע ליפּן רעדן פאַר איר גאנצן נפש.

זי האָט ליב צו חשבונען סתם אזוי, צוליב דער חכמה פון חשבון, צוליב דעם פּאָקוס פון צוזאַמענפאַל פון ציפער — וואָס מערן זיך, כּפלען זיך, טיילן זיך, וויק־לען זיך איינע אין די אַנדערע. פריִער זענען זיי איינציקע, קורצע, נאָך דעם ווערן זיי א סך, גאנצע שורות, לאנגע, סוף־לאָזע, באלד לויפן זיי זיך צונויף, טיילן זיך, שפּאַלטן זיך, פליִען זיך פונאַנדער, ווי סטייעס פייגל, און קומען צוריק צוזאַמען און ווערן איינס — איין חשבון!

אסתר האָט א לאנגן, שווארצן צאָפּ. איר מאמע האָט אויך אזא, נאָר איר מאמע באהאלט איר צאָפּ, נעמט אים צונויף, וויקלט אים ארום קאָפּ, נעמט צו־נויף איר אייגענעם וואלד האָר מיטן פרומען שייטל, וואָס זי מאכט פון אירע אייגענע האָר. אסתר איז נאָך א קליינע מיידל, טראָגט זי איר צאָפּ אראָפּגעלאָזן איבער דער פּלייצע, איבערן שירץ, לאַנג באַלד ביז דער טאַליע, און אין זיין סאמע סוף איז א בלוי שלייפל.

איין מאָל האָט די לערערין פון רוסיש געהייסן אַלע גימנאַזיסטקעס פון איר קלאַס אָנשרייבן אן ארבעט וועגן זייערע טאטע־מאמעס, ווער זענען זיי, וואָס טוען זיי, וועגן וואָס ריידן זיי?

עס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. די לערערין האָט אָנגעזאָגט מען זאָל שרייבן קלאָר, קורץ, און נאָר דעם אמת, קיין שום אויסטראַכטענישן. מען זאָל ניט העלפן איינע דער אנדערער. יעדע איינע זאָל שרייבן אזוי ווי זי וויל, און אז מען וועט האָבן פארטיק, זאָל מען דאָס אָפּגעבן אויפן שטעל איר, דער לערערין. אז אין קלאָס מוז זיין זייער שטיל.

פערציק גימנאַזיסטקעס האָבן זיך גענומען צו פאַפּירן און פעדערס. אנדערע זענען געזעסן לאַנג־לאַנג, געטראַכט, געטראַכט, אָוועקגעלייגט די פעדער און גע־זאָגט צו דער לערערין:

— איך ווייס ניט וואָס...

— איך קען ניט...

האָט די לערערין געהייסן:

— שרייב אזוי אויף אויפן פאַפּיר: „איך ווייס ניט וואָס..." „איך קען ניט..." שרייב אונטער דיין נאָמען און גיב מיר אוועק.

— גאָרניט שרייבן?

— יאָ, גאָרניט. מען מוז ניט שרייבן, אז מען קען ניט, אז מען ווייסט ניט וואָס. פאר דעם וועט קיין שטראָף ניט זיין. ווען דו וועסט עלטער ווערן און יאָ קענען; ביזטו נאָך, זעט אויס, צו יונג.

אנדערע גימנאַזיסטקעס האָבן דאָס געמאכט אנדערש. מען האָט שנעל אָנגע־שריבן און אוועקגעגעבן דער לערערין. אז מען איז פארטיק געוואָרן, האָט מען געקענט ארויס פון קלאַס אין זאַל אריין. אין איין שעה האָט מען געמוזט זיין פארטיק.

אסתר לאַפידעס האָט יאָ געשריבן. זי האָט אָבער געשריבן פּאַמעלעך, גאַנץ לאַנגזאַם. געשריבן און געמעקט, איבערגעשריבן, געווען אריינגעטאָן מיטן קאָפּ אין פּאַפּיר, ווייל זי איז געווען אביסל א קורצזיכטיקע און געמוזט האַלטן די אויגן נאָענט איבערן פּאַפּיר. זי האָט זיך אַריינגעטיפט אין שרייבן, אַז זי האָט גאָרנישט געזען, וואָס עס טוט זיך ארום איר. זי האָט ניט געזען, אז דער גאַנצער קלאַס איז שוין ליידיק. ערשט די לערערין איז געשטאַנען איבער איר און צו איר געזאָגט:

— לאַפּידעס, דאַרפסט שוין אָפּגעבן דיין פּאַפּיר. די צייט איז שוין אריבער.

אסתר האָט זיך דערשראָקן:

— איך האָב נאָך ניט געענדיקט.

— עס מאכט ניט אויס. דאַרפסט ניט ענדיקן. גיב מיר אוועק.

די לערערין האָט געוואָלט אַליין נעמען פון שול־באַנק אסתרס פּאַפּיר. זי האָט אָבער צוגעהאַלטן דעם פּאַפּיר, ניט געוואָלט געבן.

— פאַרוואָס? — האָט די לערערין איר געפרעגט — וואָס איז מיט דיר?

זי האָט געזען, אז ביי אסתרן אין די אויגן שטייען טרערן.

— ווייל איך האָב געשריבן וועגן מיין מאַמען... — האָט אסתר געענטפערט.

די לערערין האָט פון איר דאָך צוגענומען דעם בויגן פּאַפּיר. אין א פּאָר טעג שפּעטער איז אריינגעגאַנגען די לערערין אין קלאַס מיט אלע העפטן און פּאַפּירן. זי האָט געזאָגט וועלכער העפט איז מיט גרייזן און וועלכער אָן גרייזן; ווער עס האָט גוט געשריבן, ווער ניט גוט; זי האָט אויסגערופן די נעמען פון די גימנאַזיסט־קעס, איין נאָמען נאָכן אנדערן. זי האָט געזאָגט פאַרוואָס איז איין ארבעט גוט, פאַרוואָס אַן אַנדערע איז נישט גוט, וואָס עס זענען די גרייזן, ווי מען דאַרף שרייבן ריכטיק...

זי האָט אַלץ אסתר לאַפּידעסעס ארבעט ניט דערמאָנט. אסתר פאַרשטייט פאַרוואָס, ווייל זי האָט דאָך איר ארבעט ניט פאַרענדיקט. זי האָט זיך געשעמט, אסתר, וואָס איר ארבעט איז אזוי ארויסגעקומען, ניט פאַרענדיקט. זאָל נאָר די לערערין אויף איר זיך ניט בייזערן. איז זי דען שולדיק, וואָס זי האָט געהאַט ווייניק צייט און ניט געקענט ענדיקן?

— איך האָב געלאָזן אויף צום סוף די ארבעט פון אסתר לאַפּידעס... — זאָגט די לערערין.

עס האָט אסתרן א קלאַפּ געטאָן אין הארצן. זי האָט אָנגערופן איר נאָמען און רעדט וועגן איר ארבעט. די לערערין האַלט איר פּאַפּיר אין האַנט, קוקט אין אים אריין. זי גייט עפּעס זאָגן. דאָס הארץ קלאַפּט שטאַרקער. אסתר לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ. זי הערט אפילו ניט וואָס די לערערין רעדט. עס דערפליען צו איר די ווערטער:

— זי שרייבט וועגן איר מאַמען...

יאָ, זי האָט טאַקע געשריבן וועגן איר מאַמען. איר האַרץ קאָרטשעט זיך צו־נויף. אַזוי ווי איר קליינע מאַמע וואָלט פאַר איר געשטאַנען און געהאַט אַ טענה: „צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן, אסתר? מען דערציילט ניט פאַר פרעמדע וועגן אַן אייגענער מאַמען...״

זי הערט ווייטער אַ פּאָר ווערטער פון דער לערערין:

— זי האָט געשריבן, ווי אַזוי איר מאַמע זינגט יידישע לידער שבת פאַרנאַכט, פאַר הבדלה, ווען איר טאַטע איז אין שול...

ריכטיק, ריכטיק, וועגן דעם האָט זי טאַקע געשריבן. זי האָט געוואָלט שרייבן אַ סך וועגן איר מאַמען, ווי אַזוי זי גייט אין פאַבריק, ווען עס איז נאָך טונקל, ווי אַזוי זי קומט אין אָוונט און שטעלט זיך גיך־גיך קאָכן אויפן דרייפוס אין קיכל, ווי זי קאָכט גריץ מיט בולבעס; זי האָט געוואָלט שרייבן וואָס זי האָט צו זאָרגן פאַר די קינדער, און דאָ איז עמיצער קראַנק, און דאָ דאַרף מען רופן אַ דאָקטער, און דאָ קומט צו לויפן די מאַמע פריטיק פאַרנאַכט פון פאַבריק, און זי דאַרף נאָך קאָכן פיש, און מען דאַרף נאָך אוועקטראָגן דעם טשאָלנט צום בעקער, און מען דאַרף נאָך אויסצוואַגן די קעפּ, און מען דאַרף נאָך אויפראַמען אין שטוב, און דער טאַטע שרייט, מען זאָל אים געבן אַ ריינע העמד... זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין צייט וועגן דעם אַלעמען צו שרייבן, האָט זי אָנגעהויבן נאָר שרייבן וועגן דעם, ווי אַזוי די מאַמע זיצט ביים פענצטער שבת פאַרנאַכט, ביז מען צינדט ליכט, זאָגט „גאָט פון אברהם״ און זינגט.

די זון פאַרגייט אין אונדזערע פענצטער. עס ווערט טונקעלער. קיין ליכט טאָר מען נאָך ניט אָנצינדן. די מאַמע זוכט דורך דער שויב די ערשטע שטערן אין הימל. אַז מען זעט נאָך ניט קיין שטערן, זיצט זי און זינגט:

ירושלים וועט נאָך גלאַנצן
מיט בלומען און מיט קראַנצן.

אַזוי לייענט פאַר די לערערין. די קינדער הערן און שמייכלען, און אסתרן וואָלט זיך וועלן באַגראָבן פון חרפּה. צו וואָס האָט זי גאָר דאָס געשריבן? דערצו איז דאָך איר אַזוי שווער געווען צו שרייבן דאָס אַלץ אויף רוסיש, ווייל איר מאַמע רעדט יידיש און זינגט יידיש. האָט זי גאָר געשריבן די יידישע ווערטער פון ליד מיט רוסישע בוכשטאַבן און די לערערין מאַטערט זיך:

יערוזאַלעם וועט נאָך גלאַנצן...
קראַנצן...

און זי פרעגט די גימנאַזיסטקעס:

— ווייסט איר וואָס דאָס איז? גלאַנצן?... קראַנצן?... יאָ, אַלע ווייסן.

אסתרס קאָפּ גייט כאַדאָראָם. פאַרוואָס לייענט די לערערין אַזוי פיל פון איר פּאַפּיר? — זאָל שוין זיין גענוג. אָבער ניין, זי לייענט ווייטער:

— „אַז מיין מאַמע זינגט, ווערט זייער געשמאַק און דאָך נאָגנדיק, זינגט זי אַזוי:

אוי, הערט אויסעט, איר ליבע מענטשן,
וואָס האָט זיך אין ביאַליסטאָק פּאַסירט,
עס איז אַריינגעקומען אַ שיינער יינגעלע, ווענלוועלע
און ער האָט זיך אין דער שיינער דבורהלען פאַרליבט...“

צעלאַכט זיך דער גאַנצער קלאַס, שיסט אַרויס אַ געשריי:

— זי האָט געשריבן אויף זשאַרגאָן...

אסתר ווייסט ניט ווו זיך אַהין צו טאָן. די מיידלעך לאַכן פון איר. זי האָט גאָר געשריבן יידישע ווערטער מיט גוייִשע בוכשטאַבן. צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן!...

ערשט עס שניידן זיך אַריין אין איר די ווערטער פון דער לערערין:

— אסתר לאַפּידעס, דו האָסט אָנגעשריבן אַ גוטע אַרבעט, אַ זייער גוטע, נעם עס צו זיך, וועסט עס ענדיקן...

און נאָך עפּעס:

— דו באַקומסט אַ פינף!...

אין קלאַס איז דעמאָלט געוואָרן זייער שטיל. די לעקציע האָט זיך געענדיקט. ווען אַלע קינדער זענען אַרויס פון קלאַס־צימער, זענען אין אסתרס אויגן געשטאַנען גרויסע טרערן.

— פאַרוואָס וויינסטו, מיידל? — האָט איר געפרעגט די לערערין, זייענדיק מיט איר אַליין אין קלאַס — דו האָסט פיין געשריבן, זייער פיין. פאַרוואָסזשע שטייען דיר טרערן אין די אויגן?

— צוליב מיין מאַמען...

— וואָס צוליב דיין מאַמען?

— איך ווייס נישט, לערערין, נאָר צוליב מיין מאַמען...

וועגן דעם אַלעמען האָט אין שטוב קיינער ניט געוווּסט.

אסתר האָט קיינעם נישט דערציילט, אפילו נישט איר שוועסטער צלובהן ביי־נאַכט אין טאַפּטשאַן. זי האָט זיך געשעמט.

## דריטער קאַפּיטל

# אין גבֿירישן הויז

די לערערין האָט אַריינגערופֿן אין לערער־צימער איר שילערין אסתּר, וואָס איז שוין דאָס דריטע יאָר אין גימנאַזיע, איר געוויזן זיך צו זעצן ביים טיש קעגנאיבער איר. אין גרויסן לער־ער־צימער זענען געווען נאָר זיי ביידע.

— ווילסט זיין אַ לערערין? — האָט די לערערין פֿון מאַטעמאַטיק, סאָפֿיאַ לעאָנידאָוונאַ קאַגאַן מיטן בלאָנדן קאָפּ און גרויסע ברוינע אויגן, פּלוצלונג געפֿרעגט אסתּר לאַפּידעס. אסתּר האָט זיך פֿאַרוווּנדערט. זי האָט נישט געוווּסט, פֿאַרוואָס די לערערין סאָפֿיאַ פֿרעגט איר אַזאַ מאָדנע פֿראַגע. ווי קומט זי צו זיין אַ לערערין? זי האָט נישט געענטפֿערט.

— פֿארוואָס שווייגסטו? — האָט גערעדט ווייטער די לערערין, ווי מען רעדט צו א גרויסן מענטשן.

— זאָל מיר די לערערין סאָפֿיא לעאָנידאָווא זאָגן בעסער, ווייל איך פֿארשטיי נישט.

האָט איר די לערערין סאָפֿיא, אין די גילדענע פּענסנע אויפֿן לאנגן, שמאָלן נאָז, מיט דער הייזעריקלעכער שטימע, אזוי געזאָגט:

— ווייסט דאָך, אז עס זענען דאָ שילערינס, וועלכע מען דארף צוהעלפֿן מאכן די לעקציעס... ווילסטו דאָס טאָן? מען וועט דיר באצאָלן פֿינף רובל א חודש... פֿאַרשטייסטו שוין?

איצט האָט אסתּר לאַפּידעס פֿארשטאנען. יאָ, זי וויל. זי ווייס ניט, צי זי וועט קענען, אָבער זי וועט פּרווון. פֿינף רובל א חודש איז א סך געלט. איר שוועסטער צלובה וועט מער ניט דארפֿן צאָלן פֿאר איר שכר־לימוד. פֿון פֿינף אראָפּנעמען דריי איז — צוויי, וועט איר נאָך בלייבן געלט אויף ביכער און העפֿטן.

— גוט... — האָט זי געזאָגט און געפֿרעגט — מיט וועמען?

— עס זענען דאָ איניקע שילערינס, וואָס דאַרפֿן צוהעלפֿעריגס. ווען דו

וואָלסט געהאַט גענוג צייט, וואָלט איך דיר געגעבן צוויי שילערינס, וואָלסטו מיט זיי געמאַכט די „אוראָקן" צוזאַמען, אָדער מיט יעדערער באַזונדער. אפשר איז צוויי צופיל פאַר אָן אָנהויב. איך ווייס, אַז די פּאָר רובל וועלן דיר גוט צוניץ קומען. מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ האָט מיר וועגן דיר דערציילט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דו קומסט צו איר אַריין און לייענסט פאַר איר. נו, יאָ, ווילסטו דערווייל לערנען מיט ליזע פרידענבערג פון דריטן קלאַס.

— מיט ליזען? — האָט איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט אסתר לאַפּידעס.

— דו וווּנדערסט זיך. זי געפעלט דיר ניט?

— ניט דאָס... — האָט געזאָגט אסתר — אָבער מיר לערנען דאָך אין איין קלאַס. איך האָב געמיינט מיט אַ ייִנגערער, מיט אַ שילערין פון אַ קלענערן קלאַס. זי איז שוין אַ גרויסע... און עלטערע.

— עס מאַכט נישט אויס — האָט סאָפיאַ לעאָנידאָווגאַ געזאָגט — וואָס זי איז אַביסל עלטער פון דיר. דאָס וואָס איר לערנט ביידע אין איין קלאַס איז גלייכער. איר וועט מאַכן צוזאַמען די „אוראָקן", וועסט דאַרפן איר געבן צו פאַרשטיין, אַרויסהעלפן.

— וויל זי, ליזע, מיט מיר?

ליזע איז געווען אַ פולע, איבערגעוואַקסענע מיידל, אַ רייפע. זי האָט זיך שוין גאָרניט געפּאַסט אין פערטן קלאַס. מען האָט איר געזען מיט ייִנגלעך פון רעאַל־שול, וואָס האָבן געוואַרט אויף איר ביים אַרויסגאַנג פון גימנאַזיע. אירע עלטערן זענען „די פרידענבערגס". זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע פאַבריק ניט ווייט פון דער גימנאַזיע, אויף יוראָווצער גאַס, ביים ראַנד פון ביאַליסטאָטשעק, דאָרט וווּ עס לויפט פאַרביי די פּאָלעסער באַן. ליזעס מאַמע איז געווען אַ הויכע און אַ דיקע, טראָגט שטענדיק אַ סך צירונג אויף זיך, היט פון אויסלאַנד, וואָס איר מאַן שמריה פרידענבערג פלעגט איר ברענגען. זי איז געווען אַ גבירנטע — אַפילו אין קאַרגן שמייכעלע, אין די קנייטשעלעך אַרום מויל, אַזוי ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן צו זיין מאַדאַם פראַניע פרידענבערג. אַז זי איז געפאָרן פון דייטשער גאַס, פון איר שוועסטער ראַשל בראַמבערג, צו זיך אַהיים, צום ווייסן, צוויי־שטאָ־קיקן הויז מיט די גרויסע טירן און פיר ברייטע שטיגן, האָט מען געזען אויף דער ניקאָלייעווסקער און יוראָווצער גאַס, אַז עס פאָרט די גבירנטע מאַדאַם פרידענבערג.

עס פלעגט טרעפן, אַז די גימנאַזיסטקעס פלעגן גיין פון גימנאַזיע אַהיים, פלעגט מאַדאַם פראַניע פרידענבערג בלייבן שטיין און וואַרטן, אויסקוקן איר בת־יחידה, וואָס האָט געדאַרפט זיין אין אירע אויגן די בעסטע, שענסטע און פעיִקסטע גימנאַזיסטקע פון אַלע. זי פלעגט איר דערזען און אַרויסשרייען פון דראָשקע אויף רוסיש:

— ליזעטשקע, קום אהער...

איר טאָכטער פלעגט גיין צו דער מאַמעס דראָשקע מיט דער מאַמעס גאַנג.

וואָס איז געווען שולדיק „ליזעטשקע", וואָס זי האָט ניט געקענט צופרידנ־שטעלן מיט אירע פעיִקייטן איר מאַמען? — זי איז ניט שולדיק, וואָס זי איז גע־

בוירן געוואָרן מיט א גראָבן קעפל, די תורה האָט ניט געקענט אהין אריינקריכן, זי פלעגט זיך ניט קענען אריבערשלעפן פון קלאַס צו קלאַס. זי איז טאַקע סיי אין ערשטן און סיי אין צווייטן קלאַס געבליבן זיצן אַן איבעריק יאָר. מאַדאַם פראַניע פרידענבערג האָט געמוזט אָנשטעלן ווי רעפּעטיטערס פאַר איר טאָכטער לערערס פון דער זעלבער גימנאַזיע און דער טאַטע שמריה פרידענבערג מיטן היפּשן בייכל פלעגט נאָך די עקזאַמענעס דארפן איינצאָלן פּופּציק רובל, וואָס ער פלעגט בכיוון אויסצאָלן מיט זילבערנע איינציקע רובלס, זיי ציילן לאַנגזאַם, אָפּלייגנדיק באַזונדער יעדן רובל, און זאָגן דערביי איינמאָל און נאָכאַמאָל:

— טשטאָ?... נאַפּראַסנאַ?... אומזיסט! האָב... אַרויסגעוואָרפן געלט?... דריי און צוואַנציק, פיר און צוואַנציק, פינף און צוואַנציק...

בלייבן שטיין אין מיטן ציילן, זיך אָפּרוען און ווידער זאָגן:

— טשטאָ?... נאַפּראַסנאַ?... אומזיסט?... אַרויסגעוואָרפן געלט?.. זעקס און צוואַנציק, זיבן און צוואַנציק...

דאָס פאָרן מיט דער דראָשקע פון דער גראָביטשקער, קורץ־נעזלדיקער ליזע פרידענבערג צוזאַמען מיט איר מאַמען אהיים, וואָס איז געווען אָט־אָט הונדערט טריט, האָט אויסגעזען אסתרן זייער משונהדיק. זי ווייסט ניט צוליב וואָס מען דאַרף דאָס? אויף דראָשקעס גאָר! סיידן ביי די גבירים פירט זיך אזוי .

אסתר האָט געהאַט ווייט צו גיין. זי האָט געדאַרפט דורכגיין די ניקאָלייעווסקי גאַס, פון דאָרט — דעם לאַנגן זעלמאַנס דורכגאַנג־הויף און אַרויפקומען אויף סענדער מירטשעס גאַס, פון דער גאַס אויף דער סאַדאָווער, פון דאָרט צו אַנגערס גאַס. און אז מען קומט אהיים, דאַרף מען זוכן אין קעמערל עפּעס צו עסן — די מאַמע לאָזט איבער א פּעניצל ברויט, א שטיקל הערינג, אמאָל געפינט זי אויך אַן עפּל. קעגנאַיבער זייער שטוב איז געווען אַ באַרג און אויפן באַרג פלעגט זיך פּאַשען זייער ציג. זיי האָבן געהאַט שטענדיק א ציג אין שטאַל. פלעגט וועסנע־צייט, און אפילו אָסיען־צייט, אסתר זיצן אויפן באַרג, לערנען פון א ביכל און זייער ציג פלעגט זיך אַרום איר אַרומדרייען. די ציג איז געווען א בן־בית. די מאַמע פלעגט זינגען אַ ליד וועגן אַ ציג פון אַ צדיק, וואָס פלעגט אַלע טאָג אַוועק־לויפן צום באַרג פון בית־המקדש, קומען צוריק צו לויפן און געבן דעם צדיק דריי טעפּ מילך... פלעגט אסתר לערנען פון ביכל אויף אויסנווייניק, פאַר דער גימנאַ־זיע און עס זאָגן אזוי ווי פאַר דער ציג, וואָס פלעגט שטיין, קוקן אויף איר מיט אירע גרויסע ציגענע אויגן און שווייגן. די ציג האָט געהערט, אז אסתר קען.

— ווייסט — פלעגט זי זאָגן צו דער ציג — ביי די גבירים פאָרט מען אויף דראָשקעס; ווען דו וואָלסט איינגעשטאַנען ביי אַ גביר, וואָלט מען דיך אויך גע־פירט אויף א דראָשקע...

און אפשר — ווער ווייסט? — אפשר וואָלט א גבירנטע, א מאַדאַם פראַניע פרידענבערג, ניט געהאַט קיין קאָפּ צו דיר, וואָלט דיך אוועקגעפירט צו א שוחט און נאָכדעם דיך אָפּגעקאָכט?...

— אָבער מאַשע, מיין מאַמע, די שנעלערקע, האָדעוועט דיך, גיט דיר עסן, גיט דיר א שטאָל דיר זאָל זיין וואַרים אין דער נאַכט, און דו גיסט איר מילך, אָבער זייער וויניק, וואָלסט געמעגט געבן נאָך א גלאָז מילך. מיין מאַמע זאָגט, אז ציגענע מילך אין זייער געזונט. צלובה איז ניט גענוג געזונט. די מאַמע וויל איר אָנוועקגעבן די גאַנצע מילך, ווען עס איז דאָ זייער וויניק!... ווו ווילסטו, ציג, איינשטיין, ביי מיין מאַמע מאַשע אָדער ביי מאַדאַם פראַניע?...

ווען די ציג וואָלט קענען, וואָלט זי געשמייכלט פון דער קינדערשער פראַגע. זי איז א היגע. זי איז מאַשע דער שנעלערקעס און לייבע דעם בלעכערס. זי איז א היימישע. זי לויפט נישט אוועק פון איר היים. איר מאַמע איז אויך דאָ איינגע־שטאַנען, אין זעלבן לייבעס שטאַל. זי האָט אליין געזען ווי מאַשע לייבעס האָט געמאָלקן איר מאַמען, אזוי ווי זי מעלקט איצט איר.

עס איז ניטאָ וואָס צו הערן דער נארישער גימנאַזיסטקע. זי וועט בעסער א שפרונג טאָן נאָך א ביסל גראָז פון אנגערס באַרג.

היינט אָבער האָט אסתר וואָס צו דערציילן. זי ווערט אַ לערערקע. זי וועט לערנען מיט ליזע פרידענבערג. זיט וועט פאַרדינען פינף רובל א חודש. אפשר וועט זי נאָך נעמען נאָך א שילערין און וועט פאַרדינען נאָך פינף רובל א חודש. צוזאַמען וועט זי פאַרדינען צען רובל א חודש.

אסתר איז א פאַרדינערין!...

אין גימנאַזיע וועט זי אַליין צאָלן. זי וועט מער נישט נעמען דריי רובל ביי איר שוועסטער צלובה, וואָס ארבעט פאַר איר. צלובה דאַרף האָבן די דריי רובל פאַר זיך. דאָס איבעריקע וועט זי ברענגען אין שטוב אריין און אָפּגעבן דער מאַמען. קיינער וועט אויף איר ניט שרייען, אז זי עסט אויף די עפּל!...

די לערערין סאָפיאַ לעאָנידאָוונאַ האָט מיטגעגעבן ליזע פרידענבערגן אַ בריוול, אין א פּאַרמאַכטן קאָנווערט, פאַר איר מאַמען פראַניע:

„איך רעקאָמענדיר אייך פאַר אַ רעפעטיטאָרין צו אייער טאָכטער ליזע די גימנאַזיסטקע אסתר לאַפּידעס. זי איז די בעסטע שילערין אין קלאַס. זעט, אַז אייער טאָכטער זאָל זיך פלייסיק לערנען. דאָס איז דער ריכטיקסטער אויסוואל וואָס איך האָב געקענט מאַכן".

צו ליזען האָט די לערערין סאָפיא אזוי געזאָגט:

— דו דאַרפסט ניט קיין לערער, קיין רעפעטיטאָר, אז דו זאָלסט נאָר וועלן, דאַרפסטו קיינעם ניט, ועסט מאַכן די לעקציעס און אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. א ביסל צייט וועסטו לערנען צוזאַמען מיט אסתר לאַפּידעס. זי וועט קומען צו דיר און איר וועט מאַכן צוזאַמען די לעקציעס. איר זייט צוויי „קאָלעזשאַנקעס" און איר וועט דאָס גוט מאַכן.

אסתר לאַפּידעס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין א שטוב פון א גביר. זי האָט געוווּסט ווו גבירים וווינען. ערב פסח, ווען איר טאַטע לייבע דער בלעכער ווייסט די פענדלעך לכבוד פסח אויפן פייער מיט זאַלץ־זויער און צין, ווישט זיי אויס אויפן הייסן, ברענענדיקן פלאַם מיט פאַקולעס, גיט מען איר אָפּטראָגן א ביסל

אייסגעווייסטע כלים אין גבירישע הייזער. דארף זי נאָר אריינטראָגן אין קיך, אָפּגעבן דער דינסט און ווארטן אויף פּופּצן קאָפּיקעס פאר א פענדל, פאר א סאגאן, פאר א קופּערנעם טעפּל. זי איז אָבער נאָך קיינמאָל ניט געווען אינעווייניק אין שטוב, אין די צימערן, קאמערן און סאלעס פון א גביר.

אויף דער טיר איז אָנגעקלאַפּט א מעשענע ברעטל: „שמריה פרידענבערג“. רוסישע בוכשטאַבן. מען קען נישט אַריינגיין, ווייל די טיר איז פאַרשלאָסן און מען מוז קלינגען. אַז מען איז פון דער זייט טיר, הערט מען ווי דאָרטן, אויף יענער זייט טיר, קלינגט און נאָכדעם — טריט, מען גייט. עפנט מען ניט פון דאָרטן גלייך די טיר. מען עפנט נאָר א שפּארונע, די טיר איז פארצאַמט מיט א קייטל. פון יענער זייט טיר רעדט אַ גויע:

— ווער איז דאָס?

— אסתר לאפּידעס.

— וועמען דארפסטו?

— ליזען...

שרייט די דינסט אין ווייסן פארטוך אין די צימערן אריין:

— ליזע, ליזע, מען פרעגט זיך אויף אייך...

— ווער?

— א מיידל.

— לאָז זי אַריין.

דעמאָלט עפנט זיך די טיר און אסתר קומט אריין אין קאָרידאָר פון גבירישן הויז. אַ שמאָלער קאָרידאָר, די ווענט זענען געקלעפּט. עס הענגט אַ בילד פון א וואלד, א יעגער און א הונט. עס שטייט א לאנגער שפּיגל, ער פארנעמט די הייך פון דער וואנט. פון ביידע זייטן שפּיגל זענען הערנער פון הירשן. אויף די הערנער הענגען מאנטלען. פון קאָרידאָר קומט מען אריין אין א גרויסן צימער מיט גרויסע פענצטער. ניטאָ אין דעם צימער קיין בעט, ניטאָ קיין טיש, עס שטייען נאָר פּלושענע שטולן, צוויי קאנאפּעס, קליינע טישלעך און א גרויסע, שווארצע, פארמאכטע פּיאנע. אויף איינעם פון די גרויסע פּלושענע שטולן ליגט א קאץ.

אין דעם גרויסן צימער זענען דריי טירן. מען קען גיין רעכטס, לינקס און אויף מיטן. ליזע פירט אסתרן רעכטס, מען קומט אריין אין א צימער, וואָס אסתר ווייסט ניט וואָס איז דאָס פאר א מין. ער איז פול מיט בילדער און צאַצקעס — פאָרצעלייענע צאַצקעס אויף טישלעך, פּאָליצקעס, אויפן מיטלסטן געזימש פון אויוון. ביי דער וואנט שטייט עפּעס אזא זאך, וואָס איז סיי א טישל און סיי א שפּיגל, ביי אים — אויסגעבעטע, נידעריקע שטילכלעך, אויף אים — פלעשעלעך, פלעשער, סלאָיקעס, פלעשלעך מיט גומענע שפּריצקעס. ביים איינציקן פענצטער פון צימער שטייען אין הילצערנע פעסלעך גרויסע וואַזאָנעס. אַביסל אָפּגערוקט פון זיי — אַ בלויע קושעטקע, אויף וועלכער עס ליגט אַ פונאַנדערגעבונדענע, אַ

פונאַנדערגעשפּילעטע ליזעס מאַמע — פראַניע פרידענבערג. זי זעט גאָר אויס אַנדערש ווי אויף דער דראָשקע.

גייט מען דורך נאָך אַ צימער און פון יענעם קומט מען אַריין אין אַ גרויסן צימער, אין וועלכן עס שטייט אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, אַ קליינער טיש, ביי דער וואַנט — אַ פּאָליצע מיט ביכער, אַ שאַפע מיט קליידלעך.

— דאָס איז מיין צימער... — בלייבט דאָ שטיין ליזע און זאָגט צו אסתרן — דאָ וועלן מיר מאכן די „אוראָקן״.

אזוי איז ביי אַ גביר, אזוי איז ביי די פרידענבערגס. זייער טאָכטער ליזע האָט אַ צימער וואָס הייסט „מיין צימער״. דאָ, אין דעם צימער, וואָלטן געקענט וווינען פינף מענטשן.

אסתר איז געגאַנגען אומזיכער, אזוי ווי אויף די שפּיץ פינגער. דאָ איז אַלץ אַנדערש. זי ווייסט, אַז דאָרט ווייטער זענען דאָ נאָך צימערן, מיט דעם ענדיקט זיך ניט. זי וועט אָבער מער ניט גיין קוקן. עס איז גענוג פאַר איר. זי האָט זיך געזעצט ביים טיש און זיך גענומען צו די ביכער און העפטן.

— מיר דאַרפן מאכן די לעקציעס צוזאַמען... — האָט אסתר געזאָגט.

קיינער האָט איר ניט געלערנט, ווי אזוי מען דאַרף זיין אַ לערערין מיט אַ מיידל, וואָס איז גרעסער און עלטער פאַר איר, וואָס האָט גאָרניט קיין חשק צו לערנען.

ליזע פרידענבערג האָט ניט געכאַפּט זיך לערנען. עס האָט אָבער איר ניט געפּאַסט פאַר דער קלענערער און יינגערער אסתר. זי האָט נאָכגעגעבן, זיך געלאָזט אַריינציען דורך דער יינגערער אסתר.

זיי האָבן זיך פאַמעלעך צוגעוווינט איינע צו די אַנדערע. ליזען איז געפעלן געוואָרן די שוואַרצינקע, ברוין־פּנימדיקע אסתר מיט די גרויסע קיילעכדיקע אויגן, און זי פלעגט צווישן לערנען אויסדערציילן פאַר איר, באַרימעריש, אירע ליבענישן מיט יינגלעך.

— אָט וועל איך דיר לייענען דעם בריוו, וואָס עס האָט מיר געשריבן גרישאַ, דער פון דער רעאַל־שול, גרישאַ זאַבלודאָווסקי... ער איז אַ שיינער בחור. ער האָט מיך ליב. זייער ליב. ער איז געשמאַק.

— אָט איז זיין פאָטאָגראַפיע...

זי האָט מורא מיט אים צוזאַמען זיך פאָטאָגראַפירן צוליב איר מאַמען.

— מיין מאַמע מיינט, אַז איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע אין מייטקעס... — טוט זי אַ זאָג ווי אַ שלינג אַריין. — אַז ער קושט מיך, פאַרדרייט זיך דער קאָפּ.

ער האָט איר געזאָגט, אַז זי מוז זיין די כלה זיינע, זי וועט זיין אַ ווייב צו אים — אַ ווייב!... ער האָט איר אַרומגענומען און געקושט, געקושט. זי האָט אים אויך געקושט. עס ווערט הייס, עס ווערט ענג אין ברוסט... ס'איז גוט...

— און דיך, אסתר, האָט עמיצער ליב?...

אסתר ווערט רויט פון דעם. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אזוי פירט מען זיך, מסתמא, ביי די גבירים.

— לאָמיר מאכן בעסער די אוראָקן...

געפירט האָט זיך אסתר אזוי: זי האָט אָנגעהויבן מאכן אירע אייגענע אוראָקן און געזאָגט אין דער הויך וואָס זי טוט און פאַרוואָס. זי האָט געזאָגט ליזען, אַז זי זאָל אויך טאָן אַזוי. האָט ליזע נישט גוט פאַרשטאַנען, האָט אסתר איר דער־קלערט. האָט זי ניט געקענט אָנשרייבן, האָט זי איר געזאָגט, ווי אזוי זי זאָל שרייבן. פלעגט ליזע שנעל מיד ווערן פון דער תורה, פלעגט זי טאָן א רוק אָפּ די ביכלעך מיט די העפטן, ארויפלייגן אירע פּוכקע הענט אויף אסתרס העפטן, זי זאָל גאָרניט טאָן נאָר איר הערן:

— זיי ווילן דיך נאָר ליב האָבן, נאָר ארומנעמען, נאָר אומווארפן, אוועקלייגן...

זי דערציילט מיט טעם, מיט א פייכטקייט אין מויל, מיט יצר הרעדיקע אויגן:

— זיי ווילן זיך נאָר צוטוליען, דריקן צו זיך. זיי שטופּן נאָר די הענט צום נאַקעטן לייב.

— הער אויף, ס'איז ניט שיין... — רייסט איבער אסתר.

— דו ביסט א נאַר, דו ווייסט ניט... דאָס איז געשמאַק... איך טרייב זיי אָבער אוועק... איך רייץ זיך מיט זיי...

— מען דאַרף אָבער מאכן די געאָמעטריע... דריי־קאַנט, קרייז, צענטער...

— וואַרט א ווײַלע, עס ברענט ניט...

זי מוז אָבער פּאָלגן דער קלענערער פון זיך אסתר, איר לערערקע, מער ניט די געאָמעטריע וויל ניט קריכן אין קאָפּ אריין. עס גערדויערט איידער זי הויבט דאָס אָן צו פאַרשטיין. אסתרקע לייגט איר אַריין אין קאָפּ מיט פּראָסטע ווערטער. און אָט פארשטייט זי, אָט כאַפּט זי אָן דעם פאָדים, ווערט דאָס גרינגער.

— אסתר, דו האָסט א מאַנסבילשן קאָפּ...

אזוי איז געווען איין טאָג, א צווייטער טאָג, א וואָך, א צווייטע וואָך. אסתרס לערערײַ איז ניט געווען ארויסגעוואָרפן. ליזע האָט זיך דאָך גערוקט פאָרויס. אין קלאַס האָט שוין ליזע עטלעכע מאָל געענטפערט אויף די פראַגעס פון דער לערע־רין, און — ניט שלעכט.

— ווי גייט דאָס דיין לערנען מיט ליזע פרידענבערג? — פלעגט די לערערין סאָפיא פרעגן אסתרן.

— ניט שלעכט... — האָט אסתר געענטפערט.

— איך מערק עס אויך... — האָט געזאָגט די לערערין.

ליזעס מאַמע, פראַניע פרידענבערג, פלעגט ליב האָבן אונטערצוהערן הינטער דער טיר די לערע, וואָס עס קומט פאָר ביי איר טאָכטער אין צימער. עס איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט מקנא געווען דער קלענערער און דראָבנער אסתר, וואָס אנטקעגן איר איז דאָך איר טאָכטער א גאַנצע פרײַלין, א כלה־מויד. זי האָט דאָס אייניקע מאָל ביי מיטיק דערציילט איר מאַן, שמריה פרידענבערג:

— זיי לערנען גאַנץ גוט...

שמריה פרידענבערג האָט אָבער געהאַט זיין שטענדיקע טענה: „ארויסגע־

וואָרפּענע געלט״. מער ניט דאָס ווייב זיינס זאָגט, אַז זיין טאָכטער בעסערט זיך אין לערנען, זאָלן גיין פּאַרפּאַלן זיינע פינף רובל א חודש, מילא.

פראַניע פרידענבערג האָט אָבער דערהערט דורך דער טיר די מעשיות, וואָס איר טאָכטער דערציילט איר קלענער לערערין אסתר לאַפּידעס וועגן דעם גימ־נאַזיסט גרישע זאַבלודאָווסקי, וואָס האָט איר ליב און קושט איר.

זי וואָלט אריין און צופּאַטשט איר טאָכטער אויפן שטעל. עס פּאַסט אָבער ניט פאַרן פרעמדן מיידל.

— אַ טריפענער פּיסק... מען דאַרף איר חתונה מאַכן!...

אַן אַנדערש מאָל הערט זי ווי איר טאָכטער רעדט מיט זאַפט, מיט א פולן מויל:

— זיי נעמען ארום און קושן שטאַרק, קושן אין מויל אריין... בייסן איין די ליפּן... לאָזן ניט אָפּ...

מאדאם פראַניע פרידענבערג האָט געעפנט ראַש די טיר און אריין צו איר טאָכטער אין צימער. זי האָט ניט געקענט זיך באַהערשן. זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר דורכגעגאַנגען מיט שטומען געשריי דעם צימער, א קוק געטאָן אויף ביידע מיידלעך, געבליבן שטיין ביים קאַלטן אויוון און געזאָגט צום סוף מיט א געבײ־זער:

— פיין... פיין...

— א שיינער לערנען...

די בת יחידה ליזע האָט געענטפערט דער מאַמען מיט א חוצפּה, וואָס אסתר האָט זיך דאָס גאָרניט געקענט פאָרשטעלן:

— שטער אונדז ניט, מאַמאַ, לאָז אונדז צורו, מיר לערנען.

די מאַמע האָט זיך אָפּגעריסן פון אויוון און א זאָג געטאָן מיט כעס:

— אויס מיט אזא לערנען!...

זי איז ארויס פון צימער און צוגעקלאַפּט מיט דער טיר.

ליזע האָט זיך צעלאַכט, הויך געלאַכט, און דערביי געזאָגט שטיל אסתרן:

— זיי ווילן נאָר, אַז די טעכטער זאָלן זיין צנועות... זאָלן זיי בעסער זאָרגן פאַר זיך...

— אסתר האָט דאָס שווער פאַרשטאַנען. וואָס מיינט זי צו זאָגן וועגן איר מאַמען?... מסתמא איז אזוי ביי די גבירים. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דער „אוראָק״ גייט באַלד פאַרלאָרן. דאָס איז שלעכט, זייער שלעכט.

עס האָבן זיך אָוועקגעצויגן נאָכדעם עטלעכע טעג. אָבער איינמאָל, ווען אסתר איז געקומען צו דער לעקציע, איז געווען ליזעס טאַטע ,שמריה פרידענבערג, אין שטוב. אסתר האָט דערשמעקט, אַז עפּעס איז היינט ניט גלאַט. עפּעס גרייט זיך. ליזע איז אויך געווען צעדרודערט.

— וואָס איז, ליזע?... — האָט זי געפרעגט איר גרויסע שילערין.

— גאָרניט... איך זאָג דיר גאָרניט...

— דאָך... וואָס איז עפּעס דאָ דיין טאַטע? זיין קוקן אויף מיר איז מיר ניט געפעלן.

— אויב זיי וועלן עפּעס טאָן, וועל איך אוועק פון שטוב... — האָט ליזע געזאָגט.

— וווהין וועסטו גיין?

— אלץ איינס ווו. איך וועל גיין.

אסתר האָט זיך געזעצט אויף איר אָרט ביים טיש:

— לאָמיר מאכן די לעקציעס...

— עס קריכט מיר ניט אין קאָפּ...

דער פּאפּא איז אריין צו זיין טאָכטער אין צימער. עס קומט אָן א זאווערוכע. די מאמא איז אויך אונטערגעקומען. וואָסי?

— איך וואָלט וועלן וויסן, ווער דו ביזט, ווער איז דיין טאטע?... — האָט שמריה פרידענבערג פּלוצלונג געפרעגט אסתרן.

— מיין טאטע, וואָס עפּעס? מיין טאטע איז א ייִד, א שיינער ייִד... — האָט אסתר געענטפערט מיט אן אומגעריכטער פארביסנקייט. עס האָט איר פארדראָסן דער אופן, ווי מען האָט איר געפרעגט וועגן איר טאטן. וואָס האָבן זיי צו אים?...

— אָבער ווי רופט מען דעם שיינעם ייִדן, דיין טאטן?

אָנשטאָט אָנצורופן איר טאטנס נאָמען, האָט זיך אסתר אויפגעהויבן פון איר אָרט און צוריק געפרעגט טראָציק:

— אפשר מעג איך וויסן, צו וואָס איר דארפט דאָס אזוי וויסן מיין טאטנס נאָמען?

— דו האָסט מורא צו זאָגן? מסתמא איז דאָס ריכטיק וואָס איך האָב געהערט וועגן דער לערערקע פון מיין טאָכטער.

— איר האָט גאָרניט געקענט הערן... — האָט פּלוצלונג אסתר געזאָגט ווי א גרויסע און באליידיקטע — איך האלט ניט קיין סוד וועגן מיין טאטן... עס געפעלט מיר נאָר נישט ווי איר פרעגט מיך... מיין טאַטע הייסט לייבע, זיין פאַמיליע־נאָמען איז לאפּידעס... איז דאָס געננוג?...

— אָבער וואָס טוט ער, דיין טאטע?...

— ער איז א בלעכער.

דעמאָלט האָט שמריה פרידענבערג זיך א קער געטאָן צו זיין ווייב:

— שטימט דאָך דאָס!... לייבקע דעם בלעכערס טעכטערל לערנט מיט דיין בת־יחידה, מיט שמריה פרידענבערגס טאָכטער!... פיין דערלעבט!... און צאָל נאָך איר פינף רובל אַ חודש... אַרויסגעוואָרפענע געלט... זי לערנט דאָס אויס דיין טאָכטער אלע שיינע מידות פון די גראָבע יונגען, פון די באלמעלאָכישע מוידן. זי וועט נאָך איר אין טורמע אויך פארשלעפּן!... וועסט נאָך זען!...

ער האָט שוין ניט גערעדט, נאָר געשריען:

— לייבקע דעם בלעכערס טעכטערל איז דיין טאָכטערס לערערין!... די גימנאזיעס זענען נעסטן פון אויסוואורפן!... איך דארף ניט קיין גימנאזיעס!.. גענוג!...

אסתר האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים מיט אַ באַזונדער דערוואַקסנקייט און געזאָגט:

— לייבקע דער בלעכער איז אזא שיינער ייד ווי איר, און זיין טעכטערל איז אזא פיין מיידל ווי אייער טאָכטער...

— נו, אָט זעסטו... זעסטו, אז איך בין גערעכט... איך דארף ניט די גימנאזיעס מיט דער הולטייסטוואָ... מיט דער חוצפה... נא, נעם דאָס געלט, ארויסגעוואָרפענע געלט, און טראָג זיך שוין אָפּ, געגאנגען!... פאַשאָל!...

אין דער רגע האָט ליזע, וואָס האָט די גאנצע צייט געשוויגן, א כאַפּ געטאָן פון טיש דעם טינטער און אים געטאָן א שליידער אין שפיגל. זי האָט א נעם געטאָן איר מאנטל אויף זיך און געזאָגט צו אסתרן:

— קום, לאָמיר גיין...

אסתר האָט איר אָפּגעהאַלטן:

— איך גיי צו מיין טאטן, לייבע דער בלעכער, און דו קום דורך מיט דיין טאטן און מאמען... צו דיר וועלן זיי ניט זאָגן „פאַשאָל"... איך וועל גיין אליין...

שמריה פרידענבערגס „פאַשאָל" האָט לאנג אָפּגעקלונגען אין אסתרס נפש. ער האָט זי אין זיך פארשטייפּט. זי איז אראָפּ פון די רויטע גבירישע טרעפּ לאנג־זאַם, אַרויס אין דרויסן, געקוקט אויף דער ברייטער ניקאָלייעווסקער גאַס ווי אַ גאַנצער מענטש, געקוקט מיט גרויסע און הייסע אויגן.

— „פאַשאָל"... — האָט זיך אַליין איבערגעחזרט אין איר.

זי האָט בשעת מעשה ניט געוווסט, אז זי איז טיף פארוווּנדעט געוואָרן.

— „פאשאָל", לייבע דעם בלעכערס טאָכטער.

## פערטער קאַפּיטל

# חשבונות

אסתר האָט פון די „אוראָקן" פאַרדינט נישט נאָר אויף צו צאָלן שכר לימוד אין גימנאַזיע און אויף ביכער און העפטן, זי האָט שוין אויך פאַרדינט אויף אַ קליידל און אַ פּאָר רובל צו געבן דער מאַמען אויף דער הוצאה. די מאַמע פלעגט נישט גערן נעמען ביי איר טאָכטער די פּאָר רובל, אָבער — די נויט האָט איבערגעוויגן. איר טאַטע, לייבע דער בלעכער, וועלכער האָט לכתחילה געהאַלטן, אַז די גימנאַזיעס זענען נישט פאַר זיינע טעכטער, האָט שפּעטער, שטילערהייט, נחת געהאַט פון זיין גימנאַזיסטקע, אסתרל. ער האָט נאָר נישט געקענט אַרויסזאָגן „גימנאַזיע"; ער האָט געזאָגט „גומענאַזיע".

די גאַנצע מעשה, וואָס זיין טאָכטער לערנט דאָרט אין גימנאַזיע, האָט ער רעכט נישט פאַרשטאַנען. מילא רוסיש פאַרשטייט ער; רעכענען פאַרשטייט ער, אָבער די אַלע אַנדערע „שאַלאַמויזן" מיט די ביכער, מיט די מאַפּעס, מיט די צירקלען און ליניקעס, מיט די גרינע העפטן, בלויע העפטן און רויטע העפטן — דאָס האָט ער שוין ניט געקענט פאַרשטיין. נאָר ער האָט געוווּסט, אַז דאָס אַלץ הייסט דאָס „גומענאַזיע" און מען זאָגט, אַז מען ענדיקט די „גומענאַזיע" ווערט מען אַ לייט. ער האָט אויך געוווּסט, אַז זיין טאָכטער, לייבע דעם בלעכערס מיידל, קריגט נאָר „פּינפן", אַז „פּינפן" מיינט „גוט". דאָס האָט ער געוווּסט. דאָס ווייסט די גאַנצע שטאָט.

לייבע דער בלעכער איז געווען אַ פרומער ייד. גמרא לערנען האָט ער ניט געקענט, אָבער חיי־אָדם און משניות האָט ער יאָ געקענט. אין באַלמעלאָכישן בית־מדרש, וואָס האָט געהייסן „משניות בית־מדרש" אָדער „תורת חיים", איז לייבע דער בלעכער געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס. דער למדן ר' לייזער טיקאָ־צינסקי האָט געלערנט יעדן שבת צוויי שעה מיט די באַלמעלאָכעס משניות און לייבע איז געווען אין משניות אַ גאַנצער למדן.

לייבעס גרעסטע מעשה אין תורת־חיים בית־מדרש איז געווען דער בלעכענער דאָך, וואָס ער האָט געלייגט אויפן בית בית־מדרש פאַר אייגן געלט און מיט אייגענע הענט. ער איז פון דעמאָלט אָן געווען חשוב אין בית־מדרש און געוואָרן דער גבאי פון גמילת־חסד פון באַלמעלאָכישן בית־מדרש. ריכטיק פאַרשרייבן די הלוואות האָט ער נישט געקענט, האָט ער געהייסן זיין „גומענאַזיסטקע" צו פירן די חשבונות.

— טאַטע, משה דער קופּערשמיד האָט דאָך ניט באַצאָלט די צען רובל און דו גיסט אים שוין ווייטער... — האָט אסתר געפּירט דעם חשבון.

— וואָס קען מען העלפן, אז ער האָט ניט אויף שבת... — האָט לייבע דער־קלערט זיין טאָכטער.

— טאַטע, דו האָסט אריינגענומען הונדערט דרייסיק רובל, און האָסט אויס־געגעבן הונדערט פערציק רובל... עס שטימט ניט. ווו האָסטו גענומען געלט? — זאָגט אסתר בעל־חשבון.

— א דאגה האָסטו... — האָט ער איר געזאָגט — נאָר דערצייל ניט דער מאַמען, זי וועט ניט זיין צופרידן...

אסתר ווייסט פאַרוואָס די מאַמע וועט ניט זיין צופרידן, ווייל זי האָט אויך נישט גאַנץ אָפט אויף שבת. דער טאַטע האָט אויסגעגעבן אין דער גמילת־חסד־קאַסע זיינע צען רובל.

אָונט־צייט פלעגן קומען באַלמעלאָכעס צו לייבע בלעכער אין שטוב אריין. מען פלעגט קומען צוליב דעם גמילת־חסד פון חברה משניות. עס איז ערב שבת, אָדער גלייך נאָך יום־טוב, אָדער אין מיטן זומער, ווען שניידער האָבן נישט קיין ארבעט, אָסיען־צייט, ווען מען דאַרף איינקויפן א פּאָר פּוד בולבעס, אָדער ווינ־טער־צייט, ווען מען דאַרף קויפן א וואָגן האָלץ, אָדער סתם אזוי, ווען מען דאַרף צאָלן דירה־געלט, אָדער א קינד ליגט קראַנק, אָדער מען דאַרף מאַכן סחורה פאַרן יאריד, אָדער — מען דאַרף מיט מזל פירן א טאָכטער צו דער חופּה... — אין אלע די צייטן דאַרף מען אָנקומען צום גמילת־חסד, צו לייבע דעם בלעכער.

קומט מען צו אים אין שטוב אריין, טרינקט מען א גלאָז טיי „פּריקוסקע", דערציילט מען א מעשה, לייגט מען אויס די אייגענע צרות — גייט מען ניט אוועק מיט ליידיקע הענט, סיידן דער גמילת־חסדים איז שוין אינגאַנצן פּוסט און לייבע האָט ניט ווו צו „באַפּן א פּאָר רובל", און מען מוז אָפּלייגן אויף א טאָג, צוויי.

— „גאָט וועט העלפן"...

עמיצער וועט אָפּצאָלן א הלוואה, אָדער לייבע וועט כאַפּן ביי עמיצן א הלוואה אויף ביז־ווען־וואָס.

ערב ראש־השנה מאַכט אסתר א חשבון פאַרן גאַנצן יאָר. זי מאַכט דאָס איינס און צוויי. עס שטייט אויפן פּאַפּיר אקוראַט וויפל יעדער האָט גענומען, וויפל באַצאָלט, וויפל עס קומט, ווייזט דעם חשבון איר טאַטן — אלץ איז אָנ־

געשריבן קלאָר מיט קיילעכדיקע אותיות, מיט באַזונדערע ציפערן. און עס איז דער סך־הכל:

— בלויז שמעון האָט ניט געצאָלט...

אַלע אַנדערע, אַרום ניינציק ייִדן בעלי־חובות, זענען אָרנטלעכע ייִדן, געליִען, אָפּגעגעבן און ווידער געליִען. עס שטימט. לייבע איז צופרידן פון די ייִדן פון תורת־חיים־בית־מדרש, פיינע ייִדן. זיי האָרעווען נעבעך אויפן שטיקל ברויט, שווער צו מאכן א לעבן. די פּרנסה איז שווער ווי קריעת ים־סוף, אָבער — פיינע ייִדן.

— טאטע, אָבער דיר פעלט צוואנציק רובל...

— טאָכטערקע, עס פעלט מיר אַ סך מער... גאָט וועט העלפן... די מצווה איז מער ווערט ווי די צוואַנציק רובל.

— אָבער דער חשבון דאַרף שטימען.

געפעלט לייבען זיין בעל־חשבון. דאָס הייסט עס „גומענאזיע".

אזא חשבון קען מאכן זיין טאָכטער אסתר. טענהט זי:

— עס מוז שטימען, אזוי טויג ניט...

לייבע פארשטייט, וואָס זיין טאָכטער וויל פון אים. געפינט ער אן עצה:

— שטעל אריין צוואנציק רובל פון א בן־בלי־שם...

— וואָס הייסט דאָס?...

— א, א... דאָס לערנט מען נישט אין דער גוייִשער „גומענאַזיע", דאָס הייסט פון א מענטשן אָן א נאָמען...

— טאָ זאָג מיר, טאטע, ווי לייגט זיך אויס... ווי זאָגסטו עס?

— בן־בלי־שם... — העלפט ער איר ארויס.

— נו, יאָ, ווי שרייבט זיך דאָס?

לייבע שעמט זיך זאָגן זיין טאָכטער, אז ער ווייסט ניט אקוראט ריכטיק ווי די ווערטער לייגן זיך אויס, גיט ער זיך אן עצה:

— שטעל א קרייצעלע, ווי ביי א ניט גראמאָטנעם...

וויל אסתר ניט שטעלן קיין קרייצעלעך און זי שרייבט דאָס אויף רוסיש:

— ניעאיזוועסטני...

— זאָל זיין אזוי...

זאָגט איינמאָל אסתר ביים חשבון צו איר טאטן, לייבע דער בלעכער אזוי:

— אז מען לייט עמיצן געלט, איז עס אזוי ווי א באנק, מוז מען נעמען פּראָצענט... צען פּראָצענט... צוועלף פּראָצענט...

— נשך טאָר מען ניט על פּי דין... — זאָגט ער — האָבן ייִדן געפונען אן עצה מיט אַ היתר־עסקא, איז דאָס אַן עסק פאַר שווינדלער... ביי אונדז אין בית־מדרש נעמט מען ניט קיין פּראָצענט און מען מאכט ניט קיין שווינדל מיט היתר־עסקא.

— פארוואָס איז פּראָצענט א שווינדל?

— ווייל די רובלען זענען נישט גערשטן און האָבער, זיי וואַקסן נישט אין דר'ערד פון רעגן און זון, זיי וואקסן נאָר ביי גבירים דורך שווינדל....

— עס שטייט אָבער אין די ביכער...

— האָבן זיי אויך געשריבן שווינדלער... פּראָצענטניקעס.

און ער דערקלערט זיין טאָכטער:

— אַן ערלעך שטיקל ברויט פאַרדינט מען נאָר דורך ארבעט. עס איז טאַקע שווער, אבער אזוי שטייט אין דער תורה: בזעת אפיך תאכל לחם...

דערציילט לייבע זיין טאָכטער די גאַנצע מעשה וועגן דער גמילת־חסדים־קאַסע פון באַלמעלאָכישן בית־מדרש:

— האָבן מיר פריער געהאט אונדזער בית־מדרש אין קהל־שטיבל פון גרינעם בית־מדרש און באצאָלט דירה־געלט... די באלעבאטים פון גרינעם בית־מדרש זענען נישט אָנגעשטאַנען די באַלמעלאָכעס. זיי האָבן געוואָלט פון זיי פּטור ווערן... דעם גבאי שמריה פרידענבערג און דעם גביר־אדיר בנימין גוי איז ניט אָנגעשטאנען... זענען מיר אוועק, זיך צונויפגעלייגט, געקויפט א פלאץ צווישן סוראַזער גאס און סענדער מירטשעס גאס און אויסגעבויט אונדזער אייגענעם בית־מדרש... לאָמיר זיין פאר זיך און זאָלן די שיינע באלעבאטים אונדז ניט טאָן קיין טובה... אז מיר האָבן שוין געהאט דעם בית־מדרש, האָבן מיר געמאכט דעם גמילת חסד, ווייל א באלמעלאָכע קען ניט אויסקומען אָן א גמילת־חסד...

— ווו האָט איר גענומען די ערשטע געלט?

— פון די עליות. אַלע עליות זענען געגאַנגען אין גמילת־חסד אַריין...

אסתר הערט מיט קאָפּ וואָס איר טאטע דערציילט, ער גיט נאָך צו:

— איין טאָג, דאָנערשטיק, גייט אום דער שמש איבערן בית־מדרש מיט אַ פּושקע... דאָס איז אויף הוצאות־הבית, אויסצוהאלטן דעם בית־מדרש. טאָמער דאַרף מען עפּעס מאכן, פאַרריכטן, זענען מיר דאָך באַלמעלאָכעס, מאַכן מיר אַליין... און די עליות גייען אין גמילת־חסדים אריין...

ערב ימים נוראים האָט לייבע דער בלעכער געהאט גרויס נחת, ווען ער האָט אויסגעהאנגען אויפן טיר פון בית מדרש דעם גרויסן און ריכטיקן חשבון פון הוצאה און הכנסה פון גמילת־חסדים, וואָס זיין טאָכטער אסתר האָט אויסגעשריבן מיט גרויסע, קיילעכדיקע אותיות, און אלע באלמעלאָכעס האָבן זיך געשטופּט צו לייענען.

אסתר האָט געוואָלט אויסשרייבן א לאנגן צעטל וועגן יעדן איינעם — ווער עס האָט געצאָלט, ווער עס האָט ניט געצאָלט, וויפל יעדער איינער האָט געליען, וויפל ער קומט.

— מען דאַרף ניט — האָט לייבע דער בלעכער געזאָגט צו זיין טאָכטער — ווער עס איז מבייש עמיצן ברבים, האָט ניט קיין חלק עולם הבא...

זי האָט פארשטאנען איר טאטן און געזאָגט:

— ביזט גערעכט, טאטע...

פון מאָל צו מאָל, אין די אָוונטן, נאָך וויעטשערע, וואָס מאשע האָט קומענדיק

פון פאַבריק שנעל צוגעגרייט פאַר איר מאַן און אירע קינדער — א וויעטשערע פון דרויבעס, בולבעס, גריץ, אויב ס'איז געווען אַ פליישיקע; און אויב אַ פּאַרעווע אָדער אַ מילכיקע, האָט אַ שטיקל הערינג פאַרביטן די פליישׂ און געפּרעגלטע ציבעלעס האָבן באַשיינט און באַשמעקט דעם געקעכטס — פלעגט נאָך דער וועטשערע זיצן לייבע דער בלעכער און זיך לאַנג צוקוקן צום בארג ביכער און פּאַפּירן, וואָס פלעגן ליגן אויפן טיש פון דער אָפּגעגעסענער וועטשערע און זיין טאַטער איז געווען שטארק ארייַנגעטאָן אין זיי. ער פארשטייט אין דעם אלעמען גאָרניט. ער ווייסט נישט וואָס זיין טאַטער לערנט דאָרטן, נאָר מסתמא דאַרף מען דאָס.

ער לערנט אויך אין חברה משניות. ער וואָלט וועלן עפּעס פון זיין לערנען געבן צו פארשטיין זיין טאַטער. זאָל זי ניט מיינען, אז איר טאַטע ווייסט גאָרניט. געפינט ער די שעה, ווען דאָס ארייַנזאָגן זיין טאַטער.

— וואָס שטייט דאָרט אין דיינע ביכער? — פרעגט ער איר.

— וועגן די מאַנאַמאַכן, די מלכים פון רוסלאַנד...

— די מאַנאַמאַכן... אזוי? אַ, ווא... — רעדט לייבע — און וואָס שטייט געשריבן אין צווייטן בוך?

— וועגן קאַפּיטאַנס טאָכטער פון פּושקינען...

— געווען מסתמא א גרויסער צדיק אָט דער קאַפּיטאַן מיט זיין פּושקין?

— פּושקין איז געווען א גרויסער שרייבער — זאָגט אסתר — אפילו דער גרעסטער.

— אדרבה, זאָג עפּעס פון אים.

זאָגט אסתר אויף אויסנווייניק עטלעכע פערזן פון פּושקינען. לייבע פאַרשטייט ניט קיין וואָרט און ער ווייסט ניט צו וואָס דאַרף דאָס וויסן זיין טאָכטער.

— פיין, פיין... — זאָגט לייבע — און וועגן ר' הלל הזקן לערנט איר עפּעס?... און פון ר' שמעון בן אורן?... און פון ר' חנינא בן דוסא?...

— ווער זענען זיי? — פרעגט אסתר איר טאַטן.

— פון משניות זענען זיי...

ער וועט טאַקע דערציילן זיין טאָכטער וואָס דער רבי אין בית-מדרש האָט דערציילט ביים לערנען וועגן משניות. משניות שטאַמט פון משנה און משנה שטאַמט פון נשמה...

— וועט דאָס פאַרשטיין דיין „נאַטשאַלניצע" כוואַלעס?...

ער וועט איר אויך דערציילן דעם מנהג פון דעם באַלמעלאָכישן בית-מדרש:

— אויב איינער פון דער חברה איז קראַנק, גייט מען אים מבקר חולה זיין און מען לערנט דאָרט משניות פאַר זיין געזונט.

אסתר הערט איר טאַטן, ווערט ער דרייסטער אין זיך, און ער זאָגט אַזוי:

— ביי אונדז האָט דאָס לערנען אַ טעם, אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט דיין קאַפּיטאַנדל מיט די מאַנאַמאַכן?...

אסתר קען נישט אויפקלערן איר טאַטן דעם טעם פון דער געשיכטע פון רוסלאַנד, פון פּושקינס ליד, פון לערמאָנטאָוון; זי קען אים אויך נישט געבן צו פאַר-

שטיין די חכמה וואָס עס שטעקט אין די חשבונות פון געאָמעטריע, קוקט זי אויף אים, קוקט אַריין אין זיינע אויגן, וואָס זענען בלוי און פאַרנעפּלט, אויף זיין באָרד, וואָס איז רויט צעוואָקסן אין דערברייט און כאַפּט שוין גרויען, אויף די ביינער וואָס סטאַרטשען אַרויס פון שטיקל פּנים, וואָס איז נישט באַוואָקסן און זי זאָגט אים:

— מיין לערנען איז עפּעס אַנדערש ווי דיין לערנען...

— אַוודאי — זאָגט לייבע — ווייל דיין לערנען איז גויִש און מיין לערנען איז יידיש... מיט מיין משניות גייט מען מבקר חולה זיין אַ יידן, און מיט דיין לער־נען גייט מען אין וואַלד שיסן האָזן...

נאָך אַזעלכע חשבונות, מעשיות און שמועסן גייט מען ביי לייבע בלעכער אין שטוב שפּעט שלאָפן. די מאַמע מאַשע גייט שלאָפן די לעצטע. זי זיצט און הערט די שמועסן צווישן איר מאַן, דעם טאַטן, און איר טאָכטער, די גימנאַזיסטקע. זי פאַרשטייט יעדעס וואָרט. זי פאַרשטייט נאָך מער ווי מען זאָגט. פון ביסל נחת וואָס זי האָט ווערט איר גרינגער די האָרעוואַניע פון טאָג. טוט זי זיך אַ כאַפּ און קאָכט אָפּ אַ גלאָז טיי פאַרן שלאָפן גיין און טראָגט אונטער. מען האָט גאָרנישט געמערקט און עס שטייט שוין טיי. אייגנטלעך, טרייבט זי דאָס צו גיין שלאָפן:

— לייבע, לאָז שוין אָפּ דאָס קינד, זי דאַרף מאָרגן פרי אויפשטיין.

גייט מאַשע, די שנעלערקע פון הענדלערס פאַבריק, און די מאַמע פון אַ הויז מיט קינדער, שלאָפן די לעצטע. זי קוקט פריִער אַרום די שטוב, צי אַלץ איז אויפן אָרט, צי די קינדער שלאָפן, צי צלובה איז שוין געקומען „פון דרויסן", צי די טיר איז צוגעשלאָסן — ערשט דעמאָלט לייגט זי זיך, פּרעפּלענדיק קריאת־שמע.

לייבע שלאָפט שוין. זיין גרויסע באָרד איז איבער דער פּערינע — זי איז אַזוי ווי אַ שילד, אַזוי ווי אַ פּאַנצער: דאָ ליגט לייבע דער בלעכער פון משניות־בית־מדרש, פון באַלמעלאָכישן גמילת־חסדים; לייבע דאַנקט און לויבט דעם רבונו של עולם און עס פּלאָנטערן זיך אין זיין פאַרשלאָפענעם קאָפּ ר' חנינא בן דוסא אין אַ שוואַרץ שטריימל, ר' הלל הזקן, וואָס קוקט פון אַ דאַך אין בית־מדרש אַריין, און ער בעט זיי, אַז זיי זאָלן פירן זיינע טעכטער אין גוטע דרכים. אסתר שלאָפט שוין אויך. זי וואָלט איר טאַטן לייבע דעם בלעכער נישט אויסגעביטן אויף שמריה פרידענבערג, מען זאָל פאַר איר אפילו אָנשיטן גאָלדענע בערג. עס פּלאָנטערן זיך פאַר איר ליזע מיט גימנאַזיסטן וואָס קושן איר, און זיי ווילן נישט אַנדערש, אויך איר, אסתרן, אַ קוש טאָן, אָבער זי לאָזט זיך נישט. ניין און ניין!

ביז איר חלום גייט אַוועק צו די חשבונות פון איר טאַטנס גמילת־חסדים. וואָקסן און מערן זיך די ציפערן. און פּראָצענט טאָר מען נישט רעכענען. און פאַרשעמען טאָר מען אויך נישט.

דער טאַטע האָט גערעדט וועגן נשמה, אַז משניות איז משנה, אַז משנה אי־בערגעדרייט איז נשמה.

און וואָס איז נשמה?

זי פליט ביינאַכט אַוועק אין הימל און קומט אין דער פרי צוריק אַראָפּ.

## פינפטער קאַפּיטל

# ביי לייבען אין וואַרשטאַט

קלמן דער געלער, דער טיקטינער, איז שוין עטלעכע יאָר אַ פּועל ביי לייבען אין וואַרשטאַט, אויף גומיענער גאַס, קעגנאיבער די סאַפּירשטיינס און גראוועס, אויפן ראָג פון גרינעם געסל, ווו עס שטייען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן צוויי בתי־מדרשים — דער עמך־באַלעבאַטישער בית־מדרש, וואָס הייסט טאַקע, לויטן געסל, „דער גרינער בית־מדרש", און דער באַלעבאַטיש־למדנישער יחיאל נעכעס בית־מדרש, אויפן נאָמען פון דעם גבירישן ייִד ר' יחיאל און זיין מאַמע נעכע, עליה השלום. אַלע פּועלים אין קלמנס עלטער האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און זענען שוין „פּאַר זיך". ער איז נאָך אַלץ אַ בחור, נאָך אַלץ פאַרנומען מיטן ביסל געבליבענע „ברידער און שוועסטער פון פינפטן יאָר". ער מיינט, אַז די קאָנטער־רעוואָלוציע איז נאָר אויף אַ קורצער צייט. מען קען נישט אריינזעצן גאַנץ רוסלאַנד אין טורמע.

לייבע האָט אין וואַרשטאַט זיך אַ סך פאַרלאָזן אויף קלמנען. ער פלעגט אים דאָרט לאָזן אַליין ביז שפּעט נאָך דער וועטשערע, ווען לייבע פלעגט אַוועקגיין אין תורת־חיים־בית־מדרש, לערנען משניות ביים רבין ר' גדליה און דאַוונען מעריב בציבור. לייבע האָט געוווסט, אַז זיין פּועל קלמן איז נישט שוה בשוה אין ייִדישקייט, אָבער מען קען שטעלן אויף זיינע הענט נישט נאָר די „ראַבאָטשע", נאָר אפילו דעם שטאָט־זייגער.

קלמן פלעגט אָפט שטיין ביים אויוועלע מיט די ברענענדיקע קוילן און פאַרטראַכטערהייט אַ כאַפּ טאָן אַ גליִענדיקן לייט־אייזן אָנשטאָט די בלעך־שער פון לייסטל. אַ צעטראָגענער, האָט ער זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן „דאָרטן".

— זעסט דאָך, קלמן, — טענהט לייבע. — דער יאַריד איז שוין אַריבער. דער ירום הודו זיצט ווייטער אויף זיין טראָן און מושלט ביד רמה. גויִים שלאָגן ייִדן, מאַכן פּאָגראָמען, כדבעי. אַבי דיין חברה־פּאַטש האָט שוין געמיינט, אַז מען האָט אַרויסגעלאָזט די הינער פון די קוטשעס. נישקשה, מעגסט שוין חתונה האָבן, קלמן, עס וועט שוין גאָרנישט זיין.

— נישטאָ מיט איך וואָס צו רעדן — ענטפערט קלמן. — איר זענט אַ פינצ־טערער עלעמענט. אייער קאָפּ איז אין משניות.

און ער זאָגט נאָך עפּעס מיט הויכע ווערטער — „ס׳איז אַ מוז, אַ היסטאָ־רישער פּראָצעס. מירן נאָך זען״.

מילא, זאָל זיך קלמן האַלטן ביי זיינס. זאָל זיין אַ מוז. עס איז נישט לייבעס דאגה. עס איז נאָר אַ שאָד אַ יונג. אַ ווילער בחור, אַן אָרנטלעכער.

גומיענער גאַס איז אַ קאָכיקע, כולו מסחר. יידן מאַכן דאָ פּרנסה פון טוך, פון גאַרן, פון קאַם־גאַרן. עס פאָרן וועגענער אַהער און וועגענער אַהין, דראָנגאָווע וועגענער מיט קאַסטנס סחורה צו דער באַן, אַרומגעצויגענע מיט באַנד־אייזן. די באַלעגאָלעס כוואַשטשען מיט די בייטשן און פאָרן מיט קוראַזש. יידן אין קאַ־פּעלושן, אין היטלעך מאַכן מסחר מיט די הענט אין סאַמע לופטן. טרעגער מיט שטריק איבער די לענדן שטייען ביי די ראָגעס און וואַרטן אויף אַ פּעקל. גע־זעמלעך יידן שטייען אויףביידע טראָטואַרן און האָבן נישקשה וועגן וואָס צו רעדן. בישקע, דער צייטונגס־פאַרקויפער מיטן קורצן, בלאָנדן בערדל און ברייטער נאָז, שרייט אויס זיינע צייטונגען איבער דער גאַס. — נישטאָ קיין סימן פון דעם, וואָס עס איז געוואָרן מיט דער רעוואָלוציע. אַוועק דאָס „פינפטע״ יאָר אין כף־הקל. עפּעס טליעט נאָך ביי לייבעס אויוועלע מיט די גליענדיקע לייט־אייזנס. פון מאָל צו מאָל כאַפּט זיך אַריין צו קלמנען אַ פרעמדער באַלמעלאָכע, איינער פון „יענע״. לייבע דערקענט זיי אפילו אָן די פּלייצעס, אָפּגערעדט שוין פון די אויגן. אָבער ער מאַכט זיך כלא ידע. יענער רעדט עפּעס צו קלמנען אין דער שטיל (מעשה־סוד) און טראָגט זיך גלייך אָפּ.

בלייבט קלמן שטיין ביי דער אַרבעט, ביי די ציין און זאַלץ־זויער, קלאַפּט מיטן האַמער איבערן שוואַרצן בלעך, אויסצופּאַרטיקן שטיקער פּאַר אַ דאַך. ער אַרבעט אַ פּאַרטראַגענער, קלאַפּט זיך אָפּ די פינגער מיטן האַמער, טרעפט נישט אַריין ריכטיק אויפן שאַרף־אייזן. ער איז פאַרטראָגן אין די עולמות העליונים פון דער חברה. „זעט נאָר, זעט״ — טראַכט זיך לייבע, וואָס איז אַרומגעבונדן מיט אַ זעקל איבער די לענדן, מחמת די זאַלץ־זויער עסט אויף די הויזן. — „מען האָט זיי צעזעצט אין די „אָסטראָגן״, פאַרטריבן ווו שוואַרצער פעפער וואַקסט, אָנגעטאָן אין קייטן, און זיי — האַק זיי און בראָק זיי — טוען דאָסזעלבע פון דאָס ניי. צו להכעיס. זאָל נאָר קלמן נישט פאַרשלעפּן אַהער קיין טריפהנע זאַכן.

ער איז געוואָרן מערסטנס אַ שווייגער, קלמן. און אויב ער רעדט, רעדט ער וועגן זיין שטעטל טיקטין, פון וואַנען ער קומט, און וועגן די הונגעריקע קינדער־יאָרן זיינע.

— מיין טאַטע, תנחום קאַזאַדאַי, אַן אָרימאַן אין זיבן פּאָלעס, איז אַוועק איבער דער מדינה פּשוט בעטלען, אַוועק מיט אַ טאָרבע — רעדט קלמן. — און אַראָפּגעקומען אַהיים אויף יום־טוב אַזאַ אָרימאַן ווי ער איז אַוועק, געקומען מיט ליידיקע הענט. און די מאַמע מיינע האָט שוין געמוזט אַליין אַריינברענגען דעם יום־טוב פון די צעפּל, וואָס זי האָט פאַרקויפט אין מאַרק.

ער דערציילט אָפּט וועגן זיין מאַמען און ווערט דערביי שטאַרק אומעטיק:

— מיט אַ זעקל בולבעס אויף דער פּלייצע איז זי איינגעשלאָפן אויף אַ וועגביים טיקטינער וועלדל ווינטער־צייט און דאָרטן פאַרפרוירן געוואָרן.

ער אַליין, אַ יתום, איז אַוועק זיין אַ לערן־יינגל ביי מאָטיע דעם בלעכער. פלעגט ער דאָרטן זיצן האַלבע נעכט און וויגן דאָס וויינענדיקע קינד.

— עס האָט נישט געוואָלט בשום אופן שלאָפן. איך וויג און איך וויג. מיר איז גוט אָנגעקראָכמאָלט אויפן האַרצן. מען פלעגט מיך דאָרטן האַלטן אויף ברויט און אוגערקעס. האָב איך איינמאָל, פון כעס, אינמיטן דער נאַכט אַזוי צעוויגט דאָס הענג־קוישל מיט מאָטיעס קדיש, אַז דאָס קינד איז אַרויסגעפלויגן פון קוישל אין סאַמע פענצטער אַריין. איך האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן ווען איך האָב געזען דאָס עופהלע אַ צעבלוטיקטס. מיר האָט מאָטיע אונטערגעהאַקט די לונגען.

לייבע שטויסט זיך אָן, אַז קלמנס מעשיות דאַרפן זיין אַן ענטפער אויף זיינע רייד וועגן דעם, אַז „דער יאַריד איז שוין אַריבער". שלינגט ער דאָס אַראָפּ. ער שטויסט זיך אָן, לייבע, אַז קלמן האָט אַ טריפהן פּאַפּירל אונטערן העמד. מען דאַרף אים דאָס נישט זאָגן. ער זעט עס אויף זיין פּנים. ער זעט, ווי קלמן טוט אַ טאַפּ אומגערן פון מאָל צו מאָל זיין העמד, ווערט צעשראָקן, צעטומלט, ווייל ער מיינט, אַז ער האָט עס פאַרלוירן, ביז ער קומט צו זיך, באַרויקט זיך: „ס'איז דאָ!" לייבע ווייסט וואָס אין יענעם פּאַפּירל איז געשריבן. ער איז נישט קיין נעכטיקער. ער איז אויפגעשטאַנען אַ שעה פאַרטאָג. ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור, מיט אַ סך יאָרן צוריק, זענען זיך צונויפגעקומען די פּועלים־בלעכער אין חיי־אדם־בית־מדרש און אָפּגערעט צווישן זיך, עס זאָל זיין יד־אחת. מען זאָל אַרבעטן נאָר פערצן שעה, מען זאָל שבת־צונאַכטס נישט גיין אין וואַרשטאַט, מען זאָל פאַר־לאַנגען אַ הוספה 2—3 גילדן. מען האָט אַרויסגענומען די רייניקייט פון ארון־קודש און געשווירן אויף אחדות. דעמאָלט, אין חיי־אדם־בית־מדרש האָט מען מיט פּעטערבורג און מיטן קייסער נישט געהאַט צו טאָן. היינט איז אַנדערש. היינט ווילן זיי אַראָפּוואַרפן אויך דעם קייסער. קלמן וויל דאָס זייער שטאַרק. איז עס נישט לייבעס עסק, נעכאי זאָל ער און חברה אים אַראָפּוואַרפן. ער פאַרשטייט עס גאַנץ גוט, ער איז נישט קיין גולם.

עס האָט געטראָפן, אַז ער איז געווען מיט זיין פּועל קלמן אויף אַ דאַך ביי דער אַרבעט אויף דער וואַשליקאָווער „וואָדאָקאַטשקע", אויפן טורעם, זייער הויך, ממש אין הימל אַריין. דעמאָלט האָט געהאַט קלמן אין דר'ערד אַלע פּריסטאַוועס און גאָראָדאָוואָיס, די זשאַנדאַרמען מיט זייערע שטיקעס. איז ער געוואָרן ריידעוודיק. האָט ער אַזוי געזאָגט:

— לייבע, איר ווילט הערן אַ שיר המעלות?

שווייגט לייבע מיט אָנגעשטעלטע אויערן און קוקט מער מיט זיינע געדיכ־טע ברעמען ווי מיט די אויגן, ווי איינער זאָגט: „נו, לאָמיר שוין הערן דיין תורה!" לייגט אַוועק קלמן זיין בלעך, דעם הילצערנעם האַמער, די טשוועקעס און לייענט פאַר לייבען פון אַ דינעם פּאַפּירל:

„חברים, איר זענט קעמפער פאַר אַ גרויסן און הייליקן ציל. יעדער קאַמף איז אַ טריט נענטער צו דער פרייהייט, צו גלייכהייט, צום גליק... קוקט אויף דער רויטער פאָן, לאָזט זיך פירן פון איר אין יעדן טריט אייערן... זי וועט אייך אַריינפירן אין אַ לאַנד פון גערעכטיקייט..."

קלמן קען די ווערטער אויסנווייניק: „פרייהייט, גלייכהייט, לאַנד פון גע־רעכטיקייט." זיינע אויגן גלינען. דאָ, אויפן הויכן טורעם־דאַך, דאָ איז פריי, דאָ קען מען טאָן וואָס מען וויל. עס איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון דער פאַרפרוירענער מאַמע מיטן זעקל בולבעס אין וועלדל אויפן וועג קיין טיקטין ביזן „לאַנד פון גערעכטיקייט".

— וואָס זאָגט איר, לייבע? האַ?

— מילא, נו. רעד זיך איין. איך זאָג דיר, דו וועסט די וועלט נישט איבער־מאַכן. זעסט דאָך, אַז פאַניע איז געבליבן דער תקיף און אוחז ביד. באַהאַלט עס גוט, מען זאָל דיך נאָר נישט פּאַקן מיט דיינע שמות און דיך אָוועקשיקן צו די ווייסע בערן.

— האָט נישט מורא, לייבע. ניקאָלאיס קרוינדל וועט זיך נאָך וואַלגערן אויפן ברוק, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן. מיר האָבן דערוויייל נישט אויסגעפירט? אָבער נישט פאַרשפּילט. נישקשה, מען וועט זיך בעסער צוגרייטן, און מען גרייט זיך!... איך וואָלט דאָס קרוינדל צעטראָסקעט מיטן האַמער...

איצט שווייגן ביידע, לייבע און זיין פועל, אויפן דאַך פון דער וואָשליקאָ־ווער „וואָדאָקאַטשקע". ביז לייבע דערמאָנט זיך אַ גוט וואָרט פון מגיד אליקום געצל מכוח דעם, אַז נאָכן דאַווענען דאַרף זיך אַ ייִד נעמען, קודם־כל, צו טאָן פאַר פּרנסה, פאַר אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער, דאָס איז די ערשטע מצווה, אַנדערע זאַכן לאָזן אויף שפּעטער. חזרט ער איבער דעם מגידס תורה דאָ אויפן הויכן דאַך, זאָל קלמן דאָס אויך הערן.

— רבונו של עולם, איך בעט נאָר לחם לאכל ובגד ללבוש, אַ טרונק בראָנפן וועל איך שוין אַליין קויפן.

קלמן פאַרשטייט לייבעס ווונק — „זאָרג קודם כל פאַר פּרנסה". ער ענט־פערט גאָרנישט אויף דעם. ער איז פאַרטאָן אין שווייגן.

גענוג. ער האָט שוין גערעדט צופיל, שווייגט ער. ער האָט נאָך שטאַרקער געקלאַפּט די בלעך־נעט אויפן דאַך פון דער „וואָדאָקאַטשקע", סאַמע אין הימל אַריינגעקלאַפּט. ער וועט שוין גלייכער רעדן מיט זיך אַליין וועגן דער פרייהייט, וואָס וועט קומען, איידער טענהן מיט זיין מייסטער לייבע. — אַ פינצטערער עלעמענט, אַ משניות־ייִד.

לייבע לאָזט קלמנען גאַנץ אָפט אין די אונטן פאַרענדיקן די אַרבעט אַליין. קלמן בלייבט גערן אין „ראַבאָטשע". לייבע ווייסט אָבער נישט וואָס עס טוט זיך דעמאָלט אין דער אָפּגעשלאָסענער שטוב פון וואָרשטאָט. דאָרטן קערט זיך אַ וועלט. קלמן איז נישט אַליין, מיט אים איז די „סכאָדקע". קלמן ענדיקט נישט

דעמאָלט אַרויס די בלעכענע דעקן אין די גרויסע שיסלען, ווי עס מיינט לייבע, נאָר ער נעמט זיך מיט די חברים ווידער צו דער רעוואָלוציע. פון וואַנען זאָל לייבע וויסן, אַז זיין טאַכטער צלובה קומט דאָרטן אויך אַריין? אַז עס שטייען דאָרטן אַ פּאָר פלעשעך ביר? אַז עס איז דאָ ברויט און קאַלבאַס? — טאָמער וואָס, וועט עס הייסן, אַז צלובה איז קלמנס כלה און גוטע ברידער מאַכן לחיים.

טרעפט, אַז עס קומט אַ פרעמדער שליח — פון ווילנע, פון מינסק, פון קיִעוו — יענער דערציילט, אַז עס האָט זיך פאַרצויגן אַ כמאַרע איבער רוסלאַנד. עס סוויסטשען קוילן, עס פאַרמאַכעווען זיך נאַגייקעס, עס פאַרגיסט זיך בלוט פון קעמפער אין קיִעוו, אָדעס, טיפליס, באַקו. מען בויט תליות. „מען טאָר נישט שווייגן!"

עס ברענען די אויגן, דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער. די נעמען פון די גרויסע שטעט קלינגען אָפּ ווי ווייטע גלאָקן:

— קיִעוו... אָדעס... טיפליס... באַקו... ביזט אַ דאָרטיקער בשעת מעשה, אַן אומעטומדיקער. ביסט מיט דער גאַנצער וועלט. לייבעס וואַרשטאַט איז דעמאָלט נישט מער אויף גומיענער גאַס. ער הענגט אין מיטן דער וועלט. דער שליח, איינער פון די רעוואָלוציאָנערע עקשנים, וואָס זענען נאָך געבליבן אויף דער וואַך, דערציילט טרויעריקע זאַכן — ער דערציילט וועגן פּאָגראָמען אויף ייִדן, וועגן שטראָף־אָטריאַדן איבער לעטלאַנד.

— מען דאַרף ענטפערן צאָן פאַר צאָן... — זאָגט קלמן.

— מען דאַרף ענטפערן מיט טעראָר, אַוועקלייגן קעפּ...

עס קען זיך נישט שטילן דער כעס ביי די באַלמעלאָכעס.

דער שליח מיטן בלאָנדן בערדל רעדט פּליסיק און קלאָר, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ געדרוקט בוך:

— אונדזער אַרבעט דאַרף מען באַטראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון צוועקמע־סיקייט. מיט איינצלנע נקמה־אַקטן קען מען דעם קאַמף נישט פאַרגרינגערן. דער קאַמף מוז טראָגן אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער. מיט איינצלנע נקמה־אַקטן פאַר־לעשט מען דאָס נקמה־פייער פון דער מאַסע, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

היכע ווערטער. גרויס, וויכטיק. מען קען זיך נישט שפּאַרן, רעדן אַנטקעגן. ער זאָגט דאָך, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער ווייסט בעסער. זי וועט קומען, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן, היינט איז אייער צייט..." דאַרף מען שטיין אויף דער וואַך, מען דאַרף „איינהאַלטן די נעסטן". זיצט ביים הילצערנעם קלאָץ מיט אַן אייזערנעם האַמער אין האַנט שימקע דער היטלמאַכער. אַ קליינינקער, אַ דאַ־רינקער, מיט אַ קורץ, פאַרריסן נעזל — אַ רעוואָלוציאָנער וואָס איז יעדע שעה גרייט צו גיין אויפן פייער. מען הערט זיך גוט צו צו דעם, וואָס שימקע זאָגט.

— יעדער איינער טראַכט נאָר וועגן זיך, וועגן דער אייגענער פעל. די אינ־

טעליגענטן זענען זיך די ערשטע צעלאָפן, ווי שטשורעס פון אַ זינקנדיקער שיף.
שימקע האָט אָפּגעזאָגט זיינע ווערטער מיט פאַרביסנקייט.

— טראַכט נישט וועגן אַנדערע, טראַכט וועגן זיך. זיי דו אויפן פלאַץ — ענטפערט אים קלמן. ער האָט עס געהערט פון אַ דורכפאַרנדיקן חבר.

דער געקומענער שליח שטאַרקט דעם מוט ביי די געבליבענע חברים פון דער סכאָדקע מיט גרויסע רייד.

— מען דאַרף אויסהאַלטן דעם שטורעם פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. מען דאַרף זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. זאָל דער אַרבעטער־קלאַס נאָר ווען, וועלן אַנטשוויגן ווערן די האַמערס, זיך אָפּשטעלן די רעדער, די לאָקאָמאָטיוון. „ווען דער אַרבעטסמאַן נאָר וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל...“ אין זיינע הענט איז די מאַכט. מיט קיינע סיבירן און טורמעס וועט מען נישט אָנפילן דעם תהום צווישן אָרעם און רייך, צווישן די צוויי קלאַסן — די אונטערדריקער און די אונטער־דריקטע. ווען די שעפּסן גייען אויס אין בלוט, איז אַ שמחה ביי די וועלף. צו די וועלף געהערט אָבער נישט די נאַטור. די עקספּלואַטאַטאָרס בויען זייער גליק אויפן אומגליק פון די עקספּלואַטירטע. די וועלט געהערט אָבער נישט צו די עקספּלואַטאַטאָרס, ווייל די עקספּלואַטירטע זענען די מערהייט. די קאָזאַקישע שטראָף־אָטריאַדן מיט זייערע נאַגייקעס וועלן נישט פאַרשמייסן דעם אַרבע־טער־קלאַס.

דערמאָנט מען זיך אָן די גרויסע טעג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. עפּ איז גוט וועגן דעם צו רעדן.

— געדענקסטו די טעג פון צאַרישן יום־טוב, ווען עס זענען אַראָפּגעקומען פאַלקן סאָלדאַטן, פון צערקווע זענען געגאַנגען די פּאָפּעס מיט צלמים און פע־נער, און מיר האָבן געגעבן אַן ענטפער דעם צאַר. מען האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף ניקאָלאַיעווסקע גאַס מיט רויטע פענער, פאַרלאָשן די אילומינאַציעס. אונ־דזערע רעוואָלוציאָנערע געשרייען האָבן פאַרהילכט די גאַסן. קלמן איז געלאָפן מיט אַ גרופּע אויף איין גאַס. שימקע — אויף אַן אַנדער גאַס. יוליוש דער פּאָליאַק, יוסף־יודע דער וועבער, עלקע די פּאַפּיראָסן־מאַכערקע — אַלע מיט זייערע גרו־פּעס אויף באַזונדערע גאַסן.

— שמערקע מיט זיין גרופּע האָט צעקנאַקט די אילומינאַציע־לאָמפּן אַרום מוראַוויאָווס שיסל ביים שטאָט־זייגער. אַראָפּגעריסן די פענער מיט די אָדלערס.

רעדט מען וועגן דער נישט לאַנג פאַרגאַנגענער צייט און מען זאָגט:

— איר וועט זען, די כוואַליע וועט נאָך צוריקקומען מיט מער כוח.

פון וואַנען זאָל לייבע דער בלעכער וויסן וואָס עס טוט זיך און אויף וואָס מען גרייט זיך אין זיין „ראַבאָטשע“, ווען ער זיצט גאָר אין תורת חיים־בית מדרש מיט נאָך באַלמעלאָכעס און לערנט ביים רבין ר׳ גדליה אַ פּרק משניות? פון וואַנען זאָל ער וויסן, אַז אויך זיין טאָכטער צלובה איז מיט געפערלעכע חברה־

רעוואָלוציאָנערן אין וואַרשטאַט, דאָרטן אויפן ראָג פון גומיענער גאַס און גרי־נעם געסל?

ער, לייבע, לערנט גאָר בשעת מעשה פון רבין ר׳ גדליה אַ שטיקל פּרקי אבות:

— פיר מידות זענען דאָ ביי צדקה־געבער: איינער, וואָס אַליין וויל ער געבן, אָבער ער וויל נישט, אַז אַנדערע זאָלן געבן — עינו רעה בשל אחרים. אַ צווייטער, וואָס וויל, אַז אַנדערע זאָלן געבן און ער אַליין זאָל נישט געבן — עינו רעה בשלו. אַ דריטער וויל אַליין געבן און וויל, אַז אויך אַנדערע זאָלן געבן — ער איז אַ חסיד. און דער פערטער וויל נישט געבן און וויל, אַז אויך אַנדערע זאָלן נישט געבן. — דער איז אַ רשע.

לייבע וויל זיין אַ חסיד און האָט פיינט דעם רשע. ווייסט נישט לייבע, אַז ביי אים אין „ראבאָטשע״ לערנט בשעת מעשה אַן אַנדער רבי, אַז די נאַטור געהערט נישט צו די וועלף, צו די רשעים.

## זעקסטער קאַפּיטל

# קיין סלאָבאָדקער ישיבה

געווען איז לייבע אַ גוטער באַלמעלאָכע, אָבער מיט ווייניק מזל צו פּרנסה. ער האָט גאָרנישט געקענט אַרויסזאָגן דעם ריכ־טיקן פּרייז. ער האָט פאַר באַלעבאַטים געדעקט דעכער מיט בלעך, געמאַכט רינעס, וואַסער־רערן פון צינק־בלעך, פּעס־טע כלים פון אייזן־בלעך. פאַרריכט צעלעכערטע שיסלען, עמערס, קופּערנע קעסלען, „סאַגאַנעס" — אָבער ער האָט קיין כוח נישט געהאַט צו פאַרלאַנגען אַ פּרייז.

זיי האָבן געאַרבעט אַלע דריי — לייבע אין דער בלעכעריי, מאַשע און צלובה ביים „שנעלן" אין דער פאַבריק, און האָבן דאָך נישט געקענט צונויפ־ברענגען אַן עק מיט אַן עק. עס האָט שטענדיק אויסגעפעלט צו פאַרענדיקן דעם ערב שבת. ווער רעדט שוין וועגן אַריינברענגען אַ יום־טוב אָדער לאָזן נייען אַ בגד?

אַביסל בעסער איז געוואָרן ווען ער האָט געאַרבעט אויף דער וואַשליקאָווער „וואָדאָקאַטשקע", אויפן טורעם פון דער וואַסער־לייטונג פאַר דער גאַנצער שטאָט אָדער ווען ער האָט געמאַכט די בלעכענע בלומען־אוזאָרן פאַרן דייטשישן פּלוש־פאַבריקאַנט בוכהאָלץ. ער פלעגט איבערדערציילן ווי דער אַלטער בוכהאָלץ לויבט זיינע בלעכענע בלומען, וואָס קומען אַרויס אויפן פּלוש:

— לייבע, זי זינד איין וואַהרער קינסטלער.

— דאַנקע שיין, הער בוכהאָלץ.

עס וואָלט גאָרנישט געקומען לייבן אויפן רעיון צו מאַכן זיין טאָכטער פאַר אַ גימנאַזיסטקע. עס שיקט זיך נישט פאַר לייבע דעם בלעכער. שולדיק אין דעם איז זיין „אויפגעקלערטע" טאָכטער צלובה. קעגן איר קען ער גאָרנישט זאָגן. צו דעם נאָך האָט מאַשע געהאַלטן מיט דער עלטערער טאָכטער. זיי זענען דאָך ביידע „פאַבריטשנע". „לייבע — האָט זיין ווייב געזאָגט — לאָז גיין די קינדער זייער וועג. עס איז אַן אַנדער צייט".

## די לערערין אסתר

דאָס יינגל זיינס, מענדל, וואָס איז אַ יאָר יינגער פון אסתרן, וועט ער שוין נישט שיקן אין גימנאַזיעס. ער לערנט גמרא אין דער פּיאַסקאָווער תלמוד־תורה אין סוראשסקעס הויף. „ער וועט זיין אַ למדן — האָט דער מלמד געזאָגט לייבען. — ער שניידט זיך אויף אַ חריף". — דאָס זענען געוואַלדיקע ווערטער. עס דרייט זיך אַרום אין שטוב דער „מוזיניק" יאָסל, דער וויסקראַבעק. מען קען נישט זאָגן, ער איז טאַקע אַ גוט יינגל, אָבער ער וועט שוין נישט גיין אין תלמוד־תורה, און אַוודאי נישט אין גימנאַזיע. אים וועט ער נעמען אין „ראַבאָטשע" אַריין. מסתמא איז עס דאָך אַלץ מן השמים, זיין צלובה זאָל גיין אין פאַבריק, זיין אסתר זאָל גיין אין גימנאַזיע, זיין מענדל זאָל לערנען אין תלמוד תורה און זיין יאָסל — אין דער „ראַבאָטשע".

טאַקע צוליב מענדלען האָט זיך לייבעס פּועל קלמן צעווערטלט מיט זיין באַלעבאָס. עס איז גראָד געווען ווען קלמן האָט זיך געקליבן אַ לאַדע רגע נעלם צו ווערן. אָט־אָט וועלן די גאָראָדאָוואָיען אים אַ נעם טאָן. מען הייסט אים קומען אין אוטשאַסטאָק, מען דאַרף אים דאָרטן זייער נייטיק. זיי האָבן מסתמא צוגע־גרייט פּאַר אים קעסט אויף אַ פּאָר יאָר. — גייט ער נישט. זיי קענען אויף אים וואַרטן. שלאָפט ער נישט אויף זיין קוואַרטיר, באַהאַלט זיך אויס. אַזוי פיל מענטשן דרייען זיך אַרום אויף גומיענער גאַס — סוחרים, קאָמיסיאָנערן, מעק־לערס, זיי דאַרפן נישט די גאָראָדאָוואָיען, אָבער אים, דעם פּועל קלמן, דאַרף מען, באשר בכן ער וויל „פרייהייט און גלייכהייט". קוקט ער אַן אומרויקער אויף גומיענער גאַס, אויף דער טיר פון לייבעס „ראַבאָטשע" אין פּיניכעס הויז. חברים האָבן אים געהייסן זיך אָפּטראָגן וואָס פריער.

— ער גייט זיין יינגל מאַכן פּאַר אַ פּאַטראָן — האָט קלמן גערעדט מיט שפּאַס. אַ טאַטער שיקט ער אין גימנאַזיע, אַ זון אין תלמוד תורה, און איז נאָך גליקלעך ווי די ראַבע קאַץ.

איינמאָל אין פּיאַסקעווער בית־מדרש, נאָכדעם ווי דער פּייערדיקער מגיד און משולח פון דער סלאָבאָדקער ישיבה, „כנסת ישראל", האָט אָפּגעזאָגט זיין דרשה, עס איז געווען נאָך מעריב, האָט עמיצער פון די באַלעבאַטים געזאָגט צום משולח:

— פאַרהערט אויף טשעקאָוועס אָט דעם „באַשיבוזוק", דעם בלעכערס יינגל.

דער משולח האָט געפּאַלגט, אויפגעמישט אַ גמרא בבא מציעא און געהייסן מענדלען ער זאָל זאָגן די גמרא מיט תוספות. מענדל, אַ דאַרער, שוואַרצער יינגל מיט אַ קורנאָסן נעזל און גרויסן שטערן, מיט צוויי לעבעדיקע, קאָכיקע אויגן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער גמרא און זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ מזמור:

— תנו חכמים...

און ער שאָקלט זיך, און ער מאַכט מיט בײדע הענט אַזוי ווי זיין מלמד אין ישיבה, און ער צעזינגט זיך, און ער טוט אין מיטן אַ פּאָר אַריין אין תוספות, און זינגט אַרויס פון דאָרטן דעם ריכטיקן פּשט.

דער משולח האָט אַוועקגעלייגט זיין רויט טיכל אויף דעם אָפענעם בלאַט גמרא און געזאָגט:

— אַ, וואַ... אַן אבן טוב...

ער האָט געשיקט זאָגן דעם טאַטן:

— ר׳ אריה, גלייך נאָך פּסח, אם ירצה השם, שיקט איר אייער בחורל אין סלאָבאָדקער ישיבה...

— וואָס הייסט?... וואָס איז שייך?... — איז געקומען לייבע צולויפן צום משולח.

— עס הייסט און עס איז שייך... — האָט דער משולח געזאָגט שאַרף און מיט תקיפות — איך נעם אים צו הירש דעם משגיח, דער גאון רב מרדכי וועט אים פאַרהערן!... ר׳ אריה, למען השם, איר זייט חייב בנפשו...

דער קאָפּ דרייט זיך ביי לייבען. די ווערטער קלינגען ווי האַמערס אויף פּראָסט בלעך: ר׳ הירש דער משגיח... דער גאון ר׳ מרדכי... חייב בנפשו...

דער משולח מיט דער לאַנגער און למדנישער באָרד האָט אין דער רגע אַ זאָג געטאָן:

— גיטס נאָר אַהער אַן אַנדער גמרא... זאָל זיין א בבא קמא... האָסט שוין געלערנט דעם דף?

— ניין.

— טאָ מאַך אַ לייענען. לאָמיר זען.

מענדל איז געזעסן איבער דער ברייטער אָפענער בבא־קמא אין געלן אייג־בונד, אַריינגעשפּיצט זיינע גרויסע אויגענעס, געכאַפּט זיך, אַז ער פאַרשטייט, זיך געטאָן אַ וואָרף אַריין אין ים פון דער גרויסער גמרא, אַ שווים איבער דעם דף, פאַרהאַקט זיך, אָפּגעשטעלט זיך אַ ווײַלע, באַלד זיך געכאַפּט, אַז ער פאַר־שטייט און זיך געלאָזט לויפן, פליען ווייטער. פּאַרטיק מיט דער גמרא, האָט ער זיך געטאָן אַ לאָז צו די זייטיקע אָזערעס — רעכטס און לינקס פון דעם דף גמרא, אונטערגעבראָמט ווי אַן אמתער למדן, פאַרטיק געוואָרן און געזאָגט צום משולח מיט אויפגעהויבענע ליכטיקע אויגן:

— שוין...

— טאָ לאָמיר הערן...

די באַלעבאַטים אַרום זענען געווען געשפּאַנט. עס איז אַ גרויסע שפּיל. לאָמיר טאָקע זען. עס איז אַ פאַרמעסט צווישן לייבעס יינגל און דער גמרא. דער משולח האָט אַ וויז געטאָן מיט זיין לאַנגן פינגער אין מיטן דף גמרא: — „פון דאַנען הויב אָן, פון רב פּפּאן”..

זאָל זיין פון דאַנען. מענדל טוט אַ כאַפּ רב פּפּאן, ווי מען כאַפּט זיך אָן אַ ברעט אין מיטן טייך, ער לאָזט זיך פונאַנדער, פלעכט תורה מיט פּלפּול, בינדט דאָס צונויף מיט דעם ריכטיקן גמרא־ניגון, ביז ער באַקומט פון משולח צוויי פּלאַמען אין די באַקן.

— גענוג. אַ כלי נפלא!... אַן עלוי... גלייך קיין סלאָבאָדקע!...

דאָס איז געווען די גרויסע מעשה פלאים אין פיאַסקאָווער בית־מדרש אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, צווישן פורים און פסח, אין לעבן פון לייבע דעם בלעכער.

לייבע האָט זיך גענומען גלייך נאָך פסח אויספּראָווען זיין יינגל קיין סלאָ־באָדקע. דער וועג איז אַ ווייטער. מען דאַרף פאָרן אַ גאַנצע נאַכט מיט דער באַן. דער טאַטע האָט אים געקויפט אַ טשעמאָדאַנטשיק ווי פאַר אַן אמתן רייזנדער. די מאַמע האָט אַריינגעפּאַקט וועש און אַ קישן. ביי דער באַן האָבן לייבעס אויגן געלויכטן מיט ייִדישקייט. ווען ער האָט געטראָגן זיין זונס טשע־מאָדאַן אין טונקעלן וואַגאָן אַריין, האָט ער געפילט, אַז ער טוט אַ גרויסע מצווה, וואָס נאָר אַ ייד האָט די זכיה. ער דאַנקט דעם השם יתברך וואָס ער האָט אים מיט דעם מזכה געווען, און ער בעט גאָט, אַז זיין זון זאָל מצליח זיין:

— מאַשע, אונדזער קינד וועט זיין אַ תלמיד חכם...

— מען זאָל עס נאָר קענען אויספירן — האָט די מאַמע געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — מען וועט דאַרפן אים שיקן „פּאָסילקעס", אַ פּאָר רובל. ער איז דאָך נאָך אַ קינד.

— בעזרת השם יתברך — האָט לייבע געזאָגט מיט בטחון.

— איך וועל אויסבאַקן אַביסל קיכלעך, אויספּרעגלען שמאַלץ, אַ סלאָיק איינגעמאַכטס, אויסוואַשן אַ העמד — זאָגט די מאַמע.

— איך וועל מאַכן בלעכענע פּושקעס פאַר די „פּאָסילקעס"... — זאָגט דער טאַטע.

די באַן איז אַוועקגעפאָרן מיט מענדלען און זיין טשעמאָדאַנטשיק. לייבע מיט זיין ווייב גייען פון דער באַן אויף אַמבושעס גאַס, מיטן שאָסיי דורך כאַניי־קעס און פּיאַסקעס, איבערן פּישמאַרק צו אַנגערס גאַס. עס איז געווען אַ קילער אָוונט. זיי שפּירן גאָרנישט, אַז דער וועג איז אַ לאַנגער.

— מענדל וועט קריגן סמיכה אויף רבנות — האָט לייבע גערעדט צו זיין ווייב.

— הער שוין אויף, משוגענער — האָט זי געזאָגט. — קריך אַראָפּ פון וואָגן.

זי מיינט עס נישט, מאַשע. דאָס זאָגט זי נאָר אויף צו להכעיס לייבען. רעדט ער זיך זיינס: „איך בין זיכער, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ רב."

קלמן דער פּועל, פאַר זיין נעלם ווערן אין אַמעריקע, האָט געהערט וואָס לייבע האָט געטאָן מיט זיין זון. ער האָט עס נישט געקענט פאַרשווייגן. סטייטש, אין אַזאַ צייט, ווען אָט־אָט קומט די רעוואָלוציע און ער, קלמן, מוז זיך אויף אַ קורצע ווײַלע אָפּטראָגן, כדי צוריק צו קומען אין ריכטיקן מאָמענט, נעמט לייבע און מאַכט זיין זון פאַר אַ באַנק־קוועטשער! ער האָט עס אים אויסגערעדט, פּשוט חוזק געמאַכט: „אַ ייד אַ בהמה"...

— זאָג איך דיר, אַז ער וועט זיין אַ רב — רעדט לייבע. — עס איז נישט

קיין מצווה דווקא אָפּצופּינצטערן אין „ראבאַטשע״ און אַרומקריכן איבער פּרעמדע דעכער.

קלמן האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ און קיין צייט לאַנג צו טענהן מיט לייבען. מילא, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. סיי־ווי־סיי מוז ער דאָך אַוועק. ער האָט וועגן זיין אַוועקגיין נישט גערעדט, עס איז אַ סוד. אָבער לייבע האָט זיך אָנגעשטויסן. ווען קלמן איז איין טאָג און אַ צווייטן טאָג נישט געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער געזאָגט:

— ויברח...

— געמאַכט פּיס...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען געקומען גאַראַדאָוואָיען אין לייבעס וואָרשטאַט זוכן קלמנען. זיי האָבן אים נישט געפונען און געבישטערט אין אַלע ווינקעלעך, אויפגעריסן די פּאָדלאָגע, געזוכט צווישן בלעכערשן געצייג.

דאָס בלעכערשע אויוועלע האָט געברענט. די צוויי לייט־אייזנס זענען געווען רויט פון די ברענענדיקע קוילן. לייבע איז געשטאַנען איבערגעבונדן מיט אַ זעקל אָנשטאָט אַ פאַרטעך.

המן דער אָקאָלאָדאָטשניק, וואָס שטייט געוויינלעך ביי „מוראַוויאָווס שיסל״, אַ הויכער, אַ גרויסער, אַ צעשטופּלטער, האָט אים געפרעגט מיט רציחה:

— ווו איז ער, דער בונטאָווש־שיק קלמן קאַגאַן?

— נישט געקומען צו דער אַרבעט...

— אָבער ווו איז ער?

— כ׳ווייס נישט, גאַספּאָדין אָקאָלאָדאָטשני!

און שטיל אָן ווערטער געזאָגט:

— המן הרשע, אַזאַ יאָר אויף דיין קאָפּ...

— דו ווייסט יאָ, איר זייט איין זשידאָווסקע באַנדע... זאָג אויס, אויב נישט, וועל איך דיך שלעפּן פאַר דיין זשידאָווסקער באָרד...

— איך ווייס נישט... — האָט אים לייבע געענטפערט טראָציק.

— האַלט ס׳פּיסק... — האָט המן דער אקאלאדאטשניק געזאָגט — ווו איז קלמן קאגאַן? איך וועל דיך...

— דו האַלט די הענט ביי זיך... — האָט לייבע אים אָפּגעשטויסן.

— אַזאַ יאָר זאָל המן האָבן, ווי איך וועל רעדן אַ וואָרט...

זיין האַרץ איז געווען אין דער שעה מיטן געלן קלמן, הגם יענער האָט געשפּאָט פון אים, וואָס ער האָט געשיקט זיין יינגל אין סלאָבאָדקער ישיבה. קלמן וואַלגערט זיך איצט געוויס ביי דער גראַעווער גרענעץ. לייבע וואָלט אים איצט אַריבערגעטראָגן אויף יענער זייט אויף זיינע הענט.

אַז צלובה האָט שפּעטער געהערט פון דער מעשה, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, ווייל קלמן האָט איר אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקגיין:

— דאָס הילצערנע קעסטל אין שטאַל, אויפן צווייטן שטאָק, דאַרף צונעמען גדליהקע דער קופּער־שמיד.

גדליהקע איז אָבער נישט געקומען נעמען. איצט איז שוין אַ מורא, אַז ער זאָל קומען. אַ „שפּיק״ קאָן נאָכקוקן. לאָזן עס אין שטאָל טאָר מען אויך נישט. עס איז אַ געפאַר. זיי קאָנען קומען נאָך אַ מאָל און עס געפינען. וואָס זאָל צלובה טאָן?

זי האָט פאַרטרויט איר שוועסטער אסתר. ס׳איז אַ גרויסער סוד. עס איז אַריין אסתרן אין האַרצן. צלובה האָט איר געזאָגט, זי זאָל אַרויפגיין שטילינ־קערהייט אין שטאָל און אויפזוכן דאָס קעסטל. און זי, צלובה, וועט שטיין אין דרויסן און אַכטונג געבן. און אויב זי געפינט דאָס קעסטל און אין אים איז „עפּעס״ דאָ, וואָס זאָל זי טאָן?

— זאָלסט אַראָפּלויפן מיר זאָגן.

גדליהקע וועט וואַרטן אין זיין קוזשניע. אַזוי האָט זי אָקאָרשט אָפּגע־רעדט. אויב דאָרטן איז עפּעס דאָ, וועט מען עס ברענגען צו אים.

אסתר האָט נישט געוווּסט מורא צו האָבן. זי האָט אָבער געפילט פון צלובהס רייד, אַז די זאַך איז אַ וויכטיק, אַ געפערלעך. זי איז אַרומגעקראָכן אין שטאָל אין דער פינצטער, צעדראָפּעט די הענט אָן אַלטן בלעך. זי האָט געפונען אַ הילצערנעם קעסטל. אַרויסגענומען פון אים די שמאַטעס און פּאַ־קאַלעס און אונטער זיי — פּאַפּירן, אַ רעוואָלווער. לויפט זי אַראָפּ, זוכט אויף איר שוועסטער אויף דער גאַס. איר פּנים ברענט, די אויגן פיבערן. זי ווייס ידעם סוד. זאָגט זי צו איר שוועסטער:

— ס׳איז דאָ.

הייסט איר צלובה אַרויפגיין צוריק אין שטאָל, פּאַמעלעך, נאָר נישט גע־לאָפן, קיינער זאָל נישט מערקן, אַרויסנעמען פון קעסטל, אַריינלייגן אין איר שול־רענצל און אַרויסטראָגן.

זי האָט דאָס געטאָן. אסתר איז אַ שותף אין אַ וויכטיקער זאַך. איר האַרץ קלאַפּט. — זיי פאַרזיכטיק, אסתר, שרעק זיך נישט. זי האָט דעמאָלט נישט גע־קאָנט וויסן, אַז אָט די מעשה מיטן קעסטל אין פינצטערן שטאָל וועט אַריינוואַקסן אין איר געמיט אויף שטענדיק. זי איז אַראָפּ פון לייטער, וואָס איז געשטאַנען ביים שטאָל, רויק, פּאַמעלעך, געשפּילט מיטן פּנים דאָס שפּיל פון די אומשול־דיקע. אַרויס פון הויף אויף דער גאַס. אַז צלובה האָט איר דערזען, איז זי, אַזוי ווי זיי האָבן אָפּגערעדט, געגאַנגען פאָרויס און אסתר איז איר נאָכגעגאַנגען. דער וועג האָט געפירט צו גדליהקע דעם קופּער־שמיד אין קוזשניע.

אין אָוונט פון יענעם טאָג איז לייבע געבליבן לענגער אין קליינעם תורת־חיים־בית־מדרש, ווו דער רבי פון די באַלמעלאָכעס האָט געלערנט מדרש מיט אַ טיש יידן. דער רבי האָט דערציילט די יידן אַ מעשה וועגן זיבן בעטלערס. ל״ו־ניקעס, איבער־די־הייזער־גייער, אָרעמעלייט. אין לייבעס קאָפּ טומלט. עס מישן זיך אויס פאַרשיידענע זאַכן: די אָרעמעלייט מיט טאָרבעס, די ל״ו־ניקעס, וואָס

גייען אין טראַנטעס איבער מדינות. דער טיש מיט די באַלמעלאָכעס, וואָס לערנען משניות און אגדות, דער פאַרשאַטנטער ארון־קודש מיט די ייִדישע לייבן איבער אים. די קופּערנע וואַסער־קאַן ביי דער טיר. דער רבי מיט זיין הייזעריקער שטימע, וואָס זעט גאָר אויס אַליין ווי אַ גרויסע גמרא מיט רש״י. עס מישט זיך אויך אַריין זיין פּועל קלמן, וואָס איז נעלם געוואָרן אין דער ריכטיקער שעה, ווען המן דער אָקאָלאָדאָטשניק האָט אים געזוכט צו פּאַקן. עס קומט אויך אַריין זיין זון, וואָס הערט שוין איצט געוויס אין סלאָבאָדקער ישיבה דעם שיעור פון ראש־ישיבה, ר׳ מרדכי.

קומט ער, לייבע, שפּעט אַהיים, טרעפט ער זיין טאָכטער אסתר, די גימנאַזיסטקע, ביי אירע ביכער און העפטן. זי איז פאַרטאָן. זי האָט אַ סוד, וואָס איר טאַטע ווייס נישט.

— זי ווערט אַ מענטש מיט יעדן טאָג — זאָגט מאַשע — רק זי לערנט און לערנט.

— באַשערט אונדז, מאַשע, צו האָבן גוטע קינדער.

שפּעט אין אָוונט, ווען אסתר און צלובה זענען געלעגן אויף איין געלעגער, איז פאָרגעקומען צווישן זיי, שעפּטשענדיק, אַזאַ שמועס:

— וואָס איז עס געווען פאַר אַ „שפּייער״? — האָט אסתר געפרעגט, באַנוצנדיק דאָס פאַרשטעלטע וואָרט.

— קענסטו דאָס וואָרט? — האָט צלובה זיך געוווּנדערט — עס איז געבליבן פון זעלבסטשוץ. קלמן איז געווען אין זעלבסטשוץ בעתן פּאָגראָם.

— דו ביסט אויך געווען? — פרעגט אסתר זייער נייגעריק:

— יאָ, איך אויך. עס איז געווען דער זעלבסטשוץ פון „בונד״. ווייסטו וואָס דאָס איז?

— יאָ, איך ווייס.

— פון וואַנען?

— איך לייען דיינע ביכלעך און פּאַפּירלעך. איך בין שוין נישט קיין קליין מיידל.

—אפשר — קערט זיך אום צלובה צום „שפּייער״ —׳ אפשר וועט מען נאָך דאַרפן נאָך אַמאָל זעלבסטשוץ. עס איז שווער אָנועקצוואַרפן אַזאַ כּלי. ער דערמאָנט די אייגענע באַטייליקונג. איך בין דעמאָלט געווען אויף סוראַזשער גאַס. מיר האָבן געהיט די אָרעמע גאַסן. גודל האָט געוואָרפן אַ באָמבע ביים שטאָטזייגער און עס האָבן זיך געלאָזן די סאָלדאַטן פון די וולאַדימירסקע קאַזאַרמעס. מיר זענען געזעסן גרייט, מיט געווער אין די הענט, ביי די בריקלעך פון די הייזער. קלמן איז געווען מיט זיין גרופּע אויף „נייוועלט״.

הייבט אויף אסתר איר קאָפּ פון געלעגער, קוקט אַריין אין צלובהס פּנים און זאָגט אַזוי:

— ווען איך בין אַראָפּ פון לייטער מיטן רענצל אויף דער פּלייצע און זיך געלאָזט איבער גומיענער גאַס, האָב איך געפילט, אַז איך טו אַ וויכטיקע זאַך, איך בין געגאַנגען שטאָלץ.

— שטאָלץ, שטאָלץ... — זאָגט צלובה — זער וויס... מיינסטו, אַז מען וועט אים נאָך דאַרפן?

אסתר דערפילט זיך דערוואַקסענער פון דעם, וואָס איר שוועסטער פרעגט איר אַזאַ שווערע פראַגע, און זי ענטפערט איר:

— דאָס ווייסטו בעסער.

## זיבעטער קאַפּיטל

# די ערשטע ליבע

וועקסט זיך אויף אין פריִען פרימאָרגן ווּעסנע־צייט, עס קומט אַריין דער בלויער הימל, די זון, פייגל צוויטשערן, אַ גרינע און יונגע וועלט שמעקט אַריין און דו — נישט דו גייסט, נישט דו שטייסט, ביסט נישט אויפן הימל און נישט אויף דער ערד, דו שוועבסט... — ווייסט וואָס דאָס איז?

גייסט אַמאָל אין שטילן וואַלד אַליין — עס איז אַרום און אַרום געדיכטער וואַלד און דו ביסט אין מיטן בלעטער־ביימער, קוסטעס און סאָסנע־ביימער, עס איז שטיל אַרום דיר, שטיל אין דיר און פּלוצלונג דו דער־הערסט — עס פּליסטערט, עס רוישט, און אָט שטייסטו ביי אַ וואַסער־פאַל, וואָס לויפט יונג און קרעפטיק, געטריבן פון אַ נישט־געזעענעם כח, לויפט פון באַרגי הויך צום באַרג־אַראָפּ, און קוועלט, און שטיפט, און לאַכט... — ווייסטו וואָס דאָס איז אַזוינס?

האָסטו געהערט ווי די קוקאָווקע קו־קו־קעט פון אַ הויכן בוים אַראָפּ, דו זעסט איר נישט, דו ווייסט נישט ווו זי שטייט, אויף וועלכן בוים, דו הערסט נאָר, אַז איר „קו־קו“ קומט פון הויך, זי רופט, זי זאָגט אָן, כשופט: „קו־קו־קו־קו“!... און דו פילסט ,אַז זי רופט דיך, אַז עס שרייט צו דיר דער וווּנדערלעכער גורל־פויגל, דער מזל־אָנזאָגער, און עס רופט צוריק און ענטפערט דיין געמיט: — „קו־קו־קו...“ — ווייסטו וואָס דאָס איז אַזוינס?

די ערשטע ליבע.

זי איז אומגעריכט באַפאַלן אסתר לאַפּידעסן.

עס איז איר ליבשאַפט מיט נפתלין, מיטן האַראַדאָקער רבס זון, מיט דעם מוסרניק־אפיקורס, נאָך וועמען זיין טאַטע, דער דאַרער, קנאַידיקער חריף, דער באַרימטער ליטווישער גאון מיטן קורצן, גרוילעכן בערדל, מיט די קליינע אויגן, באַוואָקסענע מיט שוואַרצע ברעמען, בייזע, צעשויבערטע, האָט קריעה געריסן.

די ערשטע בשמימדיק יונגע ליבע. פופצן — זי, זיבעצן — ער.

# די לערערין אסתר

אסתר האָט דעמאָלט שוין געלערנט אין זעקסטן קלאַס פון דער רוסישער פּרויען־גימנאַזיע פון דער מאַדאַם כוואלעס.

נפתלי האַראַדאָקער איז געקומען אין שטוב פון לייבע בלעכער, ווייל לייבעס טאָכטער צלובה, די שנעלערקע, האָט אים אַהין אַריינגעבראַכט. ער איז מיט איר צוזאַמען געווען אין געהיימען סאָציאַליסטישן קרייזל פון די „טעקסטילאָוצעס".

איז די מעשה אַזוי געווען.

די צייט איז געווען אַ פאַרנעפּלטע, אַ קלעפּיקע, עס האָט געפּעלט לופט. אין בית־מדרש האָט מען דערציילט, אַז איינער אַ מאַנאַך, אַ דאַרפישער שכור און הולטיי, אַ פּראָסטער מוזשיק, אַ נואפניק און כשוף־מאַכער, האָט זיך אַריינגעקליבן אין צאַרס פּאַלאַץ, מאַכט דאָרט שוואַרצע שטיק, אָפּשפּרעכונגען, שכורט און לעבט אַ גוטן טאָג מיט דער צאַרינטע אַליין, חוץ מיט די גראַפסקע, באַראָנסקע און גענעראַלסקע נקבות. אַזוי ווייט און אַזוי לאַנג, אַז ער האָט דעם מלך־טפש, דעם צאַרעלע מיטן ציגן־בערדל, אויך אַריינגענומען אין זיינע לאַפּעס און ער טוט מיט אים וואָס נאָר ער וויל. דערצו איז ער נאָך אַ ביטערער שונא־ישראל, רחמנא־ליצלן, אַ „טשאַרנעסאָטניק", ער וויל אויסקוילענען אַלע יידן. אַזוי האָבן דערציילט אין בית־מדרש יידן, וואָס ווייסן, נישט אַבי־ווער:

אין דער פּעטערבורגער גאָסודאַרסטווענער דומע האָט מאַרקאָוו דער צווייטער אָנגעטאָן יידן כל הצרות. די רעוואָלוציע פון „ניינצן פינף" האָט מען שוין באַלד פאַרגעסן. געווען אַמאָל אַ מעשה. איבער דער מדינה זענען אומגעגאַנגען חוזק און שרעק. אין טראַקטירן, רעסטאָראַנען און שענקען האָבן פּריצים און „קופּצעס", אָפיצירן און גענעראַלן געזויפן, געשיכורט, געבראָכן שפּיגלען, געהאַלטן אין מיטן די נעכט נאַקעטע נקבות, טענצערינס, באַלעטניצעס, זינגערינס אויף די שויסן, געוואַלגערט זיך מיט זיי אויף די קאַנאַפּעס, אונטער די שיכורע טישן, אויסגעחזירט די פונאַנדערגעשפּילעטע סורדוטן און גענעראַלסקע מונדירן מיט שליפעס, מעדאַלן און פּרענז. זיי זענען געווען זיכער, אַז רוסלאַנד איז זייערס אויף אייביק.

אין „זעמסקע אופּראַוועס" האָבן זיך באַהאַלטן די ליבעראַלן — „קאַדעטן" און „אָקטיאַבריסטן" און האָבן נאָך אַלץ שטיל גערעדט וועגן רעפאָרמען און וועגן „קאָנסטיטוציאָנעלער דעמאָקראַטיע"; קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געשעפּטשעט וועגן „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע". די פּעטערבורגער צייטונגען, די „רעטש" און „דיען", די מאָסקווער „וויעדאָמאָסטי" האָבן געדרוקט קראַמאַלנע אַרטיקלען, פאַרשטעלטע אָנדייטונגען, רמזים וועגן דעם מאַניאַק אין פּאַלאַץ. די שוואַרצמאַהדיקע אַנטיסעמיטישע סוואָרינס „נאָוואָיע ווערעמיאַ" האָט געשיפּעט, געהעצט אויף דער „זשידאָווסקער קראַמאָלע".

אין פאַרשיידענע בילדונג־אָרגאַניזאַציעס, ביבליאָטעקן, ליטעראַטור־געזעלשאַפטן, וויסנשאַפטלעכע חברות, ליטעראַטור־זשורנאַלן האָבן זיך באַהאַלטן די רעשטלעך פון דער ערשטער רעוואָלוציע — „עסדעקעס", „עסעראָווצעס", „טרו־

דאָוויקעס״ — די וואָס זענען נישט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און נישט גע־וואָרן בעלי־תשובה און ציניקער.

אין דער גאָסודאַרסטווענער דומע זענען געווען דעפּוטאַטן, וואָס האָבן אונ־טערגעהאַלטן פלאַמלעך אין דער גרויסער מדינה:

— צערעטעלי...

— טשעכאַ‏ידזע...

איבער די דערפער זענען אומגעגאַנגען אָפּקלאַנגען פון צויבערלעכע נעמען:

— טשערנאָוו...

— פּעשעכאָנאָוו...

אָבער דאָס גאַנצע לאַנד, די טויזנטער שטעט און צענדליקער טויזנטער דערפער, זענען געווען פאַרדעקט מיט פינצטערניש, פאַרגאָסן מיט „מאָנאָפּאָל־קעס״, אַרומגעשטעלט מיט צערקוועס, אַרומגערינגלט מיט פּאָפּעס מיט גרויסע צלמים, גראָב־בייכיקע, באַוואָקסענע, לאַנג־האָריקע, פאַרשיכורטע צלם־דינער, פּראַוואָסלאַוונע משרתים, וועמענס העכסטער האַר, דער האַר איבער אַלע האַרן איז געווען דער צאַר ניקאָלאַי, דער מלך שוטה מיטן ציגענעם בערדל. פאַרזונקען אין הונגער, קראַנקייט און עם־הארצות האָבן מיליאָנען און מיליאָנען רוסן, קליין־רוסן, ווייס־רוסן זיך אונטערטעניק איבערגעגעבן צו דער פינצטערער ממשלה פון שטן פון אוראַל ביזן דניעפּער...

איבער דער גרויסער ענדלאָזער מדינה, איבער דעם לאַנד פון אַלע מעג־לעכקייטן, האָבן געכוואָשטשעט בייטשן פון אוריאַדניקעס, פּריסטאַווס און פּאָ־ליציימייסטערס, פון זשאַנדאַרן און קאָזאַקן, פון אָכראַנע אָטדעלעניעס. עס זענען אומגעלאָפן קאַוואַלערסקע שטראָף־אָטריאַדן און באַוועלטיקט אַלץ.

עס האָבן זיך פון מאָל צו מאָל אַרויסגעריסן קולות, ווי פון מעכטיקע גלאָקן:

— טאָלסטאָי...

— מאַקסים גאָרקי...

און געוועקט, גערופן, אָפּגעקלונגען איבער דער לענג און דער ברייט, אין ווייטע דערפער, אין פעלדער, אין אָרעמע געסלעך, אין שולן, אין אוניווערסיטעטן, און פאַרקלונגען געוואָרן מיט טויזנטער גלעקער פון צערקוועס פון כאָרן און אָרקעסטערס מיט:

— באָזשע צאַריאַ כראַני...

אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, אין דער „טשערטאַ״, אין צפון־מערב־ראַיאָן, אין ליטע, פּוילן, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, אויף פּאָלעסיע, האָבן יידן געלעבט אין אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט, אָבער יידישע קינדער האָבן געלערנט אין חדרים און תלמוד־תורהס, אין „נאַראָדנע אוטשילישטשעס״, אין גימנאַזיעס, אין אוניווערסיטעטן. עס זענען אַרויסגעגאַנגען יידישע צייטונגען אין וואַרשע און אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק און אין אָדעס; עס זענען געווען יידישע חברות, לייַ־קאַסעס. די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן נאָך נישט אויסגעלאָשן זייער גלויבן, האָבן זיך פאַרטייעט אין „ליטעראַרישע געזעלשאַפטן״, „ביבליאָטעק־חברות״, „מפיצי־

השכלה־קאָמיטעטן", אין פאַרשטעלטע חודש־בלעטער אָדער וואָכן־צייטונגען, גע־זאָרגט אַז פונקען זאָלן נאָך טליִען.

די שטערן איבער דעם ארץ־ישראל־הימל זענען געווען פאַרוואָלקנט. מען האָט נישט געזען קיין שימער. ד"ר הערצל איז שוין געווען לאַנג טויט. ווען אַ משאַרטער פון סולטאַן האָט מען שוין נישט געחלומט. מער נישט אַביסל קנאים, ציוני־ציון, טוען דאָרט אין פּאַלעסטינע אויסטערלישקייטן — זענען שומרים, אין באַראַנס קאָלאָניעס, רעדן לשון־קודש אויף ספרדיש, שלינגען כינין און קרענקען אויף מאַלאַריע.

די וועבער, נופּערקעס און שפּולאַרקעס האָבן נאָך אַלץ געהאַט עטלעכע גע־היימע קרייזלעך, „סכאָדקעס". זומערצייט פלעגט מען זיך נאָך אַלץ באַגעגענען אין סלאָבאָדער וואַלד. עס פלעגט אַראָפּפאַלן אַ געהיימער שליח פון ווילנע, פון קיִעוו, אַפילו פון פּעטערבורג. עס איז נאָך נישט דער סוף. די רעוואָלוציע וועט נאָך קומען. זי קען זיך פאַרשפּעטיקן, אָבער זי וועט קומען.

אין קרייזל, צו וועלכן עס האָט געהערט צלובה די שנעלערקע, איז דעמאָלט צוגעקומען אַן אויסטערלישער, סמוגלער, דאַרער, יונגער בחורל מיט אַ שאַרפן קאָפּ און קלאָרן צונג. מען האָט וועגן אים דערציילט אַנטציקנדיקע מעשיות:

— ער איז דעם האָראָדאָקער רבס זון...

— ער איז אַ גרויסער למדן...

זיין שפּראַך איז געווען גאָר אַן אַנדערע. ער האָט גערעדט ווי עס רעדט אַ רב, אָדער אַ מגיד. ווען ער האָט גערעדט, האָט ער פאַרוואָס עפּעס צוגעמאַכט די אויגן. זיין דאַרער, ביינערדיקער פּנים איז געוואָרן נאָך דאַרער און נאָך ביינער־דיקער, און אַז ער האָט געעפנט זיינע אויגן, האָבן זיי געקוקט זייער ווייט און געווען פאַרהאַנגען מיט אַ פאַרהאַנגל.

ער האָט געהייסן נפתלי האָראָדאָקער. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ער איז אַוועק פון ישיבה, געקומען צו זיין טאַטן דעם גאון און געזאָגט:

— טאַטע, גאָט איז נישטאָ...

זיין טאַטע האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב, געריסן קריעה און זיך גע־זעצט שבעה. ער האָט אים אַרויסגעריסן פון האַרצן.

וואָסזשע האָט דעמאָלט געטאָן נפתלי?

אַ פּאָר וואָכן האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט, געשלאָפן אין בית־מדרש, גע־הונגערט, געהאַט מיט זיך גרויסע ישוב־הדעתן, ביז ער איז אַוועק צו די ברידער „לונסקי" און זיי געבעטן מיט אַ שטילן און קורצן געבעט:

— איך וויל זיין אַן אַרבעטער. לערנט מיך זיין אַ שפּינער. איך דאַרף פאַר־דינען אַ שטיקל ברויט בזעת אפּי.

פאַר דעם אַלטן פּסח לונסקי איז דאָס געווען אַ שווערע הלכה. וואָס זאָל ער טאָן מיטן רבס זון? עס איז אויף אים אַ רחמנות און עס איז אויך אַ רחמנות אויף זיין טאַטן, וואָס פּאַטשט מיט זיינע קליינע און דאַרע הענטלעך באַלעבאַטים פאַר עוולות קעגן אַרעמעלייט.

איז אַוועק פּסח לונסקי דער פאַבריקאַנט צום רב אין בית־דין־שטיבל און האָט אים אַזוי געפרעגט:

— רבי, אייער זון נפתלי וויל אָנקומען צו מיר אין פאַבריק, וואָס זאָל איך מיט אים טאָן?

— ער איז יצא לתרבות רעה — האָט שטיל געזאָגט מיט האַלבע ווערטער און געבראָכענעם קול דער האַראַדאָקער רב ר׳ זאַנוול פּלונגיאַנער — און איז מער נישט מיין זון...

— אָבער דאָך, רבי, וואָס?...

— וואָס, וואָס?

— זאָל איך אים אַריינעמען אין פאַבריק?

— ער איז מער נישט אין מיין רשות...

— זאָל איך טאָן ווי איך פאַרשטיי?

— טו און פּטור...

די לונסקיס האָבן אַריינגענומען אין זייער פאַבריק נפתלי דעם רבס. גאַנץ האַראַדאָק האָט מיט דעם געקאָכט. דאָס שטעטל איז געשטאַנען אויף זאַמדיקע בערגלעך. אין מיטן שטעטל איז געווען אַ גרויסער מאַרק, אַרום וועלכן עס זענען געשטאַנען הילצערנע הייזער, געבראָכענע באַלקאָנען, מיט דאַכעלקעס באַדעקט, צעבויגענע, אויסגעקרימטע. אַראָפּ־צו אין די גאַסן זענען געשטאַנען די פאַבריקן מיט די הויכע קוימענס, ווו יידישע באַלמעלאָכעס האָבן געקלונגען מיט די וועב־שטולן און גויים האָבן געאַרבעט אין די שפּינערייען. פאַרנאַכט איז מען געשטאַנען אויפן מאַרק און מען האָט דערציילט די מעשה וועגן רבס זון. די באַלמעלאָכעס זענען געווען גרויס, וואָס נפתלי, דעם רבס עלוי, איז געוואָרן אַ פאַבריק־מענטש, אַן אַרבעטער, אַ זייעריקער.

לאַנגע וואָכן איז נפתלי נישט אַרויסגעקומען פון פאַבריק — פון לונסקיס שפּינערייִ. ער האָט פלייסיק געלערנט די תורה פון די שפּינערייִ־מאַשינען, פון די „סאַלפּעקטאָרן״, די דראָטענע באַרשטן און טונען, די „וועלף״ — די מאַשינען, וואָס רייסן שמאַטעס, וואָס מען מישט צונויף מיט וואָל און באַוול און מען מאַכט פון דעם די ביליקע טוכן, וואָס גייען אין רוסלאַנד. מיטן שכל האָט ער עס שנעל באַנומען, אָבער די גמרא־העֶנט האָבן נישט געהאַט דעם גויִישן כח פון די שפּינערייִ־„פּוצערס״. ער האָט געגנעכטיקט אין פאַבריק, אין באַרג וואָל, וואָס מען האָט נאָך געדאַרפט צעקאַמען און שפּינען. אין פאַבריק איז שטיל. אַז די מאַשינען שטעלן זיך אָפּ, עס האַקט זיך אָפּ דאָס גערויש, הערט מען שטאַרק די שטילקייט. זיצט נפתלי בין־השמשות־צייט אין אַ באַרג וואָל און לייענט אַ שווערן בוך אויף רוסיש:

באַקאַלס געשיכטע פון ציוויליזאַציע...

ווערט טונקל, פינצטער, איז דאַ וועגן וואָס צו טראַכטן — וועגן דער מציאות פון גאָט, וועגן דעם שכל פון אפּיקורסות, וועגן תכלית פון מענטש, וועגן סדר־העולם...

די פאַבריק שטייט. אַלע מאַשינען זענען שוואַרץ און רוען נאָך אַ טאָג אַרבעט. די טראַנסמיסיעס דרייען זיך נישט. די „פּאַרוווקע" זעצט מער נישט מיט פּאַרע. קיינער פון די גוים און גויעס זענען אין פאַבריק נישטאָ. די מעת־לעתן פראַצע הענגען אין חלל. מער נישט נפתלי דעם רבס זיצט אין אַ באַרג וואָל און טראַכט אויסנווייניק וועגן באַקאַלס געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע.

די פאַבריק, די מאַשינען, די „וועלף", די וואָל און שמאַטעס — דאָס איז ממש, איינס און צוויי און דו פאַרשטייסט דאָס. דאָס איז נישט הימל און ערד, די גלגלים און די כוכבים, די זאַך און די סיבה, די דינאַמיק פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם...

„דער אַרבעטער־קלאַס וועט מאַכן אַ גערעכטע וועלט"... — דאָס זענען דאָך די גוים און גויעס, וואָס עסן שטיקער שוואַרצע ברויט מיט פעטן חזיר, האַלטן דאָס אין שוואַרצע, פאַרבוימלטע הענט, טרינקען בראָנפן, רעדן גע־מיינע רייד, וואַלגערן זיך איינע אויף די אַנדערע אין שמאַטעס־שפּייכלער, קווי־טשען, שעלטן, קנייפּן אין די הינטנס... — זיי דאַרפן ווערן מענטשן, מען דאַרף עפענען זייערע אויגן און זיי ווייזן דעם אמת.

ווי אַזוי וועסטו דאָס טאָן, נפתלי בן־הרב?...

שמועסט מען ביי די לונסקיס, אַז עס איז עפּעס נישט גלאַט מיטן רבס זון — וואָס נעכטיקט אין פאַבריק, וואָס דרייט זיך אַרום אַ שווייגנדיקער ווי אַ שאָטן. קען זיין, אַז ער איז גאָר פון „יענע", פון די וואָס זענען קעגן קייסער. זיין גיין אין פאַבריק אַריין זאָל זיין גאַרנישט אַזוי גלאַט, עס זאָל שטעקן אַ מין — וואָרום וואָס איז טאַקע דער שכל פאַר אַזאַ בחורל, אַ תלמיד־חכם, צו גיין אין שפּינעריי אַריין?...

געוווּסט האָט ר' זאַנוועלע פלונגיאַנער, דער האָראָדאָקער רב, דער גאון, אַז זיין זון איז געשטראָפט געוואָרן, הציץ ונפגע, און זיין גיין אין פאַבריק אַריין איז גאָר אַ מין אַריבערגיין אין אַן אַנדער וועלט, אַז זיין זון איז אַוועק מלחמה־האַלטן מיט מלכותא דארעא, מיט דינא דמלכותא, מיטן מלך ירום הודו. ער וועט נאָך גיין קיין סיביר. דערוויל איז ער געגאַנגען ווערן אַ פּראָסטער „ראַבאָטשע", יידן און גוים גלייך, אויס תורה, אויס יידישקייט:

— רחמנא לצלן...

דער רב איז נאָך זיין קריעה־רייסן און שבעה־זיצן אַריינגעפאַלן אין עצבות. דער רופא האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער שוואַך, ממש אַ נוטה למות. עס איז נישט געווען שייך, אַז נפתלי זאָל חרטה האָבן. ער איז שפּעטער אַוועק פון האָ־ראָדאָק צום שכנותדיקן ביאַליסטאָק, ווו די לונסקיס האָבן געהאַט אַן אַנדער פאַבריק. זאָל ער גלייכער נישט זיין נאָענט צום טאַטנס כסא־רבנות.

אין ביאַליסטאָק איז נפתלי דורך דער ביבליאָטעק אויף פּאָוועטשיזנע דער־גאַנגען צום געהיימען קרייזל פון די וועבער אויף פּיאַסקעס, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט אסתרס שוועסטער צלובה די שנעלערקע. מען האָט אים, נפתלין, געבראַכט אין קרייזל אַריין, ער זאָל דאָרט לערנען מיט די אַרבעטער:

די אַגראַר־פּראַגע אין רוסלאַנד...

ער האָט געלערנט מיט דעם קרייזל גאַנץ אַנדערש ווי עס האָבן געלערנט אַנדערע „אינטעליגענטן״, וואָס פלעגן קומען אַהין מיט דינע בראָשורקעס. עס איז געווען נאָר צו חידושן, פון וואַנען אָט דער דאָרער און בלייכער בחורל ווייסט דאָס אַלץ — וויפל פּריצים און וויפל פּויערים, וויפל עס פּאַרדינט אַ פּריץ און וויפל עס פּאַרדינט אַ פּויער. וויפל עס גיט אַרויס אַ דעסיאַטין ערד קאָרן, האָבער און ווייץ, ווי אַזוי מען וואָלט געקענט מאַכן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דריי מאָל און פיר מאָל אַזויפיל. היינט וואָס פאַראַ רעפאָרמען מען דאַרף מאַכן, ווי אַזוי מען זאָל צונעמען די ערד ביי די פּריצים און צערקוועס און אַוועקגעבן צו די ערדלאָזע פּויערים.

—וואָרום די פּויערים האָבן ליב די „מאַטושקאַ זעמליאַ״, וואָרום די ערד איז זייער מאַמע, וואָרום די פּויערים לעבן אין נויט און אָרעמקייט...

— נעמט, למשל, דעם הונגער אין וויאַטקער גובערניע...

און דער רויִקער, שטילער, בנעימותדיקער און אומעטיקער נפתלי דערציילט זיך וועגן די הונגעריקע פּויערים מיט אַזאַ האַרץ, מיט אַזעלכע טיפע ווערטער, ווי ער וואָלט זיין אַ זייעריקער, געקומען פון וויאַטקע צו האַלטן דאָ זייער טענה: ער רעדט וועגן די דאָרפישע כאַטעס, וועגן די פּויערישע לידיקע שייערן, וועגן די פּוסטע שטאַלן, וועגן דער איינציקער קוואָרער בהמהלע, וועגן די שטילע, איינזאַמע לוויות פון זייערע קינדער, וואָס ווערן געבוירן טויטערהייט און ווערן באַגראָבן אויפן אייגענעם פעלד. קיינער האָט נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז ער איז נאָך כמעט קיינמאָל נישט געווען אין אַ דאָרף.

צלובהן איז געפעלן געוואָרן דער יונגער שפּינער, וואָס האָט נאָך אויסגעזען ווי אַ יינגל. מען איז צוזאַמען געגאַנגען פון קרייזל אַהיים. צלובה האָט געוווּסט, אַז איר טאַטע־מאַמע וועט געפעלן ווערן אָט דער שטילער למדן און שפּינער נפתלי.

זי האָט אים פאַרבעטן צו זיי אין שטוב אויף אַ גלאָז טיי. ער האָט זיך געקווענקלט, געשעמט, אָבער — דאָך זיך געלאָזט איינרעדן. צלובה איז גערעכט געווען. האַראַדאָקער רבס זון, דער באַלמעלאָכע, איז געפעלן געוואָרן לייבע דעם בלעכער — תורה און מלאכה צוזאַמען. ער קען דאָך משניות אויף אויסנווייניק!...

לייבע האָט אים געזאָגט, ער זאָל קומען שבת אין בית־מדרש פון די באַל־מעלאָכעס. עס איז געווען גוט צו זיצן ביים זידנדיקן סאַמאָוואָר, טרינקען טיי און צובייסן מיט שוואַרצן ברויט.

צום טיש האָט זיך אויך צוגעזעצט אסתר. זי האָט געהערט מיט קאָפּ נפתליס רייד וועגן „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ אין רוסלאַנד, וועגן סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ אויף ־ער תליה, וועגן טשאַפּאַיעוון, וועגן אויפשטאַנד פון די רעוואָלוציאָנערע קאַ־טאָרזשאַנעס אין יאַקוטסק.

— און ראָמאַנאָווקע...

רעדט נפתלי וועגן סיביר — וועגן אירקוטסק און יאַקוטסק, וועגן „לאַנד פון זאַווייעס און שנייען, אויפן ברעג פון לענאַ דער ברייטער“. זיינע ווערטער צינדן פייערן. עס פינקלט ווי אַ פולער הימל מיט שטערן. אסתרס אויגן ווערן גלאַנציקער. זי איז גרייט צו הערן און הערן. ער ווייסט אַזויפיל, דער נפתלי. זיין פּנים ווערט געררויטלט, די ביינער פון זיין געזיכט שטאַרצן אַרויס ווי ביי אַן אַסקעט. זיין שטערן איז הויך. אסתר מערקט, אַז זיינע הענט זענען דאַר און שמאָל. ווען ער רעדט, לעבן אַ באַזונדער לעבן זיינע פינגער.

נפתלי האָט אָנגעהויבן אַריינקומען אָפטער, נאָך דער אַרבעט, אָדער שבת נאָכן עסן אין לייבעס שטוב. ער האָט הנאה געהאַט צו זען ווי לייבע הערט זיינע רייד, ווי אַזוי צלובה, פון זיך קריז, איז שטאָלץ מיט אים. צלובה האָט אָבער גוט באַמערקט, אַז נפתלי רעדט, הויפּטזעכלעך, צו איר שוועסטער אסתר, וואָס האַלט אָפן אירע גרויסע אויגן און שלינגט די רייד.

לייבע האָט דערציילט נפתלין, אַז זיין ייִנגל לערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה, ער הערט פון אים ווייניק, חוץ דורך אַ בריוול ערב־יום־טוב. דער משגיח שרייבט וועגן זיין מענדלען, אַז ער וועט ווערן אַ גדול בתורה. נפתלי קען סלאָבאָדקער ישיבה. ער האָט דאָרט געלערנט. דאָרט, אין ישיבה, האָבן זיך די אויגן ביי אים געעפנט. קאָוונער סטודענטן פלעגן אָפּוואַרטן די ישיבה־בחורים ביי דער שוועל פון ישיבה. דאָס זעלבע וועט מסתמא פּאַרלויפן אויך מיט מענדלען.

מער פון אַלעמען וויל וויסן וועגן דער ישיבה גראַדע די גימנאַזיסטקע אסתר, טאַקע צוליב איר טוועגן דערציילט דאָס נפתלי:

— אין סלאָבאָדקער ישיבה לערנט מען טאָג און נאַכט: אין די נעכט איז אין ישיבה ליכטיק, מען לערנט משמורים. ווען איין משמור גייט אַרויס, קומט דער צווייטער אַריין. שבת אַזוי, יום־טוב אַזוי.

מוסר? וואָס איז מוסר? — דאָס לעבן איז אַ לייטער, מען מוז גיין כסדר אַרויף, שטיין קען מען נישט בלייבן, גייט מען נישט אַרויף, גייט מען אַראָפּ... עס טאָר נישט גיין, ווי עס גייט זיך, און עס טאָר זיך נישט טאָן, ווי עס טוט זיך...

דערציילט נפתלי וועגן די גרויסע בעלי־מוסר, ווי ר׳ יוסף יוזל, וואָס האָט געזאָגט: די וועלט זאָגט, אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער, און איך זאָג, אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַריבער. עס איז נישטאָ פאַר דעם אמתן מוסרניק קיין „איך קען נישט“, עס איז נאָר דאָ: „איך דאַרף“...

רעדט נפתלי מיט פאַרשטיקטן פלאַם, נישט ווילסנדיק גאָר, צי מען פאַר־שטייט גוט ביי דעם טיש, וואָס ער רעדט. ער וויל זייער, אַז אסתר זאָל פאַר־שטיין.

טאַקע דערפאַר האָט ער זיך דאָך אויפגעהויבן פון דער גמרא, אַוועק פון שטענדער. ער האָט נישט געוואָלט בלייבן שטיין פאַרזונקען אין עצבות. ער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין מיט „איך קען נישט“, נאָר ער האָט געוווסט „איך דאַרף!“...

מען קען נישט מסכּים זיין מיט אַ וועלט פון רשעות, מיט אַ ממשלת זדון, מיט אַ „טשערטאַ" פאַר ייִדן, מיטן דלות, מיט פינצטערניש. איך קען נישט, מען דאַרף!...

אסתר האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ אירן פון איר געשיכטע פון מיטלאַלטער, פון דער געשיכטע פון רוסלאַנד, פון די דריי הונדערט יאָר פון די ראָמאַנאָווס, און געהערט די ברענענדיקע ווערטער פון דאָרן ישיבה־בחור, וואָס איז גאָר געוואָרן אַ פּראָסטער אַרבעטער אין פאַבריק, אַזוי ווי איר שוועסטער צלובה, אַזוי ווי איר מאַמע. זי איז פון אים געוואָר געוואָרן, אַז זי ווייסט נישט עפּעס זייער וויכטיקס, וואָס זי דאַרף וויסן, — וועגן דער אָרדענונג פון דער וועלט.

זאָגט איר איינמאָל נפתלי:

— פילסט אָן דיך קאָפּ מיט פּראַוואָסלאַוונע אַרכימאַנדריטן, מיט צלמים און מיט יעפּיסקאָפּן, מיט הולטייסקע זאַכן, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון פאָלק, און עס איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר דריי טויזנט יאָר פון דיין פאָלק.

און נאָך עפּעס האָט ער איר געזאָגט:

— דיינע לערער דערציילן דיר נישט די אמתע מעשה פון דער וועלט, נאָר די פאַלשע... דאַרפסט זוכן די אמתע געשיכטע...

נפתליס געדאַנקען לויפן צו ווייט, זיינע ווערטער לויפן מיט די געדאַנקען, ווערט טומלדיק אין קאָפּ פון דעם וואָס ער רעדט, פון די אומבאַקאַנטע נעמען, וואָס ער וואַרפט אַרויס פון זיך, ווי ער וואָלט זיי נישט קענען איינהאַלטן אינע־ווייניק: — ירמיה, עמוס, הלל — פון איין זייט; מאַרקס, לאַסאַל, זשאָרעס, פון דער אַנדער זייט, — זיי דערלאַנגען אונדז הענט אַריבערצושפּרייזן אָפּגרונטן...

מען האָט זיך שוין אָפּגערוקט פון טיש. לייבע קען שוין נישט מיטמאַכן. עס איז שווער פאַר אים. צלובה דאַרף גיין אַרויסהעלפן דער מאַמען אין קיך. בלייבן ביים טיש נפתלי און אסתר. ער רעדט צו איר, און זי האַלט אָפּענע אויגן און אַן אָפן מויל.

— איך וואָלט דאָס וועלן לערנען... — זאָגט איינמאָל צו אים אסתר.

— לערן דו מיך רוסיש, — ענטפערט ער צוריק — און איך וועל דיך לערנען ייִדיש...

— אדרבה...

— איז אָפּגעמאַכט...

דאָס האָט געעפנט דאָס טירל צו אַ שטילער, פרומער, שעמעוודיקער ליבע צווישן האַראַדאָקער בן־הרב, דער שפּינעריי־אַרבעטער, און לייבע בלעכערס טאָכ־טער, די גימנאַזיסטקע. ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון איר. זי איז נאָך ביי אירע פופצן יאָר געווען אַ נאַיִוו קינד אין ליבע. זי האָט אָבער נישט געקענט זיך העלפן — אירע באַקן פלעגן זיך רויטלען, אירע אויגן פלעגן פלעמלען, איר האַרץ פלעגט אַזוי ווי קאַלט ווערן, זי איז געווען אָפּט אַ פאַר־טראָגענע אויף אַן אַנדער וועלט.

גימנאַזיסטקעס פון איר קלאַס פלעגן איר צומאָל באַגעגענען מיטן אומע־טיקן, סמוגלען, אָבער ברענענדיקן האַראַדאַקער בן־הרב, און פלעגן זיך חידושן — ווי קומט אַ גימנאַזיסטקע מיט אַזאַ בחור?... — איר, אסתרן, פלעגט דאָס ניט אַרן. די מיידלעך פלעגן איר פרעגן:

— דו האָסט אים ליב?...

פלעגט זי גאַרנישט ענטפערן. און וואָס איז דאָס זייער דאגה?...

נפתלי איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שעמעוודיקער אין ליבע. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם מיט אסתרן, הגם ער האָט גוט געוווּסט צו וועמען ער גייט צו לייבען אין שטוב אַריין.

לייבע האָט אויך געוווּסט. מאַשע, די מאַמע, האָט אויך געוווּסט. געוויס האָט געוווּסט צלובה.

איינמאָל נאָר זענען זיי, זומערצייט, ווען מען לערנט נישט אין גימנאַזיע און די שפּינערײַ, ווו נפתלי האָט געאַרבעט איז געשטאַנען, פאַרבליבן ביז שפּעט אין אָוונט אין סלאָבאָדער וואַלד. דער באַרג איז הויך, די סאָסנע־ביימער זענען שלאַנק, שמעקעדיק און רעדן מיטן ווינט; די שטערן זענען כישופדיק — דע־מאָלט געשעען וווּנדער, געשעען אומגעריכטע זאַכן.

נפתלי האָט געוואַגט צו זאָגן צו אסתרן:

— איך האָב דיך זייער ליב...

ווו האָט ער גענומען כח צו דעם, מוט? — ווי אַזוי איז דאָס גאָר אַרויס־געקומען פון זיין מויל?...

ווי קומט דאָס גאָר אַריין אין מיטן די געדאַנקען און ביכער פון דער וועלט און יענער וועלט, פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם?...

ער האָט אָבער דאָס געזאָגט!

ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אין כעס ווערן, זי וועט אַוועק אַליין. ניין. זי האָט נישט אַזוי געטאָן. זי איז געבליבן מיט אים אַ רגע שטום, שטיל. זי איז געוואָרן צעטומלט. נאָך דעם האָט זי אַרויסגעריסן פון זיך איין וואָרט:

— נפתלי...

האָט ער געשוויגן, געשוויגן, ביז ער האָט איר געענטפערט:

— אסתר...

זי האָט זיך אויפגעהויבן. עפּעס האָט זי געמוזט טאָן. זי האָט אים אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און אַ דריק געטאָן. ער האָט איר געענטפערט. אַ היץ איז דורכגעגאַנגען זייערעביידנס גופים.

— לאָמיר גיין... — האָט זי געזאָגט צו אים און נישט אָפּגעלאָזט זיין האַנט.

— לאָמיר, אסתר...

ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אַרום איר האַלדז. איר לייב האָט אויפגע־ציטערט. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים. גענענט קאָפּ צו קאָפּ. אַ פויגל האָט געשריִען פון דער הויך פון אַ בוים.

זיי זענען געגאַנגען אַרומגענומען דורך דיביימער, איבער דער שמאָלער סטעזשקע פון אַלטן וואַלד. די שטערן זענען מיטגעגאַנגען פאַרקלערט. די לבנה איז מיטגעגאַנגען אויך פאַרקלערט. די נאַכט איז מיט זיי מיטגעגאַנגען און גע־האַט איר אייגענע מחשבה. דער סוד פון יונגן לעבן איז מיט זייביידן געגאַנגען.

ווייסטו וואָס דאָס איז?

דאָס איז די ערשטע, די יונגע, די אומשולדיקע, די כשרע ליבע.

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט מיט זיי פאַרלאָפן אין די קומענדיקע וואָכן און חדשים, ווען נישט דאָס ביטערע מזל און מיט אים דאָס אומגליק.

עס איז געווען יעשיען־צייט, נפתלי האָט זיך פאַרקילט און איז קראַנק גע־וואָרן. ער האָט געברענט אין היץ צען טעג נאָכאַנאַנד. ער איז געווען קראַנק אויף טיפוס. די קדחת האָט אים פאַרלענדט.

אויס מיט נפתלין. אויס מיט דער ליבע.

דער האַראַדאָקער רב האָט אָוועקגענומען זיין טויטן זון, וואָס איז אַרויס לתרבות רעה, אים צו מקבר זיין אויף מיכאַלאָווער בית־עולם. הגם ער האָט נאָך אים מיט אַ צייט פריִער געריסן קריעה, האָט ער דאָך זיך אַליין מתיר געמאַכט צו זאָגן נאָך אים קדיש.

ווען מען האָט עס אָנגעזאָגט אסתרן, איז זי אָוועקגעפאַלן און געחלשט. מען האָט קוים איר אויפגעמונטערט. זי האָט געעפנט די אויגן, אַרומגעקוקט זיך, געזען איר קליינע, צעשראָקענע מאַמע, האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט אַלע כוחות און געזאָגט:

— גאָרנישט, מאַמע... גאָרנישט...

נאָכדעם האָט אסתר אָפּגעוויינט אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, האַלבע נעכט. איר מאַמע האָט דאָס גוט געהערט. מיט וואָס האָט זי דען געקענט העלפן איר טאָכטער?

אַ לאַנגע צייט איז אסתר געגאַנגען אַזוי ווי נפתלי, אין דער ביבליאָטעק אויף פּאַוועטשיזנע, נעמען יידישע ביכער און האָט זיי געשלונגען.

אין יענער צייט האָט מאַשע געשריבן אַ לענגערן בריוו צו איר זון מענדל אין סלאָבאָדקער ישיבה. זי פלעגט שרייבן צו אים גאַנץ זעלטן. ערשטנס קומט איר אָן דאָס שרייבן נישט אַזוי גרינג. רעדן איז גרינגער. מען קען נישט אַרויס־ברענגען אויף דעם פּאַפּיר אַלץ וואָס מען וואָלט וועלן. זי איז צופרידן, אַז זי קען אָנשרייבן אַבי־ווי אַ צוויי־דריי זייטלעך פּאַפּיר, מיט גרעסערע בוכשטאַבן. ער, מענדל, איז גאָר אָפּגעפרעמדט געוואָרן. ער אַליין שרייבט גאָרנישט. דער משגיח פון ישיבה שרייבט נאָר איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר, ערב פּסח, אָדער ערב ימים־נוראים, אַז מענדל איז ברוך־השם בקו הבריאות און אַז ער לערנט מיט התמדה, ער מאַכט גרויסע פּעולות. לייבע שטייט צו מען זאָל אים שרייבן, מען זאָל אים הייסן קומען אויף יום־טוב, ער וואָלט גריילעך וועלן זען און הערן זיין זון, אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער וועט זיין אַ רב... — שרייבט דעמאָלט זיין

זוייב מאַשע אַ פּאָר שורות, און עס קומט אָן מיט פּאַרשפּעקטיקונג, אַ פּאָר ווערטער פון מענדלען, אַז ער איז געזונט און ער לערנט. דאָס מאָל האָט מאַשע געשריבן אַ לענגערן בריוו, דערציילט וועגן אומגליק וואָס האָט געטראָפן מיטן האַראָדאָקער רבס יינגל, וואָס פלעגט אַריינקומען צו זיי אין שטוב, אַז זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז אסתרס באַשערטער, אַז אסתרקע האָט געהאַט אַוועקגעחלשט, מער נישט — גאָט האָט געהאָלפן, זי לערנט ווייטער אין גימנאַזיע און איז אַ גאָלדן קינד.

אויף דעם איז שוין געקומען אַ ביסל אַ לענגערער ענטפער פון מענדלען. אייגנטלעך האָט ער געשריבן צו זיין שוועסטער אסתר. ער האָט אַריינגעשריבן אין בריוו אַ סך קלוגע ווערטער. ער האָט געשריבן, אַז אַלץ איז מן השמים, ווי באַלד עס איז מן השמים, מוז מען עס אָננעמען פאַר גוט.

— ער שרייבט שוין ווי אַ רב... — האָט לייבע געזאָגט און געקוקט אויף מענדלס בריוו, ווי אויף אַ בלאַט פון אַ ספר.

## אַכטער קאַפּיטל

# זאָלסט מיר זײַן געזונט, אסתּר

אסתר איז שוין געווען אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. זי איז שוין אַלט זעכצן יאָר. שוין פיר יאָר ווי זי לערנט נאָר אויף „פינפן". די „נאַטשאַלניצע" פון גימנאַזיע, כוואָליעס, געדענקט גוט איר „גוטע שילערין און אָרעם קינד", עספּיר לאַפּידעס" און באַזאָרגט איר מיט שילערינס. אירע פאַרדינסטן גיט אסתר אָפּ איר מאַמען. זי איז אַ סך צײַט פאַרנומען מיט אירע שילערינס, מוז זי מאַכן אירע אײגענע שול־אויפגאַבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אסתר באַקומט אירע „פינפן" נישט נאָר פאַר איר גוטן קאָפּ, נאָר נאָך מער — צוליב איר פלײסיקײט. זי האָט געקענט אירע לערנביכער אויף אויסנווייניק.

— אסתרקע, גײ שוין שלאָפן... — טרײַבט איר די מאַמע שפּעט אין דער נאַכט אין בעט אַרײַן.

— „וואָס אסתרקע וועט נישט לערנען — ענטפערט זי מיט איר מאַמעס ווערטל — וועט אסתר נישט קענען"...

נאָך נפתליס יונגן טויט איז זי שטילער געוואָרן, מער אײַנגעצויגן אין זיך. אַזוי ווי זײַן שאָטן וואָלט געווען אַרום איר. עס איז איר געבליבן צוליב אים אַ באַגער נאָך יידישע אותיות, אַ תשוקה נאָך יידישע ביכער. זי האָט דער עיקר געלייענט יידישע געשיכטע. דאָס האָט איר שטאַרק אינטערעסירט.

— רוסישע געשיכטע איז אַ פליכט פון גימנאַזיע — פלעגן אסתר זאָגן — וועלטגעשיכטע איז אַ רײַזע אין דער ווײַטקייט, יידישע געשיכטע איז אַזוי ווי מען זיצט אין דער היים.

מיט אַ העברעיש־רוסישן ווערטער־בוך האָט זי שווער געהאָרעוועט צו פאַרשטײן ביאַליקס שירים, וואָס נפתלי האָט איר געגעבן אַ מתּנה, האַרט פאַר זײַן טויט. זי האָט אָנגעהויבן עס צו פאַרשטײן יעדן טאָג בעסער. עס האָט זיך געמאַכט מיט איר אַזוי, עפּעס אַזוי ווי אַ וווּנדער, נאָך אַ לאַנגן חלום אין דער נאַכט

איז זי אויפגעשטאַנען און דערזען מיט די אויגן אין דער לופט, אַז זי קען אויס־לייגן העברעיִשע ווערטער. שפּראַכן האָבן זיך איר בכלל לייכט געגעבן — רוסיש, דייטש, אַביסל לאַטיין, איצט העברעיִש. וועגן יידיש איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן.

פלעגט טרעפן אָפט, אַז זי פלעגט מיד ווערן, זייער שוואַך ווערן. דעמאָלט פלעגט זי ליגן שעהן אויף דער פון יאָרן אָפּגעניצטער, אָפּגעריבענער, אַביסל צע־ריסענער סאַראַטענער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער מיט די דריי וואַזאָנעס. זי פלעגט ליגן און גאַפן מיט אירע קיילעכדיקע, גרויסע אויגן. עס האָט געקענט זיין, אַז זי האָט געדרימלט מיט אָפענע אויגן. אַז די מאַמע פלעגט איר דערזען אַזאַ, פלעגט זי זיך דערשרעקן צום טויט און וועקן איר טאַטער מיט אַ צערודערט האַרץ:

— אסתר... אסתר... וואָס איז מיט דיר?... גיב אַ קוק אויף מיר...

— גאָרנישט, מאַמע, גאָרנישט, איך זע דיך...

— טאָ וואָס קוקסטו אַזוי?

— גאָרנישט, מאַמע, זיי נישט צעשראָקן.

— הייב זיך אויף, וועל איך דיר געבן אַ גלאָז מילך.

— מען דאַרף נישט. איך וויל נישט.

לייבע דער בלעכער פלעגט זאָגן מאַשען, זיין ווייב, אַז מען פאַרמוטשעט אסתרן צופיל, אַז מען האָט זיך אויף איר אָנגעזעצט מיט אַ גימנאַזיע, וואָס מען דאַרף אויף „טיסיאַטשי כפּרות“. ער האָט געוווסט, אַז ער רעדט וועגן דעם צו דער וואַנט. זיין טאָכטער וועט ער שוין נישט אָפּרייסן פון די ביכער.

ער האָט לעצטנס מער נחת געהאַט, ווייל ער האָט געזען צווישן די גויִשע ביכער אויך יידישע, ספרים מיט לשון־קודשדיקע בוכשטאַבן. אַזוי ווי אין סידור. אַזעלכע ביכער זענען קרובים צו יידישקייט!

— אַ מאָדנע אָכאָטע האָט זי צו זיי... — פלעגט זאָגן לייבע ווען ער פלעגט איר זען אַריינגעטאָן אין איינעם פון זיי. ער פלעגט דאָס איבערדערציילן אין תורת־חיים־בית־מדרשל.

ער פלעגט זיך איינקוקן, ווי זיין טאָכטער נעצט דעם פינגער און מישט איינע נאָך די אַנדערע די יידישע בלעטער. ממש מן השמים! — אסתר וועט זיין אַ למדן. זי וועט נאָך פאַרשטיין אַפילו משניות, אַלץ קען זיין ביי איר. ער האָט אָנגעזאָגט זיין ווייב, שטילערהייט, אַז די ציגן־מילך זאָל מען פאַרברויכן נאָר פאַר אסתרן.

— זי איז שוואַך...

— זי זאָל מיר נאָר נישט חלשן אַ צווייטן מאָל.

פאַר חלשן האָט זיך לייבע דער בלעכער זייער געשראָקן. „אַז איך זע ווי מען חלשט — פלעגט ער זאָגן — זע איך זיך מיט יענער וועלט“. ער האָט גע־ווּסט, פאַרוואָס ער זאָגט אַזוי. עס איז גלייכער נישט צו רעדן דערוועגן. ער זעט דעמאָלט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די שרעקלעכע מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן מיט זיין מאַמען, ווען ער איז נאָך געווען אַ חדר־יינגל.

זיי האָבן דעמאָלט געווינט אין סופּראַסלע, ווו דייטשן האָבן געשטעלט וועבערייען צו מאַכן סחורה פאַר רוסלאַנד. פון אַלטן און גרויסן פּוילישן שלאָס האָבן זיי געמאַכט אַ פאַבריק. פּוילישע און דייטשע גויִים האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן. לייבעס טאַטע, פּסח, איז געווען אַ קאַראַבעלניק, אַ ייִד אַ דאָרף־גייער. ער פלעגט קומען אַהיים אויף שבת מיטן זעקל ד׳אָרפישע סחורה. אָבער ער האָט נישט געבראַכט געגוג אויף חיונה. פלעגט דאָס ווייב זיינס, טויבע די געלע, אַרויסהעלפן אין פּרנסה — זי פלעגט אויסבאַקן אַ פּאָר ברויט־געבעקסן אַ וואָך און פלעגט זיי פאַרקויפן פון אַ טישל ביי איר הייזל. טויבעס שוואַרץ־ברויט אין דער וואָכן און די געפלאָכטענע שבתדיקע חלות האָבן געהאַט אַ שם אין שטעטל, אַפילו ביי די דייטשע שפינער. זי איז געווען פּסח קאַראַבעלניקס צווייטע ווייב, אַ סך ייִנגער פון אים, און האָט געהאַט טאַקע די טבע צו חלשן. „עס איז אוודאי די געפאַליקע" — האָט אויפגעקלערט יאַקע דער פעלדשער.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן טאָג, פּסח קאַראַבעלניק, לייבעס טאַטע, איז געווען אין ד׳אָרף; טויבע די געלע, לייבעס מאַמע, איז געשטאַנען ביי איר טישל מיטן ברויט, אַנגעפּעלצט, אַרומגעוויקלט מיט אַ שווערער פאַטשיילע, האָט זי פּלוצלונג דערפילט, אַז עס ווערט איר נישט גוט און האָט אַ געשריי געטאָן:

— לייבקע... לייבקע... גיכער!...

לייבקע האָט דערהערט ווי זיין מאַמע רופט אים, שרייט, אַ צעשראָקענע, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס גייט זיך. עס איז שוין נישט צום ערשטן מאָל, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ קישן פון בעט און געלאָפן מיט איר צו דער מאַמען. ער האָט געוווסט, אַז די מאַמע קען אומפאַלן, דאַרף זיך אַ קישן צוקאָפּנס. אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט באַוויזן אונטערוואַרפן די קישן ווען די מאַמע האָט געטאָן אַ פאַל — מיטן קאָפּ אויפן קישן.

וואָס זאָל איצטער טאָן לייבקע, אַ ייִנגל איינער אַליין און ער זעט, אַז די מאַמע זיינע ליגט אויף דער ערד ווי אַ קלאָץ, איינגעוויקלט אין טיכער?...

האָט ער געלאָזט ליגן זיך מאַמען אויף דער ערד פאַרן שטוב און געלאָפן הענדום־פענדום רופן „יאָקען דעם פעלדשער", דעם אַלטן דייטש, וואָס איז געווען סיי אַ שערער און סיי אַ רופא, פלעגט שטעלן געהאַקטע באַנקעס, לייגן קאָמפּרעסן, און געבן געטראַנקען פון אייגענע קרייטעכצער. מען האָט שוין ביז דעמאָלט עטלעכע מאָל גערופן יאָקען דעם פעלדשער צו לייבעס מאַמען.

יאָקע איז געווען אַ פאַמעלעכער, ער האָט נישט ליב געהאַט צו כאַפּן. און גראָד איז ביי אים געזעסן אַ דייטש, ווען ער האָט געמוזט אָפּגאָלן. מען פלעגט „יאָקע דעם פעלדשער", צוליב זיין לאַנגזאַמקייט רופן ביי בוכהאַלצן אין פאַבריק: „שטיי אויף יאָק, שוין האַלבער טאָג". ביז ער איז געקומען צום אָרט, ווו עס איז געלעגן אונטערן הימל לייבקעס מאַמע, האָט זי שוין געהאַט אויסגעהויכט די נשמה.

„זי איז געפאַלן מיטן פּנים אויפן קישן און דערשטיקט געוואָרן"... — האָט געזאָגט „יאָקע דער פעלדשער" און עס איז שוין נישט געווען וואָס צו מאַכן חוץ

אַריינשלעפּן איר אין שטוב אַריין און לייגן אויף דער ערד ווי אַלע מתים. לייבקע האָט זיך דערביי גוט אָנגעהאָרעוועט צוזאַמען מיטן פעלדשער. ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז זיין מאַמע איז אַזאַ שווערע.

— איך האָב פון דעמאָלט אָן מורא געהאַט אַ סך יאָרן צו קוקן אויף אַ קישן, ווי עס האָט מורא אַ קאַלב צו קוקן אויף אַ חלף... — פלעגט לייבע דער בלעכער דערציילן.

פּסח דער קאַראַבעלניק, לייבקעס טאַטע, איז אַראָפּגעקומען פון דאָרף און געפונען זיין ווייב אַ טויטע אויף דער ערד. אים איז שוין געבליבן נאָר איר צו מקבר זיין. אין סופּראסלע איז נישט געווען קיין בית־עולם, האָט מען געדאַרפט פירן אַ מת קיין קרינִיק, אַ וועלכע דרייסיק ווייאָרסט. פּסח האָט געשפּאַנט זיין אָרעם פערדל אין קאַראַבעלניק־וועגל, אויסגעבעט אים מיט היי, אויסגעשפּרייט אַ ליילעך און אַרויפגעלייגט זיין טויבע, שוין אַ מת נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט. ער האָט זי גוט איינגעדעקט. ער האָט גענומען די לייצעס מיטן בייטש אין די הענט און געפירט זיין ווייב צום קרינקער בית־עולם. לייבקע איז נאָכגעגאַנגען זיין טאַטן.

די פּאַרכטיקייט פון יענער נאַכט אויפן קרינקער וועג מיט זיין טויטער מאַמען האָט לייבע געדענקט זיין גאַנצן לעבן. עס פלעגט אים אַרומנעמען מיט אַנגסט ווען ער פלעגט דערציילן זיינע קינדער וועגן זייער באָבען, ווען זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען, ווייל זי איז דאָך געשטאָרבן ווען זייער טאַטע איז נאָך געווען אַ ייִנגל. מער ווי לייבע אַליין האָט געוווסט וועגן יענער לוויה לייבעס ווייב. זי האָט דאָס געוווסט פון הערן וועגן דעם. ווען לייבע פלעגט בלייבן שטיין אין מיטן דערציילן, פלעגט זי שוין דערציילן ווייטער.

— דער טאַטע, ער איז נאָך געווען דעמאָלט אַ קליינער ייִנגל, איז געזעסן אויפן וואָגן, וואָס האָט געפירט זיין געשטאָרבענע מאַמע, אייער באָבען עליה־השלום. די קלאַטשע האָט זיך קוים געשלעפּט, ווייל פערד גייען פּאַמעלעך מיט טויטע. זיין טאַטע, אייער זיידע, עליו השלום, אַ הויכער, אַ דאַרער, איז געגאַנגען ביי דעם וואָגן מיט די לייצעס און בייטשל אין די הענט...

נעמט איבער לייבע צוריק דאָס דערציילן פון זיין ווייב:

— דער טאַטע מיינער פלעגט זיך אָפּשטעלן פון מאָל צו מאָל, צוזאַמען מיט דער בידנער קלאַטשע, געשטאַנען און געשוויגן, גאָר פאַרגעסן, אַז מען דאַרף פאָרן ווייטער, אַז מען איז מיט אַ טויטער אין וואַלד ,און ער פלעגט זאָגן צו מיר: ...„נו, לייבקע, וואָס וועט זיין?... אַ, לייבקע?... וואָס וועט זיין מיט אונדז?... וואָס וועסטו טאָן אָן אַ מאַמען?... ווער וועט דיר געבן עסן?... האַ? — נישט אָפּגעהיט איר?... אַליין שולדיק“... ביז דאָס וועגל מיטן מת איז אַריינגעפאָרן אין קרינִיק. יעקב דער קאַראַבעלניק איז נישט געפאָרן דורכן מאַרק, כדי נישט צו פאַרבייפאָרן מיט זיין מת דעם קלויסטער מיטן הויכן צלם. אַזוי איז מען צוגעפאָרן צו לייבקעס זיידן, טויבע דער געלערס טאַטן, אַ ייִד אַ בן־שמונים, אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס, וואָס האָט געלעבט פון „מסחר“ מיט רעשטלעך לעדער.

## יעקב פּאַט

ער איז לאַנג געשטאַנען אונטערן פענצטער, נישט געהאַט קיין האַרץ צו עפענען די טיר צו טויבעס טאַטן, ביז ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט און אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקל פון בייטש:

— קומט אַרויס, שוועך!

— האַ? וואָס איז? ווער קלאַפּט? — האָט דער זקן געפרעגט אַ צעשראָקענער.

— אייער איידעם... טויבע... טויבע... אַן אומגליק מיט איר...

— וואָס טויבע?...

— געבראַכט אַהער צו קבורה...

— וואָס שייך?...

— ד׳ נתן וד׳ לקח...

נאָכדעם ווי מען האָט געבראַכט לייבקעס מאַמע צו קבורה אויף קרינקער בית־עולם, איז געבליבן מען זאָל דעם יתום לייבקע אַוועקגעבן צו דער עלטער־מומען, יענטעלע די פּריצטע, אין הויף אַריין —

— „זאָל דער יתום זיין אין הויף״.

יענטעלע די פּריצטע האָט געוואָלט טאָן די מצווה צום אָרעמען יתום, וואָס איז אירער אַ ווייטער קרוב. מען האָט איר, יענטעלען, געקענט אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. נישט נאָר דער פּריצישער הויף האָט געהערט צו איר, מיט די פעלדער, מיטן וואַלד, מיט די שטאַלן בהמות, מיט די פערד, מיט די דריי ברישקעס, נאָר צוזאַמען מיט אים אויך די ערד פון גאַנצן שטעטל, און די שטעטלשע באַלעבאַטים האָבן געדאַרפט איר צאָלן אַרענדע־געלט פאַר די פעלדער אויף וועלכע זיי האָבן געשטעלט זייערע הייזער. דאָס „ברעמל״ קראָמען אויפן מאַרק האָט געהערט יענטעלען.

וועגן „יענטעלע דער פּריצטע״ האָט מען דערציילט מעשים־נפלאים אין דער גאַנצער גובערניע.

זי האָט געשטאַמט פון יידישע פּריצים פון קרוין־פּוילן, גבירים־אדירים. זי איז געווען כמעט אַלע אירע יאָרן, פון דריי יאָר נאָך דער חתונה ביזן טיפן עלטער, אַן אַלמנה, נישט געוואָלט מער חתונה האָבן, אַרויסגעטריבן פון הויף אַלע שדכנים, וואָס זענען געקומען צו איר פון ליטע, פּוילן, רייסן. זי פלעגט נאָר, קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס, אין מיטן דערינען, אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט, מיטן שטעקן און זילבערנעם קעפּל אין האַנט, טאָן אַ פאָר אַוועק קיין גראָדנע אין גובערניע אַריין, קיינער ווייסט נישט געווי צוליב וואָס. מען פלעגט נאָר זאָגן, אַז זי פאָרט צום סאַמע גובערנאַטאָר און צו הויכע פּוילישע פּריצים וועגן גרויסע געשעפטן און פלעגט אַראָפּקומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אָפּזיצן דעמאָלט גאַנצע טעג ביי זיך אין הויף און קיינעם נישט צולאָזן צו זיך.

— דו שפּילסט זיך, יענטעלע די פּריצטע!...

דערציילט די מאַמע:

— האָט יענטעלע די פּריצטע גענומען אין הויף אַריין אייער טאָטן לייבקען דעם יתום... זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיין פרום, ער זאָל לערנען ביים מלמד, וועמען זי האָט געשיקט רופן אין פּאַלאַץ אַריין...

לייבקען זענען בעסער געפעלן געוואָרן די קי אין די שטאַלן. ער האָט זיך אויסגעלערנט רייטן אויף אַ פערד, וועלכער האָט אים געטראָגן איבער די פעלדער פון יענטעלעס מאַיאָנטעק. דאָס האָט אויפגעבראַכט יענטעלען. דאָס אָרעמע יתומל האָט געדאַרפט זיצן און לערנען ביים מלמד, וואָס זי האָט אַראָפּגעבראַכט פון שטעטל און נישט אַרומלויפן מיט די פערד אין פעלד. האָט זי געהייסן דעם מלמד און דעם פּאַראָבעק מען זאָל דעם יתום נעמען אין די הענט אַריין און אים אָפּ־ציילן אַביסל שמיץ, אים מאַכן פּאַר אַ לייט.

דעמאָלט איז לייבקע אַוועק פון הויף און מער נישט געזען יענטעלען די פּריצטע...

ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ בר־מצווה־יינגל און אַליין אויף דער וועלט. איז ער אַריין צום סטאָלער אין שטעטל און זיך אַליין אָנגעדונגען צו זיין ביי אים דריי יאָר „אַ יינגל אויף דער לער״, אָבער ער זאָל אים לערנען די מלאכה.

האָט דער סטאָלער אים אַוועקגעשטעלט ביי אַ טיש ברעטער, וואָס זענען געלעגן איינע אויף די אַנדערע, אים געוויזן ווי מען העבלעוועט, אים געגעבן אַ העבל אין האַנט און אים געהייסן העבלעווען...

לייבקע האָט זיך מיט כח גענומען צו דער העבלעריי ווי אַ באַלמעלאָכע. ער איז אָבער שנעל געוואָרן פּאַרמאַטערט. ער האָט געזען אונטער דער אויבערש־טער ברעט ליגט אַן אונטערשטע, אונטער דער אונטערשטער נאָך אַן אונטערשטע, ברעטער אונטער ברעטער, און די אַלע ברעטער וועט ער דאַרפן העבלעווען און העבלעווען — עס איז נישט פאַר אים, פאַר דעם האָט ער נישט געהאַט קיין גע־דולד.

האָט ער געלאָזט ליגן דעם העבל אויף דער ברעט און אַוועק, אויס סטאָלער...

איז ער ווידער געבליבן אַליין, האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין שטעטל קריניק, געשלאָפן אין בית־מדרש, געכאַפּט אַן עפּל און אַ מערן פון מאַרק, פון אַ גוייִשער פור. צום זיידן האָט ער מורא געהאַט אַריינצוגיין. ער האָט אויך מורא געהאַט, אַז יענטעלע די פּריצטע וועט שיקן אים נעמען צוריק אין הויף אַריין. האָט ער דערזען אַ בלעכעריי. אַ ייִד מיט אַ שוואַרץ בערדל, מיט אַ פריילעכן פּנים שטייט ביי אַן אויוועלע מיט קוילן און רוקט אַריין אייזנס אין פייער און נעמט זיי אַרויס רויטע, אָנגעגליטע, איז דאָס אים געפעלן געוואָרן.

— נעמט מיך אויף דער לערע, איך בין אַ יתום... — האָט ער זיך געבעטן ביים בלעכער געצל קוצענאָגע, דער קאַסאָקער.

— שטעק אַריין פריִער אַ פּענעץ ברויט אין פּרעסערל, — האָט אים געהייסן געצל קוצענאגע און אים אַריינגענומען אין ווערקשטעל.

געצל דער בלעכער, דער קאָסאָקער ייִד מיטן שוואַרצן בערדל, מיטן פריילעכן פּנים, מיטן מויל חכמהלעך, איז געווען אַ זעלטענער מייסטער־באַלמעלאָכע, ער האָט געהאַט גילדענע הענט, ער האָט געמאַכט בלעכערנע פייגעלעך, הענער, קאַטש־קעס, אָדלער, קונציקע טשייניקעס, בשמים־ביקסלעך, וואַנעס פאַר באַלעבאַטים און פּריצים, גזימסן איבער מויערן, דעכער, וואָס קיין טראָפּן וואַסער איז דורך זיי נישט דורכגעגאַנגען, ראָגן־רינעס און רערן, גראַגערס אויף פּורים, לאַמטערנעס אויף ווינטער, בלעכערנע פּושקעס מיט קונציקע שליסעלעך צו האַלטן אין זיי ווייבערשע פּערל, פינגערלעך און אויררינגלעך.

דאָס ייִנגל „אויף דער לער", לייבקע דער יתום, איז געפעלן געוואָרן געצל דעם בלעכער. ער האָט אים געלערנט די קונצן פון מלאכה, געלערנט אים אַר־בעטן מיט די בלעך־שערן, ביי די קאָוואַדלעס און שאַרף־מעסערס מיט די צירק־לען און העמערלעך, און אַז לייבקע האָט שוין געקענט אַריינטרעפן מיטן שאַרפן זייט פון האַמער פּונקט אין שוועבעלע, וואָס האָט געשטעקט צווישןביידע פינגער און געברענט, האָט געצל געפּסקנט:

— דער יאַט וואַקסט אַ באַלמעלאָכע.

ער האָט אים געגעבן אַן אָרט צו שלאָפן אין דעם ווערקשטעל, געהייסן זיין ווייב, זי זאָל אים געבן צו עסן. זיין ווייב איז געווען אָבער אַ קאַרגע ייִדענע, מיט אַ בייזן קרומען מויל. זי פלעגט דערלאַנגען לייבקען דאָס שיסעלע געקעכטס אויפן אַרבעטס־קלאָץ און אים צווואַרפן דאָס שטיקל ברויט, ווי עס וואָלט געווען אַן אַנשיקעניש אויף איר. לייבקע איז אָבער נישט אַוועק פון געצל קוצענאַגע.

זענען אַראָפּגעקומען באַלמעלאָכעס פון שוועדן — סטאָלערס, שלאָסערס און מאַלערס. דער פאַבריקאַנט יאַמפּאָלסקי האָט זיי אַראָפּגעבראַכט צו אַרבעטן אין זיין נייעם שלאָס, וואָס ער האָט געבויט. די באַלמעלאָכעס פון שוועדן האָבן זיך צונויפגעברודערט מיט געצלען, ער איז זיי געפעלן געוואָרן. זיי האָבן געהאַלטן פון זיין מייסטעריי, פלעגן מיט אים פאַרפאַלן ווערן אין שענקען אויף האַלבע נעכט, ביז זיי זענען אַוועק פון קריניק און מיטגענומען געצלען. נישטאָ מער געצל. זיין ווייב איז געבליבן אַן עגונה.

דעמאָלט איז די געצלעכע געבליבן מיט אירע פיר קינדער פּשוט אויף הפקר. וואָס האָט געקענט טאָן לייבקע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ היבש בחורל און אַ פיינער באַלמעלאָכע? — ער איז דערווייל געבליבן אין געצלס בלעכעריי און געטאָן אַליין די אַרבעט, עס זאָל אַריינפאַלן אַ גילדן. ביז וואָס־ווען האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ פּאָר יאָר.

— ביז עס איז געקומען אַ כישוף־מאַכער — דערציילט מאַשע אירע קינ־דער — גענומען אַ שיסל מיט צעלאָזענע בליי און געדרייט און געדרייט אונטער אַ פייער, און ער האָט אויסגעגאָסן פיגורן, פּנימער, געדרייטע געשטאַלטן אַזוי ווי רוחות, און ער האָט געזאָגט נביאות, אַז געצל וועט ווינטער־צייט, אין סאַמע מיטן די פרעסט און שנייען קומען צוריק צו זיין ווייב און קינדער.

לייבע איז דערביי געשטאַנען. ער האָט זיך געפרייט. ער איז געווען זיכער, אַז געצל קומט צוריק. ער וועט דעמאָלט פּטור ווערן פון עול. די געצלעכע וועט געהאָלפן ווערן און געצלס יתומים וועלן צוריק האָבן זייער טאַטן.

— וועל איך וואַרטן ביז ווינטער, ביז געצל וועט קומען... — האָט לייבע געזאָגט.

לייבקע איז דעמאָלט שוין אַלט געווען זעכצן יאָר. די נביאות פון כּישוף־מאַכער איז מקוים געוואָרן. געצל איז געקומען פון שווערדן קיין קריניק. דעמאָלט האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט לייבקע און אַוועק פון קריניק — עס איז אַרויס אַ „פּאָלנער באַלמעלאָכע" אויף דער וועלט...

אין די שעהן, ווען אסתר האָט זיך געפילט שוואַך, געלעגן אויפן טאַפּטשאַן אַ וואָכע ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָדער סתם אַזוי שבת פאַרנאַכט, פלעגט מאַמע די שנעלערקע דערציילן איר טאָכטער וועגן איר טאַטן — וועגן דעם ווי אַזוי לייבקע איז געווען אַ יתום, אַליין אויף דער וועלט.

— דיר, מיין קינד, איז בעסער ווי דיין טאַטן איז געווען... דו האָסט אַ היים, דו האָסט טאַטע און מאַמע, דו לערנסט אין אַ גימנאַזיע, דו וועסט זיין אַ מענטש...

— און דו, מאַמע, אַז דו ביסט געווען אַ קינד, אַ קליין מיידל, וואָס איז מיט דיר געווען? — וויל אסתר וויסן.

די מאַמע ענטפערט נישט אויף דעם. עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו דערציילן.

וואָס איז זי דען געווען? — אויך אַ יתומה, אָן אַ מאַמען זינט זי איז אַ קינד געווען. איר טאַטע איז געווען פון די ערשטע וועבער אין שטאָט. אַז זי איז נאָך געווען אַ קינד, איז זי אַוועק אין פאַבריק.

— און אין אַ שולע ביסטו געווען?

— נישט געווען פאַר אַזעלכע מיידלעך קיין שולעס. מיר האָבן ביי גרונטשען פון הינטער דער טורמע זיך געלערנט שרייבן...

די מאַמע קען שרייבן, זי קען שרייבן בעסער פאַרן טאַטן. זי שרייבט אַ בריוו ווו מען דאַרף. זי לייענט יידישע מעשה־ביכלעך, זינגט יידישע לידער, זי לייענט אויך שבת און יום־טוב ווייבערשע פרומע ספרים. זי קען דאָס דאַוונען אויף אויסנווייניק. זי איז געוואָרן אַ כלה צום טאַטן, ווייל דער פעטער יודל האָט גערעדט דעם שידוך.

— דערצייל, מאַמע.

— גיי שוין, גיי, נישטאָ וואָס צו דערציילן.

פאַרטראַכט זיך די מאַמע זיצנדיק לעבן איר טאָכטער, לויפן דורך פאַר אירע אויגן שווערע יאָרן פון פּראַצע, נויט, צענדליקער פאַבריק־יאָרן, עול פון קינדער, קראַנקייטן...

— זאָלסט מיר זיין געזונט, אסתר, זאָלסט זיין אַ מענטש.

און זי טראָגט צו אַ הייסע גלאָז מילך מיט אַ לעפעלע האָניק, זי פאַררופט זיך אויפן טאַטן:

— דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט דו זאָלסט טרינקען.

די מאַמע שעמט זיך פאַר איר טאָכטער אַרויסצוווייזן צו איר אַזוי אָפּן צערטלעכקייט, פאַררופט זי זיך אויפן טאַטן:

— דער טאַטע האָט געהייסן.

אסתר, אַז זי וועט ענדיקן די גימנאַזיע, וועט זי ווערן אַ מענטש, וועט פאַרדינען געלט. זי וועט אַלץ ברענגען אין שטוב אַריין. זי וועט נישט לאָזן איר מאַמען גיין אין פאַבריק. זי טרינקט די הייסע גלאָז מילך מיטן לעפעלע האָניק, נישט אַזוי צוליב זיך, ווי צוליב איר מאַמען.

## ניינטער קאַפּיטל

# אסתר ראַטעוועט צלובהן

עס טרעפט — דו עפנסט די טיר פון דיין שטוב, קוקסט אַרויס אינדרויסן, עס איז נאַכט, שטיל, מען זעט נישט קיין שטערן, דער הימל איז פאַרלייגט מיט וואָלקנס, פון פעלד און וואַלד קומט אַרויס פינצטערניש, ערשט עס הייבט אָן בלאָזן אַ ווינטל, ער ווערט שטאַרקער, די וואָלקנס הייבן אָן זיך טראָגן איינע איבער די אַנדערע, עס לאָזט זיך שנעל אַ שווערע, אַ געדיכטע, אַ משחיתדיקע כמאַרע. די פּויערים זאָגן:

— עס גייט אַ זאַווערוכע...

אַזוי איז געווען אין יענער צייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. נאָך יאָרן פון יאוש, געפאַלנקייט האָט אָנגעהויבן בלאָזן מיט שטורעם.

נישט נאָר דאָס לאַנד פון די גרויס־רוסן, ווייס־רוסן, קליין־רוסן, דאָס לאַנד פון די טאָטערישע כאַנען, פון איוואַן גראָזני, פון פּיאָטער דעם גרויסן, פון דריי הונדערט יאָר פון הויז פון די ראָמאַנאָווס, דאָס לאַנד פון פּושקין, לערמאָנטאָוו און טאָלסטאָי, דאָס לאַנד פון קאָזאַקן, „מאָנאָפּאָלקעס“, סיביר און תליות, נאָר אויך די לענדער ביי דעם רהיין און דונאַי, פון דער חרובער באַסטיליע, ביי דער טעמזע, דאָס לאַנד פון שעקספּיר און דיקענס האָבן דערשפּירט ווי עס טראָגט זיך אַ שטורעם. די לענדער זענען פול מיט זינד, מיט עבירה, מיט תאווה און מיט בלוט, מיט אומגליק, און עס רייסט זיך צו זיי די שטראָף; עס כוואַשטשען שוין פון דער נאָענט די בייטשן פון דער געשיכטע... אין ווילהעלמס פּאַלאַץ האָבן שוין טעוטאָנישע גענעראַלן געפּלאַנעוועט די נייע וועלט־קאַרטע מיט „דייטשלאַנד איבער אַלעס“. דער אַלטער, ווייסבאָרדיקער פראַנץ יאָזעף פון ווין, קירה אַליין, האָט געשפּירט אַ קאַלטן ווינט אין זיין שלאָס צווישן די בערג, קוקנדיק אין דער ווייט צו די באַלקאַנען, צו הערצעגאָווינע, צו מאַקעדאָניע...

קלמן דער בלעכער, דער פּועל, איז געווען גערעכט.

עס האָבן זיך ווידער באַוויזן פּראָקלאַמאַציעס קעגן צאַר און זיין זעלבסט־הערשאַפט, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט, אַז „די רעוואָלוציאָן דערנענטערט זיך".

ביי לייבע בלעכער אין שטוב האָט זיך דאָס באַוויזן אין געשטאַלט פון צוויי גאָרדאָוואָיען, אין שוואַרצע מאַנטלען, איין אקאלאדאטשניק אין אַ גרויען מונדיר, און איין פּאָליציי־אַגענט, ציוויל אָנגעטאָן. זיי זענען געקומען אין אָוונט, פאַרנומען די גאַנצע שטוב, איר פול געמאַכט מיט גאָרדאָוואָיסטוואָ, שנאַפּס, טורמע און שוואַרצע מאה.

— וווּ איז דיין טאָכטער, גאַספּאַדין לייבע לאַפּידעס? זי הייסט סלאַוואַ לאַפּידעס. גיב זי אַהער!...

די שטוב איז פול געוואָרן מיט אומרו, מיט פּאָליצייסקע שווערדן, פול מיט צרה, מיט אומגליק.

צלובה איז גראָדע נישט געווען. אסתר האָט זיך אָנגעשטויסן ווו איר שוועס־טער איז איצטער — ביי איר חברטע „גיטל די ווייסע" אין קראָכמאַלנע געסל, הינטערן בערגל. זי קען אָנקומען אַ ליאַדע מינוט. מען דאַרף אָפּהאַלטן. זאָל זי נישט קומען אין שטוב אַריין. אסתר האָט געקוקט אויף איר צעשראָקענער מאַ־מען, אויף איר צעטומלטן טאַטן. זי האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן פון שטוב און לויפן צו „גיטל דער ווייסער" איצט, אין מיטן דער נאַכט, אָבער — ווי לאָזט מען איבער טאַטע און מאַמע אַליין מיט די גאָרדאָוואָיען?

— ווי הייסטו? — האָט איר געפרעגט דער אָקאָלאָדאָטשניק אין גרויען מונדיר.

— אסתר.

— און ווער איז סלאַווע?

— מיין שוועסטער.

— וווּ איז זי?

— איך ווייס נישט.

— וואָס טוסטו?

— אַ גימנאַזיסטקע.

— אַזוי, לייבע, איין טאָכטער שיקסטו וואַרפן באָמבעס אויפן צאַר און דער צווייטער — אין גימנאַזיע. ביסט אַ כיטרער זשידעק, לייבע.

באָמבעס אויפן צאַר? וואָס רעדט ער, וואָס שרעקט ער לייבען? וואָס פאַר אַ באָמבעס? ווי קומט זיין טאָכטער צו באָמבעס?

וואָס ווילן זיי די גאָרדאָוואָיען?

— וווּ איז צלובה?

מען האָט געהייסן לייבען און זיין ווייב בלייבן ביים טיש און אַליין האָבן די גאָרדאָוואָיען זיך געלאָזט זוכן אויף די פּאָליצעס, אין שופלאָד, הינטער די קישנס, אין די שעניקעס, אָפּגעלייגט עטלעכע פון אסתרס יידישע ספרים, אַ פּאָר העפטן וועגן רוסישער געשיכטע. לייבע האָט נישט געקענט זיצן ביים טיש, ווו מען האָט אים געהייסן זיין, און ער איז געשטאַנען, געקוקט אין צווייטן חדר

אַריין ווו די גאַרדאָוואָיען האָבן געזוכט, געשנישטערט, אביסקעוועט... ווער ווייסט זיי וואָס זיי זוכן דאָרט? און אפשר האַלט טאַקע צלובה טרייף־פּסולס?...

ווו איז אסתר? — עפּעס זעט מען איר נישט.

לייבע האָט געהערט אַזוי ווי מען וואָלט זיך געדראַפּעט איבער דעם גע־קאַלכטן פּאַרקאַנדל, וואָס טיילט אָפּ זייער הייפל פון יאַנקל איזוואָשטשיקס הויף, פון וועלכן מען קומט אַרויס אין געסעלע, וואָס פירט צום קראָכמאַלנער בית־מדרש. הינטער דעם בית־מדרשל איז די קראָכמאַלנע געסל... דאָרט וווינט גיטל, צו וועמען עס גייט אָפטער צלובה. אַ קשיא אויף אַ מעשה. קען זיין, אַז אסתרקע איז דאָרט איצט, אין מיטן נאַכט, אַוועקגעקראָכן. זי איז געלאָפן אויסהיטן איר שוועסטער. אַ געזונט אויפן קינד!...

דאָס אַלץ איז אין פאַרלויף פון איין רגע דורכגעלאָפן לייבעס קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין ווייב מאַשע. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען. זי, מאַשע, האָט בעסער געהערט. זי האָט געוווּסט, וואָס אסתר האָט געטאָן. מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אירע קינדער!...

די גאַרדאָוואָיען האָבן אַלץ געזוכט. צוויי האָבן געריסן די פּאָדלאָגע אין צווייטן צימער. איינער האָט געזען, אַז אין קיכל עפּנט זיך אַ טירל אין פּאָדלאָגע, וואָס פירט צו אַ קעלערל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַהינצו, מיינענדיק אַז דאָרט וועט מען געפינען וואָס מען זוכט — אַ באָמבע, רעוואָלווערן, פּראָקלאַמאַציעס.

זיי האָבן זיך נישט געאיילט, זיי האָבן צייט. סיי ווי סיי וואַרטן זיי אויף „סלאַווע לאַפּידעס“, וואָס וועט געוויס אונטערקומען אַ ליאַדע מינוט און מען וועט זי דעמאָלט אַוועקפירן אין דער פּאָליציי אויף אַלעקסאַנדראָווסקאַ גאַס. אַזוי שטייט געשריבן אין פּאַפּיר פון פּאָליציימייסטער פּולאַן, וועלכער איז אין ביאַ־ליסטאָק דער צאַר אַליין.

אין דער זעלבער צייט איז אסתר אַריינגעקומען צו „גיטל דער ווייסער“. דאָרט איז געווען איר שוועסטער צלובה. זי האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט דערזען איר שוועסטער אסתר אין טיר מיט צעשויבערטע האָר.

— וואָס איז, אסתר?

— איך דאַרף דיך...

אסתר האָט שנעל דערציילט איר שוועסטער, אַז פּאָליציי איז אין שטוב און מען מאַכט אַן אָביסק. זיי פרעגן זיך אויף איר. זי זאָל נישט קומען אַהיים.

— גיי צוריק אַהיים, אסתר.

— איך גיי...

— זיי פאָרזיכטיק...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אסתר איז צוריקגעקראָכן איבער דעם געקאַלכטן פּאַרקאַן פון דער זייט פון יאַנקל איזוואָשטשיקס הויף, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, יאַנקל פּעטערבורגער, און איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב.

— ווו ביסטו געווען? — האָט איר געפרעגט דער פּאָליציי־אַגענט.

— אין אַפּטריט... — האָט אסתר געענטפערט מיט אַן אומשולדיקן פּנים, מעשה קליינע מיידל, מעשה קינד.

עס איז דורכגעגאַנגען גלאַט. מיט די אויגן האָט זי אַנגעזאָגט איר טאַטע־מאַמע, אַז צלובה וועט שוין נישט קומען. נישט געקוקט אויף דער שרעק, אויף דער צעטומלטקייט, אויפן עגמת־נפש האָט לייבע שטומערהייט געדאַנקט דעם רבש״ע פאַר דער געטרייקייט פון זיינע קינדער. ער האָט אויך געזען, אַז די גאַרדאָוואָיען זוכן אומזיסט, זיי געפינען, גאָט צו דאַנקען, גאָרנישט.

ווי לאַנג האָבן געקענט די גאַרדאָוואָיען זיך ביי לייבען? — עס איז שוין האַלבע נאַכט און „סלאָווע לאַפּידעס״ איז אַלץ נישטאָ. געפונען האָבן זיי אויך גאָרנישט. האָבן זיי צונויפגענומען נאָר אַ פּאָר ביכלעך, אַ פּאָר העפטן, אַנגעזאָגט, אַז די געזוכטע זאָל זיך אַליין מעלדן אין דער פּאָליציי מאָרגן צען פרי.

— געדענק, אָבער פּינקטלעך, אויב נישט וועט מען דיך שלעפּן פאַר דיין באָרד אין „רעשאַטקע״ אַריין...

זיי זענען אַרויס פון שטוב, פאַרקלאַפּט מיט דער טיר. עס האָט געדויערט ביז לייבע איז געקומען כאָטש אַביסל צו זיך. ער האָט אָנגעהויבן צו שיטן מיט קללות אויף די גאַרדאָוואָיעז. זיי זענען אַליין, די קללות, געגאַנגען פון זיין מויל אַרויס:

— אַלע בייזע, וויסטע חלומות אויף זייערע קעפּ, אַז געשוואָלן און געדראָלן זאָלן זיי ווערן, די שכורע עשו׳ס, זיי מיט זייער גאַנצער כאַליאַסטרע... גייט מיטן קאָפּ אין דר׳ערד און מיט די פיס אין קלויסטער... עס מעגן אַלע קלאָגן אויף זיי פאַרגיין... זעסט, צלובה זאָל גאָר צו זיי קומען, צו זיי אין די לאַפּעס, מכות זיי אין די פּיאַטעס... זאָל מען זיי אַרויסטראָגן טויטע...

— הער שוין אויף...

— אַז איך קען זיך נישט באַרויקן...

מען קען נישט טראַכטן וואָס עס וועט זיין מאָרגן, דערווייל האָט זיך צלובה אַרויסגעראַטעוועט פון זיי, פאַר מאָרגן וועט גאָט זאָרגן.

— האָסט איר דאָרט געפונען? — פרעגט די מאַמע אסתרן.

דערציילט אסתר:

— איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל נישט קומען אַהיים...

די שרעק איז אָפּגעלאָפן, ווי עס לויפט אָפּ געפרוירנס. מען דאַרף זיך קלייבן שלאָפן. לייבע בלעכער זאָגט הויך קריאת־שמע. זאָל דער רבונו־של־עולם רחמנות האָבן. אוודאי וואָלט גלייכער געווען ווען זיינע קינדער מישן זיך נישט אין דעם קייסערס געשעפטן, היטן זייערע ביינער. וואָס דאַרפן זיי קריכן דער חיה אין מויל אַריין? זיי וועלן די וועלט נישט איבער׳מאַכן, אָבער וואָס קען ער העלפן?

— ...עס איז שוין פאַרפאַלן. ער וועט זיין צלובהן קיין אַנדער קאָפּ נישט אַרויפזעצן.

— אל מלך נאמן...

זאָגט לייבע קריאת־שמע מיט מער טעם און דבקות. זאָל גאָט העלפן, זאָל ער רחמנות האָבן אויף זיין טאָכטער, וואָס איז אַ טייער קינד, טריי צו טאַטע־מאַמע, צו די שוועסטער און ברידער, גיט אָוועק דעם לעצטן גראָשן דער מאַמען. זי וואָלט שוין דאַרפן אַ שידוך טאָן, חתונה האָבן, ווערן אַ לייט... — אָבער אויך אין דעם קען זיך לייבע דער בלעכער נישט אַריינמישן. עס זענען היינט אַנדערע צייטן!

ברעכט זיך לייבע דעם קאָפּ און ער קען נישט איינשלאָפן. מען וועט דאַרפן מאָרגן אויסגעפינען יאָסל וויינציַערס זון, ער איז אַ גאַנצער מאַכער, עס וועט שוין קאָסטן, מען וועט דאַרפן קריגן אַ ביסל געלט און אונטערשמירן דעם אקאַ־לאדאטשניק מאַלינאָווסקי. ער נעמט, ער לאָזט זיך נישט בעטן. וועט ער פאַר־שמירן די גאַנצע מעשה. לייבע איז אַ בעל־בטחון. ער וועט איינהיטן זיין טאָכטער.

— מאַשע, דו שלאָפסט?

— נייך, לייבע.

— איך מיין, אַז עס וועט גאָרנישט זיין...

— הלוואי...

— מען וועט דאַרפן דעם אקאַלאדאטשניק געבן עפּעס אין יד.

— ער איז אַ המן.

— זאָל ער איינגעזונקען ווערן.

ער איז סוף כל סוף איינגעשלאָפן געוואָרן. מאַשע האָט נישט געקענט צו־מאַכן קיין אויג. עס האָט זיך איר אַלץ געדוכט, אַז מען קלאַפּט אין טיר. אפשר קומט צלובה?... זי איז עטלעכע מאָל אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, זיך איינגעהערט. עס איז שטיל. קיינער קלאַפּט נישט.

איז זי אומישנע פאַרבייגעגאַנגען דעם טאַפּטשאַן, אויף וועלכן עס איז געשלאָפן אסתר, זי שלאָפט רויִק. זי איז פאָרט נאָך אַ קינד.

עס זענען נאָכדעם געקומען איינע נאָך די אַנדערע צעשראָקענע נעכט. לייבע האָט אָוועקגעשטעלט אַ לייטער ביים געקאַלכטן פאַרקאַנדל. טאָמער־וואָס, זאָל מען נישט דאַרפן זיך דראַפּען אויף דער גלייכער וואַנט, מען זאָל קענען שנעל זיך אַריבערכאַפּן אויפן הויף פון יאַנקל פעטערבורגער, דעם איזוואָשטשיק.

אייגנטלעך וואָלט צלובה געקענט שוין קומען אַהיים. דער אָקאָלאָדאָטשני האָט דעם מתנת־יד גענומען. לייבע האָט געבאָרגט פינף און צוואַנציק רובל ביי נחום־חיים דעם סטאָלער. ער טרויט לייבען. נישקשה, ער וועט אָפּגעבן. די גאָר־דאוואָיען קומען מער נישט. לייבע וועט צוקלאַפּן אויף די נעכט דאָס טויער פון הויפל מיט דרענגענער. ער האָט כלומרשט מורא פאַר גנבים. טאָמער קלאַפּט מען, קען מען זיך אַריבערכאַפּן איבערן פאַרקאַן דורך דעם צוגעשטעלטן ליי־טער. לייבע וואָלט נאַכט נאָך נאַכט געוואַרט אויפן הויף, טאָמער קומען זיי, זאָל ער גלייך דערהערן... אָבער צלובה האָט זיך נישט געאיילט קומען נעכטיקן. בייטאָג האָט זי געזען דער מאַמען אין פאַבריק ביי די קעטעס. פאַרבייגייענדיק

גומיענער גאַס האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט אין טאַטנס ווערקשטעל. אסתרן, איר שוועסטער האָט זי אָנגעזאָגט נישט צו קומען צו גיטל דער ווייסער, ווייל מען קען איר נאָכגיין. עטלעכע מאָל פאַרנאַכט האָט אסתר געזען איר שוועסטער ווי זי גייט נישט אַליין, נאָר מיט עפּעס אַ מענטשן, וועמען מען רופט „חבר מרדכי".

— דו קענסט שוין קומען אַהיים — האָט איר געזאָגט אסתר, ווייל עס איז געווען ליידיקער און אומעטיקער אין שטוב אָן צלובהן. אסתר האָט געזען, אַז דער טאַטע גייט אויס שטומערהייט נאָך זיין טאָכטער צלובה.

צלובה איז טאַקע צוריקגעקומען אין שטוב. דעמאָלט האָט לייבע געהאַט וואָך־נעכט אין הויף, ביים פאַרקלאַפּטן טויער. ער איז דאָך אַ טאַטע. אַ טאַטע דאַרף היטן זיין קינד. זאָלן די קינדער נישט אַריינפאַלן צו די משחיתים.

## צענטער קאַפּיטל

# אומגליק איבערן הויז

איבער לייבע דעם בלעכערס הויז איז געהאָנגען אַ ניי אומגליק. געוווּסט פון אים האָט דערווייל נאָר מאַשע, די מאַמע. זי האָט עס באַגראָבן שוין היפּשע עטלעכע טעג טיף אין האַרץ ביי זיך. ביז זי האָט מער נישט געקענט. האָט זי דאָס פאַרטרויט איר מאַן לייבע אין דער פינצטער פון זייער שמאָלן אָן־פענצטערדיקן שלאָף־קאַמער.

— לייבע, לייבע... — האָט זי אים געוועקט.

— וואָס איז, מאַשע?

— עס איז נישט גוט.

— וואָס איז דיר? — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט שרעק — רעד אַ וואָרט...

עס איז שווער געווען מאַשען דאָס אַרויסצוברענגען פון מויל, עס איז אָבער נישטאָ קיין ברירה, זי מוז דאָס טאָן.

— מיט צלובהן.

— וואָס מיט צלובהן?..

שווייגט מאַשע און זיפּצט.

— זאָג שוין אַ וואָרט.

— איך האָב מורא, אַז צלובה איז אַן אומגליקלעכע...

— וואָס זאָגסטו?... וואָס הייסט?...

— אָט דאָס וואָס דו הערסט. איך מיין, אַז זי טראָגט.

— וואָס רעדסטו... האַ?...

— איך מיין אַזוי...

לייבע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, אַראָפּגעלאָזט די נאַקעטע פיס אויף דער ערד, זיין דאַר פּנים איז פאַרשטאַרט געוואָרן, זיין האַלב־גרוילעכע באָרד איז געהאָנגען אַן עלנטע, די שוואַרצע יאַרמלקע אויף זיין קאָפּ, אין וועל־

כּער ער איז געשלאָפן שוין אַ סך יאָרן, איז אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זי געלאָזט ליגן.

— וואָס שייך?... — האָט ער געפרעגט אין דער פינצטערניש אַריין.

דעמאָלט האָט זיך אַביסל פונאַנדערגעבונדן די צונג ביי מאַשען:

— איך האָב עס געזען אויף איר, אויף אונדזער טאָכטער... איך האָב געזען ווי זי ברעכט... עס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן איר פּנים... איר אויסזען... איך האָב נאָכגעקוקט אירע וועש, אַריינגעקוקט צום חודש אין בעט... ביז איך האָב זי געזען וויינענדיק... זי האָט נישט געוווסט, אַז איך זע... זי זיצט פאַרטראַכט אין וועבשטול, צווישן דער קעטע, זיצט און זיצט און זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן. זי איז זייער אומעטיק. עס האָט מיר געריסן דאָס האַרץ.

— נו, נו, וואָס האָסטו געטאָן?

— וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב גאָרנישט געקענט מיט איר רעדן.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געקענט?

— און דו וואָלסט געקענט? עס איז אַ רחמנות אויפן קינד.

— אָבער אַזאַ זאַך, סטייטש...

— ביז איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט, איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי... אַז איך זע... טאָכטערקע, זאָג דייך מאַמען...

דעמאָלט האָט צלובה איר געזאָגט. זי האָט גערעדט נאָר געציילטע ווערטער:

— איך וועל אַוועק, מאַמע, פון שטוב, איך וועל אַוועק פון שטאָט...

— ווו וועסטו גייך?

—איך וואָלט געגאַנגען אין אַמעריקע — האָט זי געזאָגט — אָבער איך האָב נישט מיט וואָס, וועל איך גיין קיין לאָדזש...

— וואָס עפּעס קיין לאָדזש?

—דאָרט זענען דאָ פאַבריקן, קיינער וועט מיך נישט פרעגן. איך וועל אייך נישט פאַרשאַפן קיין חרפּה... ביז איך וועל קענען, וועל איך דאָרט אַרבעטן אין אַ פאַבריק...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד... ס'אַראַ לשון... — האָט לייבע גערעדט צו מאַשען אין דער פינצטער — אַזאַ אומגליק... אַזאַ צרה...

דערציילט ווייטער מאַשע, אַז זי האָט געפרעגט ביי איר טאָכטער צלובה, ווער דאָס איז... אפשר זאָל מען שטעלן אַ חופּה?... האָט זי געענטפערט, אַז וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. און ווער דאָס איז, וועט זי נישט זאָגן, דאָס איז איר זאַך. זי וויל נישט, אַז מען זאָל זיך אַריינמישן.

— דאָס איז זיכער דער בחור פון דער וואַרשעווער גאַס, וואָס פלעגט קו־מען מיט איר... — האָט מאַשע געזאָגט, — זי האָט מיר נישט דערציילט, אָבער איך פאַרשטיי, איך שטויס זיך אָן. זי האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער איז באַ־דילקעסעס זון...

— אָט דער פון דעם גרויסן מויער אויף וואַרשעווער גאַס, ביי דער

אופראַוועץ? — האָט לייבע געפרעגט ביי זיין ווייב — אַזאַ לאָבוס... אַזאַ אויס־ווורף, אַן „אָשוסט"... איך וועל אים אונטערהאַקן די זייטן... איך וועל אים קירצער מאַכן אַ פוס...

— שריי נישט... שלאָג זיך נישט... — האָט מאַשע גערעדט — וועסט מיט דעם גאָרנישט אויפטאָן, וועסט נאָר פאַרטרייבן דאָס קינד...

ווייסט נישט לייבע וואָס עס טוט זיך מיט אים, אפילו וואָס ער רעדט, און ער זאָגט:

— ביי לייטן וואָלט מען אַ מיידל פאַר אַזאַ זאַך אַרויסגעיאָגט פון שטוב...

— יאָג נאָר נישט... — זאָגט מאַשע — זי וויל דאָך אַליין אַוועק... דאָס טאָר מען נישט... זי וועט אונטערגיין... עס איז אַ רחמנות אויפן קינד. אַזאַ אומ־גליקלעכע, אַזאַ טייער האַרץ...

— אַז מען קריכט מיט חברה, מיט די לאָבוסעס, מען קומט נישט נעכ־טיקן אין שטוב, נישטאָ קיין גאָט, נישטאָ קיין מלכות... אַז מען איז הפקר...

— האָסט דאָך נישט געוואָלט זי זאָל גיין אין טורמע...

— עס וואָלט שוין גלייכער געווען...

מאַשע ווייסט, אַז דאָס זענען אַלץ איבעריקע רייד. וואָס איז די פעולה פון שרייען, פון זידלען, פון האָבן טענות? מען דאַרף זען עפּעס טאָן, מען דאַרף ראַטעווען די טאָכטער.

אפשר גיין צו דער „שוואַרצער רחל" און אַרויסטרייבן?...

ניין, צלובה וועט עס נישט טאָן. זי האָט געזען די פאַרביסנקייט אויף איר פּנים. דערצו איז דאָס אויך סכנות נפשות. מען האָט שוין געהערט אין פאַבריק, אַז מיידלעך גייען אַוועק פון דער וועלט צוליב דעם.

— מאַמע — האָט זי געזאָגט — נעם זיך נישט צום האַרצן... איך וועל אַליין אויסשטיין. איך וועל עס אויסטראָגן און עס וועט זיין מיין קינד.

— און גאָרנישט?... — האָב איך איר געפרעגט.

— וואָס מיינסטו גאָרנישט?... — האָט זי צוריק געפרעגט.

— איך מיין — ער...

— לאָז עס צווישן אונדז...

צלובה האָט וועגן אים, וועגן מרדכי באַדילקעס נישט געוואָלט רעדן מיט דער מאַמען. זייער ראָמאַן איז אַ קורצער, אין גאַנצן אַ פּאָר חדשים. זי האָט אים ליב. ער איז אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, אַ בלאָנדער, אַ ביסל אַ כמורנער, אַ פאַרעקשנטער, פאַרמרוקעוועט. ער איז אָבער אַן ערלעכער, אַ באַלעזענער, ער שטאַמט פון באַלעבאַטישע טאַטע־מאַמע, מען זאָגט אפילו נגידים, זיין טאַטע איז אַ סוחר פון מאַשינען. ביי זיי אין שטוב רעדט מען נישט קיין יידיש, מען רעדט רוסיש. זיינע שוועסטער לערנען אין גימנאַזיע. ער, מרדכי באַדילקעס, איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. ער איז מיט דער רעוואָלוציע. ער הענגט אין דער לופט. חיונה האָט ער נישט. ער לעבט ביי טאַטע־מאַמע. ער טראַכט אַוועק־

גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק, זיך אויסלערנען די אַרבעט, אָנהייבן אַליין צו פאַרדינען...

צלובה האָט געהאַלטן איר אומגליק אין זיך. זי האָט אים נישט אויסגעזאָגט וואָס עס איז מיט איר געשען. זי האָט זיך געשעמט. זי האָט קיין מוט נישט געהאַט. זי האָט אויך מורא געהאַט — ווער ווייסט וואָס מרדכי וועט טאָן, ווען ער וועט געוווירן ווערן?...

ביז זי האָט אים דאָך דערציילט. ער האָט געזען, אַז זי איז אומעטיק. טרערן שטייען אין אירע אויגן, האָט ער איר געפרעגט:

— וואָס איז, צלובה?

האָט זי אים געזאָגט צוויי ווערטער: „איך טראָג". דעמאָלט איז ער געוואָרן צעטומלט, בלייך, נישט געפונען קיין וואָרט און געשטאַמלט:

— ווען איך וואָלט שוין עפּעס פאַרדינט... געשטאַנען אויף די אייגענע פיס...

עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז דעמאָלט וואָלט ער גענומען און מיט איר חתונה געהאַט. פון דעם איז געוואָרן צלובהן בעסער.

— וועל איך וואַרטן... — האָט זי געזאָגט.

— און דאָס קינד?... — האָט ער געפרעגט.

— וועל איך מיט אים צוזאַמען וואַרטן...

מער האָט צלובה נישט גערעדט מיט מרדכין. עס איז נאָר געוואָרן צווישן זיי טרויעריק.

ער, מרדכי, איז אַ שווייגער, ער האָט נישט געפונען קיין וואַרעמע, ווייכע ווערטער פאַר צלובהן. זי האָט דעריבער געוואָלט זיין וואָס מער מיט זיך אַליין, נישט זיין אים צולאַסט. ער האָט איר וועגן דעם נישט געזאָגט, נאָר זי האָט אַליין פאַרשטאַנען די צרות וואָס ער וועט האָבן, אַז זיין משפּחה, די באַדילקעסעס, סוחרים, יחסנים, און דאָ זי — אַ פאַבריק־מיידל מיט אַ ממזר!... — זיינע שוועסטער, די גימנאַזיסטקעס, זיין מאַמע וואָס פאָרט אויף דאַטשע אין צירקלס וואַלד אויף דראָשקעס, און זי, צלובה, לייבע דעם בלעכערס טאָכטער, אַ מעוברתע... — עס וועט אויסזען, אַז זי האָט פאַרפירט זייער בן־יחיד, זיך אָנגעזעצט אויף אים, ווייל אים פאַר אַ חתן, פאַר אַ מאַן...

ווען צלובה האָט גערעדט מיט איר מאַמען, האָט זי אפילו געזאָגט:

— עס וואָלט גוט געווען ווען מען נעמט מיך איצט אַוועק אין טורמע...

מאַשע האָט זיך פאַר דעם דערשראָקן. אויף איר טאָכטער איז רעכט זי זאָל אַליין אַוועק אין פאָליציי און זיך איבערגעבן. זי וועט זיצן אין טורמע און דאָרט, אין טורמע, האָבן דאָס קינד. מאַשע וועט דאָס נישט אַריבערטראָגן, איר קינד, איר טאָכטער, איר בלוט און פלייש. אַזאַ טרייע, אַזאַ איבערגעגעבענע פאַר דער שטוב, פאַר די קינדער, זי זאָל גאָר זיין מיט אַ ממזר אין טורמע!...

אין מאַשעס האַרץ איז געווען פּלאַץ פאַר רחמנות, פאַר ווייטיק, אָבער איר קאָפּ איז צו קליין פאַר אַן עצה.

— וואָס זאָגסטו, לייבע, זאָל מען טאָן?...

— מען דאַרף זיך נעמען... — האָט ער געזאָגט.

— פאַר וואָס?... — האָט מאַשע געפרעגט.

— פאַר אַ חתונה... — האָט ער געענטפערט.

— וואָס הייסט... ווי אַזוי?... — האָט מאַשע געפרעגט און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז איצט די איינציקע עצה, אָבער ווי אַזוי קען מען צו דעם ברענגען?

דאָס ווייסט אויך נישט אין מיטן דער נאַכט לייבע אַליין. מען דאַרף עס גוט אַרומטראַכטן.

— איך וואָלט אַריבער צו זיין טאַטן... — זאָגט לייבע. — עס איז נישט הפקר אַ וועלט, איך וועל איך נעמען צום רב...

דאָס געפעלט נישט מאַשען.

— ניין, נאָר נישט דאָס... — זאָגט מאַשע — איך וועל נישט גיין פאַלן צו די פיס די באַדילקעסעס... מיין קינד איז נישט קיין געפאַלענע... דערצו נאָך וועט צלובה זיין אין כעס... זי וועט אַנטלויפן פון שטאָט. זאָלסט נישט וואַגן דאָס צו טאָן! עס וועלן זיין לייטישע געלעכטערס... באַדילקעס וועט דיך אַרויסוואַרפן פון שטוב. איך וויל נישט פאַרשאַפן אונדזער קינד קיין חרפות...

— וועל איך אים פלעטן דעם קאָפּ...

פון די רייד אין דער נאַכט וועט סיי ווי סיי גאָרנישט אַרויסקומען. שלאָפן קען מען נישט. נישטאָ קיין מזל ביי די לייבעס, נאָר — צרות און צרות. דאָס אומגליק הענגט איבערן הויז.

עס האָט שוין אָנגעהויבן גרויען. דורך דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרהאָנגען דעם אַריינגאַנג אין קליינעם שלאָף־קאַמער, איז אַריינגעקומען די גרויקייט פון פרימאָרגן פון צווייטן קאַמער.

## עלפטער קאַפּיטל

# די שטילע חתונה

אסתר איז נאָך אַ קינד. וואָס פאַרשטייט אַ קינד אין אַזעל־כע זאַכן?״... — אַזוי האָט געמיינט מאַשע. אסתר איז שוין אָבער נישט געווען קיין קינד. זי האָט אפילו געוווּסט פון טאַטע־מאַמעס אין מיטן־נאַכטיקן שמועס וועגן צלובהן. זי ווייסט אויך פון אַ בריוו, וואָס איר שוועס־טער צלובה האָט געשריבן צו מרדכי באַדילקעס, אים נישט אָפּגעשיקט און פאַרשטעקט אין קאָמאָדע. אסתר האָט אים געלייענט און צוריק פאַרשטעקט. איר מאַמע ווייסט נישט, אַז אסתר איז געוואָרן אַ דער־וואַקסענער מענטש נאָכן טויט פון האָראָדאָקער רבס זון, מיט וועמען זי האָט געשפּילט איר ערשטע בשמים־ליבע.

עס איז אויך געווען פאַר צלובהן אומדערוואַרט אסתרס ווענדונג צו איר, ווען זיי זענען איינמאָל אין יענע טעג געבליבן אַליין אין שטוב:

— איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן... — האָט אסתר געזאָגט צו איר שוועסטער.

צלובה האָט אָנגעשטעלט פאַרוווּנדערט אירע אומעטיק־פאַרטראַכטע אויגן:

— רעד...

מיט געציילטע, אָפּגעריסענע ווערטער האָט אסתר געזאָגט צלובהן וואָס זי ווייסט, וואָס עס האָבן גערעדט טאַטע־מאַמע.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר... — האָט אסתר איר געבעטן.

— וואָס הייסט אויף דיר? וואָס ווילסטו טאָן?

— לאָז עס פאַר מיר...

— איך וויל וויסן וואָס.

דעמאָלט איז אסתר געוואָרן נאָך דערוואַקסענער, נאָך ערנסטער, און זי האָט אַזוי געזאָגט צלובהן:

— דו ביסט צו שוואַך, און מרדכי איז אַ טרוס.

— זאָג מיר קלאָרער... — האָט צלובה גערעדט צו אסתרן ווי צו אַ גרויסער.

— איך ווייס, אַז דו האָסט אים ליב... איך ווייס פון דיין נישט־אַוועקגע־שיקטן בריוו צו אים... זיי נישט אין כעס, איך האָב אים געלייענט... דו וועסט האָבן אַ קינד, זיינס אַ קינד, דאַרפסט איר חתונה האָבן. ער האָט נאָך נישט קיין חיונה? — וועט ער שפּעטער האָבן. זיין טאַטן שטייט נישט אָן דער שידוך? עס פּאַסט אים נישט לייבע דער בלעכער? וועט אונדזער טאַטן פּאַסטן אים העלפן זיך אויסהאַלטן ביז ער וועט קענען אַליין. מיר וועלן אים אַריינגעמען אין אונ־דזער שטוב, ביז ער וועט אָנהייבן האָבן חיונה...

— ער וועט נישט וועלן, עס איז קעגן זיין שטאָלץ...

— אויב זיין שטאָלץ לאָזט אים דיך לאָזן אַליין, האָט ער דיך נישט ליב... — האָט אסתר אַ שנייד געטאָן מיטן צונג.

— אפשר האָט ער מיך טאַקע נישט ליב, עס קען זיין...

— טאָ זאָל ער גיין פון וואַנען ער איז געקומען, צו די באַדילקעסעס אויף וואַרשעווער גאַס... מיר וועלן זיין צוזאַמען...

— איך דערקען דיך נישט, דו ביסט אַזוי שטאַרק.

— דאָס איז נאָר קלאָרקייט, — האָט אסתר געזאָגט — פּשוטע מאַטעמאַ־טיק. איך האָב דאָך אויף דעם אַ פּינף.

— עס איז גוט, אסתר, וואָס דו רעדסט צו מיר, — זאָגט צו איר צלובה — גוט, וואָס דו ביסט שוין אַזוי דערוואַקסן. עס ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן פון דורכרעדן זיך... איך וויל נישט אַזוי רעדן צו מרדכין... איך וועל מיין פּעקל אַליין טראָגן. איך וויל ביי קיינעם גאָרנישט פאַרלאַנגען. פאַר זיך אַליין, מיט זיך אַליין, בין איך גענוג שטאַרק.

— נישט דו ווילסט נישט אַזוי רעדן צו מרדכין — זאָגט איר אסתר — נאָר דו קענסט נישט, דו האָסט נישט קיין כוח. דאָס איז נאָר אַ שוואַכקייט פון דיר. דאָס איז דערפאַר, ווייל דו ביסט אין אַ באַזונדערער לאַגע. לאָז עס פאַר מיר. פאַרלאָז זיך אויף דיין שוועסטער!

— מיש זיך נישט, עס איז נישט דיין עסק.

— עס איז יאָ מיין עסק. דו ביסט מיין שוועסטער. פאַרוואָס איז דאָס גע־ווען דיין עסק מיך אַריינצוגעבן אין גימנאַזיע ווען מאַריאַ אַבראַמאָווגאַ האָט דיך אַרויסגערופן? איצט איז מיין עסק זיך אַריינצומישן...

גראָד איז אין יענער שעה אָנגעקומען מרדכי. אויף זיין פּנים האָט אסתר געזען, אַז ער איז געקומען צו איר שוועסטער מיט עפּעס וויכטיקעס.

— האָסט צייט? — האָט ער געפרעגט צלובהן מיט אַן אויפרעגונג — לאָ־מיר אַרויסגיין אַביסל אין דרויסן.

צלובה האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעטומלטע און נאָכגיגיקע.

ביי דער טיר האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט אסתר.

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך שטער אייך אַ ווײַלע — האָט זי געזאָגט צו מרדכין — אָבער זי איז מײַן שוועסטער, און איך מוז אייך עפּעס זאָגן...

קוקט אויף איר מרדכי געפּלעפּט, ער קוקט אויף צלובהן, און ער פרעגט בײַ איר שטיל:

— האָסט איר דערציילט?...

—איך ווייס אַליין... — האָט אסתר אָפּגעענטפערט אַנשטאָט צלובהן — קיי־נער האָט מיר נישט דערציילט.

— אויב אַזוי, — זאָגט מרדכי, — דאַרפן מיר נישט אַרויסגיין, קענען מיר אַלע דרײַ בלײַבן אין שטוב. איך האָב עפּעס וואָס צו זאָגן.

זעט אויס, אַז אים איז שווער אַרויסצוברענגען די ווערטער, שטאַמלט ער אונטער אַביסל. ביידע שוועסטער וואַרטן, ווי מען וואַרט אויף אַן אומפאַרמייד־לעכן קלאַפּ.

— איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן צלובהן... — רעדט ער — אָבער ווי באַלד אסתר ווייסט, זאָל זי זײַן אַן עדות... איך האָב צוגעקלאַפּט מיט דער טיר אין דער היים... — אַוועק. און איצטער, צלובה, שטייט קיינער נישט צווישן אונדז... מירן זײַן צוזאַמען...

צלובה האָט איבערראַשט געקוקט מיט אירע גרויסע, ערלעכע, פאַרטרערטע אויגן אויף מרדכין. איר האַרץ איז געוואָרן איבערפולט.

וויינען פאַסט נישט. וואַרפט זי אַראָפּ איר קאָפּ אויפן טיש און כליפּעט מיט די אַקסלען.

— הער אויף, צלובה... — זאָגט ער — עס וועט זײַן גוט...

אסתר — ווי אַ גרויסער מענטש — האָט מיט כח אויפגעהויבן פון טיש איר שוועסטערס קאָפּ, זי אַרומגענומען, און געזאָגט צו ביידן:

— איך ווינטש אייך מזל־טוב... אַזוי דאַרף זײַן... מירן פּראַווען אַ חתונה.

דעמאָלט זענען צלובה און מרדכי אַוועק אין דרויסן. זיי האָבן וואָס צו רעדן צווישן זיך. אסתר האָט געהערט נאָר איינס וואָס צלובה האָט געזאָגט צו אים ביים אַרויסגיין:

— איך האָב דאָס געוואָרט פון דיר...

ווען טאַטע־מאַמע זענען אָנגעקומען האָט אסתר זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה:

— מרדכי גייט חתונה האָבן מיט צלובהן.

— וואָס רעדסטו? פון וואַנען ווייסטו? אַן אמת טאַקע?

— איך ווייס. אַן אמת.

אסתר האָט דערציילט טאַטע־מאַמע די איינצלהייטן. עס איז אָפּגעלאָפן אייז פון האַרצן. עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. לייבעס קינדער זענען נישט הפקר. האָט זיך דער טאַטע געוואַשן די הענט צו וועטשערע און הויך געזאָגט מיט כוונה:

— שאו ידיכם ... נו, נו... מלח... סכין...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען טאַטע־מאַמע און אסתר געוואָרן שטאַרק פאַרנומען — מען גייט פּראַווען צלובהס חתונה.

פאַרפאַלן, זאָל זיין אָן רעש, אָן כלי־זמרים, זאָל זיין אַ „שטילע חתונה"... מסתמא נישט באַשערט אַנדערש.

די באַדילקעסעס פון וואַרשעווער גאַס וועלן צו זייער זונס חתונה נישט קומען. עס פּאַסט זיי נישט. איטשע באַדילקעס האָט אונטערגעשיקט אַ מענטשן פון טעמעס אייזן־געשעפט, אַ שאַלאַטן־שמש, צו לייבען — אפשר וואָלט ער אָפּ־געלאָזט, אפשר קען מען דורכקומען, באַדילקעס וועט זיך לאָזן קאָסטן, און עס וועט זיין אַ שיינער נדן פאַר דער טאָכטער. זי וועט געפינען איר באַשערטן. לייבע האָט יענעם פשוט אַרויסגעוואָרפן פון זיין וואַרשטאַט, אָנגענומען פאַרן קאַרק און אַרויסגעוואָרפן, און אים מיטגעגעבן טויטע קללות.

— ברעך הענט און פיס, האַלדז און נאַקן! אַ פינצטערע מערכה זאָל קומען אויף דיין קאָפּ!

די חתונה האָט מען געפּראַוועט נישט אין אַ חתונה־זאַל נאָר אין נחום־חיימס גרויסער סטאָליאַרניע. לייבע און נחום־חיים זענען געווען אַלטע גוטע פריינט פון תורת־חיים־בית־מדרש — ביידע באַלמעלאָכעס, ביידע געדריקט אין פרנסה, ביידע ערלעכע יידן. זיי האָבן צוזאַמען אויפגעראַמט די סטאָליאַרניע, באַדעקט די וואַרשטאַטן מיט טישטעכער, אָנגעצונדן לאָמפּן, צוגעגרייט כיבוד, אַ חופּה.

— לייבע, האָב נישט קיין עגמת־נפש, עס מאַכט זיך היינט אַזוינס ביי לייטן. זאָל זיין מיט מזל און זאָלסט האָבן נחת...

נחום־חיים האָט די גאַנצע מעשה פאַרשטאַנען בלויז פון לייבעס אַ פּאָר ווערטער.

איינגעלאַדן צו דער חופּה האָט מען נאָר די נאָנטסטע משפּחה־מענטשן. מען האָט נישט געדאַרפט צופיל רעדן, מען האָט אַלץ אַליין פאַרשטאַנען, ווי מען האָט נאָר געהערט, אַז דער חתן איז באַדילקעסעס אַ זון, פון וואַרשעווער גאַס, און די חתונה איז אַ שטילע, אין סטאָליאַרניע, צו באַרשטש דאַרף מען נישט קיין ציינער. דער שמש פון תורת־חיים־בית־מדרש, יאָשע־בער דער טויבער, איז גע־ווען דער מסדר־קידושין. מאַשע האָט צוגעגרייט כל־טוב — קיכל און הערינג, און אַנדערע מאכלים. לייבע האָט געבראַכט פלעשער בראָנפן.

עס זענען אָנגעקומען צלובהס באַקאַנטע — גיטל די ווייסע, שרהקע די נו־פערקע, ליישקע דער וועבער, משה דער פריקאַשטשיק, מרדכיס פּאָר חברים, יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, וואָס לייבע האָט גאַרנישט געקענט. צלובה און מרדכי האָבן זיי פאַרבעטן. עס איז געוואָרן לעבעדיקער. לייבע האָט געטיילט שנאַפּס און וויין. מאַשע האָט אַרומגעטראָגן כיבוד. לייבע און נחום־חיים האָבן אַריינגעקערט עטלעכע גלעזלעך, נאָכדעם געטרונקען מיט די יונגעלייט, ער האָט אונטערגעטראָגן אַ גלעזל צו זיין איידעם מרדכי און ער האָט צו אים גערעדט בגלופין און געקלאַפּט איבערן פּלייצע:

— מרדכי, עס וועט זיין גוט... גאָט וועט אונדז אַלעמען העלפן... — ער האָט גערעדט דאָס ערשטע מאָל צו זיין אײדעם אויף „דו":

— וועסט זיין אונדזער זון... דער רבונו־של־עולם איז אַ מלך חסד... מחו־תנתטע, מחותנתטע — האָט ער גערופן זיין ווייב — קום נעם אויך „לחיים" אויף דיין טאָכטערס חתונה...

— אסתרקע, שטיי נישט פון דערווייטנס! ביסט דער כלהס שוועסטער.

מאַשע איז געקומען צו איר טאָכטערס חתונה, ווי אַן אמתע מחותנתטע, אָנ־געטאָן אין שוואַרצן שבתדיקן קלייד און אין שבתדיקן שייטל, זי האָט געטראָגן אַ דין־געשטריקטע פאַטשיילע איבערן קאָפּ. אויפן האַלדז האָט זי געהאַט אירע פּאַטשערקעס, וואָס זי פאַרמאָגט נאָך פון איר אייגענער חתונה. אין דער שטי־לער, אויסגעהאַרעוועטער מאַשען איז אַריין אַ מאַמעשיס טראַציקייט — זי פירט דאָך איר טאָכטער צלובה צו דער חופּה!... זי האָט דערלאַנגט כסדר רחבותדיק דעם צוגעגרייטן כיבוד. גוט וואָס צלובה האָט אָנגעזאָגט אירע מענטשן צו קומען. זיי נעמען זיך נישט איבער מיט די גבירים פון וואַרשעווער גאַס. זיי האָבן זיי, די גבירים, אין דר'ערד. זיי קומען נאָך און נאָך, עס איז שוין אַ פולע שטוב, עס ווערט פריילעכער. לייבע איר מאַן איז אַן אמתער מחותן אפילו אין נחום־חיימס סטאָליאַרניע. ער האָט נישט געזשאַלעוועט און צוגעגרייט געגוג פלעשלעך שנאַפּס!... מילא, איז נישט קיין וועטשערע, איז נישט קיין יויך... איז אָן אַ בדחן, אָן כלי־זמר... זאָל זיין אַזוי... עס קען זיין גוט אויך אָן דעם. זאָל נאָר גאָט געבן געזונט און מזל־ברכה צו איר טאָכטער. זי האָט אַרומגענומען איר טאָכטער, די כלה, און איר געקושט מיט אַזויפיל גנאָד און לייטזעליקייט און מאַ־מעשקייט:

— זאָלסט, טאָכטער מיינע, באַגליקט ווערן... זאָל דיר גאָט געבן אַלדאָס גוטס... מיר זאָלן זוכה זיין צו דערמאָנען אַלץ אין פריידן... זאָל זיין אין אַ מזל־דיקער שעה. זאָל לייכטן דיין מזל ווי שטערן אין הימל...

קומט אונטער דער חתן מרדכי— נעמט זי אים אַרום מיט אירע קורצע און דאַרע הענט און רעדט אַזוי:

— זאָל זיין, מרדכי, מיט מזל... זאָלסט איר היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... זי האָט אַ גאָלדענע נשמה... אַ טייער האַרץ...

שטעלן זיך אויך מרדכין טרערן אין די אויגן. צלובה זעט דאָס, מאַשע זעט דאָס, גייען די הערצער אַריבער. עס קומט אָן אמתע שמחה, אַז עס ווילט זיך וויינען. זאָגט מרדכי צו מאַשען:

— איך האָב אייך זייער ליב, מאַמע.

אַוודאי איז זי אַ מאַמע. איצט איז ער שוין איר זון, און זי איז זיין מאַמע.

קומען אַרויס מאַשען אַנטקעגן אירע יונגע יתומה־יאָרן, נעמט זי אַרום איר טאָכטער צלובה און טאַנצט מיט איר אַ מאַמע־כלה־טאַנץ. שטעלן זיך אַלע אַרום און פליעסקען מיט די הענט. חברה זינגט. דערמאָנט זיך לייבע אָן די טענץ, וואָס אויף חתונות האָט געטאַנצט זיין ווייב מאַשע, און ער שרייט אַ צעשמחהטער:

— מאַשע, מאַשע, אַ שערעלע, אַ רעדעלע, אַ וואָלעכל...

לאָזט זיך מאַשע נישט בעטן. זי וועט טאַנצן אויף איר טאָכטערס חתונה

— שונאים אויף צעפּוקעניש!...

— אַ כשר כלה־טאַנץ!...

האָט מאַשע גענומען די שלעפּע פון איר יום־טובדיקער קלייד אין איין האַנט, מיט דער אַנדער האַנט — איר טאָכטער און געטאַנצט אַ שערעלע. באַלד האָט זיך אַריינגעדרייט אין טאַנץ אסתר און מיטגעטאַנצט. צוויי טעכטער מיט דער מאַמען.

יונג איז זי געווען אסתר, שלאַנק. איר שוואַרצער צאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבער איר דינער טאַליע, און איבערגעבונדן מיט אַ ווייסער סטענגע, אַרומגענומען מיט איר שוועסטער און מיט איר מאַמען און זיי האָבן געטאַנצט צוזאַמען. דער עולם איז פריילעכער געוואָרן, האָט געזונגען און געפּליעסקעט מיט די הענט. לייבע דער בלעכער האָט בשעת־מעשה געהאַט אין האַרצן איין ביטע צו גאָט:

— פאַרשעם נישט מיינע קינדער...

ערשט מאַשע רופט אים:

— לייבע, לאָמיר טאַנצן צוזאַמען...

— קום אַהער... — האָט זיך לייבע אַ לאָז געטאָן.

ווען לייבע האָט געטאַנצט מיט זיין ווייב מאַשע, איז זיין סטאַן־ראָק געווען צעשפּרייט אין צוויי פליגלען, זיין יאַרמעלקע האָט זיך אַראָפּגערוקט אויפן שפּיץ־קאָפּ, אָט־אָט פאַלט זי אַראָפּ. זיינע שטיוול, אָפּגעפּוצטע, האָבן געשיינט ווי נייע, זיין באָרד צעדרייט. מאַשע האָט אויסגעזען אין זיינע פאַרשיכורטע אויגן ווי דעמאָלט, ווען זי האָט געטאַנצט מיט אים אויף זייער אייגענער חתונה.

— לכבוד החתן!... לכבוד הכלה!... — האָט לייבע געשריען טאַנצנדיק. — לעבעדיק, יידן! פריילעך!...

אַלע זיינע ערלעכע באַלמעלאָכישע, אָרעמאַנסקע יאָרן האָבן געשריען. ערשט חברה האָט זיך אַ נעם געטאָן צום ריכטיקן טאַנץ. מיטן קאַדריל האָט געפירט ליישקע דער רויטער, דער פריילעכער לונג־און־לעבער פון סוראַזשקעס וועבעריי. ער האָט געקענט די מלאכה — עס האָט מיט אים געטאַנצט סיי די סטעליע און סיי די פּאָדלאָגע. ער האָט אויסגעקנאַקט אַ קאָזאַצקע שפּרינגענדיק, קניִענדיק, שווימענדיק, טראָגנדיק זיך אַרויף און אַראָפּ.

ער האָט אַריינגעכאַפּט אין טאַנץ דעם חתן און ער האָט געשריִען טאַנצנדיק:

— אויף צו להכעיס די יחסנים טאַנצן פריילעך די קבצנים...

אַרום דעם חתן און ליישקען האָט זיך אַרומגענומען חברה אין אַ קרענצל — לעבעדיק, לוסטיק, פריילעך, געטאַנצט, געפּליעסקעט און געזונגען:

כאַצקעלע, כאַצקעלע,
טאַנץ מיר אַ קאָזאַצקעלע.

עס איז געוואָרן שוין שפּעט אין דער נאַכט, ווען מען האָט זיך גענומען קלייבן אַהיים.

אויפן וועג אַהיים האָט לייבע גערעדט צו זיין ווייב, אַן אויסגעניכטערטער, אָבער אַ בעל־בטחון:

— עס איז געווען שענער ווי ביי די נגידים אין די סאַליעס... מירן נאָך נחת האָבן, מאַשע...

—הלוואי... — האָט זי מסכים געווען.

שוין קומענדיק צו דער טיר פון זייער הויז האָט מאַשע געזאָגט לייבען:

— איך האָב די קינדער אַוועקגעגעבן אונדזער קאַמער... מיר וועלן אַרויפּ־גיין אויבן אין שטיבל.

## צוועלפטער קאַפּיטל

# מזל טוב

די וואָכן און חדשים נאָך צלובהס „שטילער חתונה" זענען געווען אָנגעלאָדן מיט טואונגען, מיט זאָרג, מיט דערוואַר־טונג. פול געווען מיט לעבן. לייבע דער בלעכער האָט ווידער געזען, אַז דער רבונו־של־עולם פירט זיין וועלט אויפן דרך־הישר. ער האָט געזען מיט זיינע קליינע, מוט־נע־בלויע אויגן, באַוואַקסענע מיט געדיכטע, צעשויבערטע, רויט־גרוילעכע ברעמען, גרויסע מעשים וואָס קומען אין זיין הויז. לייבע גייט ווערן אַ זיידע.

—אַ דאַנק דיר, רבונו־של־עולם...

ער האָט געהאַלטן זיין טאָכטער צלובה און זיין איידעם מרדכי אין זיין קאַמער — ביז ווען־וואָס זאָל עס זיין זייער דירה. מען וועט אויך איינשפּאָרן אַ רובל.

— גאָט וועט נישט פאַרלאָזן...

זיין איידעם מרדכי איז אַ שטילער און אָרנטלעכער מענטש. ניעכאַי זאָל ער זיין ביי אים אַ פּאָר חדשים אויף קעסט. אַזוי פירן זיך באַלעבאַטים. מאַשע קאָכט אָפּ דאָס געקעכטס אין אַ גרעסערן טעפּל, קויפט נאָך אַ „דרויבע" אויפן מאַרק און עס סטייעט פאַר אַלעמען. אָן איידעם איז אַזוי ווי אַ זון. מרדכי מיטן בלאָנדן „בערשטל" אויפן קאָפּ, מיטן ערנסטן, פאַרזאָרגטן פּנים, ווערט אַלץ מער איינגעבאַקן אין האַרצן.

— דער עיקר — בטחון...

און גאָט האָט טאַקע געהאָלפן. מרדכי האָט געקראָגן אַ שטעלע אין נעוו־יאַזשסקיס וואַטע־פאַבריק אויף דער „נאָווע". ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט די מלאכה ביי די וואַטע־מאַשינען און אָנגעהויבן פאַרדינען אויף חיונה. אַ סברה, אַז די נעוויאַזשסקיס זאָלן זיין פון מרדכיס משפחה, אַז זיין מאַמע זאָל זיך האָבן שטילערהייט, אָן וויסן פון איר מאַן, אַריינגעמישט — זאָל איר זון נישט דאַרפן

אָנקומען נאָך אַ שטיקל ברויט צו לייבע דעם בלעכער. עס איז איר נישט אָנ־געשטאַנען.

צלובה האָט דערווייל נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין פאַבריק און אין אַ פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה האָט מען שוין אָנגעהויבן אָפּלייגן אַ רובל אויף דער צייט ווען מען וועט עס זייער נייטיק דאַרפן האָבן — ווען צלובה וועט געלעגן ווערן.

די שטוב־ קאַמער האָט נישט גערוט אין די אָוונטן. זייערע לייט, בחורים און מיידלעך, זענען דאָרט אַריינגעקומען. צלובה פלעגט מאַכן טיי און מען פלעגט זיצן ביז שפּעט. לייבע האָט נאָר מורא געהאַט מען זאָל נישט פאַרשלעפּן אַהינצו קיין טריף־פּסולען און פּאָליציי. ער ווייסט שוין, וואָס עס קען נאָך, חס ושלום, זיין. לאָזט זיך אויס אַז דער איידעם מרדכי איז אַ גאַנצער זינגער, אַן אמתער חזן, עס איז אַ מחיה אים צו הערן. משמעות, אַז צלובה האָט פון דעם גוט גע־ ווּסט נאָך פריִער. זי האָט געוואָלט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן הערן ווי ער זינגט. זי האָט נישט גענומען אַ מאַן אַבי וועמען. פאַרמאַכט מרדכי ביים זינגען די אויגן, זיין פּנים ווערט ווייכער, בעסער, ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, מאַכט מיט בײדע הענט, זינגט מיט מתיקות.

— הלוואי איז ער מרוצה אויסצודאַוונען אַ שחרית אין תורת־חיים־בית־מדרש... לייבע וואָלט דעמאָלט געהאַט דעם ריכטיקן נחת. עס איז אָבער נישטאָ ווען דעם וואָס צו רעדן. צומאָל הערן לייבע און זיין ווייב מאַשע צוזאַמען דאָס זינגען פון זייער איידעם. מאַשע פאַרשטייט זיך אויף זינגען בעסער ווי לייבע, הערט זי מיט מתיקות ווי איר איידעם זינגט אין קאַמער און זי בעט אַזוי:

— זאָל זייער מזל נאָר זינגען...

ביז צלובה איז אַריינגעקומען אין די הויכע חדשים. מאַשע איז געוואָרן מיט דעם זייער פאַרנומען, עפּעס אַ קלייניקייט — איר טאָכטער גרייט זיך אין קימפּעט אַריין. די מאַמע האָט געגרייט ווינדעלעך, צעריסן אָפּגענוצטע ציכלעך און גרייט געמאַכט, עס זאָלן זיין פאַרטיק צו דער האַנט ריינע, לייווענטענע שמאַטקעס. מען דאַרף האָבן וויקל־שנורן, העמדלעך, לייבלעך, יאַקעלעך... וואָס ווייסן זיי די יונגע מאַמעס? זיי זענען דאָך קאַזעס!... — זי האָט כסדר עפּעס גע־בראַכט פאַרשטעלטערהייט פון גאַס, זי האָט אַריינגעבראַכט מציאות. קיינעם ניט געוויזן, ניט געזאָגט, נאָר פאַרשטעקט. עס וועט צוניץ קומען — אַ שיסל צו וואַשן, אַ טעפּל, אַ טעפּעלע, גלעזער, גלעזעלעך, טעלער, אַ קאָלדרעלע, אַ ליי־לעכל...

זי האָט געמיינט, אַז לייבע זעט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט, האָט זי־ טאַקע געמאַכט אַ גרויסן טעות. ווען מאַשע איז נישט געווען אין שטוב, פלעגט לייבע זיך צורוקן צום קעמערל, צו דער קאָמאָדע, אַריינקוקן, וואָס זיין מאַשע האָט אַלץ צוגעגרייט, ווי זי האָט דאָס אַלץ אין זיבעץ, די אויסגעהאַרעוועטע ווייב־ זיינע — אַרבעטן, קאָכן, ראַמען, וואַשן, איינהאַנדלען און פאַרבאַהאַלטן — שאַ, שטיל, — אַ דאַנק דיר, טאַטע האַרציקער. דו האָסט מיר געגעבן אַ גוטע עוזר־

כנגדי — אַ טייערע, אַ שטילע מאַמע, וואָס ווערט גאָרנישט פאַרמאַטערט, האָט נישט קיין טענות. ער פלעגט דערהערן, אַז זי גייט, און זי קען אים כאַפּן ביי דער האַנט, פלעגט ער צוקלאַפּן דעם קופערט — צומאַכן די קאָמאָדע־שופלאָדן, דעם קעמערל. זאָל זי אים נישט כאַפּן. זאָל זיין בלומרשט ער ווייסט גאָרנישט.

עס האָט אים געבריט אין האַרצן. וועט ער איר אויך גאָרנישט דערציילן, אַז ער מאַכט אַ קונציקע וואַנעלע פון פראָסט־בלעך, שופרא דשופרא, פאַרן נפשל, וואָס וועט קומען — צו באָדן זייער אייניקל, אַז ער האָט שוין געוואָרפן אַן אויג און געגעבן אַן אַדעראַף אויף אַ קינדער־וויגעלע... ער וועט דאָס אָראָפּברענגען אין שטוב אין דער ריכטיקער רגע. זאָל מאַשע אויך נישט וויסן, וואָס ער טוט. ער האָט דאָס אָבער פאַרשפּאָרט אויסזאָגן מאַשען — וואָרום האָט זי דען נישט געוווּסט, אַז לייבע וועט אויסצאַצקען דאָס בעסטע און שענסטע וואַנעלע פאַרן קינד?

„פאַרן קינד"... — עס ווערט הייס אין האַרצן, עס טוען אַ ציטער די איברים. אָט־אָט פּילט מאַשע, אַז זי האָט שוין דאָס נפשל אין די הענט. זי וועט צלובהן גאָרנישט צולאָזן עפּעס צו טאָן אָרום קינד. וואָרום וואָס ווייסט זי דען?... וואָס קען זי דען?... דאָס וועט זי, מאַשע, טאָן, ביז איר טאָכטער וועט זיך אויסלערנען זיין אַ ריכטיקע מאַמע.

— מען לערנט זיך אויס... עס געדויערט נאָר אַ ביסל...

מען רעדט נישט וועגן דעם מיט אסתרן. זי איז דאָך נאָך אַ קליין מיידל. טאַטע־מאַמע רעדן נישט מיט יונגע קינדער וועגן אַזעלכע זאַכן. אסתר איז אָבער שטילערהייט אויך געווען אַריינגעטאָן אין פיבער פון טאַטע־מאַמעס שטוב. זי האָט גוט געוווּסט וואָס די מאַמע גרייט. זי האָט גוט געוווּסט וואָס דער טאַטע גרייט. זי האָט דאָס פאַרטרויט איר עלטערער שוועסטער.

זי, אסתר, איז גראָדע יענע צייט געווען זייער פאַרנומען. עס איז שוין געווען דאָס לעצטע יאָר פון גימנאַזיע. מען דאַרף זיך גרייטן, שטאַרק גרייטן, באַלד וועלן אונטערקומען די עקזאַמענעס. מען דערציילט זיך אָן אַזויפיל וועגן די צרות, וואָס עס מאַכן אָן די מאַטורע־עקזאַמענערס, זיי קומען פון דער רעגי־רונג, פון דער הויכער נאַטשאַלסטווע, זיי ווילן „דורכלאָזן" נאָר זייער ווייניק. דער לעצטער גימנאַזיע־קלאַס ציטערט ווי פיש אין וואַסער. אסתר האָט נישט נאָר אַליין צו לערנען לאַנגע שעהן, חזרן און איבערחזרן, לערנען אויף אויסנ־ווייניק, זיך גרייטן, און גרייטן — זי דאַרף עס אויך טאָן מיט די פּאָר שילערינס, מיט וועלכע זי לערנט און גרייט זיי צו צו עקזאַמענעס. עס איז שווער, זייער שווער, מען מוז אָבער דערגייך ביזן סוף, מען מוז אויסהאַלטן!

דאָך פלעגט זי זיך אַריינכאַפּן יעדן טאָג צו איר שוועסטער צלובה אין קאַמער, זען וואָס זי מאַכט, איר צוהעלפן אין שטוב, עס האָט אויך מיטגעקלאַפּט איר האַרץ:

— זאָל שוין זיין נאָך אַלעמען... איך וועל ווערן אַ מומע...

ביז עס איז לסוף געקומען די גורלדיקע נאַכט. אַ לאַנגע, אַ גרויסע, אַ שווע־רע, צעטומלטע, צעשראָקענע נאַכט. צלובה גייט צו קינד!...

עס איז נישט גוט, עס גייט שווער. צלובה ליגט אין יסורים, שטשימעט די ציין, רייסט די קישנס מיט אירע אָדערדיקע הענט, זיפצט, קרעכצט. מירטשע די אַקושערין אין ווייסן פאַרטוך איז אויך צעטומלט, זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן. מען זעט אויף איר אַז זי שרעקט זיך, ביז זי הייסט מען זאָל רופן דעם דאָקטער.

— לויף, אסתרקע, שנעלער... — זאָגט די מאַמע.

מען האָט דאָס שוין אסתרן נישט געדאַרפט זאָגן. זי איז געלאָפן מיט אַ דראָשקע צום דאָקטער נאַטאַנסאָן.

צלובה וויקלט זיך אין יסורים. עס קרימט זיך איר פּנים. זי רייסט מיט די הענט דעם האַנטוך וואָס מירטשע די אַקושערין האָט אָנגעבונדן אַן בעט. די מאַמע שטייט פון דער זייט און ברעכט זיך די הענט. איר שטערן איז הויך, אַזוי ווי אַ מאַנסבילישער, אירע אויגן אַרויסגעשטאַרצט, איר קליינער גוף ציטערט — זי קוקט אויף איר טאָכטער צלובה אָנגעשטרענגט, אַזוי ווי זי וואָלט צונויפגע־נומען אַלע אירע מאַמעשע כוחות און זי איז גרייט מלחמה צו האַלטן פאַר איר טאָכטער מיט אַלע בייזע כוחות.

— מיין קינד, עס וועט אַריבערגיין, נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל... שטאַרק זיך...

אסתר איז געקומען מיטן דאָקטער נאַטאַנסאָן — אַ נידעריקער, אַ קליינער, אַ געהאָרבטער, מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַ פלינקער. ער האָט באַלד געוואַשן די הענט, זיך אָנגעטאָן אין ווייסן כאַלאַט, זיך איבערגעבויגן איבער דער געווינערין, געקוקט, געטאַפּט און אַ זאָג געטאָן צו דער אַקושערין:

— הייסע וואַסער!

ער האָט זיך גענומען צו זיין ניקעלנע קעסטל מיט מכשירים, אינסטרו־מענטן — דאָקטערשע כלים, צוואַנגען, בלעכן. ער נעמט זיך צו דער געפערלע־כער, דאָקטערשער עבודה.

די מאַמע ציטערט. אירע אויגן בעטן רחמים. זי קנייפּט זיך דאָס אייגענע לייב. צלובה שרייט מיט די לעצטע כוחות: — ווײַ... ווײַ... וויייייי...

— שטייט נישט דאָ!... גייט אַוועק!... — זאָגט דער דאָקטער צו מאַשען.

די מאַמע גייט אָפּ הינטערזיך. זי מוז פאָלגן דעם דאָקטער. זי וועט אָבער שטיין ביי דער טיר פון קאַמער.

אין דער צווייטער שטוב איז געווען לייבע מיט זיין אײדעם מרדכי. דער אײדעם איז אומגעגאַנגען אַהין און צוריק, געבליבן שטיין און באַלד ווייטער געגאַנגען, געהערט צלובהס אַ געשריי און געזאָגט שטיל: „או... או... צלובהלע...״.

דער טאַטע לייבע איז געזעסן איבערן תהלים, געזאָגט, געבעטן גאָט.

— האָב רחמנות, טאַטע האַרציקער...

די קאַמער האָט געהאַט אַ הינטערשטן קעמערל, אַהינצו האָט זיך אַריינ־געקליבן אסתר. איצט איז נישטאָ קיין אַנדער זאַך — נישטאָ קיין גימנאַזיע, נישטאָ קיין עקזאַמענעס, עס איז דאָ נאָר איר שוועסטער צלובה, וואָס גייט אַזוי שווער צו קינד. אָט ווערט צלובה שטיל, זייער שטיל, די שטילקייט געדויערט לאַנג, זייער לאַנג, אסתרן פאַרכאַפּט פון שרעק דער אָטעם, אַזוי ווי איר שוועס־טער וואָלט אויסגיין, וואָלט זיך ענדיקן. אסתר כאַפּט זיך מיט בײדע הענט אָן די „פאַמוגעס" פון קעמערל — ערשט צלובה גיט אַ קוויטש, אַ געשריי — עפּעס איז מסתמא געשען אין דער רגע.

— צלובהלע... צלובהלע... שוועסטערקע... — שעפּטשעט אסתר אין קעמערל.

די נאַכט איז לאַנג. פון קליינעם קאַמער־פענצטערל זעט אסתר נאָר אַ שטיקל הימל, אַ פּאָר שטערן. דאָרט אויבן זעט אויס צו זיין אויך אומרויִק. שטערן ציטערן. זי קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרונגע אין קאַמער אַריין. דער קליינער דאָק־טער נאַטאַנסאָן איז מיטן גאַנצן קערפּער זיינעם איבערגעבויגן איבער צלובהס בעט, ער אַרבעט שווער, אָט נעמט ער איין כלי, אָט נעמט ער אַ צווייטע. זי זעט נאָר זיין פּלייצע, זיינע הענט פון הינטן. דאָרט ביי אים זענען איצט די סודות פון לעבן. דער דאָקטער הייסט עפּעס דער אַקושערין. זי לויפט אַהין און צוריק, דערלאַנגט אים עפּעס, יעדע סעקונדע איז אַ שעה. די גאַנצע וועלט האַלט איין דעם אָטעם. ביז אסתר זעט, אַז די אַקושערקע דרייט זיך אום מיטן פּנים צו דער טיר, הינטער וועלכער עס שטייט די מאַמע:

— באַלד... באַלד...

און גלייך נאָך דעם קומט אויף דער וועלט אַ ניי געשריי פון ניי־אַראָפּגעקו־מענעם אויף דער וועלט. עס איז אַ געשריי פון נצחון פון לעבן.

— אַ יינגעלע... — זאָגט די אַקושערין אין דער משפחה אַריין. די מאַמע האָט מער קיין כח נישט געהאַט, האָט זיך געטאָן אַ זעץ אַראָפּ אויף דער באַנק. אסתר לויפט מיט אַ געשריי צום טאַטן:

— שוין... אַ יינגעלע...

דער דאָקטער וואַשט שוין לאַנגזאַם די הענט. ער האָט געזיגט.

— מזל־טוב... — זאָגט לייבע צו דער שטוב, צו זיין טאָכטער, צו זיין איי־דעם, צו זיין ווייב... — צו דער גאַנצער וועלט.

מרדכי ציטערט מיט אַלע אברים. מען טאָר נישט אַריין צו דער געווינערין. ער וויל נאָר טאָן איין קוק אויף איר.

דער דאָקטער טוט זיך שוין אָן. ער זאָגט אָן, אַז מיט דער קימפּעטאָרין זאָל בלייבן נאָר די אַקושערין, מען זאָל איר לאָזן רויק. ער גייט אַראָפּ פון די טרעפּ.

עס איז שוין געווען באַגינען, טונקל־גרוי. די לעצטע אשמורה גייט אויס. עס ענדיקט זיך די סודפולע נאַכט. לייבע האָט געוווסט וואָס דער דאָקטער האָט געטאָן פאַר זיין טאָכטער, פאַר דעם בן־זכר, פאַר דער גאַנצער משפחה. דער נידעריקער דאָקטער מיט דער לאַנגער באָרד זעט איצט, פאַרטאָג, אויס ווי אַ גוטער ייִד, — אליהו הנביא. דאַנקט אים לייבע. שטעקט אים די רובלען, וואָס

ער האָט געהאַט צוגעגרייט. לייבע וויל באַצאָלן ווי אַ טאַטע, ווי אַ שיינער באַלעבאָס.

— אַ דאַנק איך, דאָקטער...

— דאַנקט גאָט... — זאָגט אים דער דאָקטער נאָטאַנסאָן.

אסתר איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. זי וויל נאָר אַ קוק טאָן אויף איר שוועסטער. זי וואָלט זייער וועלן זען דאָס קינד. זי האָט שטומערהייט געבעטן מיט די אויגן ביי דער אַקושערקע, זי זאָל איר צולאָזן נאָר אויף אַ רגע.

צלובה ליגט פאַרדעקט מיט אַ ליילעך. אירע אויגן זענען צוגעמאַכט. זי אָטעמט שווער. אין דער זייט, באַזונדער, אַליין, ליגט דאָס קינד, שוין אָן אויסגעוואַשענע. עס איז גרויסער ווונדער. אָט דאָס אַלץ אַרום און אַרום. די מאַמע זיצט אויף דעם בענקל, רירט זיך נישט. זי טרעט נישט אָפּ. זאָל נאָר אָפּגיין אַביסל, זאָל מען נאָר קומען צו זיך, זאָל מען נאָר לאָזן, וועט זי נישט זיצן אויף דעם בענקל מיט פאַרלייגטע הענט. זי וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט!...

צלובה האָט אויפגעעפנט די אויגן, זיך אומגעקוקט, עפּעס געמאַכט שוואַך מיט דער האַנט און געפרעגט:

— שוין?...

— שוין, שוין, טאָכטערקע... — האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ קול, וועמענס אָפּקלאַנג בלייבט אין דער טאָכטערס געמיט אויף שטענדיק — אַ יינגעלע, מזל־טוב...

לייבע און מרדכי האָבן געוווסט, אַז מען טאָר נאָך נישט אַריינגיין צו דער געווינעריץ, האָט לייבע אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך משקה און געזאָגט צו זיין איידעם:

— לאָמיר מאַכן לחיים...

— לחיים...

## דרייצנטער קאַפּיטל

# געענדיקט גימנאַזיע

קום מיט מיר, מאַמע. אַלע מאַמעס וועלן דאָרט זיין... — האָט אסתר גערופן איר מאַמען, זי זאָל גיין מיט איר אין גימנאַזיע, וווּ מען וועט אויסטיילן די דיפּלאָמען צו די גימנאַזיסטקעס.

די מאַמע האָט נישט געוואָלט גיין. עס האָט זיך נישט געשיקט, אַז לייבע דעם בלעכערס ווייב זאָל זיך אַראָפּלאָזן אין זאַל פון בישקאָוויטשעס פּרויען־גימנאַזיע. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער גימנאַזיע, וואָס איר טאָכטער האָט שוין פאַרענדיקט. עס קלעפּט זיך נישט צו איר.

— אסתרקע, גיי אַליין. איך האָב נישט אַפילו וואָס אָנצוטאָן — האָט די מאַמע געזאָגט, — מען קען דאָך דאָרט נישט קומען אָט אַזוי אָ.

— עס וועלן זיין אַלע מאַמעס און טאַטעס, די „פּאָפּעטשיטעלעס" פון דער גימנאַזיע, דער ראַבינער מאַליוווער.

— טאָ וואָסזשע וועל איך דאָרט טאָן? — האָט מאַשע געזאָגט, שוין מער זיכער אין דעם, אַז זי קען דאָרט נישט זיין.

מען קען נישט זאָגן, אַז עס האָט נישט געטיאָכקעט דער מאַמען אין האַרצן. אַזויפיל זיך אָנגעהאָרעוועט, זיך אָנגעליטן, ביי איר טאָכטער האָט אַזויפיל גע־קלאַפּט דאָס האַרץ. פאַרוואָס זאָל זי איר נישט אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן און גיין טאַקע צוזאַמען? פאַרוואָס קומט דאָס איר נישט, ווי עס קומט אַנדערע מאַמעס — די גבירנטעס? וואָס, איז זי דען נישט קיין טרייע מאַמע? אָבער גיין וועט זי נישט. זי האָט געזאָגט איר טאָכטער:

— אסתרקע, גיי אַליין, איך וועל נישט גיין.

— ביסט דאָך מיין מאַמע, און איך בין נישט די ערגסטע אין קלאַס... אַלע מאַמעס קומען... — האָט אסתרקע געפּרוּווט איינרעדן איר מאַמען — דיין טאָכ־טער האָט געענדיקט די גימנאַזיע נישט ערגער פאַר זייערע טעכטער...

— ביסט גערעכט, מײַן קינד, אָבער גײ שױן אַלײן.

זי האָט געזען, אַז איר מאַמע װעט שױן נישט גײן, זי װעט זיך מיט איר פֿון דערװײַטנס.

— אָרעמקײט, מינדערװערטיקײט־געפֿילן... — האָט אסתּר שטומערהײט גערעדט צו זיך, װײַל זי האָט גראָד לעצטנס װעגן דעם געלײענט.

זי װעט מלחמה האַלטן קעגן דעם, קעגן דער דערשלאָגנקײט פֿון די אָרע־מע!... די, װאָס זי האָט געלײענט װעגן זײ; װעגן די אָרעמע און רײַכע, װעגן די אױסבײַצערס און אױסגענוצטע.

זי האָט אױסגעפּרעסט איר ברױן גימנאַזיע־קלײדל, מיטן װײַסן קאָלנער, דעם שװאַרצן שירץ, זיך אָנגעטאָן אין דעם גימנאַזיע־מונדיר צום לעצטן מאָל. אײַנגעפֿלאָכטן אין לאַנגן שװאַרצן צאָפּ אַ ברױנע לענטע, אַרױפֿגעזעצט אױפֿן קאָפּ דאָס גימנאַזיע־היטל מיטן אָדלער און מיט די רוסישע ראשי־תּיבֿות „זש. ג. כ.". זי האָט פֿאַרן אַװעקגײן אַרומגענומען איר מאַמען, איר צוגעדריקט צו זיך, — װאָס מען האָט אַזױ זעלטן געטאָן בײַ לײבע דעם בלעכער אין שטוב, און זי האָט געזאָגט פֿאַרן אַװעקגײן:

— װינטש מיר עפּעס, מאַמע...

— מיטן רעכטן פֿוס... — האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער.

אַז אסתּר איז אַװעקגעגאַנגען, איז מאַשע אַרױפֿגעלאָפֿן אױף די טרעפּ, צום אױבער־שטיבל פֿון איר טאָכטער צלובה, און געזאָגט:

— אסתּר איז אַװעקגעגאַנגען... אַלײן... גײ דו אַהין, איכל בלײַבן מיטן קינד.

— איך האָב דאָס טאַקע געװאָלט טאָן... — האָט צלובה געזאָגט איר מאַמען.

דעמאָלט האָט זיך צלובה שנעל אָנגעטאָן אין איר שבתדיקן שװאַרצן קלײדל, בײדע צעפּ איבערגעלײגט איבערן קאָפּ, אַרױפֿגעכאַפּט דעם מאַנטל און אַװעק אין גימנאַזיע. אַז זי איז צוגעקומען צו דער גימנאַזיע־געבײדע, האָט זי אָנגעהױבן גײן לאַנגזאַמער, געגאַנגען מיט דער מאַמעס דרך. זי איז אַרײַנגעקומען אינעװײ־ניק, װי אַ פֿרעמדע. זי האָט געזען װי מענטשן גײען צום צװײטן שטאָק, איז זי זײ נאָכגעגאַנגען. אַזױ איז זי מיט אַלעמען אַרײַנגעקומען אין גרױסן רעקרעאַציע־זאַל פֿון דער גימנאַזיע. זי האָט געפֿונען אַ לײדיקן פּלאַץ און זיך אַװעקגעזעצט. מען האָט איר גאָרנישט אָנגעזען. זי האָט אסתּרן נישט געזען. אסתּר איז געװען בשעת־מעשה אין אַן אַנדער צימער, װוּ עס האָבן זיך געפֿונען אַלע געענדיקטע גימנאַזיסטקעס, — זײ זענען געװען דרײַ און צװאַנציק.

אין זאַל האָט געררישט. פֿרױען, גבֿירישע מאַדאַמען, האָבן הױך גערעדט רוסיש, געפֿילט זיך הײמיש, געלאַכט, געגרױסט זיך מעשׂה כּל־ידע מיט זײערע קלײדער און צירונג. צלובה איז צװישן זײ געװען אַ פֿרעמדע. זי האָט זיך צו־געהערט, מער צוגעקוקט צו זײערע קלײדער, װי צו זײערע פּנימער און גופֿים, אױסגעדרעקסלטע, אױסגעפּולטע מיט עשירות, מיט פֿעטס, מיט זיסקײט, מיט פּוסט־און־פּאַסיקײט, מיט אױסגעכאָװעטקײט, — געפּאַרבטע, געשמירטע, גע־גאָרסעטעװעטע, װאָס קענען נישט אײַנשטײן אױף אַן אָרט, לױפֿן אַהער און אַהין,

נעמען זיך אַרום, קושן זיך, טומלען, די וועלט איז זייערע, אַלץ איז זייערס...

— האָט צלובה זיי פיינט געהאַט, זי האָט זיך אַזוי ווי איינגעצויגן אין זיך, איינגעקנוילט מיט פאַרביטערונג, מיט פרעמדקייט. עס האָט איר געקלעמט דאָס האַרץ מיט ווייטיק פאַר איר מאַמען. זי האָט דאָך אויך אַ טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע, זי איז אויך אַ מאַמע. זי איז דאָ נישטאָ. זי פּאַסט זיך דאָ נישט אַריין. איז גוט וואָס זי איז נישט געקומען. די מאַדאַמען וואָלטן זיך געחידושט: וואָס טוט דאָ אַן אָרעמע ייִדענע, אַ פאַבריק־אַרבעטערין? זי האָט דערשפּירט, די מאַמע, אַז עס וועט נישט זיין אין דעם זאַל פאַר איר קיין אָרט. זיצט זי דאָרט ביים פענצטער און וואַרט צו הערן וועגן איר טאָכטער.

צלובה וואָלט אויך אַוועק. זי האָט נישט וואָס צו טאָן צווישן די גבירנטעס, צווישן די פאַבריקאַנטישע און סוחרישע ווייבער, צווישן די מאַדאַמען. זי וועט עס אָבער נישט טאָן. זי איז נישט געקומען אַהער צוליב זיי.

— איך האָב זיי אין דר'ערד...

זי איז געקומען צוליב איר שוועסטער, צוליב אסתרן. זי האָט זיי פיינט, די אויסגעפּוצטע פראַנטקעס, מיט די פּאָמאַדעס אויף די פּנימער, די פּופּעס מיט די אויסגעבעטע פראַנטן און הינטנס — נישקשה, לאַנג וועט דאָס אַזוי נישט זיין, עס וועט קומען אַן אַנדער צייט...

**ביז עס האָט געקלונגען איבערן גאַנצן זאַל. עס הייבט זיך אָן!**

דער גערויש אין זאַל איז שטילער געוואָרן. באַלד האָט זיך געעפנט אַ פאָרהאַנג מיט וועלכן דער זאַל איז געווען צעטיילט. צוויי רייען גימנאַזיסטקעס זענען געזעסן אויף שטולן. די מאַדאַמען אין זאַל האָבן דערזען זייערע טעכטער, האָבן אָנגעהויבן שעפּטשען איינע צו די אַנדערע, ווייזן מיט די הענט, רופן די טעכטער מיט די אויגן. צלובה איז געווען אין דער ערשטער מינוט צעטומלט. זי האָט נישט געזען אסתרן. זי האָט זי געזוכט אין דער ערשטער רייע און נישט געפונען. עס איז שווער געווען צו זען אַלע גימנאַזיסטקעס פון דער צווייטער רייע. יאָ, דאָרט האָט זי לסוף דערזען איר שוועסטער. עס איז איר בעסער געוואָרן. זי איז דאָ. אסתר ווייסט נישט, אַז צלובה זוכט איר מיט די אויגן, מיטן גאַנצן האַרץ.

אין צלובהס קאָפּ איז געווען אַ טומל. אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט. די שפּיל אויף דעם קלאַוויר, די רעדע און די תפילה פון ראַבינער מאַליווער. זי האָט צום ערשטן מאָל געהערט ווי מען דאַוונט אויף רוסיש. זי האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוען דאָרט אויף דער פּלאַטפאָרמע די מענטשן מיט די מיליטערישע מונדירן, מיט די שליפּעס און מעדאַלן. וואָס וועט פון דעם אַלעמען אַרויסקומען?

שטייט די גימנאַזיע־„נאַטשאַלניצע" ביי אַ סטענדער און רעדט צו די מאַמעס, די טאַטעס און די גימנאַזיסטקעס. זי איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער שוואַרצער קלייד, פּענסנע אויף דער נאָז. זי רעדט וועגן דער וויכטיקייט פון בילדונג. זי זאָגט, אַז זי דערוואַרט, אַז די גימנאַזיסטקעס זאָלן זיין טרייע טעכטער צום לאַנד און צום פאָלק. זי זאָגט אויך, אַז אויף דער וועלט איז נישט רויק, אַז אויף די באַלקאַנען ברענט אַ פייער.

זי רעדט וועגן די, וואָס ענדיקן די גימנאַזיע. זי רופט אויס יעדע איינע בײַים נאָמען, זאָגט צו איר אַ פּאָר ווערטער, גיט איבער דעם דיפּלאָם, דעם „אַטעסטאַט זרעלאָסטי". יענע פאַרנויגט זיך מיט אַ שמייכל און גייט צוריק צו איר שטול מיטן פּאַפּיר, שוין אַ „באַרישניע". די מאַמעס קוועלן אָן.

זי האָט נאָך אסתרן נישט אויסגערופן. פאַרוואָס? שטענדיק קומט אונדז צו זיין די לעצטע, בלייבן פון הינטן. זי האָט דאָך, אסתר, זיך גוט געלערנט און אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. פאַרוואָס רופט איר נישט אויס די „נאַטשאַלניצע"? צלובה קוקט אויף איר שוועסטער, וועלכע זיצט רויִק אין דער צווייטער רייע.

— און איצט וועל איך אויסרופן דריי שילערינס, וואָס האָבן באַזונדערע פאַרדינסטן, — זאָגט די „נאַטשאַלניצע".

אַלע קוקן זיך אַרום, מען וואַרט — ווער?

— נאַטאַשאַ מאַרקאָוונאַ כייפעץ... — זי באַקומט אַ זילבערנעם מעדאַל.

נאַטאַשאַ כייפעץ קומט אַרויס. אַ הויכע דינע מיידל מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי נעמט די אויסצייכענונג און פאַרנויגט זיך. מען אַפּלאָדירט. מערסטנס טוען עס די איינגעלאַדענע געסט, אָבער נישט די מאַמעס. עס פאַרדריסט זיי. זיי זענען מקנא.

— סאָפיאַ לעאָנידאָוונאַ אַמדורסקאַיאַ... — זאָגט די „נאַטשאַלניצע" — זי באַקומט אויך אַ זילבערנעם מעדאַל.

עס חזרט זיך איבער די זעלבע סצענע.

— און איצטער — זאָגט די „נאַטשאַלניצע" — וועל איך איינלאַדן אונדזער פריינדין, די איבערגעגעבענע פּעדאַגאָגין, אונדזער אַלעמענס געליבטע מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ קופער, זי זאָל אויספילן אַ מיסיע, וואָס זי האָט דאָס כשר פאַרדינט...

מען פירט אַרויף די בלינדע מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ קופער, די בלינדע, אַלטיטשקע פאַרוואַלטערין פון דער פאָלקס־שול פאַר מיידלעך.

צלובה האָט איר שוין לאַנג נישט געזען. זי זעט אויס שטאַרק פאַרעלטערט. זי איז קליין און דאַר.

אַזוי ווי זי וואָלט קוקן מיט אירע בלינדע אויגן אויפן עולם אין זאַל.

— מיר האָבן אויסגעטיילט אַ כבוד פאַר אונדזער מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ קופער, וואָס איז פאַר איר אויך אַ גרויס פאַרגעניגן. מיר האָבן איר איינגעלאַדן, זי זאָל איבערגעבן דעם גאָלדענעם מעדאַל צו אונדזער שילערין —

— אסתר לייבאָוונאַ לאַפּידעס...

צלובה, האַלט איין דאָס האַרץ, זאָלן טרערן נישט גיסן פון דיינע אויגן. קענסט עס נישט, פאַרפאַלן, איז קיין ברירה נישטאָ. אָט שטייט שוין אסתר אַרומגענומען מיט מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ. די בלינדע לערערין קושט אסתרן אין קאָפּ, זי זאָגט עפּעס:

— זאָל דער גאָלדענער מעדאַל, אַן אויסצייכענונג פאַר דיין פליס, פאַר דיינע פעיִקייטן, פאַר דיין גוט האַרץ, דיר דינען אין דער צוקונפט. זאָלסט לער־

נען, נאָך לערנען, ווייטער לערנען. זאָלסט דינען די מענטשן מיט וויסן. וויסן איז ליכט, עפנט די אויגן. וויסן איז דאָס שטאַרקסטע געווער. געדענק וואָס דיין בלינדע לערערין זאָגט דיר אָן...

אסתר איז צעטומלט. זי האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. זי וויל שוין גיין צוריק צו איר פּלאַץ. אָבער מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ האַלט איר צו.

זי רעדט ווייטער אין זאַל אַריין:

— איז דאָ פאַראַן אין זאַל אסתר לאַפּידעסעס מוטער?

שטיל. קיין ענטפער נישט. נישטאָ. די בלינדע „קוקט" נאָך אַלץ אין זאַל אַריין און וואַרט.

— נישטאָ... נישט געקומען דיין מאַמע... אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד... נו, און דיין טאַטע אויך נישט?... — וואָס, זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט?... זיי שעמען זיך מיט דיר?...

דער זאַל שווייגט, הערט זיך צו. עס איז אַ גרויסע סצענע.

— אפשר איז דאָ געקומען דיין שוועסטער?... ווי הייסט זי, דיין שוועסטער?..

—צלובה...

— יאָ, דיין שוועסטער צלובה, איך קען זי... זי איז דאָך דעמאָלט געקומען מיט דיר אין שולע צו מיר... איך געדענק... איך געדענק...

צלובה ווייסט נישט וואָס צו טאָן. דערווייל זיצט זי אויף איר אָרט. דאָס דערמאָנען איר נאָמען האָט איר הייס אַרומגענומען. זי האָט די היץ געשפּירט אין אַלע אירע איברים.

ווענדעט זיך די בלינדע לערערין, די אַלטיטשקע, די דאַרע, געבויגענע אין זאַל אַריין:

— צלובה לאַפּידעס... צלובה...

דעמאָלט האָט זיך צלובה אויפגעהויבן. די ערשטע האָט איר דערזען אסתר און זי האָט אַ פּליסטער געטאָן:

— צלובה...

די בלינדע לערערין האָט דאָס געהערט.

— זי איז דאָ... — האָט זי געזאָגט, — קום אַהערצו...

דאָס האָט צלובה נישט געוואָלט. זי איז נאָר געשטאַנען און אָנגעקוקט.

אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צו צלובהן.

— אַן אָרעם ווייבל...

— אַ פּאַבריטשנע...

מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ האָט געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער צו אסתרן:

— זיי דאַנקבאַר דיין שוועסטער... געדענק, זאָלסט אַליין ווייטער לערנען און לערנען מיט אַנדערע...

די אַלטיטשקע האָט זיך אַוועקגעזעצט. איינע פון די גימנאַזיסטקעס האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. אַן אַנדערע האָט געזונגען. אסתר איז געזעסן אַ צעטומלטע. צלובה האָט געווישט אירע אויגן.

## פערצנטער קאַפּיטל

# „אַ פּייער אויף זייערע קעפּ"...

איצט דאַרף אסתר טראַכטן וועגן איר צוקונפט. די גימנאַזיע געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. אין איר טאַטנס שטוב איז פון דעם נישט אַריינגעקומען קיין גאָלד — די זעלבע אָרעמקייט. די מאַמע לויפט אין דער פרי אין פאַבריק אַריין. דער טאַטע האָט שוין געגומען דעם „מוזיניק" צו דער אַר־בעט אין זיין בלעכעריי. געגוג פאַר לייבע בלעכער גע־לערנטע קינדער. דער „מוזיניק" זיינער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו לערנען, טאָ זאָל ער זיין אַ באַלמעלאָכע, ווי זיין טאַטע. צו דעם, זעט אויס, וועט ער גראָדע טויגן. נחת האָט לייבע, גאָט צו דאַנקען, פון זיין עלטערער טאָכטער — דער מאַן אירער, דער אײדעם זיינער, אַרבעט אין דער וואַטע־פאַבריק. האָט חיונה און דאָס אייניקל איז מער גאָלד ווי אַלע גאָלדענע מעדאַלן. זיין אסתר איז טאַקע אַ חכמה, אַ גוט קינד, אָבער וואָס וועט זיין דער תכלית? עס איז אַנדערש צו האָבן שכל אין קעשענע, ווי חכמה אין קאָפּ. באַשערט לייבען, אַז ער און זיינע קינדער זאָלן האָבן ליידיקע קעשענעס און פולע קעפּ.

דערוויל רוט זי, אסתר, אַ סך. זי ליגט שפּעט אין בעט. לייגט זיך צו אין מיטן טאָג אויף דער צעראַטענער קאַנאַפּע. די גימנאַזיע, זעט אויס, האָט איר גוט פאַרמאַטערט. וואָס טראַכט זי, אסתר, מיט אָפענע אויגן?

— „תכלית"...

עס איז אַ שווערע, פאַמעלעכע טראַכטעניש. זי וואָלט דאַרפן אָנהייבן פאַר־דינען און אַרויסהעלפן אין שטוב. וואָס זאָל זי טאָן?

די „נאַטשאַלניצע" פון דער גימנאַזיע, מאַדאַם כוואַלעס, האָט געשיקט נאָך איר און איר געפרעגט, צי זי וואָלט וועלן לערנען מיט די קינדער אין יתומים־הויז, מיט די „קאָמיטעטשיקעס"? אַזוי האָט מען זיי גערופן, די יתומים, מחמת אַ קאָמיטעט האָט פאַר זיי געזאָרגט און זיי געגעבן אַ פּאָר צימערן אין הויז פון מושב־זקנים אויף דער גומיענער גאַס ביי דעם קליינעם, אויסגעטריקנטן טייכל —

ביי דער ביאַלע. מען וועט איר, אסתרן, צאָלן פאַר דעם צוואַנציק רובל אַ חודש.
„ווילסטו, אסתר לאַפּידעס?״.

זי מיינט, אַז יאָ. אוודאי וואָלט זי דאָס וועלן. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געלערנט מיט אַ קלאַס, זי ווייס נישט, צי זי וועט קענען, אָבער זי וועט פּרובירן. זי וועט זיך צוגרייטן. מער נישט די בלינדע מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ זאָגט איר, אַז זי זאָל אַליין לערנען ווייטער. זי זאָל פאָרן קיין פּעטערבורג און זען אָנקומען אויף די „בעסטוזשעווער קורסן״ אויז לערנען נאַטור־וויסנשאַפט.

„פּעטערבורג״!... — דאָס קלינגט אין קאָפּ אַריין אַזוי ווי מיט אַ גרויסן גלאָק — פּעטערבורג!... זי, אסתר, וועט פאָרן קיין פּעטערבורג! זי וועט ווייטער לערנען. זי וואָלט דאָס זייער וועלן, אָבער עס גלייבט זיך איר נישט. ווי אַזוי? ווי וועט זי דאָס קענען? און געלט? און טאַטע־מאַמע?

מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ גלעט אסתרס קאָפּ מיט אירע קאַלטע, אַזוי ווי זעעוודיקע הענט, און שעפּטשעט:

— איך וועל זען... איך וועל זען... עס איז דאָ אין פּעטערבורג אַ געזעלשאַפט... דו ביסט דאָך מיט אַ גילדערנעם מעדאַל... אַ קינד פון אַן אַרבעטער... מירן זען... מירן זען... דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? — דאַרפסט פאָרן לערנען! וועסט נאָך צייט האָבן פאַר די קאָמיטעטשיקעס!

זאָל זי אפשר דאָס אָפּלייגן אויף אַ יאָר, דערווייל זיין מיט טאַטע־מאַמע אין שטוב, נעמען תּלמידים, לערנען מיט די „קאָמיטעטשיקעס״, צוגרייטן צו עקזאַמענעס, אַרויסהעלפן דער מאַמען — און שפּעטער אָוועקפאָרן?

ווי לאָזט מען זיי איבער אַליין, טאַטע־מאַמע?

פון אַלע מיידלעך, וועלכע האָבן געענדיקט די גימנאַזיע צוזאַמען מיט איר, איז געבליבן נאָר איינע — סאָניע ראָזענבלום. ערשטנס, איז זי אויך נישט קיין גבירישע טאָכטער, איר טאַטע־מאַמע האַלטן אַ באַקאַליי־קראָם טאָקע אויף סענדער מירטשעס גאַס, נישט ווייט פון אסתרן, און צווייטנס, זענען זיי געזעסן אויף איין באַנק אין גימנאַזיע און זיך צונויפגעחברט, און דריטנס, זי האָט ליב צו לייענען ביכער אַזוי ווי אסתר און זיי שמועסן אָפט וועגן די זעלבע ביכער וואָס זיי לייענען. אָפט זאָגט סאָניע ראָזענבלום, וואָס איז שטיל און ערלעך:

— אַז איך האָב אַליין געלייענט, האָב איך עס גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען...

מער נישט, אסתר לאַפּידעס האָט ליב צו לייענען ביכער וועגן געשיכטע אין פרעמדע לענדער און סאָניע ראָזענבלום האָט ליב צו לייענען ראָמאַנען, זי דערציילט איבער די ראָמאַנען זייער פאַרכאַפּט. זי לעבט איבער מיט לייב און נשמה די דראַמעס פון די ביכער־העלדן. אַז קיינער הערט נישט, זאָגט זי אסתרן:

— איך וויל זיך פאַרליבן...

— אין וועמען?

— איך ווייס נישט...

— ביי אַנדערע קומט פריִער דער מענטש און — נאָכדעם די ליבע; ביי דיר קומט פריִער די ליבע און — נאָכדעם דער מענטש...

— ביסט גערעכט — זאָגט סאָניע — די פאַרליבטקייט איז אין מיינע גלי־דער, אין מיין קאָפּ. איך פאַרליב זיך אין אַ מענטשן וואָס אויף אַ בילד; אין אַ מענטשן, ווען איך זע מיט פאַרמאַכטע אויגן; איך קען זיך אָבער נישט פאַרליבן אין אַ בחור וואָס איך זע נעבן מיר, וואָס איך באַגעגן. עפּעס פיל איך, אַז עס איז נישט דאָס.

— איך האָב ליב אַ געשטאָרבענעם... — זאָגט אסתר.

און זי דערציילט סאָניען איר קורצע ליבשאַפט מיט נפתלין און זיין אַוועק־גיין פון דער וועלט. זי דערציילט דאָס וואַרעם און ליכטיק, שטיל און פאַרבענקט. סאָניע נעמט איר אַרום:

— איך האָב דיך ליב, אסתר. פון דיר שמעקט מיט ליבע...

עס שטייען סאָניען טרערן אין די אויגן.

— איך בין דיך מקנא, אסתר, וואָס יענע ליבע לעבט נאָך אין דיר.

— זי וועט לעבן אייביק...

— דאָס זאָג נישט. עס וועט קומען אַן אַנדער ליבע און וועט פאַרלענדן די ערשטע.

— איך זוך זי נישט.

— זי וועט אַליין קומען.

אסתר און סאָניע גייען צוזאַמען שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן, אין וואַלד; צו־זאַמען גייען זיי אויף לעקציעס, וועלכע ווערן אָנגעזאָגט דורך גרויסע פּלאַקאַטן איבער די גאַסן.

איין לעקציע איז געווען פון באַרימטן רוסישן שרייבער און קריטיקער פּיאָטר פּילסקי וועגן „טויט און לעבן אין דער רוסישער ליטעראַטור". ער האָט דערציילט וועגן טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", וועגן גאָרקיס „בראָדיאַגעס", וועגן אַנדרייעווס „מלך הונגער"... — דער „האַרמאָניע"־זאַל איז געווען פול. מען האָט געשלונגען דעם ווונדערלעכן לשון פון גרויסן שרייבער פון פּעטערבורג. סאָניע האָט פון אַנטציקונג פון מאָל צו מאָל אַ קניפּ געטאָן אסתרן:

— פּרעכטיק... — האָט זי געשעפּטשעט אויף רוסיש — „טשודעסנאָ"...

אַז עס האָט זיך געענדיקט און מען איז אַרויס פון זאַל, האָט אסתר געזאָגט:

— איך בין נישט אַנטציקט אַזוי ווי דו.

— פאַרוואָס? — האָט זיך סאָניע געוווּנדערט.

— ער איז געשווומען פון אויבן...

אַ צווייטע לעקציע איז געווען אין זאַל פון „פאַרייִן פון די האַנדלס־אָנגע־שטעלטע", אין קעמפּנערס הויז, נישט ווייט פון פּוילישן קאָשטשאָל. דאָס איז געווען אַ לעקציע פון:

„סטודענט איליאַ מאַרמער פון פּעטערבורג".

ער האָט גערעדט אויף רוסיש וועגן ייִדישן פאָלקלאָר און פאָלקסליד, אַנסקיס פאָלקס־מעשיות און ביאַליקס אגדות. ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי די פאָלקס־מעשׂיות און פאָלקס־לידער זענען אַ פּראָדוקט פון לעבן און חלום פון

פאָלק. אויך וועגן די וויג־לידער און מעשהלעך פאַר קינדער. ער האָט אויך באַוויזן, אַז דער אור־קוואַל פון די פאָלקס־מעשיות פון פאַרשיידענע פעלקער זענען די זעלבע, מער נישט די באַזונדערע פעלקער באַקליידן זיי, באַפּאַרבן זיי אַנדערש, — גבורה ביי גוים איז מיט אַ ביקס, ביי ייִדן — מיט אַ תענית.

— וואָרום אַט לאָמיר נעמען די ניגונים, וועלן מיר הערן, אַז די טענער פון טראָפּ פון חומש ליגן גאָר אין יסוד פון הלויס אָפּערע, וואָרום אַט וועלן מיר זען, אַז דאָס ציגיינער־וואַלאַכל ליגט אין די ניגונים פון ר׳ לוי יצחק בערדי־טשעווער...

און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז אילוסטרירט געוואָרן אויף אַ וויאָלענטשעל און אַ פּיאַנע. עס האָט געשטימט!

— ווער וויל עפּעס פרעגן? — האָט געזאָגט דער פּאַרזיצער פון דער חברה „מפיצי השכלה״, אברהם קאַטיק, וואָס האָט אָרגאַניזירט די פּאָרלעזונג וועגן ייִדישן פאָלקלאָר פון „סטודענט איליאַ מאַרמער״.

נאָכדעם ווי עטלעכע האָבן געפרעגט אַ פּאָר פראַגן, האָט זיך אויפגעהויבן אסתר לאַפּידעס. זי וויל עפּעס פרעגן. דער פּאַרזיצער האָט איר פאַרגעלייגט אַרויפגיין אויף דער בימה. ער האָט דאָס געטאָן צוליב דער אומגעריכטקייט — אַ שוואַרץ־קאָפּיקע מיידל, זעט אויס ווי אַ יונגע גימנאַזיסטקע, מיט אַ שוואַרצן צאָפּ פון הינטן, אַ חנעוודיקע, וויל עפּעס פרעגן. דאָס איז אומגעריכט, ווייל אויף די פאַרזאַמלונגען פון „מפיצי השכלה״ זענען שוין דאָ שטענדיקע פרעגער. אסתר האָט נישט געוואָלט גיין צו דער טריבונע, זי האָט געפרעגט פון איר אָרט:

— איך וויל וויסן — האָט זי געזאָגט — צוליב וואָס האָט איר פּאַרטייטשט די ייִדישע וויג־לידער אין רוסיש, כדי זיי זאָלן פאַרלירן זייער טעם?... איך וויל וויסן, פאַרוואָס האָט מען דאָ געבראַכט ביישפּילן פון ייִדישע פאָלקס־מעשיות איבערזעצט אין אַן אַנדער שפּראַך, אין דער צייט, ווען דעם אמתן חן האָבן זיי אין מיין מאַמעס מויל?... אַלע פאַרשטייען דאָך ייִדיש... — זי האָט געפרעגט די פראַגן אין אַ גוטן רוסיש מיט אַ שטילן טאָן — און זי איז אַריבער צום סוף אויף ייִדיש — מיינט איר נישט, אַז הינטער יאַנקעלעס וויגעלע שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע נאָר אויף ייִדישע פּיסלעך?...

זי האָט געענדיקט און געפלעפּט די פאַרזאַמלונג.

עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געשריִען: „זאָל זיך די זשאַרגאָנאָווקע אָוועקזעצן!״ דער פּאַרזיצער האָט שטיל געמאַכט דעם עולם אויף ביידע שפּראַכן — אויף ייִדיש און רוסיש:

— זאָל זיין אָרדענונג... זאָל ווערן שטיל... איך זע, אַז אַלע פאַרשטייען, סיי רוסיש און סיי ייִדיש, ווייל עס איז שטיל געוואָרן... ווי איז אייער נאָמען?... — האָט ער זיך געווענדט צו אסתרן.

אסתר איז שוין געזעסן. זי האָט נישט געוווסט, צו וואָס האָט זי עס אין גאַנצן געדאַרפט פרעגן און רעדן, ווער האָט דאָס איר געשטופּט. זי ענטפערט

נישט אויף דער פּראַגע וועגן איר נאָמען, זי זאָגט נאָר: — „נישט קיין אונטער־שייד״...

איליאַ מאַרמער ענטפערט איר:

— ייִדן ניצן אין זייערע צוויי טויזנט יאָר גלות פאַרשיידענע שפּראַכן — העברעיִש, אַראַמיש, לאַדינאָ, ייִדיש. ייִדן זענען נישט צוגעבונדן צו איין שפּראַך. היינט רעדן ייִדן רוסיש און לערנען העברעיִש...

רייסט אים איבער דער פאָרזיצער אברהם קאַטיק, וואָס איז אַן אַלטער ייִדישיסט:

— אַנטשולדיקט, מיר זענען נישט געקומען אַהער צו פירן אַ דיסקוסיע וועגן ייִדיש און העברעיִש. דאָס וועלן מיר קענען טאָן אַן אַנדערש מאָל. די פּראַגע, וואָס איז אייך געפרעגט געוואָרן, איז געווען נישט וועגן דעם וועלכע שפּראַכן ייִדן האָבן גערעדט; און אויב איר האָט שוין יאָ באַרירט די שפּראַכן־פּראַגע, וועל איך זאָגן, אַז די מערהייט פון ייִדישן פאָלק אין דער וועלט רעדט ייִדיש...

אין זאַל אַפּלאָדירט מען, אין זאַל שרייט מען אויך: העברעיִש! „העברעיִש איז די שפּראַך פון ייִדישן פאָלק״!

— ייִדיש! ייִדיש!... — ענטפערט מען צוריק.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט אין טומל.

דאָס אַלץ איז געווען פאַר אסתרן אַ גרויסע איבערלעבונג. זי איז שוין נישט אַרויס פון דער פאַרזאַמלונג נאָר זאַלבע צווייט, זי מיט סאָניען. אַרום זייביידן איז שוין געווען אַ געזעמל מיט מענטשן. דער סטודענט איליאַ מאַרמער איז אונ־טערגעקומען און זיך באַקענט מיט אסתרן און דערביי געזאָגט:

— גערעכט, צי נישט גערעכט — געזאָגט האָט איר דאָס גוט, און אייער ייִדיש בין איך אייך מקנא...

— עס איז נישט מיינער — האָט אסתר געזאָגט — עס איז מיין מאַמעס. אַלע דאָ רעדן אַזוי.

— און וועמעס איז אייער רוסיש?

— מאַריאַ אַבראַמאָווּנאַס — האָט זי געענטפערט — און בישקאָוויטש־כוואָלעסעס.

— און וואָס איז אייער אייגנס?... — האָט ער איר ווייטער געפרעגט.

— דאָס זוך איך נאָך... — האָט זי געענטפערט.

— איר וועט שוין געפינען... — האָט ער איר געזאָגט און זיך געזעגנט, ווייל ער פאָרט אָפּ נאָך היינט ביינאַכט קיין ווילנע.

— מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען — האָט ער געזאָגט — איך בין זיכער... צום ווידערזען.

— צום ווידערזען...

סאָניע האָט געקוואָלן. זי האָט געפירט אסתרן אונטערן אָרעם אַהיים, ווו זיי האָבן געוווינט אין שכנות.

— אסתר, דו ווייסט גאָרנישט ווי דו האָסט גערעדט. דו האָסט געדאַרפט זיך אַליין הערן! איך האָב דיך מקנא געווען.

מען האָט נאָכדעם גערעדט וועגן אסתרן עטלעכע טעג. מען האָט שוין אויך געוווּסט:

— לייבעַ דעם בלעכערס טאָכטער...

אסתר האָט דאָס דערציילט איר מאַמען.

די מאַמע איז געווען צופרידן, הגם זי האָט נישט רעכט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען און וואָס אַזוינס האָט איר טאָכטער געזאָגט.

—אין פאַבריק האָט מען היינט גערעדט מוראדיקע זאַכן, — זאָגט איבער די מאַמע.

— וואָס אַזוינס, מאַמע?

— מען זאָגט, אַז עס גייט זיין אַ מלחמה מיטן דייטש... עס וועט זיין נאָך ערגער ווי מיט דעם יאַפּאַנטשיק... מען האָט דערציילט, אַז מען זאָל שוין האָבן דערשאָסן עפּעס אַ קייסערס אַ זון אין ערגעץ אַ מדינה... אַזוי האָט מען דערציילט אין פאַבריק...

נישט נאָר האָט מען גערעדט, נאָר מען האָט איבערגעריסן די אַרבעט. די וועבער זענען אַרויס פון די שטולן, מען האָט זיך געשטעלט אין מיטן פאַבריק, און עמעצער, גאָר אַ פרעמדער, האָט גערעדט אויף פּויליש, די גויִים זאָלן אויך פאַרשטיין. ער האָט געזאָגט:

— די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט דעם, אַז עס וועט זיין אַ רעוואָלוציע און מען וועט אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשאַפט...

דער טאַטע איז געקומען פון די דעכער אויף די קאַזאַרמעס און ער האָט דער־ציילט פאַרן שלאָף, אַז דאָרט אין די וולאַדימירסקע קאַזאַרמעס האָט ער געזען, אַז עס טוט זיך עפּעס, עס גייט זיך קערן אַ וועלט:

— איך האָב מורא — האָט ער געזאָגט — אַז די קייסאָרים גייען מאַכן אַ מלחמה, אַ פייער זוכט זיי.

## פופצנטער קאַפּיטל

# די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן

די יידישע בלעטער פון וואַרשע, וואָס „בישקע דער גאַזעטשיק״, דאָס נידעריקע יידעלע מיטן בלאָנדן בערדל, מיט די בלעכענע ברילן איבער זיינע וואַסערדיקע אויגן, פאַרקויפט אין די הונדערטער אויפן ראָג גומיענער און נאַוואָליפיע, קעגנאיבער דעם שטאָט־זייגער, פאַרקויפט מיט אויסגעשרייען, מיט בהלה, מיט קאָכעניש, — כאַפּט מען פון זיינע הענט. בישקע קומט אויף אַ דראָשקע פון באַן, פון וואַרשע־פּעטערבורגער וואָקזאַל, מיט פּעק צייטונגען, פון וועלכע מען זעט אים קוים אַרויס. ער וואַרפט זיי אַריין אין אינדיצקיס בוכהאַנדלונג און שרייט בשעת־מעשה:

— מלחמה! מלחמה! די דייטשן גייען... היט זיך!

די וואָס זשאַלעווען די צוויי קאָפּעקעס פאַר דער צייטונג שטייען איז געזעמלעך און כאַפּן יענעמס צייטונג. די גרויסע שוואַרצע קעפּ: „קרוינפּרינץ פון הערצעגאָווינע דערשאָסן״... די פּרעמדע, שוואַרץ־ברענענדיקע ווערטער פליען אַריין אינעווייניק. אין קאָפּ קלאַפּט אַ האַמער איינס נאָכן צווייטן:

— „דערשאָסן...״

בישקע גאַזעטשיקס אימפּעט, הו־האַ, געשריי, געוואַלד, גערודער, האָט איין טייטש:

—מלחמה!... מלחמה!...

דאָס איז דיר נישט אַ מלחמה מיט די יאַפּאָנטשיקעס אין מאַנדזשוריע, אין פּאָרט־אַרטור, אין קאָרייע, דאָס וועט זיין אַ מלחמה טאַקע אָט־דאָ־אָ, אין ביאַליסטאָק. מען ליגט דאָך ביי דער דייטשער גרענעץ. אַ שפּריז פון דאַנען איז אָסאָוויעץ, נאָך גראַעווע, די פעסטונג ביי דער גרענעץ. מען זאָגט, אַז זי איז אַזוי פעסט, אַז מען קען זי נישט איינעמען אין צען יאָר. אָבער גיי שפּיל זיך מיט די דייטשן!...

— דער דייטש וועט פּאַניען צערייבן, אַז עס וועט נישט בלייבן פון אים קיין שריד און פּליט...

— רעכט אויף דעם פּאָגראָמשטשיק... דעם שונא־ישראל...

— נקמה אין פּאַניע... אין די קרושעוואַנס...

— דער ענגלישער קעניג גייט מיטן רוסישן צאַר, יד אחת... אין בית־מדרש דערציילט מען, אַז דער פראַנצויזישער פּרעזידענט איז געוואָרן אַ שותף מיט דעם ענגלישן קעניג און זיי זענען אַריין אין חברה מיט דעם רוסישן ניקאָלאַיקע...

דער פּאָליטיקער אין תורת־חיים־בית־מדרש, נחום־חיים דער וועבער, זאָגט:

— אויב אַזוי בין איך שוין אין גאַנצן צעטומלט און איך מיש מיך נישט.

— זיי וועלן שוין פירן די מלחמה אָן מיר.

בינו לבינו הענגען שוין אַפישן אויף די גאַסן און זאָגן אָן מיט גרויסע, שוואַרצע, רוסישע בוכשטאַבן:

— „מאָביליזאַציע".

מען דאַרף זיך שוין מעלדן אויפן „סבאָרני פּונקט" אויפן אַלטן שאָסיי.

אַ זאַווערוכע, גאַנץ שטאָט איז אויף דער גאַס. גבירים מיט זייערע ווייבער פאָרן אין דראָשקעס, פול מיט טשעמאָדאַנעס, מיט אָנגעפּאַקטע טייסטערס אין די קעשענעס, צום וואָקזאַל. מען פאָרט קיין באַראַנאָוויטש, קיין מינסק, קיין סמאָלענסק — ווייטער, ווייטער. אַהין וועט די מלחמה נישט דערגיין.

די וועב־שטולן האָט מען אָפּגעשטעלט. די קעטעס און די שיצן ליגן נישט אין קאָפּ. די וועבער שטייען אין מיטן פאַבריק אין אַ געזעמל און רעדן, שלינגענדיק די ווערטער. יוסף־יהודה זאָגט, אַז דייטשלאַנד איז אַ פּאַרלאַמענטאַרישע מדינה, טאָקע מיט אַ קייסער, אָבער מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן — בעבעל, קאַוטסקי, ראָזע לוקסענבורג. זאָל קומען אַ פּאָהיבעל אויף דער שוואַרצער מאה מיט איר סיביר. דער קליינער בערעלע אין דער לאַנגער, גלאַנציקער קאַפּאָטע מיט צעלעכערטע אַרבל, איז צופרידן וואָס דייטשע שפּראַך איז כמעט אַלץ איינס ווי ייִדיש. מען וועט פאַרשטיין אַ יעדעס וואָרט.

— ביי זיי איז אַ וועבער — אַ וועבער, טיש — אַ טיש...

לייבע האָט אָנגעזאָגט זיין ווייב מאַשע:

— כאַפּ אַריין אַ זעקל בולבעס, אַ קשיא אויף אַ מעשה. זאָל זיין אַ בולבע אין שטוב.

פאַרנאַכט כאַפּט מען אין גאַס די רוסישע צייטונגען, וואָס ווערן פאַרקויפט פון שקצים מיט בלעכלעך אויף די היטלעך: „גאַזעטשיק".

מען כאַפּט די „נאָוואָסטי", דעם „רעטש", די „סוואָבאָדאַ". זיי קומען אַזש פון פעטערבורג און עס שמעקט נאָך אַלץ פון זיי פרישע דרוק. זיי ווייסן בעסער ווי די ייִדישע צייטונגען פון וואַרשע. דאָרט שטייט געדרוקט, אַז עסטרייך האָט „געגעבן אַן אולטימאַטום" אויף צו ענטפערן — 48 שעה.

— אויב נישט, איז מלחמה.

מלחמה!... ווער דאַרף עס? פאַרוואָס גייען מענטשן אין מלחמה? וואָס וויל עסטרייך פון די באַלקאַנען? פאַרוואָס גייט דייטשלאַנד צוזאַמען מיט עסטרייך? בעת דער יאַפּאַנישער מלחמה איז נאָך אסתר געווען אַ קליין מיידעלע. די מלחמה איז דעמאָלט געווען ווייט און זי איז געווען יונג. זי געדענקט יענע מלחמה גאַנץ נעפּלהאַפט. איצט איז אסתר שוין אַ געענדיקטע גימנאַזיסטקע, זי קלייבט זיך שוין פאָרן שטודירן, אַזוי זאָגט מאַריאַ אַבראַמאָווינאַ, און — נאַ דיר גאָר מלחמה!...

די „סוואָבאָדאַ“ שרייבט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ וועלט־מלחמה. עס וועלן גיין ריזן־אַרמייען, מען וועט פאַרברענען שטעט, עס וועט זיך איבערקערן דער סדר פון דער וועלט...

אסתר, וואָס איז דאָס?... פאַרוואָס?...

דאָס זאָל זיין דערפאַר, ווייל דייטשלאַנד האָט נאָך איר חשבון מיט פראַנקרייך פון ביסמאַרקס צייטן. קייסער ווילהעלם וויל מדינות און קאָלאָניעס. פרייסן וויל ווערן דער באַלעבאָס פון אייראָפּע. דער קייסער פראַנץ־יאָזעף פון עסטרייך איז געבונדן מיטן קייסער ווילהעלם פון דייטשלאַנד, גיט אַ האַנט דער קייסער ניקאָלאַי פון רוסלאַנד דעם קייסער פון ענגלאַנד.

— פאַרוואָס?

— זיי נישט קיין נאַר, אסתר. עס איז מער ווי אַ מלחמה צווישן קייסאָרים, עס איז אַ מלחמה וועגן אימפּעריעס, וועגן באַהערשונג פון לענדער, פון מערק...

אין די איבערזיכטן פון „רעטש“ און „דיען“ לייענט אסתר וועגן מיטללענדישן ים און די וועגן צו מזרח־לענדער, וועגן די קאָלאָניעס אין די ווייטע לענדער, וואָס עס ווילן פאַר זיך די אייראָפּעיִשע מלוכות.

— רוסלאַנד וויל די דאַרדאַנעלן...

— ענגלאַנד — דעם סועץ־קאַנאַל...

— רוסלאַנד וויל נישט בלייבן אַליין, אויג אויף אויג מיט דייטשלאַנד. עס טליִעט נאָך די אַלטע שנאה. אמת, די רוסישע צאַריצע איז פאַרבונדן מיטן דייטשן קייסערלעכן הויף. דער צאַר אָבער איז פאַרבונדן מיטן ענגלישן קעניגלעכן הויף, דער ענגלישער קעניגלעכער הויף איז פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער רעפּובליק...

אָבער וואָס גייט עס אָן די אָרעמע, די פּויערים, די אַרבעטער? — פרעגט אַ שרייבער אין „דיען“.

וואָס גייט עס אָן סטאַכן, איוואַנען, זשאַנען?... — זיי וועלן גאָרנישט געווינען און קענען פאַרשפּילן זייערע לעבנס.

אָן זיי קען דאָך נישט זיין קיין מלחמה. זיי זענען דאָך אומעטום די סאָלדאַטן. נישט די קניאַזן, די גראַפן, די באַראָנען, די לאָרדן.

אסתר וויל דאָס ריכטיק באַנעמען, פאַרשטיין. זי רעדט וועגן דעם מיט איר שוועסטער צלובה.

דער טאַטע זאָגט, אַז אין בית־מדרש האַלטן די ייִדן מיט דייטשלאַנד און נישט מיטן צאַר. מען דערציילט, אַז דער שיכור און נואפניק מאַנאַך ראַספּוטין,

וואָס האָט גענומען די צאַרין פאַר אַ קעפּס־ווייב, איז דער באַלעבאָס איבער דעם מלך שוטה, דעם צאַר, און ער הייסט מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן. אין דייטשלאַנד מאַכט מען נישט קיין פּאָגראָמען.

— טאַטע... — זאָגט אסתר — די דייטשן זענען אויך רשעים, זיי האָבן אויך אין אמאָליקע יאָרן געמאַכט פּאָגראָמען און אויסגעריסן די ייִדן.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — ביסט נאָך אַ יונג מיידל. אין בית־מדרש ווייסן זיי בעסער.

— אין די ביכער שטייט געשריבן, אין געשיכטע. ווייסטו, טאַטע, וואָס איז היסטאָריע? דאָס איז דאָס בוך וועגן דער וועלט, וועגן דער גאַנצער וועלט.

—וואָס האָט עס צו טאָן מיט ייִדן?

— דאָס האָט שוין זייער אַ סך צו טאָן. ייִדישע געשיכטע איז אַ טייל פון וועלט־געשיכטע.

צו טיף פאַר לייבען די תורה פון זיין געלערנטער טאָכטער, וואָס האָט אַ גאָלדענעם מעדאַל. צו שווער: היסטאָריע, וועלט־געשיכטע, ייִדישע געשיכטע...

צלובה זאָגט ביים טיש, אויב עס איז שוין באַשערט, טאָ זאָל שוין זיין אַזוי, זאָל שוין זיין מלחמה. מען וועט זי איבערלעבן. די מלחמה וועט ברענגען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַזוי איז אויך געווען אין דער צייט פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, דאָס „פינפטע יאָר", דעמאָלט איז געווען נאָר דער אָנהייב. עס האָט זיך נישט איינגעגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס. איצט וועט מען שוין מאַכן בעסער. מען וועט אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשאַפט, מען וועט מאַכן אַ רעפּובליק, עס וועט קומען די פרייהייט.

— רעד שטילער... — זאָגט לייבע. — עס פעלט מיר נאָך איצט...

אסתר שטייט ביים סאַמע אָנהייב פון איר דערוואַקסענעם לעבן. זי האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביידע זאַכן — אָנהייבן לערנען מיט די „קאָמיטעטשיקעס" אין יתומים־הויז אויף גומיענער גאַס רוסיש און רעכענען און אין דער זעלבער צייט זיך צוגרייטן צו פאָרן איבער אַ יאָר שטודירן אין פּעטערבורג, אַזוי ווי עס איז די עצה פון מאַריאַ אַבראַמאָוונאַ.

אין מיטן דערינען דער דונער — מלחמה!

גראַדע פייערט איצט רוסלאַנד די דריי הונדערט יאָר פון הויז פון די צאַרן, פון די ראָמאַנאָווס — דאָס הויז פון ווילקיר, נאַגייקע און פּאָגראָם. עס וועט נעמען אַ סוף מיט דעם הויז פון פאַרברעכן און אויסגעלאַסנקייט. די פּראָקלאַמאַציע זאָגט ריכטיק. דאָס אומצופרידענע פאָלק וועט זיך צעבונטעווען. אסתר האָט שוין אָפּגעמאַכט צו זיין מיט די צעבונטעוועטע, מיטן אָרעמען פאָלק. אַזוי ווי צלובה.

— די צאַרישע גענעראַלן קענען נישט געווינען די מלחמה מיט דייטשלאַנד. זיי וועלן פאַרשפּילן. וועט מען אַראָפּוואַרפן די גענעראַלן צוזאַמען מיט זייער צאַר. עס קומט די שעה!...

אַזוי רעדט מען ביי צלובהן אין קאַמער. אַזוי רעדט מאָטל דער שלאָסער. אַזוי זאָגט זעליג שאַפּירא, דער געלער לערער:

— די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן. דער אַלטער רעזשים וועט צעבראָכן ווערן. די אַרבעטער פון דייטשלאַנד וועלן געבן די הענט די אַרבעטער פון רוסלאַנד:

— פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט איך!

די מאַמעס האָבן פון דעם אַלעמען נישט געוווסט. זייערע הערצער האָבן זיי געזאָגט שלעכטס. זיי האָבן געפילט, אַז מען גייט אַוועקנעמען זייערע מענער און זייערע קינדער אין פייער אַריין. זיי האָבן געבראָכן די הענט, געוויינט אין שרעק:

— זאָל גאָט אָפּהיטן...

די גבירים איז גוט, זיי לויפן זיך באַהאַלטן, אַנטלויפן פון פייער. וואָס זאָלן טאָן די אָרעמע לייט? — זיי מוזן בלייבן אונטערן פייער. די גבירים קויפן אויס זייערע זין. די אָרעמע לייט האָבן נישט מיט וואָס. אַפילו מאַכן זיי פּאַר קאַליקעס דאַרף מען אויך געלט.

— מיטן אָרעמען דלות קען מען זיך אין ערגעץ נישט רירן.

— מוזט בלייבן מיט חברה באַרשטש...

אין מיטן טאָג איז אַראָפּגעקומען אין שטוב מרדכי, צלובהס מאַן, מיט אַ בהלה. די וואַטע־פאַבריק, וווּ ער אַרבעט, פּאַקט זיך. מען פירט אַרויס די גאַנצע פאַבריק, די מאַשינען און די מענטשן, טיף אין רוסלאַנד. מען זאָגט, אַז הינטער סמאָלענסק. אַלע „מענטשן פון פאַבריק" מוזן פאָרן.

— צלובה, מען דאַרף פּאַקן...

— מיט די קינדער?...

— וואָ׳ דען?...

ביי דער מאַמען אין די אויגן קומען טרערן. עס איז אַ זון מיט אַ רעגן. גוט וואָס איר טאָכטער מיט איר איידעם און קינדער גייען אַוועק פון פייער, אָבער דאָך פילט זי, ווי מען וואָלט ביי איר אַרויסרייסן אַ שטיק האַרץ. אַ מלחמה האָט זיך זיי פאַרגלוסט — צו וואָס און ווען?... — זאָלן זיך שלאָגן די גענעראַלן איינע מיט די אַנדערע, וואָס אָבער האָבן זיי צו מאַשעס קינדער?

מוז מען פאַרשטיקן דעם ווייטיק און העלפן איינפּאַקן די קינדער. מען שלעפּט שווין קאַסטנס, מען פּאַקט אויף גיך, די קאַסטנס דאַרף מען אַרומנעמען מיט אייזערנע בענד. דאָס וועט שוין טאָן דער טאַטע.

ליגט לייבע אויפן דאַך פון די וולאַדימירסקע קאַזאַרמעס, וואָס שטייען ביים ברעג פון וואַלד. ער טוט זיינס, ער פאַרריכט דעם דאַך, קלאַפּט אַריין טשוועקעס, בייגט די „נעט" פון בלעך מיט זיינע צוואַנגען. ערשט ער זעט מיט זיינע אויגן אַ בהלה אין די קאַזאַרמעס. סאָלדאַטן לויפן צו די האַרמאַטן־געביידעס און מען שלעפּט זיי שנעל אַרויס אין דרויסן — האַרמאַטן, האַרמאַטן און האַרמאַטן. מען שפּאַנט איין אין זיי אין איין אויסכאַפּעניש די פערד, פיר און זעקס פערד צו איין האַרמאַט, איינע הינטער די אַנדערע, די האַרמאַטן מיט לאַנגע רערן, ווי העלדזער,

פון וועלכע עס ווילן אַרויסלויפן די באָמבעס. איינגעשפּאַנט, אַ פּאָר סאָלדאַטן אין לאַנגע שינעלן כאַפּן זיך אַרויף און אַוועקגעלאָזט זיך, ווילד. — גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, איינע נאָך די אַנדערע. עס געדויערט נאָר מינוטן.

פון די „קאַניושנעס" האָבן זיך געלאָזט די קאַוואַלערייסקע פערד, אויף זיי — די קאַוואַלערייסקע סאָלדאַטן מיט די גלאַנציקע שפּיזן אויף די ביקסן אויף זייערע פּלייצעס. פערד און פערד, סאָלדאַטן און סאָלדאַטן, ביקסן און שפּיזן — מען טראָגט זיך ברענענדיק, שמיידיק, גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, ווי אַ רוח וואָלט זיי געטראָגן, ווי דאָ הינטערן וואַלד וואָלטן שוין שטיין יענע — די דייטשן.

אַז לייבע זעט עס, זאָגט ער צום פּועל:

— נעם צונויף די כלים, אַהיים געגאַנגען...

— עס וועט שוין נישט זיין ווער עס זאָל באַצאָלן פאַר דער אַרבעט.

— זעסט דאָך, אַז זיי טראָגן זיך אַפּ...

ער האָט צונויפגענומען זיין געצייג אין הילצערנעם קעסטל, אַראָפּ פון דאַך, גענומען דאָס קעסטל אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט אַהיים. אין שטוב איז דע־מאָלט געווען נאָר אסתר. זי האָט געקוקט אויף איר טאַטן, וואָס איז אַריין אַ שווייגנדיקער, אין מיטן טאָג מיטן קעסטל געצייג אונטערן אָרעם. ער האָט אַוועק־געשטעלט דאָס קעסטל בלעכערײַ אויפן טיש, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן שטול, אָנגעקוקט זיין טאָכטער און געזאָגט איין וואָרט:

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

— וואָס?

— די מלחמה.

און אַ ביסל שפּעטער:

— איך האָב עס אַליין געזען מיט מיינע אויגן.

ער האָט געהערט, אַז צלובה און מרדכי פּאַקן זיך שוין, איז ער באַלד אַרויף אויבן צו זיי אין שטיבל און גענומען אַרומציען מיט באַנד־אייזן זייערע פּאָר קעסטלעך מיט זייער האָב און גוטס. ער האָט זיך געאײַלט, אַזוי ווי עס האָבן זיך געאײַלט די קאַוואַלעריסטן, אין די וואָלאַדימירסקע קאַזאַרמעס.

— אַז דו וועסט זיין אין טיף ראַסיי — האָט ער געזאָגט צו זיין איידעם מרדכי — זאָלסטו דאָרט אויפמאָנען ביים קייסער מיין חוב פאַרן דאַך אויף זיינע קאַזאַרמעס. זיי זיינען אַנטלאָפן און מיר נישט באַצאָלט.

מער האָט לייבע גאָרנישט פאַרמאָגט מיטצוגעבן זיינע קינדער.

אסתר איז אַ ביסל שפּעטער אַריינגעקומען מיט אַ רוסישער צייטונג אין האַנט, געבליבן שטיין ביי דער טיר, נאָכדעם איבערגעלייענט:

„די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן".

זאָגט לייבע צו זיין ווייב:

— איך האָב דיר פריער געזאָגט... אַליין געזען.

צווייטער טייל

# ווענט

## ערשטער קאַפּיטל

# ביי די דייטשן

פון סוף זומער ביז סוף זומער פון איין יאָר, פון תשעה־באב 1914 ביז מיטן אלול 1915, האָט געדויערט די דייטשן זאָלן פאַרטרייבן די רוסן. זיי זענען אַריין אין שטאָט מיט דער פולער דייטשער, אייזערנער מלחמה־מאַשין. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי געקלאַפּט אין טויער פון ביאַליסטאָק און אָסאָוועצער פעסטונג, עטלעכע מאָל זענען געפלויגן „צעפּעלינען" און אַעראָפּלאַנען איבער דער שטאָט און אַריינגעוואָרפן אין איר באָמבעס פון אויבן, דערהרגעט יונגע קינדער מיט שול־ביכער אין די הענט, געמאַכט שרפות. ווי נאָר אָבער וואַרשע איז געפאַלן אין חודש יולי האָט מען שוין געוווּסט, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר ביאַליסטאָק צו פאַלן צו די דייטשן.

מען האָט געשמועסט, אַז די קאָזאַקן וועלן מאַכן אַ פּאָגראָם פאַרן אָוועקגיין. די שטאָט־באַלעבאַטים זענען אָוועק צום קאָזאַקן־גענעראַל אָרלאָוו, אים אונטער־געקויפט מיט זעקס טויזנט מזומנע רובל:

— זאָל זיין שטיל.

דער גענעראַל האָט דאַסמאָל געהאַלטן וואָרט און ער האָט אין דער לעצטער נאַכט אַרויסגעפירט זיינע סאָלדאַטן הינטער דער שטאָט. אין דער לעצטער רגע האָבן די באַלעבאַטים „אָראָפּגעכאַפּט" פון אים צוויי טויזנט רובל — אים געגעבן נאָר פיר. ער גייט דאָך סיי ווי סיי אָוועק און שיכור איז ער אויך. מען האָט אָבער געמוזט אַריינשטעקן אויך דעם פּאָליציימייסטער די „מאַטניא" — פיר טויזנט רובל. די גבירישע פּני האָט צוליב דעם אויסגעליידיקט די קאַראָבקע־קאַסע.

פון מיטוואָך פאַרנאַכט האָט געברענט דער הימל אַרום דער שטאָט. איין תקופה גייט אָוועק מיטן פייער און עס קומט נאָך איר אַ צווייטע. דער צאַר גייט אַרויס און דער קייזער קומט אַריין. עס האָט געברענט דער וואָקזאַל, די מיליטע־רישע מאַגאַזינען. מען האָט געהערט די אויפרייסן פון בריקן. האַרמאַטן האָבן גע־דונערט און עס האָבן זיך נאָכגעטראָגן מאָרמדיקע עכאָס אין די אָנגעפלאַמטע

הימלען. מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די צוגעמאַכטע הייזער, אונטער די פאַר־שפאַרטע טויערן. זאָל דער איבערגאַנג אַדורכגיין.

אסתר האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. עס האָט איר געצויגן דער דרויסן. עס קומען פאַר אין די מינוטן גרויסע זאַכן. ציט עס צו שטעקן אין זיי, אין די גרויסע זאַכן. די ווענט אין שטוב פאַרשטעלן, עס איז צו ענג. שטייט זי אויף דער גאַס. שטייט אַליין. אירע שוואַרצע האָר זענען צעוואָרפן. אירע גרויסע אויגן שטעקן אין ברענענדיקן הימל. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק.

נאָכן אָונט קומט די נאַכט. מען האָט געלאָזט די שטאָט איבער נאַכט אָן אַ מלכות — נישט די רוסן און נישט די דייטשן. אסתר שלאָפט נישט. ווו איז איצט צלובה? — דאָרט ווייט אין רוסלאַנד, אויף יענער זייט. ווו איז זי, אסתר? — זי איז אין אַ צווישן־צייט, אין בין־השמשות. זי זעט ווי דער סדר־העולם מיט זיין איינגעשטעלטן לוח און זייגער קערט זיך איבער.

ווו איז איר ברודער מענדל, וואָס איז אַוועק אין סלאָבאָדקער ישיבה צו ווערן אַ רבי?... — מען הערט פון אים גאָרנישט, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. אַ סברה, אַז ער איז אין אַנהויב מלחמה אַוועק מיט עטלעכע ישיבה־בחורים קיין אַמעריקע.

אַרום שטוב איז דאָ דער „מוזיניק" יאָסל — אַן אומעטיק ברודערל, דער „וויס־קראַבעק", — רופט אים די מאַמע. קריכט ער אום גאַנצע טעג איבער די גאַסן, וואַלגערט זיך ביים טאַטן אין „ראַבאַטשע", לויפט נאָך דעם טאַטן אַרויסצוהעלפן ביי דער בלעכערשער אַרבעט.

און זי, אסתר?

זי איז איצטער אַליין, אסתר. אַליין אויף דער וועלט. זי איז אַלט אַכצן יאָר. עס ווילט זיך נישט זיין אַליין. עס קלעמט אין האַרצן, אין די איברים. דער הימל ברענט אַלץ העלישער. די קאַנאָנען הילכען ווייטער, אָפּגערוקטער, ווי פאַרשטעקטע, אונטערערדישע דונערן.

באַלד, באַלד און די צייט וועט געבוירן עפּעס נייעס.

ויקם מלך חדש. דייטשלאַנד וועט אַריינקומען. „יעקע".

אינדערפרי איז דאָס געשען. די ערשטע זענען אַריינגעקומען מאָטאָציקליסטן און וועליסאָפּעדיסטן. זיי זענען געפאָרן איבער די אויסגעליידיקטע גאַסן גלייך צום שטאָט־זייגער, צו מוראַוויאָוס געביידע, צום „שיסל". זיי האָבן זיך דאָרט אָפּגע־שטעלט, אַרומגעקוקט די גאַס, דעם מאַרק, די לאַנגע וואַשליקאָווער גאַס, דעם פוילישן קאָשטשאָל ביי דער דייטשער גאַס, און געוואַרט. זיי האָבן, זעט אויס, גע־ווּסט אויף וואָס זיי וואַרטן.

גלייך נאָך זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערקומען ראָטעס, ראָטעס, פּאָלקן, קאַוואַ־לעריע, פּיעכאָטע, אַרטילעריע, איינס נאָך די אַנדערע, מחנה נאָך מחנה, טויזנטער נאָך טויזנטער:

— די דייטשע אַרמיי...

— הינדענבורגס דיוויזיעס...

זיי האָבן זיך אויסגעלייגט איבער די גאַסן. פולע גאַסן מיט דייטשע פערד און דייטשע סאָלדאַטן. אַלץ איז אויסגעפּוצט און אויסגעפּאַשעט. שטאָט האָט אַרויסגעשאָטן פון די הייזער, פון די געסלעך אין די גאַסן אַריין — צו נאָוואָליפּיע, צו ני־קאָלאַעווסקע, צו דייטשע, צו באַזאַרנע.

עס קערט די וועלט, חידושים איבער חידושים, מאָדנע מלבושים. סאָלדאַטן מיט שוואַרצע פעדערן אויף די היטלעך; ווייסע, שפּיציקע בערשטעלעך, מיט פּרענז, מיט סטענגעס. משונהדיקע כלי־זין.

עס גיסט מיט כח איבער דער שטאָט, מיט דייטשער גבורה. פּלאַי־פּלאַים — זיי רעדן כמעט אויף ייִדיש.

— וואָרום דייטש און ייִדיש איז אַלץ איינס...

איבער זיי טראָגט זיך אַ ריזיקער צעפּעלין. ער שווימט נידעריק — אַזוי ווי אַ שיף אין דער לופט. ניין, נישט קיין שיף, נאָר אַ שווימענדיקע הימלישע חיה, עפּעס אַ מין בלויער לויתן, און באַלד נאָך אים איינע נאָך די אַנדערע זשומען און פליען אַעראָפּלאַנען. מען קען זיי אָפּציילן: איינס, צוויי, פינף, פופצן... — ייִדן ווייסן שוין צו דערציילן, אַז אין די אַעראָפּלאַנען פליען גענעראַלן. אויפן צעפּעלין זיצן מאַרשאַל הינדענבורג און קייסער ווילהעלם. יאָסל יונג פון די רעשטלעך אויף גומיענער גאַס דערציילט מיט פּאַרכאַפּטן אָטעם, אַז ער האָט אַליין געזען ווי אונ־טערן אַעראָפּלאַן הענגט אַ וויג און אין איר זיצן מענטשן.

שטאָט האָט געוווסט — נישטאָ קיין סודות — אַז אין „אופּראַווע" אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס זיצט שוין דער פעלדמאַרשאַל פאָן גאַלוויץ. ער וועט זיך דער באַלעבאָס. ער האָט געשיקט נאָכן רב, נאָכן גלח און נאָכן פּאָפּ — אַלע דריי אמונות, אין וועלכע עס גלייבן די הונדערט טויזנט מענטשן פון דער איינ־גענומענער שטאָט, — זיבעציק טויזנט ייִדן, צוואַנציק טויזנט פּאָליאַקן און דייטשן, צען טויזנט רוסן.

— דריי הונדערט טויזנט רובל קאָנטריבוציע פאַר שלעכטער אויפפירונג...

אַזוי איז געווען דער אָנהייב. עס איז געווען דער אָנהייב פון דייטשן לוח, פון דייטשער צייט.

גייען טעג, וואָכן, חדשים. די שטאָט געפינט זיך אין די פּעסטע, רחמנותלאָזע הענט פון דער „אָבער־אָסט־קאָמאַנדע". די שטאָט איז סגור ומסוגר, אָפּגעשניטן פון ביידע זייטן — פון וואַרשע און פון ווילנע, פון מזרח און מערב. אָן אַ „פּאַסיר־שיין" קען מען זיך נישט אַרויסרירן. מען טאָר נישט אַריינקומען אָן אַ דייטשער שיין. מען טאָר נישט אַרויספירן אָדער אַריינפירן.

— שטראָף, קאָנפיסקאַציע, טורמע, שמיץ...

שטאָט ליגט אין די לאַפּעס פון אימה. דער יונקער, דער זשאַנדאַר, דער לייטענאַנט איז דער אַליינהערשער. יעקע איז האַרטער באַלעבאָס, ער שרייט הייזעריק ווי אַן אוממענטש, מרוקעט חזיריש. „יעקען" באַדינען פּוילישע פּריצים, גלחים און טונקעלע ייִדישע סוחרימלעך — יוצר־משרתים, מה־יפיתניקעס, טעלערלע־קערס, קהלשע פּיאַווקעס, ייִדישע ווייבלעך „צוקער־פּושקעס". ביאַליסטאָקער דריי־

טשע פאַבריקאַנטלעך פירן אויך די גרענדע. ס׳רוב פון דער שטאָט הונגערט. מען טיילט אויס אויף „באָנעס״ הילצערנעם, ליימיקן ברויט, האָבער, פאַרפוילטע בולבעס. מען שלעפּט גאַנצע גאָסן ייִדן צו „ענטלויזונג״, וווּ מען שערט אָפּ בגוואַלד סיי מענער און סיי פרויען — „די לויזיקע יודען״, מען באַקט אויס די קליידער אין הייסע אויוונס און מען שרייבט דאָס אַריין אין די „קען־קאַרטעס״.

אויף שבת פרי טרייבט מען צונויף טויזנטער ייִדישע מענער אויפן הויף פון דער פּאָליציי־קאָמאַנדע אין אַרעסט־הויז, פון דער „רעשאָטקע״, וואָס האָט אַזוי געהייסן צוליב די פאַרקראַטעוועטע טורמע־פענצטער. מען האָט די ייִדן איינגעשטעלט מיליטעריש גרופּנווייז, לויטן אלף־בית פון די פאַמיליעס און לויט די גאַסן, פון וועלכע זיי קומען, און קאָנטראָלירט. אונטער־אָפיצירן רופן אויס דייטשיש די ייִדישע נעמען און מען מוז ענטפערן:

— איך... יאַוואָהל...

„דאַוונען שחרית אויף דייטש״... — האָבן די ייִדן גערופן אָט די שבתדיקע פרימאָרגנס, אויפן הויף פון דער „רעשאטקע״ אויף אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס. קראַנקע האָבן געמוזט צושטעלן דאָקטער־צייגענישן, אַז זיי קענען נישט קומען מחמת דעם. אַלע גבירים זענען „קראַנק געוואָרן״.

פון מאָל צו מאָל פלעגן די דייטשע אָפיצירן אויך דורכפירן „וועגערישע קאָנטראָלן״. די ייִדן פלעגן גיין איינע נאָך די אַנדערע, בריש גיליה, מיט פונאַנדערגעשפּילעטע פלודערן אין אַ גרויסן ליידיקן פערדן־שטאַל פון דער „פאַזשאַרנער קאָמאַנדע״ אויפן זעלבן הויף. סאַניטאַרן און אונטער־אָפיצירן פלעגן שנעל בודק זיין די ייִדן מיט די אָפענע פלודערן — שנעל, שנעל איינעם נאָכן צווייטן, און אָפּטיילן באַזונדער די וועגעריש־קראַנקע, דערביי זיי זידלען, שימפן, טרייבן חוזק. די דורכגעפאַלענע פלעגן ברענען פון חרפה אין די אויגן פון שטאָט.

די גאַסן, די הייזער זענען געווען פול מיט הונגער און פאַרשעמונג. דער מיזמענטש איז געוואָרן — גאָרנישט. שטאָט איז אַ הונגעריקער גולם. די דייטשן האָבן צוגענומען, צוגערויבט, קאָנפיסקירט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ ווערט. די פאַבריקן זענען געשטאַנען. מאַשינען האָט מען אַרויסגעפירט אין דייטשלאַנד.

אַ שטאָט ייִדן קען אָבער נישט שטאַרבן. אַ שטאָט האָט אַ מוח און ער אַרבעט. מען דאַרף צולהכעיס די דייטשן זיי מאַכן אַ שפּיצל — מען וועט אויסזוכן פרנסה אונטער דער ערד. די דייטשע אונטעראָפיצירן און לייטענאַנטן האָבן טאַקע שטרענגע באַפעלן פון קייסער אין בערלין, וועט מען זיי אונטערשמירן, צורעכט־מאַכן, ווייזן אַ שפּיץ פון אַ מטבע. הכלל — מען האַנדלט שוין ווידער צוביסלעך, באַלמעלאָכעס מאַכן שיך, הויזן, היטלעך פאַר די דייטשן. זיי צאָלן פאַר סחורה און האַרעוואַניע מיט אָבער־אָסט־מאַרקן, וואָס ייִדן רופן אויף דייטש:

— „שייס־געלט״.

מען האַנדלט, מען קויפט און מען פאַרקויפט קאַשטאַנעס־ברויט, געשפּאָלטענע אַרבעס, בולבעס, זעקלעך מעל, צוקער, בראַנפן. סוחרים מאַכן שוין געלט. האַוועז, שמייען, באַקומען שיינע אַרויסצופאָרן און אַריינצופאָרן, אַריינצוברענגען,

מען האַנדלט מיט ברוכוואַרג, מיט אײַזן, אַרעמעלײַט און באַלמעלאָכעס זשיפּען שוין. די דײַטשן דאַרפֿן האָבן אויפֿקויפֿער אין די דערפֿער, האָבן זיך אונטער־געדרוקט נײַע פּיפּיקע מעקלערס, ייִדן — אײַנשטעלער, קאַפּ־מענטשן, וואָס פֿאַר־קויפֿן וואַגאָנעס אויסגעטריקנטע עפּל, שוואָמען, זעגאַכץ, זוכן אויף פּעק לעדער, בערג פּעל פֿון בהמות. עס האָבן זיך באַוויזן ייִדן „דײַטש־שפּרעכער‟, וואָס מאַכן געלט בשותפֿות מיט עלטערע דײַטשע ביר־אָפֿיצירן. מען ווייסט שוין, אַז מען דאַרף צוקומען צו עלטערע דײַטשע אָפֿיצירן, „מוסטערהאַפֿטע פֿאַמיליע־פֿאַטערס‟ אײַנדערהיים, דורך פֿרײַלעכע, פֿרײַע ווײַבלעך. צו דעם ערגסטן שטאָט־קאָמענדאַנט, צום שווערסטן בײַכיקסטן מאַיאָר, קומען צו „גוטע‟, „לײַכטע‟ ווײַבלעך און מאַכן פֿון זיי לעמעשקעס, פֿאַרדרייען זיי די קעפּ מיט טרייפֿענע אייגלעך, מיט זינדיקע העוויות פֿון ווײַכע קערפּערס. איין קליינע, פּעפּערדיקע ווײַבעלע קען אַרויסבאַקומען מיט צווייִדײַטיקע צוזאָגן אַ וואַגאָן צוקער פֿאַר שהי־פּהי, וואָס האָט געדאַרפֿט גיין פֿאַר שטאָט „אויף קאַרטן‟, ביי אַן עוג־מלך־הבשנדיקן לייטענאַנט. מען האָט שוין פּעק דײַטש פּאַפּיר־געלט און מען לעבט אַ חזירישן טאָג.

— „עס איז מלחמה‟...

אויף גומיענער גאַס און אויף נײַוועלט האָט מען אָנגעזאָגט, אַז „יעקע נעמט‟, מען קען אים אָפּחורשן און קריגן באַשטעלונגען אויף דײַטשן מאַנופֿאַקטור „קאַס־טאָר‟ פֿון באַוול און שמאַטעס, מען קען מאַכן פֿאַר אים מאַרמעלאַד, מען קען פֿאָרן מיט לאַדקעס איבערן בוג און אַרײַנשמוגלען סחורות פֿון פּוילן, פֿון לובלי־נער געביט, ווו עס איז דאָ עסטרײַכישע אויסאַרבעטונג. מען דאַרף נאָר האָבן צו דעם דײַטשע שותּפֿים.

עס האָבן זיך געמערט מלחמה־גבֿירים, — אַ נײַע ראַסע. זיי זענען אָבער געווען נאָר אַ קליינע צאָל אין שטאָט, די צענדליקער טויזנטער זענען געווען האַלב־הונגעריק, אויסגעמאַטערט, דערשלאָגן. עס האָבן געבושעוועט אין די אָרעמע הײַזער קראַנקײַטן, עס איז אַרומגעגאַנגען דאָס דײַטשע וואָרט „ערזאַץ‟. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט ערזאַץ־ברויט, ערזאַץ־שטריק, ערזאַץ־פֿלאַקס און דערגאַנגען צו ערזאַץ־חיונה, „ערזאַץ־לעבן‟, ביז אַפֿילו — „ערזאַץ־מאַן‟.

אסתר איז געווען ווי אין אַ הינער־פֿלעט. אירע באַקאַנטע גימנאַזיסטקעס באַגעגנט זי אין שטאָט־גאָרטן מיט דײַטשע אָפֿיצירן. זי האָט געזען איר געוועזענע שילערין פֿרידענבערג אין אַ דראָזשקע מיט אַ דײַטשן מיליטער־מאַן. זי איז רויט געוואָרן, זיך פֿאַרשעמט.

אין לאַנגע און קאַלטע נעכט האָט זי געלייענט ביכער, פֿון וועלכע עס ווערט וואַרעמער. מען לעבט־מיט מיט פֿרעמדע און גוטע מענטשן, מען טראַכט־נאָך זייערע געדאַנקען. אין שלאָפֿלאָזע נעכט טראַכט זיך שנעל. זי ווערט עלטער, דער־וואַקסענער פֿון טאָג צו טאָג.

עס זענען דאָ אין איר געדאַנק צוויי דײַטשלאַנדס, איינע — פֿון הויפּטמאַנס „וועבער‟, פֿון געטעס „פֿאַוסט‟, לעסינגס „נאַטאַן דער ווײַזע‟; די צווייטע — פֿון די אָפֿיצירן מיט די גימנאַזיסטקעס פֿון מיליטער־מאַן אין דראָזשקע מיט דער פֿרײַ־

דענבערג. אין דייטשלאַנד אין ציווילע קליידער, די צווייטע — אין מונדירן. ווי קען מען דאָס פאַרשטיין? — איר קענען דייטש פון גימנאַזיע־באַנק העלפט איר אין דעם נישט אַרויס.

דער קיעווער סטודענט צבי פראַנק האָט אָרגאַניזירט אַ סטודענטן־קורס פאַר ייִדישער געשיכטע, סאָציאַלע קענטשאַפטן און ייִדישער ליטעראַטור. אסתר האָט זיך פאַרשריבן אויפן סטודענטן־קורס. ייִדישע געשיכטע האָט דאָרט געלערנט מיט די סטודענטינס דער לערער מאיר צפת. צום ערשטן מאָל האָט אסתר געהערט פון אַ לעקטאָר אַזעלכע אויסטערלישע רייד:

— לערנען געשיכטע מיינט אַרויסצוגיין פון אייגענעם שמאָלן געסל און אַריינקומען אין דער סוף־לאָזיקייט. אַז מען דערלערנט דעם גאַנג פון דער גע־שיכטע ווערט קלאָרער דער אייגענער גאַנג אין לעבן...

עס רעדט זיך אַרויס פון מאיר צפתן, ווי פון אַ גרויסן, זייער וויכטיקן בוך. ער רעדט אויסוווייניק. ער איז נאָך, דאַכט זיך, אַזוי יונג. בלויז די ברילן איבער זיין שאַרפן לאַנגן נאָז מאַכן אים עלטער, אָבער ער וואַרפט אַרויס פון דער טיפע־ניש פון זיין קאָפּ נעמען, שטעט, לענדער, דאַטעס, אַזוי ווי דאָרטן אין אים וואָלטן וווינען דורות, תקופות, לענדער, פעלקער.

מאיר צפת לערנט אויך מיט די סטודענטינס די ייִדישע ליטעראַטור. אין גימנאַזיע האָט אסתר גוט געוווּסט, געקענט גאַנצע שטיקער אויף אויסנווייניק פון לערמאָנטאָוו, פּושקין, גאָגאָל. דאָ לערנט זי וועגן פרץ, מענדעלע, שלום־עליכם. עס איז אינטערעסאַנט, עס ווערט נאָענט, היימיש. מאיר צפת זאָגט, אַז מען דאַרף דער עיקר אַליין לייענען. אסתר טוט דאָס. זי לייענט ייִדיש ווי אַ וואַסער.

די דייטשע אַרמייען גייען אויף פראַנקרייך; דייטשע פאָלקן שטייען הינטער פּינסק, ביי די פּאָלעסיער בלאָטעס; די דייטשע אָפיציעלע צייטונג שרייבט וועגן דייטשע זיגן ביי דער מאַרנע, ביי ריימס, וועגן צענדליקער טויזנטער טויטע פראַנ־צויזן און ענגלענדער און אויף די סטודענטן־קורסן לערנען צוויי צענדליק סטו־דענטקעס און סטודענטן וועגן צדיק שלמה פון דער „גאָלדענער קייט״.

— עס איז דאָ עפּעס אַזוינס — לערנט מאיר צפת — וואָס געהערט צום „אייביקן שטראָם״, און דאָס זענען נישט קיין ביקסן, נאָר אידייען, וועלכע טראָגן זיך ווי ווינטן איבער דער געשיכטע פון דער מענטשהייט...

מאיר צפת איז אַ למדן, איז אומרויִק ביים לערנען, ער איז טיף־באַהאַווונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ער איז — ווייסט מען שוין — אַ האַלבער רב און אַ האַלבער רעוואָלוציאָנער; ער רעדט כסדר מיט ליטעראַטור־אַנאַלאָגיעס און מיט ייִדישע משלים, ער מישט מאַרקסיזם, קבלה און פרץ.

— „חרוב זאָל ווערן די וועלט״ און „מיר זינגען שיר השירים״.

אסתר קוקט מיט פולע אויגן אויפן לערער. מאיר צפת האָט גרויסע אויגן, וואָס קענען פאַנגען אַנדערע, ווי עס טוען עס טויבן אויף זייער געיעג. זי זיצט אויף די לעקציעס ווי אַ פאַרכאַפּטע.

זי טיילט זיך אויס פון אַנדערע צוהערערינס מיט איר וויסן־דורשטיקייט און פון טאָג צו טאָג — מיט איר וויסן. זי פרעגט כסדר, זי וויל וויסן מער:

— דאָ — צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט, אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַריין, אַ וועלט זינקט — זאָגט אסתר אויסנווייניק — וויל איך וויסן פאַרוואָס? צוליב וואָס? פאַרוואָס זעט שלמה צדיק „אין שוואַרצן אַנגעטאָן, אין שוואַרצן איינגעהילט די נשמה פון דער וועלט״?...

זעט אויס, אַז אין גימנאַזיע האָט מען געלערנט נישט דעם עיקר, און דער עיקר איז גרויס, שווער, פאַרוויקלט — מען מוז זיך צו אים דערגרונטעווען. — „פאַרוואָס איז אין שוואַרצן געהילט די נשמה פון דער וועלט?״ — די וועלט האָט אַ נשמה!...

אויף די קורסן דערציילט מען, אַז יונגעלייט גייען שפּילן טעאַטער — „ס׳ברענט״ פון י. ל. פּרץ. מען וועט אויך שפּילן „די משפּחה״ פון ה. ד. נאָמ־בערג. אַן אַנדער גרופּע „ליבהאָבער״ גייען שפּילן „די מענטשן״ פון שלום־עליכם. די געזעלשאַפט „יידישע קונסט״ מאַכט אַ כאָר און וועט געבן קאָנצערטן. עס האָט זיך ווידער געעפנט די „געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק״.

עפּעס גרויסעס טוט זיך!

אין דער געוועזענער יאַפּעס שולע גייט מען עפענען אַ יידישע שולע. ווו וועט מען נעמען לערער? — איז דאָס אַן אמת, מאיר צפת, אַז איר גייט עפענען אַ פּרץ־שול? — טוט ער אַ שמייכל און ענטפערט: „קען זיין״.

איז צערודערט אסתרס געמיט.

ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב איז אומעטיק. זייער זון, וואָס איז געווען בשעת מלחמה־אויסברוך אין כעמניץ, איז אַוועק מיט אַ שיף קיין אַמעריקע. מען הערט גאָרנישט פון אים, ווי אין וואַסער אַריין. צלובה מיט מרדכין און קינדער זענען אין טיף ראַסיי און נישטאָ קיין קלאַנג פון זיי. ראַסיי איז גרויס און לאַנג און ווייט.

— ווו זענען זיי דאָרט, אין פרעמדן לאַנד, פאַרפאַלן געוואָרן?

— מאַשע, וואָס איז די פּעולה וואָס דו טראַכסט רק איבער?

— אַז עס טראַכט זיך, וואָס קען איך העלפן.

דער „מוזיניק״ יאָסל איז שוין געוואָרן אַ בחור און דרייט זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס. לייבע אַליין, אַז קיין אַרבעט האָט ער נישט געהאַט, איז ער אַרויס מיט אַ רידל צו „אנגערס באַרג״, אַרומגעצאַמט אַ שטיקל פעלד, אַרויסגעכאַפּט פון מלחמה־הפקר און פאַרזעצט דאָרט קאַרטאָפל.

— וועט כאָטש זיין אַ בולבע אין שטוב...

ער האָט גענומען פאַר אַ שותף דעם שכנותדיקן פּוילישן סטרוזש, וועט זיכערער זיין.

באַלעבאַטים־יורדים האָבן געדענקט לייבע דעם בלעכער און געבראַכט צו אים אַ כלי צו פאַרריכטן, אויסצוווייסן אַ פענדל, אים גערופן פאַרריכטן אַ דאַך, דורך וועלכן עס האָט אַריינגערעגנט. האָט לייבע אויסגעהאָרעוועט אַ שטיקל ברויט.

דער דייטשער שול־אינספעקטאָר אָבערלייטענאַנט פאָן קראַוזע האָט געמאָלדן, אַז ער עפנט קורסן פאַר לערער, וועלכע וועלן נאָך די קורסן אָנגעשטעלט ווערן פאַר לערער אין די שולן פאַר יידישע קינדער פאַר זעכציק מאַרק אַ חודש.

אסתר האָט זיך פאַרשריבן אויף די קורסן. זי וועט זיין אַ לערערין, פאַרדינען זעכציק מאַרק, אַרויסהעלפן טאַטע־מאַמע אין פרנסה.

— ביסט דאָך שוין, אסתר, אַ מענטש פאַר זיך אַליין.

מאַשע, אסתרס מאַמע, האָט אין יענע טעג געשלעפּט זיך מיט אַ זעקל שפּייז אויף די פּלייצעס פון דערפל באַגנאָווקע — אַביסל אַרבעס, בעבלעך, אַ פּאָר בור־ראַקעס, רעטאַך, עטלעכע בינטלעך מערן. זי האָט שוין געוווסט דעם אומוועג אויסצומיידן דעם דייטשן זשאַנדאַר. זי האָט אָבער אים נישט אויסגעמיטן. אַ מיטל־יאָריקער דייטש מיט קראַנקע פיס האָט זי פאַרהאַלטן: — „שמוגל...״ — זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ דערשראָקענע, די אויגן צעטראָגן, טרויעריק, מיט דער צונג געשטאַמלט:

— פאַר מיינע קינדער, גענעדיקער הער, האָבן זי מיטלייד...

קוקט אויף איר דער אַלטער פעלדפעבל, קוקט אויף דעם רעטאַך און אויף די בעבלעך. וואָס זאָל ער טאָן? טוט ער איר זעקל אַ שמיץ ווייט פאַרויס, טוט אַ צי מיט זיין שפּיץ־רוט איבער מאַשעס פּלייצעס און שרייט:

— פאָרט אַוועק פון דאַנען...

לויפט מאַשע מיט אַלע כוחות און מיט די מידע פיס צו איר אַוועקגעשמי־סענעם זעקל, טוט אים אַ כאַפּ און לאָזט זיך אין שטאָט אַריין. זי גייט אַהיים. עס האָט איר אָפּגעגליקט. אַ גוטער דייטש.

## צווייטער קאַפּיטל

# צוויי לערעס

דער פּראָפעסאָר מאַיאָר זיגפריד מילהויזער פון מינכען, מיליטעריש געקליידעט, אַ מאַן מיט אַ פולן, טונקעלן, טעלערדיקן פּנים, מיט אַ קורצן שטערן אונטער זיינע בערשטל־שטאַרצנדיקע בלאָנדע האָר, גרין־וואַסערדיקע, אויסגעקראָכענע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אַ וויזל־טיר, — איז געזעסן ביי דער קאַטעדרע אין אוידיטאָריום פון דער געוועזענער רוסישער רעאַל־שולע, אין דער ווייסער געביידע אויף אַלטע גרויע סלופּעס, אַרומגערינגלט מיט ליפּאָווע ביימער, אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקער גאַס, קעגנאיבער דער פּאָסט, און געלערנט מעטאָדיק פון לערנען רעכענען מיט אָנפאַנגער מיט אַ פולן קלאַס געוועזענע יידישע גימנאַזיסטקעס, וואָס וועלן זיין לערערינס אין די שולן פון דער בילדונג־דירעקציע פון דער אָבער־אָסט־קאָמאַנדע. אויף איינער פון די לעצטע בענק איז אויך געזעסן אסתר לאַפּידעס, אָנגעטאָן אין ברוינעם גימנאַזיע־קליידל. איר צאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן. זי האָט שטאַרק אָנגעקוקט דעם פּראָפעסאָר.

— מען מוז לערנען די קינדער אָנשוילעך, — האָט געזאָגט פּראָפעסאָר מילהויזער מיט אַ שווערער, הייזעריקער און באַפעלערישער שטימע.

— נעמען זי דיזעס שטיקכען פּאַפּיר.

מען גיט אַ שטיק פּאַפּיר יעדן קינד. מען הייסט עס אויפלייגן אין צווייען. מוז מען אַכטונג געבן, אַז יעדעס קינד זאָל עס טאָן. יעדעס קינד! קיין אויסנאַמע! אַלע גלייך! עס מוז זיין דיסציפּלין! מוזט הערן דעם איינצייטיקן און גלייכן רויש פון פּאַפּיר. קאָנטראָליר גוט! דאַן צעשניידט יעדעס קינד דאָס פּאַפּיר אויף צווייען. אַלע גלייך. דאַן האָט מען צוויי פּאַפּירן. צעשניידט מען די צוויי פּאַפּירן, דאַן האָט מען פיר. דאַן לייגט מען די פיר איינס אויפן צווייטן און מען ציילט...

— איין שטיקכען פּאַפּיר און נאָך איין שטיקכען פּאַפּיר — איז צוויי. יאַוואָל — צוויי שטיקכען פּאַפּיר, לייגט מען צו נאָך איינס, דאַן ווערט דאָס דריי.

דאַן ציילט מען — איינס, איינס און איינס — איז דריי. דאַן לייגט מען צו נאָך איינס — ווערט פיר. זע, פינקטלעך פיר. צייל דאָס נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל, מאַך עס זיכער. דאַן נעמט אָפּ איינס אָן אַ זייט, ווערט דריי. דריי און איינס. דריי באַזונדערע און איינס באַזונדער. דאָס קינד זעט דאָס, טאַפּט דאָס מיט די פינגער, ציילט דאָס הויך, קלאָר. יאַוואָל. איינס און איינס איז צוויי. צוויי און צוויי איז פיר. פיר װייניקער איינס איז דריי...

דער פּראָפעסאָר לערנט ווייטער זייער ערנסט און זייער שווער.

— דאַן שרייבן אַלע קינדער גלייך, קריצן מיט די גריפלען אויף די טאָוולען. איין קינד שרייבט אויפן גרויסן שול־טאָוול, אַלע אַנדערע — אויף זייערע קליינע טאָוולען. איינס, איינס, איינס — דריי. נאָך איינס — פיר...

שטייגט דער פּראָפעסאָר נאָך העכער:

— נאָכדעם לייענען אַלע קינדער גלייכמעסיק, קלאָר, הויך, אין כאָר:

— צוויי... צוויי... צוויי...

— דריי, דריי, דרררריי...

דער פּראָפעסאָר פילט זיך ווי אַ זיגער. ער האָט איינגענומען אַ ראָטע סאָלדאַטן. ער קוקט מיט זיינע אַרויסגעשטאַרצטע, בולבענע אויגן אויף די פערציק גימנאַזיסטקעס און פרעגט פייערלעך:

— פערשטאַנדן?

אין קלאַס איז שטיל. קיינער ענטפערט נישט. עס איז אַ סכנה, אַז עס זאָל אַרויספּלאַצן אַ געלעכטער. פרעגט ער נאָכאַמאָל שטרענגער, בייזער: — האָבן זי ניכט פערשטאַנדן?... אַלע, די פערשטאַנדן האָבן, שטרעקן אויס די הענדע.

אַלע פערציק האָבן „פאַרשטאַנדן" און ציִען אויס זייערע הענט הויך, זייער הויך. שטיל אין קלאַס. מער נישט — אַזוי ווי די הענט וואָלטן לאַכן.

אַ מיידל וואַגט עפּעס צו פרעגן:

— אויב נישט אַלע קינדער ווילן שניידן דאָס פּאַפּיר און ווילן דאָס נישט מיטמאַכן, ווייל זיי קענען ציילן פון דעם ערשטן מאָמענט?...

דאָס מיידל האָט גערעדט מיטן ביסל דייטש וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין דער רוסישער גימנאַזיע.

— שפּרעכן זי דויטש און נישט זשאַרגאָן! הערן זי מאַל!... — שרייט דער פּראָפעסאָר פון מינכען. — זי מוזן שניידן, ציילן און ענטפערן. דאָס איז אומבאַדינגטע פליכט! דיסציפּלין! דאָס איז די זאַך פון לערער! עס איז דויטשע שול און ניכט רוסישע, און ניכט יידישע!...

אסתר קען נישט רוען, עס רופט איר.

— איז דערלויבט עפּעס צו זאָגן? — פרעגט זי.

— אויפשטעלן זיך! — באַפעלט דער פּראָפעסאָר — ניכט זאָגן, נאָר פראַגן!

אסתר האָט זיך מער נישט אָפּגערופן.

— אָבער דאָך פראַגן זי. זאָגן זי! — ווענדעט ער זיך צו איר און קוקט אויף איר שטרענג.

— ניכט וויכטיג... זאָל שוין זיין...
— ניין, ניין — באַשטייט דער פּראָפעסאָר — זאָגן זי! פראַגן זי!
שטעלט זי זיך אויף און זאָגט אַזוי:
— איך האָב געלערנט אַריטמעטיק מיט יונגע קינדער אין יתומים־הויז. דאָס זענען געווען יידישע קינדער. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין שוועריקייטן צום פאַרשטיין „דריי מיט איינס". זיי האָבן דאָס געמאַכט „אויפן קאָפּ" איינס און צוויי.
— דאָס איז דאָס אומגליק מיט יידישע קינדער — בייזערט זיך דער פּראָ־פעסאָר — זיי רעכענען „אויפן קאָפּ"... זיי ווערן צופיל קאָפּ־מענטשן... זיי מוזן דאָס אָבער אויפפּאַסן אַנשויליך, גרינטליך, אָנטאַפּן מיט די הענט. „אויפן קאָפּ" איז שלעכט, איז יידיש... פאַרשטייען זי?
— אָבער אַז די קינדער פאַרשטייען פּאָרט און רעכענען גוט, איך מיין די יידישע קינדער, וואָס זאָל מען מיט זיי דאָך טאָן?
— זעצן זי זיך! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבייזער.
אסתר האָט זיך געזעצט און בשעת־מעשה געוווּסט, אַז זי וועט מער נישט זיין דעם פּראָפעסאָר זיגפריד מילהויזערס אַ סטודענטין.
— אויס...
אין אָוונט פון זעלבן טאָג איז אסתר געזעסן אין קליינעם צימער פון יידישן סטודענטן־פאַריין,ביים שטאָט־גאָרטן, מיט נאָך צוועלף מיידלעך און דריי־פיר יונגע בחורים און געהערט דעם קורס פון יידישער געשיכטע. זייער לערער איז געווען מאיר צפת. דאָ האָט מען געלערנט נישט פאַר אַ תכלית, בלויז צוליב לערנען אַליין, לשמה. ביי אַ געלעגנהייט האָט מאיר צפת געהאַט געזאָגט:
— די געשיכטע גייט אַנטקעגן אַ נייער צייט. די געשיכטע באַגלייט שטענדיק דאָס יידישע פאָלק. מען וועט דאַרפן האָבן אַקטיווע יונגע מענטשן וואָס ווייסן, פאַרשטייען די נייע צייט... — פון וואַנען קומט זי, די נייע צייט?
— די נייע צייט ווערט געבוירן אויף די שלאַכט־פעלדער — האָט ער גע־זאָגט — געשרייען פון געבורט — ווייען קומען סיי פון מזרח און סיי פון מערב... דער אימפּעריאַליזם וועט אומגעשליידערט ווערן ווי אַ שטרויעןביידל. דאָס בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן ביי דער מאַרנע און הינטער פּינסק, איז בלוט אויפן ברוכ־שטול. עס ווערט געבוירן אַ נייע ערע. דער קאַפּיטאַליזם ווערט צעבראָכן, מיט אים — דער אימפּעריאַליזם, צום אַלטן וועט מען זיך מער נישט אומקערן.
ער מאַכט דאָס נאָך קלאָרער:
— אין דער וועלט־מלחמה ווערט דערהרגעט די שקלאַפעריי, ווערט גע־בוירן די באַפרייאונג פון די פעלקער און די באַפרייאונג פון די קלאַסן.
רוסלאַנד וועט ווערן פריי פון צאַריזם. דייטשלאַנד וועט ווערן פריי פון קייזערטום. פּוילן וועט ווערן פריי פון פאַרשקלאַפונג. דאָס יידישע פאָלק וועט פריי ווערן פון גלות.
— וועלן מיר אַרויס פון גלות...
— גלות איז דאָ סיי אַן אויסערלעכער און סיי אַן אינערלעכער — דער־

קלערט מאיר צפת — עס איז דאָ גלות אין געמיט, אין קאָפּ, אין געפיל. עס וועט צעבראָכן ווערן דער אינעווייניקסטער גלות. יידן וועלן ווערן אינערלעך פריי. די מלחמה וועט צוזאַמענברעכן רעזשימען, לעבנס־שטייגערס, אָפּווישן מדינה־גרענעצן, זי וועט אויך צעברעכן דעם יידישן גלות. אַלע טירן, אַלע פענצטער פון לענדער וועלן שטיין אָפן.

— אויס גלות. בני־חורין, צוויי טויזנט יאָר וועלן שטיין באַלויכטענע און אויסרופן: „עס האָט געלויכטן!..״ — זאָגט נביאות מאיר צפת מיט אַ התלהבות־גלגול פון זיין טאַטן, דעם סלאָנימער מגיד.

ווער איז דער לערער מאיר צפת? — מען האָט דערציילט, אַז ער האָט גע־ענדיקט אַ לערער־סעמינאַר אין אָדעס, געלערנט ביי ביאַליקן און דובנאָוון. געווען אַ לערער אין אַ ווילנער „נאַטשאַלנאָיע אוטשילישטשע״. צוליב מלחמה איז ער גע־בליבן שטעקן אין ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי, אַן אָדעסערין. ער איז נאָך יונג. מען ווייסט, אַז ער שרייבט אַ ווערק וועגן „יידן אין דער גאָלדענער תקופה״.

— שפּאַניע...

— פּאָרטוגאַל...

ער איז אַ סאָציאַליסט. ער רעדט וועגן דעם אָפן. דריי שפּראַכן זענען זיינע — יידיש, העברעיִש און רוסיש. ער לייענט נאָך צוויי — דייטש און פראַנצויזיש. מען האָט געוווּסט, אַז זיין טאַטע איז געווען דער סלאָנימער מגיד. דער רב ר׳ חיים הערץ האַלפּערן איז זיין קרוב. הגם מאיר צפת איז אַ פריידענקער, קומט ער אַריין אין בית־דין־שטיבל פון ר׳ חיים הערצן און רעדט מיט זיינע זין סיי וועגן וועלטלעכע זאַכן און סיי וועגן למדנות. ער האָט פאַרדינט אַ שטיקל ברויט פון געבן לעקציעס. זיין הולך איז געווען פון אַן אָרעמאַן.

ער איז געווען אַ שאַרפער יידישיסט, אַ גוטער קענער פון דער אַלטער און נייער העברעיִשער ליטעראַטור. ער פלעגט ריידן וועגן יידיש ווי אַ קנאי. מיט אַ שאַרפקייט פון אַ חלף.

איינמאָל, בעת אַ וויכוח וועגן יידיש און העברעיִש, האָט צו אים געזאָגט דער אַלטער העברעיִשער לערער, דער חכם און ויצלינג אַהרן ראַקאָווסקי:

— אייערע אויגן זענען לשון־קודשדיקע, אייער הויכער שטערן איז אַ רבני־שער, אייערע געקרייזלטע האָר זענען ארץ־ישראלדיקע, צוזאַמען קוקט איר אויס ווי אַ גמרא מיט רש״י, תוספות און מהרש״א — טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר צו זשאַרגאָן? — איר זייט אַ פאַרשטעלטער העברעער.

מאיר צפת האָט געלערנט אויף די קורסן אויך די געשיכטע פון יידישן לשון: „אַ לשון פון טויזנט יאָר. אַ סינטעז פון טויזנט־יאָריקע קעגנזאַצן״. אַזוי האָט ער גערעדט.

— מיט טויזנט יאָר צוריק איז יידיש אויפגעקומען ביים טייך רהיין, שפּעטער אַוועק צום דונאַי, צו דער טעמזע, צום דניעסטער, אַוועק צו דער ווייסל, צום דניעפּער; נאָך שפּעטער געהאַט קפיצת־הדרך, אַריבער דעם ים אוקינוס צום

האָדסאָן, צו דער מיסיסיפּי. אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן האָט ייִדיש אויפגעטאָן אין לעצטן יאָרהונדערט וווּנדער — קוקט אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. ייִדיש איז די שפּראַך פון פאָלק, פון עמך!...

זיין פּאַטאָס איז געווען אין לערנען מיט די יונגע סטודענטן און סטודענטקעס די „וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק״:

— אויף די ענדלאָזע פעלדער פון ייִדישער געשיכטע יאָגן זיך ווינטן פון גייסט. עס בליצט מיט גורל־עלעקטריע. פּאָרויס גייט אַ קנאַישע, פּיאָנערישע מינדערהייט און טראָגט דעם דגל של נצחון צו להכעיס דער וועלט!

דערציילט ער זיינע תלמידים, אָפּגעפּרעמדטע, דערווייטערטע דורך גימנאַ־זיעס, דורך רוסישע שרייבער, דורך דאָסטאָיעווסקי און גאָרקי, דורך מערעזש־קאָווסקי און קופּרין וועגן ייִדן וואָס זאָגן שוין הונדערטער יאָרן חצות אין די נעכט, וועגן פּראָסטע ייִדן וואָס האָבן געהערט צו חברות „משקימי בקר״, „תהלים־זאָגער״, וואָס שטייען אויף אין די גרויע באַגינענס, — תהלים־שניידער, וואַסער־טרעגער, פּליטן־פּירער, קוימען־קערער — אָרעמע ייִדן זינגען אין קליינע שטעט־לעך אין די ווינטער־פאַרטאָגן מזמורים פון דוד המלך.

שטייט דער דאַרער און אָנגעצונדענער לערער מאיר צפת פאַר זיינע תלמידים אין סאַמע ברען פון דער מלחמה און רעדט עזות קעגן פּראָפעסאָר זיגפריד מיל־הויזער פון מינכען, שילדערנדיק די געטאָ־ייִדן:

— עס איז גרויער פאַרטאָג. דער שמש, דער שול־קלאַפּער, גייט איבערן שטעטל און קלאַפּט אין די לאָדנס:

די שעה האָט געשלאָגן,
ס׳הייבט שוין אָן צו טאָגן,
שטייט אויף דוד המלכס אייניקלעך
תהלים זאָגן!...

ער, מאיר צפת, ווערט אַליין אָנגעצונדן פון בילד וואָס ער מאָלט, פון די פאַנטאַסטישע קליינשטעטלדיקע ייִדן און ער רופט אויס:

— דוד המלכס אייניקלעך...

זאָל מען נאָר נישט מאַכן קיין טעות. ער רופט נישט איצט זיינע סטודענט־קעס אין שול אַריין צו זאָגן תהלים.

— יעדער דור, יעדע תקופה, יעדע קנאים־גרופּע האָט אַריינגעטאָן אין דער ייִדישער גייסטיקייט אַ באַזונדער ליכט, אָבער דער ציל איז געווען אין תוך דער זעלבער.

ער מאַכט אַן אויספיר:

— און איצט ווען מיר, דער יונגער דור, דאַרפן אַריינטראָגן אַ ניי ליכט.

פאַרבינדט מאיר צפת די ייִדן מיט דער וועלט — די וועלט מוז ווערן פריי און אין אַ פרייער וועלט פרייע ייִדן!...

די קנאים, די פּיאָנערן דאַרפן גיין פאָרויס. די וועלט וויל נישט, די מענטשן

פאַרשטייען נישט, דורותדיקע קייטן הענגען אויף זייערע נשמות. — מוזן זיין איינשטעלער, פאַראויסגייער, אָנצינדער. פריִער וועלן די מענטשן ענטפערן „אמן״ בעל־כרחו, נאָכדעם וועלן זיי דערזען, באַנעמען.

קלינגט דאָס אָנרעגנדיק:

— מיר דאַרפן העלפן מאַכן די וועלט פריי!...

נאָך דער לעקציע שטייט מאיר צפת אַן אויסגעבלייכטער, די אויגן — צעטומלט, זיי זוכן, ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער פון אַן אַנדער וועלט, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום.

האָבן די סטודענטקעס פאַרשטאַנען די סוגיא? — ער ווייסט נישט. זיי האָבן אָבער דאָס געפילט. אים איז גוט פון די באַגייסטערטע מיידל־פּנימער. זיינע אויגן קוקן אַרויס הונגעריקע פון זיין בלייכן פּנים.

זאָגט אסתר לאַפּידעס צו רבקה בערנשטיין:

— מיין לערער איז נישט פּראָפעסאָר זיגפריד מילהויזער פון מינכען, נאָר מאיר צפת.

רבקה בערנשטיין האָט אַ שאַרפע צונג, זאָגט זי צו אסתרן:

— קוקסט אויס ווי אַ פאַרליבטע.

— אפשר איז דאָס פאַרליבט... — זאָגט אסתר דרייסט צוריק.

— דו ביסט נישט אַליין, איך אויך.

## דריטער קאַפּיטל

# מער ווי דער גאָלדענער מעדאַל

מיר אונטערגעשריבענע, בירגער פון שטאָט, דריקן אויס אונדזער פאַרלאַנג, אַז אין די שולן, וואָס די בילדונג־די־רעקציע עפנט פאַר ייִדישע קינדער, זאָל די אונטעריכטס־שפּראַך זיין ייִדיש, וואָס איז די מוטער־שפּראַך פון די קינדער". — דאָס איז געווען געשריבן מיט געכתיבהטע אותיות איבער פּעטיציע־בויגנס, אויף וועלכע מען האָט געזאַמלט אונטערשריפטן. אסתר איז געווען צווישן די זאַמלער.

צום „פּעטיציע־קאָמיטעט" האָבן געהערט פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען — פּועלי־ציוניסטן, בונדיסטן, ס"סאָווצעס, סתם־אַרבעטער, לערער, אַנגעשטעלטע, שרייבער, פאָרשטייער פון דער יוגנט, אַ פּאָר באַלעבאַטישע אינטעליגענטן, סטודענטן. מאיר צפת איז געווען דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט. ער האָט אין אים אַריינגענומען אויך אסתר לאַפּידעסן, זיין שילערין.

ביי איר טאַטנס טיש פון „טיי מיט ברויט" האָט אסתר דערציילט, אַז די דייטשן ווילן מאַכן די קינדער פאַר דייטשוקעס און „מיר ווילן זיי זאָלן זיין ייִדן". זי האָט זיך אויסגעדריקט „מיר". זי איז נישט אַליין, זי געהערט צו „מיר", זי האָט שוין אַליין צונויפגעקליבן צוויי הונדערט אונטערשריפטן. זי האָט נישט דערציילט, אַז זי איז אין „פּעטיציע־קאָמיטעט", זי האָט אָבער זיך באַרימט:

— מיר וועלן האָבן צען טויזנט...

זי האָט אָבער צו איר טאַטן אַ ביטע:

—זאָלסט מיך נעמען צו מעריב צו אייך אין בית־מדרש, איך וועל דאָרט זאַמלען אונטערשריפטן.

ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען איינגאַנצן וואָס זיין טאָכטער האָט אים געזאָגט וועגן „ייִדיש און דייטש". אייגנטלעך דאַרף מען דאָך אין אַ שול לערנען גויִישע זאַכן, דייטש איז אַ גויִישע זאַך. אַ שול איז דאָך נישט קיין חדר, וווּ מען לערנט ייִדישע זאַכן, פאַרוואָס וויל נישט אסתר מען זאָל לערנען אין די

שולן דייטש?... — דאָס וואָס זי זאָגט, אַז „די קינדער דאַרפן זיין ייִדן" — איז ריכטיק, גאָלדענע ווערטער. אסתר איז זיין טאָכטער! — עפּעלעך פאַלן נישט וויט פון בוים. געוויס דאַרפן זיין די קינדער ייִדן און נישט קיין דייטשוקעס, זאָל טאַקע זיין טאָכטער אויספירן — מען זאָל לערנען מיט די קינדער ייִדיש.

עס איז דאָ פאַרוואָס צו ווינטשן די דייטשן אַלדאָס בייז — פאַר זייערע פאַרפוילטע קאַרטאָפל, פאַר זייער ליימיק ברויט, פאַר זייערע אָפּגעבאַרטע שפּיז־קאַרטן. אין בית־מדרש האָט מען דערציילט, אַז דער דייטשער גענעראַל, אויגוסט־ווילהעלם פון האָהענצאָלערן — גיי זאָג נאָך אַזאַ לאַנגן נאָמען — האָט אויפן וועג אָנגעטראָפן אַן אָרעמען ייִדן, וואָס האָט זיך געשלעפּט אין שטאָט אַריין מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס, האָט ער צוגענומען ביי אים דאָס זעקל און אויסגעשאָטן איבערן פעלד, דעם ייִדן האָט ער אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל, אים צוגע־פירט צום ערשטן דייטשן זשאַנדאַרן־פּאָסטן און באַפוילן:

— פינף און צוואַנציק שמיץ...

עס מעג קומען אויף זיי אַ ווילסטער סוף.

די ייִדיש־פּעטיציע צו דער בילדונג־דירעקציע פון „אָב־אָסט" איז נישט אַראָפּגעפאַלן אין מיטן דערינען, פּלוצלונג, סתם־אַזוי זיך. די „אָרעמשאַפט פון ביאַליסטאָק", ווי מאיר צפת פלעגט זיך אויסדריקן, — אירע וועבער, גאַרבערס, בעקערס, — איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אויף די פיס. די פּאַרטיי־חברים, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט פון „פינפטן יאָר", האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז אָט־אָט קומט די געוואַרטע צייט. מען האָט שוין געאַרבעט מעשים אין דער שטיל. אויף רביס גאַס, אויף אלימלכס הויף, ווו פאַר דער מלחמה איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע שולע, האָט חברה געמאַכט אַן אַרבעטער־קיך, ביים ועד־הקהל אַרויסגעריסן שפּייז, און אַרויסגעגעבן צום אָנהייב פיר הונדערט און באַלד נאָכ־דעם טויזנט אומזיסטע מיטאָגן אַ טאָג. די אַרבעטער אויף פּיאַסקעס און „אַר־גענטינע" האָבן געזאָגט:

— מיר גייען עסן ביים „בונד"...

די עס־עסניקעס האָבן געמאַכט אַ „טיי־האַלע", ווו מען פלעגט אַרויסגעבן טיי און ברויט צוויי מאָל אַ טאָג, און אין אָוונט איז דאָרט געווען אַ ביבליאָטעק, ווו מען פלעגט זיצן לייענען ביכלעך, שפּילן אין ביינדלעך, אין שאַך, האַלטן לעקציעס און רעדעס. דער וועבער־פאַריין און דער יוגנט־פאַריין האָבן געמאַכט „קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון", איינגעהאַנדלט בשותפות שפּייז און אַרויסגעגעבן אויף ביליקע פּרייזן צו מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו. צו דער „לעבעדיקער צייטונג" אין דער „ייִדישער קונסט" פלעגן קומען פּרייטיק־צו־נאַכטס הונדערטער מענטשן און אַפילו צאָלן פאַר בילעטן. מען פלעגט דאָרט ממש צעשפּאַרן די ווענט. מען פלעגט קומען אויף „ליטעראַרישע משפּטים" יעדע וואָך. דער ערשטער משפּט איז געווען איבער „מירעלען" פון דוד בערגלסאָן. פון האַנט צו האַנט איז אומ־געגאַנגען אַ געהיימע פּראָקלאַמאַציע פון „בונד" וועגן די דייטשן, וואָס רויבן־אויס די שטאָט און לאָזן די אָרעמע מענטשן „געשוואָלן און געדראָלן". די פּראָקלאַ־

מאַציע האָט אָנגעזאָגט: „עס וועט קומען דער טאָג פון אָפּרעכענונג. מען וועט זיך פונאַנדערצאָלן מיט אַלע סאַטראַפּן, אונטערדריקער, קייסאָרים און צאַרן״.

דער קאָמענדאַנט פון שטאָט איז אַריין אין גרימצאָרן. זיין לייטענאַנט רודאָלף צעלערט איז פאַרפאָרן צום ועד־הקהל, דאָרט אַריין מיט אַ שפּיצרוט אין האַנט און געזאָגט, אַז מען גייט, צוליב דער פּראָקלאַמאַציע, אַרויפלייגן אויף די ייִדן אַ קאָנטריבוציע פון דריי הונדערט טויזנט מאַרק.

דער פּאָרזיצער פון ועד־הקהל, אברהם טיקאָדין, האָט אָנגעטאָן דעם צילינ־דער און איז צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר און למדן אברהם שמואל הערשבערג אַוועק צום גענעראַל פון „אב-אסט״. דער סעקרעטאַר, למדן און משכיל האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ האַרטן קאַפּעלוש און געהאַלטן אין האַנט זיין שוואַרצן שטעקן מיטן זילבערנעם קעפּל.

— די אָרעמעלייט וועלן סיי ווי סיי ניט צאָלן — האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער צום גענעראַל אַליין — און די באַלעבאַטים שרייבן נישט קיין פּראָקלאַמאַציעס.

— דערצו נאָך — האָט אויפגעקלערט דער סעקרעטאַר אויף זיין ליטווישן דייטש מיט אַ „ס״ — שטרעבן דאָך די אומפּאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן צו דער־וועקן אומצופרידנקייט ביי דער אומשולדיקער באַפעלקערונג.

זיי האָבן נישט געפּועלט ביים גענעראַל. די ידיעה וועגן קאָנטריבוציע איז אַריינגעפאַלן אין גאַס ווי אַ באָמבע. שטאָט איז געגאַנגען כּאַדאָראָם.

ערשט צו דעם איז צוגעקומען די מעשה, אַז די דייטשן גייען מאַכן די ייִדישע קינדער פאַר „דייטשוקעס״. מען וועט אין אַלע דייטשע שולן אָפּגויִשן די קינדער.

— „ייִדיש זאָל מען לערנען!...״ — אָט דער געשריי איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט.

די אָרעמע ייִדן האָבן געדאַרפט נייטיק ווי לופט אַ קאָכיקן געשריי.

שטאָט האָט געקאָכט מיט ייִדיש, אַפילו נישט גוט באַנומען, וואָס עס מיינען די ווערטער אויף דער אָנקעטע: „ייִדישע אונטערריכט״. עס איז אָבער נישט נייטיק אַ סך צו חוקר ודורש זיין, דער עיקר איז קלאָר:

— אַ מכה די דייטשן!...

— ייִדיש — נישט דייטש!...

נישט אַזוי די גאַנצע שטאָט, ווי דער אָרעמאַנסקער טייל פון דער שטאָט, וואָס האָט גאָר אַליין אין גויִשע שולעס נישט געלערנט. ווען מאיר צפת האָט געזען, ווי די שטאָט נעמט דאָס אויף, האָט ער געזאָגט אויף דער זיצונג פון פּעטיציע־קאָמיטעט:

— פאַרבאַהאַלטענע כוחות רייסן זיך אַרויס...

לייבע האָט מסכים געווען מיטצונעמען זיין אסתרן מעריב־צייט אין זיין תורת־חיים־בית־מדרש. ער האָט איר נאָר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אונטערוואַרטן בשעת מעריב אין ווייבער־שול. נאָכן דאַווענען וועט ער איבעררעדן וועגן דעם

מיטן רבין, וואָס לערנט יעדן טאָג משניות און חיי־אדם מיט די באַלמעלאָכעס — מיט ר׳ גדליהן.

מעריב־צייט איז דער באַלמעלאָכעשער בית־מדרש אויף סוראַזשער גאַס פול מיט יידן־באַלמעלאָכעס. עס איז דאָ צוליב וואָס פרימער צו דאַווענען און געשמאַקער צו לערנען. די הערצער זענען צעלעכערט, די קעשענעס — ליידיק, די מאָגנס פוסטע, די קעפּ צעהיצטע, האָט מען געלערנט בחברותא משניות, חיי־אדם, און דער רבי זייערער, דער שאַרפער, פרומער מתנגד און למדן, ר׳ גדליה פון אייזן־קרעמל אין „ברעמל״, האָט געטייטשט דעם משניות, אַז עס איז אַ מחיה צו הערן. דער רבש״ע וועט סוף כל סוף פירן צו גוטן. ער וועט זיין פאָלק ישראל נישט פאַרלאָזן. מען האָט אין תורת־חיים־בית־מדרש שטאַרקער געמאַכט די גמילת־חסדים־קאַסע און מען האָט אַרויסגעהאָלפן איינער דעם אַנדערן.

— דער רמב״ם זאָגט — האָט ר׳ גדליה געלערנט מיט די אָרעמע יידן — אַז אויף געבן צדקה כופין אותו, צווינגט מען. דער רמב״ם זאָגט ווייטער, אַז דעם, וואָס וויל נישט געבן אויף צדקה וויפל מען האָט אים געהייסן, שלאָגט מען מכות־רצח...

דערציילט ר׳ גדליה משלים וועגן צדקה און לערנט ווייטער מיט די יידן אַזוי:

— מען נעמט משכנות אויף צדקה אַפילו ערב שבת... ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ מקדש־מעט און דאָס איז די בית־צדקה. יעדער ייד דאַרף האָבן אין דעם אַ חלק, אַזוי ווי אין בית־המקדש.

נחום־חיים דער וועבער, וואָס איז געווען סיי אַ פרומער ייד און סיי אַ בונטאָווטשיק, אַ ייד מיט אַ קורצער שוואַרצער באָרד און לאַנגע דאַרע הענט, האָט געטענהט צו ר׳ גדליהן:

— מיר, באַלמעלאָכעס, זענען מקיים דעם רמב״ם נישט געלערנטערהייט; אָבער פאַרוואָס זענען אים נישט מקיים די גבירים, די שיינע באַלעבאַטים, וואָס האָבן יאָ געלערנט דעם רמב״ם?...

— דאַרף מען זיי טאַקע מוסר זאָגן...

— מוסר היינט, מוסר — מאָרגן. איר זאָגט דאָך, רבי, אַז מען דאַרף זיי שלאָגן מכות רצח...

— מען מיינט נישט רצח ממש, חס ושלום. יידן זענען נישט קיין רוצחים. מען מיינט נאָר זאָגן מוסר מיטן שטאַרקן וואָרט. דאָס איז אַזוי ווי שלאָגן מכות־רצח.

— אויב אַזוי טויג נישט דער חיי־אדם, אַז מען מיינט נישט באמת. דאָס איז אַ פשטל פאַר די גבירים.

— אסור לדבר!... — צעשרייט זיך ר׳ גדליה — מען טאָר אַזוי נישט רעדן, נחום־חיים, דרך־ארץ!...

אסתר האָט נישט געקענט וואַרטן אין ווייבער־שול ביז איר טאַטע וועט זיך דורכריידן מיטן רבין. זי איז אַליין אַריין אינעווייניק אין טאַקע אים, נחום־

חימען, געווונען דעם ערשטן פּאַר דער פּעטיציע. ער האָט דאָס באַנומען פון אירע ערשטע פּאַר ווערטער.

— אַ קרענק זיי אין די ביינער, די דייטשן — האָט ער איר געזאָגט — מיר האָבן זיי אין דר׳ערד, מכות־רצח, גיב אַהער, מירן שרייבן!...

נאָך מעריב האָט זיך אַרום אסתרן געקליבן אַ געזעמל ייִדן. מען האָט דאָך געוווּסט, אַז זי איז לייבעס טאָכטער, מיטן גאָלדענעם מעדאַל. לייבע האָט געזען, אַז ער דאַרף שוין גאָרנישט רעדן מיט גדליהן. נחום־חיים אַרבעט שוין. לייבע העלפט אים אַרויס. נחום־חיים טייטשט עס אויס:

— אַז זיי ווילן, אַז די קינדער זאָלן זיין ייִדן. אַ געזונט זיי אין די ביינער. זיי זענען גערעכט, אמת וצדק! — שרייבט, ייִדן, שרייבט, עס איז אַ מצווה.

מען האָט גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז נישט קיין דרך פּאַר אַן אשה זיך אַריינצו־מישן צווישן ייִדן אין בית־מדרש, אָבער אסתר איז נישט קיין אשה, נאָר לייבעס טאָכטער, אַ קינד. די ייִדן האָבן גערן געהערט אירע ווערטער. עס האָט גע־רעדט צום געמיט פון די באַלמעלאָכעס איר אימפּעט, עס האָבן גערעדט אירע שוואַרצע, גרויסע, פייכטע אויגן, איר כשרער פּנים, אָט דאָס וואָס זי איז אַ טאָכטער פון זייער לייבען דעם בלעכער און זי מאַכט די חשבונות פון זייער גמילת־חסדים, אָט דאָס וואָס זי איז אַראָפּגעקומען צו זיי אין תורת־חיים־בית־מדרש צוליב דעם, וואָס די דייטשן ווילן מאַכן די ייִדישע קינדער פּאַר גויים, פאַר דייטשוקעס.

— מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן דעם דייטש... — האָט זי גערעדט — מיר האָבן רעכט. עס קומט אַ נייע צייט...

עס קומט אַ נייע צייט! — דאָס איז גוט, דאָס איז ריכטיק, זי, אסתר, איז דאָס פון דער „נייער צייט״. נחום־חיים האָט אַ נעם געטאָן פון אירע הענט די בויגנס פּאַפּיר און זיך צעהיצט:

— ייִדן, לייגט די חתימות!

— „אַהער די פּאַטשערקן״...

מען שרייבט איינער נאָך דעם צווייטן: משה בערל גריסקע, חיים יודקע שולקעס, משה בדחן, פּסח ראַדאַש...

ערשט אין מיטן דערינען האָט דער רבי ר׳ גדליה געהייסן אסתרן זי זאָל צוקומען צו אים. זי האָט דאָס באַלד געטאָן און צו צו אים מיט דרך־ארץ. זי האָט אַ סך מאָל געהערט פון איר טאַטן וועגן זיין רבין.

— זאָג מיר, טאָכטער, וואָס איז דאָס אַזוינס?

אַ פּאָר ייִדן האָבן זיך צוגערוקט, לייבע — אויך. הערט מען ווי דאָס מיידל זאָגט צום רבין זייער קלאָר:

— מיר ווילן, אַז די קינדער אין די שולן זאָלן לערנען ייִדיש, אַזוי ווי עס רעדן זייערע טאַטעס און מאַמעס... אַז אַלע ייִדן וועלן דאָס וועלן, וועלן די דייטשן נאָכגעבן.

— אפשר פאַרקערט? — פרעגט דער רבי — אפשר וועלן זיי מאַכן גזרות, זיך נוקם זיין?...

—עס גייט זיי, די דייטשן, געננוג שלעכט אויף דער מלחמה, זיי וועלן נישט וועלן אַ נייע מלחמה אין שטאָט... וואָרום וואָס ווילן מיר דען? — די קינדער זענען ייִדישע, זאָל מען לערנען מיט זיי ייִדיש!

זאָגט ר׳ גדליה:

— דו רעדסט, קינד, ווי אַ בר־דעת. אפשר איז עס אויך אַ דרך פון ייִדיש־קייט...

און ער האָט געהייסן נחום־חיימען, ער זאָל אים געבן דעם פּאַפּיר און ער וועט אים אונטערשרייבן — צוזאַמען מיטן גאַנצן בית־המדרש.

אין דער היים, ביים „טיי מיט ברויט״, האָט לייבע געזאָגט מאַשען:

— דאָס איז ביי מיר מער ווערט ווי איר גאָלדענער מעדאַל...

## פערטער קאַפּיטל

# שטורעם איבער קהל

דשטאָט איז אויפגעוועקט געוואָרן אַ צערודערטע:

— אַזאַ מעשה, סיידן פון זינען אַראָפּ...

אויפן הויף פון ראָג אַלעקסאַנדראָווסקע און ניעמעצקע גאַסן האָט מען געפונען ליגן אַ טויטן דעם געוועזענעם גביר בער אָסטרינסקי. זיין ווייסע באָרד איז געווען פאַרבלוטיקט. דער שאַרבן צעשפּאָלטן. ער איז געלעגן אין וועסטל מיטן קייטעלע און גרויסן זייגער אין קעשענע. דער זייגער איז געגאַנגען ווייטער: טיק־טאַק. ער איז געלעגן אָן שיך, בלויז אין שקאַרפּעטקעס אויף די פיס.

— אַזאַ שיינער ייד זאָל אָפּטאָן אַזאַ מעשה...

אַלע פענצטער פון הויז זענען געווען פאַרמאַכט. עס איז געווען אָפן נאָר דאָס בוידעם־פענצטער. הייסט עס — אַז בער אָסטרינסקי איז געשפּרונגען פון בוידעם־פענצטער.

— מחמת וואָס?...

— מחמת ירידה. ער האָט נישט געקענט זיין אַן אָרעמאַן.

— ער איז די לעצטע וואָכן אומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

—פון ועד הקהל האָט מען אים אַריינגעשיקט מתן בסתר אויף שבת.

— דרייסיק יאָר אַ מאַנופאַקטור־סוחר, ניט אָנגערירט קיין פרעמדן גראָשן...

שטאָט איז געגאַנגען כאָדאָראָם. שפּרינגען פון פענצטער צו יענער וועלט איז נישט קיין יידיש־באַלעבאַטישער דרך. מען האָט געשמועסט, אַז חברה קדישא וויל דעם שיינעם יידן און בעל־צדקה, בער אָסטרינסקי מקבר זיין ביים פּאַרקאַן. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן, נישט אַזוי דעם דלות, ווי די פאַרשעמטקייט, נישט געקענט זיין אַ יורד.

— מיין צייט האָט זיך געענדיקט מיט די דייטשן און זייער מלחמה — אַזוי האָט געזאָגט בער אָסטרינסקי אַ טאָג פאַר זיין טויט — אויס מסחר, אויס פרנסה,

אויס אַ וועקסל באַצאָלן, אויס אַ גמילות־חסד, לחם הקלוקל, בעטל־ברויט, איך קען נישט מער...

עס איז געווען נישט נאָר אויס מיט בער אָסטרינסקין — עס איז געווען אויס מיטן גאַנצן קלאַס פון שיינע, סוחרישע, באַלעבאַטיש־גבירישע יידן. נישטאָ מער קיין תקומה.

— אַז זיין שנור סאַלטשע איז געוואָרן אַ „צוקער־פושקע"...

מען האָט נאָך דערציילט, אַז מען האָט געפונען ביי בער אָסטרינסקין אין שטוב אָפן דעם סידור ביי ווידוי. דאָס האָט ער געזאָגט איידער ער איז אַרויף מיט פאַמעלעכדיקע טריט אויפן בוידעם. ער איז געגאַנגען אין זאָקן, כדי ער זאָל נישט אויפוועקן די שכנים. כאַנטשע דער שוסטער, וואָס וווינט אין קעלער פון יענעם הויז מיט די פענצטער סאַמע אויף דער ערד, האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג פון משונהדיקן קלאַפּ אויפן ברוק. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען ליגן אויף דער ערד אַ יידן מיט אַ ווייסער באָרד. ער איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף און געזען דעם בראָך, ער האָט געקוקט אין דער הויך און געזען דעם אָפענעם פענצטער פון בוידעם און געזאָגט:

— אַז די גבירים שפּרינגען שוין פון די פענצטער...

ער האָט געמאַכט אַ געשריי, אַ טומל, מען האָט געעפנט די פענצטערס און אַראָפּגעקוקט, מען איז געלאָפן פון די טרעפּ:

— ברענגט אַ דאָקטער...

— רופט פּאָליציי...

אַרום דעם טויטן איז געווען אַ בהלה. עס איז געווען אַ שרעק:

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

דער יושב־ראש פון ועד־הקהל אברהם טיקאָדין האָט געזאָגט צו די מיטגלידער פון ועד:

— עס איז אַזאַ פאַרלויפעניש אין שטאָט, ממש פּקוח־נפש, אַ וועלט גייט אונטער, און זיי, די חברה־לייט, ליגט גאָר אין זינען ברענגען אויף שטאָט נייע צרות...

דער יושב־ראש פון ועד־הקהל, דער פאָרשטאַנד־שעף, דער סוחר און גביר, דער אינטעליגענט און משכיל, דער וועלט־מענטש און יודע־ספר אין אייניקע שפּראַכן — רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און העברעיש, אברהם טיקאָדין, האָט געלאָזט רופן אַלע מיטגלידער פון ועד־הקהל צו אַ זיצונג פון „פאָרשטאַנד דער יודען".

אַלע מיטגלידער פון ועד־הקהל זענען צו דער שעה געזעסן אַרום טיש. אויפן פּנים פון ראש־הקהל זעט מען צרות פאַר יידן:

— דער גענעראַל פאָדערט, אַז דער „פאָרשטאַנד" זאָל צוריקציען די „פּרעכע פּעטיציע"... דער גענעראַל פאָן קליק, וואָס האָט ביז נעכטן גערעדט מיט אברהם טיקאָדין, דעם פאָרשטאַנד־שעף, נאָבל, ווי עס קאָן נאָר רעדן „אַ ציוויליזירטער,

אַריסטאָקראַטישער דייטש", האָט דאָס מאָל גערעדט „זייער פּרייסיש", באַליי־דיקנד:

— עס איז אַ יידישע פּרעכקייט — האָט ער געזאָגט — אָפּצוואַרפן די דייטשע שפּראַך, די שפּראַך פון פילאָזאָפן און דיכטער, און איר אַנטקעגנשטעלן דעם „העסלעכן יידישן זשאַרגאָן".

ער איז געווען זייער צערודערט, דער ראש־הקהל. ער אַליין איז „אַ גע־בילדעטער מאַן", שטאַמט פון פיינסטן יחוס, ער האָט שטודירט אין בערלין און פראַנקפורט אין זיינע יונגע יאָרן, ער האָט אויך איבערזעצט אַ פראַנצויזיש ביכל אויף העברעיש:

— „תולדות פת לחם".

ער האָט יאָרנלאַנג געשריבן „קאָרעספּאָנדענציעס" פון ביאַליסטאָק אין „ביר־זשעוויע וויעדאָמאָסטי". ער איז דערגאַנגען צו סאַמע גרויסקייט ביי דער אינטע־ליגענץ פון שטאָט, ווען אין „ריעטש" פון פּעטערבורג האָט זיך געדרוקט זיין „סטאַטיאַ" וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע. מען איז געקומען צו אים אין הויז, אויף דער אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס, גראַטולירן.

זיין קאַבינעט איז געווען אַזוי ווי פון אַן אמתן שרייבער און געלערנטן: הויכע פּאָליצעס מיט אַ סך ביכער, אַ גרויסער שרייב־טיש און אויף אים — אַ לאָמפּ מיט אַ בלויען אַבאַזשור, אַ גרויסער טינטער מיט מעשענע צודעקלעך, פּאַפּיר, בלייפעדערס פון עטלעכע קאָלירן. די פעדער האָט שטענדיק געשטעקט אין ביי־נערדיקן, שוואַרצן העלדזל און אַרויפגעשאָסן אין דער הויך, אַ שוואַרצער, שטיי־נערנער פּלעקער מיט אַ סך פּלעק־פּאַפּיר, אַ טיש — אַ וואַרשטאַט. פון דאַנען גייען דאָס די „קאָרעספּאָנדענציעס" צו די „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי" אין פּע־טערבורג. אַ ברוינער לייטערל איז געשטאַנען ביי די ביכער־פּאָליצעס. אויף דעם לייטערל גייט עס אַרויף אברהם טיקאָדין צו די אַלטע און וויכטיקע ספרים. עס פלעגט טרעפן, אַז אין אָוונט, ווען געסט פלעגן זיין אין גאַסט־זאַל, פלעגט ער שפּילן פּיאַנאָ אין פיר הענט מיט זיין פרוי מאַדאַם סאָפיאַ לעאָנטיעוונאַ. פּרנסה האָט ער געהאַט פון אייגענע הייזער, וועלדער און פון אַקציעס אין פּעטערבורגער און קאָוונער בענק.

— מיינע הערן — האָט ער געזאָגט צו די צונויפגעזאַמלטע אַרום טיש — מיר מוזן ראַטעווען די געמיינדע. אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן האָבן זי גע־שטעלט אין גרויס געפאַר.

ר' מנשה מאַנושעוויטש, דער גבאי פון יחיאל־נעכעס בית־מדרש, דער מאַ־נופאַקטור־סוחר, וואָס האָט פאַר דער מלחמה אויסגעבויט אויף „באַדרעטשנע גאַס", אויף זיין חשבון, די באָד מיט די „היגיענישע מקוות", האָט זיך גוט צוגע־הערט, וואָס דער „פּרעזעס" דערציילט. ער האָט געהערט מיט קאָפּ, באָרד און פּיאות, געצוקט מיט זיין פּנים, צוגעמאַכט און געעפנט די אויגן, נאָכדעם זיך אָפּגערופן:

—איך פאַרשטיי איך נישט, ר׳ אברהם. דייטש, זשאַרגאָן, פּעטיציע, — נאָ־דיר אַ נייע צרה אויפן קאָפּ. קאַרג צרות האָבן מיר? וואָס איז דערמיט דער דייטש אויסן? אַ נייע קאָנטריבוציע?... וויפל דאַרף דאָס קאָסטן?...

אשר טאָפּאָלסקי, דער גלאָז־קרעמער, וואָס פלעגט אין שלום־צייט באַזאָרגן יעדן ערב־שבת אָרימעלייט „אויף שבת״, האָט אויך נישט גוט משיג געווען אין וואָס עס גייט, פרעגט ער אַזוי:

— היתכן, אַז די דייטשן וועמען עס האָט געשיקט דער קייסער ווילהעלם, ירום הודו, און דער פעלדמאַרשאַל הינדענבורג, דער עוקר הרים, איינצונעמען רוסלאַנד, זאָל זיך דרייען דעם קאָפּ מיט אַזעלכע עסקים?...

ער איז געווען אַ באַרעדעוודיקער, האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— מיט די אָפּגעריסענע בחורים, מיט לאַכודרעס, קען מען דאָך גאָרנישט מאַכן. זיי זענען עקשנים. מיר געדענקען גאַנץ גוט, ווי זיי האָבן אָנגעטאָן מאַריינען אַ זאַק אויפן קאָפּ בעת דער „סטאַטשקע״. דאַרף מען אים זאָגן דעם דייטש, אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען אפילו צו רעדן. ער, דער דייטש, איז דאָך פאַרנומען מיט „קרעפּאָסטן״, מיט האַרמאַטן. זאָל אים נישט אָנגיין די קאָמעדיע מיט די זשאַרגאָ־נאָווע ביכלעך...

דעמאָלט האָט געפילט דער „פּרעזעס״, אַז ער דאַרף די זאַך געבן בעסער צו פאַרשטיין:

— די גענעראַלן, וואָס זענען אויפן פראָנט, האָבן צו טאָן מיט מלחמה; אָבער די וואָס זענען אין די שטעט, האָבן צו טאָן מיט די שטעט. אונדזער גענעראַל דאַרף מאַכן דייטשע שולן פאַר די קינדער. אַזוי האָט מען אים געהייסן פון בער־לין. קומען גאָר יידן מיט פּאַפּירן און זאָגן צו די דייטשן: „דייטש ניע זשעלאַיעם״... דער גענעראַל נעמט עס אויף ווי אַ בונט, ווי אַ „סטאַטשקע״ אין מלחמה־צייט. ווי אַ ברוך אין דיסציפּלין. ער מוז היטן דעם „ציווילן פראָנט״. פאָדערט ער, אַז מיר, דער „פאַרשטאַנד״, זאָל אין נאָמען פון אַלע יידן פון שטאָט מבטל מאַכן די פּעטיציע. ער וויל וויזן בערלין, אַז די שטאָט יידן איז מיט אים. יידן קעגן יידן.

רוט ער זיך אָפּ דער פרעזעס און גיט נאָך צו:

— ער וויל אונדז שטעלן אויף די קני. ער וויל הכנעה...

זעט אויס, אַז דער פרעזעס האָט פון דעם עגמת־נפש. עס פּאַסט אים נישט. ער איז אויך נישט אַבי־וועד. און די קהלה איז אויך עפּעס. וואָס־זשע זאָל מען טאָן?

מאַקס באַראש, דער אַלטער, נגידישער בחור, געוועזענער שתדלן ביים גו־בערנאַטאָר אין גראָדנע, וואָס ליגט אָפּ אַ גאַנצן זומער אין „פּאַרק ראַסקאַש״ מיטן פּאָליציימייסטער און לעבט אַ „חזירשן טאָג״, — ער איז אין כעס, ער ווערט רויט פון אויפרעגונג:

— וואָס צערעמאָניעוועט מען זיך מיט חברה־טראַסק, מיט די עכברושניקעס אין צעריסענע הויזן? מען דאַרף מאַכן פון זייער פּעטיציע אַש און בלאָטע...

משה גאָטליב איז אַ גלאַסענער, מיושבדיקער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, וואָס

לעבט שטענדיק בשלום מיט זיינע אַרבעטער, סיי אין שפּינעריי, סיי אין וועבעריי און סיי אין אַפּרעטור, ציילט זיינע ווערטער אַזוי:

— צוריקגעשמועסט, וואָס האָבן זיי אַזוי חוטא בעגל געווען, אַז זיי ווילן מען זאָל לערנען מיט די קינדער יידיש? באשר בכן — האַ?... — הלמאי זאָלן זיך די קינדער נישט אויסלערנען שרייבן אַ יידיש בריוול? מה רעש? איז אפשר וואָלט מען אַוועק צום גענעראַל און מיט אים געלערנט „אַ פּרשה חומש מיט רש״י", אַז יידיש און דייטש איז כמעט איינס און דאָס זעלבע, היינו־הך... עס איז נאָר אַ בריק צו דייטש. מען דאַרף אים גוט מסביר זיין און עפּעס געבן אין יד אַריין.

דאָס רעגט אויף דעם געלערנטן סעקרעטאַר און משכיל איטשע הערשן:

— זשאַרגאָן איז נישט דייטש. נישקשה, עס מעג אונדז אָנשטיין צו לערנען די קינדער דייטש. מענדעלסאָן האָט איבערגעשריבן דעם תנ״ך אויף דייטש. גרעץ האָט געשריבן די יידישע געשיכטע אויף דייטש. ד״ר טעאָדאָר הערצל האָט גע־שריבן זיין „אַלטנייַלאַנד" אויף דייטש. יידיש איז בלויז אַ צעקרימטער זשאַרגאָן, אָן אַ גראַמאַטיק, אָן אנדרוגינוס פאַר דינסט־מיידלעך. עס איז א הפקרות צו שטעלן צוליב זשאַרגאָן די גאַנצע געמיינדע אין סכנה. מען דאַרף אָפּהיטן די קהילה. אויף דעם זענען מיר אַ „פאַרשטאַנד".

די רעדע פון סעקרעטאַר מיט די סך נעמען, וואָס ער האָט אָנגערופן, האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפן „פאַרשטאַנד". ער ווייסט וואָס ער רעדט.

מלך ראַפּאַפּאָרט, אַ בורר אין סוחרישע סכסוכים, אַ באַלעזענער ייד, ער האָט ליב אַפילו שלום־עליכמען, צוליב מלחמה איז ער אַן אָרעמאַן אַ יורד, — האָט אַ גלעט געטאָן זיין גרויסע שוואַרצע באָרד און ער האָט, מעשה בורר, אַזוי גערעדט:

— לערנען מיר נישט חומש, תנ״ך און גמרא אויף יידיש? זאָגט דען נישט אין בית־מדרש דער מגיד אויף יידיש? זאָגן דען נישט די ווייבער צאינה־וראינה אויף יידיש? האַנדלען דען נישט סוחרים אויף גומיענער גאַס און אויף ניי־וועלט אויף יידיש? — דאַרף מען גיין און דאָס אויפקלערן דעם דייטש. יונגעלייט, באַל־מעלאָכעס, נעמען זיך אָן פאַר יידיש? — מה טוב ומה נעים. אדרבה ואדרבה. דו הערסט אַ מעשה, יידישע יונגעלייט, פראָסטע יידן, האָבן נישט קיין מורא און גיבן זייערע חתימות, זאָלן מיר גיין זיי מבטל מאַכן, באשר בכן דער דייטש וויל אַזוי? דער פּרעזעס דאַרף גיין און עס זאָגן דעם דייטש בקול רם!

— דאָס וועט איר טאָן, איר וועט גיין — צעבייזערט זיך דער פּרעזעס — איך קען טאָן נאָר דאָס, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק. יידן פאַרלירן די קעפּ. אַז מען ווערט מחוסר לחם, דאַרף מען נישט אויך ווערן מחוסר שכל...

מלך ראַפּאַפּאָרט האָט זיך דערפילט באַליידיקט, ער איז אַ כהן אַ כעסן, האָט ער צוריק געענטפערט:

— קיינער האַלט נישט גאָט פאַר דער באָרד, אפילו די וואָס האַלטן זייערע אַקציעס אין פּעטערבורגער בענק...

דער פאָרזיצער פון „פאַרשטאַנד" איז געווען גרייט צו זאָגן די החלטה, אַזוי ווי עס האָט פאַרגעלייגט זיין סעקרעטאַר — „מאַכן אַ סוף מיט דער פּעטיציע פון

די עטלעכע הונדערט יינגלעך און מיידלעך״. גראַדע אין דער רגע האָט זיך איבערגעקערט קהל־הויז מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. הימל און ערד זענען געווען עדות פון דער „חוצפה כלפי שמיא״. אין הויז פון ועד־הקהל אויף גומיענער גאַס ביים פאַרבלאָטיקטן טייכל ביאַלי, ווו עס פלעגן אַריינקומען די שמוץ און סמיקע וואַסערן פון די אָפּרעטור־פאַבריקן, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סומאַטאָכע, אַ „גראַטשקע״ — המון האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק. זעט אויס, אַז ווענט האָבן אויערן, און מען האָט דערהערט וואָס קהל קלייבט זיך צו טאָן. עולם איז אַריין אין אַלע חדרים. דעם טעלעפאָן האָט מען אָפּגעשניטן. טישן און בענקלעך האָט מען איבערגעקערט. די שווערע ידים פון עמך פון פּיאַסקעס און כאַנאַיקעס האָבן זיך געבעטן אַ ביסל טועכץ. אין זיצונג־זאַל גופא זענען אַריין נאָר עטלעכע. די איבעריקע האָבן געוואַרט פון יענער זייט. אַזוי האָט מען אָנגעזאָגט. אַ היפשער עולם איז געווען דרויסן אונטער די פענצטער. „דערלאַנגט זיי די טרעמבולעס! גאַטס סטראַפּטשעס, די פּיאַווקעס!...״ די גבאים האָבן זיך סיי איבערגעשראָקן און סיי געווען מלא רציחה — ס׳טייטש, אַזאַ חוצפה! אַזאַ חילול השם!״. צום סאַמע טיש זענען צוגעקומען נאָר חיים לאַבוק, ליישקע עפּשטיין, שמערקע שאַפּיראָ און מאיר צפת. ביי די טירן זענען געשטאַנען אייגענע שומרים.

— אין יוצא ואין באַ! — האָט מאיר צפת אָנגעזאָגט.

חיים לאַבוק איז אַ מיטליאַריקער וועבער, אין די פערציקער, משה מרדכי דעם תלמוד־תורה־מלמדס זון, און זען זעט ער אויס ווי אַ דאָרפישער פויער, אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, אין אַ שוואַרצער בלוזע, מיט אַ פּנים ווי אַ גאַנצער בנין — אַ לאַנגער, דיקער נאָז, גרויסע, בולבענע אויגן, אַ צעקוטשמעטער קאָפּ, אַ צעקאָרבטער שטערן, לאַנגע ציין און לאַנגע הענט, זיין גאַנג — אַ שווערער, שטיוול אויף די פיס. זיין גאַנג איז געווען, ווי עס וואָלט זיך באַוועגט אַ שייער. סיביר איז געלעגן אויף חיים לאַבוקן — זעקס יאָר. נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט האָט מען אים געכאַפּט אויף מיטן פּאַבריטשנע גאַס, אים אָנגעטאָן אין קייטן און פאַרשיקט אין סיביר — באַשר, ער איז געווען אַן „עס־ער־ניק״, געהאַט אַ רעוואָלווער אין קעשענע און געמאַכט באָמבעס. אַ סברה, אַז ער האָט געהאַט צו טאָן מיטן אַטענטאַט אויפן גראַדנער גובערנאַטאָר. נאָכן אָפּזיין זעקס יאָר „אויף קאַטאָרגע״ איז ער אָנגעקומען צוריק אין שטאָט מיטן אָנזאָג זיך צו מעלדן צוויי מאָל אין וואָך ביים זשאַנדאַרמסקע פּאָלקאָווניק.

ער איז געקומען צוריק און אויף גאָרנישט חרטה געהאַט. ער האָט זיך אייננגעוווינט צו לייענען די דיקע רוסישע זשורנאַלן. צוליב דעם, וואָס מען האָט אים געזען מערסטנס מיטן זשורנאַל „רוסקאיע באָגאַטסטוואָ״ אונטערן אָרעם, האָט מען אים אָנגעהויבן רופן צווישן אַרבעטער:

— חיים באָגאַטסטוואַ...

ער איז אַוועק אַרבעטן אויף אַ וועב־שטול. ער האָט נישט געוואָלט קיין מעכאַנישן דאַמף־שטול, נאָר אַ לוינקעטנישן האַנטשטול. אויף אים קען מען אַרבעטן לאַנגזאַמער, פּשוטער, פּרימיטיווער און רויקער — נישט נייטיק צו בהלהווען.

מען קען, אַרבעטנדיק, קומען צו אַ מחשבה, מען קען אַפילו איבעררייסן דאָס וועבן און אַריינקוקן אין נישט געענדיקטן אַרטיקל פון פעשעכאָנאָוו אין „רוסקאָיע באָגאטסטוואָ". „חיים באָגאַטסטוואָ" קען דורכגיין די איינצלהייטן פון דער אַגראַר־פראַגע, דעם ענין פון אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, די חילוקי־דעות צווישן לאַווראָוו און טשערנאָוו. איצט איז ער געקומען אין סאַמע שפּיץ פון אייגענעם עולם.

דער צווייטער צו היימען איז געווען עפּשטיין, וועמען מען האָט אויך גערופן „לײשקע חיריק" — אַ קליינער, אַ דאַרער, איין־אויגיקער, אַ „שוואַרצער" אין ליימע עפּשטיינס גאַרבאַרניע אויף משה־רוועס גאַס. ער פלעגט גיך רעדן מיט אַ פולן און נאַסן מויל, וואָס שפּריצט .די ווערטער פלעגן אַרויסקומען, ווי זיי וואָלטן זיך פּליושקען אין אַ באַליע וואַסער. ער פלעגט זיי אַרויסוואַרפן פון מויל און צוריק אַריינוואַרפן און אַראָפּשלינגען. ער האָט פיינט געהאַט די גבירים שנאת־מות. ער האָט געשטאַמט פון אַ קליין־שטעטלדיקן טאַטן, אַ מדינה־גייער, וואָס איז אַוועקגעפאַלן ווען לײשקע איז נאָך געווען אַ חדר־יינגל, אין אַ הקדש. מען ווייסט אַפילו נישט גענוי ווו און ווי אַזוי. עס איז גאָר נישטאָ נאָך אים קיין מצבה. לײשקע חיריק האָט שוין געהאַט אַ ווייב און צוויי קינדער, קרוע בלוע. ער האָט געוווּסט אויף זיכער, אַז אָן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז ער אַ פאַרפאַלענער אויף אייביק.

דער דריטער איז געווען שמערקע שאַפּירקע, דער זון פון שמש פון פּוזשעס בית־מדרש. זיין טאַטן, דעם שמש ר' משה־מרדכי, איז אָנגעשטאַנען זיין אַ רב אַפילו אין בריסק. ער האָט אָבער נישט געוואָלט מאַכן פון דער תורה קרדום לחפר בה. ער וואָלט גרייכער געוואָרן אַ באַלמעלאָכע אַזוי ווי ר' יוחנן הסנדלר, האָבן זיינע הענט נישט געטויגט צו מלאכה, איז ער געוואָרן אַ שמש — ער האָט געפּוצט די פאַררויכערטע, פאַרקורניעטע לאָמפּן־גלעזער מיטן לאַנגן שוואַרצן בערשטל. גאַנץ אָפט האָט ער צעבראָכן די גלעזער, האָט ער שטילערהייט אַליין אָפּגעקויפט. ער האָט געקערט דעם בית־מדרש מיט אַ גרויסן בעזים, אָפּגעשטויבט דעם ארון־קודש, צוגעגרייט די ליכט פאַרן עמוד, אויפגעמאָנט די חובות פאַר געקויפטע עליות; געהאַלטן קאָפּ וועמען מען דאַרף געבן אַן עליה, מען זאָל חס ושלום קיינעם נישט מבייש זיין. מערסטנס איז ער אָבער געזעסן אין איין און זעלביקן ווינקל, נישט ווייט פון כיור, ביים סאַמע אַריינגאַנג, און געלערנט גמרא. פּוזשעס בית־מדרש האָט געוווּסט, אַז ווען ר' משה־מרדכיס טאַטע, שמערקעס זיידע, מאיר־דוד עליו השלום, איז געגאַנגען שטאַרבן, אַ ייִד אַ מלוה, האָט ער געשיקט נאָך אַ פּאָר מענטשן און געהייסן צעררייסן פאַר זיינע אויגן אַלע וועקסלען וואָס ער האָט געהאַט פון בעלי־חובות. קיינער איז אים גאָרנישט שולדיק. ער גייט אַוועק פון דער וועלט נקי. אויף יענער וועלט דאַרף מען נישט קיין וועקסלען . זיין אייניקל, שמערקע, איז געווען אַן איינבינדער ביי יענעם. איידער ער האָט איינגעבונדן אַ ספר האָט ער עס פריִער איבערגעלייענט. ער האָט געוווּסט אַ וועלט פון ייִדישער און גוייִשער תורה. ער האָט מסכים געווען מיט מאַרקסן און קאַוטסקין און געווען קעגן

עדוואַרד בערנשטיינען. ער האָט געקענט די פילאָסאָפן, געטייטשט מען זאָל גוט פאַרשטיין העגלען. ער פלעגט מסביר זיין מיט טעם. ער האָט געהאַט אַ וועג פון די גריכישע פילאָזאָפן צו די יידישע חוקרים, פון די יידישע צו די דייטשע, זיי צונויפנעמען מיט טעם און שכל, און אים האָט מען דערפאַר אַ נאָמען געגעבן אויף סוראזשער גאַס:

— שמערקע פילאָזאָף...

ער איז געווען אַ דאַרער, אַ דראָבנער, אָבער מיט אַ גרויסן קאָפּ, און אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די גרויסע פילאָזאָפן איז ער געוואָרן אַ גאַנצער גבור, אַן עוג מלך הבשן.

— אונדזער שמערקע...

— אַ פּייערדיקער קאָפּ...

זיי דריי צוזאַמען מיט מאיר צפתן זענען געווען פאַראויס דעם עולם, וואָס איז געווען אַ געמיש פון כל־המינים — אַלץ וואָס די ביאַליסטאָקער „רעוואָלוציע״ האָט פאַרמאָגט. עס איז אויך מיטגעגאַנגען כמעט דער „גאַנצער קורס״ פון סטו־דענטן־פאַבריק. דאָרט איז געווען אסתר לאַפּידעס און רבקה בערנשטיין. ס׳איז מיט־געגאַנגען אַ המון, וואָס האָט געקאָכט נישט אַזוי צוליב דער יידיש־פּעטיציע, נאָר צוליב דעם, וואָס דער וועד־הקהל האָט לעצטנס אָפּגעזאָגט די שטיצע דער אַרבע־טער־קיך. די צייט איז ביטער, די מלחמה ברענט, די דייטשן פאַרטרייבן די יונגע זין אין גאַינאָווסקער וואַלד אויף קאַטאָרגע אַרבעט און צאַמען אָרום מיט שטע־כעדיקן דראָט. מען קרענקט אין אַלע הייזער צוליב די פאַרפוילטע בולבעס און ליימענע ברייטלעך.

— קהל איז יד־אחת מיטן דייטש!... די גבירים מיט זייערע „צוקער־פּושקעס״.

— אויף דער מלחמה האָט מען פאַרשלעפּט נאָר די אָרעמע זין. די גבירישע בן־יקירלעך לעבן אַ גוטן טאָג...

און דאָ איז נאָך צוגעקומען די מעשה מיט די שולן, ווו די דייטשן ווילן מאַכן די יידישע קינדער פאַר דייטשוקעס.

— „מיר ווילן יידיש״!

די גבאים גייען מסרן פאַרן דייטש!... עולם דערשנאַפּט, עולם האָט אַ נאָז!... מען האָט טאַקע דערטאַפּט די גבאים מיטן „פאַרשטאַנד־שעף״ ביי די „רעכטע גע־דיכטע״, געכאַפּט ביי די הענט.

דער ראש־המדברים איז לכתחילה געווען חיים לאַבוק:

— מיר זענען געקומען אייך צו וואָרענען: אויב איר וועט גיין מיט מסירה צום דייטש, וועט דאָס זיין אייער לעצטער גאַנג. קהל זענען מיר. מיר ווילן נישט זינגען מה־יפית פאַר די דייטשע גענעראַלן. ווילט איר נישט גיין צוזאַמען מיטן פאָלק, טאָ גייט אַהיים...

פרעגט אים דער פּרעזעס:

— איר הייסט לאַבוק, יאָ? איך האָב וועגן אייך געהערט. איר זייט געווען אין סיביר? פיין, פיין... איר זייט נישט קיין פּראָסטער מענטש, פרעג איך אייך,

פון וואַנעט ווייסט איר דאָס, אַז דאָס פאָלק איז מיט אייך, מיט זשאַרגאָן? און זאָגן זי אויך, וואָרום זינד זי קעגן דער דייטשער שפּראַך, די שפּראַך פון דער וועלט, פון די געלערנטע, פון די פילאָזאָפן?... איך וואָלט וועלן וויסן... זאָגן זי, הער לאַבוק.

ענטפערט אים חיים לאַבוק:

— פון וואַנעט איך וויס וועגן פאָלק? צען טויזנט אונטערשריפטן אויף דער פּעטיציע. אדרבה, זאָל דער דייטש קריגן צען טויזנט אונטערשריפטן פאַר דייטש. און וועגן דער שפּראַך פון פילאָזאָפן? מיר נעמען זי נישט צו ביי די דייטשן, זאָלן זיי זיך האַלטן מיט דייטש. מיר ווילן נאָר פאַר אונדז אונדזער ייִדיש. עס איז אונדזערס! קען נישט דער „פאַרשטאַנד" זיין מיטן פאָלק, זאָל ער טאָן וואָס ער קען — זאָל ער באַזאָרגן גרויפּן און אַרבעס אין די קיכן און נישט דייטש פאַר די קינדער. הער פּרעזעס, מיר רעדן צו אייך פאַר צען טויזנט ייִדן!...

מישט זיך אַריין מאַקס באַראַש מיט אַ ירגזון:

— וואָס האָבן דיזע לייטע אין אַלגעמיין צו טאָן מיט בילדונג! זיי זענען דאָך קיין מאָל אַפילו נישט געווען אין אַ שולע. זע נאָר זע, די דעה־זאָגער! די ייִדן וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן, האָבן אַפילו נישט געוווּסט אויף וואָס זיי שרייבן.

גיט זיך אַ נעם צו אים חיים לאַבוק:

— און ווער האָט עס אייך געמאַכט פאַר קעקעלע־קהל? ווער האָט געשיקט נאָך אייך! ווילט איר קושן דעם דייטש אין אחור, טוט עס פאַר אייער אייגענעם פאַרגעניגן, אָבער נישט פאַר אונדז!...

מאַקס באַראַש איז געוואָרן רויט און טויט־שטיל. דער פּרעזעס אברהם טיקאַ־דין שווייגט און טראַכט. זאָגט ער נאָכדעם אַזוי גלייך צו שמערקע שאַפּיראַ:

— איך מעכטע וויסן, זאָגן זי, וואָרום ברויכן זי דיזן זשאַרגאָן?

זאָגט צו אים שמערקע שאַפּיראַ:

— „זאָגן זי", וואָס איז דאָס פאַר אַ פּורצע־לשון: איך מעכטע וויסן, זאָגן זי... זשאַרגאָן?... אַזוי רעדן ייִדן? זאָלן די ייִדן פון קהל זאָגן, רעדן זיי אַזוי אין בית־מדרש, אויף דער גאַס „מעכטע ביטן"... רעדן דען ייִדן אויף אַ שפּראַך פון „מעכטע ביטן", „זאָגן זי"?...

נעמט שוין איבער די טענה מאיר צפת און ער זאָגט אַזוי:

— מיר ווילן, אַז איר זאָלט פאַרשטיין ,אַז עס איז נישט קיין פילאָלאָגישע פראַגע וועגן דער דייטשער שפּראַך, יאָ די שפּראַך פון די פילאָזאָפן, צי נישט. דער עיקר, זי איז נישט אונדזערע. זי געהערט צו די דייטשן. טאָ זייט מיר נישט קיין פּעטער און נייט מיר נישט קיין שיך. מיר ייִדן ווילן אין אונדזער שול אונדזער שפּראַך — ייִדיש. עס איז די שפּראַך פון פאָלק, פון אונדזערע מאַמעס. מיר נעמען זיך אָן פאַר איר כבוד, און דאָס הייסט — פאַרן ייִדישן כבוד. די דייטשן ווילן איינפירן דייטש, נישט צוליב דער גרויסקייט פון די דייטשן. זיי ווילן אונדז מאַכן אויס, זיי ווילן אונדז אַסימילירן. ייִדיש וועט אָבער זיין די דאַמבע קעגן אַסימילאַציע, וועט זיין דער בעסטער מיטל פאַרן חינוך.

דאָס האָט פאַרדראָסן דעם סעקרעטאַר איטשע־הערשן:

— איר האָט נישט די מינדסטע השגה אין ענינים פון חינוך, — האָט ער געזאָגט, — חינוך איז לשון־קודש, חינוך איז — תנ״ך. דייטש איז אַ גרויסע, אַ רייכע אייראָפּעיִשע שפּראַך. פריִער איז דאָס געווען רוסיש, איצט איז דאָס — דייטש. ווי קומט דאָ אַריין זשאַרגאָן? די שפּראַך פון עם־הארצות, פון דינסט־מיידלעך... תרבות, דרך־ארץ!

— איר זייט גערעכט... — רייסט אים איבער מאיר — איר זייט גערעכט, — ווען איר זאָגט „תרבות! דרך ארץ״!... טאַקע אַזוי, דרך־ארץ פאַר יידיש, פאַר טאַטע־מאַמע־לשון — דאָס מיינט דרך־ארץ פאַר טויזנט יאָר יידיש לעבן. יידישע שפּראַך איז דער אוצר וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות, יידישע שפּראַך איז — יידישע מחשבה, יידישע פאַנטאַזיע, איז יידיש וויגליד, איז פאָלקס־מעשה, דאָס אַלץ וואָס פורעמט אויס דעם פאָלקס־געמיט, די פאָלקס־נשמה. דאָס פאָלק הייבט אויף איצט די פאָן פון זיין אויפלעבונג און ווירדע, הייבט עס אויך אויף די פאָן פון באַליידיקטן מאַמע־לשון. איר זאָגט די שפּראַך פון די עם־הארצים, פון די דינסט־מיידלעך — און גמרא האָבן מיר נישט געלערנט אויף יידיש? און דינים האָבן מיר נישט געפּסקנט אויף יידיש?... נאָך מיט פינף הונדערט יאָר צוריק האָט דער נירענבערגער רבנים־צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ תקנה איינצופירן לשון יידיש ביי דין־תורהס. איז דאָ פאַראַן אַ ייד אַ למדן, זאָל ער אַריינקוקן אין די שאלות ותשובות. אפילו דער מהר״ם האָט געזאָגט זיינע חידושים פאַר זיינע תלמי־דים אויף יידיש. עם־הארצים זאָגט איר — נו, און אונדזערע גרעסטע שרייבער און פּאָעטן שרייבן אויף יידיש!... — האָט איר געהערט פון מענדעלע מוכר ספרים? האָט איר געהערט אפשר פון פּרצן?

אַביסל האָט מאיר צפּת אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערלאַנגט, ווי אַ שטראָם וואָלט זיך פון אים געריסן:

— אַלע פעלקער שטייען איצט אין ברען פון דער וועלט־מלחמה פאַרן יום־הדין. עס שטייט אויך דאָס יידישע פאָלק. גיט זיך אָפּ, רבותי, אַ דין וחשבון מיט וועמען איר זייט — הלנו אתה או לצרנו? עס איז די צייט, אַז יעדער איינער זאָל וויסן — דע לפני מה ולפני מי אתה עומד!... גייט איר גאָר מחלל זיין שם ישראל ברבים — איר גייט קושן דעם קאַנטשיק... און איר, הער פּרעזעס, איך האָב געהערט, אַז איר זייט אַן אינטעליגענטער ייד, — איר אויך? ווייסט איר, אַז היינט שרייבט זיך געשיכטע?!

דער ראש הקהל איז צערודערט — ער מוז זיין ביים גענעראַל, וואָס פאַ־דערט ברוטאַל. וואָס וועט ער אים זאָגן? ער איז אויך מיט די מרידה'ניקעס, גאַנץ קהל?... זאָל ער גיין צום גענעראַל און אין נאָמען פון דער געמיינדע מבטל מאַכן די פּעטיציע פון צען טויזנט יידן — היתכן?... — ווי זאָגט ער, דער יונגער מאַן? — „היינט שרייבט זיך געשיכטע״... — און אָט דאָס, וואָס זיי רעדן, איז נאַרנישט קרום, אוודאי איז דער סעקרעטאַר פון „פאַרשטאַנד״ גערעכט וועגן דער דייטשער שפּראַך, אָבער דאָך זאָגן זיי עפּעס די יונגעלייט, אָט דער חיים לאַבוק, דער סיבירניק, ער האָט געהערט אַמאָל, אַז ער איז גאָר אַ נאַראָדניק... וועט ער דאָס

אָפּלייגן, וועט ער זיך מיישב זיין. ער דאַרף האַנדלען ווי עס האָבן געהאַנדלט ראשי־הקהל אין דער פאַרגאַנגענהייט — מיט ישוב־הדעת, מיט כובד־ראש, באַזאַכט. קלאַפּט ער אין טיש און זאָגט:

— די „זאַסעדאַניע" איז געשלאָסן...

ער וויל זיך אויפהייבן. מיט אים וויל זיך אויפהייבן „גאַנץ קהל", אָבער דאָ רייסט זיך אַריין חיים לאַבוק:

— כאַפּט ניט, פּאַמעלעכקע, שליסט נאָך ניט. מיר וועלן ניט אַוועק פון דאַנען אָן אַן ענטפער...

שרייט אַריין ליישקע חיריק:

— אייך איז ווייניק, וואָס איר האָט צוגענומען דאָס שיסעלע געקעכטס פון דער אַרבעטער־קיך, די ווערימדיקע אַרבעס פון די קאָנסומס, די פאַרשייסטע מאַרקן פון דער גמילת־חסדים־קאַסע — ווילט איר אויך נאָך צונעמען אונדזער כבוד מיט אונדזער לשון. איר שליסט גאָר די „זאַסעדאַניע". אָ, ניין, ניט היינט, ניט ביי מאָטיען, מיר מוזן הערן אַן ענטפער...

— געשלאָסן... געשלאָסן... אַרויס פון דאַנען!... פּאַשאָל!... — האָט זיך גענומען מאַקס באַראַש צו מאַכן אַ סוף. — שטייט ניט אין וועג, לאָזט גיין...

אים אַנטקעגן האָט זיך געשטעלט זלמן דער טרעגער:

— מאַקסעלע, וואַרט אַ ווײַלע...

זלמן דער טרעגער האָט זיך אַריינגעריסן אין זיצונג־זאַל ניט אַליין, מיט אים אַ גאַנצע חברה טרעגער, בעקער, איזוואָשטשיקעס — די סאַמע זאַווערוכע און סומאַטאָכע.

— לאַבוסעס!.. רוצחים!... — האָט געשריגן מאַקס באַראַש — אין סיביר וועט מען אייך פאַרשיקן!... איך רוף פּאָליציי... די מיליץ!...

— סיביר איז ווייט פון דאַנען — שרייט צו אים צוריק זלמן — דער בית־עולם אויף באַגנאַווקע איז נענטער... עס איז דיר, מאַקסעלע, ניט דער פּאַרק ראַסקאַש מיט די שאַנסאָנעטקעס...

זיינע אויגן האָבן שוין אַרויסגעסטאַרטשעט. ער איז אַ גבור אַרויפצוטראָגן אַ גבירישע פּיאַנע אויפן דריטן עטאַזש, צו וואַרפן מאַנופאַקטור־קאַסטנס, אַרומגענומענע מיט באַנד־אייזנס, ווי פּילקעס, אויף דראָגנאַווע וועגענער. זיין גאַנצע גבורה איז אַריין אין זיין הייזעריקן געשריי:

— אין סיביר וועט ער מיך שיקן, דער מסור! זלמן איז שוין דאָרט געוועזן... איך וועל דיר געבן דיינע פּיס אין דיינע הענט...

חיים לאַבוק און ליישקע חיריק האָבן אים אָפּגעהאַלטן. בשעת מעשה האָט דער פּרעזעס אברהם טיקאָדין עפּעס זיך געסודעט מיט מלך ראַפּאַפּאָרט. אַ רגע נאָכדעם האָט מלך ראַפּאַפּאָרט געזאָגט צו חיים לאַבוק:

— ר' ייִד, לאָמיר אויפהייבן דעם טיש און שטעלן אויף אַן אָרט... העלפט צו...

חיים לאַבוק האָט דערשפּירט, אַז עס גייט עפּעס זיין, האָט מען דעם איבער־

געקערטן טיש אַ שטעל געטאָן אויף זיין אָרט. באַלד איז מלך ראַפּאַפּאָרט געשטאַנען בײַם טיש, זיך אַ שאָקל געטאָן ווי צו מנחה־מעריב און אַזוי געזאָגט:

— לאָמיר ניט מאַכן קהל צו חוכא ואטלולא. לאָמיר ניט זיין ווי די גויים, מען דאַרף האָבן ישוב הדעת, עס איז דאָך שעת מלחמה. דער פּרעזעס האָט מיר געהייסן זאָגן, אַז קהל וועט דערווייל גאָרניט טאָן, קהל וועט זיך מיישב זיין, גייט׳ס אַ היים!

— מיר ווילן דאָס הערן פון פּרעזעס! — האָט חיים לאַבוק געזאָגט.

אברהם טיקאַדין, וואָס איז געזעסן אויף זיין שטול, ניט גערירט זיך פון זיין אָרט, האָט זיך איצט אויפגעהויבן. עס איז געוואָרן שטיל. דער שטילער דרך־ארץ איז אים געפעלן געוואָרן. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ער האָט געזאָגט, ציילנדיק די ווערטער:

— איר האָט געשריגן, געטומלט, געסטראַשעט. איך האָב ניט מורא געהאַט. איך האָב ניט מורא פאַר יידן. מיר זיצן דאָ אין קהל ניט פאַר זיך, נאָר פאַר קהל. עס איז ניט שייך צו גיין מיט סטראַשונקעס. איך פאַרשטיי, אַז איר האָט דאָס ניט געמיינט. איך בין געווען רויק. ווען איר האָט גערעדט, געשריגן, געטומלט, האָב איך זיך מיישב געווען מיט זיך אַליין. אויף אַ ראש הקהל ליגט אַ גרויסע אחריות. איר זאָגט, אַז צען טויזנט יידן האָבן אונטערגעשריבן די פּעטיציע. אַזוי האָט איר געזאָגט, פּאַניע לאַבוק?

— יאָ, איך גיב פאַר דעם מיין קאָפּ.

— איך גלויב איך. איך גלויב יידן. איז דאָך עפּעס דאָ אין דעם. היתכן? אויב אַזוי, וועלן מיר די פראַגע „פאַרשיבן". און אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט וועגן דער קיך, איך האָב דאָס גאָרניט געוווּסט. יידן האָבן ניט קיין ביסל געקעכטס...

זוכט ער מיט די אויגן און געפינט מלך ראַפּאַפּאָרטן צווישן אויפגעלויף און ער זאָגט צו אים:

— ר׳ מלך ראַפּאַפּאָרט, מען זאָל מאָרגן שיקן אין קיך אַריין צען זעק גריפּן און אַרבעס.

מאַקס באַראַש איז געשטאַנען אַ רויטער און פאַרלאָרענער. דער סעקרעטאַר האָט געצופּט זיין בערדל אַ צעטומלטער. מלך ראַפּאַפּאָרט האָט גערעדט צו מאיר צפתן:

— מען וועט דורכקומען. וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער יידן זענען מיר...

חיים לאַבוק מאַכט זיין אויספיר צום עולם:

— נאָר אין קאַמף וועסטו געווינען דיין רעכט...

אַזוי האָט מען געשריבן אין די טורמעס און אין סיביר אויף די ווענט.

מאיר צפת האָט שפּעטער געזאָגט צו אסתר לאַפּידעס:

— אַז מען שטעלט זיך אָן אַ זייט און מען באַטראַכט דעם „שטורם איבער קהל", מוז מען קומען צום אויספיר, אַז מיר זענען געווען באַטייליקט אין אַ געשיכטלעכער געשעעניש.

## פינפטער קאַפּיטל

# ויהי ערב ויהי בקר

דער פאַרזיצער פון ועד־הקהל, אברהם טיקאָדין, האָט גע־פּועלט ביים הויפּטמאַן ער זאָל מאַכן אַ פּשרה: אין זיינע שולן — דייטש, און אין שולן, וואָס ייִדישע חברות עפענען אויף זייערע אייגענע הוצאות, זאָל זיין ייִדיש און העברעיִש „ווי זיי ווינטשן". ער האָט דערביי פאַרזיכערט, אַז „נאַ־טירלעך, וועט מען אין אַלע שולן לערנען דעם דייטשן קעגנשטאַנד".

די צוויי גרעסטע „שולן מיט ייִדישער אונטעררריכט־שפּראַך" זענען געווען די שול פון „יוגנט־פאַריין" און די „פּרץ־קינדערהיים". מאיר צפת איז געווען אַ לע־רער אין דער פּרץ־שול ביים פּרץ־קינדערהיים.

— קומט צו אונדז אין שול, אין אונדזער קינדערהיים, ווערט אַ לערערין, אסתר. — האָט מאיר צפת איר פאָרגעלייגט.

אסתר איז אַהין געקומען צום ערשטן מאָל מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. זי איז געקומען — זען, הערן, לערנען. אפשר?...

פּרץ־קינדערהיים!... — פאַר אסתרן איז עס געוואָרן פון די ערשטע שעהן אַ מלכות פון פּלאַי־פּלאים. זי איז געווען אין די באַזונדערע קלאַסן. אין די פיר צימערן פון קינדער־גאָרטן, אין גרויסן קינדער־זאַל. עס איז אַן אויסטערלישע לופט.

די שעהן שוועבן איבערן קאָפּ ווי פאַרביקע באַלאָנען.

— ווי געפעלט אַייך? — פרעגט איר פון מאָל צו מאָל דער פאַרנומענער, פאַרטאָגענער מאיר צפת. זיינע אויגן ברענען בשעת מעשה. ער נעמט זי אָן פאַרן אַקסל, פאַר די הענט. „ווילט איר, אסתר, אַרבעטן מיט אונדז? ווילט איר, אסתר, זיין מיט אונדז?"...

דאָס וואָרט „אסתר" זאָגט ער אַרויס מיט טויזנט טעמים. זי איז יונג, אסתר. יונג און באַגייסטערט. דער פּנים ווערט איר רויט און איר קאָפּ האָר — שוואַרצער.

— דערווייל בין איך אַ שילערין, אַן אָנהויבערין... — זאָגט זי — אַ קינד, גלייך צו אַלע קינדער...

— דאָס איז גוט געזאָגט... — זאָגט איר מאיר צפּת און פֿאַרשווינדט אין די דריי שטאָקן, אין וועלכע עס האָט זיך באַזעצט די „פּרץ־שול“.

אין ערשטן שטאָק פֿון הויז, וואָס קוקט אַרויס מיט זעקס פֿענצטער צו דער ניעמעצקע גאַס, איז דער קינדער־גאָרטן פֿאַר פֿיר־פֿינף יאָריקע קינדער, יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען געקומען אַהער מיט אומעטיקע אויגן, אויסגעהונגערטע — פּיאַסקעס און כּאַנאַיקעס האָבן אַריינגעוואָרפֿן אַהער לעבעדיקע שטיקלעך מלחמה־עלנט, קינדער־צער און מאַמע־האָפֿענונג. יינגלעך מיט אָפּגעשאָרענע, אויסגעוואַשענע קעפּלעך, מיידלעך מיט אויסגעפּלאָכטענע צעפּלעך און אויספּאַריכטע, צוגעלאַטעטע קליידלעך, — בלימלעך פֿון די אָרימע הויפֿן, געסלעך. פֿאַרשיידן זענען זיי, די קינדער. יעדעס קינד איז אַנדערש — טומלדיקע און שוויגעדיקע, שטיפֿערישע און נאַכלעסיקע, מיט אָפֿענע און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, שרייאיקע, און בנמוסדיקע. פֿאַרשיידענע פּנימער, יעדער פּנים איז אַנדערש — קראַנקאָנגעבלאָזענע בעקלעך, הונגער־בלעזלעך און רויט־מחיהדיקע, בלי׳ענדיקע, אויסגעצויגענע שאַרף־פֿאַרחידושטע — גאָלע רעטענישן, און קיילעכדיקע, פֿריילעכע, מחיהדיקע, בלי׳ענדיקע. די פֿיס — אַנדערע באַשוכטע, אַנדערע — באָרוועסע, אַנדערע — מיט דלותדיקע שיך. באָרוויסע פֿיס קענען אויך ריידן ,דערציילן, זיך קלאָגן, אַפֿילו וויינען.

די יונגע לערערין, אויך אַן אָנהייבערין, רבֿקה בערנשטיין, טוט זיי אויס די שיך, ווי נאָר זיי קומען אַריין, טוט אָן אַלעמען גלייך אין טוכענע „לאַפּטשעס“, אין וועלכע זיי לויפֿן אַלע אַרום, גייען אַרום שטיל און גלייך און מאַכן ניט קיין רויש און טראָגן נישט אָן קיין בלאָטע. דער קאָליר פֿון אַלע לאַפּטשעס איז דער זעלבער און די קינדער דערקענען זיי שוין — מיינע, דיינע, זיינע, אירע. „וויאַזוי דערקענען זיי?“ — „איר זעט דאָך, זיי דערקענען, מאַכן זעלטן אַ טעות“.

די טויער פֿון דער שול, „די חבֿרים“, מערסטנס באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן אין זייערע קינדער־יאָרן קיינמאָל ניט געהערט דאָס וואָרט „קינדער־גאָרטן“, און וויאַזוי איז דאָס גאָר אַ „גאָרטן“ אין אַ שטובֿ?... „די חבֿרים“, וועלכע האָבן חוץ דעם חדר קיין שול נישט געהאַט, האָבן געמאַכט מיט די אייגענע הענט און געצייג קליינע נידעריקע טישעלעך און שטולכעלעך פֿאַר דעם „קינדער־גאָרטן“, אַזוי ווי די לערערין ליובע האַלפּערין האָט פֿאַר זיי אָנגעצייכנט אויפֿן פּאַפּיר. „אָבער פֿעסטע — האָט ליובע אָנגעזאָגט — זיי זאָלן זיך גוט האַלטן, פּשוטע אַרומגעהעבלעוועטע“. זיי האָבן געבראַכט צוטראָגן אַהער די שטיקער מעבל אויף די פּלייצעס, אויף די הענט — מייסטער־שטיקער פֿון אמונה און יראת הכּבֿוד. געטראָגן מתּנות צו אַ בית־המקדש, פֿון וועלכן עס וועט אַרויסקומען „אַ נייער, ליכטיקער מאָרגן“, אַזוי ווי עס האָבן געטראָגן זייערע אור־אור־זיידעס די שעפּסן צום מזבח, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, לויט משה רבנו, פֿון ליים אָדער שטיין, איבער וועלכע עס האָט זיך נישט געהויבן קיין שווערד. די גלויביקע, יונגע באַלמעלאָכעס — יאָסל, זיידל,

בערל — שלוחים פון דער ייִדישער, דורותדיקער אָרימקייט, זענען געגאַנגען אַהין מיט זייערע מתנות מיט אַ שפּרודלדיקער ענערגיע. געבראַכט טישן, שטולן, כלים, געשיר, האַנטיכער, טישטוכער, וואַזאַנעס.

— זיי גייען אַהער — זאָגט מאיר צפת צו אסתרן — מיטן זעלבן גאַנג, ווי עס זענען געגאַנגען זייערע אבות מיט קוישלעך פּרוכטן און סנאָפּעס זאַנגען צום בית־המקדש איבער די בלעטער פון חומש.

— קוק, אסתר, אויף די ווענט און רייס זיך ניט אָפּ פון זיי!...

אויף די ווענט — פרישע קינדער־צייכענונגען, מאָלערייען, פאַנטאַזיעס אין פאַרבן פון פינף־יאָריקע מייסטער. אויף שטיקער פּאַפּיר פליִען אום שוואַרצע, געלע, בלויע פייגל, גייען אום הינער, שטייעןביימער, לויפן קעצלעך. אָט איז אַ ציג, אַ פערד, אַ קו. דאָס האָבן אויסגעמייסטרעוועט די שלמהלעך, משהלעך און שרהלעך. אויף די פענצטער שטייען וואַזאַנעס. די בלומען אין די בלומען־טעפּ היטן אַליין די קינדער — באַגיסן מיט וואַסער. די קינדער זעען מיט זייערע אייגענע אויגן, ווי עס שפּראָצן אַרויס קנאָספּן, וויקלען זיך אַרויס בלעטלעך, שטייגן צווייגלעך.

קומט זיידל דער וועבער. עפנט ער די טיר פון קינדער־גאָרטן און בלייבט שטיין פאַרגאַפט, כאַטש טו אויס דאָס היטל און צי אַראָפּ די שיך. — וואָס זאָגסטו, זיידל!... — זיין פּנים ווערט באַגאָסן מיט גליקזעליקייט, מיט חן פון מעשים־טובים. עס קומט אויף אים די טויזנטער־יאָריקע הנאה פון אַ מצווה. כאַטש נעם און ווייש אויס מיט וועבערשן אַרבל טרערן פון די אויגן. דעמאָלט איז נישטאָ קיין מלחמה מיט די דייטשן, ניטאָ קיין נויטן, ניטאָ קיין אָרימקייט — עס איז כולו טוב.

וואָסזשע זאָל ער זאָגן, זיידעלע דער וועבער?

— יאָטעלעך, אַ געזונט אין אײַערע ביינער!...

אסתר זיצט אין קינדער־גאָרטן מיט אַלע קינדער צוזאַמען. אַלע דרייסיק באַלמעלאָכעס זענען פאַרנומען. ליובע האַלפּערין איז זייער לערערין. זי זיצט אויף דער ערד, צווישן די קינדער, און פירט מיט דער קליינער אַרבעט־מלוכה. מען „קלעפּט" פון ליים שטוב־ווירטשאַפט — טישלעך, בענקלעך, טעלער, שטויסלעך, טעפּלעך. מען אַרבעט פאַרטיפט. מען איז שטאַרק פאַרנומען. מען שרייט נאָר אויס פאַר זיך און פאַר דער וועלט עפּעס אַזוינס, אַ געשריי אַזאַ, מחמת געוואַלטיקע אַנטציקונג. עמיץ ווערט גאָר אין כעס צוליב דעם, וואָס ביי אים מאַכט זיך ניט גוט און ביים שכן מאַכט זיך בעסער, צעברעכט מען דאָס שלעכטע מעבל, מען צעקוועטשט דאָס ליים און מען קלאַפּט מיט אים אין טישל מיט אַ סך כעס. די פאַרטאָגענע באַלמעלאָכעס, די קינפטיקע מייסטער, אַרבעטן און רעדן צו זיך, צו די ווענט, צום ליים, צו דער „לערערין ליובע", פאַרבייסן מיט די ליפּן, שטעקן אַרויס צינגלעך אין זייטן פון די ליפּן, באַרימען זיך:

— זעסט ס'אַראַ בעט!...

— זי וועט אומפאַלן!...

— איך מאַך אַ שאַפע!...

— דאָס איז גאָר אַ קאָמאָדיע...

און אין מיטן דערינען פּאַטשט איינער אַריין מיט זיינע בידע הענט אין זיין שכנס טאָפּ אַריין:

— עס טויג ניט! דו קענסט ניט!...

די גאַנצע שטוב אַרבעט. פאַנטאַזיעס האָבן פאַרנומען די אויגן און קעפּלעך פון די קינדער. בשעת דער אַרבעט באַלעבן זיי די שטיקלעך ליים מיט ווערטער, מיט רייד, וואָס קלעפּן זיך גאָרניט, וואָס אַ פרעמדער וואָלט גאָרניט פאַרשטאַנען, אָבער זיי, די באַלמעלאָכעס, די מייסטערס, פאַרשטייען זיך אַליין. עס זענען די פלוידערייען, די „בעבענישן", עס איז די שפּראַך פון די שעפער פון אַלע צייטן — אַ שפּראַך וואָס נאָר די מייסטער פאַרשטייען.

צווישן זיי זיצט די לערערין ליובע און יאָגט אונטער זייער מייסטער־לוסט:

— שלומקע, מאַך בעסער דעם פוס פון טיש, ער זאָל קענען שטיין גלייך...

— לייטשע, צייל איבער די פיס פון דיין שטול, איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... וויפל פיס האָט אַ שטול?...

— חיהלע, קען זיין אַ בלויע קאַץ?... דיין קאַץ איז דאָך אַ בלויע...

— אונדזער קאַץ איז אַזאַ... — זאָגט זיכער חיהלע — אַ בלויע...

די יינגלעך מאַכן ליבער מעבל און די מיידלעך — מאָלן מיט פאַרביקע בליי־פעדערס אויף שטיקער ווייסן פּאַפּיר. שרהלע מאַכט אַ קאַץ. גיטל מאַכט אַ קוימען מיט אַ רויך.

— וואָס מאַכסטו, ברײַנטשע?...

שמייכלט ברײַנטשע, הויבט אויף אירע אויגן אויף דער לערערין ליובע און זאָגט:

— אַ לערערין...

— די לערערין איז דאָך אַ גרויסע און דו מאַכסט אַזאַ קליינע.

— דאָס בין איך. איך בין אַ לערערין...

די „לערערין ליובע" האָט אויך געמאָלן אויף אַ גרויסן שטיק פּאַפּיר אין דער צייט ווען די קינדער האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אַלע האָבן געאַרבעט. אַז מען האָט פון אייגענעם טישל אַ קוק געטאָן אויף דער לערערין, ווי זי זיצט און אַרבעט אויפן גרויסן פּאַפּיר, איז מען אַליין געוואָרן פלייסיקער. איצט האָט מען דערהערט איר קול:

— זעט, קינדער, וואָס איך האָב געמאַכט.

די לערערין ליובע האָט אויפגעהויבן הויך איר פּאַפּיר און געוויזן אַלע קינדער.

— אַ שטוב! — שרייען די קינדער.

— אַ גרויסע שטוב! — שרייען אַנדערע.

— אַזוי ווי די שולע. — שרייט אַ ייִנגל.

מען זעט טאַקע אַן אמתדיק הויז, ווענט, פענצטער, א באַלקאָן, טירן, אַ שוועל פון דריי טרעפּלעך, אַ דאַך, אַ קוימען, אַ רויך...

אַלע אויגן זענען אָנגעהאָנגען אויף דער לערערקעס הויז.

— מיין הויז איז אַ גרעסערע! — טוט אַ הויב דבורה איר פּאַפּיר, אויף וועלכן זי האָט אויך געמאכט אַ הויז.

— דער לערערקעס איז אַ בעסערע! — זאָגט איר שכנטע.

הייסט דעמאָלט די לערערין:

— נעמט, קינדער, אייערע פּאַפּירן און הויבט אויף אין דער הויך, מיטן פּנים צו מיר, און איך וועל זען, וואָס איר האָט געמאַכט.

די קינדער טוען אַזוי. אַלע פּאַפּירן אויפגעהויבן. עס לעבן די פּאַפּירן אין דער לופט. די קינדער האַלטן זייערע פאַנטאַזיעס אין די הענט, ווי מען האַלט טויבן זיי זאָלן ניט אַרויספליען. „עס וועט קומען אַ צייט ווען די קינדער וועלן פליען צוזאַמען מיט זייערע חלומות“. — דאָס האָט שפּעטער געזאָגט ליובע צו אסתרן.

די לערערין הייסט מירטשען צוזאַמענקלייבן אַלע פּאַפּירן און דערלאַנגען צו איר. זי וועט זיי שפּעטער איבערקוקן. דערווייל וועט זי, די לערערין, זינגען און די קינדער וועלן זינגען מיט איר צוזאַמען.

קינדער, קומט אַ טישעלע מאַכן,
וועט מען שטעלן שיינינקע זאַכן.
טראַלאַ — לאַ טראַלאַ — לאַ — לאַ...

און אַז עס קומט צום טראַלאַ — לאַ, פּאַטשן אַלע קינדער מיט די הענט, אַזוי ווי עס טוט די לערערין ליובע. אירע בלאָנדע האָר זענען צעשויבערט, הענגען אַרום, צעקרויזלטע, איבער איר שטערן, איר פּנים שמייכלט, זי שטעקט אָן מיט פריילעכקייט די קינדער. זינגט זי, זינגען די קינדער, זינגען אַלע צוזאַמען:

טראַלאַ — לאַ לאַ —
טראַלאַ לאַ טראַלאַ — לאַ...

עס איז גוט, עס איז פריילעך. די טאַטעס זענען גאַרניט אויף דער מלחמה, די מאַמעס זענען ניט בייז, די בייכלעך זיינען פול, די אויגן לייכטן, אַלע זינגען און פּאַטשן מיט די הענט:

טראַלאַ — טראַלאַ — לאַ.

מען דאַרף זיך אויפהייבן. מען דאַרף זיך אָפּרוען. זאָלן די קינדער אַרויס אין זאַל — אַרומלויפן, זיך שפּילן.

— ווען איך זיץ און הער די קינדער־פּאַטשעריי „טראַלאַ־לאַ־לאַ“ — זאָגט די דערפאַרענע לערערין ליובע צו דער יונגער אָנהויבערין אסתר — ווער איך אַליין יינגער, איך הער, ווי זאָל איך זאָגן? — אַ למנצח צום לעבן...

פאַר ליובע האַלפערין איז געווען אומדערוואַרט צו הערן פון דעם יונגן מיידל אסתר אַזוי:

— ווייל איר הערט אַזוי, לערנט איר אַזוי גוט מיט די קינדער, איר ווערט אַליין אַ קינד... ווער איך דאָס אויך דערהערן?..

קוקט אַן ליובע האַלפּערין, קוקט אויף איר אומגעריכט, ווי אויף אַ גרויסן, רייפן מענטשן און זאָגט:

— עס איז אַ געטלעך געפיל, וואָס ווינט אין האַרצן. פרעג דיין האַרץ.

ליובע האַלפּערין, די שאַפערין פון קינדער־גאָרטן, שטאַמט פון אַנדערע גאַסן ווי די, פון וועלכע עס קומען אַהער די דראַבנע, קליינע, אָרימע, הונגעריקע גאָטס שעפעלעך. אירע עלטערן, די האַלפּערינס, שטאַמען פון סאַמע גביריש־משכילישן יחוס. איר מאַמע איז דעם ווילנער גאונס אַן אור־אייניקל. זי האָט טאַקע, מיידל־וויז, געהייסן ווילנער, ווי עס האָט געהייסן דער ווילנער גאון, דער רבן של כל בני הגולה, דאָס ליכט פון תורה אין גאונס קלויז. די משפּחה האַלפּערין האָט אַ גאַנצן הויף מיט הייזער, וועלכע מען רופט „ווילנעראָווסקע פּאַלאַץ". איר מאַמע איז אַ געלערנטע, אויפגעהאָדעוועט אין רייכקייט, רעדט פיר שפּראַכן — דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש און פּויליש. זי הייסט טאַניע האַלפּערין — אַ נידעריקע, אַ דאַרע, אַ פלינקע, געשיקטע און מיט אַן איבערטריבענעם, אויסטערלישן געפיל פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

איר טאָכטער ליובע איז געראָטן אין איר מאַמען — צוויי טראָפּנס. ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, האָט זי אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן און אַ שטאַרק גע־פיל פאַר אחריות. ווען זי איז נאָך געווען איינע פון די פעיִקסטע שילערינס אין דער „מאַריאַנסקער גימנאַזיע", אויפן נאָמען פון דער קייזערין מאַריאַ, אַ גימנאַזיע פאַר מיידלעך, איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל און גענומען לייענען די ליטעראַטור פון די „נאַראָדניקעס". דער פירער פון קרייזל, דער קיִעווער סטודענט וויקטאָר, האָט געוווסט אַז „פון ליובען וועט אַרויסוואַקסן אַ רעוואָלוציאָנערין". ווען וויקטאָר איז געוואָרן אַרעסטירט, און די שטאָט איז צוליב דעם געגאַנגען אויף רעדלעך, איז געקומען פּאָליציי מאַכן אַן אָביסק ביי ליובע האַלפּערין. מען האָט זי מיטגענומען אין דער „פּאָליציייסקער רעשאָטקע". די האַל־פּערינס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן אַ מטמון מיט געלט, מען האָט זי אַרויסגענומען פון די „פּאָליציייסקע לאַפּעס" און מען האָט „דאָס קינד" אָפּגעשיקט צו משפּחה אין אויסלאַנד — מען האָט זי מיט געוואַלד אַוועקגענומען פון דער רעוואָלוציע.

זי האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ, שטודירט אין זשאַן־זשאַק־רוסאָ׳ס אינסטיטוט פאַר פּעדאַגאָגיע. געענדיקט זשאַן־זשאַק־רוסאָ׳ס אינסטיטוט, איז זי אַוועק ווייטער לערנען אין פּעסטאַלאָצי־אינסטיטוט. זי האָט געשריבן אין אַ פראַנ־צויזישן זשורנאַל וועגן עקספּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק, וועגן מעטאָדן פון דער ביייער שול. זי האָט געפירט צוויי אומגליקלעכע ליבעס, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אויף שיפלעך איבער דער זשענעווער אָזערע.

האַרט פאַר דער מלחמה איז זי געקומען אין איר היימשטאָט צו דער לויה פון איר מאַמע טאַניע און שוין געבליבן שטעקן, ווייל די מלחמה האָט פאַרצאַמט איר וועג צוריק קיין אויסלאַנד.

איר וועג צום פרץ־קינדערהיים איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער. זי האָט דאָך כסדר גערעדט אין איר קרייז, און אויסער איר קרייז, וועגן „פּרינציפּ פון מוטער־שפּראַך אין דער שול" און וועגן „די מעטאָדן פון אַרבעטס־שול", און אַז אונדזער יאָרהונדערט איז „דער יאָרהונדערט פון קינד".

ווען עטלעכע אַרבעטער, אַ פּאָר לערער, מאיר צפת און אַנדערע מיט זיי, האָבן פאַרטראַכט די „פּרץ־קינדער־היים" און די „פּרץ־שול", האָבן זיי באַשלאָסן צוצוציִען ליובע האַלפּערין, וועגן וועלכער מען האָט געהערט אַזוי פיל גוטס און וויכטיקס.

— חברטע ליובע — האָט צו איר געזאָגט חבר זיידל נאָווינסקי — מיר זענען פּראָסטע אַרבעטער, קומט מיט אונדז און לערנט אונדז...

— איך האָב אויף דעם אויסגעקוקט — האָט זי געענטפערט.

זי האָט זיך גענומען צו דעם מיט דעם גאַנצן ברען פון איר נשמה. דורות ווילנערס און האַלפּערינס האָבן געאַרבעט אין איר מיט שעפּערישער ענערגיע און פאַנטאַזיע אין סאַמע מיטן וועלט־מלחמה. נישט אומזיסט, נישט לבטלה, האָט זי געלערנט ביי רוסאָ און פּעסטאַלאָצי. עס איז אויך געווען אַ שטיקל תקון פּאַר אירע נישט דערפילטע גלוסטן און נישט פאַרענדיקטע ראָמאַנען. עס איז געוואָרן אין איר לעבעדיק דאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל פון איר פאַרשטאָר־בענער מאַמע טאַניע, דעם אור־אור־אייניקל פון ווילנער גאון, וועמענס כוחות און אַמביציעס זענען נישט אויסגעשפּילט געוואָרן.

דאָס אַלץ האָט געברוט אויף איר ווען זי פלעגט זיצן אויף דער פּאָדלאָגע, אירע בלאָנדע האָר צעוואָרפן, אירע גרויסע שוואַרצע אויגן שיינען, איר לעדער־פאַרטוך ציכטיק און באַשיידן, אַרומגערינגלט מיט די קליינע שרעטעלעך, קאַרפּוזיקלעך, מיט די שוואַלבן פון די אָרימע נעסטן, אויף וועמען עס קוקן פון די ווענט זייערע פאַנטאַזיעס — בלויע, גרינע, געלע, שוואַרצע. זייערע פּנימער אויסגעשמירטע אין ליים, אין פאַרב, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אויגן פון קליינע תלמידי־חכמים און פון האַרציקע מאַמעלעך. צוזאַמען זינגט מען און מען פּאַטשט מיט די הענט:

טראַלאַ ־ לאַ ־ לאַ —<br>
טראַלאַ ־ לאַ ־ לאַ . . .

און צו אסתרן זאָגט זי:

— גוט, אסתר? עס איז אַ געפיל, וואָס וווינט אין האַרצן. קוק אַריין אין דיין האַרץ...

אסתר טרעט נישט אָפּ פון איר, האָט זיך צוגעקלעפּט. צוזאַמען מיט די קינדער האָבן זיי ביידע געגעסן דעם אָרימען און פריילעכן מאַלצייט — שיסעלעך גריופּן מיט שוואַרצן ברויט.

— קום אויך צו אונדז מאָרגן — זאָגט צו איר ליובע — וועסט זיין מיט אונדז, אַרבעטן צוזאַמען.

— איך?... מיט איך?...

— נו, יאָ, דו מיט מיר, מיט אונדז אַלע... דו, דו, יאָ, דו...
און זי האָט זי אַרומגענומען.
טוט איר ליובע אַ פרעג פּלוצלונג, אומגעריכט:
— דו ביסט שוין פאַרליבט?...
אסתּר איז רויט געוואָרן. ביי איר טאַטן אין הויז האָט מען אַזוי נישט גערעדט.
— איך מיין... — זאָגט צו איר ווייטער ליובע ווי אַן עלטערע און דערפאַרענערע — דו האָסט שוין אַ בחור?...
אסתּר איז נאָך רויטער געוואָרן און אַרויסגעזאָגט:
— ניין.
ליובע האָט זי נאָכאַמאָל אַרומגענומען, געגלעט איר לאַנגן שוואַרצן צאָפּ און געזאָגט:
— אַ פרוי האָט צוויי ליבעס אויף דער וועלט: די ליבע צו מענער און די ליבע צו קינדער. דו ביסט באַשאַפן פאַר ביידע.
— איך בין נאָך יונג.
— נישט צו יונג... איך זע, אַז מאיר צפת איז אין דיר פאַרליבט. ער האָט שוין אָבער אַ ווייב.
אסתּר איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט. עס איז אונטערגעקומען די לערערין פון צווייטן קלאַס ריזל שאַפּירא, האָט ליובע צו איר געזאָגט:
— מאָרגן וועט אסתּר זיין ביי דיר אין קלאַס.
קלאַפּנדיק איבער אסתּרס פּלייצע, האָט ליובע געזאָגט אין דער וועלט אַריין:
— רייזל, גיב אַכטונג אויף איר, זי איז אַ גוטער מאַטעריאַל...
רייזל האָט אויף דעם געענטפערט:
— באַפעל, באַלעבאָסטע, איך הער און פאָלג...
ליובע האָט זיך געזעגנט אַוועקצוגיין, האָט זי נאָכאַמאָל געזאָגט צו אסתּרן:
— זאָלסט פריער אויסלערנען די נעמען פון אַלע קינדער אין קלאַס. אָן דעם קען מען נישט זיין קיין לערערין.
האָט אסתּר נאָכגעזאָגט רייזלען:
— באַפעל באַלעבאָסטע, איך הער און פאָלג!...
רייזל האָט געשמייכלט.
ויהי ערב — עס איז געוואָרן פאַרנאַכט און עס איז אַריבער אַ טאָג אין פרץ־שול.
ויהי בקר — עס קומט אַ נייער טאָג אין אסתּרס לעבן.

## זעקסטער קאַפּיטל

# די לערערינס רייזל און אידאַ

די פּרץ־שול קען מער נישט אויפנעמען קיין קינדער. נישטאָ מער קיין פּלאַץ. די אָרעמע מאַמעס ווילן אָבער דערפון נישט וויסן — זיי שפּאַרן אַהין אָן אָפּשטעל. זיי קומען מיט זייערע קינדער פאַר די הענט. די קינדער זענען יונג און די מאַמעס אַלט. צרות עסן אויף די יאָרן. מען זאָגט אין גאַס, אַז דאָ גיט מען די קינדער אָפּצועסן און אַ שיכל אויף די פּיס. „פאַרוואָס איז מיין קינד דאָס ערגסטע?“.

— „האָטס רחמנות אויף אַן אָרעמער מאַמען“...

שטייט אַ מאַמע איינגעוויקלט אין אַ טוך — אַ צעשראָקן יינגל, אַ דאַרס, האַלט זיך מיט די אָרעמע פינגערלעך ביי איר קלייד — און זי טענהט אַזאַ מענה־לשון:

— איך וועל נישט אָפּטרעטן, איך וועל נישט לאָזן מיין קינד אַ באַעוולטס. פינף קינדער האָב איך, גאָטס רחמנות אויף זיי אַלעמען, און אויף מיר אויך, זיי האָבן נישט וואָס צו עסן, עסן זיי מיך, פּיקן אויף מיין האַרץ. זייער טאַטע וואַלגערט זיך אין פעלד, פאָניע האָט אים צוגענומען אין מלחמה. ער איז שוין, חס וחלילה, אַ נעכטיקער, טאָ זייטזשע איר אבי יתומים...

— ווי הייסטו, יינגעלע? — פרעגט דער לערער מאיר צפת.

דאָס קינד שווייגט. שטופּט אים די מאַמע:

— זאָג ווי דו הייסט, שפּאַרבערל מיינער. זיי נישט קיין שטומער. זאָג.

— יאָסעלע, — פליסטערן אַרויס צוויי קינדערשע ליפּן.

— אַ געזונט אויף דיין קאָפּ, ער הייסט יאָסעלע פליקער — זאָגט די מאַמע.

פרעגט מאיר דער מאַמען, וווּ זי וווינט.

— אויף קראָטשמאַקס געסל. אויף כאַנאַיקעס, לעבן שמואל שמידס געסל.

— עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ, אָבער עס איז נישטאָ קיין ברירה, לאָזט אים איבער.

— זאָלט איר מיר געבענטשט זיין, אַ ברכה פון אַ לעבעדיקער אלמנה זאָל זיין אויף אייער קאָפּ, אויף אייער לייב און לעבן. יאָסעלע, זאָלסט זיין אַ מענטש!...

אַזוי טראָגט די נויט, דער הונגער, די עלנטקייט, די אָרעמע מאַמעס אַהערצו. זיי ברענגען זייערע קינדער:

— זאָלן זיי כאָטש האָבן אַ וואַרעם לעפל אין מויל אַריין...

און די פּרץ־שול איז שוין איבערפולט. די קינדער זיצן שוין ענג אויף די בענק. אַ פולע שול מיט אָרעמע, הונגעריקע שוועלבעלעך, תינוקות של בית רבן.

אסתר איז געזעסן אין רייזל שאַפּיראָס קלאַס מיט צוויי יינגלעך אויף איין באַנק — זאַלבעדריט. אין קלאַס זענען געווען יינגלעך און מיידלעך. אסתר האָט זיי איבערגעציילט — 36.

רייזל שאַפּיראָ איז שוין געווען פריער אַ לערערין אין אַ רוסישער פּראָ־גימנאַזיע, וואָס האָט זיך געשלאָסן מיטן אַריינקומען פון די דייטשן. זי איז נאָך געווען גענוג יונג. אינגאַנצן 2 יאָר אַ לערערין. איר קאָפּ איז שוואַרץ און קורץ געשאָרן. די אָפּצאָסן פון אירע שיך זענען נידעריקע און איר טראָט איז שנעל און פעסט. זי איז מיטלוווקסיק. אירע אויגן זענען גרויע. איר פּנים איז — ניי־געריק און פאַרטראַגן. ביי איר לערער־טישל איז זי זיכער. אַ גוטער שול־מייס־טער. זי קען פיין יידיש און אַ ביסל העברעיש. איר בילדונג איז — אַכט קלאַסן גימנאַזיע און העכערע נאַטור־וויסנשאַפט־קורסן. זי איז אַ גוטע דערציילערין פאַר די קינדער.

— דאָס איז דער צווייטער קלאַס. זיי זענען מיינע קינדער. ביי אונדז מוז מען אַרבעטן און זיין פריילעך... — האָט זי פאַרגעשטעלט איר קלאַס קינדער פאַר אסתרן.

— איך הייס אסתר — האָט אסתר געזאָגט צו די קינדער — איך לערן זיך צו זיין אַ גוטע לערערין.

— ווּעסט זיין! — האָט אַ געשריי געטאָן בערל שטיפער.

אין דרויסן איז אַ ליכטיקער טאָג. ליכטיקייט קומט אַריין אין אַלע דריי פענצטער פון צווייטן קלאַס. אויף רייזל שאַפּיראָס שוואַרצן קאָפּ און פּנים איז אַ שטיק זון.

— ווּ האַלטן מיר, שרה? — פרעגט רייזל ביי איינער פון די שילערינס. שטעלט זיך אויף שרה און ענטפערט:

— שיינדל גייט אין וואַלד און זוכט וואָס צום עסן פאַר דער מאַמען מיט די קינדער.

זאָגט ווייטער חיים:

— איז געקומען איר אַנטקעגן אַן אַלטיטשקע און געגעבן שיינדלען אַ טעפּעלע פון אונטער איר פאַרטוך.

דערציילט ווייטער די לערערין:

— האָט די אַלטיטשקע אָנגעזאָגט שיינדלען, זי זאָל לויפן אַהיים מיטן טעפּעלע, אַריינגיסן וואַסער, אים אַרויפשטעלן אויפן פייער און זאָגן דריי מאָל:

# די לערערין אסתר

בול ־ בול ־ קאַך ־ קאַך ־ קאַך ־ קאַך\
אַלע טאָג — אַ פולע וואָך.\
בול ־ בול ־ בול — קאַך פאַר איר,\
פאַר דער מאַמען און פאַר מיר.

דאָס קלינגט גוט. עס איז פון דעם פריילעך. רייזלס אויגן קוקן אויך גוט. קוקן אויך אַזוי די קינדערשע אויגן, זיי גלאַנצן. די קינדער חזרן איבער הויך און קלאָר דעם אָנזאָג פון דער אַלטיטשקער אין וואַלד: „בול־בול — קאַך־קאַך־קאַך".

— אַזוי איז טאַקע געווען — דערציילט ווייטער די לערערין — דאָס טעפּעלע האָט געקאָכט הירזש מיט האָניק, אַז עס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען געדאַרפט זאָגן דעם טעפּל:

גענוג שוין, טעפּעלע, גענוג צו קאָכן,\
הירזש איז דאָ שוין פאַרן שכן.

הערט אויף דאָס טעפּעלע צו קאָכן.\
גייט די מעשהלע ווייטער.

— איינמאָל איז שיינדל אַוועק דרויסן זיך שפּילן און געלאָזט אין שטוב קאָכן דאָס טעפּל. קאָכט עס, קאָכט עס, און עס איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זאָגן: „גענוג שוין, טעפּעלע".

ווערט דאָס טעפּל פולער און פולער. גייט אַריבער די הירזש איבערן טעפּל, ווערט פאַרגאָסן די גאַנצע שטוב, פון שטוב — אויפן הויף, פון הויף אויף דער גאַס, און דאָס טעפּל קאָכט און קאָכט.

אַזויפיל הירזש און האָניק!... די אויגן ביי די קינדער ווערן גרויס. מען באַלעקט זיך אין קלאַס. אָט עפענען זיך די מיילכלעך — הירזש און האָניק!...

קומט אַריין שיינדל, און שרייט צום טעפּל:

גענוג שוין, טעפּעלע, גענוג צו קאָכן,\
הירזש איז דאָ שוין אויף הונדערט וואָכן.

— פאַרוואָס? — רייסט איבער בערל שטיפער — זאָל זיך קאָכן! — זאָל זיך קאָכן און קאָכן, זאָל גאָרנישט אויפהערן. זאָל זיין הירזש מיט האָניק פול אַ גאַנצע גאַס.

— די קאַשע וועט נאָך אַריבערגיין איבערן קאָפּ.

— מען וועט נישט קענען אַרייך אין שטאָט.

— מען וועט דאַרפן אויפעסן אַ באַרג מיט הירזשענע קאַשע, כדי זיך צו מאַכן אַ וועג. די פאַנטאַזיע האָט אַרומגענומען אַלע קינדער אין קלאַס. אַ גאַס פול מיט הירזש און האָניק!... — די קינדער האָבן דערשפּירט אין זייערע מיילכלעך דעם זיסן טעם. מען קען עסן פולע טעלערס, מען קען אַריינשטעקן גרויסע

לעפּלען אין בערג הירזש מיט האַניק און נעמען וויפל מען וויל. רייזל זעט די הנאה פון די קינדער. זי ווינקט צו אסתרן. אסתר פילט דאָס אויך. זי זעט די צעקאָכטע פּנימער פון די קינדער. בערל שטיפער קען זיך אָבער נישט איינ־האַלטן:

— עס קען נישט זיין!... — זאָגט ער — אַ גאַס גאַר מיט הירזש!... ס׳איז אַ מעשה...

צו דעם, אַז דאָס איז נאָר אַ מעשה, ווילן נישט דערלאָזן אַנדערע קינדער:

— ס׳איז אַן אמת... די לערערין זאָגט דאָך...

— לערערין, איז דאָס אַן אמת? — פרעגט מען ביי איר.

וויל נישט די לערערין רייזל ענטפערן גלייך, ווענדט זי זיך צו אסתרן:

— אפשר ווייסט אונדזער גאַסט, די לערערין אסתר?...

— ס׳איז אַן אמת... — זאָגט אסתר מיט אַ שמייכל — עס וועט זיין הירזש און האַניק פאַר אַלע קינדער...

פאַרטיק מיט דער מעשה, פירט רייזל שאַפּיראָ אַריבער איר קלאַס צו עפּעס אַנדערש — איצט דאַרף מען עפּעס טאָן, אַרבעטן. נעמט זי אַרויס פון איר שופ־לאַד אַ פּעקל צעטעלעך, ווייזט עס די קינדער און זאָגט אַזוי:

— אויף אָט די קליינע און גלייכע שטיקעלעך פּאַפּיר האָב איך עפּעס אָנ־געשריבן — אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר, אויף יעדן צעטעלע. יעדעס קינד וועט באַקומען אַ צעטעלע.

קינדער האָבן נישט קיין געדולד, זיי הייבן שוין די הענט, זיי ווילן די שטיקלעך פּאַפּיר.

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע... — באַרויִקט זי די קינדער — לאָזט דערוויייל אַראָפּ די הענט. יעדעס קינד וועט דאַרפן אין דער שטיל איבערלייענען וואָס עס עס איז אָנגעשריבן אויף זיין צעטל. לייענען שטיל, פאַר זיך. ווי נאָר איבער־געלייענט, דאַרף מען טאָן, וואָס עס איז אָנגעשריבן אויפן פּאַפּיר.

מאַכט זי דאָס נאָך קלאָרער:

— אויב אויף דיין צעטעלע וועט שטיין געשריבן: „מאַך אויף די טיר“, דאַרפסטו גלייך עפענען די טיר. אויב אויף דיין צעטעלע וועט שטיין געשריבן: „שטעל זיך אויף דער באַנק“, דאַרפסטו זיך באַלד ווי דו לייענסט איבער, זיך שטעלן אויף דער באַנק. אויב אויף דיין צעטעלע וועט שטיין געשריבן: „שטעל זיך ביים פענצטער“, דאַרפסטו גיין זיך שטעלן ביים פענצטער. אויב דו קענסט נישט איבערלייענען, אויב דו פאַרשטייסט נישט, וואָס דאָס צעטעלע זאָגט, הייב אויף דיין האַנט, וועל איך צו דיר קומען און העלפן... ווער עס פאַרשטייט, וואָס איך האָב געזאָגט, זאָל אויפהייבן די האַנט.

אַ סך הענט האָבן זיך געהויבן. די פּנימער האָבן זיך געפרייט. עס וועט זיין וואָס צו טאָן... „איך וועל שוין וויסן!“... „איך ווייס שוין!...“ — „איך פאַר־שטיי!“ — מען וויל שוין קריגן די צעטעלעך.

די לערערין דאַרף נאָר אַלץ זיכער מאַכן, אַז אַלע פאַרשטייען. זאָלן נאָר די קינדער אונטערוואַרטן. מירל האָט נישט געהויבן די האַנט. זי פאַרשטייט נאָך נישט. ברוך וויס נאָך אויך נישט. לאָזט אַראָפּ קינדער, די הענט, זאָל שרהלע זאָגן וואָס מען דאַרף טאָן און מירעלע וועט אויך פאַרשטיין.

שרהלע שטייט שוין דאָס צו דערקלערן:

— לייען איבער און טו גליך וואָס אין צעטעלע...

אַלע קינדער פאַרשטייען שוין. אַלע הענט זענען ווידער אין דער הויך.

— איצט זיצט זיך רויִק אויף די ערטער. איך וועל אייך צעטיילן די צעטעלעך. געדענקט, יעדער איינער זאָל לייענען שטיל, לייענען פאַר זיך אַליין. קיינער זאָל נישט העלפן דעם צווייטן לייענען. יעדער איינער דאַרף לייענען פאַר זיך. אײַ־בערגעלייענט, טו באַלד וואָס עס איז געשריבן אויפן צעטעלע.

רייזל האָט דערזען אסתרן אויפן קינדער־באַנק און געזאָגט צו איר:

— וועסט מיר העלפן פונאַנדערטיילן...

אסתר האָט זיך אויפגעהויבן דאָס צו טאָן. זי איז געגאַנגען צו רייזלס טישל נעמען צעטעלעך. זי האָט דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז עס איז איר ערשטער גאַנג אין לערער־וועלט. איר ערשטע מעשה אַלס לערערין אין דער יידישער שול. די קינדער האָבן געשטרעקט די הענט צו איר, געוואָלט וואָס פריִער באַקומען די סודותדיקע צעטעלעך. הענט איבער הענט. שוין מיליאָנען יאָרן ווי דעם מענטשנס הענט ווילן כאַפּן פריִער, ווילן זיין די ערשטע.

— זיצט רויִק, כאַפּט נישט. יעדער וועט קריגן! — האָט אסתר געזאָגט צו די קינדער, עס איז דאָ אַ צעטעלע פאַר יעדן איינעם. עס איז דאָ גענוג!

„פאַר יעדן איינעם, עס איז דאָ גענוג...“ — אסתר מאַכט אַן ערשטן טריט, אַן אָנהייב אין לימוד פון געזעלשאַפט־קענטעניש — כאַפּט נישט יענעמס, עס איז דאָ פאַר יעדן איינעם! די צעטעלעך זענען פאַרטיילט. יעדעס קינד האָט באַ־קומען. זעקס און דרייסיק פאָר אויגן האָבן זיך אַריינגעטאָן אין די צעטעלעך. צוויי פאָר אויגן, רייזלס און אסתרס, שפּירן נאָך די זעקס און דרייסיק. לאָמיר זען, ווי די צעטעלעך אַרבעטן!... — די קינדער זענען נאָך נישט קיין גרויסע בריות אין לייענען. מען דאַרף דורכקריכן, אָנטאַפּן, זיך אָנשטויסן, איין וואָרט שטופּט שוין דעם צווייטן. מען כאַפּט זיך. מען הייבט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט, אַ צווייטן, אַ דריטן. פייערלעך צינדן זיך אָן, טעם, הנאה פון פאַרשטיין. גוט!... פאַרשטאַנען!... איצט דאַרף מען טאָן!...

דער קלאַס ברענט מיט נייגיר, מיט אָנשטרענגונג צו דערגרייכן, באַווייזן, טאָן. גוט, גוט, מען ווייסט שוין. קינד נאָך קינד, איינס נאָכן אַנדערן. אַנדערע קינדער קענען נישט איינהאַלטן זייער שמחה און טוען אַ געשריי:

— שוין!...

— איך ווייס!...

— ס'איז גוט!...

— באַלד, באַלד!...

אַ קינד איז אומרויִק, צעטומלט, אַנדערע וויסן שוין און ער — נאָך נישט,
— העלף מיר!...

מען האָט זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער צו טאָן וואָס עס שטייט גע־שריבן אין די צעטעלעך — ווער צו דער טיר, ווער צו דער וואַנט, ווער צום פענצטער, ווער אויף דער באַנק, ווער עס נעמט לייענען הויך דאָס ביכל, ווער עס שפּרינגט אויף איין פוס, ווער עס זינגט. דער קלאַס איז פול מיט טאַט, עס קאָכן זעקס און דרייסיק לעבנס. רייזל שאַפּיראָ האָט אַריינגעיאָגט אין זיי, דורך אירע צעטעלעך, דעם דבוק פון מעשה. יעדעס פּאַפּירל איז געווען אַן אונטער־צינדער. ברענען איצט אין קלאַס אַלע פלעמלעך צוזאַמען. עס איז גוט, עס איז פריילעך. יעדער איינער איז אַ זיגער, א למנצח. דער ערשטער נצחון. נאָכדעם וועלן קומען אַנדערע נצחונות!...

— איצט גייט צוריק אויף די ערטער, זאָל זיך יעדער זעצן. זאָל ווערן רויִק. אַט אַזוי. איינס, צוויי, דריי. אסתר זעצט זיך אויך, אַלע שווייגן. פאַרמאַכט די ליפּן. אַט אַזוי. אין גאַנצן רויִק.

אַלע טוען אַזוי. מען רוט. מען דאַרף קומען צו זיך פון דער גרויסער אָנ־שטרענגונג. לאָמיר נישט דערמאָנען איצט, לאָמיר נישט פאַרשעמען די פּאָר קינדער, וואָס האָבן נישט געקענט לייענען, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און גע־בליבן שטיין צעטומלט אין מיטן קלאַס, אָדער געבליבן זיצן אויף די ערטער. מען דאַרף זיי נאָר נאָכאַמאָל בעסער אויפקלערן וואָס צו טאָן.

— איך וועל בעטן דער לערערין אסתר אויפנעמען ביי די קינדער די צעטעלעך.

אסתר גייט דאָס טאָן. עס גייט שוין איצט „די לערערין אסתר״. עס קלינגט וווּנדערלעך. מוזיק אין דער נשמה. רייזל שאַפּיראָ האָט איר פּלוצלונג געטאָן אַ טראָג אַריבער אין אַן אַנדער שטאַנד:

— „די לערערין אסתר...״

זי האָט אַ ציטער געטאָן. איר קאָפּ האָט זיך אַ רגע אויפגעהויבן און באַלד זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיך, אַריינגעזונקען צווישן די אַקסלען:

— „לערערין אסתר...״

זי האָט געשוועבט צווישן די קינדער. עס איז געווען אַ נייער חן אויף איר פּנים. אַן אומרויִקייט אין אירע ביינער.

— „לערערין אסתר...״

נישט אַלע האָבן אויפגעהיט די צעטעלעך אין די הענט. אייניקע וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

— געדענקסטו דיין צעטעלע? — זאָגט אסתר צו אַ קינד אָן אַ צעטעלע
— טאַ גיי און זוך אים אויף דער פּאָדלאָגע, דערקען אים.

דאָס וואָס אסתר האָט געזאָגט צום קינד איז רייזלען געפעלן געוואָרן. זי האָט אין דעם דערזען אַ לערערישע המצאה.

— מען טאָר אָבער נישט פאַרלירן דאָס צעטעלע — זאָגט אסתר — נאָכ־אַמאָל זאָל מען שוין געדענקען!

— ריכטיק, ריכטיק... — שטימט איין רייזל — מען טאָר נישט פאַרלירן.

דעמאָלט האָט זיך אסתר געכאַפּט, אַז זי רעדט ווי אַ לערערין צו די קינ־דער. זי האָט דאָס נישט געדאַרפט. זי האָט געדאַרפט נאָר צונויפנעמען די צע־טעלעך. פאַרשעמט זי זיך פאַר דער לערערין רייזל, פאַרדרויטלט זיך, און זאָגט צו איר:

— אַנטשולדיקט...

— גוט, גוט אַזוי, „לערערין אסתר".

זי האָט אין דער רגע באַקומען „סמיכה אויף רבנות":

— „לערעריז אסתר..."

מען צעטיילט די צעטעלעך אַ צווייטן מאָל, אָבער יעדער איינער באַקומט שוין אַן אַנדער צעטעלע, ווייל רייזל שאַפּיראָ האָט פריער די צעטעלעך צע־טאַשט, צעמישט.

— צווי מאָל וויל איך נישט!... — שרייט אויס אַ יינגל.

— וואָס צוויי מאָל?... — פרעגט די לערערין רייזל.

— דעם זעלבן צעטעלע!... — ענטפערט דאָס יינגל.

אין דער רגע האָט אים דערלאַנגט אסתר אַ צווייטן צעטעלע, וועלכן זי האָט שנעל אַליין אָנגעשריבן: „טאַנץ אויף איין פוס". זי אַליין האָט געוואָלט טאַנצן.

באַלד איז ווידער געוואָרן דער קלאַס אין פולער באַוועגונג. די שפּיל איז אָנגעגאַנגען.

רייזל האָט זיך געכאַפּט, אַז די לעקציע איז געענדיקט. ליובע האַלפּערין האָט אָפּגעשאַפּט דעם שול־גלאָק: „עס איז נישט קיין וואָקזאַל מיט אַ טרעטי זוואָנאָק".

די לערער דאַרפן אַליין דערפילן, אַז די לעקציע איז געענדיקט. פון שול־זאַל האָט זיך שוין געהערט דאָס פּיאַנאָ־שפּילן, דאָס קינדער־גערויש.

גייענדיק צום זאַל פאַרטרייטשט רייזל אסתרן:

— דורכן שפּיל און דורכן טאַט באַנעמען די קינדער דעם זין פון שרייבן און לייענען, דעם וווּנדער וואָס עס טוען אויף די אותיות — די שוואַרצע פּאַסיקלעך, קרייזעלעך, זיי באַנעמען דעם סוד פון שרייבן און לייענען!

רייזל שאַפּיראָ האָט געהאַט סיי וויסן און סיי פּעדאַגאָגישע אינטויציע. זי האָט געפילט אַ דראַנג נאָך פּעדאַגאָגישע אויפטועניש, איינפאַלן, המצאות. זי האָט ליב געהאַט דאָס לערנען מיט קינדער. איידער עס איז געווען די פּרץ־שול האָט זי געהאַט אַליין צונויפגענומען אַ גרופּע אָרעמע קינדער און מיט זיי גע־לערנט. זי איז געווען ליובע האַלפּערינס אַ חברטע.

זי האָט געשטאַמט פון אַ יורדיש־סוחרישער משפחה פון ניי־וועלט. איר טאַטע, דער קאָמיסיאָנער, האָט געמוזט עפּענען אַ בשמים־קרעמל און געהאַט

קנאַפּ פּרנסה. זי איז געקומען פון די העכערע קורסן און אָנגעהויבן זיין אַ לע־רערין אין קאַפּלאַנס פּראָ־גימנאַזיע. פאַר דער מלחמה איז זי געווען אַ פאַרליבטע כלה פון לערער איסאיע בערקאָוויטש. איז איר חתן אַוועק אין מלחמה און מען האָט פון אים גאָרנישט געהערט, אַ סברה, אַז ער איז אומגעקומען אין פרייסן. האָט זיך געלייגט אַן אבלות אין איר געמיט. זי איז אַלץ געווען פאַרליבט אין איר געוועזענעם חתן און אויסגעלייזט איר געמיט אין שול ביי די קינדער. זי האָט געלערנט פון ליובען, אַז „די נשמה פון יעדן קינד איז אַ גאַנצע וועלט מיט זון־אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען".

— 36 קינדער — זעקס און דרייסיק וועלטן, דו ביסט זייער מייסטער — האָט ליובע האַלפּערין געלערנט.

איר טאַטע, דער משכיל, האָט געהאַט געלערנט מיט איר העברעיִש און יידיש, פאַרגעלייענט פּרצן. אירע שרייבער זענען געווען קנוט האַמסון און אַלעק־סאַנדער בלאָק. „מיין לעבן וואָלט געווען אָרעם און זינלאָז אַנדערש" — פלעגט זי זאָגן ליובען און זיך קושן מיט איר נאָך דער שול־אַרבעט, גייענדיק צוזאַמען אַ היים.

איצט איז רייזל שאַפּיראָ אַריינגעקומען נאָך דער לעקציע פון לייענען און שרייבן אין שפּיל־זאַל פון די קינדער. ביי דער פּיאַנאָ איז געזעסן די לערערין אידאַ. זי איז געווען פון דער נאַטור אַ געקוועלטע — מיט אַ הויקער. זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף איר גורל. זי האָט נישט געהאַט קיין פּרי־וואַטן לעבן. פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט האָט זי געאַרבעט מיט די קינדער און פאַר די קינדער, וועלכע זי פלעגט רופן: „מיינע שוועלבעלעך". זי פלעגט שעפּן חיות פון צוויי זאַכן, חוץ דער שול, פון דער פּוילישער ליטעראַטור, וועלכע זי האָט זייער ליב געהאַט, און פון דער פּיאַנאָ. זי פלעגט אַליין אויך שרייבן מוזיק פאַר די קינדער־לידער אין שול. ווען די קינדער האָבן געזונגען אירס אַ ליד האָט זי געהאַט גרויס נחת־רוח, — די העכסטע לוין, וואָס זי האָט געקענט באַקומען.

— דאָס איז אסתר לאַפּידעס, אַ נייע לערערין... — האָט רייזל שאַפּיראָ פאָרגעשטעלט אסתרן פאַר אידאַן — און זי איז אידאַ ברענער, אונדזער מוזיק־לערערין, אַ קאָמפּאָזיטאָרין.

אידאַ האָט אַראָפּגעלאָזן אירע טיף־איינגעגראָבענע, נשמהדיקע אויגן. זי האָט נאָכדעם אַריינגעקוקט אין אסתרן און איר געזאָגט, שטיל, קוים מען האָט געהערט אירע ווערטער, אָבער זייער זיכער ביי זיך:

— די קינדער דאַרפן אייך האָבן...

זי האָט זיך אומגעקערט צו דער פּיאַנאָ און ווידער געשפּילט.

דערווייל האָט זיך אויסגעבילדעט אַ טאַנצנדיקער קינדער־קרייז. לערער און קינדער. ליובע האַלפּערין איז דאָרט אויך פאַראַן. רייזל שאַפּיראָ איז צווישן. אסתר איז אויך אַריינגעקומען.

## די לערערין אסתר

א קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד,
אַ ראָד אין אַ ראָד...

אסתר איז אין ראָד, אַ קינד מיט דער רעכטער האַנט, אַ קינד מיט דער לינקער האַנט און מיט אַלעמען צוזאַמען אין ראָד. לעבעדיקער, פריילעכער, שמיידיקער, געהויבן די פיסלעך שנעלער, שנעלער, נאָכדעם — לאַנגזאַמער, פאַמעלעכדיקער, שטיל, שטילער, אַזוי ווי אידאַ שפּילט אויף דער פּיאַנע. אידאַס ניגון פירט אָן מיטן טאַנץ — מיט די קרייזן, מיט די קאַראַהאָדן, שנעלער, שנעלער, לעבעדיקער... — זי טאַנצט־מיט מיט איר האַרב, מיט איר גאַנצן קליינעם גוף. אסתרן דרייט זיך דער קאָפּ, זי וואָלט גאַרנישט אויפגעהערט קרייזלען, נישט אויפגעהערט צו טאַנצן. זי האָט נישט געוווּסט דעמאָלט, אַז עס איז גאָר אַ פאַר־בישופטער ראָד, אַ פאַרשלאָסענער קרייז, אין וועלכן זי ווערט אַריינגעצויבערט. דאָס קרענצל פון ייִדישן קינד, די ראָד פון דער ייִדישער שול, פון וועלכער זי וועט זיך שוין נישט אַרויסבאַקומען.

מען איז געגאַנגען צום עסן. שיסעלעך קרופּניק און שוואַרצע ברויט. די לערער צוזאַמען מיט די קינדער. אסתר איז ביים עסן געווען אין איין קלאַס־צימער צוזאַמען מיט ליובע האַלפּערין. שיסעלעך קרופּניק אויף די שול־בענק. קיין באַזונדער עס־שטוב איז נישט געווען. קינדער טראָגן פאַנאַנדער די שי־סעלעך קרופּניק. מען דערלאַנגט אויך אסתרן. מען גיט אויך ליובען. אַלע האָבן שוין, קיינער עסט נאָך נישט. מען וועט אָנהייבן אַלע צוזאַמען.

— אַ מינוט שטיל. גאָר שטיל. אַלע שווייגן! — זאָגט ליובע.

מען הערט פון זאַל ווי די לערערין אידאַ שפּילט אַ פּאָר טענער. איך טאָן אָפּגערוקט פון צוויטן. דאָס מאַכט נאָך איינגעהאַלטענער און וויכטיק די שטיל־קייט. עס איז געווען אַזוי ווי אַ תפילה.

די פּיאַנע איז שטיל געוואָרן. אידאַ שפּילט מער נישט.

— איצט קען מען שוין עסן...

דער טאָג אין פּרץ־שול איז געקומען צו זיין סוף.

— איר וועט קומען מאָרגן, אומבאַדינגט. — האָט איר אָנגעזאָגט ליובע האַלפּערין, ווען זי האָט זיך אָנגעטאָן איר גרויען קאָסטיום, צוגעשפּיליעט די צוויי קנעפּלעך פון איר רעקל, מאַנסבילישׁ — איר וועט זיין אַ גאַנצן טאָג אין מאיר צפתעס קלאַס.

— איך וועל געוויס קומען, אויב מען קען נאָר.

ביים סאַמע אַרויסגאַנג פון טיר האָט צו איר ליובע שטיפעריש אַ וואָרף געטאָן אַ פאַרדעכטיקן און אָנרייצנדיקן בליק:

— דו זאָלסט אים נישט שטערן... ער רעדט וועגן דיר ווי אַ פאַרליבטער... פאַרשטייסט?... — איז זי אַריבער אויף „דו".

— ער האָט דאָך אַ ווייב... — האָט איר דאָך מיר אָנגעזאָגט... — האָט זי צוריקגעשטיפּט.

— גוט וואָס דו געדענקסט... מאָרגן 8.30 אין קלאַס!...

## זיבעטער קאַפּיטל

# די מעשה וועגן משה רבינו

ליובע האַלפּערין האָט זיך אַרויסגערוקט פון מאיר צפת'ס קלאַס פון די גרעסערע קינדער אויף די שפּיץ־פינגער, געזאָגט שטומערהייט, מיט די אויגן און מיט די פינגער, צו אסתרן, אַז זי זאָל בלייבן אין קלאַס. מאיר צפת איז שוין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די קינדער. ער האָט געלערנט מיט זיי פון חומש אַרויס, ער האָט לשון־קודש געטייטשט אויף יידיש, כמעט ווי דער רבי האָט עס געטאָן אין חדר.

— ולא יכלה עוד הצפינו... — זיך מאַמע האָט אים, משהן, נישט געקענט מער פאַרבאַהאַלטן, האָט זי גענומען אַ קעסטעלע, אויסגעקלעפּט מיט ליים און וואַקס, און אין אים אַרייַנגעלייגט דאָס קינד, ותשם בסוף על שפת היאור, און זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אין אַאיר ביים ברעג פון טייך.

מאיר דאַרף נישט קוקן אין חומש, ער קען די מעשה אויסנווייניק, זאָל דער חומש ליגן אויפן טיש ווי אַן אַלטער עדות. ער וועבט צונויף די לשון־קודשדיקע ווערטער מיט די יידישע און זיי ווערן אויסגעקנאָטן אין איינס, עס בלייבט גאָר־נישט קיין באַזונדערקייט, קיין ליידיקער שטח פון צווי טויזנט יאָר צווישן זיי. ער נעמט זיי צונויף, וויגט זיי איין צוזאַמען מיטן אַלטן ניגון און לייגט זיי אַריין, די ווערטער, אין די מיילער פון די קינדער, און די בילדער — אין זייערע מוחות... אָט זאָגן זיי, לערנען זיי מיט אים צוזאַמען מיטן טעם וואָס נאָר יידישע קינדער שפּירן אים שוין הונדערטער יאָרן, דורך וועלכן ווייטע ווערן נאָענט, אור־אַלטע נעכטנס ווערן היינטן. די אַלטע מעשה שווימט ווי שלמה המלכס אַ שיפל, דער ניגון איז דער ווינט וואָס טרייבט די ווייסע זעגלביימער פון דעם מעשה־שיפל:

— על שפת היאור, ביים ברעג פון טייך...

דער קלאַס איז מער נישט קיין פאַרמאַכט צימער. די ווענט זענען אָפּגע־טראָגן געוואָרן מיטן כח פון געזאַנג, דאָ איז גאָר איצט מצרים, עס פליסט פאַרביי דער טייך נילוס, דער אַאיר, די גרינע בלושטש, ווו עס איז פאַרשטעקט

דאָס קעסטל מיטן ייִנגל משה. משהס שוועסטער שטייט פאַרשטעקט אין אַ אַיר און קוקט צו זען, וואָס וועט זיין מיט איר ברודער. אַלעמענס הערצער קלאַפּן איצט — וואָס וועט זיין מיט אים?...

משהס קעסטל וויגט זיך איבערן וואַסער. אַלע ווערן פאַרטאָן אין זיין גורל — וועט ער דערטרונקען ווערן?... וועט פון אים אַרויסוואַקסן משה רבנו?...

— מיט די שטראַלן פון שטערן.

קומט אַראָפּ די טאָכטער פון פרעה מלך מצרים.

ותרד — און זי האָט אַראָפּגענידערט — לרחץ אל הנהר — זיך צו באָדן אין טייך...

זי איז אָנגעטאָן אין ווייסע זיידנס. אַ בריליאַנטן־קרוין איז אויף איר פעד־שוואַרצן קאָפּ. פּאַלאַץ־מיידלעך באַגלייטן איר. אַלעמענס הערצער אין קלאַס גייען מיט מיט איר גאַנג. וועט זי דערזען משהן?... וואָס וועט זי טאָן מיט אים, אויב זי וועט אים דערזען?...

חלומט אויס און זינגט אויס דער לערער פאַר די קינדער די רעטונג פון משהן, די דראַמע פון משהס שוועסטער, וועלכע קומט־אונטער, כלומרשט אומ־שולדיק, צו פרעהס טאָכטער, שפּילט אויס די פרעמדע און זאָגט איר צו שיקן אַן אַם פאַרן געפונענעם ייִנגעלע אין קעסטל צווישן דעם אַאיר.

די אַם וועט זיין משהס מאַמע. זי וועט האַלטן דעם סוד. עס וועט זיין אַ גרויסע מאַמע־דינסט־שפּיל צוליב איר קינד, אַ פאַרשטעלעניש, אַ ייִדישע שפּיל, וואָס וועט שפּעטער אָנגיין צוליב רעטונג, פאַר דורות. זי וועט שפּילן משהס מאַמע, די שפּיל פון אַ פרעמדער אַם. קיינער וועט נישט טאָרן וויסן, אַז זי איז גאָר די מאַמע. אַ ייִדישע מאַמע וועט ראַטעווען איר קינד דורך דראַמע־שפּיל!...

איינער פון די תלמידים האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין דער מעשה וועגן משהן, אַז ווען מאיר צפת האָט דערציילט וועגן משהס שוועסטער, ווי זי שטייט און באַהאַלט זיך הינטערן אַאיר און אָט קומען אָן די מיידלעך פון פרעהס פּאַ־לאַץ, טוט ער אַ געשריי:

— היט זיך!... באַהאַלט זיך!... זיי גייען!...

משה איז געראַטעוועט, אַזוי גייט ווייטער די מעשה, ער וואַקסט אויס. די ייִדן קנעטן ליים אין פרעהס ליים־גריבער, אויף פרעהס ליים־פעלדער, זיי בויען שטעט, פּתם און רעמסס.

צעבייזערט זיך דער לערער:

— שטרוי האָט ער זיי נישט געגעבן און זיי געהייסן מאַכן ציגל, מיט בייטשן האָט ער געקנאַלט איבער זייערע לייבער...

מען דרייט זיך איין, אין קלאַס, פון כוואַשטשען פון די מצרישע בייטשן, וואָס הערן זיך אַזש דאָ.

קומען אַריין די ייִדישע אור־זיידעס, די ליים־קנעטער, די שווער־פאַרהאָ־רעוועטע, וועמענס קינדער די נוגשים מויערן אַריין אין די ווענט פון פרעהס שטעט. מען הערט דאָס קרעכצן פון די מאַמעס, דאָס וויינען פון די קינדער.

— קומט אַראָפּ משה באַפרייען זיינע ברידער...

אסתר זיצט צוגלייך מיט אַלע קינדער — עס עפּנט זיך פאַר אַלעמען אַ דמיון־וועלט. מאיר צפת זיצט מיט אַ צויבער־לאַמטערנע און באַלייכט די ליים־פעלדער פון מצרים, פון גושן.

ביז עס שטעלט זיך אויף דער לערער. אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע אַקסלען אַ כישוף־מאַנטל. דער קלאַס איז צוריק אַ קלאַס. דער לערער איז צוריק לערער.

— מאָרגן וועלן מיר ווייטער לערנען.

קומט צו אסתר צו מאירן און זאָגט אים:

— איך וויל קומען צו אייך אין קלאַס אויך מאָרגן... מעג איך?...

קוקט ער איר אָן, טוט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ:

— אדרבה...

— אַ ייִנגל האָט אַ געשריי געטאָן — דערמאָנט זי זיך — „באַהאַלט זיך! היט זיך!...“ — עס איז געווען אַזוי גוט. איך וויל זיך לערנען ביי אייך זיין אַ לערערין...

זיי האָבן ביידע נישט געוווּסט, אַז זייער שמועס האָט געהערט דער גורל, וואָס איז געשטאַנען אַן אומגעזעענער נעבן זיי.

## אַכטער קאַפּיטל

# מער ווי די ווערטער

אסתר איז געקומען צו מאיר צפת׳ לעקציע פאַר לערער וועגן ייִדישער געשיכטע אַ שטיק פאַר דער באַשטימטער צייט. זי איז געווען פון די ערשטע. מאיר צפת, וועלכער איז שטענדיק געווען נישט אין אָרדענונג מיטן זייגער, האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט. דערווייל האָבן די לערער גע־שמועסט צווישן זיך:

— ווען מאיר צפת רעדט, שעפּט ער פון אינעווייניק, פון זיך.

— ער ווייסט אָבער קיינמאָל נישט, וואָס ער גייט זאָגן און ווי ער וועט זיך אָפּשטעלן. ער אָרדנט נישט זיינע לעקציעס. ער איז כאַאָטיש.

— ער איז אָבער אינטערעסאַנט. ביכלעך קענען מיר דאָך אַליין לייענען.

— עס ווערט אַ טומל אין קאָפּ, נישטאָ קיין סדר.

— דאָך קומט איר אויף אַלע זיינע לעקציעס.

מאיר צפת איז אַריינגעפאַלן אַ שולדיקער:

— זייט מיר מוחל, פאַרשפּעטיקט. — האָט ער געזאָגט.

— אַזוי ווי שטענדיק.

אסתר האָט געקוקט אויף אים אַנדערש ווי אַנדערע. ער האָט זי דערזען און באַגריסט מיט די אויגן:

— „גוט, אסתר, וואָס דו ביסט דאָ״.

עס איז נישט זיין ערשטע לעקציע פאַר די לערער פון די צוויי ייִדישע שולן, ער האָלט שוין גאַנץ ווייט אין געשיכטע. אסתר איז צום ערשטן מאָל. עס איז איר שווער נאָכצופאָלגן. דערצו באַנוצט ער צופיל העברעיִשע ווערטער. „ער רעדט אַזוי ווי אַ רבֿ״...

— די עלטסטע און פולסטע איבערזעצונג פון תנ״ך איז געמאַכט געוואָרן

אויף גריכיש, אין דער אַלעקסאַנדרישער תקופה — דערציילט ער — זי האָט געהייסן סעפּטואַגינטאַ.

— שרייבט עס אָן אויפן טאָוול און מיר וועלן איבערשרייבן... — לייגט פאָר ליובע האַלפּערין, די דערפאַרנסטע לערערין. טוט מען אַזוי. מאיר צפת לערנט ווייטער:

— די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורך זיבעציק זקנים פון ירושלים, מען האָט זי דעריבער גערופן תרגום השבעים.

— ווי? — הייבט אויף אסתר איר האַנט ווי אַ שילערין אין קלאַס. זי האָט ליב צו וויסן ריכטיק, גרינטלעך.

— די איבערזעצונג פון זיבעציק, תרגום השבעים.

שווימט אַוועק מאיר אין ווייטן אַמאָל, קיין אַלעקסאַנדריע. ער פירט זיינע צוהערער צום ביבליאָטעקאַר אין קעניגלעכן הויף, דעמיטריוס. עס איז 250 יאָר פאַר קריסטוס. ער ווענדט זיך צום כהן־גדול אליעזר אין ירושלים, ער זאָל אים שיקן חכמים, זעקס פון יעדן שבט, וואויל־געלערנטע אין העברעיש און גריכיש, איבערצוזעצן די תורה אויף גריכיש.

— האָבן די זקנים געבראַכט מיט זיך פון ירושלים אין אַלעקסאַנדריע אַ ספר־תורה, געשריבן מיט גילדערנע אותיות אויף פּאַרמעט, זיך געזעצט אין 72 חדרים און אין 72 טעג געמאַכט די איבערזעצונג פון דער תורה.

אסתר, עס קלינגט מעשהה׳אַפּט!... — גילדערנע אותיות אויף פּאַרמעט. זיי שיינען פאַרן געמיט, פאַרן דמיון. 72 חדרים און אין יעדן חדר אַ זקן פון ירושלים! — אסתר, עפן נישט אַזוי ברייט דיינע אויגן.

פאַלט אַריין מאיר צפת אין טאָן פון ראש־ישיבה און רעדט אַזוי:

— די גמרא מגילה דערציילט, אַז דער הקדוש־ברוך־הוא האָט אַריינגעגעבן אין האַרץ פון יעדן פון די זקנים די ריכטיקע עצה ביז זיי האָבן מסכים געווען לדעה אחת, צו איין מיינונג, וואָס שייך צו דער איבערזעצונג און צו די אויסטייטשונגען. די איבערזעצונג פון גאַנצן תנ״ך האָט געדויערט הונדערט יאָר...

אַ יונגער לערער האָט אויפגעהויבן די האַנט. ער איז נישט צופרידן. ער וויל דאָס אַרויסברענגען:

— מיינט איר דאָס ערנסט וועגן הקדוש־ברוך־הוא? — דאָס איז דאָך אַן אַבערגלויבערישע זאַבאַבאָנע. דאָס איז דאָך אַ מעשה פאַרן בית־מדרש...

מאיר צפת ווערט נישט צעטומלט. ער ענטפערט אַזוי:

— איר זאָגט „נישט אמת״? איר זאָגט „אַ מעשה״? — ווייסט איר דען וואָס איז אמת און וואָס איז אַ מעשה? אפשר זענען מיר אַלע אָט דאָ, די שול, די לערער, אונדזער לערנען אויך אַ מעשה!... איז אַ מעשה אַריין אין פאָלק און געווירקט, איז זי מער נישט קיין מעשה, איז זי אמת.

— לאָמיר לאָזן דיסקוסיעס אויף שפּעטער — זאָגט מיט אויטאָריטעט ליובע האַלפּערין — מיר ווילן הערן ווייטער.

— איך האָב געזאָגט, אַז עס האָט געדויערט הונדערט יאָר. עס האָט דאָך ניט געמיינט בלויז פאַרטייטשן העברעיִשע ווערטער אויף גריכיש. עס האָט דאָך געמיינט אויך איבערצוטראָגן דעם גייסט, די שכינה, וואָס ליגט אין די שפּאַרונעס פון סטיל, אין דער לויזקייט אָדער צונויפגעשמידקייט פון זאַצן, ווייל — איר וועט דאָך ווידער זאָגן אַ מעשה — זענען דאָך די אותיות פון דער תורה פלאַמענדיקע און פליִענדיקע, אותיות פורחות. יעדער אות איז אַ סוד.

— וואַרט, וואַרט — זאָגט ליובע — דאָס פאַרשטיי איך שוין אויך נישט... דאָס איז קבלה.

— איר וועט עס פאַרשטיין, ווען די פייערדיקע אותיות וועלן אייך אַ ברען טאָן.

דאָס אַלץ וואָס עס האָט דערציילט מאיר צפת איז כדי צו קומען צו אַן אויספיר פאַר אונדזער צייט:

— עס איז געקומען די צייט מען זאָל איבערזעצן דעם תנ״ך אויף יידיש. מען דערציילט, אַז אין אַמעריקע זיצט שוין לאַנגע יאָרן אַ גרויסער יידישער פּאָעט, יהואש, ביי אָט דער אַרבעט... דער תנ״ך איז בכח צו פאַרבינדן לשון־קודש און לשון־יידיש אין איינס, אין איין חתיכה, אין דער גרעסטער שטיק יידישער קולטור. דאָס וועט זיין אַן אָרגאַנישער צוזאַמענגוס פון טויזנטער יידישע יאָרן פון אַלע וואַנדערונגען איבער אַלע לענדער. די חכמים־איבערזעצער וועלן דאָס מאָל נישט קומען פון ירושלים קיין אַלעקסאַנדריע, נאָר זיי זענען שוין דאָ, זיי זיצן שוין אין ווילנע און אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק און אין אָדעס, אַפילו ווען די גאַנצע וועלט שטייט אין מלחמה מיט ביקסן און האַרמאַטן.

ישראל גייסט שפּיצט אָן זיינע קליינע, בייזע, גרינע אויגן און זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך. ער רייסט אים איבער:

— אונדזער שול איז נישט קיין אינסטיטוט פאַר רעליגיע, זי איז נישט קיין חדר און נישט קיין תלמוד־תורה...

— נו, נו, — ברומט מאיר צפת מיט כעס, — דעריבער איז וואָס?

— תנ״ך איז רעליגיע!... — שרייט אויס ישראל גייסט טריאומפירנדיק — און אונדזער שול איז אַ פריִיע.

טוט אַ מאַך מאיר צפת זיין שמאָלע האַנט מיט ביטול, אַזוי ווי ער וואָלט מיט איר שאַרף איבערשניידן די לופט, געמאַכט אַ מחיצה.

— נישטאָ וואָס צו רעדן... איר פאַרשטייט נישט...

— איך פאַרשטיי שוין גראָדע יאָ — זאָגט ישראל — אונדזער שול איז אַ שול פון וויסנשאַפט און נישט פון רעליגיע, אַנדערש האָט אונדזער שול נישט קיין זין. מען האָט שוין צו־לאַנג פאַרטשאַדעט די קעפּ פון פאָלק מיט געטלעכן ווירוואַר.

וויל נישט בלייבן מאיר צפת אָן אַן ענטפער. זאָגט ער אַזוי:

— עס איז דאָ די אויסערלעכקייט פון דער וועלט און די אינערלעכקייט. די אויסנווייניקסטע איז די וועלט פון וויסנשאַפט, די אינערלעכע — איז די וועלט פון מאָראַל. רופט עס די וועלט פון גאָט. עס גייט מיר נישט אין נאָמען. תנ״ך מאַכט ביידע וועלטן אין איינער.

ער גייט איבער צום סאָציאַליזם.

— סאָציאַליזם איז אויך מאָראַל. דער זעלבער תנ״ך. ער איז מאָראַל אַפילו ווען ער קומט דורך רעוואָלוציע, דורך קרבנות. משה האָט געגעבן צו ייִדן די תורה אויך דורך גוואַלד, דורך הר כגגית. אָדער איר זייט מקבל די תורה, אָדער — איר קומט אום: דער גויִשער סאָציאַליסט זשאָרעס קומט פון דעם שבט ייִדישע נביאים. תנ״ך, זאָגט איר, איז רעליגיעזע זאַבאָבאָנעס? — תנ״ך איז אַ שטיק אייביקייט, אַ שטיק סאָציאַליזם!

רופט זיך אָפּ ליובע האַלפּערין:

— עפּעס ענלעכעס האָט געלערנט מיט אונדז דער פּראָפעסאָר זשעראָם זשואַ אין זשאַן־זשאַק־רוסאָ־אינסטיטוט.

— איך האָב דאָס פון אים נישט געהערט — זאָגט מאיר צפת — אָבער גוט וואָס איר האָט אים דערמאָנט. דער גויִשער פּראָפעסאָר זשעראָם זשואַ וועט כשרן דעם תנ״ך פאַר ישראל גייסט.

די לעקציע איז געענדיקט. וואָס טוט זיך מיט דיר, אסתר? — „צוויי וועלטן, די וועלט פון וויסנשאַפט און די וועלט פון גאָט"... זי פאַרשטייט נישט גוט דעם לשון, אָבער זי שפּירט דעם טעם.

זי דאַרף אָבער נישט נאָר פילן, נאָר אויך וויסן, קענען, גוט קענען, דאַרף זי לערנען. זי וועט מאירן פרעגן אַן עצה — ווי אַזוי זאָל זי דאָס לערנען. עס איז שווער צו זיין אַ ייִדישע לערערין, זי וועט אָבער זיין. עס איז דאָ אַ ציל. גייט נישט סתם אַזוי זיך אַ מענטש אויף דער וועלט, אַ ייִדישע טאָכטער, גייט אַ מענטש און ווייסט וווהין, נאָך וואָס, צוליב וואָס:

— „זיין אַ לערערין פון ייִדישע קינדער!..."

עס קומט אויס אַזוי, אַז זי גייט צוריק פון דער לעקציע צוזאַמען מיט מאירן. ער נעמט זי אונטערן אָרעם. זי טוט אַ ציטער. עס גייט דורך אַ שטראָם איר גאַנצן קערפּער. זי דריקט צו שטאַרקער מיט איר אָרעם זיין האַנט. שטומער לשון פון צוויי מענטשן — אַ מאַן און אַ פרוי. ער איז עלטער פון איר, גרעסער, וויכטיקער. ער וויל אָבער ביי איר וויסן:

— האָט איר אינטערעס צו די לעקציעס? געפעלט אייך?

ענטפערט זי מיט אַ פאַרשפּעטיקונג:

— ווען איר האָט דערציילט וועגן די צוויי־און־זיבעציק זקנים, וואָס זענען געקומען פון ירושלים קיין אַלעקסאַנדריע, האָט איר מיר, אַ רגע, אויסגעזען ווי איינער פון זיי...

— איך בין נישט אַזאַ זקן... — זאָגט ער.

זי זאָגט מער גאָרנישט, חוץ:

— איך וואָלט וועלן מער וויסן...

— איך בין גרייט צו לערנען מיט אײַך...

מאיר ציט שטאַרקער צו אסתרן צו זיך. זי גיט זיך נאָך. ער פֿירט זי צו ביז אַנגערס גאַס, ביז איר היים. ער שטייט אַ לענגערע ווײַלע בײַ איר טויער. זי אײַלט זיך אויך נישט אַרײַנצוגיין אין שטוב.

— איך וועל מאָרגן זײַן בײַ אײַך אין קלאַס... — זעגנט זיך אסתר מיט מאירן.

— איך וועל וואַרטן אויף אײַך.

זיי האָבן זיך בײדע געזאָגט פֿיל מער ווי די ווערטער.

## נײַנטער קאַפּיטל

# אסתרס גוטע בשורה

מאַמע, מען האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ לערערין אין דער פּרץ־שול. פאַר אַ ריכטיקער לערערין...

דאָס האָט איר אָנגעזאָגט נישט מאיר צפת, נאָר ליובע האַלפּערין, נאָכדעם ווי זי איז געווען עטלעכע חדשים אַ לערערין־געהילפין אין שול. מען וועט איר צאָלן שכירות — זעכציק מאַרק אַ חודש.

אסתר האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט קומען. זי וועט זײַן אַ לערערין. מאיר האָט איר עטלעכע מאָל וועגן דעם געזאָגט:

— דײַן אָרט איז בײַ אונדז, אין דער שול...

— איך וויל און איך וויל נישט, איך האָב מורא.

— האָב נישט מורא.

ער האָט זי געגרייט, מאיר צפת. ער האָט געקירעוועט מיט איר לערנען געשיכטע און ליטעראַטור. אסתר איז געווען פאַרוואָרפן מיט ביכער. אויב לערנען, דאַרף מען לערנען, און אויב וויסן, דאַרף מען וויסן. זי האָט אָנגעהויבן שווימען אין אַ ים און געוואָלט גוט שווימען. זי האָט געוואָלט קענען גרינטלעך, וויסן דאַטעס, נעמען, אײַנצלהייטן, אַזוי ווי איר טאַטע קלאַמערט גוט צונויף אַ דאַך, אַזוי ווי ער מאַכט די בלעכערנע בלומען — מוסטערן פאַר בוכהאַלצעס פליוש־פאַבריק — פינטעלעך, פאַסיקלעך, קרייזעלעך, בלום און בלאַט, בלאַט און בלאַט.

זי הערט גוט די תורה פון מאירן:

— אַז דו לערנסט אַפילו אלף־בית מיט די קינדער אין קלאַס, דאַרפן די אותיות אַרויסשווימען פון אַ ים תורה.

אין די אותיות ליגן טרערן,
טרערן און געוויין...

מאיר לערנט מיט איר אויך העברעיש. ער לערנט דאָס אויף אַן אייגענעם אופן. ער עפנט אַ תנ״ך און לערנט מיט איר. ער הייסט איר לערנען אויסנווייניק.

— על משכבי בלילות, אויף מיין געלעגער אין די נעכט, בקשתי את שאהבה נפשי, האָב איך געזוכט, וועמען מיין נפש האָט ליב...

רייסט זי איבער, מישט איבער די בלעטלעך, און זאָגט:

— רעדט נישט צו מיר דורכן תנ״ך...

ער איז אָבער איינגעשפּאַרט. ער מישט צוריק די בלעטלעך, צעזינגט זיך, צעפייערט זיך:

— קומט אַרויס איר טעכטער פון ציון און זעט דעם מלך שלמה אין דער קרוין, וואָס זיין מאַמע האָט אים אָנגעטאָן אין טאָג פון זיין חתונה, אין טאָג פון דער פרייד פון זיין האַרץ.

געפּעלט איר דער פּערז פון שיר השירים. זי באַנעמט אים, זי זעט די ביל־דער. עס פּרייט זיך אויך דאָס אייגענע האַרץ. כאַפּט זי אָן מאירן פאַר די הענט:

— עס איז אַזוי וווּנדערלעך, לערנט דאָס מיט מיר נאָך אַמאָל:

לערנט ער ווייטער:

—עד שמצאתי, ביז איך האָב געפונען, את שאהבה נפשי, וועמען מיין נפש האָט ליב געהאַט...

אסתר דערשפּירט דעם באַזונדערן טעם פון די לשון־קודשדיקע ווערטער „עד שאהבה נפשי״. ליבשאַפט פון נפש. אהבה איז ליבע, נפש איז נפש.

— עס איז אַזוי לויטער... — זאָגט זי מאירן, — עס איז גוט.

— אַזוי איז די ליבע אין די ווייִנגערטנער, אויף די בערג, אין די וועלדער...

— הערט אויף, מאיר...

אַ לערערין דאַרף קענען מוזיק. אַזוי ווייסט אסתר. אידאַ לערנט איר ביי דער פּיאַנע נאָטן. זי וועט זיך קויפן אַזאַ האַרמאָניקע, ווי עס האָט מאיר צפת. עס איז גרינגער זיך אויסצולערנען די לידער פאַר די קינדער אויף דער האַר־מאָניקע. זיצן זיי ביידע, אסתר און אידאַ, ביי דער פּיאַנע, לערנען מוזיק, לערנען אַ קינדער־ליד. רייסט איבער אידאַ, די שטילע, די געבויגענע, די פרומע:

— אסתר, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, אַ סוד.

— וואָס?

— מאיר איז אין דיר פאַרליבט.

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך זע. איך בין אַזוי ווי אַ הונט אויף יאַגד.

שווייגט אסתר און אידאַ רעדט:

— מיך נאַרט נישט דאָס האַרץ. איך שפּיר דאָס. איך שפּיר דאָס אין דער לופט אַרום אייך. דו ביסט אויך פאַרליבט.

— אָן אמת, אידאַ. — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט און שוין נישט געקענט גיין צוריק — אָבער עס איז אַ זינד, ער האָט דאָך אַ פרוי, מען רופט זי עטל...

— איך ווייס, אסתר, עס איז טאַקע נישט רעכט. מען זאָגט דאָך אָבער, אַז ליבע איז שטאַרקער ווי טויט...

— הער אויף, אידאַ, לאָמיר לערנען ווייטער דאָס ליד.

אידאַ וויל אָבער ווייטער רעדן וועגן ליבע:

— מאיר איז אָפּגעלאָזן געקליידט. ער זעט אויס ווי ער וואָלט צוהונגערן, אָבער עס שמעקט אַראָפּ פון אים תורה. ער קען שטאַרק ליב האָבן. איך זע עס אין זיינע אויגן.

— אַזוי קענסטו זיך אויף ליבע? — זאָגט אסתר פאַרווונדערט.

רעדט אידאַ אירס ווייטער:

— אַזוי איז ער אַן אומעטיקער, מאיר. ער איז אָבער אַ פריילעכער צווישן די קינדער. ער מוז אויך זיין אַ פריידיקער אין ליבע.

„ווען ער רעדט צו די לערער: „די שול איז ניי, דער לערער איז ניי, מיר מוזן אויסאַרבעטן אונדזערע אייגענע סיסטעמען. מיר האָבן נישט קיין פאַראויס־גייער, קיין רביים, מיר דאַרפן אויסטרעטן וועגן. אונדזער וועג־ווייזער דאַרף זיין — די ליבע צום קינד" — קוק איך צו אים אַ באַגייסטערטע.

— דו געדענקסט גוט זיינע רייד, אידאַ, ער זאָגט טאַקע אַזוי — זעצט פאָר אסתר — מיר טאָרן נישט קאָפּירן נאָר — דערפינדן: נישט קאָפּירן פעסטאַלאָציין, טאָלסטאָיען, זשאַן זשאַק רוסאָ, פּרעבלען. מען דאַרף זיך ביי זיי לערנען, אָבער נישט נאָכמאַכן.

— דו געדענקסט גוט זיינע רייד, אסתר... — זאָגט איצט אידאַ — און זי זעצט פאָר מאירס רייד: „די יידישע דערציִונג האָט געהאַט און מוז ווייטער האָבן נשמה־תכלית, פאָלקס־תכלית. אויך אונדזער נייע שול מוז האָבן תכלית"... מאיר האָט אַמאָל דערציילט, ווי מען פלעגט טראָגן אַ ייִנגעלע אין חדר אַריין איינגע־וויקלט אין אַ טלית... „עס מוז זיין אַ טלית, סתם לערנען קמץ אלף אָ, אָדער צוויי מיט צוויי איז פיר, איז נישט גענוג..."

ווילט זיך אויך אסתרן איבערחזרן מאירס רייד:

— מאיר האָט מיר אַמאָל געזאָגט — דערציילט זי — אַז רזין דרזין זענען אין קינדס אויגן. די נשמה פון פאָלק קוקט פון זיי אַרויס. אַן אייביקע נשמה, אַ פאַרחלומטע און טרויעריקע. טו אָן די ייִנגלעך בערד, וועלן זיי זיין זיידעס. טו אָן די מיידלעך שייטלעך מיט טערקישע טיכלעך, וועלן זיי זיין באָבעשים — גוטע יידן און שרה בת־טובימס...

— דאָס איז דאָך אַזוי שיין! — זאָגט אידאַ און טוט אַ קוש אסתרן.

— ביסט אין אים פאַרליבט, אידאַ...

— איך בין דאָך אָבער מיט אַ הויקער...

— און זיין עטל וואָלט דיך נישט אָפּגעשטעלט?....

קוקט אידאַ אָן אסתרן לאַנג און שאַרף און ענטפערט פאַרביסן:

— ניין!...

— לאָמיר שוין, אידאַ, אויפהערן רעדן וועגן דעם, לאָמיר ווייטער שפּילן און לערנען מוזיק...

ליובע האַלפּערין האָט געהאַט געזאָגט אסתרן:

— וועסט אָננעמען דעם צווייטן קלאַס, ביסט גענוג צוגעגרייט...

— איך וועל פּרוּוון... איר וועט מיר העלפן...

— זאָל זיין אין אַ מזלדיקע שעה. מיט דער רעכטער פוס.

— איך וועל זיך סטאַרען. אויב איך וועל נישט טויגן, זאָלט איר מיר זאָגן.

— וועלן מיר דיך אַרויסוואַרפן... נישקשה, וועסט טויגן. וועסט קריגן זעכ־ציק מאַרק אַ חודש, אַזוי ווי יעדער לערער.

דאָס איז גאָר געווען אַן איבעריקע זאַך צו זאָגן. און אַן דעם וועט אסתר נישט זיין קיין לערערין אין פּרץ־שול? —

וויל דאָס אסתר דערציילן איר טאַטן. ער איז אָבער נישטאָ אין שטוב. ער איז אַוועק זוכן זיין יאָסל, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן, זיין ייִנגסטן זון.

יאָסל האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן און אַליין אַוועק אין גאַינאַווקע, אין די בעלאָווועזשער וועלדער, צו אַרבעטן אין אַ דייטשן אַרבעטס־לאַגער פון געהילץ. די דייטשן האָבן געבראַכט מאַשינעס פון דייטשלאַנד, וואָס אַזעלכע האָבן די בעלאָווועזשער וועלדער קיינמאָל נישט געזען, געשניטן און געזעגט די ביימער אין אוראַלטן וואַלד, ווו עס פלעגט פריִער קומען דער צאַר פון רוסלאַנד מיט זיינע גענעראַלן אויף „פּאָלעוואַניע" נאָך זוברעס. אין יענע וועלדער האָבן איצט די דייטשן פאַרשלעפּט אויף קאַטאָרגע־אַרבעט טויזנטער אַרבעטער פון די אַרו־מיקע שטעט, זיי האָבן געגעבן די אַרבעטער ברויט צו עסן און דריי מאַרק אַ טאָג. יאָסל מיט זיינע צוויי חברים איז אַוועק אַהינצו. ער האָט מער נישט גע־וואָלט צונעמען דאָס קנאַפּע שטיקל ברויט פון זיין טאַטע־מאַמען און פון זיין שוועסטער אסתר.

אַ וואָך און צוויי וואָכן און יאָסל קומט נישט צוריק. אין שטאָט רעדט מען, אַז די דייטשן קאַטעווען די ייִדן אין גאַינאַווקע; אַז דאָרט איז עבודת־פּרך, מענטשן פאַלן פון די פיס.

— אַרומגעצוימט איז גאַינאַווקע מיט שטעכיקע, עלעקטריזירטע דראָטן;

— אין יוצא ואין בא...

אַן אומגליק אויף לייבע דעם בלעכערס קאָפּ. ער האָט גאָרנישט דערציילט זיין ווייב מאַשע. זייער קינד זאָל דאָרט אין גאַינאַווקע האָבן אַ פינצטערן סוף. וואָס זאָל טאָן לייבע?...

ער שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. דער־שלאָגט ער זיך צו פאַרריכטן אַ רינענדיקן דאַך, צו מאַכן אַ „פּאַטשינקע" אין צעבראָכענע רעגן־רערן, לייגן אַ לאַטע אויף אַ בלעכערנער כלי, שטעלן אַ בלע־כערנע איזוועלע, מאַשע כאַפּט אַריין פון מאָל צו מאָל „שנעלן אַ קעטע", פאַרדינט אַ גילדן, זיין טאָכטער אסתר ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג אין דער שולע און איז שוין פּטור פון עסן אַ שטיקל ברויט אין שטוב. וואָלט שוין יאָסל נישט געבליבן קיין הונגעריקער — טאָ וואָס זשע האָט אים אָנגעטראָגן צוועקצוגיין אין גאַינאַווקע און זיך אַריינגעבן דעם משחית אין די הענט אַריין?

— אַ נאַרישער קאָפּ.

— אַ קינד.

— נישט געוואָלט אויפעסן דעם טאַטנס ברויט...

אין תורת־חיים־בית־מדרש איז אָוונט־צייט פול מיט ידן — גוטע פריינט, אַלץ היימישע באַלמעלאָכעס. ר׳ גדליהוס לערנען משניות איז באַטעמט. דאָס מעריב־דאַוונען איז נישט אָפגעכאַפּט, נאָר בלב ונפש. מען שאָקלט זיך שוין באַלד אַזוי ווי חסידים: לייבע דער בלעכער איז נישט קיין בעל־תפילה, אָבער אַז עס איז גראַדע נישט געווען נחום־חיים דער וועבער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד מיט די אָנגעצונדענע יאָרצייט־ליכט און אַ זאָג געטאָן:

— והוא רחום יכפר עון...

ער האָט געדאַוונט מיט האַרץ, כמעט ווי מיט געוויין. ער האָט דעם טלית אַראָפּגערוקט איבערן קאָפּ.

— שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד...

און ער האָט דעם „אחד" אַ קוועטש געטאָן מיט אַלע זיינע כוחות. און אָט אַזוי שאָקלענדיק זיך שמונה־עשרה ביים עמוד, אַ שליח צבור פאַרן גאַנצן תורת־חיים־בית־מדרש, האָט ער דערהערט איבער זיך אַ קול:

— לייבע, גיי ראַטעווע דיין זון יאָסל...

האָט ער געטאָן אַ לייג דעם טלית נאָכן דאַוונען און אַוועק צופוס קיין גאַי־נאָווקע.

גייט לייבע צופוס אין זיינע אָפּגעטראָגענע, צעקנייטשטע שטיוול איבערן שאָסיי, וואָס פירט קיין ביעלסק. ער ווייסט דעם וועג צו די בעלאָוועזשער וועל־דער. ער האָט שוין דאָרט אַמאָל געדעקט דעכער אויף די קאַזאַרמעס. ער וועט דערגייך אַהינצו. ער גייט דורך נאַכט, הגם מען טאָר נישט גיין אין דער נאַכט. ער האָט נישט קיין מורא. עס איז פּקוח־נפש. טאָמער וועט מען אים פאַרהאַלטן, וועט ער זאָגן גאַנץ פּשוט:

— איך גיי נאָך מיין קינד יאָסל...

ער גייט מיט דעם כוח, וואָס האָט אין אים אַ יאָג געטאָן, ווי אַ ווינט, ווען ער איז געשטאַנען אין מיטן דער מעריב־תפילה ביים עמוד.

ער האָט אין אַ זעקל ברויט און ציבעלעס. ער האָט אין קעשענע אַ פּאָר מאַרק, טאָמער דאַרף מען אַריינשטעקן די דייטשן אין יד אַריין. ער האָט געבעטן נחום־חיימען, ער זאָל זיך אַריינכאַפּן צו אים — צו לייבען, אין שטוב אַריין און זאָגן זיין ווייב, אַז מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ שטיקל אַרבעט אין ביעלסק. עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן.

שוין דריי טעג, אַז לייבע איז אַוועק. מאַשע ווייסט שוין נישט וואָס איבער־צוקלערן. אסתר זאָגט איר מאַמען, אַז זי זאָל זיך נישט זאָרגן:

— דער טאַטע וועט קומען, וועט קומען מאָרגן...

עס קלאַפּט אָבער מאַשעס האַרץ. יאָסל איז נישטאָ. לייבע איז נישטאָ. פון די קינדער אין רוסלאַנד הערט מען נישט. פון דעם זון, מענדל, וואָס איז אַוועק אין אַמעריקע, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן.

— אסתרקע, איך האָב מורא...

— גיי שוין גיי, מאַמע. זיי רויק. זיי וועלן ביידע קומען אַהיים.

— הלוואי...

איז זי, אסתר, געוואָרן אַ לערערין, אַן אמתע לערערין. זי וויל דאָס אָנ־זאָגן איר טאַטן. מען זאָגט, אַז זי וועט זיין אַ גוטע לערערין. אַזוי זאָגט ליובע, אַזוי זאָגט מאיר.

זיי, טאַטע־מאַמע, ווייסן גאָרנישט וועגן מאירן. זיי טאָרן נישט וויסן. דער טאַטע וואָלט געשריִען אויף איר.

ווּ איז ער טאַקע, דער טאַטע? פאַרוואָס זוימט ער זיך דאָך אַזוי לאַנג?

מען האָט זיך אָבער דערוואָרט. ער איז אַראָפּגעקומען טאַקע נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט יאָסלען.

יאָסל איז געווען אַ צעשלאָגענער, אַ צעבלוטיקטער, אַ מורא אַ קוק צו טאָן אויף אים. די מאַמע האָט פאַרבראָכן מיט די הענט. אסתר איז געלאָפן נאָך קאַלטן וואַסער.

— ער האָט זיך געוואָלט אויפהענגען אויף אַ בוים — זאָגט לייבע אַ פאַר־מאַטערטער — אַז מען ווערט משוגע, מען גייט אַראָפּ פון זינען...

דערציילט לייבע:

— איך בין געקומען אין דער ריכטיקער צייט. מען האָט מיר טאַקע אַ זאָג געטאָן פון אויבן ביים דאַוונען. איך האָב טאַקע נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען האָט מיך געמאַכט פאַרן בעל־תפילה. איך האָב אים אַ נעם געטאָן פאַר דער האַנט:

— „קום, יאָסל, געגאַנגען!...‟

יאָסל האָט אים דערזען און געפרעגט אַ צעחידושטער:

— טאַטע, ווי קומסטו אַהערצו? ווי ביסטו דורך די עלעקטרישע דראָטן?...

— נישט געפרעגט, קום מיט מיר!

ער איז פאַרמאַטערט, לייבע, פון דריי טעג גיין. וואָס האָט ער דאָ אַ סך צו ברייען, אַרויסוואַרפן דברים לבטלה. אָבי ער איז דאָ, געקומען צוריק מיטן יינגל.

— גיב אים עפּעס עסן, זאָל ער זיך וואַשן...

געמאַכט עסן האָט אסתר. גלייך נאָכן עסן איז יאָסל אַוועקגעפאַלן שלאָפן. לייבע איז אויך געווען מיד און קוים איינגעהאַלטן זיין קאָפּ. ער האָט אָבער דאָך באַמערקט, אַז זיין טאָכטער איז עפּעס אויפגעלייגט, זי וויל אים עפּעס זאָגן. עפּעס שיינט זי, זיין קינד.

— איך בין געוואָרן אַ לערערין, טאַטע... זאָגט זי — מען וועט מיר צאָלן זעכציק מאַרק אַ חודש, דו הערסט, טאַטע?...

לייבען קלעפּן זיך די אויגן. ער האָט דאָך געראַטעוועט זיין יינגל, וואָס האָט זיך שוין געקליבן אויפהענגען אויף אַ בוים. ער האָט שוין אויך געהאַט אָפּגע־

קליבן דעם בוים. איצט רעדט צו אים זיין טאָכטער אַ זייער צופרידענע. ער פאַרשטייט נישט, לייבע, צו גוט די שמחה וואָס זיין טאָכטער איז געוואָרן אַ לערערין פאַר זעכציק מאַרק אַ חודש, דאָך זאָגט ער איר:

— זאָל זיין מיט מזל. זאָל השם־יתברך דיר העלפן.

די מאַמע האָט אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן איר טאָכטער:

— זאָלסט אונדז אָנזאָגן נאָך אַ גוטע בשורה...

די מאַמע האָט געוווסט וואָס זי מיינט. אסתר האָט אויך געוווסט. דער טאַטע איז שוין געשלאָפן.

## צענטער קאַפּיטל

# אויף אַלע דריי שטאָקן

די פּרץ־שול איז געוואַקסן. קינדער האָבן געשפּאַרט אַהין פון אַלע אָרימע גאַסן — פון פּיאַסקעס, כאַנייקעס, שול־הויף. צווישן דער אָרימקייט פון שטאָט , אין די הייזער פון די „זיידענע טאָרבעס״, ווי מען האָט גערופן די ליידיק־גייענדיקע וועבער, אין די הייזער פון די באַלמעלאָכעס, וועמעס געציייג זענען געלעגן פאַרגעסענע, אין די קאַלטע דירהלעך פון די אָרימע מלחמה־אלמנות איז אַריינגעקומען די בשורה פון דער פּרץ־שול: — די טירן שטייען אָפן און נעמען אויף די פאַרהונגערטע קינדער. מען גיט זיי דאָרטן עסן קאַשע מיט ברויט. מען גיט אויך אַ שיכל אויף אַ באָרוועסן פוס. געלערנטע יונגעלייט לערנען מיט די קינדער שרייבן און רעכענען. דאָרט שפּילט אַ פּיאַנע אַזוי ווי ביי די גבירים. די קינדער זאָגן דאָרט, אַז שבת איז אַ שלעכטער טאָג, ווייל מען גייט נישט אין שולע.

מעשיות וועגן דער פּרץ־שול אויף ני׳עמעצקע גאַס צעוואַקסן זיך אונטער די שאָטנס פון דער אָרימקייט אַזוי ווי בלומען אונטער דער זון. די מעשיות פליִען אַרויס פון די אָרימע הייזער און פליִען אַריין אין אַנדערע אָרימע הייזער. זיי פליִען איבער בוידימער, קומען ביינאַכט צו חלום די אָרימע מאַמעס.

— די קינדער זינגען און טאַנצן אין פּרץ־שול... — שעפּטשען די שוועלן, די פענצטער, אַפילו די שאָטנס אין די אָרימע היימען.

פּרץ־שול!... — די מאַמעס זענען זיכער, אַז איינער אַ ייִד פּרץ איז דאָרט דער גאַנצער באַלעבאָס.

מען האָט דאָרט געמוזט אויפנעמען אויך עלטערע קינדער, וואָס האָבן ערב דער מלחמה געלערנט אין „אוטשילישטשעס״, חדרים, תלמוד־תורהס, וואָס זענען מער נישטאָ און זייערע גבאים, לערער און „פּאָפּעטשיטעלעס״ זענען אַנטלאָפן מיט דעם צאַרס אַרמיי טיף אין רוסלאַנד. פון די עלטערע קינדער, נישט דער־ענדיקטע, האָט מען צוזאַמענגעשטעלט באַזונדערע קלאַסן. מען האָט אַריינגעצויגן

גייע לערער אין דער שול און קינדער־היים. ליובע האַלפּערין, מאיר צפּת און רייזל שאַפּירא, דער ערשטער דריילינג פון דער שול, און מיט זיי רבקה בערנ־שטיין און אויך אסתר לאַפּידעס, האָבן געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט, פולע קעפּ מיט פּלענער, אידייען. דאָס האַרץ איז פול געווען פון תענוג:

— מען וואַקסט.

— פיר הונדערט תלמידים.

אסתר לאַפּידעס איז שנעל אַריינגעוואַקסן אין דער שול און אין לערער־דריילינג. זי האָט געלערנט אַ סך פאַר זיך.

— דו האָסט אַ זכרון ווי אַ שטעמפּל... — האָט ליובע געזאָגט וועגן איר.

ליובע איז געווען פאַרנומען איבערן קאָפּ. די האָר הענגען אַרום איר שטערן, איר פּנים איז פול מיט טואונג. אירע אויגן זוכן. די פּרץ־שול איז אַלץ פאַר איר, ווייל קיין מאַן האָט זי נישט, קיין קינדער האָט זי נישט, און ענערגיע — אַ שלל, אַ פולן שפּייכלער. זי האָט מעטאָדישע איינפאַלן יעדן טאָג.

— איך טו שוין אויך פאַר מיך מאַמען, וואָס האָט געקענט אָוועקטראָגן בערג אויף אירע הענט און געטאָן האָט זי גאָרנישט, זי האָט נאָר געלייענט פראַנ־צויזישע ראָמאַנען.

ליובע האָט געלייגט האָפענונגען אויף אסתרן. זי האָט איר דערנענטערט צו זיך, מיט איר געלערנט, איר אַנגעוויזן, איר איבערגעגעבן תורהס פון זשענעווע, פון די לייפּציגער שול־רעפאָרמען, פון פּעסטאַלאָצין, פון זשאַן זשאַק רוסאָ. אסתר האָט זיך געפילט אַלץ זיכערער אין קלאַס. עס זענען געקומען אויך איינפאַלן אין איר קאָפּ; זי האָט אָבער נאָך נישט געהאַט דעם מוט „צו נעמען אַ וואָרט" אויפן פּעדאַגאָגישן ראָט. עס זיצן ליובע, מאיר, רייזל — וואָס האָט דאָ וואָס צו זאָגן אסתר?...

ביז זי האָט געוואָגט איינמאָל אויף אַ זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראָט, שפּעט אין אָוונט, אַרויסצוברענגען:

— איך וואָלט וועלן עפּעס פאָרלייגן...

און זיך אָפּגעשטעלט. מער נישט גערעדט.

— זאָג וואָס דו ווילסט... — ווענדט זיך צו איר די פאָרזיצערין ליובע האַלפּערין.

— גאָרנישט, גאָרנישט... — האָט אסתר געשטאַמלט אַ פאַררויטיקטע.

— זאָג, אויב דו האָסט עפּעס צו זאָגן... — ווענדט זיך צו איר ליובע און קערט איר פּנים צו מאירן — הייסט איר זאָגן...

האָט שוין דעמאָלט אסתר קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט:

— אַז עס קומט דריי אַ זייגער, נאָכן לערנען, און די קינדער דאַרפן גיין אַהיים — זאָגט זי — ווילן זיי נישט. זיי בלייבן אין די קאָרידאָרן, שטייען אויף די טרעפּ. וואָלט מען געדאַרפט מיט זיי עפּעס טאָן. איך מיין עפּעס אַ שפּיל, צונויפנעמען שפּילצייג פאַר די קלענערע, שאַפן מער ביכלעך פאַר די גרויסע,

עמעצער פון די לערער זאָל זיך אָפּשטעלן... וואָרום זיי האָבן דאָך נישט וווּהין צו גיין. אין די הייזער איז קאַלט. אפשר אויפקאָכן טיי...

— דו מיינסט אַ קינדער־קלוב... — האָט אַ בליץ־געטאָן מיט אירע אויגן ליובע.

עס האָבן געקוקט פון איר ווייכקייט און געלערנטקייט. אירע אויגן זענען שאַרפער געוואָרן: עס איז אַן אידייע!...

— דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, אסתר, איז אַן אידייע, צו וועלכער עס זע־נען געקומען אין אייראָפּע פּעדאַגאָגישע דערפינדער. זיי זענען געקומען צו דעם פון דער טעאָריע, פון ביכער. דאָס איז די אידייע וועגן קינדער־קלובן. דו ביסט געקומען צו דעם פון אינעווייניק, פון דער שול אַליין. לאָמיר עס נאָכטראַכטן. איך האָב ביי מיר אַ ביסל ליטעראַטור וועגן דער פראַגע. איך וועל דיר געבן, וועסט עס דורכלייענען און פאָרשטעלן אַ רעפעראַט... דאַרפסט קומען מיט אַ פּלאַן צו־געפּאַסט פאַר אונדזערע קינדער און אונדזערע אומשטענדן....

ליובע האָט געמיינט, אַז אסתר וועט זיך נישט וועלן אונטערנעמען. זי איז שוין געווען גרייט דאָס צו פאַרלאַנגען פון איר דורכאויס, אַפילו בלויז צוליב איינשפּאַנען די לערער אין פאַרשערישער אַרבעט, אַרויסרופן אַקטיוויקייט. אסתר האָט זי איבעראַשט מיט איר מוטיקן ענטפער:

— גוט!

עס איז געווען נישט נאָר אַ וואָרט „גוט", נאָר אַ גוט געפיל. אַ דערהויבנ־קייט האָט זיך צעגאָסן איבער אסתרס לייב און לעבן. מאיר האָט פאַר זיך גע־מערקט, אַז אין דער רגע האָט אסתר אויסגעזען שענער.

— אַ פּנים, וואָס זאָגט אָן...

זי, אסתר, האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן טיש פון די לערער, און זי האָט געזאָגט צו מאירן אויף „דו":

— וועסט מיר העלפן...

— ער וועט... — האָט ליובע פאַר אים געזאָגט מיט זיכערקייט.

הינטער דער פאַרמאַכטער טיר פון לערער־צימער איז געשטאַנען דער מלאך פון גורלות און ער האָט געוויגן אסתרס גורל.

מען האָט געדאַרפט געפינען נייע לערער פאַר נייע קלאַסן. ווו נעמט מען זיי?... איז צוגעשיקט געוואָרן אַזוי ווי פון הימל דער אינזשיניער איטשע זאַבלו־דאָווסקי, מיט דער בלאָנדער באָרד. ער איז געווען אריינגעטאָן אין נאַטור־וויסנ־שאַפט, אַ מבין אויף גראָזן, ביימער, גרינסן, אַ גוטער צייכענער, מאָלער. הויך־געוואַקסן, ברייטפּלייציק, גוטמוטיק, פשטותדיק. ער האָט געלאַכט הויך. געזאָגט שאַרפע וויצן. ליב געהאַט קינדער, אַרומגענומען די לערערקעס מעשה־טאַטע. זיין טאַטע איז געווען באַקאַנט אין שטאָט — אַ ייִד אַ למדן, אַ משכיל, אַ העברעער און גבאי אין דער גרויסער שול. זיין טאַטע האָט געשריבן אין „המליץ", אין „הצפירה" לשון־קודשדיקע מאמרים, צונויפגעשטעלט אַ ביכל פון רעטענישן און

מעשיות אויף העברעיש. חיונה האָט ער געהאַט פון עטלעכע אייגענע הייזער אין מאַרק. איטשע זאַבלודאָווסקי האָט געגאַשט פון טאַטן לומדות, אינטערעס צו יידישע מעשיות און וויצן.

— מיין מאַמע האָט מיר איבערגעגעבן בירושה — האָט איטשע דערציילט —אַ פולע שטוב מיט וואַזאָנעס, בלומען־טעפלעך, אַן אייגענעם גאָרטן און סאָד. זי איז געווען פון ישוב, איר טאַטע איז געווען אַ יידישער פריץ...

פון זיין מאַמען האָט ער געגאַשט דעם נייגער צו דער נאַטור, צו די צמחים, קנאָספּן, וואָרצלען, צווייגן. אים איז אָבער שווער געווען מיט דער שול־דיסציפּלין, זיך אַן עצה געבן מיט די ווייסע־חברהניקעס. די יינגלעך האָבן גלייך דער־שפּירט זיין צוגעלאָזנקייט, זיין טאַטעשקייט און זענען אים געקראָכן „אויפן קאָפּ". זיי האָבן געצופּט זיין באָרד, זיצנדיק אויף זיינע קני, הענגענדיק אויף זיינע אַקסלען.

— וואָס צעלאָזט איר זיי? — פלעגט אים פאָרוואַרפן די דיסציפּלינירטע רייזל שאַפּירא.

— זיי צעלאָזן מיך, זיי מאַכן פון אַ גרויסן יידן אַ לאַבוסעוואַטן יינגל. זיי האָבן נישט קיין טאַטעס, ווילן זיי, די ווייסע חברהניקעס, אַ טאַטן.

ער פלעגט כאַפּן די יאַטן, די „לאַבוסעס" מיט אַ מחיהדיקן געלעכטער אין זיינע אָרעמס, האָצקען מיט זיי, שפּרינגען, זיי קנייפּן, פּאַטשן, קיצלען. ער פלעגט אַריינקומען אין שול מיט פולע הענט סלאָיען מיט געוויקסן, פיש, חיהלעך, ווער־רימלעך, רמשים. די קינדער פלעגן אים אַרומהענגען, אים נאַכלויפן, רייסן פון זיינע הענט, ער פלעגט זיך דעמאָלט אַראָפּזעצן ווו עס זאָל נישט זיין — זאָל זיין אויף דער ערד... אַרומגערינגלט מיט די שטיפערס, מיט די צעפּריילעכטע לאַ־בוסעס, פלעגט ער אָנהייבן דערציילן:

— וועגן אַ פישל אין סלאָי.

פלעגן הערן די קינדער פלאַי־פלאַים פון סלאָי, קוקן מיט פאָרשערישע אויגן צום אַרומשווימענדיקן פישל מיט די גילדענע שופּן.

— דאָס זענען די שווים־פעדערלעך און דאָס זענען די שופּן, פלוס־פעדערן...

און אין מיטן דערינען — אַ שטיף, אַ פּאַטש, אַ ריס פאַר די האָר, אַ קניפּ אין באַק.

— חיים, דו וועסט ווערן אַ פיש און איך וועל דיך אַריינזעצן אין אַ גרויסן סלאָי מיט קאַלטן וואַסער.

— איך וועל אים צעברעכן מיט די פיס...

— ווועסט דאָך זיין אַ פיש. האָט אַ פיש פיס? און דו, מלכה מיטן קורנאָסן נעזל, ווועסט ווערן אַ שמעטערלינג און ווועסט אַרומפליען מיט ווייס־גרויע פליגל.

און אָט כאַפּט זיך אַריין איטשע זאַבלודאָווסקי אין עלטערן קלאַס, ווו עס לערנט מאיר צפּת געשיכטע:

— עס איז אַזוי שלעכט און ביטער געווען די ייִדן בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים, אַז זיי זענען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און געגעסן מייז...

שפּאָרט דאָס געלעכטער איטשען, — ער קען זיך נישט איינהאַלטן — פון די ייִדן וואָס עסן מייז. שטעקט ער אָן די קינדער מיט זיין געלעכטער. זיי קוקן אויף אים און פּלאַצן אַרויס.

— ייִדן מיט לאַנגע בערד עסן קליינע מייז...

פרעגט איטשע די קינדער:

— ווער פון אייך וויל זען אַ מויז? איך האָב ווייסע מייזלעך אין שטייג. אַז דער לערער וועט דערלויבן, וועל איך אייך ווייזן מיינע ווייסע מייז.

מאיר צפת האָט שוין קיין ברירה נישט. איטשע האָט איינגענומען די קינדער מיט זיינע ווייסע מייז.

— לאָמיר אַלע גיין קוקן אויף די ווייסע מייז... — זאָגט מאיר אויסצובעסערן זיין מערכה.

מען האָט געדאַרפט לערנען אין אַלע קלאַסן זינגען און אויך איינשטעלן אַ קינדער־כאָר — ווער זאָל דאָס טאָן? — איז אונטערגעקומען דער הויך־געוויקסיקער, שווייגנדיקער באַס־זינגער און געהילף־דיריזשאָר פון דער כאָר־שול, יהודה שניידער. זיין טאַטע איז געווען דער אונטער־שמש פון אַלט־גרינעם בית־מדרש און אַ בעל־תפילה פון מנחה און מעריב. ער, יהודה, האָט געהאַט אַ פולן קאָפּ און מויל מיט נגינה. מעלאָדיעס פלעגן אין אים געבוירן ווערן אין שלאָף, אין חלום, אָדער גייענדיק איבער די גאַסן. מאיר צפת האָט אויסגעזוכט די לידער, די פּאַסיקע טעקסטן. אויב מען האָט געדאַרפט האָט ער, קיינער זאָל נישט וויסן, אויך איבערזעצט פון רוסיש, פון דייטש, פון העברעיִש, און יהודה שניידער האָט געשריבן די נאָטן און נאָכדעם געלערנט די לידער מיט די קינדער. גיך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן די קאַפּעליע פון דער פרץ־שול — מאיר מיט די ווערטער, יהודה מיט די נאָטן, אידאַ מיט דער פּיאַנאָ, אסתר מיט איר שטימע, איטשע מיט זיין הנאה, און עס זינגט דער קינדער־כאָר:

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך,<br>
אַ רעגנדל גאָר ווונדערלעך,<br>
שמעקעדיקע טראָפּעלעך,<br>
קומט אַרויס און טאַנצט אַ ראָד<br>
מיט בלויזע פיס און קעפּעלעך...

יהודה איז אַ מקפּיד ביים זינגען — מען דאַרף זינגען און נישט שרייען; מען דאַרף נישט פּאָנפּען. אַזוי רעדט ער אין משוררים־לשון. מען דאַרף זינגען צוזאַמען, אַלע גלייך. ווערט עס געזאַנג, ווערט ליד. ווייל אסתרס קול איז אַ קלאָרער און אַ ווייכער. זי האָט אים געירשנט פון איר מאַמען, זינגט זי פּאַרויס.

זי באַרויִקט מיט איר שטימע די קינדער, זי שווימט אַרויס פּאַרויס שטיל, נאָכ־דעם העכער, צוריק — נידעריקער, שטילער, זינגעוודיקער:

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען...

גייט די שול־אַרבעט איבער אַלע דריי שטאָק. אויפן סאַמע העכסטן שטאָק לערנען די עלטערע קינדער, געקומענע אַהער פון די פּאַרמאַכטע שולן און תלמוד־תורהס. מאיר לערנט געשיכטע:

— אין גליל האָבן געוווינט די אָרימע ייִדישע פּויערים, פּשוטע און פּראָסטע מענטשן. זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די רייכע לייט פון ירושלים...

הייסט עס, אַז די אָרימע לייט בונטעווען זיך שטענדיק קעגן די רייכע לייט.

אויך אין גליל פון ארץ־ישראל איז געווען אַזוי.

— לערער — פרעגט אַ תלמיד — און מען האָט געמעגט זיך בונטעווען?... מען האָט נישט געזעצט אין טורמע?

אַלע ווילן וויסן דעם ענטפער.

— מען האָט טאָקע נישט געטאָרט. די רייכע האַלטן שטענדיק די אָרימע אין מורא. אָבער נישט שטענדיק האָבן זיי מורא.

דאָ איז שוין אַ הויך־שול, מען לערנט שוין די תורה פון לעבן.

אויפן צווייטן שטאָק לערנען פיר קלאַסן. מען לערנט כל התורה כולה — רעכענען, געאָגראַפיע, נאַטור, שפּראַך.

אויפן ערשטן שטאָק שטיפט דער קינדער־גאָרטן. די קליינע וועוויריקעס לויפן אום, קערן וועלטן, שטיפן, קלאַפּן מיט קלעצלעך, שערן מיט שערלעך, שמירן מיט פּענדזלעך, צייכענען מיט בלייפעדער.

דאָרט איז ליובע. מיט זיי איז רבקה בערנשטיין. עס זענען מיט זיי אויך צוויי יונגע געהילפינס אין ווייסע שירצן.

אין איר קלאַס אויפן צווייטן שטאָק לערנט אסתר מיט די קינדער די מעשהלע וועגן דער „דין־תורה מיטן ווינט". זי, אסתר, האָט שוין הינטער זיך וואָכן, יונגע, קרעפטיקע, אָנגעלאָדענע מיט מעשים, מיט מחשבות און פּלענער. זי האָט שוין פולע קעשענעס מיט אויפטואונגען. אויך דאָס לערנען די „דין תורה מיטן ווינט" איז אַן אויפטו.

— איז געקומען די אָרימע אלמנה צו שלמה־המלך זיך משפטן מיטן ווינט, וואָס האָט אַרויסגעכאַפּט איר לעצטן לעבל ברויט און איר געלאָזט אַ הונגעריקע מיט אירע קינדער...

מען איז אין שלמה־המלכס פּאַלאַץ. אסתר לערנט זיך פון מאירן ווי צו דערציילן אַ מעשה די קינדער. אָט איז דער מלך מיטן קרוין אויפן קאָפּ און גילדערנעם שטעקן אין האַנט.

— שטייט פאַר אים אַ געבויגענע די אָרימע אלמנה די פישערקע און טענהט: „פאַרוואָס האָט דער ווינט צוגעכאַפּט?״.

טאַקע — פאַרוואָס? אַלע קינדער ווילן וויסן — פאַרוואָס? אסתר וויל וויסן צוזאַמען מיט די קינדער — פאַרוואָס?

באַלד זעצט זיך שוין די זון. שקיעה אין די פענצטער. די דריי שטאָק מיט די דריי הונדערט קינדער דאַרפן אַזוי נייטיק האָבן אַלדאָס גוטס, ברכה און הצלחה. זיידל דער וועבער, יאָסל גאַרבער, שמערקע דער שלאָסער, מיטגלידער פון דער שול־פאַרוואַלטונג, ברענגען אַ זאַק גרויפּן און צוויי זעק מעל אין שול אַריין.

— זאָלן די קאַרפּוזיקעס האָבן וואָס צו עסן...

## עלפטער קאַפּיטל

# דער גרויסער יום־טוב

עס זעט מיר אויס כסדר ווי חול־המועד — זאָגט אסתר צו אידאַן — נישט יום־טוב, נישט וואָך. די טעג גייען אַוועק אַנגעלאָדענע. זיי גייען נישט צו נעכטנס, נאָר צו מאָרגנס.

— דו רעדסט אַזוי ווי מאיר — זאָגט אידאַ.

— איך רעד אַזוי ווי איך.

— דו ווערסט דערוואַקסענער אויף אַ יאָר אין יעדן חודש.

דרויסן, אויסער דער שול, גייט די וועלט כאַדאָראַם. די צאַרישע אַרמייען ליגן געשלאָגן אין די פּאָלעסיער בלאָטעס. הינדענבורגס אַרמייען שטייען ביי דער מאַרנע. טויזנטער פאַלן ביים ריימס. די צאָל דערהרגעטע — הונדערטער טויזנטער. אַמעריקע האָט זיך אַריינגעמישט און מען זאָגט, אַז איצט וועט שוין נעמען אַ סוף. אין אוקראַינע פּאָגראָמירט מען ייִדן. אין רוסלאַנד וועט זיין אַ רעוואָלוציע.

אין זאַל פון פּרץ־שול איז שבת בייטאָג, ווען די שול איז געשלאָסן, געווען אַ פאַרזאַמלונג פאַר גרויסע. ישראל גייסט האָט שאַרף גערעדט וועגן „פאַרראַט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״.

אַליין איז ער, ישראל גייסט, אַ באַלעבאַטיש־סוחרישער זון, געענדיקט פאַר דער מלחמה די „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע״, וואָס איז גלייך געווען צו זעקס קלאַסן גימנאַזיע. ער איז אַ דאַרער, זיין נאָז — אַ שאַרפע, זיין מויל — אַ קליינס, די ליפּן כמעט שטענדיק צוגעקלעפּט איינע צו די אַנדערע. ער זאָגט, אַז ער איז אַ קענער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אַז ער ווייסט די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער רעדט וועגן דער נאָנטער צוקונפט אַזוי:

— מיר האָבן גוטע ידיעות, אַז אין רוסלאַנד וועט גאָר אין גיכן אויסברעכן די רעוואָלוציע. דאָס פאָלק וויל שלום און ערד. דייטשלאַנד און עסטרייך וועלן אונטערקומען. און פאַריז? — ער רעדט וועגן פאַריז ווי ער וואָלט דאָרט געווען אַ היימישער — זי איז דאָך די שטאָט פון די קאָמונאַרן, פון די שטורמער פון דער באַסטיליע.

ער ווייסט אויך וועגן דער מחלוקת צווישן לענין און פּלעכאַנאָוו. ער האַלט מיט לענינען.

— לענין איז גערעכט. אויב רעוואָלוציע, מוז זי זיין גלייך אַ סאָציאַלע. מען וועט שנעל דורכגיין דעם פּעריאָד פון דיקטאַטור.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט מיט דיסקוסיעס. פאַרנאַכט איז דער זאַל געווען ליידיק. אויף מאָרגן איז אין דער פּרץ־שול נישט געבליבן פון איר קיין זכר.

זונטיק פרי זענען ווידער אַלע קלאַסן פול. עס איז אַ וואַלד מיט דריי הונ־דערט פייגל אויף זיינע ביימער. די פייגל צוויטשערן. אין זעלבן זאַל, וווּ עס איז געווען נעכטן די פאַרזאַמלונג, לערנט יהודה שניידער מיטן כאָר:

טאַנץ, מיידעלע טאַנץ
אינעם בלומען־קראַנץ.
זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ועסט געשווינדט אַ כלה ווערן...

בעת דער גרויסער הפסקה זענען אַלע קינדער אין שול־זאַל. מען שטיפט, מען שפּילט זיך, מען דרייט זיך אין קאַראַהאָדן. אסתר האָט זיי ליב, די קאַראַ־האָדן מיט די טענץ, — אירע פיס הייבן זיך אַליין צום טאַנץ. זי האָט ליב זינגען מיט די קינדער. די לערער, אַ ביסל מידע פון עטלעכע לעקציעס, ווייסן, אַז מען קען דעם זאַל מיט קינדער לאָזן אויף אסתרן. זי וועט זיך אַן עצה געבן. ליובע כאַפּט דאָך אַ קוק.

אין אסתרן איז סיי אַ מונטערקייט און סיי אַן אומרויִקייט. זי איז מונטער פון דער שול, פון די לעקציעס, פון די קינדער, פון „די קוישלעך פּירות פון צעוואַקסענעם גאָרטן", פון דעם נייעם וויסן, וואָס זי באַקומט אַרויס פון יעדן טאָג, פון די נייע ביכער, פון די שמועסן מיט ליובען, מיט מאירן, און זי איז אומרויִק פון איר פאַרליבטקייט — אַ פאַרליבטקייט וואָס איז טריף, וואָס איז געגנבעט וואַסער פון אַ פרעמדן ברונעם, אָבער זי איז יונג, און איר האַרץ איז אַזוי צערודערט — שפּילט זי, זינגט זי, טאַנצט זי מיט די קינדער:

זעסט, דער הימל לאַכט מיט טרערן,
ועסט געשווינדט אַ כלה ווערן...

כלות טוט מען אָן אין ווייסע גירליאַנדעס. אסתר איז שלאַנק, איר קאָפּ איז שוואַרץ, אירע צעפּ זענען לאַנגע, אַ ווייסער שריינט אויף איר קאָפּ, איר פּנים איז צעשטראַלט, — ווי וועט זי אויסזען אין אַ כלה־גירליאַנדע?...

— ביסט משוגע, אסתר, לייבע דעם בלעכערס טאָכטער. לייבע איז נישט קיין בר־מזל אויף דער וועלט. זיין טאָכטער אסתר — אַ כלה גאָר!...
ווער וועט איר חתן זיין?

— אסתר, ביסט דאָך שוין אַ לערערין, אַ דערוואַקסענער מענטש. עס פאַסט גאָרנישט פאַר דיר אַזעלכע באַלעבאַטישע פאַנטאַזיעס.

וואָס זאָל זי אָבער טאָן, אסתר, אַז זי האָט אַ האַרץ, וואָס בענקט, אויגן — דורשטיקע, און איזן איז זי — אַ צייטיקע פלוים, — וואָס זאָל זי טאָן, ווען אַלע אירע יונגע יאָרן ברומען אין איר?...

זי האָט קיין מזל נישט? — קען זי נישט איבערמאַכן איר שיקזאַל? אין איר בעכער איז ווייַן מיט גאַל צוזאַמען.

וואַרפט זיך אַריין אסתר מער אין דער שול־אַרבעט. מען דאַרף דורכזען העפטן, מען דאַרף זיך גרייטן צו מאָרגנדיקע לעקציעס. מען דאַרף פּאַרטיק מאַכן אויף יידיש רעכן־אויפגאַבן, געאָגראַפישע טערמינען. מען קען דאָס נישט טאָן אַליין, טוט מען דאָס צוזאַמען — מאיר, איטשע, רייזל און אסתר. ליובע מישט זיך נישט אין דעם. מען דערגייט צו גראַמאַטישע כללים, וואָס שוין, מאָרגן — איבערמאָרגן, רויערהייט, וועט מען זיי לערנען מיט די קינדער אין קלאַס. ערשט אויסגעבאַקענע קוכנס.

מאיר ברענגט פאַפירלעך, טאַבעלן, פאַרשריבענע קליינע ביכלעך מיט ווער־טער, מיט ביישפּילן, פאַרגלייכן, כללים, איבונגען. ער איז פאַרעקשנט אויף כללים, וואָס ער אַרבעט אויס, שפּאַרט זיך ביי יעדן פּרט. ער פירט מלחמה פאַרן פאַנעטישן אויסלייג פון וואָרט.

— אַז עס איז נישטאָ ווו אַריינצוקוקן, ביי וועמען פרעגן אַ שאלה, אַ מוסמך... — זאָגט ער ווי ער וואָלט געווען אַ פאַרצווייפלטער רב, וואָס האָט נישט קיין ספר אַריינצוקוקן ביי אַ שווערער שאלה.

ער גיט צו פאַרשטיין אסתרן זיין באַציִונג צו דער פּרץ־שול:

— עס האָט מיר אויסגעזען, אַז איך האָב נישט קיין תכלית אין לעבן. זיין אַ רוסישער לערער ביי יידן מיט אַ קוקאַרדע אין היטל? — אַ תלמוד־תורה־מלמד, אַ ראש־ישיבה האָט געהאַט ווו אַריינצוקוקן — צוויי טויזנט גלות־יאָרן, טראַדיציע, אויסגעאַרבעטער דרך. ער האָט זיך געפילט ווי אַן אָנגע־שטעלטער פועל ביים רבונו־של־עולם. אַרום אים זענען געשטאַנען טאָפּאָלן פון תורה, אגדה, מצוות. נעם פון די צווייגן וויפל דו ווילסט. עס זענען פאַר־טיקע פּירות... וואָס זאָל ער טאָן, אַ ייד אַ לערער מיט אַ קוקאַרדע, מאיר צפת, אַ רוסישער לערער, אַ בן־המגיד צווישן משהלעך און שלמהלעך מיט יידישע אומעטיקע אויגן?... ווער ביסטו? וואָס טוסטו? ווּהין גייסטו?... לאן... לאן אתה הולך?... צו מיר איז אַראָפּגעפאַלן אין מיטן דער וועלט־מלחמה די פּרץ־שול ווי אַ דערשיינונג. עס איז אַ באַשערטקייט, עס איז אַ תיקון פאַר מיר. איך פיל ווי אַ מזל פירט מיך יעדן טאָג אין שול אַריין.

און ער גיט נאָך צו:

— דערצו נאָך ביסטו דאָ אַריינגעקומען... אסתר...

שמייכלט אסתר:

— אַז דו רעדסט אַזעלכע געקרייזלטע, געפּאַרבטע ווערטער, דוכט זיך מיר, אַז סטענגעס לויפן פון דיין מויל, ווי פון אַ צילינדער ביי אַ קונצן־מאַכער. פאַר מיר איז גענוג די פריידן פון די קינדער.

און זי גיט צו:

— פאַר מיר איז גענוג אַ געשריי פון תמרל: „זעכצן געטיילט אויף פיר, איז פיר!".

די לעצטע טעג איז די גאַנצע שול, — אַלע לערער, קינדער, געהילפן, — פאַרנומען מיט פאַרווירקלעכן מאיר צפתס אַן אידייע:

— פּרץ־שול זאָל פראַווען חנוכה־יום־טוב אין פּאַלאַס־טעאַטער, אַרויסקומען צו פאָלק. פאַר דער שול וועט דאָך דאַרפן דאָס פאָלק מלחמה האַלטן. מיר זענען נאָר אַ ביישפּיל, אַ משל. דאַרף מען זי, די שול, באַווייזן צום פאָלק.

דאָס איז זייער געפעלן געוואָרן דעם באַס־זינגער און דירעזשאָר יהודה שניידער:

— ייִדישע לידער געזונגען פון ייִדישע קינדער אין סאַמע פּאַלאַס־טעאַטער, אין סאַמע מיטן מלחמה — שונאים אויף צעפוקעניש!...

מאיר האָט אין די צוגרייטונגען אַריינגעוואָרפן זיין גאַנצע התלהבות:

— אסתר וועט אָנפירן מיטן שפּיל „אַ דין תורה מיטן ווינט", רייזל — מיטן שפּיל „חשמונאים", זיי ביידע — מיטן „טאַנץ פון די חנוכה־ליכטלעך", יהודה וועט אָנפירן מיט די געזאַנגען, ליובע וועט אַכטונג געבן אויף דער קליידונג, איטשע וועט בויען מיט די באַלמעלאָכעס די דעקאָראַציעס, אידאַ וועט באַגלייטן אויף דער פּיאַנע, רבקה בערנשטיין וועט צוגרייטן די קינדער פון קינדער־גאָרטן.

— און איר?

— איך וועל טאָן וואָס מען וועט דאַרפן... איך וועל אויפנעמען אין זאַל די עלטערן... אין זאַל קענען אַריין פופצן־הונדערט מענטשן.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד איז די גאַנצע שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין טעאַטער־וואַרשטאַט — זינגער, שפּילער, דעקאָראַציע־מאָלער, מאַסקעס־מאַכער. קינדער האָבן געזאָגט אויסנווייניק פּערזן, דיאַלאָגן, געברומט מעלאָדיעס — עס איז כסדר געווען ערב עפּעס גרויסעס.

כדי די קינדער זאָלן בעסער שפּילן די „חנוכה־שפּיל", די „חשמונאים", האָט מאיר צפת זיי דערציילט מיט אַ סך פאַנטאַסטישקייט די מעשה־חנוכה. ער האָט דערציילט מיט זיינע ביידע הענט, מיט זיינע טיף־אַריינגעזעצטע און גליִענדיקע אויגן — זיין פּנים איז געווען דאַרער, אויסגעצויגענער.

וואָס נענטער מען איז געקומען צום יום־טוב, איז ער געוואָרן אַלץ עלעקטריזירטער. ער איז אומגעלאָפן איבער די קלאַסן און טרעפּ ווי איבער אַ פאַנטאַסטישער וועלט. ער האָט מיט זיין התעוררות אָנגעצונדן אַלע דריי שטאָק — אַלע לערער, די קינדער, די מיטגלידער פון דער שול־פאַרוואַלטונג. די טעג זענען קורצע, אָבער פולע, אָנגעלאָדענע, די שעהן זענען וואָגיקע. דער מח ברענט.

ער שטייט אָפּט אין שול־זאַל, ווו עס קומען אַרויס טירן פון עטלעכע קלאַסן. די קלאַסן זענען פול מיט קינדער. עס טראָגן זיך אַרויס פון זיי געזאַנגען, רייד פון מתתיהו כהן גדול, פון יהודה המכבי. פון אסתרס קלאַס, ווו זי גרייט, צוזאַמען מיט די קינדער, פּרצס „דין־תורה מיטן ווינט“, טראָגט זיך אַרויס אין זאַל איר קול:

— נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער, אלמנה שונמית, ווייל נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט...

פּאַרוואָס ציטערט דיין האַרץ, צערודערטער מאיר?...

די פּרץ־שול זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ גייסטיקע פאַבריק מיט אַ סך מאָטאָרן. די רעדער, די טראַנסמיסיעס זענען אין פולן גאַנג. ער, מאיר, איז אַן אינזשיניער אין דער פּרץ־פאַבריק.

זאָל זיין גוט, זאָל זיין מזל־ברכה!...

ביי וועמען בעטסטו, מאיר?...

ער ווייסט נישט קיין נאָמען — אָבער ביי עמיצן, וואָס איז גרעסער, העכער. זיין טאַטע, דער סלאָנימער מגיד, האָט געוווסט פאַר דעם אַ נאָמען.

ביז עס איז געקומען דער טאָג!

ווו האָט זיך גענומען ביי די אָרימע מאַמעס אויסגעוואַשענע קליידלעך, שירצ־לעך, רעקלעך?... ווו האָבן זיי גענומען די פאַרביקע סטענגעס אַריינצופלעכטן אין די צעפּ פון זייערע טעכטער?... ווו האָבן זיי אַלע גענומען שוואַקס אויסצו־פּוצן די שיך פון די קינדער?...

פּאַלאַס־טעאַטער איז פול איבער אַלע זיינע ברעגן. מען גייט, און מען גייט — עס איז שוין נישטאָ ווו אַריינצוגיין. אַלע דריי שטאָקן זענען פול, געפּאַקט, די גאַלעריעס, די לאָזשעס. אונטן אין פּאַרטער אַליין זיצן און שטייען טויזנט מענטשן. אַלע זענען אָנגעטאָן שבתדיק. עס ברענען אַלע לאָמפּן. מען שפּאַרט זיך ביי די טירן, מען לאָזט מער נישט אַריין.

ווי אַזוי האָט מען געקענט בלייבן אין די אָרימע גאַסן, אין די קאַלטע הייזער, ווען אין פּאַלאַס־טעאַטער דאַרף זיין אַזאַ גרויסע זאַך, אַזאַ אויסטערליי־שער יום־טוב? — ווי אַזוי זאָל מען איינזיצן אין שטוב, ווען הונדערטער קינדער וועלן טאַנצן און זינגען אין סאַמע מיטן דלות און צער?

עס האָט געצויגן אין פּאַלאַס־טעאַטער אַריין.

עס האָבן געקלאַפּט די הערצער ביי די מאַמעס — די קינדער זייערע וועלן זיין אויף דער סצענע, ווען זייערע טאַטעס זענען אין מלחמה, געפאַנגשאַפט, אָדער וועד־ווייסט־ווו, זאָל גאָט רחמנות האָבן. די הערצער זענען אָנגעלאָדן, זאָל מען כאָטש נחת האָבן פון קינד.

סאָציאַליסטן, ייִדישיסטן, בחורים און מיידלעך זענען געלאָפן אין טעאַטער אַריין: „עס איז אונדזער יום־טוב, אונדזער שול!“, עס איז די נייע שול, עס איז אַ שול אויף ייִדיש. מען האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק — אַ ריינע העמד, אַ קראַגן, אַ שלייפל, אַן אויסגעפּרעסטע בלוזקע, אַ בעסער קליידל. קעפּ אויף קעפּ. אין

טעאַטער איז וואַרים. עס רוישט ווי אין אַ בינשטאָק. ווייבער, וואָס זענען געקומען אין פאַטשיילעס, מוזן זיי אַראָפּנעמען פון די אַקסלען. הייס!...

מען קלינגט דריי מאָל. עס הייבט זיך אָן. אין זאַל ווערט פינצטער. דער פאָרהאַנג עפנט זיך. די סצענע איז ליכטיק, אויסערגעוויינלעך ליכטיק.

די קינדער!...

ווי נאָר די קינדער האָבן זיך באַוויזן, ווי נאָר זייערע שטימען האָבן זיך דערהערט, ווי נאָר מען האָט זיי דערזען אין די פאַרביקע מלבושים, און קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז זיי זענען געמאַכט פון פּאַפּיר, ווי נאָר די ערשטע קלאָרע יידישע ווערטער פון זייערע לידער האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבערן טעאַטער, איז דאָס גאַנצע טעאַטער אַוועק אַזוי ווי מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— עס צעגייט זיך איבער אַלע גלידער.

— אַ כפרה אַלע חזנים...

דער כאָר זינגט און יהודה שניידער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט.

בראַוואָ — בראַוויסימאָ!... — ער רעדט צו זיך אַליין, משוררים — אין אוניסאָן, אוניסאָן — — —

— מיין טייבעלע!... אָט איז יאָסעלע!... אָט איז איטשקע!... — גאָרנישט די זעלבע קאָרפּוזיקלעך, שרעטעלעך, וואָס אין שטוב. זיי זענען דאָ ליכטיקע. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מיין דבורה איז שוין אַזוי גרויס. זע נאָר זע, ווי בערל האָט זיך צערעדט, ווי אַ גרויסער מענטש, אַ געזונט אויף זיין קאָפּ. שמערקע איז גאָר מתתיהו כהן גדול — אָט דער מיט דער באָרד און שטעקן. מען זעט אים גאָרנישט אַרויס פון הינטער דער באָרד.

— עס איז אַ שבת־שירהלע!...

— גאָלע מתיקות!...

סצענע און זאַל זענען געוואָרן איינס. די סצענע זינגט, טאַנצט, שפּילט און דער זאַל שעפּטשעט — אַלץ איז געוואָרן צונויפגעקלעפּט, צונויפגעגאָסן, די טאַנצנדיקע קינדערשע פיס הילכן אָפּ אין אַנדערטהאַלבן טויזנט הערצער אין זאַל. די ליכטיקייט פון דער סצענע האָט העל געמאַכט אַנדערטהאַלבן טויזנט געמיטער. די עבודת־הקודש, די ניגונים, דאָס מאַמע־לשון, די מחנה קינדער — אַלע צוזאַמען האָבן אויפגעטאָן אַ כישוף. דאָס האַרץ איז ענג דאָס אויפצונעמען.

— ניעכאַי וואָלט דער טאַטע דאָ געווען און געהאַט נחת פון זיין אוצרל, וואָלגערט ער זיך אין פעלד מיט אַ ביקס. וואָלט כאָטש געווען אין שטוב אַ צוקערל פאַרן קינד, אַביסל איינגעמאַכטס. מען דאַרף דאָך עס צעקושן!...

— אַי, אַ קלאָג צו מיר!... ביי מירטשען לאָזט זיך אַראָפּ אין מיטן דערינען אַ זאָק. די גרויסע הוט איז אַראָפּגעפאַלן שרהקען פון קאָפּ. ווען מען קען זיך אַ לאָז־טאָן פון דער גאַלעריע, אַרויפלויפן אויף דער סצענע און צורעכט מאַכן. אַ רחמנות, נעבעך, אויפן קינד. זעסטו, די לערערין האָט דאָס דערזען,

זי איז מיט די קינדער צוזאַמען און זעט אַליין אויס ווי אַ קינד. זי האָט דאָס פאַרריכט.

ווי נאָר די קינדער ענדיקן עפּעס — זינגען, טאַנצן, ברעכט אויס דער זאַל מיט שטורעם. אַט־אָט לייגט זיך איין דאָס טעאַטער „פּאַלאַס".

דאָס שטורעמט נישט נאָר דער זאַל, די אַנדערטהאַלבן טויזנט מענטשן. דאָס שטורעמט די נייע תקופה, דאָס איז די שמחה פון יונג געוואָרענעם מאַמע־לשון. פּרץ־שול!... — פּרץ אַליין איז דאָ מיט די קינדער פון זיין שול אויף דער סצענע. אַלנפאַלס, מאיר צפת, וועמענס ביינער עס ציטערן, איז אין דעם זיכער.

דער קינדער־קאַראַהאָד איז געבליבן אַ רגע שטיין. מען האָט אין זאַל גע־פילט, געזען בחוש, אַז עפּעס דאַרף באַלד פּאַרקומען. שטיל זאָל זיין! — מען האָט דאָס געזען אויף די פּנימער פון די קינדער. מען האָט דאָס געזען אויף די פּנימער פון די צוויי לערער אויף דער סצענע. מען האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. דורך איינער פון די זייטיקע פאַרהאַנגען פון דער גרויסער סצענע אין פּאַלאַס־טעאַטער איז אַרויסגעקומען אַ קליין יינגעלע, אַ שוואַרץ קעפּל, גרויסע אויגן, ערנסטער פּנים, אַ ווייס, זיידן בלוזקעלע, ווייסע זעקעלעך און ווייסע שיכ־לעך, — גייט, גייט אַליין, פּאַמעלעך, אָבער נישט פאַרלאָרן, גייט ביזן סאַמע סוף פון דער סצענע, ביזן ראַנד, בלייבט שטיין דרייסט אַליין קעגנאיבער דעם פינצ־טערן און פולן זאַל. די פּיאַנע שפּילט אַ פּאָר טאַקטן. עפנט דאָס יינגעלע דאָס מיילכל און אַ רויק, קלאָר שטימעלע טראָגט די ווערטער פון מיילכל:

אוי חנוכה, אוי חנוכה,
אַ יום־טוב אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער,
נישטאָ נאָך אַזוינער...

געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכה־ליכטלעך אָן,
זאָל יעדער באַזונדער,
באַזינגען די וווּנדער
און טאַנצן פריילעך אין קאָן.

נאָך אים זאָגן דאָס זעלביקע הויך אַלע קינדער. אין מיטן דערינען קומען אַריין אַכט קינדער מיט אַ מנורה. די אַכט קינדער זענען אַליין אַ מנורה. עס ברענען אַכט ליכט. דעמאָלט טוט זיך אַ נעם דער גאַנצער כאָר:

אוי חנוכה, אוי חנוכה,
אַ יום־טוב אַ שיינער...

דאָס יינגעלע מיטן שוואַרצן קעפּל, וואָס איז אַלט אינגאַנצן אַ יאָר זעקס, מיטן בלענדנד־ווייסן בלוזקעלע, מאַכט מיטביידע הענטעלעך, אַזוי ווי ער וואָלט וויזן דעם כאָר ווי צו זינגען:

געשווינדער,
צינדט, קינדער...

דער אַנדערטהאַלבן טויזנט־קעפּיקער התלהבותדיקער זאַל וואָלט דעם יינג־געלע אַוועקגעטראָגן אויף אַלע הענט. אַ מאַמע, דעם ייִנגעלעס מאַמע זיצט אין דער פינצטער פון זאַל און — וויינט...

וואָס קען איצט אַנדערש טאָן זיין מאַמע, ווי וויינען?...

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ. עס איז נאָך נישט געענדיקט, עס איז נאָר אַן אַנטראַקט. אין זאַל ווערט ליכטיק. מען קען נישט זיין רויק, מען קען נישט האַלטן פאַרמאַכט די מיילער. זין און טעכטער פון אַ פאָלק פון דבקות, בטחון און התלהבות, וואָס אָרעמער, אַלץ מער הוליאַקע... — קאָכט דער זאַל, די גאַלעריע, די באַלקאָנען. מען לאַכט איינער צום צווייטן. מאַמעס ווישן טרערן פון זייערע אויגן.

די מענטשן פון דער פּרץ־שול, אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, אָט די מענטשן פון דער פאַרוואַלטונג, אָט די וואָס קומען אויף פאַרזאַמלונגען, וואָס צאָלן אין אָרעמקייט שול־שטייער, האָבן איצט באַקומען זייער לוין פולע הויפנס, די והותר, צו פיל. זיי האָבן אַ געפיל, אַז אַלע קוקן אויף זיי, זענען זיי מקנא. עס איז דאָך זייער פּרץ־שול!...

— וואָס זאָגסטו, זיידל?... האַ?

— רעד עפּעס, יאָסל.

ישראל גייסט זאָגט:

— געקומען זענען די אָרעמע לייט, די גבירים זענען נישטאָ...

— איך האָב זיי אין דר'ערד... — זאָגט זיידל — זינגען זינגט דער אָרעמאַן. דער רייכער הירזשעט ווי אַ פערד...

דאָרט, אויף יענער זייט סצענע „הינטער די קוליסן”, אַרבעטן די לערערינס מיט עטלעכע יונגע חברטעס צו הילף. מען דאַרף איבערטאָן די קינדער, איבער־שטעלן די סצענע. מען דאַרף אַכטונג געבן אַלץ זאָל זיין גרייט. אסתר, רייזל, אידאַ, איטשע, מאיר — עס ציטערן די הענט, די הערצער. יהודה שניידער איז רויקער פון אַלעמען, ער זאָגט צום צערודערטן מאיר צפת:

— בראַוואָ — בראַווּיסימאָ, טאָסקאַניני!...

לייבע דער בלעכער און זיין ווייב מאַשע זענען אויך אין טעאַטער. אסתר האָט זיי געבראַכט אַהער. לייב ווייס נישט צו וואָס דאַרפן די קינדער שפּילן טעאַ־טער, נאָר — ווייסט זי, די טאָכטער זיינע, בעסער. זי איז דאָך אַ געלערנטע. מאַשע האָט נחת פון איר שיינער טאָכטער, ווען מען זי זעט אַ גליקלעכע, זינגענדיק און טאַנצנדיק מיט די קינדער. די לערערין!... — מאַשע אַליין, ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט מיטגעזונגען מיט איר טאָכטער און מיט די קינדער. ניגונים רעדן ווערטער צו מאַשען!... — עס איז נישט שיין, מאַשע, צו וויינען. וויש אויס די טרערן, מען זאָל נישט זען, לייבע זאָל נישט מערקן. זיי קומען אָבער ווידער אַרויס, די טרערן.

מען קלינגט שוין ווידער. עס איז שוין ווידער פינצטער אין זאַל. דער פּאָר־האַנג הייבט זיך אויף. עס איז ווידער ליכטיק אויף דער סצענע, זי איז אָבער ליידיק. הינטער די קוליסן האָבן זיך אַ רגע געשפּאַרט אסתר מיט רייזלען, ווער פון זיי זאָל אַרויסקומען. אַרויסגעקומען איז רייזל:

— די קינדער וועלן באַלד אויסשפּילן און אויסטאַנצן דעם טאַנץ פון חנוכה־לעמפּלעך...

די לערערין רייזל איז אַראָפּ פון דער סצענע. אַ מינוט איז זי געווען ליידיק. עס איז שטיל, עס איז אין דערוואַרטונג, און — אָט באַווייזן זיך די ערשטע קינדער מיט חנוכה־לאַמטערנעס, פאַרביקע, פּאַפּירענע, געפּאַלדעוועטע, אַזעלכע וואָס עס מאַכן שוין יידישע קינדער אין פאַרלויף פון אַ סך דורות. נאָך די ערשטע קינדער — נאָך קינדער, נאָך קינדער, נישט זיי גייען אַריין, נאָר זיי שוועבן אַריין, שווימען אַריין, טאַנצן אַריין, און יעדע לאַמטערנע אַ ברענענדיק חנוכה־ליכטל, קינד נאָך קינד. לאַמטערנעס, פאַרבן, קאָלירן, ליכט. די גאַנצע סצענע איז אַ רעגנבויגן פון כלערליי פאַרבן, כישופדיק, כולו צויבער, די גאַנצע סצענע — הוילע ליכט, פאַרביקייט, ניסימדיק — על הניסים!...

— חנוכהדיק!...

צוזאַמען מיט די קינדער — צוויי לערערינס, אסתר און רייזל. ביי דער פּיאַנע איז אידאַ. אַרום די ווענט, אַרום און אַרום, איז דער כאָר מיט יהודה שניידער. די קינדער אויף דער סצענע מיט די חנוכה־לאַמטערנעס, וואָס וויגן זיך, פאַרבן זיך, גייען אַ שטילן, לאַנגזאַמען, זיך וויגנדיקן טאַנץ. אסתרס שוואַרצע צעפּ וויגן זיך מיט מיטן פאַרביקן, ליכטיקן חנוכה־קאַראַהאָד. רייזלס אויגן קוקן אויף אַלע זייטן — פאַרזיכטיק, זאָל זיין זיכער מיט די ליכט אין די פּאַפּירענע לאַמטערנעס. דער כאָר אַרום און אַרום זינגט:

חנוכה, אוי, חנוכה,
אַ יום־טוב אַ שיינער...

עס עפנט זיך דער הינטערשטער פאַרהאַנג פון דער סצענע און עס טאַנצט אַריין די קליינע חנהלע טאַנקוס, וועלכע מען האָט געהאַט געבראַכט מיט אַ צייט צוריק אין שול אַרייך מיט פאַרפרוירענע הענטלעך און פיסלעך. איר קליידל איז געמאַכט אַזוי ווי אַ פאַרביקע לאַמטערנע. אין האַנט האַלט זי אַ מנורהלע מיט אַכט ליכטלעך. דאָס פּנימל אירס איז מלא־חן. די אייגעלעך בליצלען ווי די שענסטע חנוכה־ליכטלעך. און גלייך נאָך איר — געזאַנג פון כאָר, און גלייך מיט איר דער טאַנץ פון אַלע חנוכה־ליכטלעך.

ניין, דאָס קען מער דער זאַל נישט אויסהאַלטן. מען שרייט פון התלהבות, מען שפּרינגט אויף פון די ערטער, מען פּאַטשט מיט די הענט. יהודה שניידער וויל גאַרנישט וויסן און זען וואָס פאַר אַ מהפכה עס טוט זיך אין זאַל — ער פירט אָן מיטן כאָר. קינדער, קלינגענדיקער, זינגענדיקער, געשמאַקער!... אידאַ זיצט פאַרצויבערט ביי דער פּיאַנע און שפּילט און ציט מיט דעם כאָר. אסתר פליעסקעט מיט די הענט און זינגט מיט די קינדער...

געשווינדער,
זינגט, קינדער...

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ. געענדיקט. הינטער דעם פאָרהאַנג שפּרינ־גען די קינדער פון שמחה און צערודערונג. די לערער נעמען זיך אַרום, האַלדזן זיך. מאיר צפת האָט זיך נישט געקענט באַהערשן. וואָס זאָל ער טאָן איצטער?...

— וואָס?... האַ?... — ער האָט אַרומגענומען אסתרן און איר אַ קוש געטאָן:

— אסתר, אסתר...

זיידל וועבער פון דער פאַרוואַלטונג איז אַרונטערגעלאָפן הינטער די קוליסן און געטענהט צו מאירן:

— דער עולם וויל נישט אַוועקגיין... מען דאַרף אים עפּעס זאָגן... זאָג זיי עפּעס... כאָטש אַ פּאָר ווערטער.

ער האָט אַזוי ווי אַרויסגעשלעפּט מאירן פון יענער זייט פאָרהאַנג צום עולם.

— עס איז מיר שווער צו רעדן... — האָט מאיר צפת געזאָגט — מיר האָבן אַלע געזען און געהערט די קינדער, די פּרץ־שול... מיר האָבן געהערט דעם לשון, מיט וועלכן די נשמה פון פאָלק רעדט צו דער אייביקייט, מיט וועלכן תקופות רופן זיך איבער, חשמונאים־תקופה און אונדזער תקופה, די אָרעמע פישערין פון ירושלים מיט דער אָרעמער פישערין פון פּיאַסקעס... עס איז איינס, אחד... אונדזער פרייד ווי אונדזער פרייד, מיט זענען דאָך שוין דערוואַקסענע מענטשן; אָבער, ברידער מיינע, שוועסטער מיינע, די פרייד פון די קינדער! ווען איר זאָלט איצט זיין אויף יענער זייט פאָרהאַנג, הינטער די קוליסן, און זען די פרייד פון די קינדער... זאָלן זיי נאָר געזונט זיין...

גענוג. מער רעדן קען נישט מאיר צפת. פון זאַל טראָגן זיך כוואַליעס דאַנק־באַרקייט. ער, מאיר, איז איצט, שטייענדיק פאַרן עולם און רעדנדיק צו אים, געוואָרן דער זאַמלפּונקט פון דער התלהבות פון דער מאַסע — שטורעמט זי, די מאַסע.

די משרתים לעשן אויס די עלעקטרי. די מאַמעס זוכן זייערע קינדער. לייבע און מאַשע זוכן זייער טאָכטער, אסתרן.

זאָגט אסתר צו מאירן:

— איך האָב גאָרנישט געהערט, וואָס דו האָסט דאָרטן צו די מענטשן גע־רעדט. איך האָב נאָר געהערט זייער פּאַטשעריי.

— איך ווייס אַליין נישט וואָס איך האָב גערעדט.

דערווייל זענען אונטערגעקומען לייבע און מאַשע.

— מאיר — האָט אסתר אָנגעוויזן — דאָס איז מיין מאַמע מאַשע און מיין טאַטע לייבע.

זאָגט אַרויס לייבע זיין מיינונג:

— די קינדער האָבן גוט געאַרבעט.

— און אייער טאָכטער אויך... — זאָגט מאיר.

## צוועלפטער קאַפּיטל

# אין ווייסן וואַלד זאַלבעצווייט

טעג נאָך דעם חנוכה־יום־טוב איז די פּרץ־שול נאָך אַלץ געווען אַזוי ווי פאַרשיכורט פון איר יום־טוב. לערער האָבן געבראַכט גוטע גרוסן פון שטאָט. קינדער האָבן גערעדט און גערעדט וועגן יום־טוב, וועגן זייערע מאַמעס, וועגן זייערע פּוצונגען. עס איז סאַמע ווינטער, ווייסער שניי, שליטלעך מיט גלעקלעך פאָרן אין די גאַסן. מאיר און אסתר בלייבן לענגער נאָך די לעקציעס אין לערער־צימער. זיי לערנען צוזאַמען.

— ווּעסטו מסכים זיין? — פרעגט מאיר.

— אויף וואָס?... — קוקט זי אים אָן.

— אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד.

— ס'איז דאָך קאַלט אין שניי.

— אַ ווייסער שניי אין וואַלד וועט מאַכן מעשההאַפּטיקער דעם שפּאַציר. דער וואַלד נישט צו־ווייט. דער פראָסט האָט געלאָזן.

— גוט... — האָט זי מסכים געווען.

וואָס איז דער שכל צו גיין זאַלבעצווייט, פאַרנאַכט, אָוונטצייט, שניי־צייט, אין וואַלד? — נישטאָ קיין שכל אין דעם. עס קען אַפילו אויסזען אויסטערליש. ציט די אויסטערלישקייט.

— לאָמיר גיין...

עס איז דער גאַנג, וואָס מענטשן גייען אים שוין מיליאָנען יאָרן, וואָס מאַן און פרוי קאָנען אים אַליין נישט פאַרשטיין. עס איז דער גאַנג, אין וועלכן עס איז דאָ סיי ברכה און סיי קללה — אין אים איז דאָ ציטער פון האַרץ, מורמל פון געמיט. עס איז דער גאַנג, וועלכן מצווה און עבירה באַגלייטן. מען טאָר נישט און — מען ווערט געטריבן.

זיי זענען אין אַלטן ביאַליסטאָקער „צערטלס" וואַלד. עס איז שוין אָוונט. וואַלד און שניי. קיינער, אויסער זייביידן, איז נישטאָ אין וואַלד. עס האָט גע־

דאָרפֿט זיין קאַלט און עס איז גאָר וואַרעם. מאיר איז נישט איינער פֿון יענע צוויי און זיבעציק זקנים אין אַלעקסאַנדריע, נאָר אַ יונגער, צעלאָזענער שטי־פער. ער לויפֿט מיט אסתרן איבערן שניי. זיי האַלטן זיך ביי די הענט און לויפֿן צוזאַמען, און לויפֿנדיק נעמט ער זי אַרום, קושט איר אין קאָפּ:

— אסתרקע...

ער לויפֿט אַליין אַוועק פֿאָרויס, באַהאַלט זיך אונטער אַ בוים און ברומט ווי אַ בער, לויפֿט אַרויס און לויפֿט צו איר און פֿאַלט אין אירע הענט און טוליעט זי צו זיך.

עס ווערט פֿון דעם וואַרעם. מען טאָר נישט און עס איז פֿריילעך. זיי גייען זאַרגלאַז, שטיפֿעריש, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, איבערן ברייטן וואַלד־וועג.

— דערציילט מיר עפּעס וועגן זיך... — זאָגט צו אים אסתר.

— איך וועל דיר דערציילן, אויב דו ווילסט... — זאָגט מאיר.

דערציילט ער איר וועגן דעם, ווי ער איז געווען אַ יונגער, עילוידיקער לערנער אין סלוצקער מוסר־ישיבה. עס האָט אים איינקוואַטירט ביי זיך אַן אַלטער ייִד, אַן אַרכיטעקט, אַ בעל־תשובה, אַנאַטאָלי טורנאָוו. דער זקן האָט געהאַט אויס־געבויט די ליבאַווער־ראָוונער אייזנבאַן פֿאַר דעם קייסער. אויסגעלעבט אַלע עולם־הזהס אין די רוסישע שטעט און געוואָרן אויף דער עלטער אַ בעל־תשובה, ער האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין זיין אימעניע הינטער סלוצק צווישן זיינע גרויסע סעדער, ביי דעם אייגענעם טייך. ער האָט גענומען דעם יונגן לערנער מאיר „אויף קוואַטיר“ ביי אים אין הויז, ער זאָל שבת עסן ביי זיין טיש און לערנען מיט אים ייִדישקייט פֿון די גרויסע און הייליקע ספֿרים. דער בעל־תשובה האָט אויך גענומען פֿאַר זיך אַ ווייב, די דריטע, אַ געזונטע, מיטלאָריקע ישובניצע חיה־פֿרומע, זי זאָל אים פֿירן אַ ייִדישע שטוב, אַ כשרע קיך, זאָל אַכטונג געבן אויף אים, אויפֿן זקן, אויף זיין סאָד, אויף די קי. פֿלעגט ער, מאיר, זיצן ביים טיש מיטן זקן דעם בעל־תשובהניק מיט דער ברייטער ווייסער באָרד, און מיט אים לערנען שטיקער מדרש, חיי־אדם, משניות. דער אַלטער אַרכיטעקט האָט געפֿילט אין דעם לערנען אַ גוטן טעם, ער פֿלעגט זיך פֿאַסמאַקעווען:

— אַ כּפּרה אַלע ווייבער און אַלע שענקען פֿאַר איין שטיקל משניות.

דאָס ווייב זיינס, האַלב ווייב און האַלב דינסט, אַ געזונטע, אַ רויט־באַקיקע, געפּעסלטע ישובניצע, פֿלעגט דערלאַנגען צום טיש פֿאַרפֿרוירענע עפּל, גרויסע אייער־קיכלעך, אַוועקשטעלן אַ סאַמאָוואַר טיי און זיך אָפּטראָגן הינטער זיך פֿול מיט מורא און דרך־ארץ פֿאַר די גרויסע ספֿרים אויפֿן טיש, וואָס זי האָט גערופֿן:

— די תורהס...

דער אַלטער אַרכיטעקט האָט געזופּט טראָפּנוויז די תורה פֿון דעם יונגן תלמיד־חכם, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן צו אים פֿון גרויסן ראש־ישיבה, דער לבוש מרדכי, און ער האָט אָנגעזאָגט זיין ווייב חיה־פֿרומע:

— גיב אים פֿון פֿויגל־מילך... טו אים אַ קוש אין קאָפּ...

מאיר איז אָבער אַריין אין טורנאָוס אימעניע מיט דער לינקער פֿוס. דאָרט

איז שפּעטער אַראָפּגעקומען טורנאָווס זון, באָריס טורנאָוו, אָדער ווי די שיקסעס פלעגן אים רופן „מלאָדי באַריאַ״, אַ סטודענט פון כּאַרקאָוו, מיט אַ ווייסער זײַ־דענער בלוזע, מיט אַ געבלומטן זוים ביים האַלדז, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר.

דער אַלטער אַרכיטעקט מיטן צעקנייטשן פּנים און ווייסער באָרד האָט ניט געהאַט קיין השגה ווו עס האָט שוין דערקראָכן זיין זון באָריס. דער זקן איז געווען פאַרטאָן אין זיין תשובה־אומעט, האָט געלייענט פילאָזאָפישע ביכער אויף רוסיש און געלערנט יידישקייט ביי מאירן, און ער האָט גאָרניט געוווסט, אַז דער זון זיינער, וואָס שטודירט פאַר אַן אינזשינער אין כּאַרקאָוו, איז גאָר פאַרנומען מיט באָמבעס און רעוואָלווערן סאָמע הינטערן צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ. באָריס טורנאָוו, אָדער דער „מלאָדי באַריאַ״, איז געווען אַ לערער, אַ וועג־ווייזער, צו זיין טאַטנס יונגען רבין — ער האָט מיט אים געלערנט וועגן רוסלאַנדס רעוואָלוציע, אַפּיקורסות און פרייע ליבע, ווייל חוץ מיט רוסלאַנדס רעוואָלוציע איז „מלאָדי באַריאַ״ געווען פאַרנומען מיט שיקסעס אין זיין טאַטנס שייער.

— עס האָט זיך ניט צונויפגעלייגט אין מיין קאָפּ... איך זע ווי די שיקסעס כאַפּן זיך אַרויס פון שייער, די קעפּ מיט שטרוי, מיט היי, די קליידלעך צעקנייטשט, נאָך זיי קומט אַרויס באָריס מיט אַ פּנים, אין וועלכן איך שעם זיך אַריינצוקוקן. איז דער מענטש אַזוי ווי אַ כלב מיט אַ צויג אין גאַס?...

אַ פרעמדע וועלט, אַן אַפּיקורסישע.

ער איז זיך מודה, מאיר:

— עס האָט אָבער מיך געצויגן דער סוד מיט די שיקסעס... ער האָט מיך געמאַכט אומרויק...

עס איז ווייס און קאַלט אין וואַלד. זיי זענען ביידע, מער איז דאָ קיינער ניטאָ. ציט צו מאיר נענטער צו זיך אסתרן, זי פּלאָנטערט. זי זאָגט מאירן לאַכנדיק:

— דאָ איז ניט דער שייער פון בעל־תשובה און איך בין ניט קיין שיקסע...

— איך ווייס, אסתר, האָב ניט מורא...

— איך האָב ניט.

ביי דעם זעלבן באָריס האָט מאיר געלערנט רוסלאַנדס געשיכטע. באָריס דערציילט אים וועגן סיביר און קאַטאָרגע, וועגן תליות, וועגן אַ באָמבע אויף מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, באָריס. ווי שיקט זיך דאָס מיט די שיקסעס אין שייער? — מסתמא שיקט זיך עס.

ער לערנט מיט מאירן רוסיש. ער גיט אים ביכלעך צו לייענען. ער עפנט פאַר אים אַ טירל אין אַן אַנדער וועלט, אַ לאַכנדיקע.

„די וועלט איז געבונדן אין שטריק פון יסורים. שולדיק זענען די הערשער, די רייכע, די פּריצים, די קניאַזן. שולדיק איז די בורזשואַזיע״. -- עס קלינגט אויסטערליש דאָס שטאַרקע וואָרט — „די בורזשואַזיע״!...

— מען האַלט דאָס פאָלק אין פינצטערניש און מען פּענטעט אים אין קייטן. די וועלט וועט אָבער פריי ווערן!...

אַלע אונטערדריקטע וועלן ווערן באַפרייט. יידן וועלן אויך באַפרייט ווערן, אויס מיט באַגרעניצונגען, מיט „טשערטאָס", מיט פּאָגראָמען.

— עס קען זיך מער ניט אָפּשטעלן דער ווינט אין מיין קאָפּ, אין מיין נשמה...

די סטרא אחרא האָט אים אַ נעם געטאָן אויף אירע פליגלען: אויס מיט דער ישיבה!... אויס מיט דער גמרא!...

דער אַלטער אַרכיטעקט מיט דער ווייסער, ברייטער, פראַנץ־יאָזעפישער באָרד איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין די אַלט־רוסישע ביכער און אין דער תורה פון די יידישע ספרים, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט די איבערקערעניש אין זיין יונגן רבי.

— באָריס טורנאָוו האָט געמוזט אַוועקפאָרן און ער האָט באַזאָרגט פאַר מיר אַ לערער, וועלכער האָט מיך געגרייט צו אַן עקזאַמען פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע... איך האָב דאָס געמאַכט אין אַנדערטהאַלבן יאָר...

די גימנאַזיע־לערער זענען ביים עקזאַמען געווען פאַרחידושט פון זיין קענען געאָמעטריע און אַלגעבריע. ער קען טורגעניעוון, פּושקינען, ווערעשטשאַגינען און קאָלצאָוון.

— גיי וויס וואָס עס קען אויפטאָן אַ סלאָנימער עלוי!...

— איך האָב אויסגעלערנט די עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס אויף אויסנ־ווייניק. דעם עקזאַמען פון אַן עקסטערן אויסגעהאַלטן — וואָס טוט מען ווייטער?

עס זענען געווען די יאָרן, ווען סטאָליפּין האָט געזאָגט „שטריק אויף תליות וועלן נישט פעלן". די רעוואָלוציע איז נישט געקומען. עס זענען אָבער געקומען די שוואַרצע מאה, קרושעוואַן, פורישקעוויטש. מאיר איז געבליבן הענגען ניט אַהער, ניט אַהין.

— בין איך אַוועק אין ווילנע, געגעבן אוראָקן אויף העברעיש און רוסיש און געלערנט פאַר זיך, געזעסן אין סטראַשונס ביבליאָטעק. וואָס וועט דאָך זיין?... וואָס איז דער תכלית?... בין איך אַוועק אין אָדעס אויף לערער־קורסן. איך וועל ווערן אַ לערער אין אַ יידישער שול.

ער קומט צו אַ צייט, ווען ער וואָלט זיך וועלן אָפּשטעלן, מער ניט דערציילן, אָבער עס שלאָגט פון אים אַרויס:

— אין אָדעס איז געקומען אין מיין לעבן עטל...

ניין, ער וועט וועגן עטלען דאָ אין וואַלד גאָרניט רעדן, גאָרניט דערציילן, הגם אסתר איז זייער נייגעריק צו וויסן, זאָגט ער נאָר אַ פּאָר ווערטער:

— עס איז קיין מזל ביי אונדז ניט געווען...

נאָך די אָרעמע לערער־קורסן האָט ער זיך גענומען צו צווייַ אַרבעטן — געוואָרן אַ לערער אין אַ יידישער אַנהויב־שול און שטודירט די צייט פון דער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניע, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט.

— איך שרייב וועגן אָט דער תקופה אַ ווערק... איך ווער פאַרנומען מיט

יהודה הלוי, מיט שלמה אבן גבירול, מיטן אבן עזרא... עס איז פאַר מיר אַזוי ווי אַ מקום מקלט, איך אַנטלויף אַהין.

— פון וואָס?...

— פון מיין אייגענעם לעבן...

אסתר, דו שטייסט פאַר אַ פאַרמאַכט טירל. דו ווייסט, אַז עס איז פאַרמאַכט, אָבער דו ביזט נייגעריק אַריינצוקוקן. אסתר — עס איז אַ פלאָנטער!...

ווער רעדט דאָס צו איר אַזוי?... דער הויכער, ווייסער סאָסנע־בוים אַנטקעגן?... די שטערן אויפן ווינטערדיקן הימל ביי דעם מילך־וועג? דער וואַלד און שניי אין קאַלטן ווינטער־אָוונט איז כולו צויבער. אסתרס באַקן זענען רויט פון ווייסן שניי.

— מען דאַרף גיין גיכער, אין וואַלד ווערט קאַלט, לאָמיר לויפן, וועט ווערן וואַרימער.

מאיר וועט לויפן פאָרויס, ער וועט זיך אומקערן מיטן פנים צו אסתרן. זי וועט אויך לויפן און אַריינפאַלן אין זיינע אָרעמס.

— לאָמיר לויפן...

לויפן זיי, יאָגן זיך. עס ווערט טאַקע פון לויפן וואַרימער. מען ווערט פון לויפן איבערן שנייאיקן גרונט פון וואַלד שטיפעריש, יינגער. עס פאַלן אַראָפּ משאָס פון די פלייצעס.

— לויף נאָך אַמאָל, איך וועל דיך כאַפּן, אסתר...

כאַפּט ער אסתרן אין זיינע אָרעמס, דריקט זי צו שטאַרק צו זיך, לאָזט זי ניט אַרויס, זי רייסט זיך. ער האַלט זי פעסטער.

— לאָזט מיך, מאיר...

זי צאַפּלט זיך, רייסט זיך. איר קערפּער איז ווייך, איר אָטעם איז וואַרים:

— מאיר, מאיר, לאָזט מיך...

זי רייסט זיך מער ניט. זי לאָזט זיך אָפּ. ער פילט, ער פילט, אַז זי האָט אַליין, מיט איר ווילן, זיך צוגעטוליעט נענטער צו אים, שטייפער, זי איז שכור. שטום רעדט דער כשוף פון לעבן. ער נעמט איר קאָפּ אין זיינע הענט. אויך זיינע הענט פלאַטערן. אַ יונגע הירשיכע איז אין זיינע הענט. ער טוט זי אַ קוש, איינמאָל און נאָכאַמאָל. ער קושט זי אין מויל אַריין.

אסתר וויינט. עס שטייען טרערן אין אירע אויגן: — ניטע, מאיר... ניטע...

ער קושט זי נאָכאַמאָל; זי רייסט זיך:

— ניין, מאיר... טוט דאָס ניט... עס האָט מיך נאָך קיינער ניט געקושט...

עס וויגט זיך, עס דרייט זיך דער ווייסער וואַלד רונד אַרום אין שטילן ווינטער. דער הימל מיט די שטערן, דער וואַלד און זיינע ביימער, די ווייס־שנייאיקע ערד דרייען זיך אין קאָפּ.

— קוש מיך ניט, מאיר!... עטל... אייער פרוי...

— איך האָב דיך ליב, אסתר...

— מיר טאָרן ניט...

עס פאָרט אַ שליטל אויפן וואַלד־וועג. דאָס גלעקל־קלינגען הערט זיך פון דער ווייטן. דער איזוואָשטשיק פאָרט מיט אַ לידיקן שליטל.

— העי, ווּעסט פאַרפרוירן ווערן, בחור... האָסטו דאָ אַ מיידל? — דער ריכטיקער אָרט פאַרפרוירן צו ווערן... קומט, זעצט איך, וועל איך איך שליטלען אין שטאָט אַריין... עס קאָסט אַ „פויגל"...

מאיר און אסתר זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין. אסתר דאַרף שטילער מאַכן דעם שטורעם אין איר האַרץ. זי פילט אין זיך עבירה.

— ביזט אין כעס אויף מיר?... — פרעגט ער זי.

זי ענטפערט ניט.

— זאָג, אסתר...

— איך בין צעטומלט.

נעמט ער זי אַרום אין שליטל. זי לאָזט זיך. ציט ער זי צו צו זיך. זי ווערט זיך ניט. עס ברומט אין איר דאָס גאַנצע אינגעווייד.

דאָס שליטל גליטשט זיך אויף דעם שמאָלן ווייסן שניי־וועג צווישן דיביימער פון וואַלד.

## דרייצנטער קאַפּיטל

# מלחמה פאַר תנ״ך

דער שול-זאַל איז פול געווען מיט לערער און טוער פון דריי שולן — די פּרץ-שול אויף דייטשע גאַס, די יוגנט-פּאַריין-שול און אין שכנות פון „בית-שמואל״, די גראָסער-שול אויף רבינס גאַס. מאיר צפת האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון לימוד פון תנ״ך אין שול.

— אין דער איצטיקער תקופה — האָט ער געזאָגט — נאָך מער ווי אין אַנדערע תקופות, מוז ווערן די שול דער היסטאָרישער אימפּעראַטיוו, אַפילו נאָך מער ווי אין די צייטן פון רמב״ם. שטענדיק האָבן די ייִדן באַטראַכט די שול-קינדער, די תינוקות-של-בית-רבן, פאַר די טרעגער פון דער צוקונפט פון פאָלק, פון דעם לעתיד לבא. ריכטיקער איז דאָס היינט, ווען דער קריזיס פון דער וועלט-מלחמה וועט אַרויספירן די וועלט, און ממילא דאָס ייִדישע פאָלק, אויף נייע וועגן.

נאָך דעם קומט ער צו די עיקר-אויפגאַבן פון דער שול:

— אונדזער שול האָט איר סאָציאַלע אויפגאַבע. זי איז אַ שול וואָס איר טרעגער איז אַ נייער סאָציאַלער קלאַס מיט נייע סאָציאַלע אידעאַלן. זי האָט אויך איר נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. אין איר יסוד ליגט דער אומבאַדינגטער ווילן צו ווייטערדיקער עקזיסטענץ און העכערער אַנטוויקלונג פון פאָלק אַלס אַ גאַנצן, פון ביידע שטאַנדפּונקטן — פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן — קום איך צום אויספיר, אַז דער תנ״ך, אין ייִדישער פאַרטייטשונג, איז אַ וויכטיקער גרונט-קעגנשטאַנד פאַר אונדזער שול.

גייט אַריבער מאיר צפת צום תנ״ך גופא:

— דער תנ״ך איז די ווונדערלעכסטע שאַפונג פון דער ייִדיש-מענטשלעכער גאונות. די נביאים זענען שוין אַלט טויזנטער יאָרן און וועלן יונג זיין אין די קומענדיקע טויזנטער יאָרן. לערנען תנ״ך מיט ייִדישער פאַרטייטשונג הייסט צונויפגיסן אין איינס טויזנטער יאָרן. מיר קענען טאַקע נישט אין אונדזער שול

אויסלערנען די קינדער דעם תנ״ך, מוזן מיר זיי געבן כאָטש אַ שמעק פון די בשמים, וואָס ליגן אין אונדזער נאַציאָנאַלער בשמים־פּושקע שוין טויזנטער יאָרן און דאָס איבעריקע — צא ולמד, גייט, קינדערלעך, און לערנט ווייטער. אויב אַפילו נאָר געציילטע וועלן גיין ווייטער. די אַטמאָספער, וואָס ווערט געשאַפן אין קלאַס ביים לערנען תנ״ך, איז ווערט אַ וועלט.

רייסן איבער לערער:

— עס איז דאָך שווער צו לערנען מיט די קינדער תנ״ך, אַפילו בלויז איינצלנע קאַפּיטלעך. וואָס איר זאָגט, מאיר, איז דאָך נאָר אַ שיינע דרשה...

אסתר וואָלט זיך אַריינגעמישט, זי וואָלט דערציילט וואָס איז פאָרגעקומען אין קלאַס, ווען מאיר האָט געלערנט מיט די קינדער די מעשה משה־רבנו. עס פּאַסט אָבער נישט. מאיר וועט זיך אַליין אויסטענהן.

— שווער? — איר זאָגט, אַז עס איז שווער? — האָט מאיר ווייטער געזאָגט — גרינג, ברידערלעך, איז דער ווינט: גרינג, חברים, איז דאָס פּעדערל; גרינג, טייערע, איז דאָס שטויבעלע. אונדזער אויפגאַבע איז אָנצולאָדן דעם תלמיד, אָנצינדן פאַר אים דאָס ליכט פון די זעאונגען פון די נביאים. אויף דעם פּעלדזיקן וועג צו גערעכטיקייט, צום סאָציאַלן יושר, גייט מען נישט שפּאַצירנדיק אָדער טאַנצנדיק, נאָר האָרעווענדיק, מען קען נישט שווימען לייכט פון אויבן. מיר מוזן שניידן אין דער טיף.

שטעלט זיך אויף נחום כמעלניק און זאָגט אַזוי:

— מוזט איר שוין גיין ווייטער, חבר מאיר. אַזוי ווי איר קענט נישט אַרויסנעמען פון תנ״ך גאָט, אַזוי קענט איר נישט אַרויסנעמען ירושלים. צוויי טויזנט יאָר גלות איז דאָך געווען אַ גאַנג קיין ירושלים, קיין ארץ־ישראל, איז געווען דער גלויבן, אַז מיר וועלן זיך אומקערן צוריק אַהין. רעדט איר וועגן דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע פון דער שול, מוזט איר אַריינגעבן אַזאַ געוואַלדיקן עיקר, ווי — ארץ־ישראל, וווהין יידן וועלן זיך אומקערן, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. מען דאַרף צו דעם גרייטן אונדזערע קינדער.

דער לערער פראַנקפורט, דער בונדיסט, וואָס איז נישט לאַנג, געקומען פון ווילנע און געוואָרן דער הויפּט־לערער אין גראָסער־שול אויף רבינס גאַס, זאָגט שאַרף, קנאַיש צו מאירן:

— דאָס וואָס איר, חבר צפת, רעדט וועגן תנ״ך איז אַלטע מגידות, און דאָס וואָס איר, חבר כמעלניק, רעדט וועגן ירושלים, איז ציוניסטישע מטיפות. איר ווייסט ביידע נישט אין וועלכער צייט מיר לעבן. איר לייגט אונדז פאָר — צוריק אין חדר אַריין, און אונדזער שול דאַרף גיין אין דער וועלט אַריין. פאַרטייטשן דעם תנ״ך? — דאָס טוט שוין טויזנט יאָר דער חדר. וואָסזשע איז געווען די פּעולה? — קאַבצאַנסק, טונעיאַדעווקע, „כל ישראל איין טאָרבע". ווער איז אַרויסגעקומען נאָך אַלע נביאים? — די קלאַטשע, באַנטשע שוויג. אונדזער שול איז יידיש מיט דעם וואָס זי איז געבויט אויפן יסוד פון אונדזער מוטער־שפּראַך יידיש. דאָס לשון פאַרשטייען די קינדער, לערנען זיי גרינגער, בעסער, שנעלער.

זיי דאַרפֿן לערנען רעכענען, נאַטור, געאָגראַפֿיע, געשיכטע, וועט איר גאָר גיין אַרויפֿלייגן זיי אַזעלכע מילשטיינער ווי קאַפּיטלעך תנ״ך? עס וואָלט גאָר אויסגעקומען אָנהייבן לערנען מיט די לערער תנ״ך.

נעמט איבער דאָס וואָרט ישראל גייסט:

— אַלטער טעסטאַמענט, נייער טעסטאַמענט, מען פּרעפּלט דאָס אין אַלע קלויסטערס. אונדזער שול האָט איר אייגענעם טעסטאַמענט: „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט איך". אונדזער שול דאַרף דערציִען אַ נייעם, קעמפֿנדיקן דור. תנ״ך וועט נישט פֿירן די קינדער צום קלאַסן־באַוווסטזיין. אונדזערע קינדער שטאַמען פֿון דער אָרעמקייט. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט אויסגעטיילט פֿאַר זיי בלויז אַ פּאָר יאָר צו לערנען אין שול, דאַרף מען עס אויסנוצן פֿאַר עלעמענטאַרע לימודים, מען דאַרף זיי געבן געווער אין די הענט אַריין, מיט וועלכע זיי וועלן קענען בעסער קעמפֿן פֿאַר זייער לעבן — לאַנד־שפּראַך, נאַטורוויסן, רעכענען, געאָגראַפֿיע. אין די עלטערע קלאַסן דאַרף מען זיי באַקענען מיט ליטעראַטור. מאַכט נישט פֿון זיי קיין ישיבה־בחורים, קיין בית־מדרש־כניאָקעס.

מען האָט אים אַפּלאָדירט. ער האָט זיך אָנגעקוועטשט ווי אַ זיגער.

— איר זאָגט „העלפֿן די קינדער גיין אין דער וועלט אַריין?" — ענטפֿערט מאיר — מיט וואָס גיין? מיט אַ פּאָר אַריטמעטישע זאַדאַטשעס? מיט אַ פּאָר שטיקלעך גראַמאַטיקע? ווי גייט מען אין דער וועלט אַריין מיט ליידיקע נשמות?... וועלט־ליטעראַטור, זאָגט איר... וועט איר יאָ לערנען, לאָמיר זאָגן, גאָגאָלן, מיצקעוויטשן, אָבער ישעיה הנביאן וועט איר אַרויסוואַרפֿן, עמוסן וועט איר גאָר־נישט אַריינלאָזן, ווייל ישראל גייסט, אָדער פֿראַנקפֿורט האָבן זיי נאָך נישט געלערנט און זיי קלייבן זיך נישט דאָס צו טאָן. דאָס וואָס זיי וואָלטן גראָדע דאַרפֿן. עס וואָלט זיי צונוץ געקומען.

ווענדט ער זיך צום חבר כמעלניק:

— אַוודאי קען מען נישט אַרויסוואַרפֿן גאָט אָדער ירושלים פֿון תנ״ך, מיר דאַרפֿן עס אָבער זען אין ליכט פֿון אונדזער צייט... עס זענען דאָ אויסערלעכקייטן און אינערלעכקייטן, שאָלעכצן און יאָדרעס. מיר דאַרפֿן אַרויסנעמען די יאָדרעס, דעם תוך. וואַרפֿט איר אָבער אַרויס דעם פּאַטאָס פֿון ישעיהן, דעם צער פֿון ירמיהו, מאַכט איר שטום דעם לייבן־געשריי פֿון עמוס, מאַכט איר פֿון אונדזער שול אַ פּוסטקע. עס וועט פֿון איר אַרויסקומען אַ דור, וועמען דער ווינט וועט אָוועקטראָגן אַזוי ווי פּלעווע. מיר האָבן נישט קיין רעכט צו באַרויבן אונדזערע קינדער פֿון זייערע אבות. זיי זענען זייערע, עס איז זייער ירושה.

קוקט ער זיך אַרום איבערן זאַל — געוועזענע סטודענטן, סטודענטקעס, גימנאַזיסטקעס, האַלבע אינטעליגענטן, טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— נישט אויף דער פֿאַרזאַמלונג און נישט אויף הונדערט אַנדערע פֿאַרזאַמלונגען וועט דער תנ״ך אויסגעדראָשן ווערן. מיר וועלן דאָ נישט מאַכן קיין תנ״ך־ אָדער תלמוד־דיספּוט. די געשיכטע קען זיי שוין גאַנץ גענוג. איר וועט טאָן אין אייערע קלאַסן דערווייל ווי איר פֿאַרשטייט. סוף כל סוף וועט זיך דאָך

די מלחמה ענדיקן, עס וועט קומען אַ פּוסק, אַ סנהדרין, און וועט באַשליסן פאַר אונדז אַלע און איך וועל דערווייל אין מיינע קלאַסן לערנען תּנ״ך ווייטער...
זאָגט אים אַרייך ישראל גייסט:

— „מיינע קלאַסן". — וואָס הייסט „מיינע"? עס איז נישט קיין פּריוואַט־אייגנטום, מען וועט נאָך זען וועמענס קלאַסן זיי זענען.

מיט דער לערער־פאַרזאַמלונג האָט זיך דער וויכוח וועגן תּנ״ך נישט גע־ענדיקט. ישראל גייסט האָט אים אַריבערגעטראָגן אין אייניקע טעג אַרום אויף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון פּרץ־שול.

— איך וועל זיין דער פאַרזיצער פון דער זיצונג — האָט ישראל געזאָגט צו זיידל וועבער, וואָס פירט געוויינלעך די זיצונג, — און וועל שוין באַריכטן וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער לערער־פאַרזאַמלונג.

— זאָל זיין אַזוי...

— דאָס מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסן ווערן — האָבן מיר אַ שול, אָדער אַ חדר?...

מען האָט געוואַרט מיטן אָנהייב פון דער זיצונג אויף מאירן. ער איז געקומען דער לעצטער, גאַנץ שפּעט. ער האָט אויסגעזען צעטראָגן. צו דער זיצונג זענען געקומען די לערער פון פּרץ־שול. אסתר האָט געזען זיין צעטראָגנקייט, האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

— „עטל"...

דערווייל האָט שוין גערעדט ישראל גייסט:

— לערנען אין אונדזער שול תּנ״ך מיינט אונטערגראָבן איר וועלטלעכן יסוד. רעליגיע מוז זיין אָפּגעטיילט פון שול, פון מלוכה. דאָס איז די סאָציאַליס־טישע פאָדערונג אומעטום. „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק" — האָט געזאָגט קאַרל מאַרקס. אַריינפירן תּנ״ך מיט גאָט, מיט ירושלים, מיטן בית־המדרש אין פּרץ־שול מיינט אַרויסטרייבן פון איר דעם פרייען גייסט... אָט דאָס פּרעדיקט מאיר צפּת!...

— ווילט איר עפּעס זאָגן, חבר מאיר?

— זאָלן אַנדערע זאָגן... — האָט ער געענטפערט אַן אויפגערעגטער.
רופט זיך אָפּ חבר יאָסל:

— איך ווייס טאַקע נישט צו וואָס מען דאַרף די זאַכן ביי אונדז אין שול. איך פאַרשטיי אין חדר, אין תלמוד־תורה, אָבער נישט ביי אונדז אין פּרץ־שול.

חיים לאבוק, דער סיבירניק, איז אויך געווען אויף דער זיצונג. ער האָט אויך גענומען אַ וואָרט:

— צי ווייסט איר נישט, חבר מאיר, אַז מען נאַרט די אָרעמע מענטשן מיט גאָט? מען רעדט זיי איין, אַז פון אים איז אַלץ אָפּהענגיק, זיינע מלאכים פאַרשרייבן טויט און לעבן, אָרעמקייט און רייכקייט, כדי איינרעדן די שקלאַפן נישט צו רעוואָלטירן, זיין געהאָרכזאַם, ווייל אַלץ איז דאָך באַשערט... מען קען

נאָר אויסבעטן ביי גאָט אַביסל רחמנות. וואָרום וואָס איז די וועלט?... — אַ צעבראָכן שערבל; וואָס איז דער מענטש? — אַ קריכנדיק ווערעמל. מען האָט געבונדן מיט די שטריק פון רעליגיע די הענט און פיס פון די מענטשן. מיר קעמפן קעגן דעם, מיר ווילן זיך באַפרייען פון אַלע קייטן, אויך פון די קייטן פון רעליגיע. ווילט איר גאָר געבן די קינדער טרינקען דעם זעלבן שלאָף־געטראַנק — אַ פלעשעלע תנ״ך...

מאיר שוייגט אַלץ. ווענדט זיך צו אים זיידל דער וועבער:

— מיר האָבן דאָך גאָרנישט געהערט וואָס חבר מאיר זאָגט, מיר דאַרפן אים הערן.

— ער האָט זיינס קלאָר געזאָגט אויף דער לערער־פאַרזאַמלונג — זאָגט דער פאָרזיצער ישראל גייסט — מיר האָבן דאָרט געהערט, נאָר, פאַרשטייט זיך, אויב ער האָט נאָך וואָס צוצוגעבן, לאָמיר הערן. איר ווילט אַ וואָרט, חבר מאיר?

— איך בין נאָך אַלץ „חבר מאיר“?... — זאָגט ער — איך בין אַ קרעמער פון פלעשלעך רעליגיע, טראָפּעלעך גאָט, און — נאָך אַלץ אַ חבר? איך האָב נישט וואָס צו זאָגן. נעמט און שטימט אָפּ.

מען קוקט זיך אַרום. וואָס זאָל מען טאָן ווייטער?

— מען כאַפּט נישט און מען שטימט נישט — זאָגט איטשע מיט דער באָרד — מען רעדט, מען זאָגט זיך אַרויס. דאַרפט איר אויך זאָגן.

קוקט זיך אַרום מאיר צפת אַ פאַרביטערטער, ער באַגעגנט זיך מיט ליובע האַלפּערינס אויגן. זי זאָגט:

— „שווייג נישט, מאיר...“

הייבט ער אָן אַזוי:

— אונדזער שול איז נישט קיין צוכט־הויף פאַר עופות אָדער פאַר קראַלי־קעס. זי קען נישט האָבן פאַר איר ציל אַרויסצוגעבן פאַרטיקע, רעוואָלוציאָנערע שיס־ביקסלעך. די שול האָט אין איר רשות די אײדלסטע, די שענסטע און קאָמפּ־ליצירטסטע זאַך פון דער וועלט — דאָס קינד. איז איר ערשטע אחריות פאַרן קינד — אים געבן פרייד, גענוס, פונאַנדערבינדן זיינע פעיִקייטן, אים העלפן באַ־קומען זעלבסטשטענדיקייט, זיכערקייט. בכן — דאָס ערשטע איז דאָס קינד...

— אָבער מיר רעדן דאָך נישט איצט וועגן קינד, מיר רעדן דאָך וועגן תנ״ך — האַקט אים איבער ישראל אומגעדולדיק.

— האָט געדולד. דער תנ״ך האָט לענגער געוואַרט אויף אייך. — זאָגט מאיר מיט כעס — נו, זאָל זיין אַזוי, לאָמיר קומען צום תנ״ך... מיינט איר, אַז נאָר מיר זענען אַזוי קלוג געוואָרן, צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון מאַטעמאַטיק, פיזיק, אָדער אַסטראָנאָמיע? — אָן די עלעמענטאַרע כללים פון געאָמעטריע, וואָלט נישט געווען מעגלעך די ציוויליזאַציע פון אַלטערטום, וואָלטן נישט געווען די פּיראַמידן פון מצרים; אין אָנהייב פון 17טן י״ה האָט גאַליליי אָנגעווענדט דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד און ער האָט דעמאָלט געעפנט די עפּאָכע פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט — געווען שוין, געווען אַריטמעטיק, געאָ־

גראַפיע, און דאָך איז דער תנ"ך נישט אונטערגעגאַנגען, מען האָט אים געלערנט און געלייענט אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן...

— ווייזט נישט אַרויס אַזוי פיל חכמה... מאַכט עס קירצער.

— מיין איך צו זאָגן, — רעדט ווייטער מאיר — אַז חוץ דער מעכאַנישער וועלט איז דאָ אַן עטישע וועלט. דער תנ"ך איז די ענציקלאָפּעדיע פון דער עטי־שער וועלט...

— אָבער, חבר מאיר, קומט שוין צום פּונקט.

— איך וועל רעדן אַזוי ווי איך קען. אַן די אוצרות פון דער עטישער וועלט איז אויך די סאָציאַלע רעוואָלוציע נישט מעגלעך. איר זעט אין תנ"ך נאָר דאָס שפּאַלטן דעם ים־סוף און איר זעט נישט דעם אוניווערסאַליזם פון די נביאים... געוויס איז פיל פאַרשטויבט געוואָרן, פאַרגרייזט געוואָרן, דאַרף מען אויסקלייבן דאָס גרויסע, דאָס ריינע, די קרישטאָל, דעם פּאַטאָס פון די נביאים, דעם סאָ־ציאַלן שטורעם, די שיינקייט און גרויסקייט פון די סוף־לאָזע צעשטערנטע הימלען. ווילן מיר די קינדער רייכער מאַכן, אָדער לאָזן זיי אָרעם, הויל?... איך האָב נישט קיין טענה צו די וואָס ווייסן נישט, וועמען מען דערציילט עפּעס אַ מעשה כדי צו שרעקן, אָבער זאָלן זיי נישט ווערן די שופטים...

רייסט אים איבער ישראל גייסט:

— מיר זענען, הייסט דאָס, די עם־הארצים, דאַרפן מיר זיך נישט מישן. מיר האָבן נישט געלערנט אין ישיבה, דאַרפן מיר שוויגן. יאָסל דער שלאָסער, זיידל דער וועבער, בישקע דער פּריקאַשטשיק, ישראל דער בוכהאַלטער, — מיר האָבן נישט געלערנט חומש מיט רש"י... פון דעסטוועגן האָבן מיר געבויט די פּרץ־שול, פון דעסטוועגן טראָגן מיר זי אויף אונדזערע פּלייצעס. דאָס וואָס איר זאָגט, האָבן שוין געזאָגט טויזנט פּעכאָטנע מגידים, אַ לעגיאָן אַ גאַנצער... מיר וועלן זיך באַגיין אָן זיי. מיר וועלן דאָס היינט באַשליסן...

אין מאירן ברענען אַלע חושים. עס קאָכט זיך אויף אין אים דער קנאי. דער סלאָנימער מגיד. אסתר זעט און פילט, אַז עס קען באַלד געשען עפּעס שלעכטס. דאָך שווייגט זי.

— שטייט נאָר, וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט יאָסל דער שלאָסער — זע נאָר זע, ווי די למדנים קריגן זיך. זיי זענען גרייט איבערקערן די וועלט מיט איין האַנט. איך פאַרשטיי גאָרנישט וואָס דאָ קומט פאָר... מיר האָבן אַ שול... מיר האָבן דריי הונדערט קינדער... מיר גיבן זיי דאָ אָפּצועסן יעדן טאָג. מיר זעען, זיי זאָלן האָבן אַ שוך, אַ בגד. מיר לערנען זיי אַ ביסל... קיין רבנים און דאָק־טוירים וועלן זיי ביי אונדז נישט ווערן... וואָס קערט איר דאָ וועלטן?...

אסתר דערפילט, אַז זי מוז זיך אָפּרופן, קומען צו הילף מאירן:

— לאָזט מיך עפּעס פרעגן, — זאָגט זי — איר זייט אַלע געווען אויפן חנוכה־יום־טוב. איר זייט אַלע געווען אַנטציקט. אַזוי האָט איר געזאָגט. איר האָט געזען, געהערט דעם עולם. פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט נאָכדעם, אַז מען האָט נישט געטאָרט שפּילן די „דין תורה מיטן ווינט", די מעשה מיט שלמה

המלך? דאָס איז דאָך אויך אַ שטיק תנ״ך. איר האָט געזען די חשמונאים, די חנוכה־מנורות, — שמעקט דאָס נישט מיט תנ״ך?...

מער קען אסתר נישט רעדן. עס איז צום ערשטן מאָל, אַז זי מישט זיך אַריין, און דערצו נאָך שאַרף. עולם קוקט אויף איר, חידושט זיך. זי שווייגט שוין.

— זאָג איך אייך — ענטפערט ישראל גייסט — אַז דאָס איז טאַקע געווען נאַציאָנאַליסטיש און רעאַקציאָנער. דעם עולם איז גאָר געפעלן געוואָרן דער טאַנץ פון די קינדער, די קאָלירן פון די לאַמטערנעס, דער געזאַנג.

מאיר צפת איז אויפגעבראַכט. ער קען נישט איינזיצן. ער גייט אַהין און צוריק איבערן צימער. ישראל גייסט גייט מאַכן אַ סוף:

— נו, אַלע האָבן שוין גערעדט — זאָגט ישראל — אסתר האָט שוין אויך גע־רעדט, לאָמיר איצט אָפּשטימען.

ברעכט אַרויס מאיר:

— שטימט, שטימט אָפּ, איר האָט דאָך אַ מערהייט...

און באַלד כאַפּט ער זיך צוריק:

— ניין, ניין, איך וועל נישט דערלאָזן. דאָס שטימט מען נישט אָפּ. נישט יעדער איינער קען שטימען אַרויסצוואַרפן דעם תנ״ך. איך וועל נישט דערלאָזן, איך וועל נישט שוייגן...

זיינע ווערטער זענען געווען צעריסן, צעפּלאָנטערט.

— איר וועט נישט דערלאָזן, איר וועט נישט שווייגן... — רעדט שאַרף און הויך צוריק ישראל גייסט, — געהערט אַ לשון?... דאָס איז חוצפּה! איר וועט אפשר גיין קלאָגן צום ועד־הקהל?... צום אינספּעקטאָר?... געהערט אַ מעשה!...

מאיר האָט שוין נישט געהערט ישראלן ביזן סוף, ער האָט אַריינגעשריִען:

— זאָל ישראל זיין אייער מורה־דרך!...

ער איז אַרויסגעלאָפן אַ צעשויבערטער, אַ צערודערטער, חסר־דעהדיק פון צימער און מיט רוגזה צוגעקלאַפּט די טיר. עס איז געווען אַ קלאַפּ איבער אַלע־מענס געמיטער. אויף יענער זייט טיר האָט ער געשריִען צו די שטומע ווענט, איבער וועלכע עס איז געהאָנגען דער פּרץ־פּאָרטרעט:

— נעמט שוין אַראָפּ פון וואַנט פּרצן!...

אויף דער זיצונג איז געוואָרן אַ צערודערונג. מען האָט דאָ געהערט מאירס געשרייען פון יענער זייט:

— ישראל גייסט לאָזט נישט אַריין עמוס הנביא!...

עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּעריי מיט טירן. ישראל, וואָס האָט געפירט די זיצונג, האָט געזאָגט:

— מיר באַשליסן ,אַז דאָס לערנען תנ״ך ווערט אָפּגעשטעלט ביז וואַנען די פּאַרוואַלטונג, אויב זי וועט וועלן, וועט דאָס נאָכאַמאָל פּאַרלאַנגען צו באַהאַנד־לען. דאָס איז דער באַשלוס.

— וואָס באַשלוס, ווען באַשלוס... — האָט זיך אַ הייב געטאָן זיידל — מיר האָבן נאָך דערווייל גאָרנישט באַשלאָסן.

— מען וועט דורכקומען, מען וועט געפינען אַ פּשרה... — האָט גערעדט איטשע זאַבלודאָווסקי — נאָר געדולד, נישט געקריגט זיך.

ליובע האַלפּערין האָט זיך אויפגעהויבן אַ צעטומלטע:

— טוט אייך וואָס איר ווילט, איך גיי אַוועק...

זיידל דער וועבער האָט שנעל איבערגענומען די פירונג פון דער זיצונג.

— לויפט נישט אַוועק, חברטע ליובע — האָט ער געזאָגט — זעצט זיך אוועק, מילא, פון אונדז קענט איר אַנטלויפן, אָבער נישט פון די קינדער. וועגן תנ"ך וועלן מיר נאָך האָבן צייט צו רעדן אויף אונדזערע זיצונגען.

— דערווייל וועט מען תנ"ך נישט לערנען — האָט זיכער געמאַכט ישראל גייסט — דאָס איז דער באַשלוס.

— דערווייל וועט אַ קאָמיסיע פון דריי — האָט געפּסקנט זיידל, — ליובע, אסתר און איטשע זיך אַרומזען וואָס מען דאַרף טאָן פאַר שלום און זיי וועלן אונדז ברענגען אַ פאָרשלאָג.

— די פאַרוואַלטונג האָט שוין באַשלאָסן... — האָט זיך ווידער אַריינגעריסן ישראל.

— כאַפּט נישט, מיר וועלן זיך אַרומזען... — זאָגט ווייטער זיידל — מיר מוזן האָבן שלום אין שול.

— איך וויל וויסן קלאָר וואָס דאָס מיינט.

— דאָס מיינט, דאָס מיינט — ענטפערט זיידל און זופּט אַריין שווער די ווערטער — אַז אונדזער שול מוז האָבן מאַירן. פאַרשטייט איר שוין וואָס דאָס מיינט?

אסתר האָט געקוקט מיט אויגן פול מיט צוטרוי און דאַנקבאַרקייט. דעמאָלט האָט זיידל אַ פּאַטש געטאָן אין טיש:

— אַ סוף און עק, די זיצונג איז געשלאָסן.

אסתר איז געגאַנגען אַליין אַהיים אַ צעשרויפטע: ווו איז איצט מאיר?... ווו איז ער געלאָפן?... — זאָל ער נאָר נישט אָפּטאָן אַ מעשה מיט זיך. ער איז דאָך אַרויסגעלאָפן אַ חסר־דעה. זי גייט דורך דער סאַדאָווע גאַס, פאַרביי דער הילצערנער וואַנט פון פּאַלאַץ, אַרום און אַרום איז ליידיק. דיביימער פון פּאַלאַץ סטאַרטשען אַרויס טרויעריקע איבערן פּאַרקאַן. אסתר גייט פּאַמעלעך און טראָגט אין זיך אַ צעדרודערטע מחשבה:

— „עטל"...

אפשר איז דאָס געווען דער שגעון, וואָס האָט אַרומגעשוועבט אין דער לעצטער רגע איבער מאירס פּנים? „עטל... אסתר"... — אפשר איז דאָס געווען די סיבה פון זיין קלאַפּן מיט די טירן?...

איר מחשבה ווערט פאַרדעקט מיט זיידל וועבערס אָנזאָג:

— די שול מוז מאָרגן אַרבעטן ווי יעדן טאָג. איר דאַרפט זיין פרי און אַכטונג געבן. איך וועל נישט גיין אין פאַבריק און קומען אין שול. מיר וועלן זיך באַגעגענען מאָרגן פרי.

## פערצנטער קאַפּיטל

# די פאַרבלוטיקטע האַנט

מאיר צפת איז שוין פינף טעג נישט געקומען אין פרץ־שול.

— האָסטו אים געזען?... גערעדט מיט אים?... — פרעגט מען אסתרן.

— ניין... — ענטפערט זי און פילט זיך געשמייכלט, וואָס מ׳פרעגט דווקא ביי איר.

אין שטאָט דערציילט מען מיט ליצנות:

— אין פרץ־שול האָט מען אָפּגעשטימט, אַז עס איז נשטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט.

די קינדער האָט מען געזאָגט אַ תירוץ:

— דער לערער צפת איז קראַנק.

די לערער זענען געווען צעטיילט אין זייערע מיינונגען וועגן תנ״ך און מאירס שטרייק. יהודה שניידער, דער באַס פון כאָר־שול, האָט געהאַלטן, אַז געגנוג איז פאַר דער תורה און פאַר גאָט צו שפּילן אַ ראָלע אין כאָר־שול; פרץ־שול וועט זיך באַגיין אָן זיי.

— וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן? — האָט ער געזאָגט — תנ״ך און חדר זענען אַ פּאָרל. בראשית, אין אָנהייב, ברא, האָט באַשאַפן, אלהים, גאָט... גאָט, גאָט און גאָט, אדון עולם!...

— מאיר מיינט טאַקע, אַז די שול שטייט אויף אים; מען וועט זיך אַן עצה געבן... — האָט געזאָגט רייזל — נישטאָ קיין קאַפּריזנע קינדער ביי אונדז...

אסתר איז אַרומגעגאַנגען אין שול ווי נישט אויף אירע אייגענע פיס. נישטאָ מאיר. ער לאָזט גאָרנישט הערן וועגן זיך. זי וואָלט געגאַנגען צו אים — זי קען עס נישט צוליב עטלעכן. זי און זיידל דאַרפן געפינען אַן עצה. זיידל איז געדולדיק. ער טענהט, אַז מען דאַרף נישט כאַפּן אויף דער הייסער שעה. זאָל זיך אויס־שטיין אַ ביסל.

— עס קען אָבער איינשטיין, איינגליווערן — זאָגט אסתר אומגעדולדיק.

ליובע האָט געלאָזט וויסן, אַז זי שטרייקט צוזאַמען מיט מאירן און אויב ער וועט צוריקקומען, זאָל מען איר לאָזן וויסן.

וואָס זאָל זי טאָן, אסתר? — מאיר איז גערעכט וועגן תנ״ך, אָבער שטרייקן דאַרף מען נישט. זי קען נישט אַוועק פון שול. זיין אַוועקלויפן פון דער שול איז אַ פעלער. זי מוז מיט אים רעדן.

די קינדער גליבן נישט דער געשיכטע וועגן קראַנק ווערן פון זייער לערער. נישטאָ קיין סודות פאַר קינדער. זיי האָבן שוין געהערט עפּעס אַנדערש. דער לערער מאיר צפת שטרייקט. ער האַלט מלחמה. דער פערטער קלאַס לאָזט נישט אַריין קיין אַנדער לערער. זיי שטרייקן אויך. יודקע דער שוואַרצער איז געוואָרן דער פירער פון קלאַס:

— מיר וועלן זיצן אויף די שול־בענק און שוייגן. מען וועט נישט לערנען. עס מוז קומען ידער לערער מאיר!...

יודקע דער שוואַרצער האָט דעמאָלט נישט געוווסט אויף וועלכן קעמפּער־וועג ער האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט.

ער, יודקע, איז אַליין אַוועק צום לערער צפת. ער וווינט אויף זייער געסל. ער האָט אים געזאָגט פּראָסט־פּשוט:

— זאָל דער לערער קומען אין שול אַריין. אויב נישט, וועלן אַלע קינדער קומען צום לערער אין שטוב...

— זאָג, יודקע, די קינדער, זיי זאָלן גוט לערנען. — ענטפערט אים דער לערער מאיר.

— מיר וועלן נישט לערנען.

— זאָג די קינדער, אַז איך וועל קומען.

— קומט מאָרגן. — זאָגט יודקע עקשנותדיק.

— איך וועל זען, יודקע, גיי דערווייל אין שול. האָסטו געזאָגט דער לע־רערין אסתר, אַז דו גייסט צו מיר?...

— ניין, איך בין געגאַנגען אַליין.

אויף מאָרגן האָט מאירן אַ צי געטאָן אין שול אַריין. וואָס טוט זיך דאָרטן?... וואָס איז מיט אסתרן?... מיט וועמען איז זי — מיט אים, צי מיט ישראלן?...

אסתר איז יעדן טאָג אין שול ביז שפּעט אין אָוונט. זי האָט אַ סך צו טאָן. זי ווערט ערנסטער, עלטער און אחריותדיקער. מען דאַרף היטן די שול זאָל זיין אין אָרדענונג. זי האָט טענות צו מאירן: — פאַרוואָס האָט ער נישט גע־קענט זיך באַהערשן אויף דער זיצונג? פאַרוואָס האָט ער נישט געפונען, ווי זיין שטייגער ביי די קינדער, קיין געלאַסענע רייד? פאַרוואָס האָט ער פאַרשאַרפט דעם וויכוח מיט בייזע ווערטער, מיט ביטערער באַליידיקונג, וואָס ער האָט געשליידערט?

זיי, די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג, טוען דאָך אַזויפיל ביי דער שול, אָרעמע, געדריקטע אַרבעטער, אין צעריסענע שיך, אַליין נישט געלערנט אין

שול, באַוואוּלהטע ,באַליידיקטע, — פאַרוואָס קומט זיי באַליידיקונג אויך אין שול?
— און אַז זיי האָבן נישט געלערנט קיין תנ"ך, וואָס זענען זיי שולדיק?...

זיי טראַכטן מיט זייערע חושים. זיי האָסן די נעכטנס, די פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט זיי געגעבן נאָר אַן אָרעם, געדריקט לעבן — זייער פאַרגאַנגענהייט איז פאַרבונדן מיטן חדר, מיטן מלמד, מיטן חומש. זיי האָבן עס פיינט.

פאַרוואָס האָט דאָס מאיר נישט פאַרשטאַנען?

ער איז געקומען צו יענער מחלוקת־זיצונג אַ פאַרשפּעטיקטער. ער איז געווען צעטראָגן שוין ביי דער טיר, גאָרנישט דער זעלבער מאיר. פון דער זיצונג איז ער אַוועקגעלאָפן אַ חרובער. ביסטו, אסתר, אויך שולדיק אין דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר מיט אים.

מאיר איז אַריינגעקומען אין שול, ווען אין די קלאַסן זענען געגאַנגען די לימודים. ער איז אַריין אין ליידיקן שול־זאַל. ער האָט דערזען די גלעזערנע שראַנק מיט די ביכער אין ווינקל זאַל. דאָרט שטייען די תנ"כן. עס איז אין אים אַריין דער משחית. ער איז גרייט אויף רציחה. ער איז צוגעלאָפן צו דער שראַנק, איבער וועלכער עס הענגט פּרצס פּאָרטרעט, און אַ צי געטאָן די טיר. עמעצער האָט זי פאַרשלאָסן. זי איז דאָך שטענדיק געווען אָן אָפּענע. דאָס האָט געהאַט געטאָן אסתר. ער איז צעקאָכט, אין כעס, עס ברענט אין אים אַ קנאות, האָט ער אַ טראַסק געטאָן מיטן קולאַק אין גלאָז פון דער טיר און זי צעשמעטערט מיטן בראַזג. זיין האַנט איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. אַ רויטע האַנט. ער האָט אומגערן אַ שמיר געטאָן זיין פּנים, זיין העמד, און דאָס האָט אָנגעצונדן וואַנזין אין זיינע אויגן. ער האָט מיט דער פאַרבלוטיקטער האַנט אַרויסגעכאַפּט די תנ"כן פון די פּאָליצעס פון אַלמער, ווי מען כאַפּט אַרויס חפצים פון אַ שׂרפה, און אָנגעהויבן מיט זיי לויפן צו דער אַרויסגאַנג־טיר. דערוויל זענען צוליבן טראַסק פון גלאָז אַרויסגעקומען אין זאַל אַ פּאָר קינדער. זיי האָבן דערזען זייער לערער אַ פאַרבלוטיקטן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און אים פאַרהאַלטן:

— לערער, לערער...

ער איז געבליבן שטיין צווישן די קינדער. וואָס טוט ער? וווּהין לויפט ער? וווּהין טראָגט ער די ספרים?...

— גייט, קינדער, לערנען.

ער איז אַריינגעלאָפן אין ליידיקן לערער־צימער, אַ וואָרף געטאָן די ספרים, פאַרשמירטע מיט בלוט, אויפן לאַנגן טיש. זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ נידעריקער באַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. שווער, שווער — אויפן האַרצן איז געלעגן אַ שטיין. ער פילט זיך צעבראָכן, ווי דער צעבראָכענער אַלמער. ער איז אין דער רגע נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. אים איז געקומען פאַר די אויגן בעריש דער משוגענער פרוש פון סלאָנים מיט דער שוואַרצער באָרד, אין דער צעפליקטער קאַפּאָטע, מיט די באָרוועסע פיס... ער האָט געזען, אַז אַ תנ"ך וואַלגערט זיך אויף דער ערד, האָט ער אים פרום אויפגעהויבן.

אַריינגעקומען איז אסתר. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט שרעק. מאיר איז אַ צעשעדיקטער, זיין פּנים איז פאַרבלוטיקט, זיין קראַגן איז רויט פאַרשמירט. ער האָט איר אויסגעזען אַ געקומענער פון ווייט.

— מאיר... — האָט זי אַ פּלאַטער געטאָן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט שולדיקע אויגן.

— באַרעכן זיך... — זאָגט זי.

— זע, ווי דו ביסט פאַרבלוטיקט.

זי איז שנעל אַרויס און באַלד צוריקגעקומען מיט וואַסער און אַ האַנטוך. זי האָט צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר פון לערער־צימער, צוגעשלאָסן, קיינער זאָל נישט אַריינקומען. מען זאָל נישט זען מאירן אין דעם צושטאַנד. זי האָט גענומען אָפּוואַשן פון אים דאָס בלוט:

— גיב די האַנט... — און גענומען זיין הייסע האַנט אין אירער.

זאָל זי וואַשן, זאָל זי גלעטן זיינע הענט, זיין פּנים. זאָל זי גאָרנישט אויפהערן דאָס צו טאָן.

— וועסט קומען אין שול. די קינדער וואַרטן אויף דיר. זיי נישט משוגע.

— איך קען נישט... דו ווייסט דאָך...

— איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן — זאָגט זי, ווי זי וואָלט זיין עלטער פון אים. — די שול איז וויכטיקער...

— ווייסט דאָך, די פאַרוואַלטונג...

— און די פאַרוואַלטונג איז וואָס? — זיי זענען אַזעלכע מענטשן ווי דו און איך... זיי זענען איבערגעגעבן צו דער שול, שלעפּן די משא, ברענגען די זעק שפּייז, רייסן אָפּ פון זיך די לעצטע גראָשנס... זיי האָבן אויך רעכט... צוליב דער מחלוקת טאָר מען נישט אומברענגען די שול.

— עס גייט דאָך וועגן זין פון דער שול, וועגן דרך, די מעשה־תנ״ך איז נאָר אַ משל.

עס קלינגט דער שול־גלאָק, אסתר דאַרף גיין צוריק אין קלאַס. מאיר וועט דערווייל בלייבן אין לערער־צימער. עס איז סיי־ווי־סיי די לעצטע לעקציע, נאָך וועלכער די קינדער וועלן גיין אַהיים.

— בלייבסט דאָ... — זאָגט אים אָן אסתר פאַרן אַרויסגיין — איך וויל דיך זען נאָך די לעקציעס.

שפּעטער איז געווען צווישן אסתרן און מאירן אַזאַ שמועס:

— וואָסזשע הייסט דאָס לערנען די קינדער זיין ייִדן און זיין מענטשן? — האָט ער געזאָגט — די ייִדיעס האָבן געהאַט זייער ענטפער. וואָסזשע איז אונדזער ענטפער? — ער ליגט נישט אין דער גראַמאַטיק, אין אַריפמעטיק־ביכל; ער ליגט אין טויזנטער יאָרן ייִדישע וועלט־געשיכטע, וואָס פאַרויס פון איר זענען געגאַנגען די נביאים...

אסתר הערט אים. זאָל ער רעדן.

— ייִדן מיט גרויסע און ווייסע בערד, מיט אַ הדרת־פּנים פון יריעות, האָבן זיך מקריב געווען פאַר די הייליקע ספרים. אמת, מען קען דערביי נישט בלייבן. עס איז אַ נייע צייט, אַ אַנדער דור, — מען דאַרף גיין אויף נייע וועגן.

— מיינט דאָס אָבער נישט אַרויסשפּרינגען פון דעם גאַנצן עבר און אַריינ־שפּרינגען אין אַ פּוסטן חלל, מיט ליידיקע טאָרבעס.

— איך הער דיך, — זאָגט צו אים אסתר, — דו טאָרסט אָבער נישט מקריב זיין די שול צוליב אַ דיסקוסיע אויף אַ זיצונג...

דאָס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ.

— און נאָך עפּעס, מאיר, איך קען נישט לערנען אין שול אָן דיר. איך קען נישט גיין אין דער פינצטער. קום צוריק אין שול. טו עס פאַר מיר.

זי זאָגט נאָך עפּעס:

— אַז דו שטייסט אין קלאַס און לערנסט מיט די קינדער, קען דיר קיינער נישט באַפעלן און שטערן. לערן ווי דו פאַרשטייסט. איך בין אַריין אין קלאַס און געלערנט מיט די קינדער ווי דער סנה ברענט אין מדבר. קיינער האָט נישט גע־שטערט דעם סנה לייכטן אין קלאַס.

— אסתר, דיינע ווערטער לייכטן...

— זיי זענען גאָר פשוט — זאָגט זי ווייטער — מיינסטו, אַז דו וועסט אַרויסכאַפּן די פאַר ספרימלעך פון שראַנק און וועסט מיט זיי אַנטלויפן, וועסטו עפּעס אויפטאָן? אין דעם איז נישטאָ קיין שכל. קאַרג תנ״כלעך זענען דאָ אין די בוכהאַנדלונגען?... דו האַנדלסט קעגן די קינדער, קעגן זיך און קעגן מיר.

— איך בין נישט קעגן די קינדער, נישט קעגן דיר...

— דו ביסט — זאָגט זי שאַרף — אַז דו פאַרלאָזט זיי, ביסטו קעגן זיי, קעגן מיר. די דיסקוסיע מיט ישראלן איז פאַר דיר וויכטיקער ווי מיינע רייד צו דיר. אַ טאַטע אַנטלויפט נישט פון זיינע קינדער. און אַ לערער איז אַ טאַטע.

ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צו איר, אַ קוק געטאָן מיט דרך־ארץ, דער־פילט זיך קלענער.

— איך וואָלט דיך געפאָלגט, געקומען; אָבער די פאַרוואַלטונג איז דאָך קעגן דעם.

— זי איז נישט קעגן. מאַך זיך נישט נאַריש. זיידל האָט מיר געהייסן רעדן מיט דיר.

— אויב זיידל, איז רעכט.

אסתר איז אַרויס פון לערער־צימער און אויפגעזוכט אין קליינעם שפּיז־שפּייכלער זיידלען און גיטלען, די באַלעבאָסטע.

— קומט, זיידל, מיט מיר — האָט זי געזאָגט — מאיר איז דאָ אין לערער־צימער.

זיידל איז נאָך איר גוטמוטיק געגאַנגען מיט זיין וויגנדיקן גאַנג.

אין לערער־צימער, אין דער טונקל, האָט זיידל געזאָגט צו מאירן:

—שלום־עליכם, מאיר... קומט אין שול. מיר וועלן דורכקומען. די נביאים האָבן אַזוי לאַנג פאַרגעסן אָן די אָרעמע קינדער, וועלן זיי אויך צוּוואַרטן ביז די אָרעמע קינדער וועלן זיך מיט זיי באַקענען. לאָמיר נאָר האָבן גענוג קאַשע פאַר די קינדער. און צוריק־געשמועסט, לערנט ווי איר ווילט דערווייל אָן אַ באַשלוס. מירן דורכקומען.

— איך בין זיכער, זיידל, אַז מיר בײדע וועלן דורכקומען.

— נו, זעט איר דאָך, — נישט נאָר מיר ביידע — האָט זיידל געזאָגט — דו, אסתר, ביסט אַ בריה... איך האָב געוווּסט ווּעמען אַריינצונעמען אין דער קאָמיסיע. איצט רוף ליובע האַלפּערין.

## פופצנטער קאַפיטל

# שבת פאַרנאַכט

ליפן וואָכן.

די אַרבעט אין שול גייט אָן ווי עס וואָלט שוין געווען לאַנג נאָכן תנ״ך-שטורעם. די לערער-צוגרייטונגען, די לערן-פלענער, קינדער-אינצידענטן, מאַטעריעלע נויטן נעמען צו די גאַנצע צייט. מען פאַרגעסט אַפילו לייענען די טעלעגראַמעס וועגן דער מלחמה. עס איז סיי ווי סיי נישטאָ וואָס צו גלויבן דער דייטשער צייטונג. מען האָט אָבער אַ געפיל, אַז די מלחמה לויפט צו איר טויטן סוף. עס מוז זיך ענדיקן!

— דער דייטש קען שוין נישט געווינען קעגן דער גאַנצער וועלט.

— אַז אַמעריקע איז צוגעקומען.

אסתר איז אין שול געוואָרן מער אָנגעלאָדן מיט פליכטן. עס ציט איר זיך צו באַגעגענען נאָך דער אַרבעט מיט מאירן, אָבער זי מיידט דאָס אויס.

— עס דאַרף קלאָרער ווערן...

זי וועט צונויפנעמען אירע כוחות און זיך באַגעגענען מיט עטלען.

מיט מאיר׳ס פרוי.

— איך מוז מיט איר רעדן...

אָבער אַז דער קאָפ לאָזט איבער דאָס האַרץ אַליין, נאָגט, ציט איר צו מאירן, וואָס איז לעצטנס אַזוי פייערדיק שטיל, אַזוי ווי פאַרשטעקט אין זיך. וואָס קען מען טאָן קעגן אַ פאַרבענקט האַרץ?

לייבע דער בלעכער האָט געבענטשט גומל אין תורת-חיים-בית-מדרש צוליב דעם אומגליק מיט זיין „מוזיניקל“ יאָסל. דער דאָקטער רייגראָדסקי זאָגט, אַז ער וועט נישט זיין קיין קאַליקע.

די מעשה איז אַזוי געווען: לייבע האָט געאַרבעט ביי דער „וואָדאָקאַטשקע“ הינטער וואַשליקאָווע, פון וואַנען עס ווערט צוגעשטעלט וואַסער, דורך דעם „וואָדאָפראָוואָד“, פאַר דער גאַנצער שטאָט. דער טורעם פון דער וואַסערלייטונג איז

זייער הויך, אפשר צען שטאָק. מען האָט געדאַרפט פאַרבן די בלעכענע דעכלעך, די „פּאַדאַקאָניקעס״, הינטער די פענצטערלעך פון וואַסער־טורעם. מען קען צו זיי, מחמת הויכקייט, נישט צוקומען מיט אַ פּענדזל מיט פאַרב. איז געקומען לייבע מיט אַ באַלמעלאָכישן איינפאַל — ער האָט אויפן סאַמע שפּיץ פון וואַסער־טורעם, אין קאָפּ אַריין, איינגעפעסטיקט אַ קלאָץ, אַרויסגעשטעקט צום דרויסן. אויפן שפּיץ פון קלאָץ האָט ער אַרויפגעזעצט אַן אייזערנעם רעדל, איבער וועלכן ער האָט אַרויפגעטאָן אַ לאַנגן שטריק. פון איין זייט שטריק האָט ער אָנגעבונדן אַ הילצערנעם קעסטל, אין וועלכן ער האָט אַריינגעזעצט זיין יאָסלען מיט אַ פּענדזל אין האַנט און מיט אַ קעסטעלע פאַרב, און פאַר דער צווייטער זייט שטריק האָט לייבע געצויגן אַרויף־אַרויף זיין קדיש. אַזוי שטאָק נאָך שטאָק.

— טאַטע, פאַרטיק!... — האָט יאָסל געשריִען פון הויכן שטאָק און זיין שטימע, מחמת הויכקייט, איז גאָר אַן אַנדערע דערגאַנגען צו לייבען.

דעמאָלט האָט לייבע צוגעצויגן דאָס קעסטל מיט זיין זון צו אַן אַנדער פענצטער־גזשימס. אַזוי שטאָק נאָך שטאָק. עס איז אַ געפערלעכע מלאכה, — הגם לייבע פלעגט אונטן, אויף דער ערד, צופעסטיקן דעם שטריק צו אַ האָלץ, ווען זיין זון האָט געפאַרבט די גזשימסן. ער האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיינע הענט. יאָסל איז נישט קיין פּחדן. ער האָט גאָר הנאה פון דער מעשה — זיצן אין אַ קעסטל אין דער לופטן, אין אַזאַ הויכעניש, האַלטן אַ פּענדזל אין האַנט און פאַרבן, פאַרבן...

— טאַטע, פאַרטיק!... — האָט ער געשריִען פון קעסטל אַרויס ווי אַן אמתער באַלמעלאָכע, — מען דאַרף גיין ווייטער.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט עטלעכע טעג, ביז עס איז געשען דאָס אומגליק. אין מיטן דערינען — דאָס קעסטל פליט צו דער ערד מיט יאָסלען. אָט־אָט!... לייבע האָט זיך געטאָן אַ שטעל אַוועק צו כאַפּן זיין קינד מיט בײדע הענט. גאָט, האָב רחמנות!... אַלץ דויערט אַ האַלבע מינוט. גאָט, גיב כח!...

מען קען געהערגעט ווערן צוזאַמען — טאַטע און זון.

יאָסל איז אַריינגעפאַלן אין זיין טאַטנס אָרעמס צוזאַמען מיטן קעסטל. זיי זענען בײדע אומגעפאַלן. יאָסל איז געפאַלן אויף זיין טאַטן. ביי לייבען האָבן זיך אָפּגעריסן די געדערים. זיין יִינגל איז געבליבן לעבן.

— נסים... אַ דאַנק דיר, רבש״ע, פאַרן חסד.

ליגט לייבע, איצט, שבת נאָכן עסן, אין זיין הילצערנער בעט און שלאָפט. עס רודערט זיך אומרויִק זיין פּנים מיט דער באָרד. די באָרד זיינע איז אַרויסגע־שטעקט איבערן צודעק און — שלאָפט נישט. זי דערציילט, אַז איר באַלעבאָס לייבע האָט אַפילו אין שלאָף צו טאָן מיט דער וואַשליקאָווער „וואָדאָקאַטשקע״, וואָס שטייט איבערן טייך, מיט זיין זון יאָסל, מיטן עמער, מיטן שטריק:

— „מען דאַרף דיר, לייבע, רוק־און־לענד צעברעכן פאַר אַזאַ צופעסטיקן דעם שטריק מיטן רעדל״...

אָבער גאָט האָט אים אויסגעהיט, ער איז געווען זיין שומר ומציל. ער וועט

אים, דעם רבש״ע, דינען טריי ס׳גאַנצע לעבן זיינס. שלאָף שוין רויקער, לייבע.
אסתר זיצט מיט ביכער ביים טיש.

זיצט זי מיט עטלעכע ביכער צוזאַמען — קוקט דאָ, קוקט דאָרטן. נעצט דעם פינגער מיטן צונג און מישט, מישט די בלעטער, קוקט אַהער, קוקט אַהין. אי זי לייענט, אי זי נעמט אַריין אין זכרון, אי זי טראַכט פון עפּעס אַנדערש.

לייבע האָט נישט געהאַט יינגלווייז קיין חשק צו לערנען. לייבעס מאַמע, עליה השלום, פלעגט רעדן צו אים: „וואָס לייבעלע לערנט נישט, וועט ר׳ לייב נישט קענען״. עס איז מסתמא געווען אַ באַשערטע זאַך, ער זאָל ווערן אַ באַל־מעלאָכע, נישט געוואָלט זיין קיין קלויזניק, קיין „דעפּטאַק״, נו, איז ער אַ בלעכער. וואָס איז דען די בושה מיט מלאכה? עלעהיי ר׳ יוחנן הסנדלר. אוודאי קומט נישט לייבע דער בלעכער צו יוחנן הסנדלר — שייך צו זאָגן!... — יענער איז דאָך געווען אַ תנא, אָבער באַלמעלאָכעס זענען אויך עפּעס ווערט — נישט שהי־פּהי — זיי האָבן אויך געהאַט אַן אייגענעם תנא, דעם שוסטער יוחנן. אַ סברה, אַז דער גלאָוונער מלאך מטטרון, אַזוי זאָגט מען, איז אויך געווען נישט מער ווי אַ שוסטער, אַ סנדלר... — מילא, איז ער, לייבע, נישט קיין למדן, אָבער אַ פרומער ייִד איז ער, אַ מצווה איז ער מקיים, איז זיין טאָכטער אסתר אַ מלומדת. זי לערנט שוין פאַר אים אויך.

מישט זיך דאָס אַלץ אין לייבעס שלאָף.

מאַשע די שנעלערקע, לייבעס ווייב און אסתרס מאַמע, לייענט אַ מעשה־ביכל וועגן אַ רייכן אַרענדאַר, אַ פּריץ, דעם אַרענדאַרס טאָכטער און אַ ייִד אַ קאַראַבעלניק, אַ מדינה־גייער. די טאָכטער איז געווען אַ יפת־תואר, אַ הימלישע שיינהייט מיט בלויע אויגן און לאַנגע צעפּ. דער פּריץ איז געווען אַ יונגער און ער פלעגט פאַרביירייטן אויף אַ פערד דעם אַרענדאַרס פענצטער. ער איז אויך געווען אַ שונא־ישראל, ווי עס זענען פּריצים און גלחים, אָבער דעם אַרענדאַרס טאָכטער שרהלע האָט ער ליב געהאַט... ער האָט זי געוואָלט צונעמען, אָפּשמדן און זי מאַכן פאַר זיין ווייב — פאַר שרהלע די פּריצטע. דער יצר־הרע האָט אָפּגעטאָן דעם רייכן אַרענדאַר, באשר ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין צדקה. איז שרהלע געווען פאַרקאַכט אין דעם פּריץ דעם רייטער. די דמים האָבן אין איר געברענט... וואָסזשע טוט דאָך דער רבש״ע? — שיקט ער אַראָפּ אַ קאַראַ־בעלניק, אַ מדינה־גייער, וואָס איז גאָר געווען דער צדיק ר׳ לוי, און ער ראַ־טעוועט אַרויס דעם אַרענדאַרס טאָכטער פון פּריצס הענט און פון סאַמע קלויס־טער...

אסתר זיצט קעגנאיבער איר מאַמען ביים זעלבן טיש, לייענט אירע ביכער, ענדיקט איר מאַמע דאָס מעשה־ביכל, קוקט אויף איר טאָכטער. זי וואָלט וועלן דערלעבן נחת פון איר קינד, אַ יפת־תואר, אַ גאַנצע אָסאָבע. גאָט זאָל נאָר העלפן!..

— טאָכטערקע — זאָגט זי — רו זיך אָפּ אַ ביסל, נאָר ביכער און ביכער. וואָס וועט שוין זיין, אַז דו וועסט אַריינשטאָפּן אַלע ביכער אין די קינדער אַריין?

שמייכלט אסתר און זאָגט צו איר מאַמען:

— לאַנגע יאָרן האָבן די גבירים נישט דערלאָזט, אַז די אָרעמע קינדער זאָלן וויסן די ביכער, זאָלן זיי לערנען.

— נו, און דו? ווער האָט דיך נישט געלאָזט לערנען? ביסט אויך געווען אַן אָרעם קינד, און וואָס איז די פּעולה — פון דיינע ביכער? זענען מיר נישט די זעלבע אָרעמעלייט?...

— איך רעד נישט, מאַמע, וועגן מיר; איך רעד בכלל. און נישט אייביק וועלן די אָרעמע זיין אָרעם... אונדזער שול לערנט די קינדער טאַקע צו וועלן וויסן, וואָס וועט זיין דער תּכלית, צו דערגיין דעם אמת...

— ווייסט די וועלט, טאָכטערשע, נישט איבערמאַכן. אָרעמע זין וועלן גיין אין מלחמה און גבירישע וועלן זיך געבן אַן עצה מיט געלט...

— ביז די אָרעמע וועלן קומען צום שׂכל.

— ביז דעמאָלט וועט מען אויסקוילענען אַ וועלט...

— די וועלט וועט זיך נישט לאָזן אויסקוילענען.

— זיי נאַר, אסתר, פּאַרזיכטיק, ווענט האָבן אויערן אויך ביי די דייטשן.

לייבע דער בלעכער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין צעדרייטן שלאָף, געלאָזט זיין ווייב און טאָכטער ביים טיש און אַוועק אין תורת־חיים־בית־מדרש. די באַל־מעלאָכעס עסן שלש־סעודות צוזאַמען אין זייער בית־מדרש. מען דאַרף נאָר ברענגען מיט זיך אַ שטיקל חלה.

עס איז שבת פאַרנאַכט און אסתרן ווילט זיך רעדן מיט איר מאַמען. זאָל זי אפשר איר דערציילן דעם טומל פון איר האַרץ?...

די מאַמע איז שוין פאַרנומען מיט אַ צווייטער מעשה — מיטן חורבן פון בית־המקדש. וואָכ זי לייענט אַרויס פון אַ טייטש־ספרל. די מלאכים האָבן די שליסלען פון בית־המקדש אין פייער אַריינגעוואָרפן.

— איך פאַרשטיי נישט, אסתר, און אַז מען וועט דאַרפן די שליסלען?... שמייכלט אסתר:

— עס איז אַ מעשה, מאַמע, און אויף מעשיות פרעגט מען נישט קיין קשיות. עס טרעפט גאַנץ אָפט — זאָגט זי — אַז מען דאַרף אַ ריכטיקן שליסל און מען געפינט אים נישט. מען זוכט, מען זוכט, אַזש ביז ווייטיק, ביז טרערן און מען געפינט נישט...

די מאַמע ווייסט נישט וואָס איר טאָכטער איז אויסן. זי שטייט אַלץ ביים חורבן בית־המקדש.

— גאָטס געוויין — זאָגט זי — האָט זיך בשעת דעם חורבן געטראָגן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן...

זאָגט אסתר צו דער מאַמעס איבערראַשונג:

— גאָט האָט דעמאָלט געזאָגט צו די מלאכים: „לאָמיר אויפוועקן משהן, אברהמען, יצחקן און יעקבן, זאָלן זיי וויינען אויפן חורבן מיט אונדז צוזאַמען"...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, אסתר? דאָס שטייט געשריבן אויך אין דיינע ביכער?

ענטפערט איר אסתר:

—איך וויל זיין אַ גוטע לערערין, לערנט מיט מיר מאיר צפת...

— ווערסט אַ למדן, האָסט אַ גוטן רבין.

— מען ווערט נישט, מאַמע, אַזוי שנעל אַ למדן. עס איז דאָ אַ סך צו לערנען. מאיר צפת לערנט מיט מיר ייִדישע היסטאָריע, ער פירט מיך איבער ווייטע לענדער, איבער אַלעקסאַנדריע פון מצרים, איבער שפּאַניע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פּוילן. עס איז זייער אינטערעסאַנט, מאַמע. ער איז אַ גרויסער לערער.

— דו דאַרפסט נאָך אויך האָבן אַ לערער?...

— דיין טאָכטער ווייסט זייער ווייניק. זי דאַרף נאָך אַ סך לערנען. נאָכדעם ווי מאיר צפת לערנט מיט מיר וועגן גאַנג פון ייִדן איבער דער וועלט, זעען מיר אויס די מאַמעס פון אונדזערע קינדער, די אָרעמע ייִדענעס מיט די פּאַטשיילעס איבער די אַקסלען, ווי גייערינס אין אייביקן ייִדישן גאַנג. זיי זענען גאַרנישט אַזוי פּשוט, די ייִדענעס אין די פּאַטשיילעס. מאיר צפת זעט אין אונדזער וועלט אויך פריִערדיקע וועלטן; ער זעט אויך אַ נייע וועלט וואָס וועט קומען, אַ גוטע וועלט...

די זון זעצט זיך נידעריקער. עס גייט אויס דער שבתדיקער טאָג. די מאַמע הערט די רייד פון איר טאָכטער, די רייד וועגן איר לערער מאיר צפת, גייט אויס איר האַרץ צוזאַמען מיטן מוצאי־שבת. אַ מאַמעס האַרץ פילט. עפּעס רעדט זי, איר טאָכטער, אומעטיק, פאַרקלעמט. רעדט אַרויס דאָס וואָרט „מאיר״ פאַר־בענקט און פאַרכאַפּט.

— איז דאָס דערזעלבער — פרעגט די מאַמע — וואָס דו האָסט צו אונדז צוגעפירט נאָך דער חנוכה־פאַרשטעלונג אין טעאַטער?... אָט דער מאיר, וואָס דו זאָגסט.

— יאָ, מאַמע, דערזעלבער...

פאַרשטייט זיך אסתר אויף איר מאַמעס קול, אויף איר מאַמעס פּנים, אויף אירע אויגן. קען זי זיך נישט איינהאַלטן. עס רייסט זיך אַרויס פון איר האַרץ. זי קען דאָס מער נישט האַלטן פאַרשלאָסן אין זיך:

— איך האָב אים זייער ליב.

— און ער? — פרעגט די מאַמע.

— ער אויך... — און איר גאַנצער פּנים איז אויסגעשטרעקט־פאַרליבט. גיט זיך אָפּ, כאַטש נעם און צעקוש.

— טאָ זאָל זיין מיט מזל...

— עס קען נישט זיין, מאַמע. מזל איז נישטאָ.

— בייס זיך אָפּ די צונג. מיינע קינדער מוזן האָבן מזל.

— ניין, מאַמע, עס איז נישט גוט...

— למשל?...

— ער איז נישט אַ פרייער מענטש.

— ער האָט אַ ווייב?...

— כמעט...
— איך פֿאַרשטיי נישט דיין לשון...
— איך קען זי נישט, מאַמע. איך האָב געהערט וועגן איר. מאיר האָט מיר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגן איר. עפּעס זאָל זיין נישט גוט ביי זיי. ער שווייגט וועגן איר. איך פֿיל זיך קיינמאָל נישט אַליין מיט מאירן. איר שאָטן איז צווישן אונדז.

די מאַמע איז צעוויטיקט:

— צעברעך נישט אַ פֿאַמיליע, אסתר — זאָגט די מאַמע — מען טאָר נישט. זאָל דיך גאָט שומר ומציל זיין. מיין טאָכטער זאָל דאָס נישט טאָן. מייד אים אויס.

הערט אסתר איר מאַמעס רייד. זי פֿילט זייער טעם. „מען טאָר נישט, אסתר". זי ווייס אויך, אַז מען טאָר נישט. ווער איז זי, ווו איז זי, עטל?... — ער האָט געזאָגט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַז ער וועט איר דערציילן, אַלץ דערציילן, דערוויל שווייגט ער. ער האָט קיין כּוח נישט. נאָך דעם תנ"ך־שטורעם איז ער מער אַריינגעטאָן אין אַרבעטן. ער איז מער אַליין אין לערער־צימער. אַז ער הייבט אויף די אויגן און גיט אַ קוק אויף איר, איז עס מיט אַזויפֿיל שולד, מיט אַזויפֿיל טרויער, און דאָך — פֿייער, ליבשאַפֿט. אַז ער זאָגט „אסתרקע", איז עס אַ זאָג פֿון דער סאַמע טיפֿעניש פֿון דער נשמה. מען קען דעמאָלט אַלץ — אַלץ פֿאַרגעסן. דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אין יעדער שעה. און יעדע שעה איז באַזונדער.

—איך וויל דיר עפּעס זאָגן, מאַמע. איך האָב אים ליב. ווייסט וואָס דאָס איז? — ווען קיין זאַך קען נישט שטיין אַקעגן, ווען אַלץ אין מיר רופֿט, שרייט. קענסטו, מאַמע, גלויבן, אַז דיין טאָכטער איז אַריינגעפֿאַלן אין זיינע אָרעמס און אים געקושט ביז איר קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרייט? איך בין דאָך שוין אַ גרויסער, דערוואַקסענער מענטש. ער איז אַריין אין מיין לעבן דורך אַ טיר, וואָס איז געשטאַנען אָפֿן, אַזוי ווי געוואָרט.

— באַרעכן זיך, אסתר. — זאָגט די מאַמע — חס־וחלילה...

— איינמאָל, ווינטער־צייט — דערציילט אסתר ווייטער, אַזוי ווי נישט פֿאַר דער מאַמען, נאָר פֿאַר זיך אַליין — שניי־צייט, זענען מיר ביידע אַליין אַוועק טיף אין וואַלד. דאָרט איז געווען נאָר שניי, ווייסעביימער, ווייסע ערד און בלויער, אויסגעשטערנטער הימל. חוץ דעם איז קיינער נישטאָ. נישטאָ קיין מענטש. נישטאָ קיין פֿרעמדער. נישטאָ קיין „מען טאָר" און „מען טאָר נישט". עס איז דאָ נאָר לעבן פֿון צוויי מענטשן, לעבן פֿון שטילן, ווייסן וואַלד. מען זאָגט, אַז מען קען דערהערן ווי שטערן זינגען. איך האָב דעמאָלט געהערט. איך האָב געפֿילט, אַז אַלץ זינגט אין מיר. מיר זענען אומגעלאָפֿן, געשטיפֿט ווי קינדער, געיאָגט זיך, געכאַפּט זיך, זיך אַרומגענומען, געקושט. איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל זיך שוין פֿון אים קיינמאָל נישט שיידן.

אין שטוב איז שוין גוט טונקל. ביי דער מאַמען אין די אויגן שטייען טרערן.

אסתר האָט אויפגעהערט רעדן. דער שטראָם ווערטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי איז צוגעקומען נענטער צו איר מאַמען, זי אַרומגענומען, געגלעט איר קאָפּ, גע־דריקט צו זיך.

— איך דאַרף דיך אַזוי האָבן, מאַמע... זיי נישט אין כעס אויף מיר... זיי מיט מיר... איך בין אַליין...

— רעד נישט אַזוי. אסתר. איך בין דאָך דיין מאַמע.

— שרעק זיך נישט, מאַמע, דיין טאָכטער האָט אַ האַרץ, אָבער אויך אַ קאָפּ.

— אָט דאָס מיין איך.

דער טאַטע איז ביי דער טיר.

— גוט־וואָך! וואָס צינדט איר נישט קיין פייער? — עס איז שוין נאָך מעריב.

ער האָט זיך גענומען צו הבדלה.

ער האָט געקוקט אויף זיין ווייב און טאָכטער און געזאָגט:

— עפּעס זעט איר מירביידע אויס גאָר קאַפּידריך...

## זעכצנטער קאַפּיטל

# ליבשאַפט

די וואָכן זענען געלאָפן ווי מטורפע. כשרע, ליכטיקע שעהן אין די קלאַסן מיט די תלמידים; עבירהדיקע, טונקעלע זאַלבעצווייט אין צימער.

וואָס איז מיט דיר, אסתר?

זי ווייסט אַליין נישט. אַ מאַנקאָליע איז אַריין אין איר. זי גייט מער נישט איר גאַנג, זי גייט אַזוי ווי אין אַ זייט. אַזוי ווי אויף די שפּיץ פינגער.

אסתר, דו גנבעסט!

מאיר האָט אַ ווייב!...

זי קען זיך פון מאירן נישט אָפּרייסן. ער איז אַריין אין איר בלוט.

— איך האָב אים ליב!...

ווי קומט עס צו דיר — שטילע, כשרע אסתר?

ער פלאַמט אַרום איר ווי אַ דאָרן. דער אויסערלעך פרומער, פאַרטיפטער, אַביסל צעטומלטער מאיר, פאַרטראַכטער, פאַרטראָגענער, קען דעם פלאַמיקן כשוף פון ליבשאַפט.

אסתרן דרייט זיך דער קאָפּ און עס שלאָגט אומרויִק איר האַרץ. זי פאַרגעסט זיך אין זיינע הענט.

מאַמע, קענסטו דאָס גלויבן אויף דיין טאָכטער?...

די ביכער רעדן וועגן ליבע. טויזנטער זייטן דערציילן וועגן גלוסט און פאַרראַט. אסתר, ביסט שוין אַ דערוואַקסענע פרוי, אַ יונגע, רייפע, אַ צייטיקע. די הייסע קושן האָבן אָנגעצונדן דייך בלוט, האָבן דיך פאַרשכורט.

— איך וויל נישט גנבענען!...

דערציילט מאיר אין עלטערן קלאַס אַ מעשה וועגן אַ חסיד אַ גביר, וואָס איז געקומען צו זיין רבין אין אַ סויבלנעם שטריימל. דער רבי האָט פיינט גע־האַט דאָס אויספוצן זיך אין גבירישקייט, האָט ער עס אויסגערעדט דעם חסיד.

„דאָס איז נישט אמתער סייבל — האָט זיך פאַרענטפערט דער גביר — דאָס איז נאָכגעמאַכטער. עס קאָסט נישט טייער“... — „אויב אַזוי — האָט צו אים געזאָגט דער רבי — „העגג אויף אַ פּלעטל אויף דיין שטריימל — דאָס איז פאַלשער סייבל“.

דעמזעלבן פאַרנאַכט, ווען מאיר און אסתר זענען געבליבן אַליין אין לערער־צימער, האָט זי צו אים געזאָגט:

— דו האָסט דערציילט וועגן „פאַלשן סייבל“. גוט, פיין. נו, און דו טראָגסט אמתן סייבל? — גיב אַ טראַכט. און איך?...

— וואָס מיינסטו?... — פרעגט ער צעטומלט.

— איך מיין — ענטפערט זי — דו, איך און עטל...

ער לאָזט אַראָפּ די אויגן. זי קוקט אויף אים גלייך און שטרענג.

— איך האָב עטלעכע מאָל געוואָלט רעדן מיט דיר וועגן דעם, אָבער נישט געהאַט קיין כח.

— וועגן פאַלשן סייבל פון גבירישן חסיד איז גרינגער צו רעדן — זאָגט אסתר מאָנענדיק — אָבער נישט וועגן אייגענער פאַלשקייט.

— אויף דער וואָגשאָל — זאָגט ער — ליגט מיינער און עטלס גורל.

— און מיינער אויך... — זאָגט אסתר.

— אונדזער אַלעמענס דריי — גיט ער צו.

ער בלייבט שטיין, רעדט נישט ווייטער. זאָגט אסתר:

— ווו איז זי?... פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל נישט מיט איר?... איך ווייס נאָר, אַז זי איז דאָ. איך פיל איר שאָטן, אַפילו דאָ, איצט.

— זי קומט נישט — ענטפערט ער — ווייל זי ווייסט פון מיין ליבשאַפט צו דיר. זי האָט דערשפּירט, מיך געפרעגט און איך האָב נישט געלייקנט.

— איך וויל זיך זען מיט איר. איך וועל גיין צו איר... — זאָגט אסתר מיט אַנטשלאָסנקייט.

— לאָמיר דאָס דורכטראַכטן... — זאָגט ער — צוגרייטן.

— נישט אָפּלייגן אויף לאַנג... — זאָגט אסתר — איצט לאָמיר גיין פון דאַנען, נישט בלייבן דאָ.

זיי זענען ביידע געגאַנגען צו דער טיר. אסתר האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו אים און אים אַריינגעקוקט אין פּנים — הייסע אויגן און טרויעריקע. ער איז געווען צערודערט. זי האָט נישט געוואָלט אים פאַרלירן. וואָס טוט זיך אין דער רגע מיט אסתרן? — זי ווייסט אַליין נישט. זי איז ביי דער טיר אַרויפגעפאַלן אויף מאירן, אים שטאַרק געקושט מיט טרערן אין די אויגן.

— אסתרקע, האַרציקע — האָט ער געפּליסטערט — איך וועל דיר אַוועק־געבן דאָס גאַנצע לעבן מיינס.

— רעד נישט, זאָג נישט, שיכור נישט מיט ווערטער.

## זיבעצנטער קאַפּיטל

# אַן אידייע איז געבוירן

די אידייע וועגן דער גאָרטן־שול אויף זומער — די ערשטע אין דער יידישער שול — האָט זיך אויסגעקאָכט שפּעט אין אָוונט אין דער התלהבות־היץ אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון לערער־ראַט מיט דער פּאַרוואַלטונג. דער פּלאַץ איז געווען — דער שמאָלער און לאַנגער לערער־צימער פון דער פרץ־שול מיט איין פענצטער צום הויף. צוויי בלומען־טעפּ אויפן פענצטער. פרץ־בילד אויף דער וואַנט.

עס האָט גערודערט מיט דעם אַ ביסל טעג ביז דער זיצונג. ליובע האַל־פּערין האָט דעם געדאַנק אַרויסגענומען פון אויסלענדישע ביכער, געבראַכט אַהערצו. מאיר איז געוואָרן באַגייסטערט און ער האָט נישט געזען קיין שוועריקייטן: — „אויפטאָן, מחדש זיין!...“

אסתר האָט לאַנג געשוויגן, געדאַרפט עס דורכמאַכן אין זיך און נאָכדעם — געפּאַרטיקט פלענער אין קאָפּ. רייזל האָט מורא געהאַט — „צו געוואַגט, אַ צו גרויסע אחריות“. יהודה האָט געזאָגט: „מען קען זינגען אויך אין וואַלד“... אידאַ האָט געפרעגט, ווי אַזוי וועט מען ברענגען אין פעלד אַ פּיאַנע?.... איטשע זאַבלודאָווסקי האָט געריבן די הענט, געגלעט זיין באָרד און האָט פריילעך גע־זאָגט: „קבצנים־דאַטשניקעס, חברה טראַסק, משוגעים!“... גיטל, די ווירטשאַפט־לערין האָט געפרעגט נאָר איין פראַגע: „ווי קען דאָס זיין?“... יאָסל שלאָסער האָט געזאָגט: „באשר בכן אין דער שווייץ, טאָ ווי קומט דאָס אין ביאַליסטאָק?“... — ער האָט אָבער צוגעגעבן: „אַז מען פּרוווט נישט, ווייסט מען נישט. טאָמער נישט. איז נישט געפידלט“. זיידל האָט געטענהט:

— מיט קינדער פידלט מען נישט, אָבער — עס וועט זיין אַ גוטע זאַך. זאָלן אונדזערע יאַטלעך האָבן אַ דאַטשע!

אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן דער הוצאה, האָט זיידל אַזוי געזאָגט:

— מען וועט מוזן זיך אַן עצה געבן. עס זאָל נאָר זיין אַ ריכטיקער פּלאַץ, שפּיז וועט מען אַרויסבאַקומען פון וועד־הקהל.

מאיר צפת האָט זי זאַך אַזוי אויפגעקלערט פאַר דער פאַרוואַלטונג:

— דריי חדשים מיט די קינדער אין וואַלד און אין פעלד וועט דערנענטערן די קינדער צו דער נאַטור. זיי וועלן אַליין פאַרזייען, פאַרפלאַנצן, באַוואַסערן, אויסרייסן די קרייטעכצער. אַ ייד טאָר נישט זאָגן „מה נאה אילן זה" — ווי שיין איז דער בוים. שיינקייט איז נאָר פאַר גויים און נישט פאַר יידן אין גלות. שיינקייט איז אָבער דער גרעסטער סוד פון לעבן. אַ זון־פאַרגאַנג, אַ זון־אויפגאַנג, אַ זון אין מיטן טאָג אויפן מיטן הימל. אַ בוים וואַקסט אין פעלד,ביימער אין וואַלד. שיינקייט אַליין איז נישט גענוג, צו שיינקייט מוז צוקומען אויך גוטס. די אַרבעט אין פעלד, די לערע, די געמיינזאַמע אַרבעט, קאָלעקטיוו, איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם. — דאָס וועט טאָן גוטס. מיר וועלן מאַכן אַ קינדער־רעפּובליק, אַ קינדער־מלוכה אין מיניאַטור. מיר וועלן אויך אַריינציען די עלטערן, די חברים. עס וועט זיין אַ געמיינזאַמע שאַפונג.

— לאָמיר שוין דאָס זען... — האָט זיידל געזאָגט — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז מען קען אַריינלייגן אַזוי פיל תורה אין אַ דאַטשע פאַר קינדער... איך מיין, אַז דער עיקר איז, — עס וועט צוקומען די קינדער געזונט.

ישראל גייסט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַן אַ זייט פון דער שול פון נאָך דעם תנ"ך־שטורעם, איז איצט געווען אַן אָנהענגער פון דער אידעע פון דער „קינדער־רעפּובליק".

— דאָס וועט זיין — האָט ער געזאָגט — אַ סך בעסער ווי אַ קאַפּיטל מאירס תנ"ך — ער האָט אַ שטאָך געטאָן מאירן — מען קען דערביי דורכפירן גוטע געזעלשאַפטלעכע דערציִונג.

יאָסל שלאָסער האָט אַרויסגעבראַכט זיינע ספקות:

— ווער ווייסט, צי מען גייט נישט אויף אַן אַוואַנטורע. מען וועט אַריינשטופּן די גאַנצע ענערגיע אין גאָרטן און עס וועט נישט זיין מער קיין כח פאַר עפּעס אַנדערש. מיר זענען דאָך, שעמט אייך נישט, אָרעמעלייט. ווי קומען מיר צו דאַטשעס? אויף פּיאַסקעס וועט מען זאָגן, אַז מיר זענען משוגע געוואָרן...

דאָס פאַרדריסט שוין זיידלען, וועמענס בלויע אויגן האָבן שוין אַריינגעקוקט אין דער קורצער צייט אין גאָרטן־שול־חלום, הגם ער אַליין איז ווייט פון גערטנער און סעדער. ווי קומט דאָס גאָר צו אַ וועבער ביי אַ לוינקעטניק?...

— זאָגט ער צו יאָסלען אַזוי:

— אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע איז ביי דיר נישט קיין אַוואַנטורע, אָבער אַ גאָרטן פאַר די קינדער איז שוין יאָ אַן אַוואַנטורע. עס איז געווען אַן אַוואַנטורע ווען מיר זענען געגאַנגען עפענען אַ שול פאַר דריי הונדערט קינדער. האָבן מיר אַ פּרץ־שול? — האָבן מיר! וועלן מיר אויך האָבן די קינדער אין וואַלד. מען דאַרף נאָר זען, צי מען קען קריגן דעם ריכטיקן פּלאַץ.

— דו ביסט שוין אויף דאַטשע! — האָט הויך אַ זאָג געטאָן איטשע זאַבלו־

דאַווסקי — מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז אַ גוטע מדינה פאַר ייִדן. פאַרטראַכט אַ בערדיטשעווער ייִד אַ מסחר אין וולאַדיוואָסטאָק, פאָרט ער אַהינצו דריי וואָכן מיט דער באַן, פון דעם מסחר לאָזט זיך אויס אַ בוידים, אָבער דריי וואָכן אין באַן איז דער ייִד געווען גליקלעך...

— מיר פאָרן נישט נאָך אַ געשעפט קיין וולאַדיוואָסטאָק — האָט געזאָגט ליובע האַלפּערין, — אויב עס וועט זיין אַ פּלאַץ הינטער אַ וואַלד, אַ גאָרטן און שפּייז, וועלן מיר שוין מיט די קינדער טאָן דאָס איבעריקע.

זי האָט נאָך צוגעגעבן:

— איך האָב פון מיין מאַמען אַ קליין ביסל געלט. איך גיב טויזנט מאַרק...

— איך האָב הונדערט מאַרק — זאָגט איטשע — און איך גיב אויך...

קוקט זיך אַרום זיידל און זאָגט:

— איך גיב אַ חודש שכירות... זאָל זיך מיר דוכטן, אַז די פאַבריק שטייט... יעדער איינער באַשטייערט זיך.

— איך וועל ברענגען פון אונדזער גאַס — זאָגט יאָסל — פינף הונדערט מאַרק. מיינע גיב איך שוין פּופּציק...

אסתר, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט איצט וואָס צו זאָגן:

— נישט ווייט פון אונדזער גאַס איז דער וואַלד, ביים שאָסיי שטייען דאָרטן דעם „פאַלקאָוניקס דאַטשעס". איך בין אַוועק מיט מיין טאַטן צום פאַלקאָוניקס מאַיאָנטעק. מען קען אַהינצו צוקומען פון פּיאַסקעס, פון רבינס גאַס, פון סענדער מירטשעס גאַס. דער גאָרטן איז זייער גרויס. מען קען דאָרט האָדעווען גרינסן, קאַרטאָפל. דער וועכטער מיעטשיסלאַוו וועט אונדז העלפן אין גאָרטן־אַרבעט. מען וועט קענען נעמען צוהילף פון שכנות אויך אַ פּאָר פּויערטעס. מען קען פון דאָרטן האָבן גענוג שפּייז. דאָרט זענען דאָ אַכט דאַטשע־הייזער, גרויסע, ברייטע, מיט גרויסע גאַניקעס אַרום און אַרום. מיין טאַטע קען גוט די דאַטשעס, ווייל ער האָט דאָרט פאַר דער מלחמה געאַרבעט, געדעקט די דעכער. ער איז דורכגעקומען מיט מיעטשיסלאַוון פאַר טויזנט מאַרק. ער וויל אויך אַ קליינעם טייל פון דער גערעטעניש. פון איין זייט קומען אַרויס די הייזער צום פעלד, פון דער צווייטער זייט — צום וואַלד. אַ גרויסער, אַ טיפער וואַלד, גאָר אָן אַ סוף. אין וואַלד וועלן די קינדער קענען לערנען, שפּילן, קלאַסן קענען זיין אויך אויף די באַלקאָנען...

אַלע הערן מיט גרויס נייגעריקייט. אסתר האָט די וואַלד־שולע געמאַכט זייער נאָענט. דאָס גרויסע גרינס־פעלד און דער געדיכטער, טיפער וואַלד מיט די הויכע סאָסנע־ביימער שטייען ממש פאַר די אויגן און פאָרן האַרץ.

— אסתר, ביסט אַ מזיק!...

רעדט זי ווייטער:

— יעדער איינער האָט דאָ געגעבן געלט. איך האָב נישט קיין געלט. דאָס איז אַ גרויסער שאַד. איך קען אויך נישט אָפּגעבן מיין לערער־לוין, ווייל איך דאַרף דאָס ברענגען אין שטוב. מיין טאַטע איז אָבער גרייט צו טאָן וואָס מען דאַרף אַרום די הייזער — פאַרריכטן אַ דאַך, אַ רינע, אַ שלאָס, אַ קליאַמקע, אַ

פּליטע. מיין טאַטע זאָגט, אַז נאָך באַלמעלאָכעס פון תורת־חיים־בית־מדרש וועלן אויך העלפן עפּעס טאָן, אויב מען וועט דאַרפן...

— מען וועט דאַרפן אויפשטעלן בענק אין וואַלד...

— צונויפקלאַפּן טישן...

— צונויפברענגען כלים...

אסתר האָט נאָך אַלץ נישט געענדיקט:

— איך האָב געפּרוווט רעדן מיט אַ פּאָר מאַמעס פון מיין קלאַס — זאָגט זי ווייטער — מיין איך, אַז זיי וועלן אונדז אויך אַרויסהעלפן. יעדע וואָך וועלן מיר קענען האָבן אַנדערע מאַמעס אַרויסצוהעלפן אין דער ווירטשאַפט, אין דער קיך...

רייסט איבער ליובע מיט אַנטציקונג:

— אַזוי איז טאַקע די אידייע פון פּעסטאַלאָצי...

זאָגט אסתר:

— דאָס איז נישט עפּעס אַן אידייע אַזש פון פּעסטאַלאָצי, דאָס איז צו ווייט פאַר מיר; דאָס איז פּראָסט וואָס די מאַמעס ווילן טאָן.

אַרט זיידלען אַ קשיא:

— און בעטן צו שלאָפן פאַר די קינדער?

— דאָס האָב איך געטראַכט — זאָגט אסתר — איז שוין אַ צו שווערע זאַך פאַר אונדז. דעם פּאַלקאָווניקס דאַטשעס שטייען נישט ווייט פון שטאָט, פון אונדזערע געגנטן, וועלן דאַרטן די קינדער זיין נאָר דעם טאָג, ביז פאַרנאַכט. נעכטיקן וועלן זיי גיין אין די היימען. דאָס וועט זיין גרינגער. זאָל דערווייל אַזוי אונדז געלינגען. אַ סך פון די מאַמעס וועלן קענען קומען אָפּנעמען די קינדער. שבת וועלן זיי קענען זיין אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען.

— דאָס, זעט איר, איז שוין עפּעס אַנדערש — זאָגט ישראל גייסט — דאָס מיינט דאָך קאָנקרעטע פאַרבינדונג מיט דער מאַמען און אַרויסרופן ביי איר אַקטיוויטעט.

די גאַנצע זאַך איז געוואָרן איינפאַכער, גרינגער. מען זעט דאָס שוין מיט די אויגן. די אָרעמע גאַסן וועלן גיין כאַדאַראַם.

— גענוג צו רעדן — זאָגט דער פאַרזיצער זיידל — מען דאַרף צוטרעטן עפּעס צו טאָן. מען דאַרף אויסקלייבן אַ קאָמיסיע פון פינף: דריי פון דער פאַרוואַלטונג און צוויי פון די לערער.

אסתר איז אויסגעוואָקסן, און אַריינגעוואָקסן אין דער קאָמיסיע פון פינף. זיידל איז אויך געווען. יאָסל און דער הויכער בישקע. ווער פון די לערער? — ליובע וויל נישט, זי טויג נישט פאַר דעם, זאָגט זי. איטשע זאַבלודאָווסקי? — מאיר צפת?

— האַקט מיך אַריין! — זאָגט איטשע.

— זאָל אויך זיין מאיר, אַ זעקסטער. — זאָגט זיידל, קוקנדיק אויף אסתרן. די אידייע איז געבוירן געוואָרן, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה.

אין לערער־צימער, צווישן די לערער, איז געווען יום־טובדיק. זיי גייען טאָן אַ נייע און גרויסע זאַך. די אַמביציע טרייבט די ענערגיע. דער אימפּעט פון נייעם אויפטו יאָגט. עפנט די פענצטער, מען דאַרף דאָ איצט האָבן מער לופט.

— איך וועל זיך אַריבערטראָגן אין גאַנצן אַהינצו, — זאָגט רייזל — אויפן גאַנצן זומער. חי געלעבט! — איך דאַרף זיך נאָך אין עמעצן פאַרליבן.

— איך וועל אויך אַריבערפאָרן, — זאָגט אידאַ.

— איך וועל דאָרט וווינען אויף אַ בוידעם, — זאָגט איטשע, — אין היי. קענסט דאָרט, רייזל, אויך נעמען אַ דירה.

ליובע איז געווען די מאַמע פון דער אידייע און אסתר איז געווען די אַקו־שערקע... און מאיר? — ער איז געווען דער סנדק און געמאַכט ברכה...

ער קלאַפּט אסתרן איבער דער פּלייצע:

— ביסט אַ כוואַט, אסתר. האָסט אַ מאַנסבילישן קאָפּ...

— מיר וועלן דאַרפן זיך אַוועקזעצן ערנסט אַרבעטן און צוגרייטן פּראָ־גראַמען, — זאָגט ליובע — עס איז נישט קיין שפּילעכל. אַ וואַלד־שול!

— פּראָגראַמען? — פרעגט מאיר — ווי קענען מיר זיצן דאָ אין צימער און מאַכן פּראָגראַמען? — דאָרט וועלן שוין מאַכן פּראָגראַמען די פעלדער, דער וואַלד, די בייטן אין גאָרטן...

ער קוקט זיך אַרום און זאָגט ווייטער אַזוי:

— אסתר, דיין קומען מיט די הייזער פון פּאַלקאָווניק איז געווען אַזוי ווי אַ נס פון הימל...

— וועגן דעם נס וועט איר זיך שוין דורכרעדן זאַלבעצווייט... — זאָגט איטשע און שמייכלט אין זיין באָרד.

## אַכצנטער קאַפּיטל

# אין וואַלד־שול

דאָס יאָר איז דער זומער געווען אַ הייסער, איין זוניקער טאָג נאָכן צווייטן. דער וואַלד איז אין די ליכטיקע טעג געווען פּלאַי־פּלאַים. ער האָט געלעבט זיין גרויס לעבן פון די שפּיצן פון די סאָסנעס ביז דעם שמעקענדיקן לאַנדיש אונ־טער די יחסנדיקע בלעטער אויף דער ערד. וועוויאָרקעס האָבן גאַנצענע טעג געאַרבעט מעשים. קוקאַווקעס האָבן געקוקועט פון אַן אַנדער וועלט. די וועגן און שטעגן אין אַלטן געדרייטן וואַלד האָבן אַליין אַריינגעצויגן די פיס — גיי, גיי און גיי...

— דאָס איזט איין וואַרער פּאַראַדיז... — האָט געברומט אויף דייטש אונ־טער זיין גרויסער נאָז דער שול־אינספּעקטאָר מאַיאָר זיגפריד העלנהוט, אין גרויען מיליטער־מונדיר מיט מעדאַלן, באַגלייט פון צוויי — פון זיין נידעריקן, פעסלדיקן לייטענאַנט סמיט, אויף וועלכן עס איז שלעכט געזעסן דער מונדיר, און פון זיין ברוינעם, הויך־פיסיקן שפּיר־הונט, געבראַכט אַזש פון בערלין — „איך העטע ניעמאַלס געגלאַובט זאָ איין וואַרער פּאַראַדיז...“

צו זיין לייטענאַנט סמיט האָט ער געזאָגט שטיל, דורך איין זייט מויל, אָבער אסתר, וואָס האָט זיי אַרומגעפירט איבער דער וואַלד־שול, האָט דאָס גוט געהערט:

— דאָך מיסן די יודען עטוואַס היער פערהוילן...

— ווירר פערהוילן ניכטס, הער מאַיאָר, — האָט אסתר אַריינגעזאָגט אויף דער שטעל — סיידן די קאַרטאָפל אין דער ערד...

דער שול־אינספּעקטאָר האָט שוין געהאַט אויפן צונג „עפּעס דייטשעס“ צו זאָגן צו אסתרן, ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף איר — זי איז יונג, איר קאָפּ איז שוואַרץ, איר פּנים איז פאַרברענט פון דער זון, די אויגן שמייכלען גוט און קלוג, האָט ער פאַרשוויגן. „די קאַרטאָפל אין דער ערד“... — איז גנביש געזאָגט. דער לייטענאַנט סמיט האָט איינגעשטימט מיטן מאַיאָר העלענהוט, זיין עלטסטער. ער האָט געזאָגט אונטערטעניק:

# די לערערין אסתר

— יאַוואָהל, הער מאַיאָר...

דער מאַיאָר האָט זיך לאַנג פאַרהאַלטן צווישן די אַכט הייזער פון דער וואַלד־שול. די פּאָר עפּלביימער האָבן געשמעקט. די בייטן אין גאָרטן זענען שוין געווען גערדיכט פאַנאַנדערגעוואַקסן. אוגערקעס, רעטעכלעך, מערן, זון־רויזן, קאַרטאָפּל, קאַרטאָפּל און קאַרטאָפּל. אויף הונדערטער שטעקלעך האָבן זיך געדרייט די „סטרוטשקעס" מיט אַרבעס און באָב. מזל־ברכה איז געווען אין גאָרטן. די ערד האָט געטראָגן שפע. צווישן די גרין־פאַרוואָקסענע בייטן זענען געווען אויף די קני די קליינע גערטנער, יינגלעך און מיידלעך, אָפּגעברענטע פון דער חַן, מיידלעך מיט פויערשע טיכלעך אויף די קעפּ, יינגלעך — מיט היטלעך אויף די קעפּ. אַרום און אַרום — ריח השדה. דער מאַיאָר העלנהוט זעט די קינדער־גערטנער צווישן די בייטן; זיי אַרבעטן; זעט מיידלעך טראָגן קאַנען וואַסער צו די בייטן, זאָגט ער פאַרחידושט:

— אונגלויבליך... אונגלויבליך... אָט די יודען... אונדענקבאַר...

ענטפערט אים אסתר אויף אַן אַנדער אופן. זי רופט אין די בייטן אַריין:

— שרהלע, גיטל, בערל, משהקע, אַהער!

לויפן די קליינע גערטנער, יינגלעך און מיידלעך, מיט בינטלעך גרינסן אין די הענט צו דער לערערין אסתר און שרייען שמחהדיק וועגן זייער גערעטעניש:

— צען בולבעס אין איין גריבל...

משהקע קומט אָן דער לעצטער מיט אַ שטרויענעם קוישל פול מיט קאַרטאָפּל מעשה קליינער בעל־גוף און ער זאָגט:

— פון מיין בייט...

משהקעס פּנים איז אויסגעשמירט מיט ערד. ער דערזעט די דייטשן, שטעלט ער אַוועק זיין קוישל מיט קאַרטאָפּל, טוט זיך אַ טרייסל אָפּ פון דער ערד, שטעלט זיך ווי אַ סאָלדאַט:

— גוטן טאָג!...

זיינע אויגן שמייכלען און שטיפן.

דער דייטשער שול־אינספּעקטאָר פון דער אָב־אָסט־פאַרוואַלטונג טוט אויך אַ שמייכל און ענטפערט אים: „גוטן טאָג, גערטנער". אסתר זאָגט איצט:

— דאָס איז נישט אומגלויבלעך און נישט אומדענקבאַר, דאָס איז אַ קוישל קאַרטאָפּל פון משהקעס בייט.

דער אינספּעקטאָר האָט שוין מער קיין צייט נישט געהאַט. ער פאַרצייכנט עפּעס אין זיין נאָטיץ־ביכל און זאָגט אָן אסתרן:

— האַלטן זי נעטע רעכענונג. שטעלן זי צו בעריכטע אין שול־קאַנצעלאַריע.

גיטל, די ווירטשאַפטלערין, וואָס שטייט דערביי, שטויסט זיך אָן, אַז מען וועט די גאָרטן־גערעטעניש אַראָפּרעכענען פון דער שפּייז־פאַרטיילונג פאַר דער שול, זאָגט זי אים נאָך, ווען ער גייט אַוועק:

— אַ מכה. מיטן קאָפּ אין דר'ערד. פּטור, ני.

דאָס לעבן אין דער פּרץ־וואַלד־שול איז אָנגעגאַנגען דריי חדשים. די מעשה וועגן דער פּרץ־גאָרטן־ און וואַלד־שול איז אַריבער ווייטער די גרעניצן פון דער שטאָט:

— קינדער אַרבעטן אין פעלד...

— פּויערטעס העלפן זיי...

דאָס ביסל פּרוכט־ביימער זענען אַוועק איבער דער מדינה אין געשטאַלט פון אַ ריזיקן פּרוכט־סאַד מיט הונדערטער ביימער עפּל, באַרנעס, פלוימען, קאַרשן. די קינדער זיצן אויף די צווייגן, קלייבן די פּירות און זינגען יידישע לידער. אין גרויסן סאָסנע־וואַלד שטייען לאַנגע טישן און דריי הונדערט קינדער לערנען ביי די טישן. מען האָט שוין דאָרט אין דער ווייטנס אַפילו געוווּסט נעמען פון לערער:

— אסתר לאַפּידעס...

— מאיר צפת...

— איטשע זאַבלודאָווסקי.

— ליובע האַלפּערין.

מען איז געקומען פון די שטעטלעך פון דער סביבה דאָס זען מיט אייגענע אויגן, — פון קריניק, פון סאָקאָלקע, פון וואַלקאָוויסק, פון זאַבלודאָווע, פון וואַשליקאָווע. איז טאַקע אַן אמת: זיצן יידישע קינדער אין וואַלד איבער טישן מיט העפטן, בלייפעדערס און רעכענען ברוכצאָלן. רייזל שאַפּיראָ מיט באָר־וועסע פיס, מיטן צעקרויזטן קאָפּ האָר, מיטן פּנים צעברענט פון דער זון לערנט מיט די קינדער אין מיטן וואַלד אונטער די הויכע און שלאַנקע סאָסנע־ביימער:

— צוויי־דריטל, איין־פינפטל, — וויפל פעלט צו אַ גאַנצן?

שמעון, וואָס איז אַ שטיקל זאַיקע מיטן אַן „אייזערנעם קאָפּ״, רייסט זיך האַנט אין דער הויך:

— איך! איך! אי־אי־אי־כל זאַ־גן!

זיצן קינדער אין וואַלד אונטער אַנדערע ביימער און לערנען וועגן פיר צייטן אין יאָר — פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער. וועגן ווינטער ווייסן זיי — קאַלט און שניי; וועגן זומער ווייסן זיי — עס איז הייס, אָבער וואָס איז פרילינג?... וואָס איז האַרבסט?...

— אין פרילינג צעאַקערט מען די פעלדער — זאָגט שרהקע — און מען פאַרזייט.

אַלע האָבן איצט צו דערציילן וועגן פרילינג. אין פרילינג איז מען אַרויס־געפאָרן אַהערצו. מען האָט פאַרזייט אין גאָרטן.

— עס האָבן זיך צעבליט די עפּל־ביימער, — זאָגט יודל מאַרקוס.

— די פייגל האָבן געבויט זייערע נעסטן, איך האָב אַליין געזען, — זאָגט הינקע.

זאָגט די לערערין אסתר:

— זאָל שוין איצט ווערן שטיל.

— אַ וועוויאָרקע שפּרינגט! — טוט אַ קינד אין מיטן דערינען אַ געשריי.
אַלע קינדער דרייען די קעפּ צו דער וועוויאָרקע, קוקן איר נאָך ביז זי שפּרינגט אַרויף הויך־הויך אויפן בוים.

— איצט — זאָגט ווייטער די לערערין — וועלן די קינדער אַליין שרייבן אין זייערע העפטן, ווי אַזוי זיי האָבן צעגראָבן דעם גאָרטן.

— איך האָב אַראָפּגעטראָגן די שטיינער, — זאָגט שלמהקע מיראָווער.

— וועסטו שרייבן וועגן דעם.

אונטער אַנדערע ביימער, ביי אַן אַנדער טיש זיצט מאיר מיט זיינע תלמידים און לערנט:

— אין די צייטן פון שלמה־המלך האָבן זיך שוין די ייִדן פּאַרנומען נישט נאָר מיט פּי־צוכט, נאָר אויך מיט ערד־אַרבעט, זיי האָבן פּאַרפלאַנצט ווייַנגערטנער.

ברוך טשאַפּקעס רייסט די האַנט אין דער הויך, ער וויל וויסן:

— פאַרוואָס זענען ביי אונדז נישטאָ קיין ווייַנגערטנער?

— טרויבן וואַקסן נאָר אין וואַרעמע לענדער — זאָגט דער לערער מאיר — מען מאַכט פון די טרויבן וויין, הייסן זיי ווייַנטרויבן.

— איך האָב געגעסן ווייַנטרויבן ראש־השנה, — זאָגט איטשקע.

— איך האָב אויך געגעסן, — זאָגט דבורהקע.

ווענדט זיך דער לערער צו די דרייסיק קינדער, וואָס זיצן אַרום טיש.

— ווער פון אייך האָט שוין געגעסן ווייַנטרויבן, זאָל אויפהייבן אַ האַנט.
דריי קינדער האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט.

— ווייַנטרויבן זענען זייער געשמאַק — זאָגט דער לערער — עס וועט קומען אַ צייט, נאָך דער מלחמה, און עס וועלן זיין ווייַנטרויבן פאַר יעדן איינעם און פלעשער וויין אויף יעדן טיש.

— מיין טאַטע פלעגט יעדן שבת מאַכן קידוש אויף אַ בעכער וויין... — זאָגט סראָלקע הורוויץ.

דער לערער איטשע איז פאַרנומען מיט פאַרריכטן די בענק אויפן גאָרטן־הויף. ער טוט דאָס נישט אַליין, נאָר מיט אַ חברה ייִנגלעך, צווישן וועלכע עס איז דאָ איין מיידל — פייגל שוואַרץ. זי האָט ליב ייִנגלשע אַרבעטן.

אסתר האָט איינגעפירט צו דערציילן מעשהלעך די קינדער אין סאַמע מיטן טאָג, ווען מען גייט אויף אָפּרו: „דו דערציילסט זאַפטיק, ווערסט אַ מייסטערין"...
— רימט איר אידאַ, וואָס קומט אָפּט הערן אסתרס דערציילן די קינדער.

— די זון גייט אונטער און דער פּאַסטוך אין וואַלד קען נישט איבערציילן זיינע שאָף, איינס פעלט... — קלינגען מחיהדיק אין וואַלד אַריין אירע ווערטער.

קינדער פּראַלן אויף זייערע מיילכלעך מיט פראַגעס, וואָס עס האָט אויפגעוועקט אין זיי פּרצס מעשהלע, וואָס אסתר האָט דערציילט. אסתר איז מיט די קינדער צוזאַמען פאַרצויבערט.

— פלוצלונג וועקט זיך דער ווינט, גיט אַ יאָג און לעשט אויס דאָס איינציקע ליכטל. פאַרזונקען אין פינצטערניש און שרעק, בלייבט דער פּאַסטוך אַליין אין וואַלד...

ביז זי קומט מיט שמחה:

— דער פּאַסטוך האָט זיין שעפעלע באַקומען...

זי האָט אַליין גאַרנישט באַמערקט ווי די זון האָט שוין אָפּגעברענט איר פּנים, ווי אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעגלאַנצט אין די לאַנגע צעפּ. די טעג גייען אַוועק אַנגעלאָדענע און די נעכט פאַרזינקען אין טיפן שלאָף נאָך די זוניקע טעג. אינדערפרי שטייט מען אויף שפּרודלדיק, יונג, מיט אַ סך פרישע כוחות. אַ כאַפּ אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך, אַן אוגערקע, אַ רעטאַכל, און — ווידער צו די קינדער:

אין די פרימאָרגנס לערנט זי לידער מיט די קינדער:

אַ וועלט אַ ליכטיקע,<br>אַ וועלט אַ ציכטיקע,<br>און הימלען בלויע שמייכלען פון דער ווייטן,<br>און מיר איז גוט אַזוי,<br>און מיר איז ווויל אַזוי,<br>איך וויל מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בייטן.

און אַז עס איז גוט אויפן האַרצן, אין אַלע איברים, וואַקסט פרייד און ליבשאַפט. קומט אַריין אסתר אין וואַלד־קלאַס און לערנט מיט די קינדער און שאַלט מיט זיי צוזאַמען:

גוט מאָרגן, יינגעלעך,<br>מיט לאָקן־רינגעלעך,<br>מיט זיסע זילבער־קולכעלעך ווי גלעקלעך,<br>גוט מאָרגן, מיידעלעך,<br>אין ווייסע קליידעלעך,<br>מיט פרישע, ווייכע, רויט־צעפלאַמטע בעקלעך...

זאָגן אַלע קינדער צוזאַמען, באַגריסן זיך מיטן ליד „גוט מאָרגן".

אין קיך קאָכט זיך דער גרויסער קעסל מיט גריץ און קאַרטאָפל. מען פאַרפרעגלט ציבעלעס צו פאַרפעטסן און פאַרשמעקן די גריץ. די קינדער־סאַרווערס גרייטן שוין די טישן.

שבת זענען אַלע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג אין „פאַלקאָווניקס דאַטשעס". מען דערציילט צווישן זיך די מעשה מיט זיידל נאָווינסקי:

— מען האָט געמוזט האָבן געלט פאַר דער שול און עס איז נישט געווען. מען האָט זיך געבראָכן די קעפּ און ס'האָט נישט געהאָלפן. זיידל האָט זיך אויפגעהויבן אין מיטן דער זיצונג אַוועק, אָבער געקומען באַלד צוריק מיט אַ פאַ־

טשיילקע אין האַנט. ער האָט די פּאַטשיילקע אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש און אַרויס־געלייגט אַ גילדערנעם זייגערל, די כּלה־מתּנה פֿון זיין ווייב צירל, וואָס זיידקע האָט איר געהאַט געגעבן מיט פופצן יאָר צוריק. — „זאָל מען דאָס פאַרזעצן" — האָט ער געזאָגט — „אַז עס וועט זיין געלט, וועט מען דאָס אַרויסנעמען". „נו, און זי, צירל?"... — האָט אים געפרעגט יאָסל. — „זי איז מסכּים" — האָט זיידל קורץ געענטפערט.

עס איז דאָ אַ סך וואָס צו רעדן צווישן זיך אין אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג ווען מען זיצט אין וואַלד אונטער דיביימער און מען „שפּאַרט זיך אונטער" מיט די פּעקלעך שפּיז וואָס מען האָט געבראַכט מיט זיך, סיי וועגן דער וועלט, וועגן דער מלחמה, וועגן יידישן פאָלק און דער עיקר — וועגן דער פּרץ־שול.

— אַ מאַיאָנטעק מיט דריי הונדערט פּריצימלעך... — זאָגט יאָסל — מיר האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אָבער זעסט דאָך...

— זיידקע איז איצט דער גרעסטער גביר...

ער, זיידקע, וואָס האָט „שטיינער אין אַרבל" ביים הילצערנעם וועב־שטול, איז דאָ אַ גאַנצער בריה, ער איז פאַרנומען סיי אין שפּיז־שפּייכלער, סיי אין קיך, סיי אין גאָרטן און סיי ביי די חשבּונות. ער האָט אין שטאָט אויסגעפונען מיט וואָכן צוריק דעם חבר חיימל כּייקין, געבראַכט אים אַהערצו, אים איבער־געלאָזן אין „פאָלקאָוויקס מאַיאָנטעק", אָדער אין „פּרצס שלאָס", און ער איז געוואָרן פאַר דער וואַלד־שול „דאָס גרויסע געווינס". ער האָט געשטאַמט פון דאָרף, אַ זון פון אַ ישובניק הינטער וויסאָקע, ביי דעם נאַרעוו.

— פון דאָמבראָוקע — פלעגט ער זאָגן פינקטלעכער — צווישן שעפּע־טאָווע און וויסאָקי־מאַזאָוועצק.

זיין טאַטע, שלמה כּייקין, האָט דאָרט געהאַלטן די קי־פאַכט פון דאָמבראָווער פּריץ, וואָס האָט געשטאַמט פון די סאַמע כּראַביעס. ר' שלמה כּייקין איז געווען סיי אַ ישובניק און סיי אַ למדן. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד פון אַ ראָש־ישיבה און געווען אַ מבין אויף פּאַשע, אויף מילך, זויער־מילך, פּוטער און סמעטענע.

— פון מיין טאַטן — זאָגט חיימל כּייקין — שמעקן צוויי זאַכן: מילך און תּורה...

חיים האָט גוט געקענט די תּורה און די מלאכה אין פעלד. ער האָט דאָס ליב געהאַט. ער פלעגט דערציילן ווי ער פלעגט אָפּשטיין שעהן ביים טויער פון גרויסן קי־שטאַל און זיך איינקוקן ווי די קי שטייען צוגעבונדן צו די סלופּקעס און פּויערטעס מעלקן זיי. „מער ווי די קאַלב וויל זויגן, וויל די קו געזויגן ווערן"... — זיי האָבן הנאה, די קי, אַז די גויעס גלעטן זיי די ציצקעס און מעלקן. עס שיפּעט, עס זשומעט די מילך, וואָס גיסט זיך אין די שעפּעלעך, עס שלאָגט אויף דער מילך־שוים, עס טראָגט זיך די געשמאַקע וואַרעמקייט פון די קי, פון מילך, פון די שיקסעס די מעלקערינס.

— חימל, הער אויף צו מעלקן די קי, — שרייט צו אים די לערערין רייזל שאַפּיראָ — עס ווילט זיך מיר וואַרעמע מילך. הער אויף גלעטן!

מען האָט אים גערופן בכיוון מיטן פאַרצוויגענעם נאָמען „חימל", בלשון סגי־נהור, ווייל ער איז גאָר געווען אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ דאַרפישער יונג אין שטיוול. מען וואָלט אים גאָר געדאַרפט רופן „חיים דער גרויסער", אָדער „חיים־טשע". אפשר דערפאַר האָט מען אים גערופן „חימל", ווייל עס איז געווען גוטסקייט אויף זיין פּנים, אין זיין הילוך, אין זיין שטימע. ער איז געווען אַ בעל־רחמים אויף אַ קאַץ, אַ הונט, אַ הון.

פון וואַנען קומט צו חימלען זיין באַלערנטקייט, זיין וויסן פּויליש, קענען רוסיש, זיין גוטער ידיש?

— פאַר ידיש וועל איך זיך שלאָגן... — האָט ער געזאָגט זיידלען ביי דער ערשטער באַקענטשאַפט.

ער איז אַליין געקומען צו זיידלען אין פאַבריק מיט וואָכן צוריק און אַזוי געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז מען דאַרף האָבן אין אייער וואַלד־שול אַ גערט־נער, וויל איך זיין אַן „אַגראָדניק ביי פּרצן"...

ווי נאָר זיידל האָט אים אַראָפּגעבראַכט, האָט ער זיך גלייך געשטעלט אַר־בעטן אין גאָרטן. ער האָט קיינעם נישט געדאַרפט פרעגן, וואָס עס איז דאָ צו טאָן. עס האָט געשפּילט אונטער זיינע הענט.

איטשע זאַבלודאָווסקי האָט זיך צוגעקוקט ווי חימל שטייט און אַרבעט. חימל האָט געקוקט אויף איטשען, אויפן יונגן ייִדן מיט אַ באָרד אין אַ פויעריש העמדל. זיי האָבן זיך ביידע צעשמייכלט און איטשע האָט געזאָגט:

— בחור, שטעק אָפּ אַ לאַפּע... ביסט אַ יאַט... אַז מען קען, קען מען...

זיי זענען ביידע גלייך געוואָרן צונויפגעחברט. צו רייזלען האָט איטשע געזאָגט:

— לאָז אים נישט אַרויס, ער איז אַ בחור אַ ברען.

הערט מאיר ווי חיים טענהט מיט אַ פאָר ייִנגלעך ביי אַ בוים אין גאָרטן:

— די פעלדער פאַרשטייען נישט קיין ייִדיש. מען רעדט צו זיי נאָר אויף גויִיש: „קאַפּוסטאַ!... קאַרטאָפּליע"... מיר לערנען זיי איצט ייִדיש: קרויט, בולבע, מערן, חודש־רעטעכלעך... נישקשה, זיי וועלן זיך אויסלערנען. זיי וועלן פאַר־שטיין, אַ געזונט אין זייערע ביינער. זיי וויסן, אַז אונדזערע באַשביזוקעס האָבן אַפּעטיט, ווילן עסן.

— חיים! — שרייט צו אים מאיר — דו מאַכסט אַ ייִדישע ברכה איבער די בייטן?

— די ברכה — זאָגט צוריק חיים — וואָס פּרצס גוטער ייִד האָט געמאַכט איבער דעם פאַרדאַרטן סאָד...

— ביסט גערעכט.

— איך בין נישט קיין גוטער ייִד — זאָגט חיים — אָבער די פעלדער וועלן פאַרשטיין אויף ייִדיש, רבי מאיר...

אַזוי איז חיים אַריינגעוואַקסן אין דער לערער־גרופּע. רייזל שאַפּיראָ האָט דערציילט, מעשה לאָבוס, אסתרן:

— ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן קושן, האָט מיר פאַרפעלט אָטעם...

— וואָס זשע האָסטו געטאָן?

— איך וויל דיר נישט אויסזאָגן...

— ווייס איך שוין... — האָט אסתר געזאָגט.

— האָסטו געטראָפן.

ליובע האַלפּערין האָט געבראַכט אין דער וואַלד־שול די יונגע דאָקטערין מאַשע לוריע. זי איז שוין נישט אַוועק פון דאַנען. די קינדער דאַרפן בייטיק אַ דאָקטערין. ליובע האָט זי לאַנג געזוכט. מאַשע — אַזוי האָט זי דאָ געהייסן, נישט דאָקטערין לוריע — האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געענדיקט שטודירן אין יענאַ. אין שטאָט האָט זי נאָך נישט פּראַקטיצירט. די וואַלד־שול האָט זי צוגעצויגן צו זיך, נישט אַוועקצוגיין. זי האָט געהאַט געזאָגט, אַז פאַר איר עסן וועט זי באַצאָלן פון איר קעשענע. אסתר האָט אָבער איר געזאָגט:

— עס וועט נישט גיין, חברטע מאַשע. דאָ זענען אַלע גלייך. מיר עסן אַלע די זעלבע גריץ און קאַרטאָפל. מען וועט זיך מיט אייך אויסרעכענען שפּעטער.

— זאָל זיין אַזוי, חברטע אסתר.

פריי פון אירע דאָקטערשע פליכטן, פלעגט מאַשע אַרבעטן אומעטום, וווּ מען האָט נאָר געדאַרפט — קיין אונטערשייד וועלכע אַרבעט: אין קיך, אין שפּייז־קאַמער, אין גאָרטן. זי האָט איינגעפירט דאָס וואַשן זיך ביי די פּלאָמפּן. דריי וואַסער־פּלאָמפּן זענען געווען אויפן הויף מיט לאַנגע קאַרעטעס, פון וועלכע עס פלעגן, פאַר דער מלחמה, טרינקען וואַסער דעם פאַלקאָווניקס פערד. אַראָפּגע־וואָרפן די רעקלעך, די הייזלעך, די בלוזקעס, די שיך און מען וואַשט זיך, מען שווענקט זיך, מען זייפט זיך, מען צוואָגט זיך, מען פּלושקעט זיך מיט וואַסער.

די לערערקעס, אויך באָרוועסע, יונגע נאַקעטע פיס מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, זענען צוזאַמען מיט די קינדער. אויך די יונגע דאָקטערין מאַשע. זיי זייפן, רייבן, וואַשן די קינדער.

— די זון קוקט נאָך אויפן הימל, — זאָגט חיימקע.

שרייט אַ ייִנגל צו אסתרן:

— לערערין אסתר, איר רייבט מיר אָפּ די הויט...

— די שמוץ, נישט די הויט, ביסט פאַרמורזעט.

מען וואַשט, מען שווענקט, מען פּאַטשט די פּלייצקעס, די הינטנס. מאַשע פירט אָן מיט דער „קאַלטער באָד", קאָמאַנדעוועט צווישן די קינדער און די לערערינס:

— נישט געזשאַלעוועט וואַסער...

— זייפן זיך!

זעט איטשע מאירן ווי ער שטייט און קוקט זיך איין, זאָגט ער צו אים:

— ר' מאיר, איר דאַרפט אויך אַ קאַלטע באָד...

חיימקע שטייט אַ באָרוועסער, אָן אַ העמדל, און כליאַפּעט אויף זיך וואַסער. ער גיסט אַרויף אַן עמער קאַלט וואַסער אויפן קאָפּ, אויף דער נאַקעטער פּלייצע, אויף די פיס און איז זיך מחיה:

— וואַ־וואַ... גוט...

עס איז פריילעך. די קינדער שפּרינגען, טאַנצן אונטערן וואַסער, באַגיסן איינע די צווייטע, עס איז אַ קוויקעניש — געלעכטערס, געשרייען, שטיפערייען. עס איז נישטאָ קיין מלחמה, קיין טויטע, קיין קריגס־געפאַנגענע, קיין אונטער־גאַנג פון שטעט. עס זענען דאָ קינדער, וואָס פּליושקען זיך אין וואַסער אונטער דער זומער־דיקער זון, קעגנאיבער דעם מלכותדיקן סאָסנע־וואַלד.

עס איז שבת־מיטן־טאָג אין וואַלד. דער וואַלד לעבט אַן אומאיבערגעריסן וועלדער־לעבן פון אַ מיליאָן יאָר. עס שפּילט אַ ווונדערלעכער, אומגעזעענער אָרקעסטער — דיביימער, די קוסטעס, די גראָזן, די פייגל, די פליגן. עס קומען לערער פון אַנדערע שולן אין וואַלד אַריין, צו דער פּרץ־וואַלד־שול צו זען און הערן. זיי זענען נייגעריק און זענען מקנא. עס זענען דאָ אויך אַזעלכע, וואָס זענען מבטל די גאַנצע מעשה. מען פרעגט שאלות, מען ענטפערט, מען דערציילט.

דערציילט אסתר, אַז די מאַמעס פון די קינדער העלפן אַרויס אין דער קיך־אַרבעט, און האַלטן ריין די הייזער. אַנדערע מאַמעס קומען מיט זעקלעך שפּייז־מתנות, מיט קאַשע, אַרבעס, בעבלעך און טראָגן אָפּ די אָרעמאַנסקע שפּייז אין שפּייז־שפּייכלער.

— מיר פאַרשרייבן דאָס, גיבן אַרויס קוויטונגען, זיי פילן, אַז זיי האָבן אַ חלק אין זייער קינדס ברויט.

זיי קומען מיט פּאַפּירענע און מיט לייוונטענע טאָרבעס. זיי גייען זאַלבע־צווייט, זאַלבעדריט.

— גוט־מאָרגן, שרה־לאה... גאָט העלף איך דאָבע־גיטל... וואָס מאַכט מיין אברהמעלע? ווי לערנט מיין מלכהלע?... — אסתר שפּילט אויס די רייד, די טענער, די שטימעס פון די מאַמעס און וואַקסט אין איר האַרץ די גדולה.

מאַכט זי ווידער נאָך דעם לשון פון די מאַמעס:

— „אַ מיניסטערשער קאָפּ, אַ געזונט אויף איר, זי געדענקט אַלע נעמען פון די קינדער ווי אַ ייִד אשרי"...

דערציילט מאיר צפת:

—טרעפט, אַז שבת בייטאָג קומען אַראָפּ חברים, די טוער פון דער שול. מיר גרייטן צו אַ כזית־שפּייז, מען צעזעצט זיך אַרום טיש; מיר רעדן וועגן וועלט־זאַכן, וועגן דער מלחמה, וועגן ייִדישן פאָלק אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה...

שלאָגט אים איבער יצחק ראַוויטש פון דער תחכמוני־שול:

— אויב נישט ארץ־ישראל, אויב נישט אַרויס פון גלות, וואָס פאַר אַן ענט־

פער גיט איר זיי אויף דער יידן־פראגע? וואס וועט איר זיי געבן? דעם פאלקאָוו־ניקס דאטשעס? נאך דער מלחמה וועלן זיי ווידער געהערן צום פאלקאָווניק און עס וועלן וווינען אין זיי גאלע גבירים...

ווערט אין כעס מאיר צפת:

— מיינט איר, אז נאך דער מלחמה וועלן זיך זעקס מיליאן יידן אויפהייבן, בנעורינו ובזקנינו און וועלן אוועק קיין ירושלים?... מיינט איר, אז די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט גבירים אין זאלן און ארעמעלייט אויף בוידעמס?... א ניין! די מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט רעוואלוציע, וואס ווערט שוין געבוירן אין איר בויך...

— אויב אזוי — ענטפערט צוריק יצחק ראוויטש — וועלן מיר נאך שנעלער מוזן ארויס פון גלות, כדי נישט צעריבן ווערן אונטער די רעדער פון דער רע־וואלוציע. צו דעם דארף מען גרייטן די קינדער, צום אויפשטאנד קעגן גלות, צו דער עליה קיין ארץ־ישראל...

גייט אוועק דער וויכוח. נישטא קיין וואלד, נישטא קיין זומער, נישטא קיין וואלד־שול. עס איז דא די אייביקע „יידן־פראגע".

שעהן נאך דער ארבעט, ווען די לערער פון דער פרץ־וואלד־שול בלייבן אליין און מאיר צפת קומט מיט נייע פלענער און אידייען, זאגט אים אסתר:

— האסט אין קאפ א פאבריק, וואס ארבעט שנעל אויף עלעקטרי!...

— מען מוז האבן פלאן, אידייע... — טענהט מאיר — די נעכטנס זענען מאטעריאל, די אידייע איז א קאמפאס. אויב נישט וועט מען פארבלאנדזשען. פארבלאנדזשען מיט די קינדער.

— וועט מען... — זאגט רייזל.

— מיר בלאנדזשען נישט — זאגט ליובע האלפערין — מיר גייען אויפן ריכטיקן וועג, מען קען דא אנטאפן דאס געפיל פון די קינדער ממש מיט די הענט.

— געפיל היינט, געפיל מארגן... — זאגט איטשע זאבלודאווסקי — אונ־דזערע קינדער זענען געגליכן צו יונגע קורטשאקעס, וואס לויפן איבערן הויף און פיקן קערנער. מיר דארפן זיי אנווארפן קערנער — פאקטן, ממשותדיקע זאכן. דרך־ארץ פארן יש, פארן אמת. דער אמת איז א פאקט און נישט קיין ספעקולאציע, בולבעס וואקסן אין דער ערד. דאס איז א פאקט, אז מען זעגט איבער א בוים ציילט מען זיינע יארן לויט דער צאל ראנדן. האלטן זיך ביי דער סביבה פון די קינדער!

— די סביבה פון אונדזערע קינדער — רעדט מאיר — איז א קליינע, אן ארעמע. „ביי יעדער טיר — א בערגעלע מיסט", אין יעדער שטוב — א זאק יויט. מוז ווערן די שול זייער הויפט־סביבה. מעשה, געפיל, פאנטאזיע ווערן דא אזוי רעאל, ווי די בולבעס אין דער ערד, ווי די ראנדן אין בוים.

— רעאל איז דער וואלד, איז דער גארטן, איז דער רעטאך, — זאגט צוריק איטשע — דאס איז ממש, דאס איז לעבן.

— עס טרעפט — זאָגט מאיר — אַז לעבן פון אַ גאַנצן דור, פון אַ תקופה, ווערט קאָנדענסירט אין איין שעה. טויזנט יאָר געשיכטע קען מען אויסדריקן אין אַ קינדער־טאַנץ מיט חנוכה־ליכט...

מאַשע די דאָקטערין רעדט וועגן זיך:

— איך האָב זיך לאַנג געפילט ווי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל. געלעבט אין אויס־לאַנד, אין אוניווערסיטעט אין יענאַ. נאָך דעם טויט פון מיין מאַן, ערשט דאָ צווישן אייך, צווישן די קינדער, האָב איך געפונען אַ גרויסן אוצר — דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט. איך ווער צוריק אינטים מיטן לעבן.

דער טאָג איז שוין לאַנג אַוועק. די קינדער זענען שוין נישטאָ, זיי זענען אין זייערע היימען — אויף פּיאַסקעס, אין סענדער מירטשעס געסל, אין דינה־ראַניעס געסל, אין קראַכמאַלניקס געסל, — אין דער מלוכה פון אָרעמקייט. זיי האָבן דאָרט געבראַכט מיט זיך דעם גערויש פון וואַלד, די פרייד פון צעוואַק־סענעם גאָרטן, דעם ריח השדה, די אָפּקלאַנגען פון די לידער, וואָס זיי האָבן געזונגען, די ניגונים פון נישט־געזעענע, כישופדיקע יידישע פידלען. דאָ, אין די הייזער פון פאַלקאָווניק זענען געבליבן נאָר עטלעכע לערער, וואָס וווינען דאָ. איטשע זיצט ביז וויטן אָוונט אויפן באַלקאָן פון הויז, גלעט זיין יונגע באָרד און קוקט אין וואַלד אַריין, אין גאָרטן סתם אַזוי, אויפן הימל אַרויף. דאָ איז חיים, וואָס לייענט אַ דיק, פּויליש בוך ביז עס ווערט גאָר טונקל. נאָכדעם זינגט ער אַליין פּוילישע דאָרף־לידער. קומט צו אים די לערערין רייזל, זיצן זיי צוזאַמען און גייען נאָך דעם אַוועק שפּאַצירן אין וואַלד אַריין, אין דער פינצטער. זייער זינגען טראָגט זיך נאָך לאַנג פון דער טיפעניש און פינצטערניש פון וואַלד, ביז עס פאַרשטומט.

עס בלייבט אויך אסתר. זי בלייבט גאַנץ אָפט נעכטיקן אין וואַלד־שול. מאיר דאַרף גיין אין שטאָט, זאָל ער דאָ נישט בלייבן. אסתר האָט מורא פאַר זיך אַליין, זאָל ער גיין אַהיים, זאָל ער גיין צו עטלען. ער איילט זיך נישט. ער זיצט אויפן באַלקאָן מיט אסתרן, זיי זאָלבעצווייט וואַרפן אַרויס איינציקע ווערטער — נישט וועגן די קינדער, נישט וועגן די לימודים, נאָר וועגן זיך אַליין. עס איז דאָך אָוונט. די זון איז שוין לאַנג אַוועק פון דער וועלט. זי האָט געלאָזט הענגען גאָל־דענע פאָרהאַנגען איבער די צווייגן, ביז זיי זענען אַראָפּגעפאַלן.

טרעלעלייקעט אין אסתרס האַרץ. נאָך אַ טאָג אַרבעט, פרייד מיט די קינדער, ערב אַ מאָרגן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייטן און זאָרגן, בענקט דאָס האַרץ, ברומט דער געמיט, זשומעט דאָס אייגענע, יונגע בלוט. גאַרט אסתר מיט אַלע אירע חושים נאָך אהבה.

— איך האָב דיך ליב, אסתר, מיט מיין גאַנצער נשמה...

— הער אויף, מאיר, געדענק...

— איך בין קראַנק פון ליבע צו דיר...

— עס ווערט מיר אומעטיק און שווער פון דיינע רייד...

— מיט דיר איז מיר ליכטיק אין דער וואַלד־שול...

ער נעמט זי אַרום, קושט זי. זי ווערט זיך נישט. עס שטורעמען אינעווייניק אַלע אירע יונגע יאָרן.

עטל?... די מאַמע האָט געזאָגט: „צעברעך נישט אַ פאַמיליע״... — דאָס איז די זאַך פון זייביידן, פון עטלען און מאירן. דאָס לעבן איז דאָך אַ געראַנגל, אַ גובר זיין, מנצח זיין. זי האָט געזאָגט איר מאַמען: „אסתר האָט אויך אַ קאָפּ״... ניין, זי קען נישט האַלטן אין זומערדיקן אָוונט, קעגנאיבער דעם שטומען סאָסנע־וואַלד, איר קאָפּ אויף אירע פּלייצעס. זי וואַרפט אים אויף מאירס אַקסל.

— „שטאַרקער פון טויט איז די ליבשאַפט״...

ביז זי כאַפּט זיך אַ צערודערטע, אַ צעשויבערטע.

— ניין, ניין, גיי אַהיים, מאיר. עטל וואַרט אויף דיר. מיר טאָרן נישט.

ווערט ער שטום, פאַרגליווערט. עס טוט זיך אָפּ די ליבע־שכרות. ער נעמט אירע הייסע הענט אין זיינע קאַלט־געוואָרענע, טוליעט אירע פינגער און צי־טערט. ער לייגט אַריין זיין גאַנץ לעבן אין אירע הענט.

— איך קען נישט גנבענען. גיי, גיי, מאיר.

און זי שטויסט אים אָפּ לייכט:

—עטל וואַרט אויף דיר...

איצט איז שוין מאיר אַוועק. שטיל, זייער שטיל. מען הערט נאָר דאָס זשומען פון די פליגעלעך אַרום די בייטן. עס טראָגט זיך אָן פון דערווייטנס אַ קוואַקען פון זשאַבעס. אין וואַלד טוט אַ געשריי אַ פויגל. עס איז בלויער אָוונט. בלויע לבנה. בלויער הימל. אויפן מילך־וועג רודערט מיט סודות פון אַן אַנדער וועלט. דער עפּלבוים קעגנאיבער איז באַגאָסן מיט לבנה. די שטערן זענען הויך, וויט פון די שפּיצן פון די סאָסנעס. דוכט זיך אסתרן, קוקנדיק לאַנג, אַז בלוי־שטראַלנדיקעביימער קומען אַן דורכן טויער פון גאָרטן מיט קוישלעך פרוכט. איר מאַמע קומט אָן אַ געבויגענע, מיט אַ לבנהדיקער פאַטשיילע אויף זיך. זי גייט שנעל און שעפּ־טשעט מיט ציטער: „מען טאָר נישט, אסתר, מען טאָר נישט״...

אסתר זיצט אַליין, אויף אַ באַלקאָן אין בלויען, סודותפולן אָוונט. די פענצ־טער פון אַלע אַכט הייזער זענען אָפן. די בלויע נאַכט איז אַריין דורך די פענצטער. אינעווייניק אין דער בלויער שטילקייט הערן זיך עכאָס פון קינדער־געזאַנג, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אין די קלאַס־צימערן און איצט קומט עס אַרויס.

ווער שטייגט דאָס אויף די טרעפּלעך פון מיטלסטן הויז? — דאָס שטייגסטו, אסתר, דאָס הייבסטו זיך אויף די שוועלן. זי הערט ווי די קינדער רופן זי אי־נעווייניק, שעפּטשענדיק:

— קום, לערערין, קום, אסתר!...

## ניינצנטער קאַפּיטל

# אסתר און עטל

מען איז שוין צוריק אין שטאָט. אויס זומער, ווידער האַרבסט. מען האָט איינגעאָרדנט אַן אַרבעט־אויסשטעלונג פון דער געוועזענער וואַלד־שול, — בילדער, קינדער־שריפטן, קינ־דער־צייכענונגען, קוישן פּרוכט פון אייגענעם גאָרטן. מענטשן פון שטאָט זענען געקומען קוקן אויף חידושים.

עס איז שוין תחילת ווינטער. די שול איז פאַרטאָן אין אַרבעט, אַרויס פון קאָפּ דער זומער.

איטשע זאַבלודאָווסקי האָט געבראַכט צו זיך אין קלאַס אַ זעקל מיט אַלטע מטבעות, נייטיק פאַר זיין לימוד. ער האָט דערביי געזאָגט די קינדער, אַז זעק מיט נייע מטבעות האָבן נאָר די גבירים, אָבער זיי זענען מיט זיי נישט געבוירן געוואָרן.

— ווו האָבן זיי גענומען? — פרעגט דער דרייצן־יאָריקער פּקח גרשון שמערקעס, וועמען איטשע דער לערער רופט „ר׳ גרשון״.

— אַרויסגעכאַפּט און צוגעכאַפּט פון די מענטשן, — ענטפערט איטשע דער לערער.

יעדער תלמיד האָט דאָס אַראָפּגעשלונגען, פאַרדייעט, ווי מען שלינגט אַראָפּ אַ שטיק ברויט.

— איך ווייס... — זאָגט גרשון שמערקעס.

לערנט איטשע ווייטער אַזוי אַ פּרק נאַטור־קענטעניש געמישט מיט גע־זעלשאַפט־וויסן:

— קען אַ פריץ צונעמען אַ שטיק הימל און זאָגן „עס איז מיינס״ און לאָזן דאָרט פּאַשען זיינע קי?...

— עס איז הויך דער הימל — זאָגט גרשון — די גבירים קענען נישט אַרויפקריכן אַהינצו. וואָלטן זיי געקענט, וואָלטן זיי אַרויפגעקראָכן... מעגסט זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

— אָבער דאָס וואַסער — זאָגט איטשע — האָבן די גבירים יאָ פאַרנומען. זיי האָבן עס אַריינגענומען אין אַ „וואָדאָקאַטשקע“ און פאַרקויפן עס. אַז מען באַצאָלט זיי נישט, פאַרדרייען זיי דעם קראַן, און נישטאָ קיין וואַסער. קיינער פון די גבירים איז אָבער נישט געבוירן געוואָרן מיט אַ טייך. דער טייך געהערט צו אַלעמען.

די קינדער פאַרשטייען דאָס איצט זייער גוט. טאַקע אַזוי, אַן אמת! עס אַרבעטן די קעפּלעך.

— וואָס וואָלט געווען — פאַלט איין גרשונען דעם פּקח, וועמען איטשע דער לערער רופט „ר' גרשון“ — ווען די גבירים וואָלטן פאַרכאַפּט די לופט און געלאָזט זי דורך רערן אין די הייזער? — באַצאָלסטו, האָסטו לופט, באַצאָלסטו נישט, ווערסטו דערשטיקט...

— איך וואָלט אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס... — גיט זיך אַן עצה מענדל.

— וועלן די גבירים שטעלן פּאָליציאַנטן ביי די טירן — זאָגט גרשון.

דער גאַנצער קלאַס איז אויפגעבראַכט אויף די גבירים, איז גרייט מלחמה צו האַלטן ביי די טירן.

רייזל די לערערין לייענט אין איר קלאַס אַ מעשה וועגן אַן אָרעמער אלמנה. אַלע קינדער זענען מיט דער אָרעמער אלמנה און נישט מיט דעם גביר. פרעגט זי צום סוף ביי די קינדער, וואָס זיי ווילן זיין, ווען זיי וועלן גרויס ווערן.

— רייכע!... רייכע!... — ענטפערט דער קלאַס. — נישט קיין אָרעמעלייט!... געפינט רייזל אַן עצה:

— אַלע?... אַלע?... אַלע רייך, — דאָס איז גוט, אָבער נישט איינער רייך און אַלע אַנדערע אָרעם.

אסתר טוט אויך איר שול־אַרבעט, לערנט מיט די קינדער אין איר קלאַס, גרייט זיך צו די קלאַס־לעקציעס; אָבער זי איז אַ צעטומלטע, זי קען נישט באַגוועלטיקן איר פאַרליבשאַפט אין מאירן. עס איז אין איר אַ ברענענדיקער פלאַנטער. זי גייט שנעל־שנעל אויף אַ באַרג־אַראָפּיקן וועג מיט פאַרמאַכטע אויגן... ביים סוף פון וועג שטייט עטל — מאירס פרוי. זי דערזעט איר, טוט זי פון דעם אַ ציטער, דערשרעקט זיך, צעטומלט זיך, אָבער נעמט זיך צונויף און גייט ווייטער. זי גייט אַנטקעגן, פּנים אל פּנים. איר ליבע איז מער נישט קיין סוד פאַר די לערערס. עס פאַרדריסט זיי, — עס איז נישט גוט פאַר אסתרן, נישט שיין פאַר מאירן, אָבער קיינער וואַגט נישט עפּעס צו זאָגן. עס איז זייער ענין, אַן אינטימער. זאָלן זיי אַליין זיך אויסטומלען.

אסתרן קומען אַנטקעגן בילדער, זאַצן פון ביכער, וואָס זי האָט געלייענט. סצענעס פון אַריינגעשלונגענע ראָמאַנען: „ליבע איז דער גרעסטער סוד פון לעבן“. ליבע, איז דאָס ליבע? וואָס איז ליבע? אָט דער טומל אין קאָפּ, אין האַרץ, אין בלוט?... זי ווייסט נישט קיין ענטפער.

אין איינעם פון יענע טעג האָט מען אסתרן אַריינגעטראָגן אַ בריוו, אַדרעסירט צו איר. „פון וועמען?... ווער שרייבט צו מיר?“ — זי באַקומט זעלטן אַ

בריוו. זי האָט אים אויפגעריסן מיט נערוועזע פינגער. זי האָט שנעל איבער־געלייענט די קורצע און קנאַפּע שורות פון בריוו, געשריבן אין רוסיש:

„אסתר לאַפּידעס!

איך קען אייך, איר קענט מיך נישט. איר קענט אָבער געוויס מיין נאָמען: עטל צפת.

איך מוז אייך זען, אָבער שנעל. זאָגט מיר ווען און וווּ, וועל איך קומען.

עטל".

דער בריוו האָט געבּרענט אסתרס האַנט. זי איז געוואָרן צעטומלט, צערו־דערט, ווי אַ ווינט טוט אַ ריס אַרויס אַ בוים און לאָזט אים שטיין אויסגעבויגן מיטן אַרויסגעריסענעם וואָרצל דרויסן.

די ווערטער פון בריוו זענען קורץ, אָבער שניידיק. זיי זענען אין איר אַריין ווי אַ באַפעל: „זאָגט מיר ווען און וווּ". וואָס זאָל זי טאָן?

זי איז געקומען אַביסל צו זיך פון דער ערשטער צעטומלטקייט. איר באַ־שלוס איז געקומען אַזוי ווי נישט פון איר, פון איר קאָפּ, נאָר פון אַן אויסער־לעכן, פון אַ העכערן כח, פון עמעצן אַן אומבאַקאַנטן. — אפשר פון איר גורל? — עמיץ האָט אַריינגעשאָסן אין איר אַ באַשלוס. זי האָט באַלד געענטפערט:

„עטל צפת!

איך נעם אָן. איך וועל קומען צו אייך אין שטוב, מאָרגן 7 אָוונט. עס מעג אויך זיין מאיר.

אסתר".

אין יענעם אָוונט איז אסתר געווען אין באַיאַרע־געסל, וווּ עטל האָט גע־ווױנט. דער אַדרעס פון מאיר צפת איז געווען פאַרשריבן אין שול. אסתר האָט געוווּסט. זי איז געשטאַנען אַ היפּשע ווייל הינטער דער טיר, זיך צונויפגענומען מיט כח, ביז זי איז אַריין אינעווייניק.

אַ קליינע, זייער ריינע דירה. אַ גוטע ווירטין. ווייסע פאַרהאַנגען פאַרצויגן איבער די פענצטער. אויף די פענצטער — בלומען־טעפּלעך, גוט געפּלעגטע. צוויי קליינע צימערלעך און אַ קיך. מאיר איז נישטאָ. אסתר דערקענט אַז איינער פון די צימערן איז זיינער: פּאָליצעס מיט ביכער, אַ פּראָסטער טיש מיט ביכער, אַ סך ביכער, פּאַפּירן און טינטערס, אַן איינציק בענקל, אַ בעטל ביי דער וואַנט, אַ בילד אויף דער וואַנט איבערן טיש — פּרץ. אין צווייטן צימער — אַ טיש, אַ קאַנאַפּע, אַ שאַפּקע, אַ שפּיגל אויף דער וואַנט, אַ פּאָר שטולן, אַן עטאַזשערקע אין ווינקל, אויף דער עטאַזשערקע — אַ וועק־זייגער.

— איך הייס אסתר... — האָט זי זיך פאַרגעשטעלט, אַרומקוקנדיק זיך — אָט בין איך געקומען.

זי פּליוסט זיך צו זיין דרייסט.

מאיר, זעט זי, איז נישטאָ. „דאָס איז גלייכער".

זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון דערלאַנגען איר האַנט. זי איז געוועזן פאַר־זיכטיק — טאָמער וויל דאָס נישט עטל, מאירס ווייב. טאָמער לאָזט עטל איר האַנט אַן אַראָפּגעלאָזטע. עטל האָט איר אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן. איר פּנים איז שאַרף און ביטער.

— זעצט אייך, איר דאַרפט נישט זיין אומרויִק. מיר האָבן צו רעדן נאָר אַ פּאָר ווערטער — זאָגט קאַלט עטל.

אסתר זעצט זיך. עטל קוקט אויף איר דורכדרינגלעכער און זאָגט:

— איר האָט טאַקע אַ שיינעם פּנים.

אַ שאַרפער שטאָך. אסתר האָט אַרויפגעשטרענגט אויף זיך אַ רויִקייט און געענטפערט געצוימט:

— אַ דאַנק אייך... איר זעט אויס אַזוי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט.

נאָכדעם האָט זי געשוויגן, לענגער. געלאָזט עטלען אָנהייבן דעם שמועס:

— מסתמא ווייסט איר דאָך וועגן וואָס איך וויל מיט אייך רעדן...

האָט עטל געזאָגט:

— איך בין זיך משער.

— אויב אַזוי, איז איינפאַכער.

עטל איז אַ בלאָנדע. איר קאָפּ — געשוירן. די האָר קאַרבן זיך פון זיך אַליין. אירע אויגן גרינע, טיף־איינגעגראָבענע. אונטער זיי — בלויע גריבעלעך. — שלאָפלאָזע נעכט. איר דינע נאָז — אַ פלאַטערדיקע. איר קליידל — אַ שוואַר־צע, אַ נעטע. אויף איר הויכן האַלדז — אַ זילבערן קייטעלע. אויפן פינגער — קידושין־רינגל. אין אירע אויערן — לענגלעכע אוירינגלעך.

— איר קוקט אויף מיין קלייד... — זאָגט עטל צו אסתרן — איך האָב זי אָנגעטאָן צוליב אונדזער באַגעגעניש. איך האָב געוואַרט אויף דער באַגעגעניש שוין אַ לענגערע צייט. מאיר האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַן ערלעכע.

זי בלייבט שטיין, זי וואַרט.

— איך האָב געדאַרפט אייך זוכן — זאָגט אסתר — איך פאַרשטיי. איר זייט גערעכט.

— איך האָב דאָס נישט געמיינט — ענטפערט עטל — איך בין נישט געלעגן אייך אין זינען. איר האָט מיך נישט געדאַרפט. איר האָט געדאַרפט מאירן. איך האָב אָבער מער וואַרטן נישט געקענט. איך מוז מיט אייך רעדן אַ פּאָר ווערטער פאַר מיין... ווי זאָל איך דאָס זאָגן? — פאַר מיין פאַרשווינדן.

אסתר לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. עטל רעדט ווייטער גלייך צום עיקר:

— איך וויל וויסן, צי איר האָט טאַקע ליב מאירן אויף אַן אמת. איך וויל וויסן, צי איר קענט אים געבן גליק. צי איז דאָס נישט אַ ליבע־שפּיל אויף דערווייל, אַ פלירט פון אַ שיינער, יונגער מיידל? איך האָב רעכט דאָס צו פרעגן.

הייבט אויף אסתר איר קאָפּ, קוקט עטלען אין די אויגן און פרעגט:

— און אַז איר וועט שוין וויסן?

— וועט מיר זיין גרינגער אַוועקצוגיין. ביידע זיין קענען מיר נישט. איך ווייס אַלץ, אַלץ: איינע פון אונדז מוז אַוועק.

— וויל איך אויך וויסן — זאָגט אסתר — וואָס איז מאיר פאַר אייך? וואָס זייט איר פאַר מאירן? — איך קען אייך גאָרנישט זאָגן איידער איך ווייס דאָס. מאיר האָט מיר קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט וועגן אייך. איך וויל וויסן ווער זייט איר?

— ערשט איצט, אַזוי שפּעט, ווילט איר וויסן, ווער איך בין, וואָס איך בין פאַר אים. דאָס האָט איר געדאַרפט געוואָר ווערן פריִער, אַ סך פריִער... — זאָגט עטל.

— אויב קריגן זיך — האָט אסתר געזאָגט מיט מער איינגעהאַלטנקייט — האָט איר מיך נישט געדאַרפט רופן. מיר זענען, מסתמא, נישט די ערשטע און נישט די לעצטע פּרויען, וואָס פאַרפּלאָנטערן זייערע לעבנס. לאָמיר שמועסן ווי דערוואַקסענע מענטשן. איך האָב מאירן געפרעגט וועגן אייך און ער האָט נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע.

— איר ווילט וויסן — זאָגט עטל — זאָל זיין, איך וועל אייך זאָגן גאַנץ קורץ. איך בין געווען אַ מאָדעל-צושנײַדערין אין אָדעס. דאָרט, אין אָדעס ביים ים, האָב איך זיך באַגעגנט מיט מאירן. ער איז געווען אַ סטודענט אין לערער־סעמינאַר. איך בין געווען אַ גוטע שווימערין. ליב געהאַט דעם ים. אין אָדעס איז דאָ ווו צו שווימען — אין שוואַרצן ים. צום ים קומען סטודענטן, מיידלעך און בחורים. איך האָב זיך פאַרליבט אין מאירן אין דער ערשטער שעה פון אונדזער באַגעגעניש. „דאָס איז ער, דיין באַשערטער"...

שטעלט זי זיך אָפּ אַ ווײַלע און דערציילט נאָכדעם ווייטער:

— איך בין געווען געפאַנגען פון ליבע, חסר־דעה. טעג און נעכט, אַ גאַנצן זומער, געגנעכטיקט צוזאַמען ביים ים. מיינע חברטעס האָבן געלאַכט פון מיר, וואָס איך האָב זיך פאַרליבט אין „אַ בלייכן ישיבה־בחור". מיין מאַמע האָט אים גערופן: „דער רבי". זיי האָבן קיינער נישט געוווסט ווי אַזוי ער קען ליב האָבן. דאָס איז געווען אונדזער ביידנס סוד. ווייסט איר אויך דעם סוד?... — איך האָב געקוקט אויף זיין פּנים, געקוקט אין זיינע אויגן און געפילט, אַז ער איז געבוירן פאַר אַ גרויסער זאַך. איך בין געוואָרן גרייט מיין לעבן אוועקצוגעבן פאַר אים.

שפּרינגט זי איבער און קומט צו דעם:

— זענען מיר געוואָרן מאַן און ווײַב. כשר חתונה געהאַט.

איצט שטעלן זיך איר גרויסע טרערן אין די אויגן, פאַרשווינדן נישט. זי רעדט ווייטער:

— שפּעטער איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע. זון איז אַרייַן אין אונדזער הויז. אַ קינד אַ זיבעלע, אַ שוואַכינקעס, אָבער מיט גרויסע און קלוגע אויגן. עס האָט שטיל־שטיל געוואָרקעט אין וויגל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס רעדט כסדר צו מיר מיט זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן. זיינע אויגן זענען געווען אַקוראַט ווי זיין טאַטנס, נישט ווי מיינע; מיינע זענען גרינע,

אַזוי ווי גוייִשע, זיינע זענען געווען שוואַרצע, ייִדישע אויגן. ער האָט געהאַט זייַן טאַטנס שטערן און מויל. עס איז אָבער געווען אַ שטראָף פון גאָט, אפשר פאַר די זינד ביים ים — עס איז געווען אַ שוואַך קינד מיט אַ קראַנק האַרץ. דער דאָקטער האָט געטרייסט, אַז מען וועט אים צוהיטן, וועט ער עס אויסוואַקסן. דאָס ייִנגעלע אונדזערס האָט שטיל־שטיל געווײנט אין זיין וויגל גאַנצע שעהן. איך פלעג אים וויגן און וויגן גאַנצע נעכט.

— מען האָט אים גערופן דאַנעלע...

ביז עס איז זייער קראַנק געוואָרן, געברענט אין היץ. מיין מח האָט זיך מיר דעמאָלט איבערגעקערט. האָט איר שוין געזען ווי עס ליגט אַן עופהלע און ברענט אין היץ, אַ רויטינקעס?... איך האָב געזען, אַז עפּעס שוואַרצעס קומט אַריין דורך דער טיר. עס קומט אומגליק. — מאיר... — האָב איך אַ געשריי געטאָן — ראַטעווע!...

מאיר איז געזעסן די לעצטע נאַכט איבערן וויגל און שטום געקוקט אין אַ קליינעם העברעיִשן ספרל. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער דאַוונט, אַז ער בעט גאָט.

— אונדזער זיבעלע האָט אויסגעהויכט זיין ריין נשמהלע פאַרטאָג. ביי זיין קבר זענען מיר געווען זאַלבעדריט — מיר ביידע און מיין מאַמע. איך האָב דעמאָלט געפילט, ביים קבר, אַז מיין לעבן איז צעריסן געוואָרן.

עס איז איר שווער אָוועקצוגיין פון יענער צייט, רעדט זי ווייטער:

— איך האָב נישט געוווּסט וואָס מיט מיר קומט פאָר. איך האָב נישט אויפגעהערט צו זוכן מיט די אויגן און מיט די הענט דאַנען אין זיין וויגעלע. איך האָב נישט געלאָזט מאירן אַרויסטראָגן דאָס ליידיקע וויגעלע פון אונדזער צימער. איך בין נאָכדעם אָפּגעלעגן לאַנגע וואָכן אין שפּיטאָל.

ענדיקט זי מיט יענער צייט אַזוי:

— אַז איך בין געקומען פון שפּיטאָל און אַריין צו אונדז אין צימער, האָב איך דערפילט אַ קעלט. מאירס אויגן זענען קאַלט געוואָרן, פאַרפרוירן. ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע...

מיר זענען אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. מאיר האָט געקריגן אַ לערער־שטעלע אין ווילנע. ער פלעגט זיין גאַנצענע טעג אין שול, ברענגען מיט זיך פעק מיט ביכער. זיצן ביז שפּעט אין די נעכט:

— לייענען און שרייבן, שרייבן...

סוף זומער האָב איך אים געזאָגט:

— לאָמיר זיך לאָזן איבערן לאַנד, פאָרן צום וואַסער, לאָמיר פאָרן צום ים. איך קען נישט איינזיצן.

וואָס פאַרטראַכטער, וואָס שטילער, וואָס מער ער איז געוואָרן פאַרטיפט אין זיך, וואָס מער אומפאַרשטענדלעכער ער איז געוואָרן צו איר, אַלץ מער — אַזוי דערציילט זי — האָט זי זיך געפילט געבונדן צו אים, אָפּרייסן זיך פון אים,

וואָלט געמיינט פאַר איר, אַזוי האָט זי געפילט, זיך אָפּרייסן פון פאָדעם, וואָס האַלט איר צוגעבונדן צו דער ערד.

— נאָר צו וואָס דערצייל איך אייך דאָס?... צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן? עס קען אויסקומען מאָדנע, נישט שיין פאַר מיר.

לויפט זי איבער די צייט:

—מיר זענען געווען אויפן וועג קיין פוילן. די מילחמה האָט אונדז פאַר־האַלטן ביי אייך אין שטאָט. מסתמא איז אַזוי געווען מיין מזל און אייער מזל.

אסתר רופט זיך גאָרנישט אָפּ, זי הערט נאָר, אַז דאָס האַרץ אירס קלעמט. עטל רעדט ווייטער:

—מאיר זאָגט מיר, אַז די באַגעגעניש מיט אייך איז די זאַך פון זיין גורל. ער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון מיר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל נישט פירן קיין פאַלש לעבן... אפשר וואָלט ער נאָך לאַנג געשוויגן, מיך געשאָנעוועט, אָבער איך האָב עס געפילט סיי ווי סיי, האָב איך אים געזאָגט די ערשטע: „מאיר, דו האָסט ליב די לערערין“.

אַ צייט האָט זי געמיינט, אַז עס איז נאָר אַ שטימונג אַזאַ ביי אים, עס וועט איבערגיין. אַ מיידל האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים.

— איך האָב זיך נישט צוגעקלעפּט.

— לאָמיר זיך נישט קריגן. רופט דאָס ווי איר ווילט. זאָל זיין פאַרליבט, אויב איר ווייסט וואָס דאָס איז. זאָל זיין אַז געגנבעט וואָסער איז אייך געשמאַק...

פאַרדריסט אסתרן דאָס לשון אירס. אירע אויגן צינדן זיך אָן. זי קריגט מער כח:

— איך גנבע נישט...

— נאָר איר נעמט... — זאָגט עטל צוריק שאַרפער — איך האָב מיין מיינונג וועגן דעם. עס איז אָבער נישט קיין פּעולה מיר זאָלן שאַרף רעדן איינע צו די אַנדערע. קיין גוטס קען שוין סיי ווי סיי נישט אַרויסקומען. נישט צוליב קריגן זיך האָב איך אייך גערופן. איך וויל, אַז מיר זאָלן צום ערשטן און צום לעצטן מאָל צו עפּעס זיך דערדעדן.

— בין איך גרייט צו הערן.

— איך האָב מאירן ליב. וואָס ער זאָל נישט טאָן, האָב איך אים ליב. איך קען אים נישט צווינגען ער זאָל פילן צו מיר דאָס זעלבע, וועל איך אָפּטרעטן. איך וועל אַוועק. ער האָט מיר אַלץ געזאָגט, גאָרנישט באַהאַלטן. ער איז אָבער אַ גרויס קינד, ער האָט אַ קאָפּ פול מיט פאַנטאַזיע, אַ האַרץ וואָס וואַרפט זיך ווי אַ בלאַט אין ווינט, אַזוי ווי דאָס האַרץ פון אונדזער דאַנעלע. איז עס ביי אייך ערנסט, קענט איר אים מאַכן גליקלעך, איז דאָס נישט אַ זומערדיקער ראָמאַן, — וועל איך אָננעמען דעם גזר, איך וועל עס טאָן פאַר מאירן, אויס ליבע צו אים, מיין איינציקן, דעם פאָטער פון אונדזער געשטאָרבן קינד. איך וועל אַוועק, איך וועל פאַרשווינדן אויף אייביק, מער זיך נישט אומקערן. אָבער אויב נישט, וועל איך בלייבן אויף מיין אָרט, ווי אַ הונט ביי דער טיר. איך

וועל וואַרטן און דולדן. מיר זענען צוויי פרויען, צוויי געליבטע, לאָמיר קוקן איינע די אַנדערע גלייך אין פנים און באַשטימען אונדזער גורל, אונדזער אַלע־מענס דריי.

עטל האָט מער נישט וואָס צו זאָגן. זי שווייגט.

אסתר האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעגאַנגען דעם צימער, געזען דאָס בילד פון דאַנעלען אויף דער שאַפע, זי האָט דערפילט, אַז זי מוז עפּעס זאָגן עטלען:

—איך פאַרשטיי איך, עטל... — האָט זי אָנגעהויבן — דערלויבט מיר איך אַזוי צו רופן: „עטל". — וויל איך איר זאָלט מיך אויך פאַרשטיין. איך האָב איך צו זאָגן, אייגנטלעך, זייער ווייניק — „איך האָב ליב מאירן"... — מעג איך דאָס? האָב איך רעכט אויף דעם? איז דאָס שיין פון מיר, ווען איך ווייס, אַז מאיר האָט אַ ווייב? — ניין, איך האָב נישט קיין רעכט, און עס איז נישט שיין. איך ווייס, אַז איך טאָר דאָס נישט. וואָלט מאיר מיך אַזוי נישט ליב געהאַט, וואָלט ער זיין גאַנצע נשמה ניט אַזוי געטראָגן מיר אַנטקעגן, וואָלט איך נישט געפילט אַזאַ גערודער אין מיר, וואָלט איך געוויס אַנדערש געהאַנדלט. איך וואָלט געהאַנדלט גערעכט און שיין. איך וואָלט דאָס געגנבעטע וואַסער נישט צוגערירט צו מיין מויל.

— אויב אַזוי, איז גענוג. איר קענט שוין דאָ בלייבן שטיין — זאָגט שאַרף עטל — אַז איר האָט אים ליב, און ער האָט אייך ליב, איז דאָ פאַר מיר נאָר איין וועג...

— וואַרט נאָך אַ ווילע — זאָגט ווייטער אסתר — איך מוז נאָך עפּעס אייך זאָגן. ביי מיר איז געשטאָרבן אַ יונגנט־געליבטער און איך האָט דעמאָלט דער־שפּירט דעם אָנריר פון טויט. ביי אייך איז געשטאָרבן אייער קינד, און דער טויט איז נישט אַוועק פון אייער הויז. ער שטייט ווידער, ווי איך פיל, צווישן אונדז...

— מיט דעם דאַרפט איר זיך נישט רעכענען. האָט נאָר נישט אויף מיר קיין רחמנות.

— רופט דאָס ווי איר ווילט, רופט עס רחמנות אויף אייך, אָדער אויף מיר אַליין, אָדער אויף אונדז אַלע דריי. וואַרפט אַוועק אינגאַנצן דאָס וואָרט „רחמנות".

קלייבט צונויף אסתר אירע געדאַנקען און זאָגט נאָכדעם:

— אין דער שעה זענען נאָר מיר בידע. נישטאָ מיט אונדז מאיר. מיר קענען ביידע האַנדלען מיט קאָפּ. איך האָב געזאָגט מיין מאַמען, אַז איך האָב נישט נאָר אַ האַרץ, איך האָב אויך אַ קאָפּ.

— וואָס־זשע זאָגט אייך אייער קאָפּ?

— מיין קאָפּ זאָגט מיר אַזוי: עטל איז פאַרליבט ביז טויט. אַ ווערטפּולער מענטש. זי האָט נאָר איין זאַך אין איר לעבן — איר ליבע צו איר מאַן, צום פאָ־טער פון זייער געשטאָרבענעם קינד. זי איז פאַרבונדן מיט מאירן מיט אַ שטריק פון אַ טויטן זון, אַ שטריק, אויף וועלכן זי גרייט זיך צו הענגען אויס ליבע...

— רעדט נישט מער!... — האָט עטל אַ געשריי געטאָן — איך וויל נישט הערן!...

אַ שטראָם טרערן איז געקומען אין אירע אויגן. זי איז אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער. אסתר האָט געקוקט אַהין און געוואַרט. עטל איז צוריק אַרויס־געקומען.

— אַנטשולדיקט, רעדט ווייטער... — האָט עטל געזאָגט.

— איך האָב איצט נישט מער וואָס צו רעדן... — האָט אסתר געזאָגט — לאָמיר נאָר אָפּמאַכן איינס — גאָרנישט צו טאָן ביז אַ צווייטער באַגעגעניש. נישט איך און נישט איר. דער מאָרגן איז קליגער פאַר דעם היינט. איז דאָס אַן אָפּמאַך, עטל? גיט אַ האַנט!

עטל ישובט זיך און דערלאַנגט נאָכדעם לאַנגזאַם איר האַנט:

— נאָט אייך!...

שטייען זיי בײדע און שווייגן. שטום, נאָר די הערצער קלאַפּן. אַ שווערער שטיין איז אויף עטלס האַרץ, אַ ווייטיק איז אין אסתרס געמיט.

— איר זייט מער ווי איך האָב געמיינט... — זאָגט עטל.

— ערשט קען איך עטלען... — זאָגט אסתר.

מען קלאַפּט אין טיר. עטל דערקענט דעם קלאַפּ. זי ציטערט אויף:

— מאיר...

אסתר גייט עפענען די טיר. מאיר איז אַריינגעקומען. ער איז געבליבן שטיין פאַרוווּנדערט:

— דו, אסתר?...

— יאָ, איך...

אסתר האָט מער נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך פאַרהאַלטן.

— מיין מאַמע וואַרט אויף מיר... — זאָגט זי און גייט אַוועק — אַ „גוטע נאַכט"...

זי האָט אָבער נאָך אַ בליק געוואָרפן אויף זיי ביידן און געזאָגט צו עטלען שוין שטייענדיק אין טיר:

— געדענקט, עטל, אָפּגעמאַכט...

אַלע דריי האָבן אין יענער שעה נישט געוווּסט, אַז דאָס ראָד פון דער וועלט־געשיכטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַן אָפּהאַלט; אַז דער הימל שפּאַלט זיך — פון מזרח קומט אַ שטורעם.

## צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# זאַווערוכע פון רוסלאַנד

אין שטאָט איז אַריינגעלאָפן די זאַווערוכע פון רוסלאַנד — פון פּעטערבורג, פון צאַרישן פּאַלאַץ, פון דער גאָסודאַרס־טווענער דומע, פון פּוטילאָווער זאַוואָדן, פון אייזנבאַן־דעפּאָען:

— „רעוואָלוציע"...

די דראָבנע, שאַרף־קאַנטיקע, שפּיציקע בוכשטאַבן פון דער דייטשער צייטונג אין שטאָט האָבן צעלעכערט און פאַרדייטשמערט די גע־וואַלדיקע פּאַרקומעניש, געמאַכט פון איר בלויז אַ פּאָר געדיכטע דייטשע שורות: „די רוסן וואַרפן די ביקסן". מען האָט אָבער אַליין צוגעלייגט צו די קאַרגע דייטשע ווערטער פאַנטאַזיעס, ווונטשן, חלומות און מען האָט אין שטאָט גערעדט, ווי מען וואָלט דאָס געזען מיט די אייגענע אויגן:

— עס ברענען פּאַלאַצן.

— דעם צאַרס קרוין וואַלגערט זיך אויף וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט.

— פאַבריקן שטייען, רויטע פענער הענגען...

מען דערציילט, אין די בתי־מדרשים, אין דער גרויסער שול, אַז פּויערים ברענגען פּריצישע מאַיאָנטקעס און צעטיילן זיך מיט דער ערד. קרושעוואַנען און פּורישקעוויטשן האָט מען אויפגעהאנגען. דעם גלח ראַספּוטין האָט מען דער־שטיקט אין דער צאַרינטעס בודואַר.

— אויף פּעטערבורגער גאַסן טאַנצן מענטשן פון שמחה, מען קושט זיך...

— מען וויינט פון פרייד...

די סאָלדאַטן אויפן פראָנט שיסן אויס די אָפיצירן און לאָזן זיך צוריק אין די דערפער. עס וועט זיין שלום. ייִדן באַקומען „פּאָלנע פּראַוועס". דעם גלח מאַצאַך האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם.

— מאַרקאָוו הענגט אויף אַ לאַמטערנע אין מאָסקווע...

פון וואַנען ווייסט מען דאָס? עס קומען דייטשע סאָלדאַטן און דערציילן,

עס זענען אָנגעקומען געהיימע שליחים פון דאָרטן, פון דער רעוואָלוציע. דייטשע סאָלדאַטן ברענגען זיי אַריין פּאַר אַ ביסל מאַרקן אויף פאַלשע דאָקומענטן. עס גייט איבער די הענט אַ רוסישע צייטונג פון פּעטערבורג. קיינער האָט זי נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, אָבער אַלע ווייסן פון איר, רעדן, ווי מען וואָלט אַליין געלייענט.

אַ געהיים־געקומענער פון ווילנע, אַ געוועזענער לערער, האָט אויפגעזוכט מאיר צפתן. ער האָט געהאַט צו אים אַן אָנזאָג:

— „בילדן אַ רעווקאָם"... „זיין גרייט ביז זיי וועלן קומען"...

געקומען און פאַרשווונדן. אַ רעוואָלוציאָנער אַ גייער.

מאיר צפת איז געוואָרן אַ צערודערטער, אַזוי ווי דער מח וואָלט זיך ביי אים איבערגעקערט. אַ הייסער רוף האָט געברענט אין זיין בלוט. זיין חריפישער קאָפּ און זיין הייסע פאַנטאַזיע האָבן זיך צונויפגענומען אין איינס.

ער זאַפּט איין אַלע קלאַנגען און מעשיות ווי אַ שוואָם. זיי צינדן זיך אָן אין זיין צעפלאַמטן מח. עס צאַפּלט זיין האַרץ. ער זעט זאַכן, וואָס ער וויל זען. די רעוואָלוציע שפּאַנט. זי קומט צו אים אין דער ריכטיקער צייט.

די באַגעגעניש מיט אסתרן ביי אים אין שטוב, פנים אל פנים מיט עטלען, האָט איבערגעקערט די שפּעטערדיקע טעג מיט די פיס אַרויף. אסתר שוויגט. זי איז טרויעריק און — שוויגט. זי מיידט אים אויס. אירע אויגן זענען שיסע־לעד צער. עטל איז טרויעריק־אונטערטעניק. זי גייט אַרום אויף פרעמדע פיס. רירט נישט אָן די ערד. זי וואַרט. די זאַווערוכע פון פּעטערבורג איז פאַר אים אַ תיקון. ער וועט אויף אירע פליגל אַרויספליִען דרויסן.

רוסלאַנד, רוסלאַנדס רעוואָלוציע. דער משפט פון דורות קומט מיט פייער און שווערד. עס ציטערט רוסלאַנדס האַרץ. קלאַפּט דאָס זיין אייגן האַרץ אין טאַקט פון רוסלאַנדס האַרץ?...

די זאַווערוכע און די שליחות צו אים פון ווילנע איז פאַר מאירן אַ רעטונג־ברעט. ער וועט אויף די פליגלען פון דער רעוואָלוציע אַרויספליִען פון דער ענגשאַפט.

— איך האָב געוואַרט אויף דעם. געוואַרט אין סלוצק, אין אָדעס, אין ווילנע. ווו איז איצט טורנאָווס זון? אפשר איז ער אין סאַמע מיטן פון דער רעוואָלוציע?..

רוסלאַנד ווערט פריי. ייִדן וועלן אויך זיין פריי. עס הייבט זיך אָן אַ נייע עראַ. די מלחמה וועט זיך אָפּשטעלן. עס קומען אָבער אָן ביטערע ידיעות פון רוסלאַנד — רציחות, תליות, אַרעסטן, באַרימטע מענטשן ווערן דערשאָסן... — מאיר מוז געפינען פאַר דעם אַ פאַרענטפערונג: „אַז מען האַקט האָלץ, פליִען שפּענער". שטאָט גייט כּאַדאַראַם. מען קען נישט לערנען אין די קלאַסן. די קינדער ווילן וויסן, זיי הערן אין שטוב, אין גאַס — פרעגן זיי.

ישׂראל גייסט האָט געזיגט. ער האָט אויסגעפירט. ער האָט געזאָגט, אַז די רעוואָלוציע וועט קומען אויף די האַרמאַטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־

מלחמה. נו, און אָט קומט זי טאַקע. עס ווערט מקוים מאַרקס׳ נבואה. ישראל איז געוואָרן פריינטלעכער מיט מאירן.

איטשע זאַבלודאָווסקי האַלט נישט פון אַ רעוואָלוציע, וואָס ווערט געטראָגן אויף קאָזאַקישע פּיקעס, אין פינצטערע קעלערן, ווו מען צעשיסט קאַדעטן, פּראָפעסאָרן.

— ווילסט אַ משיח אויף אַ ווייסן פערד... — זאָגט אים אַריין מאיר.

— טאַקע אויף אַ ווייסן פערד און נישט אויף אַ האַרמאַט — ענטפערט איטשע.

— די האַרמאַטן צעשיסן די מילחמה אויף אייביק — זאָגט ישראל מיט אַ סך אויטאָריטעט — דער פּראָלעטאַריאַט נעמט נקמה פאַר יאָרן אונטערדריקונג, נויט און הונגער.

— אַ פאָלק מאָנט אויף זיינע עוולות... — העלפט אים מאיר, און ער פאַנ־טאַזירט — די וועלט קומט אַנטקעגן רוסלאַנדס רעוואָלוציע. פון מזרח קומט די זון. דייטשלאַנד וועט אונטערקומען. פראַנקרייך וועט גיין מיט זיי ביידן. אַ רע־וואָלוציע איז אַ סימפאָניע אויף דעם וועג פון דער מענטשהייט.

—סימפאָניעס שפּילט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער — זאָגט ישראל — אַ רעוואָלוציע איז נישט קיין קאָנצערט. עס איז האַרטער קאַמף. ווער — וועמען?..

אסתר הערט די רייד, די וויכוחים און שווייגט. מאירס ווערטער דרינגען עפּעס מער נישט אַריין צו איר אינעווייניק, ווי פריִער. איטשע זאַבלודאָווסקי דערציילט: „ביינאַכט האָט מען אַריינגעשלעפּט אין אַ פּעטערבורגער קעלער דעם פּראָפעסאָר שינגאַראָוו און אים דערשאָסן״. אסתר זעט און הערט: „די רעוואָ־לוציע מוז שיסן...״ — זי ציטערט אויף. הערט זי ווי מאיר דערציילט וועגן דעם די קינדער:

— די רוסישע סאָלדאַטן ווילן מער נישט גיין אויף דער מילחמה. זיי גייען אַהיים צו זייערע פאַמיליעס. זיי שרייען פון זייערע אָקאָפּעס צו די דייטשע סאָלדאַטן: „לאָמיר אַוועקלייגן די ביקסן און מאַכן שלום״. זאָגן די דייטשע סאָל־דאַטן: „אונדזערע אָפיצירן לאָזן נישט״. זאָגן די רוסישע סאָלדאַטן: „טאָ שיסט אייערע אָפיצירן״.

טוט אַ געשריי גדליהקע:

— זאָל מען שיסן דעם קייסער!...

אַלע קינדער שרייען אַזוי מיט אים. זיי זענען שוין גרייט דאָס צו טאָן.

אסתר קערט זיך אָפּ. עס געפעלט איר נישט. די קינדער לויפן אַרויס פון שול־זאַל צעקאָכטע. זיי לויפן אין די קאָרידאָרן. זיי זוכן דעם גערודער, ווו מען שיסט.

אסתר איז אַליין. עס קומט צו צו איר מאיר:

— איך קען זיך נישט אומקערן צו נאָרמאַלע לעקציעס... — זאָגט ער.

— שוין צייט דאָס צו טאָן — זאָגט זי צוריק — אויפהערן שיסן און אָנ־

הייבן לערנען. מען דאַרף קומען צום פאַרשטאַנד. אָפּקערן זיך פון שלעכטס מיינט דאָך קומען צו פאַרשטענדיקייט.

— דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, הייסט — זיך אָפּקערן פון שלעכטס.

— איך פיל דאָס נישט. איך זע דאָס נישט. איך ווייס ווייניק וועגן רעוואָ־לוציע — זאָגט זי — דו ווייסט מער. אויב זי מוז גיין דורך פינצטערע קעלערן, ווו מען שיסט אומשולדיקע מענטשן, מיינט דאָס, אַז זי גייט צו שלעכטס.

איצט זאָגט זי ווי אַ פאַראָרדענונג:

— אַלנפאַלס אונדזערע קינדער אין פרץ־שול דאַרף מען נישט לערנען שיסן.

ער ווערט געבויגן.

די ידיעות פון רוסלאַנד וועגן מאָרדן, תליות, שרפות ווערן אַלץ געדיכטער. אסתר הערט זיי מיט קאָפּ און האַרץ. זיי מאַכן איר עלטער. איטשע הערט זיי מיט כּעס. זיי מאַכן אים אויפגערעגט. מאיר הערט זיי דורך צעפלאַמטן בלוט. מיטן קאָפּ מאַכט ער זיי מענטשלעכער. ער געפינט פאַרענטפערונגען. עס רופט זיך אָפּ אין אים די שנאה צום צאַר, צו זיינע סאַטראַפּן. ער וואַרט אויף אַן אָנ־ווייזונג פון ווילנע וואָס דאַרף צו אים קומען געהיים אַ ליאַדע טאָג.

— געטאָס, „טשערטאָס״, שוואַרצע מאה, פּאָגראָמען ברענען אין אונדז — היצט ער זיך — עס איז דאָ דין און דיין!... מען מוז זיך נוקם זיין!...

— פלי נישט — זאָגט איטשע — ידיש פאָלק איז נישט סתם אַ נוקם ונוטר... — גלעט ער זיין באָרד. — דאָרט, ווו עס הערשט אומגערעכטיקייט, מאָרד, קען דאָס ידישע פאָלק נישט האָבן קיין קיום.

— עס ברענט זיך אויס דאָס שלעכטס. אַ שטאָל מיט מגפה־מיסט מוז פאַר־ברענט ווערן. עס וועט קומען דאָס גוטע, דער יושר. מיר דאַרפן גיין אַהינצו און נישט פירן וויכוחים, מיר זענען דאָרטיקע...

— דאָרטיקע?! — פרעגט איבער אסתר — איך בין אַ היגע. היגע זענען אונדזערע קינדער, היגע זענען מיין טאַטע־מאַמע, אַ היגע איז די פרץ־שול, מען נעמט זי נישט אויף די הענט און מען גייט מיט איר אַוועק.

— עס איז אָבער איצט אַ מלחמה. עס איז דאָ אַ פראָנט. דאַרף מען גיין צום פראָנט. — זאָגט מאיר הויך, אויפגערעגט.

— פון „קריג און פרידן״ ווייס איך — זאָגט אסתר — אַז עס זענען דאָ פאַרשיידענע אָפּטיילונגען אין אַן אַרמיי. קאַוואַלעריסטן רייטן אויף פערד, פע־כאָטע שטייט ביי דער שטאָט און היט די טויערן.

— וואָס הייסט „היגע״? — קאָכט זיך ווייטער מאיר ווי אַ רוח וואָלט אין אים אַריין — איך בין געבוירן געוואָרן אין סלאָנים, געלערנט אין סלוצק, שטודירט אין אָדעס, געאַרבעט אין ווילנע, געלערנט אין ביאַליסטאָק, — אומע־טום געחלומט וועגן אַן אַנדער וועלט. איצט רופט זי מיך, יענע וועלט...

## איינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אידאַס חתונה

עס גייען איינע נאָך די אַנדערע אָנגעצונדענע וואָכן, פון וועלכע עס שלאָגט רויך אין שטאָט. יעדער טאָג — אַ וויאָרסט־סלופּ אויפן וועג צו אַ נייער צייט. דייטשלאַנד וואַרפט אַריין סמאָלע אין רוסלאַנדס שרפה. דאָס גרויסע לאַנד איז פאַרשטעלט מיט קאָרדאָנען פון דייטשע אַר־מייען — ביי דעם דניעפּער, ביי דער סלושטש, אַרום די פּאָלעסיער בלאָטעס. זיי קענען אָבער נישט פאַרשטעלן די שטאַפּעטן, וואָס קומען פון דאָרטן, רייסן אויף שטאַרקער ווי דינאַמיט: רוסלאַנד גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָנגעהויבן מיט פרייהייט און גייט צו פּאָגראָמען אויף ייִדן.

אומגליק: די רעוואָלוציע צעטרייבערט זיך. באָלשעוויקעס שלאָגן זיך מיט מענשעוויקעס. גענעראַלן גייען אויף גענעראַלן. „גראַב נאַגראַבלענאָיע!".

די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער פּרץ־שול זענען שאַרף צע־טיילט. ישראלן זעט מען שוין גאַנץ ווייניק. ער איז פאַרנומען ערגעץ־אַנדערש־ווו. ער זאָגט, אַז אַ רעוואָלוציע ווערט נישט געמאַכט מיט ווייסע הענטשקעס. קאַרל מאַרקס האָט געלערנט, אַז אין דער איבערגאַנג־צייט מוז זיין דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זיידל האַלט מיט די מענשעוויקעס: פריִער דעמאָקראַטיע און נאָכדעם — סאָציאַליזם. יאָסל דער שלאָסער זאָגט, אַז בינו לבינו וועט מען פאַרטיק מאַכן די ייִדן.

— אַ רעוואָלוציע — זאָגט מאיר — שטעלט מען נישט אָפּ אויף מיטן וועג, כדי איר צו פרעגן אַ פּאַס. עס איז אַ היסטאָרישע סטיכיע און זי פּאָדערט הויכע פּרייזן.

גייט אָן כסדר די מחלוקת וועגן דעם וואָס איז יושר און צי קען זיין אַ רעוואָלוציע אָן יושר. זיידל זאָגט אַזוי: ער גלויבט נישט אין אַ רעוואָלוציע פון צעשטופּלטע מאַטראָסן־קאָזאַקן. מאיר טענהט, אַז אַפילו די אומשולדיקסטע קינ־דער ווערן געבוירן אין בלוט. עס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור. איטשע ברענגט

אַ ביישפּיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און קומט צום אויספּיר, אַז אַ רעוואָלוציע, וואָס איז איינגעווייקט אין בלוט, מוז האָבן אַ פינצטערן סוף.

— וואָס איז דיין מיינונג, אסתר?...

— איך?... איך? — קוקט זי זיך אַרום — איך לערן מיט די קינדער אלף־בית.

שרייט איטשע אינזשיניער:

— דאָס איז אַ גרויסער געדאַנק. אַ לאַנד פון בעזגראַמאָטנע קען נישט מאַכן קיין גראַמאָטנע רעוואָלוציע.

רייסט איבער זיידל דעם וויכוח:

— לאָמיר דערוויל רעדן וועגן ברויט און גריץ פאַר די קינדער. פאַר רוס־לאַנדס רעוואָלוציע זענען מיר נישט פאַראַנטוואָרטלעך. גענוג אַז איינער פון אונדז פאַרנעמט זיך מיט איר — חבר ישראל.

לויפן די וואָכן. הינטער זיי ראַנגלען זיך און טרייבן איינע די אַנדערע אַזעלכע טיטאַנישע כוחות, אַז דער מח קען זיי נישט אויפנעמען.

טראָצקי האָט שוין געקלאַפּט אין בריסק מיט דער טיר פון דער וועלט: „נישט שלום און נישט מילחמה", און געלאָזט זיצן דעם דייטשן גענעראַל האָפ־מאַן: „וועסט סיי ווי סיי פאַרשפּילן". אין דייטשלאַנד ברענט דער מערב־פראָנט. די אַמעריקאַנער גיבן גרויסע קלעפּ. אין דייטשלאַנד האָט זיך אויך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע. מען זעט שוין אין שטאָט שכורע דייטשע סאָלדאַטן מיט אַראָפּ־געפליקטע שליפעס. דייטשע אָפיצירן נעמען כאַבאַר. זיי הוליען אין די רעסטאָ־ראַנען און וואַלגערן זיך מיט נקבות אין די האָטעלן, שלעפּן זיך אַרום מיט זיי, שכורע, אין די גאַסן.

— דייטשלאַנד איז אויס... — האָבן יידן געפּסקנט — וואָרום דו זעסט דאָך...

דער גבאי אין כאַר־שול האָט געוואָלט מען זאָל מאַכן „אל־מלא־רחמים" נאָך „ניקאָלאַיקען". מען האָט זיך געקריגט און עס זענען געפאַלן באַלעבאַטישע פּעטש.

די פּרץ־שול האַלט מען אויף אין דער בהלה מיט אַלע כוחות. מען פילט, אַז אַלץ איז איצט נאָר דערווייליע, מאָרגן וועט אַנדערש זיין. נישטאָ קיין טעם אין לערנען עברי, רעכענען און געאָגראַפיע. די מאַפּעס וועלן דאָך סיי ווי סיי געענדערט.

אין יענער צייט גאַנץ אומגעריכט, איינמאָל אין אַן אָוונט, אין פּרץ־שול, האָט יהודה שניידער געלאָזט וויסן:

— קינדער, זאָגט מיר „מזל־טוב"...

— באשר בכן?...

— אין מיטן רעוואָלוציע?...

— האָסט געוווּנען די גרויסע געווינס?...

— געמאַכט אַ נייעם ניגון?...

ער האָט געלאָזן אַלעמען זיך אויסשרייען, זיך אויסוויצלען, און נאָכדעם געענטפערט זייער ערנסט:

— אידאַ האָט מיט מיר חתונה.

ערשט איצט צעשרייט מען זיך פון אַלע זייטן: „מזל־טוב״!

— איך האָב געבראַכט שנאַפּס און לעקאַך... — זאָגט ווייטער יהודה.

פאַר אסתרן איז דאָס נישט געווען קיין סוד. זי איז געווען ווי אַ שוועסטער פאַר דער געקוועלטער אידאַ. זי האָט באַלד צענומען די הענט צו פּראַווען אַ שמחה אויפן שטעל.

— ווו ביסטו, אידאַ, קום אַהער!

אסתר קושט זיך מיט איר. רייזל איז אויך דאָ צום קושן זיך. איטשע מיט דער באָרד קומט אויך אונטער. זיידל האָט שנעל אַרויפגעבראַכט ברויט, וווּרשט און אוגערקעס. אסתרס קאָפּ איז שוין געווען צעשויבערט. זי מיט רייזלען האָבן געשניטן די ווורשט און די אוגערקעס. אירע שוואַרצע האָר זענען געקרויזלטע געווען צעוואָרפן אַרום איר שטערן און נאַקן. זי האָט געשריִען, גרייטנדיק דעם כיבוד:

— מזל־טוב, אידאַ! מזל־טוב, יהודה!

אידאַ קען נישט רעדן, קען נישט אַרויסברענגען אַ גלייכן וואָרט. טרערן שטייען איר אין די אויגן. זי נעמט אַרום אסתרן און רעדט צו איר אינדערשטיל:

— אין גיכן ביי דיר, אסתר...

— דו זאָלסט זיין גליקלעך, אידאַ... — ענטפערט איר אסתר.

מען נעמט גלעזעלעך. גלעזלעך נאָך גלעזלעך. די מיידלעך טרינקען אויך.

— ווו איז חימל? חימל כייקין! — דערמאָנט זיך זיידל און ער שרייט צו רייזלען — ברענג אים אַהערצו.

עולם ווערט בגילופין. מען קען נישט אויסקומען אָן אַ רעדע.

— אַ חתונה אין מיטן דער רעוואָלוציע — רעדט מאיר שטייענדיק אויף אַ בענקל — רוסלאַנדס חתונה איז די רעוואָלוציע... עס וועט זיך איינאָרדענען, חברים, עס וועט גוט ווערן, שלום ווערן. אַלע ווילן זען, אַז די רעוואָלוציע איז גערעכט... וואָס קענען טאָן אַנדערש די אומגליקלעכע מענטשן, אַז די זשאַנדאַרן מיט די גענעראַלן האָבן נישט געלאָזט? עס וועט אויך קומען די נייע ערע פאַרן ידישן פאָלק... ידיש פאָלק קען לעבן נאָר אין פרייהייט!... אין פינצטערניש פון גושן, אין קנעכטשאַפט פון פרעהן קען עס נישט לעבן!... עס איז דאָך שוין דאָ רעכט פאַר ידן! אויטאָנאָמיע, ידישע שולן, זאָגט, ברידער, לחיים, לחיים!... לחיים דער רעוואָלוציע!... אידאַ און יהודה האָבן חתונה אין אַ גרויסער צייט. אייערע קינדער וועלן שוין לעבן אין אַן אַנדער אָרדענונג. מילא, איז די רעוואָ־לוציע אויך אַ ביסל שיכור...

איטשע איז שוין אויך בגילופין, שרייט ער:

— די רעוואָלוציע ווערט שכור נישט פון בראָנפן, נאָר פון בלוט.

מישט זיך אַריין אסתר:

— צעשטערט נישט אידאַס חתונה מיט רוסלאַנדס רעוואָלוציע. לאָמיר טאַנצן, קום, אידאַ, טאַנצן!

— ביסט גערעכט, אסתר — שרייט זיידל — אַזוי, אַזוי, טאַנצן! זאָל זיין פריילעך אויף אידאַס חתונה.

— זאָל זיין שמחות ביי ייִדן, זאָל זיין שלום!

ערשט עס קומט אַריין חיימקע, מען האָט דאָך געשיקט נאָך אים:

— אַ געזונט אויף אייערע קעפּ — זאָגט ער — גיט מיר אויך אַ גלעזל.

— לחיים, חיים!

— לחיים, רייזל!

מען גייט שוין אין קאַראַהאָד, מען טאַנצט, מען האָפּקעט אַרום און אַרום אין מיטן טאַנצן בלייבט שטיין זיידקע דער וועבער, שוין שכורלעך. ער קוקט זיך אַרום, ער שמייכלט, ווי אַן עלטערער ייִד, ער זוכט אַ וואָרט, ער וויל עפּעס זאָגן:

— מיר האָבן די פּרץ־שול, קיין עין־הרע... דריי הונדערט קינדער, קיין עין־הרע... צאַר ניקאָלאַי ליגט שוין אין דר׳ערד, קיין עין־הרע... רוסלאַנד וועט זיין פריי, זי וועט זיין...

— קיין עין־הרע!... — שרייט אַריין איטשע.

— די דייטשן וועלן איינעמען אַ מיתה־משונה מיט זייער קייסער.

— קיין עין־הרע... — שרייט מען שוין אַרום און אַרום.

— אונדזער אידאַ האָט חתונה, מיט מזל, מיט מזל...

— מיט מזל! מיט מזל! — שרייט מען — קיין עין־הרע!...

— יהודה שניידער — זאָגט זיידל ווייטער — ליאַפּעט מיט זיינע גרויסע פיס אַזוי ווי שמחת־תורה...

ער זוכט מיט די אויגן און שרייט:

— אסתר! ווו איז אונדזער אסתרקע!... טייערע אסתר!... מיר וועלן דיך אויך חתונה מאַכן...

אסתר פאַרמאַכט אים דאָס מויל מיט דער האַנט. זי צעשרייט זיך:

— ווייטער טאַנצן! היינט איז אידאַס חתונה!

אין סאַמע מיטן טאַנץ איז אַריינגעקומען פון גאַס יאָסל שלאָסער מיט אַ ווילכטיקער נייעס:

— די דייטשן לויפן אין דר׳ערד אַריין: פּוילישע שקצים טוען אויס גאַנצע דייטשע ראָטעס...

עס קומען נאָך חברים פון גאַס. עס קער׳ט זיך די וועלט, ווייל מען זיין צוזאַמען. יעדערער האָט וואָס צו זאָגן:

— די דייטשן זאָגן: „רעוואָלוציאָן, בעפעל אויס בערלין״

— זיי טראָגן זיך גאַלאָפּ צו די שאָסייען...

— קייסער ווילהעלם אַבדיקירט...

— דאַלאַי יעקעס!... מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַריין!... אויס!... — שרייט איטשע.

— מעג מען דאָך נאָכאַמאָל נעמען לחיים! אַלע צוזאַמען, בציבור.

— ברידער, מאַכט נאָכאַמאָל אַ ראָד, — גיטל, אידאַ, יאָסל, חיים, זיידל, יהודה, אסתר, מאיר!...

מיטן טאַנץ פּירט אסתר. זי זעט אויס שענער און יינגער. אירע האָר וואַרפן זיך אויף איר פּלייצע. איר קערפּער וויגט זיך, טראָגט זיך, פליט. דער קאָפּ דרייט זיך איר. אין האַרצן איז אָבער אומעטיק.

— טאַנץ, אסתר, טאַנץ!...

טאַנצנדיק נעמט איר אידאַ אַרום:

— אסתרקע, שוועסטער מיינע, אויף דיר וואַרט אַ גרויסע צוקונפט... עס זאָגט מיר מיין האַרץ...

— זי זאָגט פאַלש...

אין קאַראַהאַד ווערן איצט אַריינגעדרייט די חדשים, יאָרן פרץ־שול, האָפּע־נונג, דערוואַרטונג. עס ווערן אַריינגעדרייט אַלע צעטומלענישן, פלאָנטערנישן, רוסלאַנדס רעוואָלוציע, דייטשלאַנדס רעוואָלוציע. אידאַ, וואָס שוויגט שטענדיק, וויל איצט עפּעס זאָגן. דער קאַראַהאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איך דאַנק אייך אַלעמען... — זאָגט אידאַ — איך דאַנק מאירן וואָס האָט מיך אַזוי פיל גוטס געלערנט... איך דאַנק אסתרן, מיין בעסטע שוועסטער... איך דאַנק אַלעמען. יאָ, ציידלען... איך וויל עס זאָל זיין גוט. אַלעמען גוט. איך וויל זיין שטענדיק אַ לערערין ביי די קינדער. איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן, איר וועט מיר לאָזן שפּילן פאַר די קינדער...

זי איז צוגעלאָפן צו דער פּיאַנע און אָנגעהויבן שפּילן אַ קינדער־ליד.

— יהודה, זינג, אסתר, זינג!... — האָט אידאַ געזאָגט ביי דער פּיאַנע...

— אסתר, דו זינגסט דאָך אַזוי שיין!

אַ יינגעלע, אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע, אַ יינגעלע,
לאָמיר אַלע גיין טאַנצן...

ליובע האַלפּערין איז אָנגעקומען אין מיטן דערינען, אַ פאַרשפּעטיקטע. זי איז אַריינגעפאַלן אין מיטן דער שמחה, מיט אַ גרויסן רויטן בויגן געדרוקטן פּאַפּיר:

— אַרבעטער־און סאָלדאַטן־ראַט אין בערלין.

— די וועלט־רעוואָלוציע מאַרשירט!... — פלאַמט מאיר.

אידאַ הערט עס נישט. זי שפּילט ווייטער. אסתר און יהודה זינגען. עס זינגען מיט זיי אַלע איבעריקע. ביז עס זאָגט יהודה שניידער:

— אַ חסידישער ניגון בראשית דער וועלט־רעוואָלוציע...

## צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# קומט דער גוטער צוויבערמאַן אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן

אויפן וואָכן. יעדע וואָך — זיבן טעג געשיכטע. ציִנדן זיך אָן לאַמטערנעס אויף גרויסע וועגן און לעשן זיך אויס. ליכ־טיק און פינצטער.

די פּאָליאַקן האָבן צוגענומען די שטאָט. פּוילישע שקצים האָבן צוגענומען די ביקסן ביי דייטשע פּאָלקן, אויסגע־שפּאַנט פערד פון האַרמאַטן און זיי געלאָזן שטיין אויף די וועגן. מען האָט געשאָסן פון ביקסן סתם אַזוי אין הימל אַריין, סאַלוטן אַהינצו. קאָשטשאָלן האָבן גאַנצע טעג געקלונגען, גלחים האָבן געפּרעפּלט:

— זשעטשפּאָספּאָליטאַ פּאָלסקאַ...

— ראָדאַצי פּאָלאַצי...

די דייטשן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, נישטאָ מער. אין וואַרשע, אין בעלוועדער־פּאַלאַץ, זיצט שוין אַ פּוילישע רעגירונג. די ייִדן אין ביאַליסטאָק האָבן שנעל אַ מאַך געטאָן „אַ דעמאָקראַטישן ועד הקהל" מיט וואַלן — אַלגעמיינע, דירעקטע, געהיימע, פּראָפּאָרציאָנעלע... מען האָט איינגעפּירט אייגענע שטייער־מאָנער מיט גרויסע ווייסע שטעקנס אין די הענט. מען מוז צאָלן פּאַר קהל. אין ועד־הקהל אויף ניקאָלאַעווסקע גאַס, ווו עס איז געווען אַמאָל די ייִדישע ליי־קאַסע, האָט מען געבראַכט אויף וועגענער באַלעבאַטישע מטלטלים פּאַר שטייער. „נישטאָ קיין גאזלאוואָיע — האָבן באַלעבאַטים געטענהט — מען כאַפּט נישט. מען וועט אייך געבן איבער די הענט. עס איז שוין דאָ פּאָליציי..." — די פּאָליאַקן זאָגן, זאָלן זיך די זשידקעס טומלען, מען וועט סיי ווי סיי צעיאָגן „זשידאָווסקע האַלאַטאַ".

דערווייל עפּנט מען אויף גיך נייע ייִדישע און העברעיִשע שולן. אַ פּאָלק בויט זיך אויף אייגענע שולן. עס האַלטן מילחמה צווישן זיך די ייִדישע און העברעיִשע שולן:

— ייִדיש איז מוטער־שפּראַך...

— העברעיִש איז די שפּראַך פון ארץ־ישראל, וווּ עס וועט זיין די ייִדישע מלוכה.

— „ארץ־ישראל"!.. „ייִדישע מלוכה"!.. „בנעורינו ובזקנינו"... — קאָכט זיך אין שטאָט. ענגלאַנד גיט די ייִדן פּאַלעסטינע, חיים וויצמאַן, באַלפור... — דאָס זענען ראַקעטן, וואָס רייסן זיך אויף יעדע שעה איבער די ייִדישע הייזער, איבער אסיפות, איבער בתי־מדרשים: „עס קומט די גאולה!".

דערווייל דאַרף מען אָבער פּרנסה. מען איז אויסגעהונגערט, נאַקעט און באָרוועס. אַמעריקאַנער ייִדן האָבן געשיקט אַ דעלעגאַט, דאָקטאָר באָגען, מיליטעריש אָנגעטאָן, און רייך: ער פאָרט אין אַן אַמעריקאַנער אויטאָמאָביל, מיט טשעמאָדאַנעס ניי־געדרוקטן פּאַפּיר־געלט: — דרך־ארץ פאַר אַמעריקע!... פּויליש געלט איז נאָך נישטאָ, דרוקט מען דייטשע מאַרקן, וואָס זענען בזיל־הזול. מען עפנט פאָלקס־קיכן, מיט קרופּניק און בולבעס, אין די שולן גיט מען די קינדער מילך און קאַקאַאָ, זיסן אַמעריקאַנער קאַקאַאָ גאַנצע טעפּ. וואַרשע הייסט לערנען פּויליש אין די שולן!...

— נאַדיר פּויליש גאָר, אַ נייע צרה!... יעדער פויער קען פּויליש...

עס הייבן זיך אָן רירן די פאַבריקן. מען דאַרף האָבן טעקסטיל. ייִדן־מעקלערס, סוחרים, פאַבריקאַנטלעך, לויבקעטניקעס האָבן שוין און שמאַיען. פון די פּאַפּירענע דייטשע מאַרקן ווערן מיליאָנען שמיי־דריי, גאַרנישט מיט נישט.

די רוסישע רובלען זענען שוין נישט ווערט דאָס פּאַפּיר, אַ חוזק צו קוקן אויף די „יעקאַטערינקעס". יאַנקל פּעטערבורגער, דער איזוואָשטשיק, האָט אויסגעקלעפּט זיין דראָשקע מיט צאַרסקע פינף־און־צוואַנציקער. אויף גומיענער גאַס רופט מען די רוסישע רובלען:

— אשר יצרלעך...

לייבע דער בלעכער פאַרריכט דעכער, וואָס זענען צעלעכערט געוואָרן זינט מילחמה. מאַשע, זיין ווייב, האָט שוין ווידער קעטעס צו „שנעלן". זיין עלטערער זון איז אין אַמעריקע און מען הערט נישט פון אים. פון צלובהן אין רוסלאַנד קומען נישט קיין בריוו, די רעוואָלוציע לאָזט נישט דורך.

— אסתר געפעלט מיר נישט... — זאָגט לייבע צו זיין ווייב, ווען זיי זיצן ביידע ביים טיש שפּעט אין אָוונט — זי זעט מיר אויס אומעטיק.

— אַז זי רעדט נישט קיין וואָרט — ענטפערט מאַשע.

— ביסט דאָך אַ מאַמע.

— טאָ איז וואָס?

אסתר טוט אַרייך איר לייב און לעבן אין שול. מען קאָן איצט נישט לערנען די איינפאַכע שול־לימודים, אַריפמעטיק, געאָגראַפיע, גראַמאַטיק — מען איז צעדרייט, עס קריכט נישט אין קאָפּ, ראַטעוועט זי זיך מיט מעשהלעך. זי דאַרף זיי האָבן נישט נאָר פאַר די קינדער, נאָר פאַר זיך אַליין אויך.

— די מעשהלע וועגן בלינדן ייִנגל — זאָגט אסתר די קינדער אין קלאַס

— האָט געשריבן אַ גרויסער שרייבער, ער האָט געהייסן וולאַדימיר קאָראָ־לענקאָ. עס איז אַ מעשה וועגן אַ בלינדן שפּילער און אַן אָרעם גוט מיידל.

דאָס אָרעמע מיידל האָט געהערט פון דערוויטנס, ווי עמעצער שפּילט אויף אַ פידל זייער אומעטיק צו זון־פאַרגאַנג, ווען די טשערעדע שאָף קערט זיך אום פון פעלד. האָט זי געפונען דעם שפּילער, וואָס איז אַ בלינדער געווען, אַ בלינדער יינגל, און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— איך שפּיר די זון, ווען זי פאַרגייט, אָבער איך זע זי נישט. זאָג מיר, ווי זעט זי אויס?... איך שפּיר מיין מאַמען, ווען זי איז נאָך ווייט פון מיר, זאָג מיר, ווי זעט זי אויס?... איך שפּיר דיך, מיידל, ווען דו גייסט אַהער, זאָג מיר, ווי זעסטו אויס?...

דאַרף זיך אסתר דורכשמועסן מיט די קינדער וועגן רחמנות פון צאַרטן מיידעלע צום בלינדן שפּילער. עפענען זיך די הערצער ביי די קינדער, ווי ביי בלומען זייערע קנאָספּן.

פאַרטראַכט זיך נישט אסתר, אין מיטן שמועס מיט די קינדער, און האָב נישט רחמנות אויף זיך אַליין, אויף דיין אייגענער פאַרליבטשאַפט, וואָס מוז אוועקגיין, פאַרשווינדן, אוועקשטאַרבן. דו רעדסט דאָך איצט מיט די קינדער וועגן בלינדן פאַסטוך און צאַרטן אָרעמען מיידל, און נישט וועגן זיך, וועגן דיין פאַרגיין, וועגן דער שקיעה פון דיין ליבע.

— אויף וועלכער זייט גייט אויף די זון? — פרעגט אסתר די קינדער.

— אויף מזרח — ענטפערט דער קלאַס און ווייזט מיט אַלע זיינע הענט דעם מזרח.

— אויף וועלכער זייט פאַרגייט די זון?

— אויף מערב. — און אַלע הענט ווייזן דעם מערב.

זאָגט זי צו די קינדער:

— מאָלט אויס אויף אייערע פּאַפּירן אַ זון־פאַרגאַנג.

זי נעמט אַ גרויס פּאַפּיר, שפּילעט אָן אויפן טאָוול און מאָלט פאַר זיך אַליין אַ זון־פאַרגאַנג. די זון גייט זיך טרינקען אין אַ גילדערנעם ים. אַלע קינ־דער מאָלן. מען הערט נאָר דאָס אָטעמען פון די קינדער און דאָס שורשען פון די פּאַפּירן.

וואָס פאַרטראַכט זיך אסתר אין מיטן דערינען? — זי פילט אין זיך אַ זון־פאַרגאַנג אין אַ גרויסן ים פון בענקענישן.

— בין השמשות...

אין איינעם פון יענע בין־השמשותן, גאָר אומגעריכט האָט די וועלט־גע־שיכטע אַ דונער געטאָן אין שטאָט:

— עס זענען אַריין די באָלשעוויקעס.

מלכות פּוילן איז געווען קורץ. עס האָבן געשפּילט אָרקעסטערס. מען האָט געשמיסן יידן אין לאַפּי, נעבן ביאַליסטאָק, מען האָט געריסן בערד, מען האָט געשליידערט יידן פון וואַגאָנען, מען איז געגאַנגען מיט פענער איבער די גאַסן,

עס האָבן געקלונגען קאַשטשאַלן, מען האָט געמאַכט אייגענע פּאַלקן, געדרוקט פּאַפּיר־געלט. אַסטראַמענצקי איז געוואָרן דער גאַלאָוואַ פון שטאָט, מען האָט געוואָלט פאַרנעמען קיִעוו ביי דעם דניעפּער, און אין מיטן דערינען:

— די באָלשעוויקעס־מאָסקאַלעס זענען דאָ.

רוסן, קאָזאַקן, אוקראַיִנער, סיבירער פּאַלקן, ייִדישע קאָמיסאַרן, טאַטאַרן, גרוזינער — שטאָט גייט כּאַדאָראָם.

אַלע קראָמען זענען פול מיט באָלשעוויקעס, וואָס האָבן פולע קעשענעס מיט גייע, קנאַקעדיקע, באָלשעוויסטישע רובלס, און זיי לייזיקן אויס די פּאַליצעס. ייִדן זענען פאַרטאָן מיט האַנדל — מען קויפט, מען פאַרקויפט, און מען קויפט צוריק — גאַרנישט. כאַפּט מען זיך, אַז מען טוישט אויס לעדער, לייוונט, צוקער, שיך, שטיוול און העמדער אויף פאַרדעכטיקע פּאַפּירלעך, וואָס זעען אויס ווי געלט, אָבער ייִדן רופן דאָס — רוסישער טינוף. זיי האָבן דאָס שנעל דערשמעקט. פאַרשטעקט מען די סחורות אין קעלערן, אָבער — נישטאָ קיין אויסבאַהעלטעניש, מוסרים זענען דאָ אָן אַ שיעור, אייגענע זין און אײדעמס — „מען טאָר דער רעוואָלוציע נישט אָפּנאַרן".

לייבע דער בלעכער האָט פיינט געהאַט די פאַרריסענע פּאַליאַקן מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס, די האַלאַדריפּקעס, וואָס רייסן די בערד ביי ייִדן, האָט ער אַרויסגעטראָגן אַ ברויטל צו אַ פאַרשטויבטן, אַרומגעריסענעם באָלשעוויק, וואָס איז אָנגעלאָפן אויף אַן אויסגעמאָגערטן פערדל פון דאַלידער שאָסיי. דער באָלשעוויק אויפן דאַרן פערדל אין צעפּליקטע שטיוול האָט געזאָגט צו לייבען אויף ייִדיש:

— ר' ייִד, טראָגט אַרויס אַ ברויטל אויף אַ המוציא.

דאָס איז לייבען געפעלן געוואָרן. דער באָלשעוויק איז אַ ייִדל און רעדט ייִדיש. האָט ער רחמנות געהאַט אויפן הונגעריקן ייִדל אויפן דאַרן פערדל, וואָס מוז רייטן אַזוי אַהערצו אַזש פון בערדיטשעוו. דער רשע־מרושע אַסטראַמענצקי האָט כּשר פאַרדינט זיין פּסק אין „רעשאַטקע" אויף ניקאָלאַעווסקי גאַס, ווו די באָלשעוויקעס האָבן אים געשלעפּט גלייך ווי זיי זענען אַריין אין שטאָט: „די שיינע־ריינע כּפּרה"...

—רעכט אויף אים, אויפן שונא ישראל...

אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה איז די שטאָט פאַרפלייצט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס. די צעטראַסקעטע וועגענער, די אויסגעדאַרטע פערד, די דראָבנע כלי־זין האָבן נישט שטאַרק אויסגענומען אין שטאָט, ווו מען האָט נאָך גוט געדענקט הינדענבורגס דיוויזיעס, די דייטשע שטאָלענע משהיתים, זייערע פערד, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לייבן. שטאָטישע לצים האָבן געקוקט אויף די באָלשעוויקעס און זיי האָבן געפּסקנט: „מלך אביון!" מען האָט געזען האַרמאַטלעך צוגעבונדענע מיט שטריק, פערדלעך, פעל און ביינער; באָלשעוויקלעך, וואָס בעטן אַ שטיקל ברויט, פּנימער פאַרוואַקסענע, בערדיקע, פאַרשטויבטע, פאַרשוואַרצטע — האָבן די שטאָטישע לצים געזאָגט:

— באַרוועסע לאַכודרעס...

— לייבעלע טראַצקיס פּאָלק דלפונאָוו.

אַ געלעכטער הײנט, אַ געלעכטער מאָרגן — זיי לײדיקן אויס די שפּײכלערס, גראָבן אויס פון אונטער דער ערד די באַהאַלטענע זעקלעך מעל, נעמען צו און לאָזן אַ שיר־המעלותל:

— לקחתי... עס איז ווערט כך וכך...

און איצט גיי מאַן ביי די באָלשעוויקעס, וואָס ייִדן זענען זייערע קאָמיסאַרן, וויסן אַלץ אין יעדערן אויסגעבונדן און זיי הייסן לאָדן צום ונתנה תוקף.

— ר׳ ייִד, בעסער מאַכט אַ שווייג...

טרייסט מען זיך:

— בעסער אָוועקגעבן די פעדערן פון צוקאָפּנס צו די באָלשעוויקעס, איידער די בערד צו די האַלערטשיקעס...

דערוויל רעכענען זיך אָפּ די וועבערס און די גאַרבערס מיט זייערע פאַבריקאַנטן פאַר לאַנגע יאָרן עוולות. ליימע עפּשטיין פון ראובעס גאַס זיצט שוין אין טורמע. מאַקסעלע פון באַזאַרן־גאַס עסט שוין ברויט מיט וואַסער אין תפיסה אויף ניקאָלאַעווסקע. דעם דייטשן פאַבריקאַנט בוכהאָלץ האָט מען שוין אונטערגעהאַקט די זייטן און אַריינגעוואָרפן אין „קוטשעמענט". דעם פּריסטאַוו מיכאַילאָווסקין האָט מען אַריינגעהאַקט אַ קויל אין קאָפּ.

אויף פּיאַסקעס און כאַנאַיקעס האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מען האָט געעפנט דעם טויער פון „פּאַלאַץ". מען קען גיין דאָרט און נעמען וואָס מען וויל.

דער „פּאַלאַץ" איז געווען דאָס גרעסטע און געהיימנישפולסטע, וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט — דער פּאַלאַץ פון קיניג בראַניצקי — ער איז געשטאַנען אין האַרץ פון שטאָט. דער אַריינגאַנג איז געווען ביים גאָראָדסקאָי סאַד. ער איז אָבער געווען שטענדיק פאַרשלאָסן. ער פלעגט זיך עפענען זעלטן, ווען קאַרע־טעס פלעגן צו אים צופאָרן. דער פּאַלאַץ איז געווען די לעגענדע פון שטאָט. ער איז געשטאַנען אין שטאָט און דאָך געווען מיילן־ווייט פון איר.

אַמאָל־אַמאָל איז ער געווען דער פּאַלאַץ פון פּוילישע מלכים, וואָס שווע־דישע און איטאַליענישע מייסטערס האָבן געבויט. פירשטן פון גאָר דער וועלט פלעגן אַהין קומען און הוליען ביזן ווייסן טאָג אַריין, גורלות פון שכנותדיקע לענדער זענען באַשטימט געוואָרן אין גרויסן זאַל פון הויפּט־פּאַלאַץ ביי די זעקס מאַרמאָרנע זיילן. ווען פּוילן איז אַמאָל געפאַלן, האָט דער פּעטערבורגער צאַר געמאַכט דעם פּאַלאַץ פאַר אַן „אינסטיטוט פאַר אַדעליקע טעכטער" — פאַר טעכ־טער פון גענעראַלן, קניאַזשן, גראַפן, מיניסטאָרן. דורך די שפּאַרונעס אין די הילצערנע ווענט אַרום פּאַלאַץ פלעגט מען זען ווייט, ווייט, אויף די אַלייען, ווי עס שפּאַצירן די טעכטער פון די אַדעליקע אין ווייסע קליידער ביי די פאָנטאַנען, וואָס שפּריצן מיט וואַסער...

איינשטעלער, ווייסע־חברהניקעס, פלעגן אַריבערקריכן אויף יענער זייט פון רויטן פּאַרקאַן, בלייבן זיצן אין איין שרעק, קוקן אין די ווייטקייטן, גרויסקייטן

און שיינקייטן פון פּאַלאַץ — אַ ווייטע, פרעמדע וועלט אַרום אַ ווייסן פּאַלאַץ, מיט פּאַנטאַנען, גרויסע באַלקאָנען, הויכע זיילן. מען פלעגט מיט אַלע כוחות אַריבערקריכן צוריק דעם פּאַרקאַן אין איין בהלה — טאָמער כאַפּט מען פאַר די פיס. מען פלעגט אַרויסברענגען פון דאָרט משונהדיקע שלאַנקעס, וואָס זענען איינגעקנורעט אין ביינערנע שאַלעכצן, און אַז מען זאָגט צו זיי, אויף זייער לשון: „שלאנקא, שלאנקא, דייטשע פּאַקא, דייטשע גראַ״, ציט זיך אַרויס די שלאַנקע פון שאַלעכץ, און ציט זיך באַלד אַריין צוריק.

די באַלשעוויקעס האָבן איצט געעפנט דעם פּאַלאַץ פראַנק און פריי פאַר אַלעמען. עס איז רעוואָלוציע און אויס פּאַלאַץ פאַר די הויכע לייט. גיי טו דאָרט וואָס דו ווילסט. שפּאַרט די שטאָט אַהין. מען האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אין פּאַלאַץ זענען אַזעלכע ברייטע און לאַנגע אַספּאַלטענע וועגן, מען האָט גאָרנישט געוווסט, אַז אין סאַמע מיטן פּאַלאַץ שטייט אַ דריי־שטאָקיקע געביידע, ווי אַ חית, דריי ווענט אַרום און אַרום, הונדערטער פענצטער, טירן, באַלקאָנען, ביימער פון אַ סך מדינות, קוסטעס, אַספּאַלטענע שיסלען מיט וואַסער...

צוזאַמען מיטן גרויסן עולם פון כאַנאַיקעס און פיאַסקעס גייען צוויי טרעגער־יונגען, ניאָמקע גריסקע און תנחום סטאַי, אויף די ברייטע פּאַראַדנע טרעפּ, וואָס ציִען זיך העכער און העכער. ביים סאַמע ערשטן טרעפּ שטייען פון ביידע זייטן שטיינערנע פיגורן, ווי לעבעדיקע — פון איין זייט אַ גרויסע, נאַקעטע נקבה, מיט גרויסע, געזונטע פיס, מיט שטאַרצנדיקע ברוסטן; פון דער צווייטער זייט — אַ נאַקעטער פריץ מיט אַ באָרד און אַ פייל־און־בויגן אין די הענט. ער צילעוועט צו טרעפן די נקבה. זאָגט ניאָמקע צו תנחומען:

— וואָס זאָגסטו אויף די פּאַסאַזשירן?

— איך האָב זיי אין דר׳ערד...

עולם טראָגט פון די טרעפּ טישן, שטולן. חברה־לייט טראָגן אַ פּיאַנע, מען טראָגט שפּיגלען. מען מאַכט אַ תל פון פּאַלאַץ.

זאָגט ניאָמקע גריסקע:

— לאָמיר זען דעם שלאָף־צימער ווו ניקאָלאַיקע האָט געכראָפּעט.

קעגנאיבער דעם פּאַלאַץ איז דער האָטעל „ריץ״. דאָרט האָט זיך באַזעצט די נייע רעגירונג — דער „רעווקאָם״. אַלע צימערן האָבן פאַרנומען באַלשעוויקעס אין הויכע שטיוול, אין קורטקעס און מיט רעוואָלווערן אין די טאַשן. אין גאָרטן איז געשטאַנען דאָס טעאַטער „פּאַלאַס״, ווו מען האָט כסדר אָפּגעהאַלטן פאַר־זאַמלונגען, מען האָט געגעבן קאָנצערטן, געשפּילט און געטאַנצט — שפּילער און טענצער פון פּעטערבורג און מאָסקווע. אויף נאַדרעטשנע גאַס, ביים טייכל ביאַלי, איז געשטאַנען די לייוונטענע און הילצערנע צירק־געביידע. דאָרט האָבן עטלעכע הונדערט פּעפּעסאָווצעס אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, כדי צו באַשליסן, מיט וועמען זאָל מען גיין — מיט וואַרשע, צו מיט מאָסקווע?... — פּאַליאַקן, געקומענע פון רוסלאַנד, אַליין וואַרשעווער און קראָקעווער, האָבן גערעדט פייערדיקע רייד וועגן אַ פּוילישער מלוכה פון אַרבעטער און פּויערים, וועגן אַ פּוילן פון גלעזערנע

הייזער, וואָס די רעוואָלוציע וועט אויפבויען פאַר די אָרעמע, פאַר די אַרבעטער, פאַר די פּויערים. דער עולם ווערט דערפון וואַרעם. זענען דאָס דאָך נישט קיין מאָסקאַליעס, ווי די גלחים זאָגן, נאַר אייגענע ברידער פּאָליאַקן. „ראַדאַצי" — שרייט דער רעדנער:

— ניעך זשיִע פּאָלסקאַ, פּאָלסקאַ ראַבאָטניטשאַ, כלאָפּסקאַ...

ענטפערט דער זאַל פעפעסאָווצעס:

— ניעך זשיִע!...

אויף דער סצענע שטייען הויכע רויטע פענער מיט פּוילישע בוכשטאַבן — „פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ קאָמוניסטיטשנאַ". דער רעדנער, וואָס פלאַמט אויף פּויליש, אויף רוסיש, זאָגט אַן, אַז טראָצקי איז ביים בוג, אַז מען לייגט אַ בריק, און זאָל דער גאַנצער עולם גיין העלפן בויען די בריק. מען זאָל גיין גלייך פון זאַל צו וואַש־ליקאָווע. איבער דער בריק וועלן זיך באַלד לאָזן אייגענע, פּוילישע, רויטע ראַטעס, וועלכע גייען איינגעמען דייטשלאַנד.

— רוסלאַנד, פּוילן און דייטשלאַנד, וועלן זיין איין פרייע קאָמוניסטישע פעדעראַציע!

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאַרגעקומען אין גרויסן פּאַרק פון פּאַלאַץ אַ געוואַלטיקער יום־טוב. טויזנטער מענטשן זענען אין פּאַלאַץ. אויפן גרויסן באַל־קאָן הענגט די רויטע פאָן פון דער נייער פּוילישער רעפּובליק. מיט דער פאָן וועט מען אַריינקומען אין וואַרשע, וואָס דאַרף אַ ליאַדע שעה פאַלן צו די באָל־שעוויקעס. אויפן באַלקאָן שטייען די דריי פירער פון דער נייער פּוילישער קאָמוניסטישער רעגירונג — מאַרכלעווסקי איז דער הויפּט, מיט אים זענען — דזשערזשינסקי און פעליקס קאָהן. נעבן זיי שטייט אויך אַ ייִד מיט אַ בלאָנד בערדל:

—ירחמיאל וויינשטיין...

ער איז דער פאַרזיצער פון צעקאַ פון „בונד". ער גייט מיט זיי קיין וואַרשע. עס רעדן נאַר מאַרכלעווסקי און פעליקס קאָהן. דזשערזשינסקי שטייט הינטער זיי און שווייגט.

פעליקס קאָהן גייט אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער ליסטרינענער מאַרינאַרקע. עס איז דאָך הייסער חודש יולי. אין עלנבויגן פון אַרבל איז אַ לעכל. מען זעט עס אַרויס. די ברעגן פון זיינע אַרבל זענען אַרומגעטעפּעט. זיינע דאַרע הענט וואַרפט ער, רעדנדיק, אויףביידע זייטן. ער רעדט וועגן וועלט־רעוואָלוציע, וואָס מאַרשירט, וועגן רויטע פענער אין מאָסקווע, וואַרשע, בערלין און פּאַריז. ער רעדט וועגן זיג פון די אָרעמע, וועגן נקמה אין די בלוט־זויגער, וועגן פרייד פון די קינדער, וועגן ערד פאַר די כלאָפּעס...

קוק אויפן באַלקאָן, זע אָט דעם ברענענדיקן, יחסנדיקן וואַרשעווער ייִדן פעליקס קאָהן, פון דער אור־אַלטער למדנישער פאַמיליע; הער זיינע ווערטער און זע ווי ער נעמט זיך שרייבן אויף אַ גרויסן לופטיקן פאַרמעט אַ נייעם בלאַט געשיכטע. הערן אים טויזנטער מענטשן, הערט אים אויך מאיר צפת, וואָס שטייט

צווישן עולם, האָלט אָפּן זיין מויל און זיין האַרץ. ער איז פאַרכשופט און שעפּ־טשעט אים נאָך:

— רויטע פענער אין מאָסקווע, וואַרשע, בערלין...

פאַרוואָס זאָגט ער גאָרנישט צו די יידן? פאַרוואָס דערמאָנט ער זיי גאָר־נישט?... — די כלאָפּעס גיט ער ערד, און די יידן, — די יידן וואָס? — גאָרנישט?.. סיידן עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. מען דאַרף גאָרנישט זאָגן.

קוקט ער אויף דעם גרויען פעליקס קאָהן, קוקט אים אין מויל אַריין — אַ דאַרער ייִד אין אַ צעריסענעם רעקל, אַ ייִד אַ מבשר פון רעוואָלוציע, אַ ייִד פון סיביר און טורמעס, מיט אַ ווייסן פּנים, הויכן שטערן, און — ער איז איצט אַזאַ גביר, אַזוי רייך, עס געהערט צו אים די גאַנצע וועלט. ער שטעלט זיינע רויטע פענער אַזש ביז פּאַריז.

— איבער גאַנץ פּוילן, איבער וואַרשע, קראָקע און לעמבערג, איבער דער ווייסל, די שיינהייט פון פּוילן, וועלן פלאַטערן אונדזערע פענער..

אַזוי רעדט פעליקס קאָהן.

ער האָט ליב פּוילן. ער רעדט מיט דבקות וועגן די פּוילישע פעלדער און בערג, וועגן די פּוילישן טייכן, וועגן די וועגן, וואָס זענען באַשטעלט מיט טאָ־פּאָלן פון ביידע זייטן. עס שמעקט מיט בלומען פון וואָלאַצלאַוועק, מיט סאָסנע פון גאָמבין. עס האָבן זיך באַוויזן די הויכע טאַטרען און קאַרפּאַטן...

— אונדזער שיין, טייער, ליב פּוילן...

ער וועט אַזוי, מיט זיינע ביידע אויסגעצויגענע הענט, אַרומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד. ער איז גרייט גליקלעך צו מאַכן די גאַנצע וועלט, ער — אָט דער געוועזע־נער אַרעסטאַנט פעליקס. עס פלאַטערן זיינע הענט, זיינע לאַנגע, אויסגעצויגענע, ציטערנדיקע פינגער. ער טוט אַ טרייסל מיט זיין גרוי־האַריקן קאָפּ. אָט נעמט ער אָן אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, פריער באַקוקט ער זי, די וועלט, איידער ער נעמט זי אָן און טוט מיט איר אַ טרייסל.

איז אָוועקגעלאָפן אַ גרויסער און לאַנגער חודש.

ווער האָט געקענט וויסן, אַז די רעוואָלוציע פון רוסלאַנד איז געקומען אין שטאָט אַריין נאָר אויף אַ חודש?...

מען האָט שנעל דערזען, אַז די בהלה לויפט צוריק אַריין אין שטאָט אויף באָלשעוויסטישע פערד פון וואַרשעווער זייט.

— די פּאָליאַקן קומען צוריק...

מען הערט שוין קאַנאָנען פון גאַנץ נאָנט.

וואָס זאָל מען איצט טאָן?

מען האָט אָנגעזאָגט אין פּרץ־שול אין איין צעטומלעניש, אַז מען דאַרף די רגע אַליין באַשליסן — צי מען בלייבט אין שטאָט, אָדער מען לויפט אַרויס מיט די באָלשעוויקעס? וואָרום וואָס איז? —

— אין דריי שעה אַרום פאַרלאָזט די רויטע אַרמיי די שטאָט, כדי אויסצו־מיידן אַן אַרומרינגלונג.

— אַ פראַנצויזישער גענעראַל פירט צוריק אַ פוילישע אַרמיי...

— די באָלשעוויקעס לויפן שוין צוריק אַ וואָך צייט פון הינטער וואַרשע און מען האָט עס ערשט איצט געלאָזט דאָ וויסן.

— די פּאָליאַקן שיסן אויס הונדערטער ייִדן אין די שטעט וואָס זיי פאַר־נעמען צוריק.

— האַלערטשיקעס נעמען נקמה.

— גאַנצע דערפער לאָזן זיך מיט העק אין די הענט און האַקן ייִדישע קעפּ.

— מען הענגט ייִדישע אינטעליגענטן אויף ביימער.

— גענעראַל בודיאָניס אַרמיי איז צו שנעל געלאָפן און בדרך־טעות אַריינ־געלאָפן אין דייטשלאַנד...

— מען האָט די קאָזאַקן דאָרט אויסגעקוילעט...

אַזוי האָט געקאָכט די שטאָט. די געשיכטע גייט אויף צוריק. פריִער זענען געלאָפן די פוילישע סאָלדאַטן פון קיִעוו קיין וואַרשע, נאָך זיי זענען געלאָפן די באָלשעוויקעס, איצט לויפן צוריק די באָלשעוויקעס פון הינטער וואַרשע קיין מינסק און קיִעוו און די פּאָליאַקן יאָגן זיי. וואָס זאָל מען טאָן? — וואָס זאָלן טאָן די פּאַרטיי־מענטשן, די לערער, די וואָס זענען שוין געווען אָנגעשטעלט אַ חודש צייט ביי די באָלשעוויקעס?.. — די באָלשעוויקעס הייסן גיין אַלע יונגע מענטשן מיט זיי. אין שטאָטישן גאָרטן האָט מען אויסגעטיילט געווער, ביקסן, האַנט־גראַנאַטן צו עטלעכע הונדערט ייִדישע יונגעלייט, זיי זאָלן בלייבן פון הינטן און פאַרהאַלטן די פּאָליאַקן ווי לאַנג זיי וועלן נאָר קענען. די שאָסייען אַרום שטאָט זענען פול מיט אַנטלויפנדיקע רויטע אַרמייער. קאָזאַקן שפּאַנען אויס די פערד און לאָזן זיך רייטנדיק גאַלאָפּ — זיי אַנטלויפן פון טויט, שילטן אַלץ און אַלעמען.

אויף דער פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען געווען אַ סך לערער, בונ־דיסטן, פּועלי־ציוניסטן, קאָמוניסטן, האָט מען בהלהדיק גערעדט וועגן דעם: „בלייבן, צו גיין?“ אויב גיין — ווער ווייסט וווהין מען וועט גיין און צי וועט מען דערגיין?... אויב בלייבן — ווער ווייסט, צי דער קאָפּ וועט מאָרגן נישט הענגען אויף אַ שטריק?...

— טאָ וואָסזשע זאָל מען טאָן?

מאיר צפת גייט! וואָרום איינס פון די ביידע — אָדער די רויטע אַרמיי וועט גיין צוריק, וועט מען קומען מיט איר צוריק אַהערצו; אויב ווידער די פּאָליאַקן וועלן זיך פאַרפעסטיקן — איז סיי ווי סיי נישטאָ דאָ וואָס צו טאָן. אויב די מלחמה וועט זיך פאַרציִען, דאַרף די רעוואָלוציע האָבן אַ סך כוחות, דאַרף מען אַלע כוחות אַריינוואַרפן. קלמן ראַקאָווסקי, אַ לערער אין אַ העברעיִשער שול, האָט געזאָגט, אַז מען מוז בלייבן; נאָר נישט גיין מיט די באָלשעוויקעס, ווייל צוריק וועט מען שוין נישט קומען, און פון רוסלאַנד וועט מען שוין אין ארץ־ישראל נישט גיין. און אונדזער גאַנג איז נאָר איינער, און נאָר אהינצו — קיין ארץ ישראל!“...

איטשע זאַבלודאָווסקי מיט דער באָרד, וואָס איז געדיכטער און לענגער אויסגעװ־

וואקסן ביי די באָלשעוויקעס, האָט געזאָגט זייער רויק, געלאָסן אַזוי: „אַ שטאָט קוילעט מען נישט אויס“. אַ בר־דעת לויפט נישט. מען בלייבט אויפן אָרט צו־זאַמען מיט דער שטאָט. זיי נאָר נישט קיין האָז און האָב נישט צו־פלינקע פיס. בלייב מיט דייניקע, מיט אַ שטאָט יידן“. אַ יונגערמאַן, וועמען קיינער האָט נישט געקענט, זעט אויס אַ פרעמדער, אָנגעטאָן אין אַ באָלשעוויסטישער קורטקע, האָט געריעדט שטאַרק, הויך, באַפעלעריש: „איר בינדט זיך צו צו אַ שטאָט ווי אַ וואָרעם אין אַ רעטאַך — עס איז מיינע“... וואָס פּאַראַ ווערט, וואָס פּאַראַ ראָל שפּילט היינט איין שטאָט, ווען די וועלט קערט זיך, ווען שטעט שטעלן זיך מיט די פיס אין דער הויך?... — היינט, ווען די רעוואָלוציע שפּריזט איבער דער וועלט, ווען די זיגרייכע, רומפולע רויטע אַרמיי נעמט איין לענדער?... מיר וועלן האָבן אין אונדזערע הענט טויזנטער שטעט, די וועלט די גאַנצע, מאַכט איר אַ וועזן פון אַ שטעטל?... — די רויטע אַרמיי רופט, די רעוואָלוציע רופט, איז — מאַרש געגאַנגען!“...

זיידקע וועבער וויל עפּעס זאָגן:

— איך בלייב דאָ. זאָל גיין ווער עס וויל. זאָל מען נישט נעמען קיין באַ־שלוסן. די רעוואָלוציע איז נישט מיינע. איך טראָג נישט קיין לעדערנע קורטקע און האָב נישט אַ „שפּייער“ אין קעשענע. איך ראָט נישט מאירן צו בלייבן. איך ראָט נישט ישראל. זיי וועלן דאָ פאַלן קרבנות. די וואָס האָבן פריִער געמסרט צוליב רעוואָלוציע, וועלן איצט מסרן צוליב זייערע אייגענע לייבער. איר דאַרפט גיין, און — גייט שנעל!... — און די קינדער? מיר וועלן דאָ בלייבן און ווידער עפענען די פרץ־שול. די שטאָט וועט נישט אונטערגיין. מאַכט נישט קיין שהיות — גע־גאַנגען... מען קען אייך פּאַקן אין מיטן דער דיסקוסיע.

אין מיטן פון זעלבן טאָג האָבן זיך געלאָזט גרויסע גרופּן צו וואָשליקאָוווער שאָסיי, פון דאָרט גייט דער וועג קיין גראָדנע, קיין ווילנע — אין רוסלאַנד אַריין.

מאיר איז געקומען צולויפן צו אסתרן אין שטוב:

— בלייב נישט, אסתר, לאָמיר גיין. קום מיט מיר.

זי האָט אים שטיל אָנגעקוקט, אַרויפגעלייגט אויף אים איר האַנט און געזאָגט:

— נעם עטלען. איך בלייב דאָ.

— קום מיט מיר.

— מיינע פיס טראָגן מיך נישט אַהין. איך בלייב דאָ, מיט מיין טאַטע־מאַמע, מיט די קינדער אין שול. גוט אַזוי, מאיר. גיי, גיי און נעם עטלען. לאָז זי נישט אַליין. האָב מזל. זיי געזונט. גוט אַזוי, מאיר, גיי!...

— אסתר, איך האָב דיך ליב... די רעוואָלוציע דאַרף אונדז האָבן...

— אפשר דיך... — זאָגט זי — נישט מיך. די רעוואָלוציע דאַרף נישט נייטיק האָבן אסתרן. די קינדער פון פרץ־שול דאַרפן מיך. אַלנפאַלס, איך דאַרף זיי איצט זייער נייטיק האָבן...

מאיר איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ צעפּלאָנטערטער. זיינע אויגן זענען גרעסער געוואָרן. עס קלעמט אים דאָס האַרץ.

— גיי, מאיר, עס קען ווערן שפּעט... איך האָב צו דיר גאָרנישט, גיי...
מען הערט קאַנאָנען. עס איז די לעצטע שעה.
דער הימל ברענט.

מיט אַ קליין פּעקל אין האַנט איז מאיר אַוועק צו מזרח. סיי עטל און סיי אסתר זענען נישט מיטגעגאַנגען. דער שאָסיי איז פול געווען, אָנגעפּאַקט — סאָל־דאַטן, וועגענער, האַרמאַטן. עס איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אויפן שאָסיי, איז מען אַראָפּ פון שאָסיי און געגאַנגען מיטן פעלד. האָבן זיך די פאַרשפּאַרטע וועגענער נישט געקענט רירן פון אָרט. זיי זענען געשטאַנען אָן תכלית. עס האָט געגאָסן אַ רעגן, האָט מען זיך געלייגט אונטער די וועגענער. איז אַראָפּגעפאַלן די מידע נאַכט מיט אַ פאַרוואָלקנטן הימל, האָבן זיך געטראָגן פּחדים פון די פעלדער און וועלדער — באַלד וועלן אָנלויפן די פאָליאַקן און קוילענען... — איז מען אַריינגעקראָכן אין אַ ליידיקן פערד־שטאַל. די פּויערים האָבן שוין גע־ווּוסט, אַז די מאָסקאַליעס אַנטלויפן און „אונדזערע" קומען. האָבן זיי פאַרטריבן די אייגענע פערד אין פעלד, אין וואַלד, די באָלשעוויקעס זאָלן זיי נישט צונע־מען. אין ליידיקן פערד־שטאַל האָבן די גייער אַוועקגעלייגט די מידע פיס און צעטומלטע קעפּ.

ליגט מאיר אין פערד־שטאַל, אין וואַרעמען פערד־מיסט און שלאָפט איין. ער כאַפּט זיך אויף — מען לויפט. די פּויערים לויפן אין מיטן דער נאַכט פון זייערע כאַטעס און שרייען:

— פּאָליאַצי!... ראַדאַצי!... זיי קומען!... זיי זענען שוין אין סופּראַסלע!...

האָט זיך אַ הייב־געטאָן דער שטאָל מיט אַנטלאָפענע פון שטאָט און געלאָזט זיך העגדום־פּעגדום לויפן. וווהין זאָל מען לויפן?... רעכטס?... לינקס?... פאָראויס?...

לויפט מאיר מיט זיין קליינעם פּעקל אונטערן אָרעם אין גרויען פאַרטאָג. עס טריפט אַ דראָבנער רעגן, אַזוי ווי שוין אַ מיליאָן יאָרן.

וווהין לויפסטו, מאיר? — לויפסט מיט דער רויטער אַרמיי, לויפסט צו דער רעוואָלוציע, לויפסט צו אַ וועלט, וואָס וועט ווערן פריי, צו אַ נייעם וועלט־סדר. מיינסטו אַזוי — פאַרוואָסזשע איז דיר אַזוי שווער אויפן האַרצן?

איז אומרויִק דיין מזל? וועסטו נאָך אַמאָל זיין אויף דעם וועג צוריק?... ווּו איז עטל? — זי איז געבליבן אַליין אין די צווי פאַראיינזאַמטע צימערלעך. נישט געהאַט קיין כוח צו לויפן. עס הענגען פאַר אים אויף די רעגן־שנירלעך אירע גרינע אויגן פול מיט טרערן.

ווּו איז אסתר? — זי האָט נישט געוואָלט גיין. „נעם מיט עטלען"... — האָט זי געזאָגט. זי איז אַזוי אויסגעוואַקסן, אסתר!... ער פילט אירע קושן.

ער האָט זי ליב, אסתרן. זי האָט אים געהאַט געזאָגט: „וואָס מיינט די ליב־שאַפט צו אַ מיידל אין דער שעה פון וועלט־רעוואָלוציע?" — גייט ער אַליין אויפן וועג מיט אַ קליין פּעקל אונטערן אָרעם, גייט אַ צעטומלטער ייִד מיט דער רע־וואָלוציע.

דאָ אין מיטן דערינען קען דיך כאַפּן אַ פּוילישער סאָלדאַט, אַ האַלערטשיק, כאַפּן ביים גאָרגל, און — אַלץ איז געענדיקט.

כדי די פיס זאָלן וועלן אים טראָגן ווייטער, כדי ער זאָל נישט פאַלן פון די כוחות, דערמאָנט ער זיך, מאיר, אין אַ שול־ליד, וואָס אסתר פלעגט זינגען, ברומט ער דאָס איצט אין דער שטיל:

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גאָלדענעם געשפּאַן —
טרו ־ טרו ־ טרו ־ טרו ־ טרו...

אַרום און אַרום — אַ געלויף, אַ בהלה. פערד, סאָלדאַטן, געשרייען. מען שפּאַנט אויס פערד פון די האַלאַבלעס און מען לאָזט זיך רייטן אין איין גערודער. מאיר האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ וואָגן פון רויטע אַרמייער און געלאָזט זיך מיט זיי צוזאַמען. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער פאָרט איצט אַרויס פון דער וועלט.

## דרייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# די קינדער וואַרטן

די פּאָליאַקן האָבן עס גערופן „דער נס ביי דער ווייסל". זיי האָבן געטריבן די באָלשעוויקעס ביז מינסק. פּאַריז און לאָנדאָן האָבן זיי נישט געלאָזט יאָגן ביז קיִעוו. די שטאָט האָט ווידער געהערט צו דער פּוילישער מלוכה.

די ערשטע טעג זענען געשטאַנען אויף דאָרע פּיסלעך. צעשראָקענע ייִדן האָבן פאַרזיכטיק אַרויסגעשטעקט די קעפּ. די פּאָליציי האָט טאָג און נאַכט געמאַכט אַרעסטן. יעדער פּאָליאַק האָט געקענט אָנווייזן אויף אַ „פּוילישן שונא". די טורמע איז פול געוואָרן מיט ייִדישע יונגעלייט.

אויף לייבע דעם בלעכערס הויז איז אויסגעגאָסן געוואָרן די שטראָף. לייבעס „מוזיניק" האָט נאָך באַוויזן זיך אַריינכאַפּן אין שטוב און זאָגן „אַ גוטן טאָג" — ער איז אַוועק אײדער די פּאָליאַקן זענען אַריין אין שטאָט.

— ווער האָט דיר געגעבן אַ ביקס אויף דער פּליצע? — טו שוין אויס...

— האָט לייבע געשריִען אויף זיין ייִנגל.

זיין „ייִנגל" האָט אָבער די ביקס נישט אויסגעטאָן. ער איז מיט איר אַוועק קיין רוסלאַנד. ער, מיט נאָך ייִנגלעך זיינס גלייכן, זענען געווען דער „אַריער־גאַרד" — זיי האָבן געדאַרפט שיסן די לעצטע און פאַרהאַלטן וואָס לענגער די פּאָליאַקן, ביז מען האָט זיי אויך געהייסן אַרויסגיין פון שטאָט.

— טאַטע, זיי געזונט... מאַמע, זיי געזונט... — האָט ער געזאָגט און — אַוועק. ער איז מער נישטאָ.

עס איז אַפילו נישט געווען גענוג צייט אים צו כאַפּן, אים נאָכצולויפן. איז אַוועק דער „מוזיניק". לייבע האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז זיין ייִנגל איז גאָר מיט דער חברה. די מאַמע האָט געבראָכן די הענט, איז אַרויסגעלאָפן פון טיר נאָכ־צוקוקן. באַלד האָט מען געזאָגט מען זאָל זיך באַהאַלטן אין די הייזער, ווייל די פּאָליאַקן גייען.

אסתרן האָבן צוויי פּאָליציאַנטן מיט אַ ציווילן פּאָליאַק אַרויסגענומען פון שטוב אין מיטן טאָג. דער פּאָליאַק איז יאָרן געווען אַ סטרוזש אויף דער גאַס — געקערט דעם ברוק. ער האָט אָנגעוויזן אויף אסתרן.

די מאַמע האָט געמיינט, אַז זי וועט דאָס נישט איבערלעבן. דער טאַטע איז נישט געבליבן זיצן אַ רגע אין שטוב — מען מוז ראַטעווען אסתרן!

ער איז געלאָפן אין פּאָליציי, ער איז געלאָפן צום סטרוזש און אים געגעבן געלט — זאָל ער גיין זאָגן אַז ער האָט אַ טעות געהאַט... ער איז געלאָפן צו באַ־לעבאַטים, וואָס האָבן גוט געקענט לייבע דעם בלעכער. גראָדע איז געווען דער נייער פּאָליצמייסטער דעם אַלטן דאָמבראָווסקיס זון, ביי וועמען לייבע האָט גע־דעקט די דעכער, געמאַכט אַ בלעכערנע וואַנע, האָט ער ביי אים געבעטן רחמים:

— ראַטעווע מיין אומשולדיק קינד...

אסתר איז געזעסן אין אַ גרויסן טורמע־קאַמער מיט אַסך אַנדערע פרויען. גרויע ווענט, גראַטעס, אַ פאַרשלאָסענע טיר, ברויט מיט וואַסער, דיין לעבן ליגט אין פרעמדע, שלעכטע הענט... — דאָס איז עס, טורמע. זי איז צום ערשטן מאָל אין טורמע. זי שרעקט זיך נישט. זי טראַכט אַפילו נישט פון פריי ווערן. דו קענסט סיי ווי סיי גאָרנישט טאָן פאַר דעם. עס טוט איר ווי דאָס האַרץ פאַר איר מאַמען, פאַרן טאַטן.

— אַ רחמנות אויף זיי...

פאַרוואָס האָט מען איר אַריינגעפּאַקט אין טורמע? — גענוי ווייסט זי ניט, אַזוי ווי עס וויסן נישט די אַנדערע פרויען. אָנשטויסן קען זי זיך. איר שולד איז:

— „אסתר די לערערין...”

דער סטרוזש, וואָס איז געקומען מיט די פּאָליציי־לייט, האָט זי געקענט. געזען איר אַ סך יאָרן מיט ביכער אונטערן אָרעם. געזען איר מיט יונגעלייט אויף דער גאַס. האָט ער אויף איר אָנגעוויזן:

— אַ באָלשעוויטשקע, לייבעס טאָכטער... לאַפּידעס...

זיצט זי אין טורמע. די גאַנצע וועלט איז איצט קליין — אין איין טורמע־קאַמער, דאָס פענצטערל איז ביים דאַך, אַרומגעצוימט מיט אַ גראַטע. ווו זענען די קינדער?... ווו איז די שול?...

ווו איז מאיר?...

— אויף יענער זייט, ווייט.

זי האָט אירע קינדער געהאַט דערציילט וועגן רעוואָלוציאָנערן־אַרעסטאַנטן, וועגן קעמפער פאַר פרייהייט, וואָס זיצן פאַרשפּאַרט אין טורמעס. עס איז אַ יחוס. זי זיצט אָבער פאַר גאָרנישט. זי מאַכט נישט די רעוואָלוציע. זי איז בלויז אַ לערערין אין פּרץ־שול.

זי וואָלט געקענט מאירן פאַרהאַלטן. ווען זי האָט אים געקושט האָט זי גע־ווּוסט, אַז זי קען דאָס, אָבער זי האָט דאָס נישט געטאָן. גוט וואָס זי האָט אים געלאָזט גיין. האָט ער מיטגענומען עטלעכע? — אויב עטל איז געבליבן אין שטאָט און מען וועט אסתרן אַרויסלאָזן פון טורמע, וועט זי זיך מיט איר באַגעגענען.

— צווײ עגונות...

ער האָט געמוזט גײן. אים האָט געצויגן דער שטורעם פון מיזרח. ער האָט אין אים געגלויבט.

דאָ האָט ער מילחמה געהאַלטן פאַרן תנ״ך, גערעדט אַזעלכע הייסע, פרומע רייד, געווען אַזוי פאַרטאָן אין ייִדן און ייִדישקייט, און דאָ איז אין אים אַרײַן דער דבוק — ער איז געוואָרן אַן איבערגעקערטער.

— עס איז נישט אין מיר קיין סתירה, עס איז נאָר המשך... — האָט ער געזאָגט.

אַזוי האָט ער עס געפּילט.

— רוסלאַנדס רעוואָלוציע איז וועלט־רעוואָלוציע, וועלט־רעוואָלוציע מיינט אויך ייִדישע רעוואָלוציע...

און ער האָט ווידער געבראַכט ביישפּילן פון די נביאים.

— איך האָב נישט געקענט אים נאָכגיין, אָדער מיטגיין. איך קען גיין נאָר מיט די אייגענע פיס.

און אירע פיס זענען נישט געגאַנגען.

זיצט זי גאָר אין טורמע ביי די פּאַליאַקן!...

נײן, מאיר איז נישט געגאַנגען צו רוסלאַנדס רעוואָלוציע, נאָר געפלויגן אַהינצו. עס זענען דאָ מענטשן ווי פייגל וואָס פליִען. מאיר איז אַ פליִער מיט פליגלען. עס זענען דאָ מענטשן ווי ביימער, ווי קוסטעס, וואָס וואַקסן אויף אַן אָרט.

— איך בין אַ ביימל...

די טעג אין טורמע זענען לאַנגע, די נעכט — שלאָפלאָזע. עס איז דאָ גענוג צייט צו טראַכטן, זיך צו דערמאָנען. אין איין נאַכט אין טורמע ווערט מען עלטער ווי אין אַ יאָר אויף דער פריי.

ווערט עלטער אסתר!

זי איז דאָך אַרײַנגעקומען אין פּרץ־שול — טראַכט זי נאָך — אַן אַ פּלאַן, אָן אַ קלאָרער מחשבה. עס האָט איר גאָר געצויגן אַהין, עס איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט געמאַכט אומרויִק און אומזיכער די ערשטע שריט. זי האָט זיך אַרײַנגעטאָן, אַרײַנגעגראָבן טיף און טיפער. זי האָט דערזען אַ וווּנדערלעכע וועלט פון די קינדער. זי האָט אַנטדעקט פאַר זיך דעם זין, דעם תכלית, די נשמה פון דער שול. זי האָט דערפילט אַלץ מער אחריות, זי איז געוואָרן אַ בעסערע, אַ געניטערע לערערין. זי האָט ליב באַקומען די קינדער. אויך די קינדער האָבן איר ליב!...

זי האָט געלייענט וועגן מענטשן וואָס האָבן זיך געלאָזט זוכן גאָלד, געגראָבן אין האַרטער ערד, געגראַבלט מיט די נעגל, געזוכט, געזוכט און לסוף געפונען גאָלד־שטויב, אויסגעמישט מיט ערד. זי איז געווען אַזאַ גאָלד־זוכערין, ערד־גרעבערין אין שול, און אויך געפונען גאָלד־שטויב, אמתן גאָלד. און אַז מען געפינט, ווילט זיך גראָבן נאָך, גראָבן טיפער, זוכן...

זי טראַכט אין שלאָפלאָזער טורמע־נאַכט, אַז זי האָט נאָך עפּעס געפונען אין

דער פרץ־שול — זי האָט געפונען איר פאָלק, איר אָרעם, איר וווּנדערלעך און איר גרויס פאָלק. זי האָט פריִער געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער, אַז איר טאַטע־מאַמע זענען ייִדן; זי האָט אָבער נישט געוווּסט וועגן ייִדישן פאָלק. איצט ווייסט זי. זי ווייסט נישט גענוג. זי דאַרף נאָר וויסן אַ סך!...

וואָס איז דאָס גאָלד, וואָס דו האָסט געזוכט און געפונען, די דינע גאָלד־זערנעלעך? דאָס איז די קינדישע פרייד, דאָס קינדישע גליק.

געדענקסטו, אסתר, ווי יאָסעלע האָט אַ געשריי געטאָן: „צוויי מיט צוויי, איז דאָך פיר, ריכטיק, ריכטיק!...“

געדענקסטו, אסתר, ווי חנהלע האָט דיר געפרעגט: „ווּ איז, לערערקע, די זון אַ גאַנצע נאַכט?“

הערסט איצט, אסתר, ווי עס קלאַפּט אַ קלאַס מיט פערציק קינדער מיט פערציק לעפל און פערציק שיסעלעך, עסנדיק גרויפּן מיט שמחה?...

זילבערנע גלעקעלעך קלינגען!...

געדענקסטו ,אסתר, ווי דער קליינער קאָפּעלע, וואָס קען נישט אויסרעדן „קאָפּעלע“, נאָר זאָגט „טאָפּעלע“, איז איינמאָל נישט געקומען אין שול. אויפן צווייטן טאָג האָט זי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז נישט געווען, האָט ער געזאָגט:

— דער „טאָפּ“ האָט ווי געטאָן...

אָנשטאָט דער „קאָפּ“ האָט ער געזאָגט דער „טאָפּ“...

— קאָפּעלע... — האָט זי צו אים געזאָגט — דער „טאָפּ“?, אין אַ טאָפּ קאָכט מען דאָך.

— עס איז דאָ אַ טאָפּ אין וואָס מ׳„טאָכט“ — האָט ער געזאָגט — און אַ „טאָפּ“, וואָס טראַכט...

— און אַ „טאָפּ“, וואָס מ׳קראַצט... — האָט געזאָגט אַן אַנדער ייִנגעלע.

לאַכט איצט שטיל אסתר אין פינצטערן טורמע־קאַמער. זי זעט „טאָפּעלען“ און לאַכט.

דערמאָנט זיך אסתר אָן אַן אַנדער שול־שעה.

—עס זענען דאָ דריי מינים קערפּערס — האָט זי געלערנט מיטן קלאַס — אַ שטאַנדהאַפּטיקער, אַ פליסיקער און אַ דורכזיכטיקער...

וואָס עס איז אַ שטאַנדהאַפּטיקער — ווייסן די קינדער. וואָס עס איז אַ פליסיקער — ווייסן זיי אויך. וואָסזשע איז אַ דורכזיכטיקער?

שרייט אויס אַ ייִנגל:

— אליהו הנביא...

שטייט ער דאָ, אין מיטן נאַכט, אליהו הנביא, אין טורמע־קאַמער.

קומען טעג נאָך טעג, נעכט נאָך נעכט אין טורמע־קאַמער.

מען וועט דאָך איר דאָ נישט האַלטן שטענדיק. ווי נאָר מען וועט זי אַרויס־לאָזן, וועט זי גלייך גיין אין שול אַריין. זי פּילט דאָס אין דער שלאָפלאָזער נאַכט אין טורמע־קאַמער. זי הערט דעם שול־גלאָק.

— אסתר, דאַרפסט פיל מער וו־סן און קענען...

מאיר האָט איר אַ סך געלערנט, געוויזן אַ וועג. איצט איז מאיר נישטאָ, ער וועט דאָרט פאַרבלייבן. זי האָט עס געזען אין זיינע אויגן. זי האָט עס גע־פילט ווען ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט — „אויף שטענדיק".

עס ווערט הייס פון אַרומנעמען און קושן אפילו ווען עס איז בלויז אין פאַנטאַזיע אין אַ טורמע־נאַכט.

זי וועט איצט מוזן גיין אַליין. „אַלייז, אַליין וועט אסתרקע גיין". זי האָט געלערנט, אַז אַ לערער דאַרף זיין אויך אַ מייסטער פון וויסן. מאיר האָט וועגן דעם אָפט גערעדט.

— איך וועל לערנען, מאיר, איך וועל לערנען. איך וועל זיך באַמיען. איך וועל זיך אַן עצה געבן. זיי זיכער, מאיר.

שולדיק אין איר פלוידערן צו מאירן איז די שלאָפלאָזע נאַכט אין פינצטערן קאַמער.

אין טורמע־קאַמער איז זי נישט אַליין. עס זענען דאָ נאָך פרויען. עס זענען דאָ אַזוינע, וואָס וויינען, שילטן. אויך אַזוינע, וואָס זענען גרייט אַלץ צו טאָן, אַבי אַרויס אויף דער פריי. זיי זענען גרייט צו דערציילן אַלץ וואָס זיי וויסן, אַבי מען זאָל זיי אַרויסלאָזן. איין פרוי וויינט אין שלאָף. עס איז אויף איר אַ רחמנות. אַנדערע רעדן אויסגעלאַסענע רייד וועגן מענער. אסתר הערט אַזעלכע רייד צום ערשטן מאָל. זי ווערט רויט אין פּנים.

— בעל־תאווהניצעס...

— רעדן זיי כאַטש.

אויף יענער זייט וואַנט איז אַ מענער־קאַמער. ליגט לאַנגע שעהן, טאָג נאָך טאָג, אַ פרוי אונטערן נאַרע, גראַבלט, בויערט מיט די נעגל אין דער ציגלנער וואַנט, כדי צו דערגרייכן כאָטש מיט אַ וואָרט צו יענער זייט. זי לעכערט דורך די וואַנט און שרייט אַ צעפּלאַמטע דורך דער וואַנט:

— וואָלף... וואָלף...

שפּאָטן פון איר אַנדערע פרויען פון קאַמער:

— וואַרף אום די וואַנט און קריך צו אים...

וואָלף ענטפערט נישט. קריכט אַרויס די פרוי פון אונטער דער נאַרע אַן אַנטוישטע, אַ פאַרשעמטע און צערודערטע:

— אַ געלעכטער אויף אייערע קעפּ...

און זי וואַרפט זיך אַוועק אויף דער האַרטער, הילצערנער נאַרע און וויינט, צעכליפּעט זיך, ליגט אָפּ לאַנגע שעהן.

אין שטאָט האָט מען געאַרבעט, מען האָט זיך באַמיט, מען האָט „געשמירט" און מען האָט אָנגעהויבן איינציקווייז באַפרייען די אַרעסטירטע. דער קאַמער ווערט ליידיקער.

לייבע דער בלעכער האָט אין שטאָט איינגעלייגט וועלטן.

— מאַשע, מיר וועלן האָבן אונדזער קינד צוריק...

ביז מען האָט גערופן אסתרן אין קאַנצעלאַריע פון טורמע און איר געהייסן אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז זי וועט נישט אַרויספאָרן פון שטאָט.

אסתר גייט אַרויס אויף דער פריי.

עס איז נישטאָ קיין גלייכן צו דער וווּנדערלעכער איבערלעבונג ביים אַרויס־גיין פון דער טורמע אויף דער פריי. עס איז אַ געפיל, וואָס עס קענען פאַרשטיין נאָר די, וואָס האָבן אים אַליין איבערגעלעבט. די זון שיינט אַנדערש, די גאַס איז אַנדערש. די מענטשן זעגען בעסער. עס איז אַ רגע ווען דאָס וואָרט „פריי־הייט" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער געוואַלטיקער, ממשותדיקער, ווונדער־לעכער זאַך. מען קען דעמאָלט די פרייהייט ממש האַלטן אין די אייגענע הענט. מען קען זי אָנטאַפּן. אַ געבונדענער, אַ געקאָוועטער, אַ פאַרשקלאַפטער איז גע־וואָרן פריי!...

בן חורין!...

אויף די טרעפּ פון דער פּאָליציי־קאָמאַנדע, אויף וועלכער אסתר איז אַרויס־געקומען מיט אַ פּעקל אין האַנט, איז געשטאַנען איר טאַטע. ער האָט דערזען זיין טאָכטער און דאָס האַרץ איז אים אַרויסגעשפּרונגען. אַ חיות אין די ביינער!...

לייבע וויינט זייער זעלטן. דאָס מאָל האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט געוויינט. געשטאַנען מיט זיין פאַרגרויטער באָרד און געוויינט. ברוך־הוא האָט פאָרט רחמנות געהאַט אויף דיר, לייבע, געהאַט איינזען. פאַרוואָס שטראָפסטו אַזוי, רבונו־של־עולם, דיין אָרעמען לייבען, זיין מאַשען און זיינע קינדער?...

ווו איז יושר?...

אַזאַ טייער קינד פאַרשפּאַרסטו אין טורמע ביי די פּאָליאַקן — איז דאָס דער וועג דיך, גאָט איינער, ליב צו האָבן?...

אסתר האָט אַרומגענומען איר טאַטן, אים געקושט אויף די טרעפּ פון דער פּאָליציי־קאָמאַנדע:

— הער אויף, טאַטע, וויין נישט...

און באַלד געפרעגט:

— וואָס מאַכט די מאַמע?

— גאָט צו דאַנקען — האָט לייבע געענטפערט. — איך האָב נישט געוואָלט איר אָנזאָגן פריער. טאָמער — וואָס, טאָמער נישט, הלמאי זאָל איך זי מצער זיין?...

קוקט ער אסתרן אין פּנים אַריין און זאָגט צו איר:

— דו האָסט זיך גוט אויסגעבליכט.

— עס דוכט זיך דיר...

— די מאַמע וועט דיר געבן טרינקען ציגן־מילך...

אויפן וועג אַהיים האָט אסתר געפרעגט איר טאַטן:

— וואָס איז מיט דער שולע?... דו האָסט עפּעס געהערט?...

— אַ קשיא אויף אַ מעשה — ענטפערט לייבע — די קינדער קומען יעדן טאָג זיך פרעגן אויף דיר...

דאָס האָט אסתר געהערט ווי וווּנדערלעכע מוזיק. ייִדישע פידלען האָבן געשפּילט. עס איז די בעסטע מתנה, וואָס איר טאַטע האָט נאָר געקענט איר ברענגען:

— די קינדער פרעגן זיך אויף דיר.

אסתר, די קינדער וואַרטן אויף דיר!

דריטער טייל

# דער בניין

## ערשטער קאַפּיטל

# שול־צוזאַמענפאָר

עס איז אַריבער אַ יאָר. אין מיטן חודש יוני. אין די פרימאָרגנס הייבן זיך אויף גרויע פאַרהאַנגען און באַווייזן אַ בלויען הימל. בייטאָג איז די וועלט פול מיט זון.

אסתר איז אין דער הויפּטשטאָט פון פוילן, אין וואַרשע, צום ערשטן מאָל. זי גייט אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אויף דער גרעסטער, ברייטסטער, שענסטער גאַס פון דער מדינה. ברייט־צעשטעלטע הייזער, הויכע, מיט אַ סך פענצטער, באַלקאָנען, טירן. די שויפענצטער זענען אָנגעלאָדן מיט כל־טוב. אויף די ברייטע טראָטואַרן איז אַ ברייט־שטראָמיקע מענטשן־מאַסע. די פרויען אַזוי ווי זיי וואָלטן שוועבן. זיי טראָגן זיך, לייכט, אין זומער־קליידער פון כל־הקאָלירן, ווי זיי וואָלטן געווען אַ טייל פון אַ גרויסער, פאַרכאַפּנדיקער זומער־פאָרשטעלונג — שלאַנקע, בויגזאַמע, רייצנדיקע קערפּערס, לאַכן זיי, רעדן זיי, פלוידערן, פליסטערן, און טראָגן־זיך, טראָגן־זיך מיטן שטראָם. גאָר אַן אַנדער לעבן. דראָשקעס אויף גומענע רעדער יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע אָן אַן איבעררייס. אויטאָמאָבילן יאָגן אַריבער די דראָזשקעס און לויפן אַוועק. נאָך זיי קומען אַנדערע. טראַמווייען קלינגען, זענען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, מען הענגט אויף די בריקלעך, — דאָ איז אַ שטיק פון אַן אַנדער וועלט.

אסתר גייט אויפן טראָטואַר פון מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, נישט ווייט פון זלאָטע, מיט אַ גרעסערער גרופּע יונגעלייט — פרויען, מענער — לערער פון פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד, וואָס זענען געקומען צום ערשטן יידישן שול־צוזאַמענפאָר — דער ערשטער אין אַלע צייטן. מען איז יונג, יום־טובדיק, נייגעריק, פול מיט דערוואַרטונג. מען איז געקומען קיין וואַרשע מיט אַ פּאָר טעג פריער. מען וויל זען די שטאָט, אירע מערקווירדיקייטן, די אויסשטעלונגען. מען וויל סתם גיין איבער די גאַסן. אויך דאָס איז אַן איבערלעבונג. אין אָוונט גייט מען אין טעאַטער. אין פילהאַרמאָניע שפּילט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, פון וועלכן מען

דערציילט גדולות. זיין דיריגענט, דער ייִד בירנבוים, איז אַ כישוף־מאַכער. מיט זיין דיריזשאַר־שטעקעלע ציט ער אַרויס שאַפּענען און בעטהאָווענען דורך הונדערט פידלען, וויאָלענטשעלן, האַרפּעס, טאַצן, קלאַרנעטן. יהודה שניידער, דער מוזיק־לערער פון דער פּרץ־שול, האָט צו דערציילן וועגן אים אַ פול מויל. ער האָט זיך געגנוג אָנגעהערט צווישן מנגנים. אין ייִדישן טעאַטער שפּילן די „ווילנער" — זיי איז דאָ וואָס צו זען. אויף סענאַטאָרסקע גאַס, אין די גרויסע בוכהאַנדלונגען, זענען דאָ נייע וויכטיקע שול־ביכער, פון דייטשלאַנד. מען דאַרף זיי איינקויפן און — לערנען. איידער מען קוקט זיך אַרום איז דער טאָג שוין אַריבער.

די וואַרשעווער לערער, גרויסשטאָטישע, פּויליש־רעדנדיקע, וואָס רעדן אָבער אויך אַ זינגענדיקן ייִדיש, אַז עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, פירן אַרום די פּראָווינצער לערער און ווייזן זיי די גרויסקייטן און שיינקייטן פון זייער שטאָט:

— לאָמיר גיין אין דער „זאַכענטאַ"...

דאָרט איז די גרעסטע קונסט־אויסשטעלונג פון לאַנד — זאַלן און זאַלן, מאַלערייען, סקולפּטורן, אַז עס פאַרנעמט דאָס אויג!

— לאָמיר גיין אין די לאַזשענקעס...

דאָרט איז דער שענסטער פּאַרק פון דער מדינה!

— לאָמיר גיין צום בעלוועדער...

דאָרט איז דער קעניגלעכער פּאַלאַץ!

פאַר די דעלעגאַטן זענען געווען צוגעגרייט שלאָף־פּלעצער אין די שול־לאָקאַלן, אין וועלכע מען האָט שוין נישט געלערנט צוליב זומער. אסתר האָט געוווינט מיט אַ גרופּע לערער און לערערינס אין דער שול, אויף דזשיקע 6. גרויסע קלאַס־צימערן זענען אויסגעטיילט געוואָרן באַזונדער פאַר פרויען און באַזונדער פאַר מענער. עס זענען דאָרט געווען לערער פון לובלין, פון ווילנע, פון טשענסטאָכאָוו און פּיעטריקאָוו, פון לוצק, פון סוּוואַלקי, פון קאַליש, פון לעמבערג... — מען האָט געדאַרפט שלאָפן די נאַכט, זיך אויסרוען. גיי שלאָף, ווען דאָס האַרץ איז יונג און טרעלעלייקעט, און עס ווילט זיך רעדן, הערן, דערציילן, — ווען עס ווילט זיך זינגען אין מיטן דער נאַכט.

אַרום דזשיקע גאַס איז נאַלעווקעס, איז פּאַוויע, דזשעלנע — די עכטע, די קאָכעדיקע, די שפּרודלדיקע, ייִדישן גאַסן. דאָ איז דאָס האַרץ פון ייִדישן פּוילן, זיינע בלוט־אַרטעריעס. אסתר האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל ייִדן אויף איין גאַס, ווי אויף נאַלעווקעס. עס קאָכט מיט ייִדן — רק מען לויפט, מען שטופּט זיך, מען האָוועט. לאַנגע הויפן פול מיט ייִדן, מיט ייִדישע קראָמען, — לאַגערן, שפּייכלערס, סטראַגאַנעס. ייִדן אין קאַפּאָטעס, מיט בערד, מיט פּיאות. אַלע האָווען — שמאַיען נאָך פּרנסה, נאָך חיונה, נאָך אַ שטיקל ברויט — קריעת ים־סוף. מען שטייט נישט אויף אַן אָרט, מען טראָגט זיך, מען ווערט געטראָגן. עס גיסט זיך אַ שטראָם פון ייִדן גאָר אָן אויפהער. אַזוי ווי פון אַ גרויסן, מעכטיקן ייִדן־ים. שטייט אסתר ביי אַ וואַנט, אין זייט פון שטראָם, און קוקט אַ פאַרגאַפּטע, קוקט און קוקט. געהערט זי אויך צו דעם שטראָם?

די ייִדן דאָ, וואָס לויפֿן, כאַפּן ניט געזעענס, די ייִדן אין די קאַפּאָטעס, די ייִדן אין די חסידישע היטלעך איבער יאַרמלקעס, די ייִדן מיט די שטעקנס אין די הענט, מיט די שירעמס, וואָס האָבן אָנגעפּילט די גאַס, אָנגעשטאָפּט די טראַמ־ווייען, וואָס לויפֿן פֿאַרביי מיט געבראַזגעריי און קלינגעריי — זיי וויסן נישט, אַז דאָ אין שטאָט, אַביסל ווייטער פֿון דאַנען, אויף דער סאַמע מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, אויף דער פּוילישער זייט, דאַרף פֿאָרקומען אין אַ גויִשן טעאַטער „אַפּאָלאָ“, אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישע לערער — מלמדים אַזעלכע, אַ נייער מין, געקומען פֿון שטעט און שטעטלעך, פֿון ליטע, פֿון גאַליציע, פֿון פּאָלעסיע, פֿון וואָלין, וויס־איך־וואָס, פּוסטע זאַכן, געשעפֿטן פֿאַר לײַדיקגייער. דאָ אויף נאַלעווקעס זענען ייִדן וואָס זוכן פּרנסה, פֿאַר ווײַב און קינדער, זוכן אויף שבת. אסתר איז נאָך, כל־זמן זי לעבט, נישט געווען אַזוי טיף צווישן ייִדן ווי איצט, זיך נישט איינגעטונקט אַזוי ווי ביז איצט אין בהלהדיקן, קאָכיקן ייִדישן אימפּעט. ווען מאיר פֿלעגט זאָגן „בתוך עמי“ — האָט ער געוויס דאָס געמיינט, — פֿולע גאַסן מיט ייִדן, וואָס שעפּן זיך קיינמאָל נישט אויס.

מאיר? וואָס איז מיט אים? ווו איז ער? — זי האָט געהערט פֿון עמעצן, אַז מען האָט אים געזען אין מינסק. מער ווייסט זי נישט, אַזוי ווי אין ים אַרײַן. עטל האָט געהאַט פֿאַרלאָזט די שטאָט. מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַוועק אומ־לעגאַל איבער דער גרענעץ, ביי סטאָלפּצי, זוכן מאירן אין מינסק.

אָפּגעשניטן, נישטאָ.

די לאַסטן פֿון דער שול זענען אַ סך געפֿאַלן אויף איר. עס זענען צוגעקומען אין שול נייע לערער פֿון דער פֿרעמד. די פֿריִערדיקע — איטשע זאַבלודאָווסקי, אידאַ, רייזל, יהודה שניידער זענען געבליבן אין שול. ביי איטשען וואַקסט די באָרד לענגער, קאַלירט טונקעלער, ער זעט אויס מאַנסבילישער. מען האָט גע־מוזט לערנען פּויליש פֿון צווייטן קלאַס אָן, האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ לערערין פֿון קאַליש — אַ ייִדיש־חסידיש, פֿאַרפּוילישט מיידל, וועמען עס האָט אַ צי געטאָן די ייִדישע שול און די פֿרעמד, — זיין אַליין און פֿריי. עס איז געקומען אַ נייער העברעיִש־לערער פֿון ראָוונע מיט אַ וואָלינער זאַפּטיקן ייִדיש, אַ למדן אין לשון־קודש און אַ בונדיסט. ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך פּעק ביכער, אַז מען האָט אים אַליין באַלד נישט אַרויסגעזען. ווייל פֿריִער האָט מען געזען די ביכער אין זיינע הענט. עס איז אויך צוגעקומען אַ לערערין אויף האַנט־אַרבעטן — צייכענען, מאָלן, ליים־אַרבעט, שטריקן, נייען. פֿון קראָקע איז זי געקומען מיט אַ פֿרעמד־פּוילישן נאָמען — עדזשע. זי האָט שוין געהאַט אויסגעשטעלט אירע מאָלערייען פֿון קראָקעווער וואַוועל־באַרג אויף דער אויסשטעלונג פֿון „זאַכענטאַ“; וואַרשעווער צייטונגען האָבן וועגן איר געשריבן. איר ייִדיש איז געווען פֿאַרצויגן, פֿאַרפּוילישט און באַטעמט־געשמאַק. זי האָט געוואָלט לערנען ייִדישע קינדער מאָלן. עס וועלן פֿון זיי אַרויסוואַקסן קינסטלער. זי פֿלעגט רעדן וועגן פֿאַרבן ווי שכורים רעדן וועגן וויין. זי איז געווען אַ באַגייסטערט נפש און, נישט־מיר־

נישט־דיר, זיך פאַרליבט אין לערער איטשע. נישט אַזוי אין אים ווי אין זיין באָרד. זי האָט אים געמאָלט.

גייט מען אין זומערדיקן פרימאָרגן, אין חברותא, אין כאַליאַסטרעס פון דזשיקע, פון די נאַלעווקעס, פון נאָוואָליפקי צום טעאַטער „אַפּאָלאָ" אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע. די טעאַטער־טירן זענען ברייט אָפן פאַר די לערער, געקומענע פון גאַנץ פוילן. עס ווייסן נישט די טעאַטער־דינער, נישט די גרויסע שפּיגלען, נישט דער ריזן־זאַל, אַז דאָ גייט מען איצט צו אַן אויסטערלישער עובֿדה, מען גייט מאַכן ייִדישע געשיכטע.

עס טומלט שוין, עס רוישט שוין אין פֿאָיע פון טעאַטער, אין די קאָרידאָרן, ביי די טירן. די ליטוואַקעס פון ווילנע געפעלט נישט דער הלוך פון די וואַר־שעווער ייִדן — די קאַפּאָטעס, די היטעלעך, די סאַמעטענע יאַרמלקעס, די טלית־קטנס דרויסן.

— איך בין געשטאַנען אויף נאַלעווקעס, ראָג גענשע און פראַנציסקאַנער, און געקוקט זייער נייגעריק — זאָגט אסתּר אין קרייזל פון לערער, אין פֿאָיע פון טעאַטער — אַ גאַנצע גאַס, און נאָך אַ גאַס, און נאָך אַ גאַס, מיט טויזנטער שוואַרצע קאַפּאָטעס און שוואַרצע בערד און לאַנגע פּאות, און פולע מיילער מיט זינגענדיקן ייִדיש, האָט עס מיר אויסגעזען אויסטערליש־טראַציק, צו להכעיס־דיק: מיר ווילן אַזוי, דער וועלט אויף צעפּוקעניש!... זיי האָבן געשטראַמט אין די נאַלעווקעס אַריין, אַזוי האָט מיר אויסגעזען, פון אור־יאָריקע קוואַלן. מיר איז עס געפעלן.

— מעגט איר שוין אָנטאָן אַ שייטל... — זאָגט איר שאַרף אַ יונגער לערער.

— איר מעגט פאַרשטיין, וואָס זי האָט געזאָגט... — זאָגט צוריק אַ לערער אין בלעכענע ברילן, וואָס איז געקומען אַהער פון בריסק.

מען גייט אין זאַל אַריין. ער ווערט שנעל פול. מען צעזעצט זיך אין די רייען מחנותוויז. מען האָט זיך צעטיילט לויט פאַרטיי־גרופּן — בונדיסטן, פועלי־ציוניסטן, פאַראייניקטע, פאָלקיסטן, אומאָפּהענגיקע. ווו זאָל זיך זעצן אסתּר? — זי האָט אויסגעזוכט לערער פון איר שטאָט און זיך געזעצט נעבן זיי. — ביאַ־ליסטאָקער, היימיש.

עס גערודערט אין זאַל. אַלץ איז אין דערוואַרטונג. הרת־עולם. אַ דור האָט געוואַרט אויף דער שעה. ביי דער טריבונע — רויטע פענער, אויפשריפטן מיט גרויסע ייִדישע אותיות. — עס איז אויך דאָ אַ לאַנגע שורה אויף פויליש. — „צוזאַמענפאָר פון לערער פון ייִדישע שולן". דאָס איז צוליב מלכות. די מענטשן, וואָס זעצן זיך ביים לאַנגן טיש אויף דער טריבונע, זענען איר נישט באַקאַנט. אַ פּאָר שוין גרויע קעפּ, מערער — שוואַרצע קעפּ. אסתּרס שכנים רופן אָן נעמען, וואָס קלינגען איבער דער מדינה. ביים צענטער פון טיש שטייט אַ פולער מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד. ווער איז ער? — „חבר גרשון פון ווילנע". וועלכער גרשון? — „פלודערמאַכער". „ער איז נאָך געזעסן אין לוקישקער טורמע פאַר דער ייִדישער שול אין דער צאַרישער צייט".

— דאָס איז גרשון פלודערמאַכער? — זאָגט אסתר צו איטשען — ער האָט דאָס געעפנט דעם צוזאַמענפאָר אין קאַמער פון לוקישקער טורמע אין ווילנע?...

אסתר האָט געהאַט געהערט וועגן דעם פון מאיר צפתן. דאָס זאָל האָבן געווען אין 1907 — מיט פערצן יאָר צוריק. מען האָט אַרעסטירט דעם אומלעגאַלן לערער־צוזאַמענפאָר און אַלעמען געבראַכט אין טורמע, אַריינגעזעצט אין אַ גרויסן קאַמער. גרשון פלודערמאַכער האָט איבערגעציילט די אַרעסטירטע און געזאָגט: „אַלע זענען דאָ, די זיצונג איז געעפנט, חבר יעקב גערשטיין האָט דאָס וואָרט".

איצט עפנט ער, דער זעלבער חבר גרשון פלודערמאַכער, דעם צוזאַמענפאָר אין טעאַטער „אַפּאָלאָ", אין וואַרשע, בריש גיליה.

— עס איז געווען אַ בלוטיקע, אַ שווידערלעכע וועלט־מילחמה, — זאָגט ער — מיר האָבן באַצאָלט מיט צענדליקער טויזנטער, חוץ מילחמה־קרבנות, אויך קרבנות פון פּאָגראָמען, פון אַנטיסעמיטיזם, פון שנאת־עולם צום עם־עולם, מיר האָבן אָבער נישט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין אויפריכטונג פון דער וועלט און פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן אונטער פייער פון מילחמה, אין אַ ים פון נויט און עלנט, געבויט שולן פאַר אונדזערע קינדער, היימען פאַר די היימלאָזע, עס האָט געקענט אויסזען ווי ביידלעך פון פאַנטאַזיעס. עס איז אָבער געווען אין דעם זין, מיר האָבן, יעדער איינער פון אונדז, געהערט דעם קול פון דער געשיכטע — אַ גייסט איז אונדז אַלעמען אַריין. מיר זענען געווען אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע, צעוואָרפן צווישן פאַרשיידענע מלוכות, דאָך האָבן מיר געטאָן, יעדער איינער פון אונדז, כמעט די זעלבע טאַט, מיר האָבן געבויט די נייע שול. צוויי טויזנט יאָרן בויען ייִדן שולן, יעדער דור און דור, אונדזער דור — אויף אַ נייעם שטייגער. אַ קהלה, וואָס האָט נישט גענוג שולן פאַר אירע קינדער, דאַרף מען אַריינוואַרפן אין חרם — דאָס האָט נאָך געזאָגט דער רמב"ם. מיר האָבן געזוכט פאָרמען, אַ מעטאָדיק, אַ נייע פּעדאַגאָגיק פאַר דעם נייעם חינוך, מיר האָבן געהערט איינע פון די אַנדערע נאָר ווייטע אָפּקלאַנגען. אין ליטע, אין אוקראַינע, אין פּוילן האָבן אַרויסגעשלאָגן פון אונטער דער ערד פרישע קוואַלן פון ייִדיש־וועלטלעכער קולטור. פּרץ האָט געזוכט די קוואַלן; זשיטלאָווסקי האָט זיי אויפגעדעקט. עס האָט זיך דערהערט דער גערויש פון נייע פלוסן. נישט וויסנדיק און נישט קענענדיק איינע די אַנדערע, זענען מיר נאָכגעגאַנגען נאָכן רויש פון די קוואַלן, געגאַנגען, געגאַנגען פון פאַרשיידענע זייטן אין איין ריכטונג, צו איין פּונקט, און דערגאַנגען ביז אַהער, ביזן ערשטן שול־צוזאַמענפאָר מיט אַ מחנה פון טויזנטער קינדער, צענדליקער טויזנטער. דאַרף מען מאַכן שהחיינו והגיענו לזמן הזה...

פאַר דעם מענטשן מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס שטייט אויף דער טריבונע און רעדט צום זאַל פון טויזנט יונגע לערער פון דער נייער, יונגער שול, איז עס אַ גרויסע איבערלעבונג. זיין שטימע רייסט זיך איבער, די ווערטער פאַרטשעפּען זיך, קומט ער צו זיך, ווישט אָפּ זיין פּנים, זיין הויכן שטערן, זיין מויל,

וואָס איז פאַרשטעלט מיט דיקע שוואַרצע וואָנצעס, שלינגט אַראָפּ אַ טרער און זאָגט ווייטער:

— עס זענען געווען יאָרן פון חלום פון אַ פרייער, מאָדערנער, נאַציאָנאַלער, פאָלקס־שול. מיר האָבן געחלומט. מיר זענען געווען יונג, אומבאַהאָלפן, מיר האָבן געגוי נישט געוווסט דעם וועג. מיר האָבן אָבער געחלומט און זיך געגרייט. עס וועט קומען, עס וועט זיין. יאָרן פון חלומות האָבן צוגעגרייט די טעג פון פאַר־ווירקלעכונג. פריִער מוז מען חלומען. איצט זענען מיר זיך צונויפגעקומען צו פּלאַנעווען, אָרדענען, פעסטיקן. די יידישע שול איז שוין דאָ, מיר אַלע זענען דאָ. איך האָב דעם גרויסן כבוד, דעם נישט־פאַרדינטן כבוד, פון פתיחה, נו — יאָ, דער ערשטער יידישער שול־צוזאַמענפאָר איז געעפנט!

מען אַפּלאָדירט. ספּאָנטאַניש שטעלט מען זיך אויף. עמעצער האָט אָנגעהויבן זינגען. עס טראָגט זיך פאַראויס אַלע זינגער די באַריטאָן־שטימע פון יעקב גער־שטיין פון ווילנע. די ווילנער העלפן אים אַרויס די ערשטע. זיי, די ווילנער, ווילן ווייזן זייער כח:

א וועלט אַ ליכטיקע,
אַ וועלט אַ ציכטיקע,
און הימלען בלויע שמייכלען פון דער ווייטן,
און מיר איז גוט אַזוי, און מיר איז וויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בייטן.

ביאַליסטאָקער וועלן ווייזן, אַז זיי זענען טאַקע פון אַ קלענערער שטאָט, אָבער שולן האָבן זיי אַזוי ווי די ווילנער, און זינגען קענען זיי בעסער. אסתר האָט זיך אַ הייב געטאָן די ערשטע פון די ביאַליסטאָקער און אַ צי געטאָן אַלע אַנדערע:

און מיר איז גוט אַזוי, און מיר איז וויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בייטן.

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך אַ נעם געטאָן די פּינסקער, די בריסקער, די גראָדנער. ליטוויש־יידיש לשון האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן וואַרשעווער זאַל „אַפּאָלאָ“, איבער דעם שול־צוזאַמענפאָר.

זאָלן די ליטוואַקעס אָפּזינגען. באַלד וועלן ווייזן די וואַרשעווער וואָס זיי קענען. אַ מחנה יונגע לערער און לערערינס פון וואַרשע האָט זיך אַ הייב געטאָן:

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —

עס זענען באַלד אונטערגעקומען די לאָדזשער, די קוטנער, די וולאָצלאַוועקער און מען האָט געזונגען צוזאַמען. יעקב גערשטיין פון ווילנע האָט זיך אַרויפ־געכאַפּט אויף דער טריבונע און אַריינגעצויגן דעם גאַנצן זאַל, די ליטוואַקעס און די פּוילישע, אין דעם זעלבן געזאַנג:

## די לערערין אסתר

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער,
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער...

אַ הויכער גלאַק שטילט איין דעם עולם. אויפן פלאַץ פון גרשון פלודער־מאַכער שטייט אַ נידעריקער מענטש, אַ געהאַרבעטער, מיט אַ גרויסן קאָפּ ווייסע, געדיכטע האָר, מיט אַ שמייכלענדיקן, גרויסן פּנים, מיט גוטע, בלויע אויגן:

— חברים און חברטעס!...

זיין שטימע קלינגט ממש מעכטיק. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גבורה־דיקע שטימע צו אַזאַ נידעריקן, געקוועלטן, גרוי־קאָפּיקן מענטשן?

— ווער איז ער?...

— ביניש מיכאַלעוויטש...

אַ נאָמען — אַ מעשהלע, אַ לעגענדע. ביניש דער בונדיסט, דער זון פון אַ בריסקער אָרעמען שלאָסער, דער למד־וואָווניק ביי די יידישע סאָציאַליסטן. ער איז גרוי געוואָרן אין אײַן נאַכט אין סיביר. ער איז געהויקערט געוואָרן דורך דרייסיק טעג און נעכט, אַן איינגעקאָרטשעטער, אין אַ פויערישן שליטל, פאַרדעקט מיט היי און שמאַטעס, ווען ער האָט זיך געגנבעט פון סיבירער קאַטאָרגע. וועלט־ליטעראַטור איז דער ים, אין וועלכן ער שווימט. אַ גרויסער בעל־בטחון. ער וועט זיין דער פאַרזיצער פון צוזאַמענפאָר.

— די יידישע שול — האָט ער אָנגעהויבן — איז שוין אַ פאַקט. זי ווערט אָבער נאָך נישט אָנערקענט פון דער מלוכה. פאַר דעם וועלן מיר קעמפן און — מיר וועלן געווינען!...

דער זאַל אַפּלאָדירט: „מיר וועלן קעמפן!...“

— מיר האָבן שוין נישט איין שלאַכט געוווּנען!...

ווי אַזוי קען אַ מענטשלעכע שטימע אַזוי צויבערן?

אסתר, עס האָט געלוינט!...

— איר, יידישע לערער, — זאָגט ער ווייטער — האָט אַרויסגעטראָגן די שול פון אירע היסטאָרישע באַהעלטענישן אויף אייערע פּלייצעס. די יידישע אַר־בעטער האָבן אייך געהאָלפן זי טראָגן, פּלייצע און פּלייצע, נשמה צו נשמה. מיר וועלן ווייטער אויך גיין צוזאַמען. אָן דעם יידישן לערער און אָן דעם יידישן אַרבעטער איז נישטאָ קיין נייע שול. עס וועט זיין נאָר אָדער אַ חדר, אָדער אַ פאַבריק פון אַסימילאַציע. מיר וועלן גיין אַלע צוזאַמען!...

יעדער איינער אין זאַל פילט, אַז דאָס מיינט מען אים.

אסתר, דיך אויך!...

— צוזאַמען וועלן מיר אַריינברענגען די שול — שאַלט ער ווייטער און העכער — אַ יונגע, אַ געזונטע, אַ פרייע אין דער וועלט פון פרייהייט, וואָס קומט אונדז אַנטקעגן.

דער זאַל זעט עס. אָט איז זי, די וועלט פון פרייהייט, אַזוי נאָענט, אָט־אָט קומט זי דאָך אַנטקעגן. יעדער איינער פילט דאָס אין זאַל.

אסתר, דו גייסט אויך צו דער וועלט פון פרייהייט. די וועלט פון סאָציאַליזם. דאָס איז דאָס!...

איצט רעדט ער וועגן צוויי גרונטלייגער, וואָס זענען שוין נישטאָ — דער באַגייסטערער און אָנצינדער — פּרץ; דער מענטש מיטן גוטן האַרץ, מיט דער גרויסער ליבע צו די יאָסעלעך — דינעזאָן. זיי האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שול אין די ערשטע טראַגישע מלחמה־יאָרן. לאָמיר זיך אויפשטעלן און אָפּגעבן כבוד זייער אָנדענק!

יראת־הכבוד. דער זאַל שטייט. ער אָטעמט מיט קדושה. מען זעצט זיך צוריק אויף די ערטער. אין דער געשפּאַנטסטער שטילקייט טראָגט זיך די מיטרייסנדיקע שטימע פון דעם ווייסן מאַן:

— מיר ווילן ליקווידירן די יידישע איינזאַמקייט אויף דער וועלט, אויפלייזן די עלנטקייט פון יידן צווישן גויים, אָפּווישן די שנאת־עולם, עס דאַרפן דאָך אויסגעלייזט ווערן פון פּיין סיי די גויים און סיי די יידן.

הער זיך איין, כאַפּ אָפּ, אסתר, דעם אָטעם!

— עס וועט קומען, עס מוז קומען אַ וועלט אַ גערעכטע. אויס עקספּלואַטאַציע, אויס אונטערדריקונג, אויס יידישער גלות. די האָפענונג גייט אויף אויך אין דער יידישער גאַס. אַ רעגנבויגן שיינט אַריין אין יעדער שפּאַרונע.

איצט פלאַמט ער:

— עס איז אַ געבענטשטער זיווג צווישן ישעיה הנביא און קאַרל מאַרקס, צווישן זשאַן זשאָרעס און עמוס הנביא, עס ציט זיך אַ שנור פון עשרה הרוגי מלכות ביז די רעוואָלוציאָנערן־מאַרטירער אויף די תליות...

ער רעדט וועגן גלייכהייט, וועגן סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פרייהייט, וועגן יידישער קולטור, יידישער שפּראַך, יידישער שול.

—די ערשטע תקופה איז פאַרענדיקט — זאָגט ער — די תקופה פון ראָמאַנטיק, פון שורשנדיקע פּראָקלאַמאַציעס אויף דינעם פּאַפּיר, פון קלינגענדיקע קייטן אויף די וועגן פון סיביר. איצט קומט די צווייטע תקופה — די תקופה פון רעאַליזם, פון לייגן פונדאַמענטן, פון בויען הייזער. מיר וועלן בויען טראָץ אַלע שטערונגען און גזרות, נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט און נויט פון דער מאַסע. לאָמיר אַלע זיין בוי־מייסטער, פּלאַן־אויסלייגער, מויערער, ציגל־טראָגער, וואַסער־שעפּער...

ער האָט געענדיקט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול ביים טיש. דער עולם פּאַטשט בראַוואָ. אסתר פילט:

— דער מענטש איז געקומען פון נביאים־באַרג, ער האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט. איך גיי!...

ווער איז איצט אויף דער טריבונע?

—אין נאָמען פון פּרעזידיום פון צוזאַמענפאָר רוף איך צו דער טריבונע אַלע דעלעגאַטן פון ערשטן צוזאַמענקום פון יידישע לערער אין לוקישקער טורמע אין 1907...

ער רופט אויס נעמען. ער איז יונג, זיין קאָפּ איז שוואַרץ, זיין שטימע קלינגט, די ווערטער קומען אַרויס קלאָרע פון זיין מויל. ער איז אַ לערער פון ווילנע, דער סעקרעטאַר פון צוזאַמענפאָר. ער זאָגט אַזוי:

— זאָלן אַרויסקומען די אבות פון דער יידישער שול. לאָמיר געדענקען, אַז די וויג פון דער יידישער שול איז געשטאַנען אין אַ תפיסה־קאַמער. גיט אָפּ כבוד די ערשטע פונדאַמענט־לייגער!...

עס הייבן זיך אויף מענטשן פון פאַרשיידענע טיילן פון זאַל, די געוועזענע אַרעסטאַנטן, און לאָזן זיך צו דער טריבונע. אַלעמענס אויגן קערן זיך צו זיי. עס פּאַטשן הענט. עס קלאַפּן שטאַרקער הערצער. הייסע כוואַליעס ווערן געבוירן יעדע צענטל סעקונדע. באַשיידן, אַביסל צעטומלט, זעצן זיי זיך אַוועק אויף די שטולן.

איצט קומען רעדנער איינע נאָך די אַנדערע. עס רעדט אַ מענטש מיט אַ ברייטער שוואַרצער, שיינענדיקער באָרד: „אין נאָמען פון די פּועלי־ציון":

— אונדזער שול איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן דורך אַ היסטאָרישער סטיכיע, אונטער סאַלוטן פון האַרמאַטן, אין מצב פון הונגער־ליידן, אין שעהן פון חורבן, וואָס עס האָט גורם געווען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־מלחמה. אונדזער שול דאַרף דערציִען נישט נאָר גוטע קענער פון יידישער שפּראַך, פון מאַטעמאַטיק און געאָגראַפיע, נאָר זי דאַרף אויך דערציִען קעמפער פאַר פרייהייט אין גלות און בויער פון ארץ־ישראל.

אַ טייל פון זאַל אַפּלאָדירט.

— עס איז אַ המשך — רעדט ער ווייטער און די זאַצן קייטלען זיך גוט איינע אין די אַנדערע און זיין קול טראָגט זיך זיכער — עס איז אַ גילדערנע קייט. אַלע שעפערישע וועגן אין גלות ציִען זיך צום גרויסן היסטאָרישן, נאַציאָנאַלן צענטער, צום יידישן לאַנד, צו דער היסטאָרישער היים פון פאָלק, ווי אַלע טייכן גייען צום ים...

שטייט איצט ביים רעדנער־טיש אַ געוועזענער יידישער מיניסטער אין אוקראַינע, וואָס איז אַנטלאָפן פון „האַמער און סערפּ", ווייל מען האָט געמאַכט פון זיין „קולטור־ליגע" אַ קולטור־ליגן און ער רעדט, ציילנדיק די ווערטער, אַזוי:

— אין דער סביבה פון גרויסע מחנות היימלאָזע יידישע קינדער און יתומים איז די שול אויפגעקומען. איצט איז זי דאָ. אַרום אונדז איז אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע דערוואַכונג. עס איז אויפגעוואַקסט געוואָרן דער מענטשלעכער, דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין ביי דער יידישער פאָלקס־מאַסע. מיר ווילן שעפּן פון די רייכע קוואַלן, און שאַפן נייע, אייגענע קולטור־רייכטימער און נייע קולטור־פאָרמען. מיר דאַרפן קלאָר מאַכן די פּראָגראַם פון דער שול, אויסלייגן אירע ווייטערדיקע וועגן, אויסבויען איר אָרגאַניזאַציע, אַז זי זאָל זיין בכח זאַמלען אַרום זיך ברייטע פאָלקס־שיכטן. אונדזער שול טאָר נישט זיין אַ שול פון אַ גרופּע, פון אַ קלאַס, — זי מוז זיין די שול פון פאָלק.

דער פּאָרזיצער רופט צום וואָרט נאָך אַ רעדנער. עס גייט אָן אַ וויכוח פון צדדים:

— דער קאַמף פאַר דער נייער קולטור איז אין דער אמתן אַ קאַמף פאַר סאָציאַליסטישער קולטור...

— נישט אַ שול אויף יידיש מיט סאָציאַליסטישער מליצה — רעדט אָן אַנדער רעדנער — נישט קיין צוכט־הויז פון קליינע יונגע סאָציאַליסטלעך, וואָס וועלן ווערן ציניקער ווען זיי וועלן גרויס ווערן, נאָר אַ יידישע שול, מיט אַ יידישן אינהאַלט. די שול דאַרף זיין אַ נאַציאָנאַלע. נישט אַ שול פאַר איין קלאַס, נאָר אַ שול פאַר אַלעמען.

— זייט נישט קיין שליח פון „אַלעמען" — שרייט אָן אַנדער רעדנער — פון די וואָס האָבן אייך נישט געשיקט און נישט געבעטן. איך קען נישט דעם אַדרעס פון „אַלעמען". אונדזער שול איז דער קנין פון אַרבעטער־קלאַס... מיר דאַרפן באַקעמפן די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן פון דער שול. נישט סתם־יידישע דערציִונג, נאָר יידיש־סאָציאַליסטישע דערציִונג!...

— די שול וווינט נישט ערגעץ דרויסן — זאָגט אָן אַנדער רעדנער — זי ווױנט אין דער יידישער גאַס און זי טאָר נישט זיין אָפּגעריסן פון יידיש לעבן. די מאַסע שפּרינגט נישט. זי באַוועגט זיך לאַנגזאַם. אויב מיר וועלן קומען מיט עקסטרעמע לאָזונגען, וועלן מיר גאָרנישט שאַפן. שול און לעבן קענען נישט זיין אָפּגעריסענע איינע פון די אַנדערע. די שול מוז זיין דער המשך פון לעבן.

קומט אַרויף אויף דער טריבונע אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ דאַרע, באַשיידן געקליידט אין שוואַרצן. זי קוקט זיך אַרום מיט אַ שמייכל. זי שטייט פּשוט. פיל קענען איר. מען זאָגט איינער צום צווייטן אין זאַל:

— ראָזאַ...

— ראָזאַ סימכאָוויטש...

זי איז אַ זייל פון די ווילנער שולן. זי איז אַ לערערין פאַר לערער. זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פון גרויסע רבנים, צדיקים, נגידים. זי האָט הויכע בילדונג פון אוניווערסיטעטן אין דער שווייץ. אַ גוטע קענערין פון שפּראַכן — רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, העברעיש. איר יידיש איז אַ רבנישער. זי בינדט אים צונויף מיט העברעישע און תלמודישע מימראָס. נישט זי רעדט, נאָר זי דערציילט:

— מיט יאָרן צוריק זענען מיר געווען אַ גרופּע סטודענטקעס און סטודענטן אין דער שווייץ, שטודירט פּעדאַגאָגיק און געחלומט וועגן יידישער שול. מיר האָבן זיך שוין געגרייט צו אַ שול וואָס איז נאָך נישט געווען. די פּראָפעסאָרן האָבן אונדז געהערט וועגן דעם מיט אַ לייכטן שמייכל — „אין צאַרישן רוסלאַנד אַ פרייע יידישע שול?..." אויף דעם האָבן מיר געענטפערט מיט אמונה: „מיר גלויבן". באַגייסטערונג און גלויבן קענען שאַפן וווּנדער!

אָפּט פלעגן מיר זיך אַליין דערשרעקן — ווי וועלן מיר קענען מיט ליידיקע הענט דורכברעכן אַ וועג און אַריבערשפּרינגען מיט אַמאָל אַלע עטאַפּן, וואָס די

שול פון אַנדערע פעלקער האָט דורכגעמאַכט אין משך פון דורות? אפשר זענען גערעכט די פּראָפעסאָרן וואָס שמייכלען?...

— איז געווען צווישן אונדז אַ פּרינץ פון גייסט, שר־הרוח, און ער פלעגט אונדז אַזוי זאָגן: „איר זייט נישט די איינציקע, וואָס ווילן, וואָס דאַרפן אַ יידישע שול. איר זייט נישט אַליין, איר זייט נאָר קליינע פייערלעך פון אַ גרויסן פלאַם. עס זענען דאָ נאָך פיל". „ווער זענען זיי די פילן?" — האָבן מיר געפרעגט. „די קעמפנדיקע יידישע אַרבעטער" — האָט ער אונדז געזאָגט — און אַלע מיט זיי וואָס שטרעבן צו אַ נייעם ווירדיקן לעבן פון פאָלק. און אומבאַוווּסט זענען מיט זיי נאָך טויזנטער און טויזנטער. איר זייט דאָ נאָר געציילטע יידישע סטודענטן, וואָס לערנען ביי פעסטאַלאָצי, אָבער דאָרטן אין דעם יידישן תחום, זענען דאָ אַ סך". מיר האָבן אים געהערט און באַקומען כח. ער איז געווען וולאַדימיר מעדעם.

דער זאַל איז אַזוי ווי געפּאַנגען דורך דער אין שוואַרצן געקליידטער, שלאַנ־קער, גוטמוטיקער, בלוי־אויגיקער פרוי, וואָס שטייט אויף דער טריבונע.

— איצטער האָבן מיר די קינדער אין די טויזנטער. עס דאַרפן זיין נאָך צענדליקער טויזנטער. אָרעמע יידישע קינדער!... איך קען די ווילנער אָרעמקייט און די ווילנער יידישע קינדער. וועגן זיי האָט ביאַליק געזונגען זיין „משהלעך, שלמהלעך". זיי זענען פעיק, זיי האָבן אַ באַזונדער שאַרפע אינטעליגענץ. הזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה. זיי האָבן פול געמאַכט די הייזער פון אונדזערע שולן. אַ חלום ווערט מקוים. עס איז אַ חלום פון אַ דור. איצט שטייט די פראַגע — וואָס זאָלן מיר טאָן מיט זיי? וואָס און ווי אַזוי זאָלן מיר זיי לערנען? ווי זאָלן מיר זיי דערציִען? מיר האָבן נישט קיין פּראָגראַמען, קיין רעצעפּטן, מיר האָבן נאָך נישט אונדזער פּעדאַגאָגיק, אונדזער מעטאָדיק. מיר זוכן? אַוודאי דאַרפן מיר זוכן. מיר בלאָנדזשען? אַוודאי מוז מען, ליידער, בלאָנדזשען. עס זוכט אַ וועלט, עס בלאָנדזשעט אַ וועלט. ווער האָט דאָס דעם אמת אין קעשענע?...

ציט זי אויס אירע הענט צום גאַנצן זאַל, צו אַלע דעלעגאַטן:

— לאָמיר גיין צוזאַמען, בלאָנדזשען צוזאַמען, זוכן צוזאַמען, אַרבעטן צוזאַ־מען, און — אין דער אַרבעט וועלן מיר געפינען דאָס וויכטיקסטע — די נשמה פון קינד און אים ליב באַקומען, און אין זיך געפינען דרך־ארץ פאַר אים.

זי קומט צוריק צום אָנהייב:

— ווען איך בין אין די פאַרנאַכטן געפאָרן אויף אַ שיפל אויף דער זשע־נעווער אָזערע, האָב איך געזען נאָר די סילועטן פון אַ חלום; איצט זע איך אין זאַל טויזנט לערער, טויזנט חברים און חברטעס, איך זע טויזנטער קינדער אין אונ־דזערע שולן. פרץ, דו האָסט געשריבן וועגן חלומות וואָס ווערן נישט מקוים. קום אַרויס פון דיין קבר און זע, ווי חלומות ווערן יאָ מקוים!... לאָמיר אַלץ טאָן, זיי זאָלן ווערן וואָר! אַלע צוזאַמען!

זי האָט געענדיקט. אַרומגעקוקט זיך מיט אַ שמייכל, אויף ביידע זייטן, רעכטס און לינקס, און צוגעגעבן גוטמוטיק:

— גענוג גערעדט...

אסתר, ווי קומט דאָס צו דיר, שטילע, באַשיידענע לערערין? — ווי קומט דאָס, אַז דו זאָלסט זיך אַ הייב־טאָן פון דיין אָרט און זיך לאָזן צו דער טריבונע, ווי פייל אויסן בויגן, אַרויפלויפן די פּאָר טרעפּלעך, אַרומנעמען ראָזאַ סימכאָוויטשן און איר טאָן אַ קוש?...

ראָזאַ סימכאָוויטש האָט איר געגלעט איבערן קאָפּ.

אין זאַל איז אַ טומל פון התלהבות. דער פּאַרזיצער קלינגט מיטן גלאָק. אין דער רגע קומען אַרויף אויף דער גרויסער טריבונע דער כאָר פון די וואַר־שעווער שולן, יינגלעך און מיידלעך. אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע, מיט פּאַר־ביקע סטענגעס ביי די מיידלעך אין די האָר, פיל פון זיי אין ווייסע קליידלעך.

— קליינע חסידימלעך... — זאָגט אסתר וועגן די יינגלעך אין כאָר.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט. אַ מיטליאָריקער מענטש, דער דיריגענט שניאור, וועגן וועמען מען ווייסט איבערן לאַנד, מיט שוואַרצע פּאַטליעס האָר פוןביידע זייטן קאָפּ, האָט מיט זיין שטעקעלע אין דער אויסגעצויגענער האַנט באַהערשט דעם גרויסן כאָר.

דער כאָר הייבט אָן. די מעלאָדיע פון קלאַוויר שווימט אַרויס ווי אויף אַ זעגל־שיף. מען הערט די ערשטע טענער. די ערשטע ווערטער. אַלע שולן, אַלע לערער קענען דאָס ליד. עס איז אַ ליד פון האָפענונג:

—„האָף און גלויב...“

קומט מען צום שלוס פון דער ערשטער זיצונג פון ערשטן לערער־צוזאַמענ־פאָר. דער גרייז־גרויער פּאַרזיצער, חבר בייניש, קלינגט מיטן גלאָק. זאָל זיין שטיל. ער זאָגט די לעצטע ווערטער:

— עס איז נעילה. אין אַלעמענס הערצער שלאָגט איצט די פרייד. אין אַלע־מענס מוחות לייכטן געדאַנקען. נישט אַלעמענס געדאַנקען זענען די זעלבע, אָבער דער ווילן איז איינער ביי אַלעמען. מיר ווילן, אַז אונדזער שול זאָל לעבן, זי זאָל קענען דערציען נייע מענטשן און נייע יידן.

ער הייבט אויף זיינע הענט איבער זיין קאָפּ, וואָס זענען בשעת־מעשה לענ־גער געוואָרן, לענגער ווי זייערע געזעענע שפּיצן, רעדט ער מיט פּאַרמאַכטע אויגן, עס רעדן כל עצמותיו:

— חברים און חברטעס! עס טראָגן זיך גרויסע סאָציאַלע שטורעמס. זיי האָבן פאַרטראָגן אויף אונדזער פעלד די קערנער פון אַ נייער שול, אַ שול אַ יידישע, אַ שול פון אַרבעט, אַ שול אויף יידיש. די קערנער האָבן זיך שוין טיף איינגעאַקערט אין אונדזער באַוווסטזיין. די אידייע איז צייטיק, דער געדאַנק איז פולקאָם רייף. עס איז איצט אַ גרויסע שעה... איך דערקלער די ערשטע זיצונג פאַר געשלאָסן.

## צווייטער קאַפּיטל

# אין פאַבריק פון לערער

באָך די פייערלעכקייטן איז דער שול־צוזאַמענפאָר איינגע־טיילט געוואָרן אין באַזונדערע אַרבעט־סעקציעס, וואָס האָבן געהאַלטן זייערע זיצונגען אין קלאַס־צימערן פון ייִדישע שולן אין פאַרשיידענע ייִדישע גאַסן — דזשיקע, קאַרמע־ליצקע, מוראַנאָוו, נאָוואָליפּקע, דלוגע, טוואַרדע, מילע.

וואָס זאָל זיין די פּראָגראַם פון דער שול? ווי זאָל מען לערנען געשיכטע — זאָל זיין וועלט־געשיכטע געבונדן מיט ייִדישער געשיכטע? צי זאָל מען אָנהייבן פון ווייטן אַמאָל און דערגיין צום היינט, אָדער זאָל מען אָנהייבן פון היינט און אים פאַרבינדן מיטן אַמאָל?

ווי זאָל מען איינשטעלן פּאַסיקע טערמינאָלאָגיע פאַר פאַרשיידענע קעגנ־שטאַנדן? ווי זאָל אָנגעווענדט ווערן האַנט־אַרבעט אין שול סיי אַלס קעגנשטאַנד און סיי אַלס מעטאָד? וואָס זאָל זיין די פּראָגראַם פון ייִדיש־לימוד? וואָס פאַרא פּלאַץ דאַרף פאַרנעמען העברעיש? וואָס פאַרא ראָל דאַרף שפּילן דעמאָגראַפיע?

— און ארץ־ישראל? — דאָס איז פיל מער ווי אַ פּונקט אויף דער וועלט־מאַפּע, נאָר לעבט שוין דריי טויזנט יאָר אין ייִדישן געמיט, אין דער פאָלקס־נשמה, אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. פאַרן חורבן בית־המקדש האָבן ייִדן געוווינט אין ארץ־ישראל און אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר גלות האָט ארץ־ישראל גע־וווינט אין ייִדישן האַרץ... — דאַרף זיין אָדער דאַרף נישט זיין אַ באַזונדער קעגנשטאַנד ארץ־ישראל?

פאַרשול־סיסטעם, זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין שול, די עלטערן־אָרגאַניזאַציע און אירע אויפגאַבן...

וועגן דעם אַלעמען רעדט מען אויף די סעקציעס. אויף די אַלגעמיינע עפנט־לעכע זיצונגען האָבן מערסטנס גערעדט די רעדנער, די פּאָליטיקער; דאָ רעדן די לערער, די מייסטערס אין די פּעדאַגאָגישע וואַרשטאַטן.

אויף דער זיצונג פון דער סאָציאַלער סעקציע דערציילט דבורה שאַבאַד

וועגן דער שול־אַרבעט אין מאַלאַכאָווקע, הינטער מאָסקווע, ווו זי איז געווען אַ לערערין.

— דער יסוד פון מאַלאַכאָווקע איז געווען — זאָגט דבורה שאַבאַד — קאָ־לעקטיוויזם אין אַרבעט, פרייע שעפערישקייט פון קינד דעם יחיד און פון דער מאַסע קינדער — פון קאָלעקטיוו.

אויף דער סאָציאַלער סעקציע זענען זעכציק־זיבעציק לערער. די ווערטער „מאָסקווע", „מאַלאַכאָווקע", „קאָלעקטיוויזם" פאַלן מיט אַ הויכן אָפּקלאַנג. דאָרט אין רוסלאַנד שאַפט זיך אַ נײַ לעבן, אַ נײַע שול.

— דאָס זענען מאָסקווער מעשהלעך — זאָגט אָבער דער דאָרער, אײַנגע־בויגענער, קורצזיכטיקער ווילנער לערער גאָלדשמידט, דער „אינטערנאַציאָנאַ־לער קבצן", ווי מען האָט אים גערופן — קאָלעקטיוויזם, פרייע שעפערישקייט פון יחיד און פון מאַסע קענען נישט געדייען אונטער דיקטאַטור, אַ פויגל פליט נישט אין אַ שטײַג, אין זאַמדיקן ערד וואַקסט נישט קיין קאָרן. די שול איז אַ טייל פון לעבן. רוסלאַנד איז אַ קאַזאַרמע. אין אַ קאַזאַרמע קענען זײַן נאָר דיס־ציפּלינירטע סאָלדאַטן און געהאַרכזאַמע פעלדפעבלס. נישט לערער זענען דאָרטן, נאָר פעלדפעבלס!...

זײַנע פענסנע־ברילן האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון זײַן נאָז און ער איז גע־שטאַנען און געקוקט אויפן עולם מיט זײַנע שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן און כמעט גאָרנישט געזען.

— איך בין נישט געווען אין מאַלאַכאָווקע קיין פעלדפעבל, נאָר אַ לערערין... — זאָגט דבורה שאַבאַד.

— זײַט איר דאָך אַוועק פון דאָרטן.

אין אַן אַנדער צימער אַרבעט די געשיכטע־סעקציע.

— גייט דען אין אויסלערנען די קינדער אַזויפיל און אַזויפיל געשיכטלעכע נעמען און אַזוי פיל און אַזוי פיל דאַטעס? — ניין, עס גייט אין אײַנפלוס, וואָס די קינדער טראָגן אַרויס פון שעה לימוד, און די געפילן און געדאַנקען, וואָס עס ווערן בײַ זיי אויפגעוועקט. זאָלן זיי שפּעטער גיין אַליין לייענען, לערנען, שטו־דירן. מיר דאַרפן נאָר אויפוועקן דעם אינטערעס, דעם פאַרלאַנג... — אַזוי רעדט דער לערער מירער פון ראַוונע, אַ געוועזענער ווילנער אינסטיטוטשיק. — אָט לערן איך מיט די קינדער וועגן דער באַלאַגערונג פון ירושלים, וועגן הונגער אין ירושלים, מענטשן עסן מייז. איך דערצייל וועגן דער גבורה פון די באַלאַ־גערטע, איז דעמאָלט אין קלאַס אַ וווּנדערלעכע שטילקייט. דערצייל איך אַמאָל וועגן געהיימען אונטערערדישן דורכגאַנג צו אַ פּאַלאַץ פון דער ליטווישער די־נאַסטיע, דורך וועלכן מען האָט געזוכט אַ קדוש, דעם יורבורגער רב...

— לערנט איר אויך די באַלאַגערונג פון ספּאַרטאַ, — צי נאָר די באַלאַ־גערונג פון ירושלים? — פרעגט טראַציק אַ לערער פון לאָדזש.

אין אַן אַנדער צימער אַרבעט די מאַטעמאַטיק־סעקציע.

— נעמט נישט ענין רעכענען אַזוי אײַנפאַך — זאָגט דער לערער יונה מאַ־

שעוויצקי — צוויי און צוויי איז פיר; פיר אָן צוויי איז צוויי... גוט, איר ווייסט, אַז עס איז אַזוי. אָבער פון וואַנען זאָלן עס וויסן די קינדער? איר וועט זיי אָנזאָגן? זיי וועלן אייך גלויבן?... דאָס מוז זיין פאַר זיי אַ שכל, וואָס זיי דערפינדן אַליין. זיי זענען אַליין צו אים דערגאַנגען. דאָס ווערט פאַר זיי פאַרבונדן מיט דער פרייד פון אַנטדעקונג.

יונה האָט אַ היוכן למדנישן שטערן. זיין נאָז איז אַ שאַרפער, זיין קליידונג איז זייער ציכטיק און פּינקטלעך, זיינע ווערטער זענען קורץ, שאַרף. ער רעדט אַזוי ווי עס האָט גערעדט זיין טאַטע שמואל דער שוחט, וואָס איז געווען אין זיינע יונגערע יאָרן אַ גמרא־מלמד. יונה האָט געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע אין גראָדנע, געמאַכט מאַטעמאַטישע קורסן אין לייפּציק, געגרייט זיך צו זיין אַ מאַטעמאַטיקער, — ווען נישט די מילחמה, — גיט ער איצט איבער זיינע דער־פאַרונגען ביים לערנען רעכענען יונגע קינדער.

— פייערדיקע קעפּ האָבן זיי אונדזערע קינדער, די ציפערן ברענען אין זייערע מוחות, זיי מאַכן פלינק גרויסע חשבונות „אויפן קאָפּ“.

אין אַן אַנדער צימער רעדט מען וועגן האַנט־אַרבעט און מאָלעריי.

— דערציילסט די קינדער אַ בילדלעכע מעשהלע, אָדער ביסט געווען מיט די קינדער אויף אַ שפּאַציר אין אַ גאָרטן, און דו גיסט זיי בלייפעדערס, פּאַפּיר — רעדט די לערערין און מאָלערין עדזשע ליפּמאַן — און די קינדער הייבן אָן צו מאָלן, מאַכן שטריכן, געשטאַלטן, נעמט דאָס נישט אויף ווי נאַרישע שמי־רעריי, קוקט זיך צו גוט, גרינטלעך, ביז איר וועט אָנהייבן זען די קינדערשע אויגן, איר וועט דערזען איינפאַלן, פאַנטאַזיע, כאַראַקטער...

ווי קומט זי, עדזשע, אין דער שול אַריין? — זי איז שוין אַ באַקאַנטע קונסט־מאָלערין און אַוועק גאָר אַרבעטן אין אַ ביאַליסטאָקער שול. עס האָט איר אַ צי געטאָן. זי שטאַמט פון אַ באַלעבאַטיש־חסידישער הויז און איר מאַמע האָט זיך גאָר אַמאָל פאַרליבט אין אַ באַרימטן פּוילישן אַדוואָקאַט. אירע ברידער גייען אין קאַפּאָטעס מיט גאַרטלען און אירע שוועסטער רעדן נאָר פּויליש און חלומען וועגן ליבעס מיט שקצים, סטודענטן. זי, עדזשע, איז גאָר אַן אַנדערע. זי איז אַ ברען און איר פייער איז אַריינגעגעבן אין די פאַרבן, מיט וועלכע זי מאָלט אויס ביימער ביי דער ווייסל, קאַזשמערזשער שלאָס, ייִדישע ווייבער ביי תשליך... — ווי קומט זי אין דער ייִדישער שול? — „די פּנימער פון די אָרעמע ייִדישע קינדער האָבן מיך אַריינגעשלעפּט“. זי מאָלט זיי.

אסתר קוקט אויף עדזשען, מיט וועמען זי האָט זיך צונויפגעחברט אין דער פּרץ־שול, און הערט נייגעריק אירע רייד. „איך בין נישט קיין מאָלערין, אָבער איך פאַרשטיי עדזשען“. איר פּנים זאָגט צו עדזשען: „רעד נאָך, עדזשע, נאָך“. אסתר קוקט אויף עדזשעס דיקע, זאַפטיקע ליפּן און זי דערמאָנט זיך וואָס זי האָט איר אַמאָל געזאָגט: „איך קען מאָלן נאָר ווען איך בין פאַרליבט. מיינע ליבעס זענען אָבער קורצע. עס ווערט מיר לאַנגווייליק“.

— מיר האָבן דאָ אַן אויסשטעלונג פון קינדער־מאָלערייען — זאָגט עדזשע

ווייטער — איר מוזט גיין און זי לערנען, גיין פון בילד צו בילד, פון וואַנט צו וואַנט, פון צימער צו צימער. דער מח קען פלאַצן פון די בליצן, פון די פאַנטאַ־זיעס פון די קינדער, פון זייער פאַרבן־חכמה...

שטעלט זיך אויף די לערערין חוה פון פינסק, אַ פרום־גלייביק מיידל, וואָס שטאַמט פון אָרימע עלטערן; וועמענס מאַמע פאַרקויפט גרינוואַרג אויפן מאַרק און וועמענס טאַטע איז אַ וואַסער־פירער. מעשה נסים האָט זי געהאַט געענדיקט אַ רוסישע פאָלקסשול, זי האָט איינגעבוירענע פעדאַגאָגישע פעיִקייטן, האָט אומ־געהייער ליב די קינדער, בשעת מילחמה איז זי געוואָרן אַ דערציִערין אין אַ קינדערהיים פון קינדער „ביעזשענצעס״, — זאָגט זי אַזוי:

— דאַרף מען דאָך פריִער אַליין קענען מאָלן, דאַרף מען דאָך אַליין זיין אַ מאָלער אַ קינסטלער אַזוי ווי איר, חברטע עדזשע, וואָסזשע זאָל איך טאָן?

— זיך לערנען! — איז דער ענטפער — איר וועט זיך אויסלערנען.

— גרינג צו זאָגן...

אַרבעטן די סעקציעס אין זייערע צימערן. מען לערנט אומעטום פעדאַגאָ־גישע תורה. — אַ פאַבריק פון לערער...

— ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן — שמועסט מען צווישן זיך אין דער שטיל — ווען עס איז דאָ מיט וואָס צו הייצן די קלאַסן. ווי איז אָבער, אַז מען דאַרף אָנטאָן דעם מאַנטל, און אַזוי אויך די קינדער, מען זאָל קאָנען זיצן אין קלאַס?...

אַז די סעקציע־זיצונגען האָבן זיך פאַרענדיקט, מען האָט זיך אָפּגערוט, עפּעס געגעסן, געטרונקען און ס'איז געקומען אָוונט, האָט מען זיך משמח געווען אויף פאַרשיידענע שטייגערס. ווער עס איז אַוועק אין טעאַטער, ווער צו פריינט, צו קרובים, ווער אין גאָרטן, אין די אַלייען, ווער עס איז געבליבן אין שול, ווו מען איז איינקוואַטירט און פאַרבראַכט בחברותא, געזונגען, געטרונקען משקה, געזעסן אויף די טרעפּ, אָדער אין די טונקעלע קלאַס־צימערן מיט אַ חברטע, מיט אַ חבר. ערשט דאָ אין וואַרשע זיך באַקענט, און געשטיפט, זיך אַרומגענומען, געהאַלדזט, געקושט. עס קומט אַ חלק אויך דעם מלאך פון אהבה.

אסתּרס געמיט איז אָנגעלאָדן. עס איז איר נישט גרינגער געוואָרן, נאָר שווערער. די פּרץ־שול ליגט שוין, אין אַ גרויסער מאָס, אויף איר. זי גייט פון סעקציע צו סעקציע, זי הערט, זי שלינגט די רייד, און זי דערפילט אַלץ מער און מער:

— איך ווייס אַליין אַזוי ווייניק...

— און מען דאַרף קענען אַזוי פיל...

זי מוז רעדן מיט איין מענטשן — מיט ראָזאַ סימכאָוויטש.

— איך פיל, אַז איך קען מער נישט גיין צוריק אין קלאַס.

— פאַרוואָס?

— איך ווייס גאָרנישט, איך קען גאָרנישט.

— אויב דאָס האָט אויפגעטאָן דער צוזאַמענפאָר, האָבן מיר שלעכט אויפ־

געטאָן — זאָגט צו איר סימכאָוויטש — איר האָט זיך דערשראָקן פאַר די הויכע רעדעס. זאָגט מיר, מעג איך וויסן וואָס איז אייער בילדונג?

— אַ רוסישע גימנאַזיע.

— וואָס נאָך?

— פינף יאָר פּרץ־שול.

— וואָס נאָך?

— די לערער־קורסן פון מאיר צפת?

— געהערט פון אים — זאָגט ראָזאַ סימכאָוויטש — וועל איך אייך פרעגן נאָך עפּעס: — ווילט איר זיין אַ לערערין? ווילט איר שטאַרק?

— דאָס איינציקע, וואָס איך וויל.

— האָט איר ליב די קינדער?

— מיין איינציקע ליבע.

לייגט אַרויף ראָזאַ איר האַנט אויף אסתרס אַקסל, ציט איר צו ווי אַ שוועסטער:

— דאָס איז גענוג. דאָס איז דער פונדאַמענט. דאָס איז וויכטיקער ווי אַלע געלערנטקייטן. זיי וועלן שוין אויך קומען. וואָס מען לערנט מער, ווייסט מען אַלץ מער ווי ווייניק מען קען. איר האָט גוט געענדיקט די גימנאַזיע?

— נישקשה.

— וואָס הייסט דאָס?

— מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

— זייט איר אַ גבירישע טאָכטער?

— אַ באַלמעלאָכעס אַ קינד.

— ווי אַזוי האָט איר באַקומען דעם מעדאַל?

— זיך פלייסיק געלערנט, מסתמא דערפאַר.

— איז גוט, איז גוט... — האָט ראָזאַ צו איר גערעדט מיט איר גאַנצער פריינטלעכקייט — איר וועט זיין אַ גוטע לערערין. איר מוזט שוין זיין אַ גוטע. איר לערנט דאָך שוין פינף יאָר אין איינער פון אונדזערע בעסטע שולן — די פּרץ־שול אין ביאַליסטאָק. עס געפעלט מיר אייער אומרויִקייט. דאָס איז גוט. עס איז אחריות־געפיל.

פאַלט עפּעס איין סימכאָוויטשן:

— איר ווילט נאָך לערנען? — דאָס איז פיין. פאַרשרייבט זיך אויף קורסן אין ווילנער אוניווערסיטעט, פאַרשרייבט זיך אויף נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און מאַטעמאַטישע קורסן. איר דאַרפט נישט צוליב דעם פאַרלאָזן אייער שטאָט. איר וועט נאָר קומען אַ פּאָר מאָל אין יאָר צו די עקזאַמענעס. האָט איר חשק?

אסתר איז איצט גרייט צו אַלץ וואָס ראָזאַ סימכאָוויטש וועט איר הייסן.

— איר וועט זיך אויך אַריינכאַפּן צו אונדז אין די שולן, אויף די לערער־קורסן... איר וועט צו מיר איבערשיקן אייער גימנאַזיע־אַטעסטאַט. איך וועל אייך

שוין איינאָרדענען אין אוניווערסיטעט. מען וועט איך אויפנעמען. אַז איר וועט קומען אין ווילנע, וועט איר זיין ביי מיר.

זי האָט אַרומגענומען אסתרן און געזאָגט צו איר אויף „דו“:

— גלייב אין זיך...

הייבט אויף אסתר איר קאָפּ, קוקט גלייך ראָזאַן אין די אויגן און פרעגט ביי איר מיט אַ שאַרפקייט:

— גלייבט איר אין מיר?...

זאָגט איר ראָזאַ ווי צו אַ גלייכער:

— אונדזער שול דאַרף אַזעלכע ווי דו.

ווערט אסתרן גרינגער אויפן האַרצן און זי זאָגט צו סימכאָוויטשן:

— איך דאַרף זי זייער, די שול. זאָגט עס צו מיר נאָכאַמאָל. זאָגט מיר „דו“.

גלעט איר ראָזאַ איבערן קאָפּ און זאָגט צו איר:

— ביסט אַ גרויס קינד.

## דריטער קאַפּיטל

# לײַז, לײַז, זאָל אויף דיר די ברכה זײַן

דער פּאַרזיצער, דער גרייז־גרויער בייניש, שליסט דעם צוזאַמענפאָר אין סוף פון פינפטן טאָג:

— אין לאַנד שטאַרקט זיך די רעאַקציע. די לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג ווערט אַלץ שווערער. פּולקאָווניקעס, פּריצים, גלחים און קאַפּיטאַליסטן מאַכן יד־אחת. מען טאָר אָבער נישט ווערן פאַרצווייפלט. עס מוז בעסער ווערן. דאָס פאָלק מוז עפענען זײַנע אויגן און דערזען ליכט...

זײַנע בלויע אויגן האָבן זיך פאַררוקט הינטער זײַנע ברילן, זײַן געדאַנק, זײַן דמיון איז אַרײַן טיפער אין אים, ווען ער באַלד אַרויסקומען פון טיפן נשמה־ברונעם, אָנגעטאָן אין אַ בגד פון פשטות:

— מיר אַרבעטן דאָך נישט נאָר פאַר אַ נייער שול, מיר קעמפן דאָך פאַר אַ גאַנץ ניי לעבן. מיר וועלן צום סוף אַרויסקומען מיט נצחון. דעמאָלט וועלן קומען די לערער מיט זייערע קינדער און וועלן זאָגן: „נאַט אײַך אַ נייעם דור פאַר אַ נייער וועלט, וואָס איז אויסגעקעמפט“.

דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר איז געשלאָסן.

מען איז צערודערט. שוין געענדיקט? מען וואָלט וועלן אײַנהאַלטן די פינף גרויסע, וווּנדערלעכע טעג. צוריקפאָרן אין די שטעטלעך? צוריק אײַנצלנע לערער, אײַנצלנע, באַזונדערע גרופּן, גרופּקעס?

מען איז פינף טעג אַוועק פון זאָרגן, פון שווערע מאַטעריעלע לאַגעס, אַוועק פון די אָרעמע שטעט און שטעטלעך, ווו דער קלויסטער און די צײַטונג סמען מיט אַנטיסעמיטיזם, אַוועק פון די אָפּקלאַנגען, פון די געשרייען: „קויפט נישט בײַ ייִדן!“, „גייט קיין פּאַלעסטינע!“. אין זאַל טראָגן זיך נאָך די עכאָס פון די פינף וווּנדערלעכע בראשית־טעג. עס איז פאַרנאַכט. די זומערדיקע זון פאַרגייט מיט אַלע גאָלדענע צויבערלעכקייטן פון פּוילישן מיטן זומער און קוקט אַרײַן דורך די פענצטער, דורכן באַלקאָן: דרויסן, די מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, איז גרויס,

איז פּויליש און פרעמד. די היסטאָרישע, פינף־טאָגיקע ליכט־שפּיל איז אויסגע־לאָשן. מען דאַרף גיין אין די אכסניהס פּאַקן די פּעקלעך, נעמען באַנען — ווען דאָס וואָלט זיך געקענט ציִען אָן אַ סוף!...

אסתּר איז אַרויס אַליין פון טעאַטער „אַפּאָלאָ". איר שוואַרצער צאָפּ אַראָפּ־געלאָזן אויף דער פּלייצע. איר קאָפּ פאַרטראַכט און איינגעבויגן צו דער ערד. זי האָט געקוקט אויףביידע זייטן — וווּהין דאַרף זי גיין?...

זי האָט דערשפּירט אַ האַנט אויף איר אַקסל. זי האָט דערהערט אַ שטימע. דאָס איז געווען ראָזאַ סימכאָוויטש.

— גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן — זאָגט ראָזאַ — עטלעכע לערער פאָרן אַרויס מאָרגן פרי אויף דער זומער־קאָלאָניע פון וואַרשעווער שולן. ווילט איר מיט אונדז מיטפאָרן?

— געוויס... — האָט אסתּר געענטפערט, זי וואָלט געגאַנגען אומעטום, ווו סימכאָוויטש וואָלט איר גערופן.

— איר האָט דאָך געהאַט אייער פּרץ־וואַלד־שול. מיר האָבן געהערט וועגן דעם. גיט אַ קוק וואָס עס טוען די וואַרשעווער... — האָט סימכאָוויטש ווייטער געזאָגט. מיר וועלן אַרויספאָרן גאַנץ פרי. מיר וועלן זיך טרעפן זעקס אַ זייגער אין דער שול אויף דזשיקע גאַס.

זיי זענען ביידע געגאַנגען צופוס פון מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, דורכן זאַקסישן גאָרטן, צו די ייִדישע גאַסן. עס איז געווען פאַרנאַכט אין גאָרטן, אַ סך שפּאַצירנדיקע.

— דאָס איז געווען די אַליע פון פּרצן... דאָ אויף די בענק האָבן געוואַרט אויף אים זיינע תּלמידים, פאַרערער... — דערציילט ראָזאַ סימכאָוויטש.

— לאָמיר זיך דאָ צוזעצן אַ ווײַלע... — לייגט פאָר אסתּר.

דערציילט סימכאָוויטש:

— איך דערמאָן זיך די צייט, ווען איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע שריט אין לעבן. צו זעכצן יאָר האָט פּאָליציי מיך אַרעסטירט ביי מיין טאַטן אין הויז, אין סלוצק. ער האָט געהייסן ר' שמואלקע סלוצקער. ער האָט מיך אַרויסגע־שלעפּט פון טורמע מיטן תּנאי איך זאָל אַרויספאָרן ווייט. איך בין אַוועק קיין אויסלאַנד, דאָרט געלערנט, שטודירט, געחלומט צו ווערן אַ לערערין. ווו לערנען? מיט וועמען לערנען? — אַ שול פאַר ייִדישע קינדער איז פאַר אונדז דאָרט געווען אַ זייער נעפּלהאַפטע זאַך. אין וואָס פאַר אַן אַנדער לאַגע איר זייט איצט — אַ נייע שול שטייט פאַר אייך אָפן. עס זענען אויסגעוואַקסן צוויי הונדערט נייע שולן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, צוואַנציק טויזנט קינדער...

— איך וויל אייך עפּעס זאָגן, אויב איך מעג... — איז אסתּר אומזיכער.

— אַוודאי מעגסטו...

— ווען עס איז בלויז אַ חלום, איז עס טאַקע זייער ווייט, אָבער אין דער זעלבער צייט גרינג, חלום, חלום. קענסט זיך אויסחלומען פאַר אַ גוטע לערערין. אָבער ווען עס איז וואָר, דאַרפסטו אַריינקומען אין אַ ממשותדיקן, לעבעדיקן קלאַס מיט לעבעדיקע פערציק קינדער, ווען דו דאַרפסט מיטטראָגן די אחריות

פון אַ שול מיט דריי הונדערט קינדער, דריי הונדערט קינדערשע וועלטן, און עס איז נאָך אַזאַ גרויסן צוזאַמענפאַר — איז שווער, זייער שווער...

— אסתר, דו האָסט עפּעס געזאָגט. עס וועט דיר גרינגער ווערן. שווער איז אונדז אַלעמען. מיר איז אויך זייער שווער. עס וועט גרינגער ווערן. מיר איז נאָך שווערער, ווייל דו, אסתר, און אַנדערע ווי דו, דערוואַרטן פון מיר צופיל.

מאָרגן פרי איז מען געווען אין וועלדל פון מיכאַלין, הינטער וואַרשע. די רייזע מיט דער „קאַלייקע" איז געווען אַ קורצע. פאַרבייגעפאָרן וועלדלעך, בערג־לעך, דאַטשעס מיט לאַנגע ווערענדעס און אַריינגעקומען אין דער „קינדער־קאָלאָניע" פון דער געזעלשאַפט „אונדזערע קינדער". גראָד איז עס געווען די שעה ווען די קינדער זענען אַרויסגעקומען אויפן וואַלד־הויף, זיי וואַשן זיך ביי די ברונעמער.

— וואָס ביסטו אַזוי צערודערט? — פרעגט ראָזאַ סימכאָוויטש אסתרן.

— איך דערמאָן זיך אונדזער וואַלד־שול, אַקוראַט...

אַלע קינדער, צוזאַמען מיט אַ לערער, האָבן געגעסן פרישטיק, אונטערן אָפענעם הימל. נאָך פרישטיק האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט די קינ־דער און זייערע לערער אין וואַלד־הויף. מען איז געוואָרן היימיש מיט די לערער־געסט.

מען האָט אָנגעהויבן שפּילן צוזאַמען.

אסתרן איז געוואָרן פריילעכער. זי האָט באַלד געהאַט אַרום זיך אַ קרייז קינדער.

— ווילט איר איך זאָל אייך אויסלערנען אַ שפּיל, וואָס איך קען?...

אַ קשיא צו זיי ווילן — אַוודאי ווילן זיי.

— אַ קרייז אין אַ קרייז.

אסתר האָט אָנגעהויבן איינעם פון די שפּילן פון פּרץ־וואַלד־שול, אויף וואָס זי איז געווען אַ בריה. זי האָט פאַרשאַרט די אַרבל, די הענט נאַקעטע, די האָר פאַלן איר באַלד פון ביידע זייטן פּנים. זי ווערט יינגער, שטיפעריש. די קינדער איז געווען טשיקאַווע: „זי רעדט ליטוויש". אירע אויגן זענען גרויסע און שמייכלען גוט. דער פּנים — כולו־טוב. די קינדער איז עס געפעלן געוואָרן.

— קרייז אין קרייז...

עס זענען געוואָרן דריי קרייזן, קרייז אַרום קרייז — אַ גרויסער, אַ קלע־נערער, אַ קליינער.

— לאָזן מיר זיך רעכטס, לאָזן מיר זיך לינקס, ערשטער קרייז — רעכטס, צווייטער קרייז — לינקס, דריטער קרייז — רעכטס...

קלינגט אסתרס שטימע:

— ציילן מיר אַלע צוזאַמען, — איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... אַלע צו־זאַמען פּאַטשן מיר מיט די הענט — איינס, צוויי, דריי. הייבן מיר איצט אַלע צוזאַמען די הענט אין דער הויך, לאָזן מיר אַראָפּ די הענט, כאַפּן זיך אַלע אָן ביי די הענט, האַלטן זיך פעסט, נו, און איצט — איינס, צוויי, דריי, אין קרייז

רעכטס; וואַרט דער צווייטער, איצט — דער צווייטער לינקס; וואַרט דער דריטער, איצט דער דריטער, אַלע קרייזן גייען, אַלע קרייזן קרייזלען זיך.

— גיכער! שנעלער! שנעלער!

— און איצט צוריק!

— ווידער צוריק!

— פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, לאַנגזאַמער. שטיל, שטילער. איצט לאָזן מיר זיך אַראָפּ אויף דער ערד.

— מיר רוען. שאַ שטיל.

— און איצט נאָכאַמאָל דאָס זעלבע! בעסער! רויִקער!

אסתר איז שוין איינס פון די קינדער. זי איז אַריין אין איר סטיכיע. שפּיל, פרייד, דאָס פּנים איז פריש, יונג, געברויטלט, די אויגן פינקלען, צונויפגעגאָסן מיט די קרייזן.

— לאַנגזאַם, שטיל, שטילער, אַראָפּזעצן זיך. שטיל, שוויַגן!

—רו, רויִק.

אין דער רגע האָט זיך אונטערגערוקט אידאַ די לערערין פון פרץ־שול, אסתרס חברטע, מיט איר קאָנצערטינע אין האַנט. זי האָט זיך דורכגעווונקען מיט אסתרן. גוט, לאָמיר עס טאָן!...

זאָגט אסתר צו די קינדער:

— וועל איך אייך אויסלערנען אַ ליד, וואָס עס זינגען די קינדער ביי אונדז אין פרץ־שול. די לערערין אידאַ וועט פריִער דורכשפּילן. הערט זיך, קינדער, אַלע אײַך. איך וועל אײַך זאָגן די ווערטער:

ווינט, ווינט, ווו ביסטו געווען?
— כ׳בין אויפן פעלד דאָס געווען.
— ווינט, ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— בלויען לײַן האָב איך געזען.

אַזוי פרעגט מען ביים ווינט און דער ווינט ענטפערט. איין קינד וועט זיין אַ ווינט און מיר אַלע וועלן פרעגן. אָט זי, דאָס מיידעלע מיטן בלאָנדן קאָפּ, וועט זיין דער ווינט. ווילסטו? יאָ? ווי הייסטו? חיהלע? — גוט, דו וועסט זיין דער ווינט.

פרעגט אסתר מיט אַלע קינדער צוזאַמען און דער „ווינט" ענטפערט.

זאָגט אסתר מיט אַלע קינדער:

— זיפּצט אין ווינט דער בלויער לײַן, וואָס וועט פון מיר ווערן?

ענטפערט דער ווינט:

— די וועסט ווערן לײַוונט.

נאָכדעם האָט דער ווינט געזען באַבעס זיצן פאַר דעם שפּינראָד ביי דעם מאַרגנשטערן. זאָגט־זשע איצט אַלע צוזאַמען מיט מיר:

## די לערערין אסתר

דריי זיך, רעדל, דריי זיך דריי
זאָלסט פון ליין ווי ווייסער שניי,
ווייסער ליזונט ווערן...

**העכער, קינדער, קלאָרער:**

ווייסער ליזונט ווערן...

**איצט שפּילט אידאַ אויף איר קאָנצערטינאַ, אַלע קינדער שווייגן און הערן, ביז אסתר הייבט אָן צו זינגען די ערשטע און לערנט זינגען די קינדער:**

ליין, ליין ליין,
זאָל אויף דיר די ברכה זיין...

**איצטער זאָלן זינגען מיט מיר די קינדער וואָס קענען שוין אַ ביסל:**

זאָל אויף דיר די ברכה זיין...
ליין, ליין ליין,

**אַ היפּשע צאָל קינדער זינגען מיט אסתרן. זינגט מען נאָכאַמאָל און עס זינגען מיט נאָך קינדער. איצט קענען שוין אַלע קינדער. אַלע קינדער זינגען. אַלע קינדער ציִען זיך נאָך אסתרס שטימע. דאָס געזאַנג גיסט זיך צונויף אַלץ מער און מער, און אַלץ בעסער, אין איינס. עס פּאַראַייניקט די קינדער — עס ווערט אַ זמירות, עס ווערט אַ מעשה, עס ווערט טאַט, בחברותא.**

**— לאָמיר זיך איצט אַזוי שטילערהייט אויפהייבן, זיך נעמען פאַר די הענט, און זינגען שטיל, געשמאַק, נישט שרייען, אַלע גלייך, אַלע צוזאַמען:**

דריי זיך רעדל, דריי זיך דריי,
זאָל פון ליין ווי ווייסער שניי,
ווייסער ליזונט ווערן.

**און איצט אַ ביסעלע העכער, אַלע צוזאַמען, פריילעך:**

ליין, ליין, ליין,
זאָל אויף דיר די ברכה זיין...

**גוט! אַלע זינגען! עס זינגען מיט די קינדער אַלע לערער־געסט, וואָס שטייען אַרום די קינדער. אסתרס שטימע פירט דעם גרויסן כאָר. עס דוכט זיך, אַז עס זינגען שוין אויך די יונגע סאָסנע־ביימער אין וועלדל:**

ליין, ליין ליין,
זאָל אויף דיר די ברכה זיין...

**געַנוג, אָפּגעזונגען!...**

**אסתר וואַכט אויף ווי פון אַ חלום, אָדער אַ שכרות. איר פּנים איז שטאַרק**

פּאַררויטלט. די אויגן גלאַנצן. די האָר צעקרייזלט אַרום קאָפּ. די קינדער שרייען: „נאָך, נאָך אַ ליד"...

— פאַר היינט, קינדער, איז גענוג. לערנט זיך אויס דאָס ליד גוט.

ראָזאַ סימכאָוויטש איז צוגעקומען צו אסתּרן:

— עס האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. אַזעלכע ווי דו דאַרפן מיר האָבן.

אסתּרן קלאַפּט דאָס האַרץ. גליק שלאָגט אָן, די איבֿרים גיסן זיך אָן מיט כּח.

— איך קען נישט טאָן, אסתּר, מיט די קינדער, אָט דאָס וואָס דו האָסט געטאָן. דו האָסט טאַלאַנט!

גייט אָפּ ראָזאַ מיט אסתּרן אָן אַ זייט און זי רעדט אַזוי:

— מייך טאַטע האָט מורא געהאַט פאַר גאָט. האָט ער געטאָן יעדן טאָג קליינע מצוות. זאָלן די רעדנער אויפן צוזאַמענפאָר רעדן וועגן גרויסע זאַכן, אָבער מיר, די לערער, דאַרפן יעדן טאָג טאָן גוט אונדזערע קליינע, טעגלעכע אַרבעטן, לערנען מיט די קינדער אלף־בית, טאָן אָט דאָס וואָס דו האָסט איצט דאָ געטאָן:

לייַן, לייַן לייַן,
זאָל אויף דיר די ברכה זייַן...

און זי זאָגט איר אָן:

— זאָלסט מיר שיקן דיינע גימנאַזיע־פּאַפּירן פאַרן ווילנער אוניווערסיטעט.

עס ווערט אסתּרן גרינגער אויפן האַרצן. מען דאַרף פאָרן אין שטאָט אַריין און פּאַקן דעם טשעמאָדאַנטשיק.

## פערטער קאַפּיטל

# אין זעמבראָווע און אין ווילנע

זייען אַוועק חדשים אין שווערער פּאַרנומענקייט. די שולן ווערן באַלייגט מיט צרות, נויט און גזירות. עס טרעפט, אַז עס זעט אויס אסתרן, אַז אַלץ שטייט אויף הינערשע פיס. נאַטשאַלסטוואָ רעכנט זיך אָפּ פאַר די רעדעס און רעזאָ־לוציעס פון צוזאַמענפאַר. שולן ווערן געשלאָסן, ווערט מען זיך, האַלט מען מילחמה, עפנט מען זיי צוריק אונטער אַנדערע נעמען. עס איז שווערע אַרבעטלאָזיקייט אין די אָרעמע געסלעך, אויף פּיאַסקעס און כאַנאַיקעס. עס שמעקט מיט אָרעמקייט פון די קלאַסן. בלייכקייט פון הונגער ליגט אויף די פּנימער פון די קינדער. פרומע ייִדן האָבן האַרבע טענות צו די נייע שולן — מען פּירט די קינדער, רחמנא־ליצלן, צום שמד. מגידים און רבנים רעדן וועגן די און די שולן צווישן מנחה און מעריב. עס שרייבט בייז די פרומע צייטונג פון וואַרשע. אין זעמבראָווע, וואָס ליגט לעבן ביאַליסטאָק, גייט דער רב, דער חסיד־קנאי, אַריינוואַרפן די דאָרטיקע שול אין חרם. אַ דעלעגאַציע איז געקומען צוליב דעם פון שטעטל אין שטאָט אַריין.

— אויף דאָנערשטיק זענען ייִדן פון זעמבראָווע גערופן אין שול אַריין בשם הרב. באשר דער לערער נתן ראַבינאָוויטש זאָל האָבן געזאָגט די קינדער, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט... מען האָט געזען ווי דער לערער האָט געטרויכערט אַ פּאַפּיראָס אום שבת... עס זענען דאָ עדות... דער לערער איז אַוועק מיט משה דעם וויינשענקערס טאָכטער אין וואַלד, זי איז גאָר שוין אַ כלה צו איטשע־מאיר לאָמזשערס זון...

מען דערציילט אויך אין שטעטל, אין חסידישע קרייזן, אין די שטיבלעך:

— הינטער די אַראָפּגעלאָזטע פּאָרהאַנגען פון דער מיסיאָנערסקער ביבליאָטעק טוט זיך אַזוינס, וואָס קיין ייִדיש אויג זאָל עס נישט זען, די בחורים מיט די מוידן...

דער זעמבראָווער רב, ר׳ פּיווּיש ווײַלעפּאָלער, אַ קליינער, אַ נידעריקער, אַ פלאַמפייערדיקער ראַדזינער חסיד, אַ ייִד מיט אַ קליין, ברענענדיק שוואַרץ בערדל, מיט אַ גרויסן שטערן און לאַנגן נאָז, האָט דערזען בחוש, אַז אין זײַן עדה ברענט אַ העליש פייער, ייִדישע קינדער ווערן געפירט צום שמד, ייִדישע טעכטער גייען אַראָפּ פון דרך־הישר, און ער איז רב, דער פּאַסטוך פון דער עדה שאָף, מוז ער דערובער אַרויסטרייבן די סטרא אחרא. ער האָט גערופן די טאַטעס, זיי זאָלן אַרויסנעמען די קינדער פון דער אפּיקורסישער שול. וואָס קענען טאָן די טאַטעס? — אַז זיי נעמען צו די שיך ביי זייערע קינדער, לויפן זיי באָרוועסע, אַ קליפּה איז אין זיי אַרײַן.

דער רב האָט געשיקט נאָכן לערער אין בית־דין־שטיבל.

— אויב דער רב דאַרף מיך האָבן — האָט נתן דער לערער געזאָגט חוצפּהדיק דעם שמש — זאָל ער זיך מטריח זיין צו מיר אין שול.

עס איז געווען חוצפּה כלפּי שמיא, די חוצפּה פון דער נייער צייט.

ברענט זעמבראָווע. די שטאָט איז צעטיילט אויף צוויי:

די באַלמעלאָכעס און גאַרבערס זענען מיטן לערער; די גבאים, פּני און באַלעבאַטים זענען מיטן רב. ביז שטאָט האָט געהערט, אַז דער רב רופט די ייִדן אויף דאָנערשטיק אין שול אַרײַן אַרײַנצוּוואַרפן „די שקאָלע אין חרם!", דעמאָלט האָט זעמבראָווע זיך צעקאָכט ווי דער באָד־קעסל ערב שבת.

— מיר וועלן איבערדרייען די שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... אָט דעם גאַנצן קעקעלע קהל!... מען וועט זיי ווייזן... מען וועט זיי דער־ציילן אַ מעשה!... חרם אויף זייערע קעפּ!... האָבן גערעדט די יוכטאָוונע גאַר־באַרעס.

הכלל — ביאַליסטאָק מוז קומען העלפן זעמבראָווע!

פאָרויס איז געגאַנגען זלמן דער טרעגער, וועמענס גבורה עס קען די גאַנצע סביבה אַרום ביאַליסטאָק. ער קען צעטעמען מיט זיינע הענט גאַנץ זעמבראָווע אויף שפּענדלעך. עס איז געגאַנגען יאָסל דער שלאָסער, זיידל דער וועבער, פלוי־מענבוים דער ראַטמאַן, און מיט זיי — אַ מחנה טרעגער און באַלעגאָלעס. מען האָט אויך מיטגענומען אסתרן. „זאָל זי דאָרטן טאָן וואָס זי קען, רעדן צו די מאַמעס", — האָט געזאָגט זיידל דער וועבער.

עס איז געווען אַ פולער וואַגאָן מיט שליחים. מען איז אַרײַנגעקומען אין שטעטל דאָנערשטיק אָוונט, ווען דער בית־מדרש איז געווען פינצטער אָבער פול מיט ייִדן. ביים עמוד האָבן געברענט גרויסע ליכט. „קיינער זאָל גאָרנישט טאָן אַליין!"... — האָט אָנגעזאָגט פלוימענבוים דער ראַטמאַן. „קאָמאַנדע איז קאָ־מאַנדע"... — האָט זיך אונטערגעוואָרפן זלמן דער טרעגער.

די שול איז פול געווען מיט ייִדן אין קאַפּאָטעס, פול מיט בערד. אַ קליינ־קייט, — אַ חרם!... די ווייבער־שול מיט ווייבער אין שייטלעך, קאָפּ אויף קאָפּ. דער רב ר׳ פּיווּיש איז געשטאַנען ביים ארון־קודש איינגעוויקלט אין טלית. דער טלית איז געווען לענגער פון קליינעם רב. חברה איז אַרײַן אין שול אַקוראַט

ווען דער בעל־תוקע האָט געבלאָזן שופר אין האַלב־פינצטערניש. חברה טרעגער האָט זיך געוואָלט תיכף אַ לאָז טאָן צום בעל־תוקע. מען האָט אָבער זיי פאַר־האַלטן. נאָך די תקיעות שאָקלט זיך פונאַנדער דער רב און הייבט אָן מיט אַן אימהדיקן קול, צו הויך, צו שטאַרק פאַר זיין קליינעם גוף:

— איך בין גוזר בשם בית־דין, בשם התורה הקדושה, נישט צו לאָזן גיין ייִדישע קינדער אין דער טריפהנער שול. ווער אָבער עס וועט נישט פאָלגן בית־דין און וועט שיקן זיין קינד אין שול אַריין...

מער קען מען נישט אויסהאַלטן. פלוימענבוים דער ראַטמאַן האָט געטאָן אַ ווונק צו זלמן טרעגער. באַלד איז געוואָרן ליכטיק אין בית־מדרש, אָנגעצונדן מיט אַמאָל די פאָר עלעקטרישע לאָמפּן. ביים טיר זענען געשטאַנען די ביאַליס־טאָקער טרעגער, כדי קיינעם נישט אַרויסצולאָזן. אויף דער בימה האָט זיך אַרויפ־געכאַפּט דער יונגער, שוואַרץ־קאָפּיקער, שאַרפער ראַטמאַן און ער האָט גע־שריִען אין עולם אַריין:

— רב, עס איז שקר וכזב! איר מאַכט אַ בלבול אויף ייִדישע זין און טעכ־טער! ייִדן, מען מאַכט אַן עלילת־דם אויף אייערע קינדער! רב, איך בין אַ ראַדני אין דער שטאָט ביאַליסטאָק און איך מעלד אייך, אַז איר וועט זיין פאַראַנטוואָרט־לעך פאַרן סוד. אַ חרם איז פאַרבאָטן. גייט אַראָפּ פון ארון־קודש, איר זייט מחלל דעם כבוד פון ייִדישע קינדער...

— שייגעץ!... אַראָפּ!... חצוף!... דרך־ארץ פאַרן רב!...

חסידים האָבן זיך געלאָזט צו דער בימה. עס האָבן זיך נאָך זיי אַ יאָג געטאָן גאַרבער און טרעגער. מען האָט שוין נישט געקענט באַהערשן דעם המון. מען האָט געפליקט קאַפּאָטעס, געוואָרפן שטענדערס, עס זענען געפלויגן אַהין און צוריק קלעפּ, סטוסאַקעס, פעטש. מען האָט געבראַזגעט שויבן. די ווייבער אין וויי־בער־שול האָבן געוויינט, געשריִען, געקוויטשעט. דער געשלעג האָט זיך באַלד ־ויסגעטראָגן אויפן שול־הויף. ווייבער זענען געלאָפן אין בהלה אין די הייזער אַריין.

— גזלנים, האַטס רחמנות!...

— גאָטס סטראַפּטשעס!... אין די לעכער אַריין!...

איציקל חריף האָט זיך מיט אַ מחנה חסידים געלאָזט צו דער ביבליאָטעק. אויפגעריסן די טירן, געשליידערט די ביכער פון די פּאָליצעס דורך די פענצטער.

— פייער!... גיטס אַהער פייער!... פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!...

זענען דאָרט באַלד אָנגעלאָפן די אַרבעטער. סטייטש, די ביבליאָטעק!...

די ברענענדיקע ביכער האָבן אָנגעצונדן אַלע יצר־הרעס. עס זענען גע־פלויגן היטלעך, קאַפּעלושן, מען האָט זיך געוואַלגערט אויף דעם ברוק, ביז פּאָ־ליציי איז געקומען:

— זשידאָווסקאַ האַלאַסטאַ!...

— כאָלעראַ, פשאַקרעוו!...

און האָט פאַנאַנדערגעטריבן דעם עולם מיט רעוואָלווערן.

— די מילחמה האָט זיך איצט אָנגעהויבן... מיר בלייבן איבער נאַכט... מען זאָל רופן מאָרגן די שטאָט אויף אַ פאַרזאַמלונג אין זאָל פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע... מען זאָל גיין אָנזאָגן פון שטוב צו שטוב, פון וואַרשטאָט צו וואַרשטאָט. מען זאָל גיין איבער די סטראַגאַנעס אין מאַרק...

זעמבראָווע גייט כּאַדאָראָם. אַ גאַנצן טאָג קאָכט אָן אויפהער. „זייערע אייגענע קינדער שיקן זיי אין גוייִשע שקאָלעס, די אָרעמע קינדער — אין תּלמוד־תּורה"...; „אין ביאַליסטאָק, אין וואַרשע, אין ווילנע לערנען טויזנטער ייִדישע קינדער אין די ייִדישע שקאָלעס און אין זעמבראָווע וואַרפט מען זיי גאָר אין חרם".

אין אָוונט איז פול געוואָרן דער זאָל פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע. די טרעגער און גאַרבערס האָבן געהיט דעם אַריינגאַנג.

די רעדנער פון ביאַליסטאָק האָבן אויפגעפלאַמט דעם אָרעמען באַלמעלאָכישן עולם. זיי האָבן מער גערעדט וועגן דער אָרעמער דאָליע ווי וועגן דער שולע. דאָס האָט אַ נעם־געטאָן די אָרעמעלייט און באַלמעלאָכעס. די ביאַליסטאָקער בונדיסטן האָבן גערעדט קעגן די גבירים און תּקיפים. עס האָט געזידט אַ קעסל. זעמבראָווע איז צעשפּאָלטן אויף צווייען...

— זאָג עפּעס, אסתּר... — האָט ביי איר געבעטן זיידל דער וועבער.

— רעד צו די פרויען... זאָג זיי וועגן דער שול...

— דו טאָרסט נישט שווייגן...

— איך ווייס נישט וואָס...

— הייב נאָר אָן, וועסט שוין וויסן...

— קענסט דאָך רעדן צו די מאַמעס...

האָט זי אָנגעהויבן אַזוי:

— איך בין אַ לערערין... איך וויל עפּעס זאָגן צו אייך, מאַמעס, שוועסטער מיינע...

איר קול האָט געקלונגען מיט ווייכקייט און אָנגענעמען חידוש. עס איז רויִקער געוואָרן אין זאָל. שטיל, אַז מען קען הערן אַ פּיפּס. די שטילקייט גיט אסתּרן כּח. זי נעמט זיך אַריין אין זיך.

זי רעדט וועגן די אָרעמע מאַמעס און זייערע קינדער, וועגן דער פרייד פון די קינדער אין דער ייִדישער שול:

— מיר לערנען מיט די קינדער, מיר שפּילן מיט די קינדער. מיר גיבן זיי אויך עסן... אויב איר אַליין האָט נישט געלערנט, טאָ זאָלן כאָטש אייערע קינדער לערנען, זאָלן זיי אויסוואַקסן געלערנטע, גוטע מענטשן, שיינע ייִדן... זאָלן די אָרעמע קינדער האָבן כאָטש אַ ביסעלע פרייד. פאַרוואָס זאָלן די אָרעמע מאַמעס אויך נישט דערלעבן אַ ביסל נחת פון זייערע קינדער?... איך פרעג דעם רבֿ, איך פרעג די באַלעבאַטים — פאַרוואָס און פאַרוואָס?...

— אַ גאָלדן מויל...

— עס פּערלט פון איר צונג...

רעדט אסתר אַזוי:

— דאָס איז אַ פֿאָלקס־שול, דאָס הייסט — אַ שול פֿון פֿאָלק, פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. מיר זענען לערער, יונגע ייִדן, וואָס ווילן אַ בע־סער לעבן פֿאַר אונדזער אָרעמען פֿאָלק, אַ בעסערע דאָליע פֿאַר אונדזערע קינדער...

צענעמט זי, אסתר, אירעביידע הענט, שפּרייט אויס צום זאַל און רעדט ווײַטער אַזוי:

— האָבן זיי גאָר אַ בילבול געמאַכט אויף אונדז... זיי האָבן עס געטאָן נישט אויס שלעכטס, זיי זענען דאָך אויך ייִדן, נאָר צוליב אומוויסן... זיי ווייסן נישט... זיי פֿאַרשטייען נישט... ייִדישע קינדער זענען מיר!... יונגע ייִדן זענען מיר, לערער זענען מיר, אייערע שוועסטערס זענען מיר, לייב פֿון אייער לייב און בלוט פֿון אייער בלוט!...

שוין, מער קען זי נישט רעדן. גענוג!... — זי האָט זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין און — שטיל געוואָרן.

עס האָבן גערעדט נאָך איר נאָך רעדנער. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז די זעמבראָווער שול איז געראַטעוועט.

טעג און וואָכן שפּעטער האָט מען גערעדט אין דער גאַנצער סביבה וועגן חרם אין זעמבראָווע. אין די שולן האָט מען דערציילט וועגן אסתרן. לייבע דער בלעכער האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס זיין טאָכטער האָט געטאָן אין זאַל פֿון די זעמבראָווער פֿייערלעשער. אסתר אַליין האָט אָבער אין זיך געפֿילט נאָך מעשה־זעמבראָווע מער טעם אין איר לערעריי אין פּרץ־שול. זי דאַרף פֿאָלגן ראָזען און גיין לערנען אין ווילנער אוניווערסיטעט.

דאָס איז אָנגעקומען נישט שווער. אירע דאָקומענטן פֿון דער ביאַליסטאָקער רוסישער גימנאַזיע, איר גאָלדענער מעדאַל, האָבן איר צוגעהאָלפֿן. ראָזאַ סימ־כאָוויטש האָט געפּועלט און מען האָט זי אָנגענומען אויפֿן קורס פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט און מאַטעמאַטיק. ראָזאַ איז געווען גערעכט. מען קען וווינען אין ביאַ־ליסטאָק און לערנען אין ווילנע. מען דאַרף נאָר קומען פֿון מאָל צו מאָל אָפּגעבן עקזאַמענעס. אסתר איז פֿול מיט אַרבעט — אוניווערסיטעט, שול, אַרום דער שול, פֿאַרוואַלטונג, מאַטעריעלע נויטן, פֿאַדערונגען פֿון בילדונג־קוראַטאָריום, נסיעות קיין ווילנע. זי ווערט ערנסטער און עלטער.

— וויפֿיל איז דער שיעור צו לערנען?... — פֿרעגט דער טאַטע אסתרן, אָבער ער ווייסט אַליין, אַז ס'איז אַ פֿראַגע אין דער וועלט אַריין, עס וועט נישט קומען קיין תשובה. זיין טאָכטער איז פֿאַרשטעלט פֿאַר אים מיט בערג ביכער און הויפֿנס טועכישן.

אגב פֿילט זיך לעצטנס לייבע דער בלעכער נישט מיט אַלעמען. זעט אויס, אַז די יאָרן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים.

די מאַמע ווייסט שוין, אַז יענער לערער מיט וועמען איר טאָכטער איז צו־געגאַנגען צו זיי נאָך דער פֿאַרשטעלונג אין טעאַטער, מאיר רופֿט מען אים, איז

אַוועק קיין רוסלאַנד און — פאַרפאַלן געוואָרן. אַט הערט זי דאָך אויך גאָרנישט פון איר טאַכטער צלובה, איר מאַן און אירע קינדער. ווי אין וואַסער אַריין. אַ געקומענער פון דאָרטן זאָל האָבן דערציילט, אַז צלובהס יינגל, משהקע, איז דער־טרונקען געוואָרן אין טייך, אַז אין הונגער האָט צלובה געגעסן קרייטעכצער אין וואַלד. אַזאַ אומגליק!... גיי ווייס!...

זיי שרייבן גאָרנישט. מען זאָגט, אַז זיי האָבן מורא צו שרייבן. וואָס שייך מורא? פאַרוואָס? — אַט שרייבן דאָך אַנדערע יאָ. זי האָט געהערט, מאַשע, וועגן דעם. וואָסזשע זאָל זי טאָן די מאַמע? — בלייבט איר נאָר עגמת נפש, עס נאָיעט אין האַרצן, און אין דער שטיל לאָזט זי אַ טרער.

סיי ווי סיי מוז זי נאָך אַלץ, אויף די עלטערע יאָרן, „שנעלן" אין פאַבריק. זי אַרבעט ביי די סוראַזשסקיס אין פאַבריק אויף די פּיאַסקעס, קאַצקער חסידים. אויפן הויף פון דער פאַבריק איז אויך פאַראַן אַ תלמוד־תורה, הונדערטער יינגלעך לערנען דאָרטן. קוקט זיי מאַשע נאָך ווי זיי גייען מיט די ספרים אין תלמוד־תורה און זעט דורך טרערן איר אייניקל משהקע, וואָס איז דערטרונקען גע־וואָרן. זי מוז אַרבעטן, מאַשע, ווייל די פּאָר זלאָטעס זענען שטאַרק נייטיק.

וואָלט זי כאָטש דערלעבט נחת פון אסתרן. אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן. גייט דאָס אויך מיט דער פּוטער אַראָפּ. זי האָרעוועט, נעבעך, אַזויפיל, זיצט ביז שפּעט אין די נעכט איבער די גרויסע ביכער און פּאַפּירן. די פּאָר זלאָטעס וואָס מען גיט איר אין דער שול, ברענגט זי אַהיים, גיט אָפּ דער מאַמען. ניעכאַי, וואָלט זי זיך אַ בגד געמאַכט. זי ווערט טאָקע אַלץ מער „אָסאָבע", אַלץ געלערנטער, פאַרנומענער, פאַרטראָגענער, אָבער — אויך עלטער. ביי דער מאַמען קוועלט דאָס האַרץ.

און אַט גאָר די מעשה מיט ווילנע און מיטן „וועדסיטעט". קאַרג געלערנט איז אסתר, דאַרף זי גאָר ערשט נאָך לערנען. מסתמא וויל זי ווערן אַ דאָקטאָרין, וואָרום צו וואָס דען לערנט מען אין „וועדסיטעט"? — זי וואָלט זיך דורכגערעדט מיט איר טאָכטער, אפשר האָט זי עפּעס אַ מיין, אפשר וועט זי דערלעבן נחת פון איר? — נאָר עס קומט אַלץ נישט אויס.

פאָרט אסתר קיין ווילנע, אין קלאַס פאַרטרעטן איר אַנדערע לערער. השגחה אויף דער פּרץ־שול האָט דער לערער איטשע. אין ווילנע, חוץ דעם אוניווערסי־טעט, ווו מען איז פאַרנומען מיט לעקציעס, פּראָפעסאָרן, סטודענטן, זענען דאָ יידישע שולן, די יידישע גימנאַזיע, דער לערער־סעמינאַר מיט ראַזאַ סימכאָ־וויטשן, דער פאַריין פון יידישע סטודענטן, דער „בונד", צו וועלכן אסתר האָט זיך דערנענטערט אויפן צוזאַמענפאָר פון די שולן, די שילער־אָרגאַניזאַציע, וואָס הייבט זיך אָן צו שאַפן, די גרויסע קינדער־ביבליאָטעק ביי מפיצי־השכלה... — אסתרן פאַרכאַפּט עס, זי קען זיך נישט אָפּרייסן, עס איז פאַר איר אַ יאַריד פון גייסט. מען קען איר שוין אויך איז די דאָרטיקע קרייזן:

— די סטודענטין אסתר לאַפּידעס איז די לערערין פון ביאַליסטאָקער פּרץ־שול...

עס געפעלט אסתרן וואָס דער איינגעבויגענער, קורצזיכטיקער, אָרעם־אָנגע־טאָנענער און גרויסער למדן גאָלדשמיט האָט געזאָגט צו איר וועגן ווילנע:

— ווילנע איז נישט קיין שטאָט, נאָר אַ גמרא מיט רש״י, תוספות און מהרש״א...

ער האָט איר אויך געזאָגט וועגן דער יידישער גימנאַזיע מיט אירע זיבן הונדערט תלמידים...

— אַ פאַבריק פון דער צוקונפט...

לויט דער עצה פון ראָזאַ סימכאָוויטש האָט דער „דין פון דער יידישער שול״, דער עלטסטער זון פון פאַרשטאָרבענעם רבין אויף דער הקדש־גאַס, גרשון פלו־דערמאַכער, דער פאַרוואַלטער פון דער גרעסטער פאָלקסשול „דבורה קופּער־שטיין״, איינגעלאַדן אסתרן אויף אַ מוסטער־לעקציע פון רעכענען אין זיין פערטן קלאַס. „זי האָט לערערשן טאַלאַנט, פעדאַגאָגישע אינטויציע״ — האָט ראָזאַ איר רעקאָמענדירט.

אסתר האָט נישט געוואָלט זיך אונטערנעמען. „ווי קום איך?... אין ווילנע?״. נאָך מער האָט זי זיך געקווענקלט ווען זי איז געווען אויף אַ זיצונג פון פעדאַגאָגן־ראָט פון דער דבורה־קופּערשטיין־שולע — אַכצן לערער, לערער און לערער, פאַר־מענטשן, געלערנטע. זי האָט אָבער געמוזט נאָכגעבן סימכאָוויטשן:

— שרעק זיך נישט. שווים אַרויס...

נאָך איר מוסטער־לעקציע האָט געזאָגט צו איר גרשון פלודערמאַכער:

— איר קענט די מלאכה...

אסתר האָט ליב זינגען, איז זי געגאַנגען אויף די געזאַנג־לעקציעס פון לערער און מוזיקער יעקב גערשטיין. „ער איז דער חזן ראשון ביי אונדז אין גימנאַזיע״, — האָט איר געזאָגט וועגן אים דער ליטעראַטור־לערער און פּאָעט משה קולבאַק.

דאָס איז משה קולבאַק!...

אסתר האָט שוין געלייענט און געהערט זיינע לידער. וועגן אים רעדן באַ־גייסטערט זיינע תלמידות אין גימנאַזיע, זיי דעקלאַמירן און זינגען אים אויסנ־ווייניק. אין זאַל פון גימנאַזיע, שבת אין דער פרי, האָט אסתר געהערט משה קולבאַקן אַליין פאָרלייענען זיינע לידער. ער האָט געפאַנגען דריי הונדערט הער־צער און אויגן מיט אַ מאָל:

העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
ברעכט האָלדז און געביין,
העי, אַ וואָלף אין דער שטאָלענער עלנטקייט
טראָגט די גאָל אין די ציין.

דער זאָל איז געוואָרן שטאָליק־געקרעפּטיקט, פול מיט כח. מען האָט נאָכגעשעפּטשעט קולבאַקן:

## יעקב פּאַט

העי, העי, שווער צו טראָגן הויך דעם קאָפּ
דעם באַטשופּרינעטן...

און ער טאַקע, דער פּאָעט, האָט אַ שליידער־געטאָן מיט זיין אייגעבער שוואַרצער טשופּרינע.

אסתר האָט זיך באַקענט מיט אים. ער האָט איר געזאָגט: „בלייבט אין ווילנע. זייט דאָ אַ לערערין. געגנוג ביאַליסטאָק". זי האָט אים געענטפערט:

— וויל איך תורה, קום איך קיין ווילנע; וויל איך מעשים, פאָר איך אַהיים, אין פּרץ־שול.

אויף די לעקציעס פון געשיכטע פון לערער ברוידע אין רעאַל־גימנאַזיע האָט אסתר דערהערט טיפן וויסן און גרויסע פּאַכמענישקייט. מען דערזעט אַ פאַרהוילענע מיסטעריע פון טויזנטער יאָרן. זי מאַכט כסדר נאָטיצן אויף זיינע לעקציעס. זי לערנט פון אים, זאַפּט אַריין אין זיך.

דער לערער ברוידע האָט שטודירט אין עסטרייך, אין קראַקויער אוניווער־סיטעט, ער איז דער זון פון קאַלאָמייער רב, אַ סאָציאַליסט. הערט אסתר ווי ער זאָגט:

— דער פילאָזאָף פולא האָט געוואָלט מאַכן איינס פון ייִדישן באַרג סיני און גריכישן אָלימפּ...

פאַר אסתרן, וועלכע האָט לעצטנס אַליין אַ סך געלייענט און געלערנט, דורכ־געזופּט ביכער פון ייִדישער געשיכטע, זענען די פּאָר ווערטער ווי לאָמטערנעס אין אַ פינצטערער נאַכט:

— „באַרג סיני" און „גריכישער אָלימפּ..."

מען דאַרף לערנען, אסתר, אַ סך לערנען! אָבער ווו נעמט מען צייט?

לערנען די תלמידים און שמועסן זיך דורך, אונטער דער פירונג פון לערער, וועגן אַרבעטסלאָזיקייט ביים פאַרענדיקן דעם בית־המקדש: „אַכצן טויזנט אַר־בעטער זענען געבליבן אָן אַרבעט, אַרבעטסלאָז..." — איז עס אַ שפּרונג פון ירושלים קיין ווילנע אין איין רגע — אַ פּאָר טויזנט יאָר. אַרבעטסלאָזיקייט איז דאָ כסדר.

ראָזאַ סימכאָוויטש האָט אַריינגעבראַכט אסתרן אין קרייז פון אירע צוויי פריינדינס, נאָענטסטע חברטעס — די לערערינס וויטאַ און מירא. נעמען וואָס האָבן שוין געקלונגען צווישן לערער:

— וויטאַ נעמט איין די קינדער מיט איר שמייכל...

— די שרה בת־טובים...

ווען וויטאַ איז נאָך געווען אין דער שווייץ און געענדיקט דעם אוניווער־סיטעט, האָט מען איר פאַרגעלייגט אַ קאַטעדרע פון קינדער־פּעדאַגאָגיק. זי לערנט ניט אין ווילנע אין אַ שול, נאָר זי האָט אַליין געעפנט אַן „אַנשטאַלט פאַר פאַרוואָר־לאָזטע קינדער". סתם קינדער, נאַרמאַלע, וועלן שוין ווי ס'איז האָבן לערערס — האָט זי געזאָגט — וואָס וועט אָבער זיין מיט די פאַרוואָרלאָזטע, מיט די אָפּ־געשטאַנענע, מיט די גאַסן־קינדער?... — האָט זי זיך צו זיי גענומען. זי איז

געוואָרן זייער לערערין. זיי זענען אויך אַן עלעמענט פאַר אירע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן.

אסתר האָט גאָר ביז איצט נישט געוואוסט וועגן אַזאַ זאַך: — „גאַסן־קינדער". עס האָט איר אַ צי־געטאָן צו וויטאַן. זי וויל זיך אין איר אַנשטאַלט. זי וויל זען, זי וויל לערנען פון איר.

— פון איר וועסטו לערנען, ווי אַזוי מען גייט־צו צו אַ קינד... — האָט צו איר געזאָגט סימכאָוויטש.

וויטא רעדט שטיל פּשוטע רייד:

— שפּייז און קליידער פאַר מיינע קינדער העלפט זיי אויך גייסטיק געזונט צו ווערן.

די אַנדערע איז מירא.

איר זיידע פון איר מאַמעס צד איז געווען דער ערשטער פּיאָנער פון סאָ־ציאַליזם ביי יידן — דער באַרימטער ליבערמאַן. זי איז אַ שאַרפע מתנגדקע פון ווילנער שניט, אַ רעוואָלוציאָנערין.

— עקשנות, אידייאישע אָרנטלעכקייט, אָן קאָמפּראָמיסן זענען אירע מידות. זי איז די שאַפערין פון דער קינדער־געמיינשאַפט אין ווילנער שול־וועזן — האָט ראָזאַ אָנגעוויזן אסתרן — אַלץ איז ביי איר די שול, זי האָט נישט און וויל נישט קיין פּריוואַט לעבן.

ביז שפּעט אין אָוונט זענען זיי געזעסן ביי סימכאָוויטשן — ראָזאַ, וויטא, מירא און אסתר. געטרונקען טיי פון סאַמאָוואַר און גערעדט תורה. גערעדט האָבן די דריי, די תלמידי־חכמות. אסתר האָט זיך נאָר צוגעהערט געשפּאַנט, ווי אַ העזל.

— מיר האָבן אַ יידישע שול, וואָס איז איר תמצית, איר פילאָזאָפיע? — פרעגט וויטא — וואָס איז אונדזער אויפגאַבע לגבי די קינדער? — די אויפגאַבע איז אַריינפלאַנצן אין קינדער אַ ביסל גוטס, זיי געבן אַ ביסל פרייד. איך גיי אַריין אין קלאַס פון שלמה באַסטאַמסקין און הער ווי ער לערנט מיט די קינדער וועגן משהן, ווען ער האָט געפּיטערט יתרוס שאָף און אַ שעפּעלע איז אַנטלאָפן פון זיין טשערעדע, איז ער איר נאָכגעלאָפן, געיאָגט זיך נאָך איר, געלאָפן זי כאַפּן. צום סוף האָט ער זי געפונען ביי אַ טייך, טרינקענדיק וואַסער. זאָגט צו איר משה: „אָרעם שעפּעלע, נישט געוואוסט האָב איך, אַז דו ביסט דאָרשטיק, אומזיסט געיאָגט זיך נאָך דיר, דיך געטריבן. איצט ביסטו, נעבעך, מיד. קום צו מיר אויפן אַקסל און איך וועל דיך צוריקטראָגן". דעמאָלט איז אַרויס אַ בת־קול: „דערפאַר, משה, וואָס דו האָסט אַזוי פיל רחמנות אויף אַ שטומער צונג, וועסטו זוכה זיין צו פּיטערן מיינע הייליקע שאָף — דאָס פאָלק ישראל".

איך האָב געזען דעמאָלט אַ שפע פון גוטסקייט, פון רחמים אין די אויגן פון די קינדער — אַ שריט אויפן וועג צום בעסערן...

ענטפערט איר מירא:

— עס איז אַ שייך מעשהלע. דאָס האָבן נאָך געלייענט די באָבעס אין צאינה־וראינה. דאָס מאַכט פון די קינדער רחמנותדיקע קוואַטש. זיי וועלן מיט דעם ווייט נישט פאַרפאָרן. וואָס מיר דאַרפן טאָן מיט די קינדער? — אַריינקלאַפּן שטאַפּלען אין אַ לייטער, זיי זאָלן קענען אַליין שטייגן העכער. זיי דאַרפן האָבן וויסן, באַנעמען דאָס לעבן, האָבן גייסטיקן כח, ווילן. זיי טאָרן נישט בלייבן שטיין ביי די שטאַפּלען ווי רחמנותדיקע לעמעשקעס, שעפּעלעך, וואָס מען טראָגט אויף די אַקסלען. עפן זיי די אויגן, ווייז זיי די אמתע, די אומגערעכטע, די שלעכטע וועלט, ווייז זיי די ווירקלעכקייט, זאָלן זיי קוקן, זען, פאַרשטיין. זיי וועלן דערזען, אַז ס'איז נישט גוט, זיי וועלן זיך שלעכט פילן? — סיי ווי סיי פילן זיי זיך שלעכט, סיי ווי סיי ווייסן זיי פון אָרעמקייט, צרות פון זייערע הייזער. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז אָט די וועלט טויג נישט, אַז מען מוז זי איבערמאַכן מיט די אייגענע הענט, און צוזאַמען. דער מענטש איז נישט אַליין, איז נישט אַ מלוכה פאַר זיך, איז אַ טייל פון דער וועלט־מלוכה, ער קען זיין אין איר אַן אָרעמער שקלאַף, און ער קען זיין אין איר אַ גלייכער בירגער, אַ מיט־שותף. עס איז אָפּהענגיק פון זיין באַוווסטזיין, ווילן, כח.

— כח, כח, ווילן — חזרט איבער וויטאַ — מיט ברוטאַלן כח, מיט שנאה, קען מען די וועלט טאַקע אומברענגען. זעסט דאָך — דאָ אין שכנות, מיטן האַנט צו דערלאַנגען, אויף מזרח. אָבער אַ נייע וועלט קענען בויען נייע מענטשן, קען מען בויען מיט יושר, מיט ליבע...

— אַן אַלטע וועלט קען נישט געבוירן נייע מענטשן. זיי וועלן זיך ערשט באַווייזן אין אַ נייער וועלט. אַ נייע וועלט וועט נישט קומען אָן אַ רעוואָלוציע.

— רעוואָלוציע, רעוואָלוציע... — חזרט איבער וויטאַ — די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 האָט אונדז געבראַכט זיבן הונדערט פּאָגראָמען, די צווייטע רעוואָלוציע איצטער, פיל איך, מאַכט נישט זיבן הונדערט פּאָגראָמען, נאָר איין גרויסן, טאָטאַלן פּאָגראָם...

— אין אַ מילחמה מוזן זיין קרבנות...

ראָזאַ סימכאָוויטש, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, האָט איצט אומגעקערט דעם שמועס צו זיין אָנהייב:

— איר זייט אַראָפּגעקראָכן פון וועג — זאָגט זי — איר האָט גערעדט וועגן תכלית פון אונדזער שול און אַרויפגעקראָכן אויף רוסלאַנדס רעוואָלוציע. לאָמיר גיין צוריק. אַז דו גייסט אַרויס אין ווילנע אויף דער יידישער גאַס, זעסטו אומרואיקייט, שרעק אין די יידישע אויגן. עס איז שלעכט עקאָנאָמיש, אַנטיסעמיטיזם, און — מאָרגן וועט אפשר ערגער זיין?... די יידישע צייטונג שרייבט אַלץ מער וועגן זעלבסטמאָרדן. יידן ווילן גיין קיין ארץ־ישראל מיט דער האָפענונג — אפשר וועט דאָרט בעסער זיין? — און קענען נישט. די יוגנט קוקט צו דער מזרח־גרענעץ: אפשר קומט פון דאָרט די ישועה?... און מיר זיצן אין אונ־

דזער שול, לערנען אונדזערע קינדער, דערציִען זיי — פרעגט זיך טאַקע, וואָס זאָלן מיר זיי געבן? וואָס זאָלן זיי איינזאַפּן? קענען מיר זיי געבן פּאַרטיקע רע־צעפּטן, ווי געזונט צו מאַכן די וועלט, דאָס פאָלק? וועלן די פּאָליטישע רעצעפּטן, וועלן די רעוואָלוציע־פּראָשקעס זיי געבן גייסטיקן כח?

און ראָזאַ ווענדט זיך פּלצלונג צו אסתרן:

— איר זעט די קינדער, איר זייט מיט זיי, ביאַליסטאָק איז אַ שטאָט פון יידישע אַרבעטער, אייער פּרץ־שול איז פול מיט קינדער, וואָסזשע זאָגט איר?

אסתר האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אַ צעטומלטע:

— איך?... איך זאָל זאָגן?

— נו, יאָ, אדרבה.

טראַכט אסתר אַ רגע און ענטפערט אַזוי:

— אויב איך קען עפּעס זאָגן, אויב איך מעג, וועט עס זיין נישט פון אַזוי־פיל געלערנטקייט, פון וואַנען איר שעפּט. מען רעדט ביי אונדז הויך וועגן ווילנע — אַט דער טיש פון אייך דריי ביים סאַמאָוואַר, ביים טיי, — אַט איר דריי זייט פאַר מיר ווילנע... איך וועל אייך נאָר זאָגן וואָס איך זע ביי מיר אין קלאַס, ביי אונדז אין שול. איך האָב שוין געלערנט אין אַלע קלאַסן, פון קינדער־גאָרטן, ביזן זעקסטן קלאַס. איך זע ביידע זאַכן, איך זע דאָס וואָס חברטע וויטא זאָגט, איך זע וואָס חברטע מירא זאָגט. די קינדער ווילן וויסן, זיי פרעגן פּראַגעס ווי גרויסע מענטשן. ביי אונדז אויף פּיאַסקעס ווערט מען אַ גרויסער מענטש צו צען יאָר. די קינדער ווילן אויך, און אפשר נאָך מער פרייד. זיי האָבן דאָך אַזוי ווייניק פרייד אין דינה־ראַניעס געסל, אין קראַטשאַקס געסל. זיי זענען הונ־געריק נאָך שפּיל. קען איך דען אַריינקומען אַפילו אין אונדזער עלטסטן קלאַס און לערנען באמת מיט די קינדער וועגן די צרות פון דער וועלט און זייערע סיבות? איך קען דאָס נישט. קען איך אַריינגיין אין מיין קלאַס און לערנען מיט די קינדער די „דין־תורה מיטן ווינט“ — דאָס קען איך!... ביי פּרצן איז דאָ שיינ־קייט פון ים, צער פון דער אָרעמער אלמנה, גערעכטיקייט, פרייד פון נצחון, פון גוטס...

קוקט זיך אַרום אסתר, ווי זי וואָלט צוריקקומען פון אַ וויטן וועג, און דערקענט נישט דעם אָרט, ווערט זי פאַררויטלט און רייסט איבער:

— איך האָב שוין געזאָגט אַ סך נאַרישקייטן...

— גאָרנישט קיין נאַרישקייטן — זאָגט וויטא — זייער אינטערעסאַנט. מיר זוכן דאָך אַלע. קיינער פון אונדז ווייסט נישט, נאָר יעדערער וויל וויסן.

זאָגט ראָזאַ:

— ביסט נישט גערעכט, אסתר, אַז ווילנע איז אַט דער טיש, ווי דו האָסט גע־זאָגט, — ניין, ער איז אַ לאַנגער, דער טיש, ער ציט זיך פון איין עק פוילן ביזן צווייטן. מיר זיצן אַרום אים זאַלבע טויזנט, און הינטער אונדז שטייען אַ סך פון אַנדערע דורות.

— דאָס איז מיסטיק... — זאָגט מירא.

זיי טרינקען איצט טיי פון סאַמאָוואַר צוזאַמען. מען רעדט היימיש, חבריש, אַפילו ווען מען שפּאַרט זיך, מען נעמט אַריין אסתרן אין חברותא:

— קום צו אונדז אַפּטער.

אסתר איז אין דעם אָוונט געשטיגן אין זיך אַליין מיט אַ שטאַפּל העכער. עס איז אַ מאָדנער שטיגן — אָט דאָס שטייגן אינעווייניק, גיין אויף טרעפּ אין אייגענעם וועזן, אין דער אייגענער נשמה. דרויסן קען מען עס מערקן נאָר אין די אויגן.

אסתר האָט זיי צו דערציילן מעשה־זעמבראָווע, דאָס בילד פון חרם, די סצע־נע אין בית־מדרש, די פאַרזאַמלונג אין זאַל פון די פּייערלעשער, אירע ווערטער צו די מאַמעס.

— אָט דאָס איז עס, וואָס איך זאָג — כאַפּט זיך מירא — דער חרם אין זעמבראָווע, די צעטיילונג פון שטעטל אויף צווייען, דער קאַמף קעגן חרם... — אָט וועגן דעם רעד איך, מיר זענען אַ טייל פון אַ גרויסן קאַמף...

מיט איין אימפּעט איז אַריינגעקומען די לערערין רייזל פון דונילאָוויטש, זי קען נישט וואַרטן ביז מאָרגן .זי דערציילט וואָס עס טוט זיך ביי איר אין דונילאָוויטש:

— מיר בויען אַליין אַ שטיינערנע שול. יידן פון שטעטל, סתם יידן, שלעפּן שטיינער צום פונדאַמענט. זונטיק ביי־טאָג, און אין די סתם־פאַרנאַכטן, גייען מיר אַלע צוזאַמען, אַ הויפן יידן מיט רידלען, טאַטשקעס, האַמערס, קעלניעס צום בנין, מיר וועלן אויפבויען דעם בנין אין אַ צוויי־דריי חדשים...

עס ווערט גוט און פריילעך פון רייזלען, פון איר דונילאָוויטשער שמחה. ראָזאַ סימכאָוויטש זאָגט:

— הייסע טיי פאַר רייזלען...

— די יידן וואָס בויען די דונילאָוויטשער שול — זאָגט וויטאַ — ווייסן נאָך נישט די טעאָריע פון קלאַסן־קאַמף.

— גענוג, אַז זיי פילן... — ענטפערט צוריק מירא.

קומט אסתר צוריק צו איר פרץ־שול. זי גייט אַריין אין איר קלאַס מיט מער זיכערקייט, מיט מער אחריות.

— חברשאַפט! — האָט זי אויסגערופן די אַנגענומענע באַגריסונג.

— חברשאַפט! — ענטפערט דער קלאַס.

זאָגן די קינדער:

— זאָל די לערערין מער נישט אַוועקפאָרן אויף אַזוי לאַנג.

ענטפערט זי:

— די לערערין אסתר דאַרף אויך לערנען. איך פאָר קיין ווילנע לערנען, כדי צו זיין אַ בעסערע לערערין.

## די לערערין אסתר

דער שוואַרצער גדליהקע רעדט אַנטקעגן:

— די לערערין אסתר דאַרף שוין נישט לערנען. זי האָט שוין גענוג געלערנט.

שמייכלט זי צו אים:

— מען דאַרף לערנען. עס איז נאָך דאָ אַ סך צו לערנען.

זאָגט זי צום גאַנצן קלאַס:

— נעמט אַרויס אייערע העפטן.

## פינפטער קאַפּיטל

# לערער־שטרייק

פינף יידישע פאָלקס־שולן אַרבעטן אין שטאָט. פּרץ־שול, יוגנטשול, מענדעלע־שול, שלום־עליכם־שול, מעדעם־שול... — זיי טראָגן די נעמען ווי קרוינען. די לימודים, די שול־פּראָגראַמען ווערן כסדר מער געאָרדנט, אָרגאַניזירט. די לערער זענען שוין אַ גרויסע מחנה, געקומען אַהער פון אַ סך שטעט — פון וואָלין, פון פּוילן, פון ליטע, פון גאַליציע. לערער פון פאַרשיידענעם אָפּשטאַם, וועמען פאַרשיידענע וועגן האָבן געפירט צו לערעריי און שול.

מען מוז שוין האָבן פּוילישע פּאַפּירן, מען מוז דורכמאַכן ספּעציעלע פּוילישע קוראַטאָריום־עקזאַמענעס. די מאַטעריעלע נויט אין שול און אַרום שול ווערט שווערער. מען מוז מאָנען ביי די קינדער, גאַנץ שטאַרק, די פּאָר זלאָטעס שכר־לימוד. די קינדער קומען מיט ליידיקע הענט: „דער טאַטע איז אַרבעטסלאָז, די מאַמע האָט נישט, שפּעטער וועט מען אָפּגעבן".

מען גייט מיט דעלעגאַציעס צום מאַגיסטראַט — די שטאָט האָט די פליכט צו געבן בילדונג צו קינדער, די שולן זענען אָנערקענט פון קוראַטאָריום, מען לערנט אין זיי אַלע עלעמענטאַרע לימודים — פּויליש, געאָגראַפיע, געשיכטע. די שטאָט דאַרף געבן געלט!

— די יידישע באַפעלקערונג צאָלט 70 פּראָצענט פון אַלע שטייערן, האָט זי רעכט אויף יידישע שולן, אין זייער מוטער־שפּראַך.

— איר לערנט אין אייערע שולן שנאה צו פּוילן, באָלשעוויזם. זיי זענען אַנטיפּאַנסטוואָווע...

— דאָס איז רכילות.

— זשידאָווסקע חוצפּה...

זאָגט דער פאָרזיצער פון מאַגיסטראַט:

— פּוילן איז אַלעמענס, נישט נאָר פּוכאַלסקיס.

— זאָל זיין אַ סוף. מען וועט באַטראַכטן אייער ווענדונג. „דאָווידזעניאַ״!...

די לערער באַקומען נישט קיין שכירות, מען איז אויפגעבראַכט. די לערער וואָס זענען געקומען אַהער פון אַנדערע שטעט, זענען בייז, ווילן נישטליידן. מען רעדט וועגן אַ שטרייק אין די שולן. נישטאָ קיין אַנדערע ברירה. רעדט מען אויף דער צערודערטער, כעסיקער לערער־פאַרזאַמלונג פון אַלע פינף פאָלקסשולן אין שטאָט אַזוי:

— וויל מען האָבן שולן, מוזן מיר געבן די לערער חיונה, אויף אַ שטיקל ברויט.

דער לערער מוני מאַרקוס, אַ געקומענער פון וואָלין, האָט אַזוי גערעדט:

— וואָלטן די שול־פאַרוואַלטונגען, אונדזערע פאַרזאָרגער, דאָס זיך גענומען צום האַרצן, וואָלטן די לערער נישט געדאַרפט הונגערן. ווייטער קען אַזוי נישט זיין. מיר קענען דאָס קלאָר זאָגן נאָר דורך אַ שטרייק. דאָס איז אַ גוט־אויסגעפּרוווטער פּראָלעטאַרישער מיטל. מיר זענען אַרבעטער אין שול.

דער לערער פּיוויש שאַפּיראָ איז אַ פּאָלעסיער, פון באַראַנאָוויטש. זיין שטימע איז אַ לאַנגזאַמע, אַ שווערע, אַ באַסאָווע, זיינע וואָנסעס זענען שוואַרצע, קורצע. ער האָט פאַר דער מילחמה געענדיקט סלאָנימער גימנאַזיע. זאָגט ער אַזוי:

— מען קען נישט אויסהאַלטן די שולן אויפן הונגער פון די לערער. די טוערס ווילן כבוד, דאַרפן זיי צאָלן מיט זאָרג פאַרן בודזשעט.

סאַליק גרינשטיין, אַ לערער פון פּויליש, אַ פלאַצקער, זאָגט אַזוי:

— מיט מיר האָט איר געמאַכט אַ קאָנטראַקט ביים קוראַטאָר. איך קען גיין מיט אים צום שול־אינספּעקטאָר. איך וועל געפינען מיטלען...

אידאַ, וואָס שוויגט אויף פאַרזאַמלונגען, האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— וואָס איז דאָס פאַראַ לשון? ווער זענען די פאַרוואַלטונגען? חברים, אָרעמעלייט, אַרבעטסלאָזע וועבער. זיי טוען וואָס זיי קענען, טראָגן יאָרן דעם שווערן יאָך אויף די פּלייצעס. סטראַשעט מען גאָר מיטן שול־אינספּעקטאָר!

עס ווערט הייס. גוט, וואָס עס האָט גענומען דאָס וואָרט דער עלטערער לערער משה באָרוכין און אַריינגעטראָגן אַביסל רויִקייט.

— מען דאַרף נישט מגזם זיין — נישט מיט די קרבנות פון די לערער און נישט מיט די קרבנות פון די טוער. מיר קענען נישט אָננעמען, אַז די ייִדן אין זיבעצענטן יאָרהונדערט זענען אין פּוילן געווען פאַרמעגלעכער פון היינט. דער־ציילט נתן־נטע אין זיין „יון ומצולה״, אַז פּוילן איז פול געווען דעמאָלט מיט ישיבות. די ראש־ישיבות האָט מען געצאָלט פולע שכירות, די ישיבה־בחורים האָט מען געגעבן סמיכה, ביי יעדן ישיבה־בחור האָבן זיך געלערנט צוויי ייִנגלעך, תלמידים. אַ שטעטל מיט פופצן באַלעבאַטים האָט געמוזט אויסהאַלטן נישט ווייניקער ווי דרייסיק בחורים און ייִנגלעך. ייִדן האָבן געזאָרגט שטענדיק פאַרן חנוך. דאַרף מען היינט אויך זאָרגן. דאַרף מען דערמאָנען אויב מען זאָרגט נישט. און וואָס אַנבאַלאַנגט די לערער, דאַרף מען אויך נישט מאַכן אַזאַ געוואַלט: הונגער, הונגער... — דערוויייל איז נאָך קיינער נישט געשטאָרבן פון הונגער. מען וועט

מאָרגן אויך נישט שטאַרבן. און צו וואָס פּאַכען מיט די קאָנטראַקטן. זאָלן זיי שרעקן די בערן! איך פאַרשטיי, אַז ווען זיי וואָלטן געהאַט אַנדערע שולן איידער מען האָט זיי געשריבן די קאָנטראַקטן, וואָלטן זיי דאָ נישט געווען.

— מיר דאַכט זיך, אַז מען קריכט אַראָפּ פון וועג... — זאָגט יהודה שניידער

— אויב די פאַרוואַלטונגען וועלן זיך צוגעווינען צו נישט צאָלן די לערער שכירות, וועלן די לערער נישט בלייבן בײַ דער שול. טרעפט אַמאָל, אַז ייִדן קומען אין בית־מדרש און זענען מפסיק הקריאה, באשר־בכן עס איז נישטאָ קיין מעות־חטים. טוען זיך דעמאָלט די באַלעבאַטים אַ שאָקל. אַ שטרייק איז אַ מין הפסק הקריאה, אַ פּאַטש אין טיש; טאָ לאָמיר אַ פּאַטש טאָן...

זאָגט איטשע זאַבלודאָווסקי, צו וועמען מען הערט זיך גוט צו:

— איך בין נישט קיין שטרייקער בײַ אונדז אין שול. בײַ וועמען וועל איך שטרייקן — בײַ זיידל דעם וועבער?... בײַ יאָסל דעם שלאָסער?... דאָס, וואָס משה באַרוכין האָט דערציילט וועגן זיבעצענטן יאָרהונדערט פּאַסט זיך נישט צום צוואַנ־ציקסטן. דעמאָלט איז דער חדר, דער בית־מדרש געווען פון קהל, פון גאַנצן קהל. אונדזער שול געהערט נישט צום גאַנצן קהל, נאָר צו אַ טייל, צו אַ קליינעם טייל, אפשר וועלן גאָר אַנדערע ייִדן זײַן צופרידן, וואָס מיר שטרייקן, צוליב גאַנץ אַנדערע סיבות... אלא וואָס דען? — דאָך בין איך דערפאַר מען זאָל מאַכן אַ שטרייק, מען זאָל ווערן, ווי זאָגט יהודה שניידער, חברה פּאַטש. פאַרוואָס? — איך מיין — אַז אונדזערע פאַרוואַלטונגען דאַרפן גאָר בעטן בײַ אונדז אַ שטרייק, זיי וועלן קענען שרײַען העכער צו שטאָט, צום ועד הקהל. פאַרוואָס מעגן שטרייקן די לערער אין ארץ־ישראל און מיר טאָרן נישט?... מיר מעגן עס טאָן צוליב די קינדער. אַז אַ לערער קומט אַ הונגעריקער אין שול אַרײַן, שרײַט ער אויף די קינדער, וואָס זיי זענען גאָר גאָט די נשמה שולדיק.

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע... — לייגט זיך אויס דער שטרייק אין אסתרס קאָפּ — הייסט עס, אַז איך זאָל הייסן די קינדער נישט קומען אין שול, ווײַל איך שטרייק, און איך שטרייק דערפאַר ווײַל מען האָט מיר נישט געגעבן קיין געלט. זאָלן זיי גיין אַהיים. נאָכדעם וועל איך זיי רופן צוריק אין שול און איך וועל זיי דאַרפן זאָגן, אַז מען האָט מיר שוין געגעבן געלט, און איך קען שוין דעריבער מיט זיי לערנען... מיין שכל באַנעמט דאָס נישט. איך זאָל זאָגן זיידלען, יאָסלען, גיטלען, מיינע „באַלעבאַטים“, מיינע „אויסנוצערס“, און זיי דאַרפן אָפּגעבן טאָג און נאַכט פאַר דער שול, נישט האָבנדיק אַליין קיין חיונה — דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. — אָבער איך מוז באַקומען מיין שכירות; אויב נישט, שטרייק איך; אויב נישט, גיי איך מאָנען מיט מיין אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט...

— מסתמא האָט זי אַ רייכן טאַטן...

— זייער אַ רייכן — זאָגט אסתר — אַ גביר, לייבע דער בלעכער...

— וועסטו נישט פאַרשטרייקן, וועסטו זײַן אַ שטרייק־ברעכערין.

— קיין שטרייק־ברעכערין קען איך נישט זײַן; איך קען אָבער אויך נישט זײַן קיין שול־ברעכערין. אַ שטרייק פון די לערער איז אויך אַ גוטע געלעגנהייט

פאַר דער רעגירונג צו שליסן די שולן, אַפילו צו צונעמען ביי די לערער די לערער־רעכט, ווייל — שטרייקער, בונטאָווטשיקעס!...

— מען דאַרף נישט שרעקן די געגנדז.

— זאָג וואָס מען זאָל אַנדערש טאָן.

— איך ווייס נישט וואָס אַנדערש. אפשר ווייסן אַנדערע? אַ שטרייק איז צו איינפאַך און צו שלעכט. זאָל מען זוכן אַן אַנדער עצה. פאַר מיר איז אַ שטרייק ביי אונדז אוממעגלעך.

— די אַרבעטער האָבן דערווייל נאָך נישט אויסגעטראַכט קיין בעסערן געווער ווי אַ שטרייק. מיר זענען אַרבעטער!

זיידל דער וועבער, פון דער פאַרוואַלטונג פון די שולן, צוזאַמען מיט פישלען, דעם סעקרעטאַר, זענען אַריינגעלאָפן פאַרסאָפּעטע און ביידע זענען צוגעקומען צום טישל פון פאַרזיצער.

— איך וויל עפּעס זאָגן... — ווענדט זיך זיידל.

—איך האָב אַ גוטע בשורה. מיר האָבן באַקומען לייען אין דער גמילת־חסדים־באַנק פינף טויזנט זלאָטעס. מירן זיך אונטערגעשריבן אָפּצוגעבן אין אַ חודש אַרום.

— ווו וועט איר נעמען?

— ווו?... ווו?... — האָט זיידל געזוכט אַן ענטפער — עס וועט קומען פון וואַרשע... מירן אַליין צונויפזאַמלען... מירן קריגן אין ועד הקהל... מען זאָגט, אַז די שטאָט־פאַרוואַלטונג וועט עפּעס געבן.. ווי האָט געזאָגט דער טאַטע? — גאָט וועט העלפן...

עס האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף דער פאַרזאַמלונג. זיידל דעם וועבערס באַוואָקסן פּנים האָט אויסגעזען יינגער.

— אָט טאַקע דאָס וואָס איר האָט אַ וואָך צייט גערעדט וועגן אַ שטרייק — האָט זיידל ווייטער גערעדט — טאַקע אָט דאָס וואָס איר האָט גערופן היינט אַ פאַרזאַמלונג וועגן אַ שטרייק, האָט געמאַכט אַן איינדרוק. אַ שטרייק איז אַ פּראָלעטאַרישע זאַך. אַ שטרייק איז אַ גרויסער כח. מיר האָבן געשריִען אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, געשריִען צום קאַסיר ראַפּאַפּאָרט — „חילול־השם!... די שולן גייען שטרייקן!“... „ביי די לערער פּלאַצט דאָס געדולד!“...

איר האָט דאָך נישט געמיינט אַ שטרייק קעגן זיידל דעם וועבער; איר האָט דאָך געמיינט אַ שטרייק קעגן דער לאַגע, קעגן דער נויט, קעגן דער שטאָט — אַ שטרייק איז אַ גרויסער כח — איז שטאַרק. מילא, זאָל עס זיין אַ שטרייק קעגן מיר, קעגן פאַרזיצער פון דער פּרץ־שול, — פאַרוואָס זאָל דער פאַרזיצער נישט אָנלייגן מיטן קאָפּ?

סיי ווי סיי, מען צאָלט מאָרגן שכירות!

זיידלס שמחהדיקער פּנים האָט געשיינט, האָט אַריינגעשיינט אין אַ סך פּנימער און הערצער פון די לערער. אויפרעגונג איז אָפּגעפלאָסן. מען שטרייקט נישט. מען גייט מאָרגן אין די שולן.

— איך בין גליקלעך, זיידל... — האָט צו אים געזאָגט אסתר. — עס איז מיר איצט אַזוי גוט, זייער גוט.

אסתר איז געגאַנגען צוריק פון דער פאַרזאַמלונג מיט אידאַן און יהודה שניידער, אידאַס מאַן.

— אייגנטלעך ביסטו דאָך לכתחילה גערעכט געווען — זאָגט אידאַ — אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די שטרייקער זענען גערעכט געווען. מען קען גאָרנישט וויסן.

— איך בין צופרידן — זאָגט אסתר. — אונדזער זיידל איז מחיהדיק. איך בין פּשוט אין אים פאַרליבט.

יהודה שניידער שטעלט זיך אָפּ אין מיטן גאַנג, מיט אים שטעלן זיך אויך אָפּ אסתר און אידאַ. זאָגט ער אַזוי צו אסתרן:

— שוין צייט דו זאָלסט זיין פאַרליבט אויף אַן אמת. אַ שאָד די יאָרן. דאַרפסט ווערן אַ כלה און אַ ווייב. האָב נישט פאַראיבל אויף אַ קלעזמער.

אַלע דריי פּאָר אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט. דאָס וואָרט „פאַרליבט" האָט זיך אַ דריי־געטאָן אַרום אסתרן און אַוועקגעפלויגן ווי אַ ווייסע טויב.

— טאָ רעדט מיר אַ שידוך... — האָט אסתר געענטפערט לייכט, מיט אַ שמייכל, מיט אַ קורצן בליץ אין איין אויג.

ראָזאַ סימכאָוויטש האָט איר געהאַט געזאָגט אין ווילנע וועגן מיראן, אַז זי האָט נישט קיין שום פּריוואַטן לעבן. די שול איז פאַר איר אַלץ. זי לעבט מיט דער שול.

קענסטו, אסתר, לעבן בלויז מיט דער שול?

ניין! איר גאַנצער וועזן זאָגט: „ניין!".

עס רודערט איר געמיט. עס נאָגט אין האַרצן. אַ הונגער גייט דורך אירע איברים. זי וויל נישט און קען נישט טרייבן די קלעזמערישע ווערטער פון יהודה שניידער: „דאַרפסט ווערן אַ כלה און אַ ווייב".

## זעקסטער קאַפּיטל

# ברוך לוריע

די חדשים גייען אַוועק איינע נאָך די אַנדערע, אָנגעלאָדענע מיט שווערע פּעק אויף די פּלייצעס. דער זאַל פון דער פּרץ־שול איז געווען באַזעצט מיט אַ הונדערט תלמידים. נישט אויף קלאַסן־בענק, נאָר אויף פּשוטע בענקלעך. ייִנגלעך און מיידלעך פון די קלאַסן פינף, זעקס און זיבן. צווישן די תלמידים זיצן אויך עטלעכע לערער. עס איז אַ תלמידים־פאַרזאַמלונג, וואָס ווערט געפירט דורך דעם פאָרזיצער פון די תלמידים וואָווע ראָזאָווסקי. די שילערין פון זיבעטן קלאַס חנה פיין איז די סעקרעטאַרין. זי פאַרשרייבט. וואָווע ראָזאָווסקי איז אַ דאַרער, קליינגעוויקסיקער, אַ שוואַרצער. ער האָט קלוגע אויגן, אַ שאַרף שמאָל נעזל, אַ קליין מיילכל און אַ הויכן שטערן. ער איז דער קאָפּ פון דער שילער־אָרגאַניזאַציע. ער זעט אויס עלטער ווי זיינע יאָרן. מיט איםביים טישל זיצט אסתר. עס איז די חודשלעכע תלמידים־פאַרזאַמלונג. דאָס איז אַן איינפיר וואָס אסתר האָט אַראָפּגעבראַכט פון ווילנע, פון מיראַן. פון ביאַליסטאָק איז דאָס שפּעטער אַריבער קיין וואַרשע און לאָדזש. אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער תלמידים־פאַרזאַמלונג זענען געווען צוויי וויכטיקע ענינים: די שול־ביבליאָטעק און די לייַ־קאַסע.

— די מעשה איז אַזאַ — זאָגט וואָווע ראָזאָווסקי — קינדער האַלטן ביכער פון דער שול־ביבליאָטעק צו לאַנג, גיבן אָפּ די ביכער פאַרשריבענע און פאַרשמוצטע. די קאָמיסיע האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט צו פירן די ביבליאָטעק. אַזוי קען ווייטער נישט זיין. ווער וויל עפּעס זאָגן?

עס הייבן זיך הענט. קינדער ווילן רעדן, מען האָט צו דערציילן שלעכטס, שטופּט דער יצר־הרע.

— איך האָב אַליין געזען ווי בערל האָט אַרויסגעריסן פון אַ בוך גאַנצע זייטן...

— ס'איז אַ ליגן...

— שרהל לאָזט איבער אירע ביכער אין קלאַס און נאָכדעם זוך זיי אַרום...

— איך האָב געזאָגט מאָטלען, ער זאָל נישט מאָלן קיין מענטשעלעך אויף די ביכער, זיי זענען נישט זיינע, זיי זענען פון ביבליאָטעק...

— ער איז גערעכט.

— ער איז אַ מסור...

וואָווע ראַזאָווסקי קלינגט מיטן גלעקל:

— אַז עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס טוען שלעכטס מיט ביכער, ווייסן מיר — זאָגט ער — אָבער עס זענען דאָ אַ סך קינדער, וואָס טוען נישט אַזוי. דאַרף מען רעדן, וואָס זאָל מען טאָן, מען זאָל האַלטן ריין די ביכער פון ביבליאָטעק. ווער וויל עפּעס פאָרלייגן?

הייבט אויף די האַנט לאהקע זאַבלודאָווסקי:

— די ביבליאָטעק־קאָמיסיע זאָל אויסהענגען אויפן וואַנט יעדע וואָך אַ צעטל פון די וואָס שעדיקן די ביכער.

— און וואָס וועט מען מיט זיי טאָן?

— זיי וועלן זיך שעמען און מער עס נישט טאָן.

ריכטיק! גוט! — קינדער זענען מסכים.

גדליהקע שוואַרץ, „דער מענטש פון גערעכטיקייט" פון זעקסטן קלאַס, הייבט זיין האַנט. ער האָט וואָס צו זאָגן. ער איז אַ נידעריקער, זיצט ווייט צווישן די קינדער. זיין האַנט איז אַ קורצע. וואָווע ראַזאָווסקי באַמערקט אים נישט. ער, גדליהקע, הייבט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, ציט הויך, נערוועז, זיין האַנט. ער טרייסלט זיך אין גאַנצן. זאָל מען שוין אים דערזען! — אסתר האָט עס באַמערקט און זי האָט שטילערהייט, אָן ווערטער, אָנגעוויזן וואָווען: „גדליהקע וויל עפּעס".

— מען דאַרף נישט אָנהייבן מיט פאַרשעמען — הערט זיך גדליהקעס שטימע. — נישט אַלע פאַרשמירן דאָך ביכער בכיוון. איך האָב זיך צוגעוווינט צו שרייבן מיט אַ בלייפעדער אויף די זייטן פון בוך. איך האָב געזען, אַז אַפילו די לערערין אסתר טוט דאָס אַמאָל, זי מאַכט פּאַסיקלעך, פּינטעלעך, קייקעלעך אויף די ראַנדן פון אַ בוך...

די פאַרזאַמלונג האָט זיך צעלאַכט און קוקט אויף דער לערערין אסתר.

— עס איז אַן אמת... — זאָגט אסתר — ער איז גערעכט.

— זאָל מען הייַנט אָפּרעדן, אַז מען זאָל נישט שרייבן אויף ביכער, וועט מען שוין וויסן. אַז מען זאָל נישט פאַרגעסן, זאָל מען אויפהענגען אין זאַל אַ מעלדונג מיט גרויסע אותיות: „קיינער זאָל נישט פאַרשמירן קיין בוך". — ערשט, אַז דאָס וועט נישט העלפן, וועט מען ווייטער זען...

גדליהקע שוואַרץ האָט גערעדט לאַנגזאַם, מעשה גרויסער מענטש. די פאַרזאַמלונג פון הונדערט קינדער און דריי לערער האָט אים גוט געהערט. אסתר איז געווען שטאָלץ:

— „אַ בליץ פון חכמה..."

דעמאָלט האָט מען אומגעריכט געקלאַפּט אין טיר. אַלע קעפּ האָבן זיך געקערט צו דער טיר. אסתר האָט זיך אויפגעהויבן פון איר פּלאַץ און אַוועק צו דער טיר. זי האָט די טיר געעפנט, געזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, איז זי אַרויס צו אים אויף יענער זייט. די פאַרזאַמלונג איז דערווייל אָנגעגאַנגען ווייטער.

— אַנטשולדיקט מיר... — האָט דער מענטש געזאָגט — איך זע, אַז איך שטער אייך... מען האָט מיר געזאָגט, איך זאָל קומען גראַדע אין דער צייט... אַנטשולדיקט. מיין נאָמען איז ברוך לוריע.

— איך דערמאָן זיך אַזאַ נאָמען — האָט אסתר געזאָגט מיט פריינטלעכן שמייכל — זייט איר דער, וועגן וועמען עס האָט מיר געזאָגט חבר זיידל — ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט מיך זען...

— דאָס בין איך. איך וויל אייך טאַקע זען...

דער מענטש מאַכט אויף איר אַן איינדרוק. די שטימע איז אַ ווייכע. זיין קוק — אַ זיכערער, זיין שמייכל — אַ העפלעכער. ער איז הויך־געוואַקסיק, ברייט־פּלייציק. זיין קאָפּ איז בלאָנד, דער פּנים — גוט געגאָלט, די אויגן ברוין. זעט אויס אַ פרעמדער, אַ נייער, זי האָט אים קיינמאָל נישט געזען. ער באַשטייט אויף זיינס:

— איך זע, אַז איר זייט פאַרנומען. איך בין אויך פאַרנומען. מיר איז שווער צו קומען נאָכאַמאָל. קען איך דאָ אונטערוואַרטן אויף אייך? איך וואָלט וועלן מיט אייך עפּעס רעדן.

— ביי אונדז איז איצט אַ קינדער־פאַרזאַמלונג — אַנטשולדיקט זיך אסתר — אויב איר ווילט, קענט איר אַריינקומען אין זאַל און זיין מיט אונדז ביז די פאַרזאַמלונג וועט זיך ענדיקן.

— דאָס געפעלט מיר — האָט ער געזאָגט — אדרבה, דאָס וועט דאָך נישט דויערן צו לאַנג.

זי האָט געעפנט די טיר פון זאַל און אים אַריינגעלאָזן דעם ערשטן. זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ לעצטער באַנק זיך צו זעצן. אַליין איז זי, שמייכלענדיק, שטיל און שנעל אַוועק צו איר פּלאַץ ביים לערער־טיש.

ער האָט איר נאָכגעקוקט פון הינטן. ער האָט זיך געקענט אויף פרויען:

— זי איז שלאַנק... ווייבעריש...

— אינטערעסאַנט.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז געוואָרן מער אָרדענונג, ווי נאָר אסתר איז אַריינגעקומען. די קינדער האָבן געזען דעם נייעם מענטשן, וואָס איז אַריין מיט דער לערערין, אָבער באַלד אָן אים פאַרגעסן. זיי זענען געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך.

— מיר האָבן שוין מיט דער ביבליאָטעק פאַרענדיקט — דערציילט וואָווע ראַזאָווסקי אסתרן — מיר האָבן אָנגענומען גדליהקעס עצה און די קאָמיסיע בלייבט אויף ווייטער. איצט רעדן מיר וועגן דער לייי־קאַסע. עס איז אַ מעשה מיט אשרן פון פינפטן קלאַס. חנה וויל עפּעס זאָגן...

אסתר האָט באַמערקט אַ שמייכל אויף ברוך לוריעס פּנים. ער וווּנדערט זיך געוויס אויפֿן דערוואַקסענעם לשון פֿון יאָוואַ ראַזאָווסקין. רופֿט זי זיך אָפּ צום פֿאַרזיצער:

— מיר האָבן אַ גאַסט ביי אונדז. ער הייסט ברוך לוריע.

די קינדער האָבן אויף אים נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן.

— וואָלט אפשר עמעצער פֿון די קינדער — זאָגט אסתר ווייטער — דער־ציילט אין אַ פּאָר ווערטער וואָס פֿאַר אַ ליי־קאַסע מיר האָבן?

עטלעכע הענט האָבן זיך אויפֿגעהויבן.

— זאָל זאָגן פֿריידל.

— מיר דאַרפֿן צאָלן צען גראָשן פֿאַר פֿרישטיק אין דער פֿרי. מיר האָבן אַ קאָאָפּעראַטיוו, ווו מיר קויפֿן פּאַפּיר, בלייפֿעדערס. מיר דאַרפֿן צאָלן יעדן חודש שכר־לימוד. טרעפֿט, אַז מען האָט נישט קיין געלט, לייט מען אין דער ליי־קאַסע. מען דאַרף אָפּגעבן צוריק אין צייט...

— מעג איך עפּעס פֿרעגן? — זאָגט דער פֿרעמדער.

— געוויס.

— וואָס טוט מען, אַז מען האָט נישט אָפּצוגעבן אין צייט?

— מאַכט מען אַ צווייטע צייט.

— ווזשע האָט געגומען די ליי־קאַסע איר קאַפּיטאַל?

— יעדעס קינד האָט אַריינגעלייגט צען גראָשן, די לערער, די שול־פֿאַר־וואַלטונג, די עלטערן.

— שטערט איך נישט, איך ווייס שוין, גייט ווייטער מיט דער פֿאַרזאַמלונג, פֿאַרגעסט וועגן מיר.

גייט די פֿאַרזאַמלונג ווייטער:

— מען האָט אַזויפֿיל קינדער געבאָרגט, זיי האָבן נאָך נישט צוריק געגעבן. אַז עס איז שוין באַלד נישטאָ קיין געלט אין קאַסע... — זאָגט דער גרויסער בעל־חשבון פֿון זעקסטן קלאַס בערעלע לופּטשיק. — מיר האָבן געהאַט אין קאַסע 26 זלאָטעס...

זאָגט אסתר:

— שרייב אָן דעם ציפֿער אויפֿן טאָוול.

אָנגעשריבן.

— האָבן מיר אויסגעבאָרגט פֿאַרשיידענע קינדער דריי הונדערט מאָל צו צען גראָשן.

— שרייב עס אָן.

— מיר האָבן אויסגעליִען דרייסיק זלאָטעס.

— אַז איר האָט געהאַט 26 זלאָטעס, ווי אַזוי האָט איר אויסגעליִען דרייסיק?

— מיר האָבן נישט פֿאַרליִען מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, מען האָט אָפּ־געגעבן די חובֿות און ווידער געליִען.

— אויב אַזוי, שטימט.

דעם חשבון מאַכן דערוויל דורך די קינדער מיט די אויגן און מיט די קעפּ. עס שטימט!

— איצט האָבן מיר אין קאַסע נאָר צען זלאָטעס... מיר מאָנען און מאָנען און מען גיט נישט אָפּ... מען קומט נאָך לייען ווייטער. עס קומען אַ צווייטן מאָל אַפילו די, וואָס זענען שוין שולדיק. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר פרישטיק. וואָס זאָל מען טאָן מיט די וואָס באַצאָלן נישט די חובות?

— זאָל מען זיי מער נישט געבן...

— וועסטו באַצאָלן, וועסטו האָבן...

— נישטאָ קיין יחסנים.

— איך באַצאָל אַלעמאָל.

— ביסטו אַ גביר, אַ צעלייגער.

הייבט זיך אויף אַ קליין, דאַר יינגל, שמחה, און זאָגט זייער אומעטיק אַזוי:

— איך האָב נישט באַצאָלט, נישט געהאַט. איך האָב שוין מער נישט גע־וואָלט לייען, ווייל איך האָב שוין דריי מאָל געלייען אויף צו קויפן פרישטיק. מיין מאַמע זאָגט, אַז זי וועט פאַרדינען, וועט זי אָפּצאָלן. אַז מען איז געגאַנגען עסן, האָט פאַר מיר געלייען גדליהקע און מיר צוגעטראָגן. אַז עס ווילט זיך עסן, טאָ וואָס זאָל מען טאָן?...

שמחהס אומעטיקע פראַגע: „אַז עס ווילט זיך עסן, טאָ וואָס זאָל מען טאָן?"

— איז דורכגעפלויגן ווי אַ גרויסער פויגל איבער אַלעמענס קעפּ, געבליבן שטיין וואַרטן אויף אַן ענטפער ביי אסתרס טיש: „נו, וואָס זאָל מען טאָן?".

וועט שוין גדליהקע ווידער עפּעס זאָגן. ער ציט זיין האַנט אין דער הויך. עס ציען זיך נאָך הענט. וואָוואַ ווייסט נישט וועמען הייסן רעדן. אסתר טוט אַ ווינק — זאָל רעדן גדליהקע.

— איך האָב געזען, אַז שמחה נישט ער גייט נעמען עסן און נישט ער גייט לייען אַ צענערל... איך ווייס, אַז ער וויל עסן; פרעג איך אים, זאָגט ער מיר: „שוין געגעסן אין שטוב..." פרעג איך אים: „וואָס האָסטו געגעסן אין שטוב?", זאָגט ער מיר: „אַלץ געגעסן". פרעג איך אים: „וואָס אַלץ געגעסן?", זאָגט ער מיר: „גיי אַוועק פון מיר", און וויינט, און שטופּט מיך מיטן פוס: „גיי אַוועק..." בין איך געגאַנגען און געלייען פאַר אים אַ צענערל... גיב איך אים, שרייט ער צו מיר און שטופּט מיך מיטן פוס: „גיי אַוועק"...

אַ רגע שטיל. גדליהקעס מעשה איז דערגאַנגען צו יעדן איינעם. נאָר שמחה האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. באַלד נאָכדעם איז געוואָרן אַ געשריי פון קינדער:

— גדליהקע, ביסט אַ מזיק...

— שמחה וועט באַצאָלן...

זאָגט אסתר צו שמחהן:

— הייב אויף דיין קאָפּ, שמחה. ווילסטו אויך עפּעס זאָגן?

דאָס האָט אים געגעבן מוט, הייבט ער זיך אויף און זאָגט שטיל, קוים וואָס מען הערט אים:

— מיין מאַמע וועט אָנהייבן פאַרדינען, וועט זי מיר געבן געלט, דערווייל אַרבעט מען נישט אין פאַבריק...

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט. אין זאַל איז אַ גערודער. קינדער רעדן צווישן זיך. מען לויפט אַראָפּ פון די בענק און מען לויפט איינע צו די אַנדערע. אסתר מוז שוין אַליין מאַכן אָרדענונג. עס איז נישט פאַר וואָוועס כוחות.

— זאָל ווערן שטיל... — זאָגט אסתר — אָט אַזוי. זאָל זיך יעדערער זעצן אויף זיין פּלאַץ. אַז איר רעדט אַלע, הערט מען גאָרנישט.

ווערט שטילער. די קינדער באַרואיקן זיך. זאָגט זי ווייטער:

— דאַרפן מיר זיך אומקערן צו דעם, וואָס מען זאָל טאָן פאַר דער ליי־קאַסע, ווען עס פעלט געלט. מען דאַרף האָבן און עס איז נישטאָ.

— דאָס געלט האָבן די גבירים, נישט די אָרעמעלייט!... — טוט אַ געשריי די שטיפערקע דבורהקע.

— מיר דאַרפן נייטיק האָבן געלט אין אונדזער ליי־קאַסע — זאָגט ווייטער אסתר — שמחהס מאַמע האָט נישט קיין אַרבעט, ווייל די פאַבריק שטייט. רבקהס מאַמע אַרבעט נישט, ווייל זי איז נישט געזונט.

טוען זיך אַ הייב אַ סך הענט:

— מיין טאַטע אַרבעט נישט!...

— מיין טאַטע אויך!...

— מיין מאַמע...

רעדט ווייטער אסתר, אַזוי ווי צו זיך אַליין, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געפרעגט:

— וואָסזשע קענען מיר טאָן?... וואָס וועט זיין מיט אונדזער ליי־קאַסע?... היינט איז שוין שפּעט צו געפינען אַן ענטפער. מיר זענען שוין פאַרמאַטערט. מיר וועלן דאַרפן גוט אַרומטראַכטן און געפינען אַ ריכטיקע עצה. מיר וועלן זיך דאַרפן דורכרעדן אויך מיט דער שול־פאַרוואַלטונג. אפשר וועלן מיר צו־זאַמען געפינען אַן עצה?

ריכטיק, ריכטיק — מען קען נישט כאַפּן. די, וואָס דאַרפן געלט, האָבן נישט; די, וואָס האָבן, דאַרפן נאָר פאַר זיך. שווער צו געפינען אַן עצה. אַפילו הונדערט קינדער צוזאַמען געפינען נישט אַזוי שנעל. לאָמיר עס אָפּלייגן ביז דער צווייטער פאַרזאַמלונג.

— שטעלט אייך אויף, קינדער.

אַלע קינדער שטייען. הונדערט קעפּ, צוויי הונדערט אויגן. אסתר שליסט די פאַרזאַמלונג מיט אַ ליד, וואָס זי האָט געלערנט ביי יעקב גערשטיין אין ווילנע:

קלאַפּטזשע, שמידן, לאָזן שפּריצן,

לאָזן טויזנט פונקען בליצן...

אַלע קינדער שטייען שוין, זינגען צוזאַמען דאָס ליד. אסתרס שטימע און אסתרס הענט פירן מיטן געזאַנג. פאַרענדיקט דער טאָג אין שול. די קינדער

לאָזן זיך מיט רעש, מיט געריידן, מיט געפּילדער אַהיים. אסתר באַגלייט זיי אַרויס ביז די טרעפּ. זי קערט זיך אום און דערזעט דעם אומבאַקאַנטן מענטשן נאָך אַלץ זיצנדיק אויף זיין אָרט אין אויסגעליידיקטן זאַל. זי כאַפּט זיך:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר זייט נאָך דאָ, זייט מיר מוחל.

— ס'מאַכט נישט אויס. עס האָט מיר געלוינט. איצט ווייס איך, פאַרוואָס אין האַנטווערקער־שול, ווו עס לערנען מלאכה אייערע געוועזענע תלמידים, רעדן זיי אַזוי וועגן דער פּרץ־שול, וועגן זייערע לערער, וועגן אייך...

— דאָס איז גוט צו וויסן וועגן אונדזערע תלמידים. איצט בין איך גרייט אייך צו הערן. איך דערמאָן זיך, אַז דער חבר זיידל האָט מיר עפּעס געזאָגט וועגן אַ נייעם אינסטרוקטאָר אין דער האַנטווערקער־שול. אַז ער האָט עפּעס פאַר אונדז אַן ענין. זייט איר דאָס?

— יאָ, איך בין דאָס. איך וועל אייך באַלד וועגן דעם זאָגן. נאָר אַ ווײלע. איך בין נאָך אונטערן איינדרוק פון אייער פאַרזאַמלונג. איך האָב געזען אַזעלכע פרוון אין לייפּציק, ביי די ראַדיקאַלע שול־רעפאָרמער; אָבער ביי אייך איז עס גאַנץ עפּעס אַנדערש. עס זענען געווען אויף דער פאַרזאַמלונג צוויי זאַכן — האַרץ און חכמה, צוויי עיקרים, צוויי וועלט־עלעמענטן... אָבער לאָמיר צוגיין צו דעם, צוליב וואָס איך האָב אייך געוואָלט זען.

— אדרבה. איר האָט געזאָגט, אַז איר הייסט ברוך לוריע. אַזוי איז דאָס?

— יאָ, אַזוי הייס איך. איך בין דער מעכאַניק־און־טישלער־אינסטרוקטאָר אין דער האַנטווערקער־שול. יאָ, אויף ביידע מלאכות. איך בין נאָר אַ פּאָר חדשים אין שטאָט. איך האָב געזען די פּרץ־שול אויף אַ שול יום־טוב, איך האָב געהערט וועגן אייער שול, וועגן אייך. וויל איך עפּעס טאָן פאַר אייך. איך ווייס אַביסל וועגן דער אַרבעט־שול, פון לייפּציק, וואָלט איך אייך וועלן מיט עפּעס דינען. אָבער איך זע, אַז איר זייט מיד, אומגעדולדיק.

—הונגעריק, נישט מיד.

— טאָ לאָמיר אַריינגיין עפּעס איבערכאַפּן. איך האָב אויך געמיינט זיך נישט פאַרהאַלטן ביי אייך אַזוי לאַנג. עס האָט מיך אַריינגעצויגן.

— אַנטשולדיקט מיר...

— איר דאַרפט זיך נישט אַנטשולדיקן. עס האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט. לאָמיר זיך אַריינכאַפּן עפּעס איבערבייסן דאָ נישט ווייט אין קאַפע, אויף ניקאָלאַעווסקע.

— אפשר וואָלטן מיר אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער טאָג.

— מען קאָן דאָס אויך, עס געהערט צו אייך. אָבער אויב מעגלעך, וואָלט מיר געווען באַקוועמער היינט. איך קלייב זיך שוין אַ פּאָר וואָכן, גערעדט מיטן חבר זיידל.

זי האָט מסכים געווען אַריינצוגיין מיט אים אין קאַפע. זי איז דאָרט צום ערשטן מאָל. זיי האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל אין אַ ווינקל. די שטאָם־געסט אין קאַפע האָבן זיי נאָכגעקוקט. ברוך האָט געהייסן דעם קעלנער דערלאַנגען

צום טיש ווי אַ געניטער, אַ גרויס־שטאָטישער. פאַר איר איז די סביבה, די אַטמאָספערע געווען ניי, — די גרויסע פענצטער מיט די לאַנגע, שווערע אַראָפּ־געלאָזענע פאָרהאַנגען, די גרויסע מאָלערייען אויף די ווענט, די פרויען און מע־נער שבתדיק אָנגעטאָן, דעם קעלנערס געשיקט דערלאַנגען כלים, שפּייז, צוויי גלעזלעך וויין, זי ווערט ביי־געריק, אסתר, פרעגט זי אים נאָכאַמאָל:

— ווער זייט איר?...

— איך האָב אייך געזאָגט, אַן אינסטרוקטאָר אין דער האַנטווערקער־שול.

— ווי קומט איר אָבער אַהער?

— אין מילחמה־צייט, נאָכן דורכפאַל פון סאַמסאָנאָווס אַרמיי אין מיזרח־פּרייסן, גלייך אין די ערשטע חדשים, בין איך פאַרוואַלגערט געוואָרן ווי אַ קריגס־געפאַנגענער, אַ רוסישער סאָלדאַט, אין דייטשלאַנד. איך בין אַ מעכאַ־ניקער, געענדיקט אין וואַרשע וואַוועלבערגס טעכנישע הויכשול. האָט מען מיך, אַ געפאַנגענעם, געשיקט הינטער לייפּציק צו אַרבעטן אין אַן אַעראָפּלאַן־פאַבריק. איך האָב ליב שניצעריי, טישלעריי, האָב איך דאָרט אויך זיך געלערנט אין אַ קונסט־שול־שניצעריי. נאָך דער מילחמה בין איך געקומען צוריק קיין פּוילן, אין וואַרשע. איך בין אַליין פון ראַדאָמער געגנט. איך האָב געזוכט אַרבעט. מען האָט געזוכט אין וואַוועלבערג־הויכשול אַן אינסטרוקטאָר פאַר ביאַליסטאָקער האַנטווערקער־שול. איך האָב געזוכט אַרבעט, האָט מען מיך געשיקט אַהערצו... אָט האָט איר מיין ביאָגראַפיע.

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב געפרעגט וועגן דעם... — זאָגט אסתר מיט אַ גוטן שמייכל — אַז איר האָט עפּעס פאַרצולייגן פאַר אונדזער שול, האָב איך געוואָלט מער וויסן ווער איר זייט. לאָמיר איצט הערן וואָס איר האָט פאַר־צולייגן אונדזער שול?...

— אויב איר זייט שוין נישט הונגעריק... — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ניין, איר קענט רעדן, איך הער.

— טישלער־וואַרשטאַטן — זאָגט ברוך — אָבער לאָזט מיר נאָך אַ ווײַלע אַראָפּרעדן וועגן אייער פאַרזאַמלונג פון די קינדער. איך האָב געקוקט אין די אויגן פון די קינדער. דער מענטש, אויף וועמענס נאָמען עס איז אייער שול, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די נשמה פון מענטשן זיצט אין אַ תפיסה, דאָס זענען די אויגן, פאַרשטעלט מיט פאָרהאַנגען — די ברעמען.

ווען איר האָט געפרעגט די קינדער: „טאָ וואָס זאָל מען טאָן?" — האָבן זיך אַלע פאָרהאַנגען איבער די תפיסה־פענצטער אַ הייב־געטאָן, אַלע נשמות האָבן אַרויסגעקוקט. זיי האָבן געקוקט אויף אייך און איר אויף זיי.

טראַכט ער אַ רגע און גיט צו:

— איר זייט געווען אויף דער פאַרזאַמלונג איינס מיט די קינדער, אַ גרויס קינד מיט גרויסע, גוטע אויגן.

— איר שרייבט פּאָעמעס... — זאָגט זי.

— ניין, דאָס נישט. איך מאַך נאָר הילצערנע און אייזערנע כלים. איך מאַך שאַפעס, בעטן, טישן, שטולן...

— מיין טאַטע מאַכט בלעכענע כלים... — זאָגט אסתר.

— זענען מיר באַלמעלאָכישע קרובים. מיין טאַטע איז אַ שניצער, און מיין זיידע, און מיין אור־זיידע זענען אויך געווען שניצער...

דערציילט ברוך, אַז זיין אור־זיידע איז געווען אַ שניצער פון ארון־קודשן:

— ער האָט געשניצט ארון־קודשן פאַר האַלב פוילן. איינער פון מיין אור־זיידעס ארון־קודשן שטייט נאָך אין דער אַלטער זאַבלודאָווער שול. מיין טאַטע האָט דערציילט, אַז זיין זיידע האָט יענעם ארון־קודש געשניצט דריי יאָר. איך בין געפאָרן זען זיינע ייִדישע לייבן, די פליגל, די לוחות, די הענט פון די כהנים.

אסתר קוקט אים אַריין אין די אויגן, הערט מיט אינטערעס:

— דערציילט, דערציילט...

— מיין זיידע האָט געהייסן שניאורקע דער שניצער... — זאָגט ברוך און נעמט אָן, דערציילנדיק, אסתרס האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש — האָט אים איינמאָל גערופן דער לאָוויטשער פריץ און אים געהייסן, ער זאָל אויסשניצן אַ גרויסן יויזל מיט אַ צלם אויף דער פלייצע פאַר זיין קלויסטער־פּאַלאַץ. דאָס האָט נישט געוואָלט דער אור־זיידע שניאורקע טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז ער שניצט נאָר עבודת־הקודש. דער פריץ איז אַריין אין כעס און ער האָט געהייסן זיינע כלאַפּעס זיי זאָלן שניאורקע דעם שניצער, מיין קליינעם, אַלטן אור־זיידן, דעם געבענטשטן מייסטער, פאַרשמייסן אויף טויט.

אסתר האָט נישט צוגענומען איר האַנט פון זיינע. אירע אויגן זענען גרעסער געוואָרן און טרויעריקער. ער דערציילט זייער גוט און זייער אמתדיק.

— אהרן־הכהן האָט מקריב געווען די קרבנות אויפן מזבח — זאָגט ברוך — און בצלאל האָט געבויט דעם בית־המקדש, געווען אַ באַלמעלאָכע, אַ שניצער. איך שטאַם פון די בצלאלס, פון די באַלמעלאָכעס. איר זייט אַ לערערין, אַ כהנטע. איר זאָגט אָבער, אַז אייער טאַטע איז אויך אַ באַלמעלאָכע. ווי הייסט אייער טאַטע?

— לייבע דער בלעכער...

— און איר זייט זיין טאָכטער... יאָ, לאָמיר צוריקגיין צום ענין — אַ טיש־לערײַ־שול ביי אייך אין פּרץ־שול. איך בין באַקאַנט מיט דעם ענין אַרבעטס־שול. איך בין גרייט איינצואָרדענען ביי אייך אַ טישלערײַ פאַר די קינדער פון די עלטערע קלאַסן. נישט קיין האַנטווערקער־שול, נישט אויסצולערנען זיי מלאכה, פאַר דעם זענען זיי צו יונג, אָבער — אַ הילפס־וואַרשטאַט פאַר די לימודים, פאַר זייער דערציִונג...

ער דערציילט אסתרן גענויער:

— איך האָב געהאַט אַ ביסל דערפאַרונג אין דייטשלאַנד ביי די ראַדיקאַלע שול־רעפאָרמער. איך האָב פאַר זיי געמאַכט ספּעציעלע שול־מעבל. דאָרט איז אַלץ געווען פיין, אינטערעסאַנט, איך בין געווען נייגעריק, אַ געפאַנגענער סאָלדאַט.

מיינע הענט האָבן ליב אַרבעט. עס האָבן דאָרט אָבער געפעלט די אויגן פון אייערע קינדער, די ייִדישע קינדער, און עס זענען דאָרט נישט געווען אַזעלכע לערערינס ווי איר...

— מען זאָל מיר נאָר געבן אַ באַקוועמען צימער פאַר דעם וואַרשטאַט. איך וועל עס איינאָרדענען. איך וועל אויסלערנען אַ פּאָר לערער, אָדער לערערינס, די עלעמענטאַרע זאַכן ביי דער אַרבעט גלייך...

ער וויל קיינעם קיין טובה נישט טאָן, ער איז נישט קיין בעל־צדקה, ער וויל עס טאָן אַביסל פאַר זיין געמיט, פאַר זיין שטימונג.

— איך בין דאָ נאָך אַ פרעמדער — זאָגט ער — און נישט נאָר דאָ אין שטאָט, איך בין אַ פרעמדער בכלל.

דערציילט ער וועגן דער מילחמה, וועגן שלאַכט־פעלדער, וועגן מיילן בית־עולמס וואָס ער האָט געזען אין דייטשלאַנד, וועגן זיין אַרבעט ביי טראַנשייען אויפן מערב־פראָנט, ווי מען האָט אים און אַנדערע געפאַנגענע געשיקט.

— געלעגן אין אַ טראַנשיי מיט אַ ספּרל אין האַלב־פאַרפרוירענע הענט. ווייטע הימלען מיט ימים שטערן, בלויע ימים מיט דימענטן, און אַרום און אַרום איז טויט. דאָס האָט מיך צעפלאָנטערט. איך בין אַ גר אויף דער וועלט, און — שניץ טייבעלעך.

— האָט איר אַ פרוי?... — וואָגט אסתר אים צו פרעגן — אויב איר ווילט מיר זאָגן.

קוקט ער אויף איר. די דרייסטע פראַגע האָט אים פאַרחידושט.

ענטפערט ער:

— ניין.

נאָך דעם גיט ער צו:

— זיך געהאַט פאַרפלאָנטערט אין לייפּציק מיט אַ מיידל גערטרוד — אַ בלאָנדער קאָפּ, גרינע אויגן, ווייסע לייב, מילך און האָניק. נאָך דער מילחמה איז אַרויסגעקומען צו איר פון געפאַנגענשאַפט איר חתן האַנס. צו מיר איז אַרויסגעקומען מיין פאַרשמיסענער זיידע שניאורקע דער שניצער. זענען מיר זיך צעגאַנגען אין באַזונדערע וועגן. איך בין אַוועק קיין פּוילן מיט אַן אומעט פון אַן איבעריקן.

שווייגט ער, ברוך. צו וואָס האָט ער דאָס אין גאַנצן איר דערציילט? — ער ווייסט אַליין נישט. עס האָט זיך אים גערעדט. זי איז שולדיק — אירע אויגן זענען שולדיק. איר קינדער־פאַרזאַמלונג איז שולדיק.

— בויען מיר אַ געווערק־שול ביי פּרצן?... — פרעגט ער איר, אַריבערשפּרינגענדיק צו אַן אַנדער טעמע.

פרעגט זי אים צוריק:

— וועט דאָס אייך מאַכן מונטערער?... גליקלעכער?...

— גליקלעך? — חזרט ער איבער — עס איז געווען אַ ייִד אַ גרויסער געלערנטער, אַ פילאָזאָף, שפּינאָזאַ — מען האָט וועגן אים געשריבן, אַז פון זיין

בוידים־שטיבל האָט ער געזען צום בעסטן גאָט. אויך געווען אַ באַלמעלאָכע, אַ דימענט־שלייפער. האָט ער געזאָגט: וואָס איז דער סאַמע תמצית פון תנ״ך? — די שטרעבונג פון מענטשן צו לעבן גליקלעך אויף דער ערד. אין די אַלע דריי טויזנט יאָר, פון דעם תנ״ך ביז היינט, איז דאָס נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן.

— מיין מאַמע מיינט אַנדערש — זאָגט אסתר — זי זינגט אַ ליד וועגן אַ גאָלדענער פאַווע, וואָס פליט איבער בערג און טאָלן און ברענגט גליק צו די אומגליקלעכע.

— אפשר ווייסן די מאַמעס בעסער ווי די פילאָזאָפן. אפשר איז דאָ אין די פאָלקס־לידער מער חכמה ווי אין דער פילאָזאָפיע.

— שווער די חכמה פון די פילאָזאָפן פאַר אַזאַ מיידל ווי איך, וואָס דאַרף נאָך היינט אַרבעטן אַ פּאָר שעה אויף נאַטור־וויסנשאַפט־לעקציעס פון ווילנער אוניווערסיטעט. איך פאַרשטיי בעסער אייער תורה וועגן אַ טישלערייי פאַר אונדזערע קינדער. דאָס געפעלט מיר. איך בין זיכער, אַז דאָרט וועט זיין פרייד.

— איך וויל מיט עפּעס דינען אייערע קינדער. איך וועל זיך נעמען צו דעם וואָס פריִער.

— איך וועל זיך דורכרעדן מיט דער פאַרוואַלטונג — זאָגט אסתר — מיר געפעלט דאָס.

— וועט שוין עפּעס אַרויסקומען... — זאָגט ברוך — אַז איך געפעלט דאָס.

זיי זענען אַרויס פון קאַפע. דרויסן איז שוין געווען אָונט. זיי האָבן זיך געגעבן די הענט. ברוך האָט לענגער פאַרהאַלטן איר האַנט. אויגן האָבן זיך צונויפגעקלעפּט אַ רגע און זיך אָפּגעריסן. ער האָט זי געוואָלט באַגלייטן אַהיים. זי האָט אָבער געוואָלט גיין אַליין.

ברוך האָט איר צעררודערט. אַ מאָדנע באַגעגעניש. אַן אינטערעסאַנטער מענטש — אור־אייניקל פון ארון־קודש־שניצער, וואָס ווערט פאַרשמיסן. געענדיקט וואַוועלבערגס היכשול אין וואַרשע. מלחמה... אַן אַעראָפּלאַן־פאַבריק פראָנט־טראַנשייען, אויסגעשטערנטע הימלען און אַ ספרל. אַ בלאָנד מיידל גערטרוד מיט גרינע אויגן.

ער האָט אַזוי טיף אין איר אַריינגעקוקט און גערעדט מיט הייסע און טרויעריקע אויגן:

וואָס איז מיט דיר — אסתר!...

זי גייט פאַרביי דעם פאַלאַץ־פאַרקאַן וואָס איז אויפן וועג אַהיים. אין געמיט שפּילט אַן אומעטיקע פּלייט:

— נפתלי בן הרב — די ערשטע ליבע, געענדיקט מיט טויט.

— מאיר צפת — די צווייטע ליבע, פאַרענדיקט מיט צער.

און ווער איז אָט דער נייער מענטש מיטן בלאָנדן קאָפּ, מיט די ברייטע אַקסלען, מיט שפּינאָזאַן אויף אַ בוידים־שטיבל?

וואָס וויל ער פון איר?...

אויסטערלישע דריי שעה.

בײַם געזעגענען האָט ער איר געזאָגט:

— אין פּאַלאַס־טעאַטער שפּילט וואַרשעווער קאַמער־טעאַטער מיטן גרויסן בינע־מייסטער יאַראַטש, וואָס ווערט אָפּט משוגע אין די טאַטרען־בערג, זוכנדיק דאָרט אַ פֿאַרשפּילטע ליבע. אפשר גייען מיר אים זען?

— אפשר... — האָט זי אים געענטפערט.

דאָס איז געווען אַ הסכם אויף אַ נייער באַגעגעניש.

פֿאַרוואָס האָט ער איר דערציילט וועגן יאַראַטשן, וואָס זוכט אַ פֿאַרשפּילטע ליבע אין די טאַטרען און ווערט משוגע אין די בערג?...

## זיבעטער קאַפּיטל

# מען דאַרף העלפֿן אויך די נשמה

די מיטגלידער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג האָבן נישט ריכטיק פֿאַרשטאַנען צו וואָס מען דאַרף סטאָליאַרסקע וואַרשטאַטן אין פּרץ־שול. עס איז דאָ אַ האַנטוועקער־שול אין שטאָט, ווו די תּלמידים קענען שפּעטער זיך לערנען מלאכה. ברוך לוריע איז געווען איינגעלאַדן צו דער זיצונג. ער האָט גע־לאָזט די לערער זאָלן פֿאַרטייטשן פֿאַר די מיטגלידער. די לערער איטשע און אסתּר האָבן עפּעס געזאָגט וועגן דער אַרבעטס־שול, וועגן דער וויכטיקייט פֿון לערנען און דערציִען דורך אַרבעט. די ווערטער זענען געווען וואָגיק, וויכטיק, זיי האָבן שטאַרק געקלונגען אין די אויערן... — טאָ זאָל זיין, וויבאַלד אָט דער ברוך לוריע נעמט זיך אונטער דאָס אַלץ צו מאַכן.

עס מאַכט זיך נישט אַזוי שנעל ווי עס רעדט זיך. עס גייט נישט אַרויס ברוך דרויסן און ברענגט אַריין וואַרשטאַטן און עס ווערט פּרץ־שול אַן אַר־בעטס־שול. מען דאַרף עס צוגרייטן, מאַכן ביסלעכווייז. דערצו איז אסתּר שטאַרק פֿאַרנומען מיט אירע צוגרייטונגען פֿאַר די עקזאַמענעס אין ווילנער אוניווער־סיטעט. דורך נאַטור־וויסנשאַפֿט ווערט דער גאַנצער וועלט־באַשאַף מער פֿאַר־כאַפּנדיק, פּלאַי־פּלאַים. ברוך גרייט די וואַרשטאַטן און אָט־אָט וועט אַלץ פֿאַרטיק זיין צו ברענגען אין שול אַריין.

מען רעדט וועגן דעם אין אַנדערע שולן: „די פּרץ־שול האָט מזל...‟

„זיי יאָגן זיך דאָרט נאָך אויפֿטוענישן, נייעסן...‟. דער אינסטרוקטאָר פֿון דער האַנטוועקער־שול ברוך לוריע טוט דאָס מער „פֿאַר אסתּרן ווי פֿאַר דער שול...‟ — דאָס איז שוין די ווייבערשע נייגעריקייט און רכילות.

ברוך קומט אין די פֿאַרנאַכטן אין פּרץ־שול, אַרבעט, אָרדנט, קלאַפּט מיטן האַמער. אין זיינע אַרבעטס־קליידער שטייט ער און מאַכט פּאָליצעס, קעסטלעך. ער וויל גוט מאַכן. ער וויל אסתּרן זאָל געפֿעלן ווערן. אסתּר בלייבט אין שול נאָך די לימודים, זי לערנט זיך די קינדערשע סטאָלערײַ. ביי דער אַרבעט און

שפּעטער נאָך דער אַרבעט דערציילט ער וועגן די ייִדן אין פּוילן, וועגן זײַנע שטעטלעך. אסתרס ייִדישע סביבה איז געווען אַ ליטווישע, די פּוילישע איז אַן אַנדערע. זי האָט זיי געזען, די פּוילישע ייִדן, אין וואַרשע — זייערע מלבושים, זייער אימפּעט. דורך ברוכן זעט זי זיי איצט בעסער. ער קען זיי גוט, ער רעדט וועגן זיי אַנדערש, מיט זייער אויסשפּראַך, מיט זייער ניגון...

ער קען זיי גוט די ייִדן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און שוואַרצע, קײַלעכדיקע היטעלעך — די ייִדן פון קאָזשעניץ און אַלעקסאַנדער, פון שעבזשעשין און דאַבזשין.

— למשל, יום־כּפּור ביים רבין...

— שמחת־תּורה אין הויף...

כּל־נדרי ביים רבין. טויזנט חסידים אויפן הויף פון דער שול. די שול איז שוין פול. מער קענען נישט אַרײַנגיין. טויזנט ייִדן אין ווײַסע קיטלען, געוויקלט אין טליתים, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל. די ווײַסל שווענקט די ברעגן פון רבינס הויף. דער רבי איז אַליין אין סאָד ביי דער שול, ביחידות. די חסידים זינגען, אַז ער שטײַגט דעמאָלט צו די הימלען... — טויזנט ייִדן אונטער די שטערן שרייען צו די הימלען, בעטן, זינגען. עס איז אויסער צײַט, אויסער רוים. בלויז הימלען, שטערן און גאָט. צווישן זיי — דער הייליקער רבי.

ער דערציילט וועגן דער שמחה ביים לייגן דעם פונדאַמענט פון דער ישיבה אין לובלין. טויזנטער אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, ספּאָדיקעס, בעקעשעס, אַ ים שוואַר־צע און געלע בערד. איין ייִד שטופּט דעם צווייטן, איינער קריכט אויפן אַנדערן, ייִדן פליִען איבער ייִדן אין התלהבות לכּבוד התּורה. מען קריכט אויף רושטאָוואַ־ניעס, אויף טישן, אויף ביימער. האָט שוין נישט אַ חסיד ווו צו שטעלן זײַנע פיס. ער וויל זיך אָבער אויפהייבן און זען דעם באַבעווער רבין ווי ער רעדט, שטעקט ער אַרײַן זײַן פוס מיט אַ חסידיש־באַלעבאַטיש שטיוועלע ביי אַ צווייטן ייִדן אין קע־שענע, און ער שטייט שוין אין דער לופטן, אין דער הויך. ער זעט, ער הערט דעם ווײַס־גרויִען באַבעווער, דעם שר בישׂראל:

— משיח, משיח וועט קומען במהרה בימינו.

דער ייִד, וואָס שטייט ביי יענעם אין קעשענע, טוט ממש אַ פלי אין הימל אַרײַן:

— „משיח, משיח...“

— דאָס זענען די ייִדן פון נעכטן... זיי זענען אַרויסגעוואַקסן פון אַ שטח פון צוויי טויזנט גלות־יאָרן. — זאָגט זי — דאָס איז אַלט־ייִדיש. ווײַזשע וועלן אויס־זען אונדזערע, די ייִדן פון ניי־ייִדיש?

ער ווייסט נישט. ער ענטפערט נישט.

— איך בין געווען אין גרויסן זאַל פון דער ווילנער ייִדישער גימנאַזיע.

— דערציילט אסתר, — זעקס הונדערט יונגע ייִדן אין זאַל. יעדער איינער פון זיי מיטן מחיהדיקן ווילנער ייִדיש אין מויל, מיט קענען און וויסן געשיכטע, לי־טעראַטור, מאַטעמאַטיק, געזעלשאַפט־קענטעניש, מיט דריי שפּראַכן אויף די צונ־

גען. עס איז געווען די „אַקאַדעמיע פון יונג־יידיש”. זיי איז ווויל, וואָס זיי זענען דער אַוואַנגאַרד אין דער נייער יידישער געשיכטע, זיי זינגען נישט אַ באַבעווער ניגון, נאָר אַ נייעם ניגון:

מיר זענען יונג
און דאָס איז שיין...

— די זון האָט אַריינגעקוקט אין ווינטערדיקן זאַל, — דערציילט זי ווייטער — עס איז מיר געווען גוט אויפן האַרצן. זיי ווילן די וועלט איבערמאַכן!... זיי זענען גרייט!...

שמייכלט ברוך און זאָגט, אויסגלייכנדיק אַ לייסטל אין וואַרשטאַטן־צימער:

— קיין מחיצה. גלייך. איך זע אַ גלייכע ליניע צווישן חסיד מיטן פוס ביי אַ יידן אין קעשענע, וואָס פליט צו משיחן, און די יונגע יידן פון זאַל אין ווילנער גימנאַזיע, וואָס פליען די וועלט איבערצומאַכן...

זאָגט אַרויס אסתר אַ זאַך, וואָס זי טראַכט שוין אַ היפּשע צייט:

— מיר וועלן דאָ אויך עפענען אַ יידישע גימנאַזיע. זי וועט זיין די צווייטע נאָך ווילנע.

די וואַרשטאַטן זענען פאַרטיק געוואָרן. די קינדער איז דאָס געפעלן געוואָרן. זיי האָבן זיך גענומען צו זיי מיט חשק. איטשע האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין די וואַרשטאַטן. די קינדער האָבן געוואָלט קלאַפּן מיט די האַמערס, האַקן טשוועקעס, העבלעווען, מאַכן הילצערנע כלים.

עס זענען געווען אויך נישט קיין צופרידענע.

— אַ גרויסע חכמה — זאָגט ליישקע דער ווייסער — מיין טאַטע איז אַ סטאָלער און קען בעסער פאַר איטשען און ברוכן. אין שולע דאַרף מען שרייבן, נישט העבלעווען. אַ סטאָלער איז נישט קיין לערער.

כאַפּט זיך אַריין אין אַרבעט־צימער דער קליינער שוואַרצער קאַפּוזיק, זלמנקע פון דריטן קלאַס. ער וויל אויך וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן אויפן דריטן שטאָק.

ער זעט דריי סטאָלער־וואַרשטאַטן. אין לייסטלעך אויף דער וואַנט שטעקן פאַרשיידענע אינסטרומענטן, מען אַרבעט!

שטייט ער ביי דער טיר און קוקט זיך איין ווי די גרעסערע יינגלעך מיט פאַרקאַשערטע אַרבל זענען פאַרטאָן ווי ריכטיקע באַלמעלאָכעס:

— מען דאַרף „פאַרמאַצעווען” די שרויף.

— מען דאַרף ציִען גלייך דאָס זעגל.

— מעסט אָפּ די קלעצלעך אידער דו צעשניידסט זיי, אויב נישט וועט דייך בענקל האָבן קרומע פיס, ער וועט זיך „קאַטשען” ווי אַ קאַליקע.

— מאַכסטו אַ טעות, איז קאַפּוט...

קוקט זיך איין זלמן ווי צוויי יינגלעך, בערל און לייזער, זעגן אַ ברעטל. עס געפעלט אים. ער וויל אָנטאַפּן מיט זיין פינגער.

— היט זיך...

— מען וועט אָפּזעגן דיין פינגער...
— כאַפּ צו...
טרעט ער נישט אָפּ. ער וויל אויך זיין אַ סטאָלער.
— נעם, נעם אָן פון איין זייט דאָס זעגל און העלף.
טוט ער אַזוי. בערל העלפט אים אונטער. זלמן איז זיכער, אַז ער טוט דאָס אַליין. ער זעגט. ער זעגט און זעגט מיט אַלע כוחות. זיין פּנים איז שוין פאַר־שמירט פון שוויס, זיין ציינגל איז אַרויסגעשטעקט אין ווינקל מויל, ער זעגט, ער זעגט, ביז — עס האָט זיך אָפּגעזעגט. שטייט ער און קוקט אויף די צוויי שטיקלעך האָלץ און זאָגט צו זיך אַליין:
— עס זעגט זיך...
— יאָ, לייזער קען אויך זעגן... ער וועט זיין אַ באַלמעלאָכע...
אַזוי זענען ברוכס וואַרשטאַטן אַריינגעוואַקסן אין דער פּרץ־שול. זיי זענען געוואָרן אַ וויכטיקער חלק פון דער שול, פון די לימודים, פון די באַשעפטיקונגען פון די קינדער. מען האָט ביי די וואַרשטאַטן געלערנט מאַטעמאַטיק, נאַטור־קענ־טעניש, עס איז געוואָרן אַ חשק צו אַרבעטן, צו טאָן, אויסמייסטרעווען כלים — אייגענע שאַפקעס פאַר דער שול, בענקלעך, פּאַליצעס, פאַרריכטן שטיקלעך מעבל.
די קינדער האָבן געוווּסט, אַז דער הויפּט־מייסטער איז ברוך דער אינס־טרוקטאָר. עס איז גוט צו קוקן, ווי די סטרוזשינעס לויפן אונטער זיין העבל, ווי אַזוי — איינס און צוויי און עס ווערט ביי אים פאַרטיק אַ כלי, מען דאַרף טאָן אַזוי ווי ער. און ער ווייזט ווי אַזוי, לערנט, דערקלערט, זאָגט מבינות וועגן די קליינע מייסטערס.
ברוך איז אַריינגעוואַקסן אין דער שול.
ער רעדט צו אסתרן גאַנץ ווייניק וועגן זיך, וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, סיידן זי רופט עס אַרויס בכיוון. זי וויל עס פון אים הערן.
— האָסטו נאָר געאַרבעט אין אַן אַעראָפּלאַן־פאַבריק, צי דו ביסט אויך געפלויגן?
— געפלויגן.
— קענסטו אַליין קירעווען אַן אַעראָפּלאַן?
— דאָס האָבן מיר די דייטשן נישט געטרויט. איך וואָלט געקענט.
רעדט מען וועגן געפאַנגשאַפט אין דייטשלאַנד.
— מיין לעצטע געזעגענונג אין דייטשלאַנד — דערציילט ער אסתרן — איז געווען אין אַ פּאַרק. אין אַן אָוונט זענען מיך דייטשע יונגען באַפאַלן און געשלאָגן. איך ווייס נישט פאַרוואָס. איז דאָס געווען דער הפקר נאָך דער מילחמה?... האָבן זיי געוווּסט, אַז זיי שלאָגן אַ ייִדן, און דעריבער די רציחה?... אפשר איז אין דעם געווען די האַנט פון האַנסן, וואָס איז צוריקגעקומען פון געפאַנגשאַפט — און ער האָט מיך געשלאָגן פאַר זיין כלה?... קען זיין...
איך האָב צוריק נישט געשלאָגן. איך האָב געהאַט אין קעשענע גאַנץ צו־פעליק אַ שלאָסערישע דלאָטע, אָבער זי נישט גענוצט. מיר איז סיי ווי סיי

געווען אַלץ איינס. שלאָגט, שלאָגט. מיין זיידן האָבן אויך גויִים געשלאָגן. איך בין אומגעשליידערט געוואָרן אויף דער ערד. מען האָט מיך געטראָטן מיט די פיס...

— איך מוז זיך ראַטעווען, אויב נישט, איז מיין סוף. איך האָב זיך אַ הייב געטאָן, געלאָזט מיין הוט אויף דער ערד און געלאָפן צווישן דיביימער, אין דער פינצטער. איך האָב געהערט ווי מען יאָגט מיך נאָך, מען שרייט: „לומפּיקער יודע!... פּוילישער שווייןַ!"... איך בין געלאָפן. מיין אינסטינקט האָט מיך געיאָגט. מיין זיידע האָט מיך געיאָגט: — „ראַטעווע זיך..." — ביז איך האָב דערזען ליכט, לאַמטערנעס, איך קום צו אַ גאַס, איך האָב מיך אויסגעמישט צווישן מענטשן...

עס האָט געדויערט ביז ער האָט געקענט קומען צו זיך. ער האָט דערפילט אין זיך אַ געפּאַלנקייט, אַ פאַרלאָזנקייט...

— דו ביסט ווערט געווען, ברוך...

— האָסט עס פאַרדינט...

דאָס איז געווען זיין לעצטע באַרירונג מיט דייטשלאַנד. „גיי קיין פוילן..."

— און ער איז אַוועק.

— דיך צו באַגעגענען, מסתמא... — זאָגט ער צו אסתרן.

זאָגט ער אַמאָל צו איר אַזוי:

— איך בין נישט קיין לערער. איך בין אַ שניצער. איך בין נישט קיין פּאָליטישער מענטש, קיין קעמפער, ווי איך הער דאָ פון יעדן צווייטן מענטשן. איך בין אַליין. דו, אסתר, ביסט אַ לערערין אין אַ נייער שול, האָסטו אַ שם־המפורש. דו רעדסט וועגן פאָלק, וועלט, נייער אָרדענונג... — איך הער נאָר. איך בין צערודערט פון דער מילחמה. פאַר מיר איז רעכט יעדע שעה אין וואַרשטאַט פאַר זיך אַליין. די טואונג, די פאַרנומענקייט דאָ, דו ביסט די לערערין...

ער וואָלט נאָך עפּעס געזאָגט וועגן איר. ער וואָלט איר געזאָגט, אַז אפשר איז דאָס געווען איר שטימע, וואָס האָט אים גערופן צוריק קיין פוילן. ער טוט דאָס נישט. זאָגט ער אַזוי:

— איך וויל נישט זיין, אסתר, סענטימענטאַל... לאָמיר בעסער אַרבעטן. איך וועל דיך לערנען העבלעווען און דו וועסט עס לערנען די קינדער.

פאַרשטייט אים אסתר, פילט אים, און זאָגט אַזוי:

— מען דאַרף העבלעווען נישט נאָר אַ ברעט; מען דאַרף אַמאָל העבלעווען אויך זיך אַליין...

דאָס געפעלט אים. זייערע אויגן באַגעגענען זיך וואַרעם. קוקן זיך אַריין.

— ביסט גערעכט, אסתר, מען דאַרף העבלעווען זיך, העבלעווען די נשמה. אַ ברעט קען נישט העבלעווען זיך אַליין, אַ מענטש קען, אויב ער וויל.

דער אַרבעטס־טאָג איז געענדיקט. זון־פאַרגאַנג איז אין פענצטער, אויף דער וואַנט.

זאָגט ברוך:

— עמיצער וואַשט אויס דעם טאָג און גיסט אין אים אַריין אַ וווּנדערלעכן פאַרנאַכט.

## אַכטער קאַפּיטל

# צעבליטע ביימער

אסתרס לערע אין ווילנער אוניווערסיטעט, די אָפטע רייזעס אַהינצו, די עקזאַמענעס — שוין צוויי יאָר צייט — גייען צום סוף. זי האַלט שוין ביי די שלוס־עקזאַמענעס. זי וועט באַקומען פּאַפּירן, וואָס דערלויבן איר זיין אַ לערערין אין אַ גימנאַזיע. מען רעדט שוין אין ביאַליסטאָק גאַנץ ערנסט נאָכצוטאָן ווילנע — אויך עפענען אַ גימנאַזיע. די קינדער, וואָס ענדיקן זיבן קלאַסן פאָלקסשול, זאָלן קענען גלייך אַריינטרעטן אין פערטן קלאַס גימנאַזיע. מען זאָל פאַרבינדן די גימנאַזיע מיט אַ פאָלקס־שול, וועלן די קלאַסן פאָלקסשול הייסן — די „צוגרייטונג־קלאַסן פון דער גימנאַזיע". מען האָט אַלץ געטאָן צו עפענען אַ יידישע גימנאַזיע אין דער הויפּטשטאָט, אין וואַרשע, האָט דאָס בילדונגס־מיניסטעריום נישט דערלויבט, בשום אופן נישט:

— וואַרשע איז נישט ביאַליסטאָק, וואַרשע איז — וואַר־שע!... עס קען נישט זיין קיין רייד אין דער הויפּטשטאָט וועגן אַ „זשאַרגאָנאָווער גימנאַזיע...".

קען מען נישט אין וואַרשע, זאָל זיין — אין ביאַליסטאָק!...

גיי אָבער עפן גימנאַזיעס, גיי פּלאַנעווע, בוי, ווען דאָס גאַנצע לאַנד ברענט אין קדחת. אין אוניווערסיטעט גופא, אויפן הויף פון אוניווערסיטעט, אין די גאַסן פון ווילנע קומען פאָר געשלעגן צווישן פּוילישע און יידישע סטודענטן, די פּוילישע „קאָרפּאָראַנטן" שניידן מיט גאָל־מעסערלעך יידישע קליידער, מען צופּט יידישע בערד. דאַמפן האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די אַלטע, דומפּיקע קעלערן, פון פּוילנס געשיכטע, פון פּלאַסטן אונטערטעניקייט, פּריצנטום, קלויסטעריי. זשעראָמסקיס חלומות וועגן „גלעזערנע הייזער" זענען געלעגן טויטע. די פּוילישע שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ האָט געשריבן, אַז דער זיידע פון היינטיקן פויער איז געשטאַנען אין פעלד מיט אַן אויסגעמאַגערט פערדל און עס האָט דעם זיידן געשמיסן אַ צאַרישער זשאַנדאַר. היינט שטייט זיין אייניקל אויך מיט אַן אויסגע־

מאַגערט פערדל, און אים, דעם אייניקל, שמייסט אַ פּוילישער זשאַנדאַר. עס טוט מערער ווי — ווו־זשע זענען זיי, די „גלעזערנע הייזער" פון זשעראָמסקיס חלום?...

פּוילן איז קראַנק, עס שטייגט הויך איר טעמפּעראַטור. עס איז אויך קראַנק מיט איר אַ גרויסער טייל פון דער וועלט. טשאַדן, רויכן פון דער וועלט־מילחמה טראָגן זיך נאָך אַלץ איבער לענדער. אַרבעטסלאָזיקייט און אָרעמקייט פון איין זייט, הפקר פון אַ גלוסטיקער, פרעכער נאָך־מילחמה־ראַסע — פון דער צווייטער זייט.

פּוילן וואַרפט זיך אין קדחת. פון איין זייט פון אירע אויסגעצויגענע גרע־נעצן און פאַרכאַפּטע לענדערייען שטייט די וועלט־גיריקע באָלשעוויע, פון דער צווייטער זייט — די נקמה־זוכנדיקע, יונקערישע פּרייסן.

דייטשלאַנד אַ פאַרשפּילטע, אַ געשמיסענע, אַ באַרויבטע טשאַטעוועט מיט לאַנגע מעסערס: „גיב אַוועק פּויזן, דאַנציק, שלעזיע". רוסלאַנד פּלאַנעוועט ווידער וועלט־איבערקערעניש, אויפשטאַנדן, בונט. קומען אַגענטן געהיים פון מזרח און ווינקען און שעפּטשען צו ווייס־רוסלאַנד, צו אוקראַינע: „שטייט אויף, רייסט אייך אָפּ פון די פּאַנעס, פון די כראַביעס".

אויף פּוילנס ווענט שרייבט שוין ווידער דער גורל אין מיטן דער נאַכט: „צעפּוילטקייט און אונטערגאַנג".

דאָרף איז קעגן שטאָט. פּויערים קעגן פּריצים. דער פּויערישער כיטראַק פון הינטער קראָקע גייט אין פּויער־העמדל אין רויטן שניר׳ל אונטערן האַלדז פאַר־כאַפּן די מאַכט. פּילסודסקיס פּולקאָווניקעס לויערן אויף די ענדעקישע פּריצים און גלחים. ווער וועמען? זיי פּלאַנעווען מילחמה סיי אינעווייניק, סיי דרויסן. זיי ווילן אַ גרויס פּוילן — „פון ים ביז ים". זיי שעפּטשען, סודען זיך אויף פּולקאָווניקעס־באַראַטונגען אין פּילסודסקיס פּאַלאַץ וועגן קיִעוו, בערלין. מיט יאָרן צוריק האָט דער געוועזענער „חבר יוזעף", שפּעטערדיקער „מאַרשאַל פּילסודסקי", געזאָגט צו זיינע חברים פון „פּע־פּע־עס": „איך בין געפאָרן מיט אייך צוזאַמען ביז דער סטאַציע „אומאָפּהענגיקייט", איך גיי אַראָפּ פון צוג און איר פאָרט זיך ווייטער אַליין". — איז ער אַראָפּ, אַוועק מיט גרויס־פּוילן־חלומות און גלוסט פון אייגע־נער גרויסמאַכט, מיט עקל, פאַראַכטונג צו פּריציש־ענדעקישער ווערימקייט, אַוועק, אַוועק און מייסטרעוועט אונטערערדיש. פּוילנס לעגענדע — יוזעף פּילסודס־קי אין אַ פעלערינע מיט שוואַרצע, לאַנגע, בייזע וואָנצעס, מיט פאַרגליווערטע אויגן — הענגט אויף די ווענט און שרעקט.

פּוילנס ווירטשאַפט ליגט אין דר׳ערד, בענק קראַכן, איר קרעדיט איז ווערט אַ שפּיי, אַמעריקעס באַנקירן טרויען נישט אַ דאָלער — קאָכן קעסלען מיט אַנטי־סעמיטישן גיפט, יידן דאַרפן זיין די כפּרה:

— זשידזשע, זשידזשע... — שיפּען שלאַנגען אין די בעכט.

— ניע קופּויטשע או זשידאַ... — קלינגען די גלאָקן פון די קאָשטשאָלן.

אויף די קרעסן פון אוקראַינע, וואָלין און ווייס־רוסלאַנד רודערט מען מיט שנאה צו וואַרשע:

— אַפּרייסן... אומאָפּהענגיקע אוקראַינע...

אין די דערפער, באַדעקטע מיט שניי, אין די גערדיכטע באַרג־וועלדער פון גאַליציע, סודעט מען זיך מיט סודות פון מזרח:

— „זייט גרייט...״

— אויפשטאַנד...

שיקט וואַרשע סאָלדאַטן־ראַטעס אויף „פּאַציפיקאַציע״ — דאָרפישע כאַטעס ברענען, זשאַנדאַרן שמייסן, שיסן צעבושטעוועטע פּויערשע יונגען, פירן אַרויס קי און פערד פון די שטאַלן.

דריי מיליאָן יידן זענען צעשראָקן, צעטומלט. די פּוילישע צייטונגען קאָכן פּראַנק און פריי קעסלען מיט סם. די צייטונגס־קעפּ שטעכן מיט שאַרפע, שוואַרצע טייוול־שפּיזן:

— יודעאַ־באָלשעוויאַ...

— זשידזשי־קאָמוניסטשי...

— די יידן האָבן פאַרכאַפּט די שטעט, דעם האַנדל, זויגן אויס דעם פּויער. זיי זענען אַריינגעקראָכן אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אין דער קונסט און זי פאַרזשידזשעט, פאַרפּאַסקודזשעט.

ווינטן פון בערלין, — נאַצישע, ווינטן פון וואַרשע — אַנטיסעמיטישע, — באַגעגענען זיך, ווינטעווען זיך צונויף אין אַ שטורעם און לויפן איבער פּוילן, איבער שטאָט און דאָרף, פּאַטשן אין די פענצטער פון די קלויסטערס, די פּריצישע פּאַלאַצן, די דאָרפישע כאַטעס. מיט זיי מישן זיך צונויף סטראַשידלעס פון מאָסקווע. זיי פליאַסקען מיט שרעקן אין די נעכט.

שטייער־וועגענער, „גראַבסקיס עגלות״ לײדיקן אויס יידישע קראָמען און הייזער, קלאַפּט מען צו מיט טשוועקעס טישן, בעטן, שאַפעס, צו די פּאָדלאָגעס. — זיי זאָלן הייסן „אומבאַוועגלעכע גיטער״, וואָס מען קען נישט, לויטן געזעץ, פאַרקויפן ,אַרויספירן פאַר שטייער.

אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, אין די בתי־מדרשים, אויף אסיפות רעדט מען:

— זאָל מען גיין קיין ארץ־ישראל...

— זיך ראַטעווען...

די יידישע צייטונגען דערציילן פלאַי־פלאַים פון ארץ־ישראל: „מגרשים... אָראַנזשן... קבוצים... דער עמק... דער גליל...״

יונגע זין און טעכטער, אויך פון חסידישע הייזער, גייען אַוועק אין די הכשרות — זיך גרייטן פאַר „דאָרטן״, אָנהייבן אַ נײַ לעבן אויפן אייגענעם לאַנד!...

— יאַבלאָנער חסידים גייען קיין ארץ־ישראל!...

אַ וועלט גייט אָבער נישט, אַ פאָלק פאַרט נישט. דערצו הייבן אָן קומען שלעכטע גרוסן פון דער עליה:

— קריזיס...

— באַרג־אַראָפּ...

רעדט מען אין די געסלעך פון ייִדישער אָרעמקייט און נויט:

— נאָר אַ רעוואָלוציע, נאָר אַ „פוילן פון אַרבעטער און פויערים"...

„זשאַנד ראַבאָטניטשאָ־כלאָפּסקי..."

— וואַרשע און מאָסקווע זאָלן חבר ווערן...

— דער אַרבעטער־קלאַס!...

פאַבריקן און פאַבריקלעך שטייען, נישטאָ קיין אַרבעט, איז מילא די גויִים ווי די גויִים — מיט איין פוס שטייט מען שטענדיק אין דאָרף, עס אַרבעט דאָס ווייב, עס אַרבעטן די קינדער, אָבער וואָס זאָלן טאָן די ייִדן?

מוז מען אויסהאַקן וואַסער פון שטיין. פּרנסה איז דאָך תמיד געווען ווי קריעת ים־סוף.

לאָזט זיך וואַרשעווער נאַלעווקער־גאַס נאָך פּרנסה, פּעטריקאָווער גאַס אין לאָדזש זוכט עצות, זוכט אויך גומיענער גאַס אין ביאַליסטאָק. אַ האַלב מיליאָן ייִדישע מוחות אַרבעטן, עס איז אַ היציקע מאַרך־פאַבריק. די מח־טראַנסמיסיעס ווערן באַוועגט דורך גייסטיקער עלעקטרע, סע דרייען זיך אומגעזעענע פאַנ־טאַסטישע פּאַסן:

— אַ מאַרק פאַר לאָדזשער טעקסטיל אין כינע...

— ביאַליסטאָקער מאַנטלען אין אינדיע...

אין פּרץ־שול, ווי אין אַנדערע שולן, זיצן קינדער אויף די שול־בענקלעך און לערנען. די שול־פאַרוואַלטונגען האָבן נישט מיט וואָס צו צאָלן די לערער. שפּייז האָט מען שוין לאַנג אָפּגעשאַפט. די אינספּעקטאָרן טראַכטן אויס אַלץ נייע צרות, וואַרשע פּראָדוצירט גזרות אויף די שולן.

קומט אַ טראַציקייט, אַ צו־להכעיס — ווייל צרות, ווייל גזרות, לאָמיר זיך האַלטן פעסט!...

קומט אַ האָפענונג:

— עס וועט אַריבער דער שטורעם, דער ברעג וועט זיין באַגאָסן מיט האָ־פערדיקער זון.

— לאָמיר, קינדער, אויפמישן די מעשה וועגן סאַטיע פישער פון י. ל. פּרץ...

זיין גלויבן האָט באַזיגט דעם שטורעם פון ים!

צווישן די לערער, ווי אומעטום, זענען דאָ מאמינים און צווייפלער, שוואַרץ־זעער און אָפּטימיסטן. אויך אַזוי צווישן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, די שול־טוער; פון וואַרשע, פון דער שול־אָרגאַניזאַציע ליוועט מען בטחון:

—זיך האַלטן!... קעמפן!... עס וועט בעסער ווערן!...

דערציילט זיידל דער וועבער, דער פּאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון פּרץ־שול:

— דער שול־אינספּעקטאָר שטשאַבינסקי האָט מיך געזען עטלעכע מאָל אין שול און מיך בייז געפרעגט: „ווער זייט איר?... וואָס טוט איר דאָ?... יעדעס מאָל געפין איך אייך אין שול?... איר זייט דאָך נישט קיין רעגיסטרירטער לערער — וואָס פאַר אַן עסק האָט איר דאָ?״ — האָב איך אים געזאָגט: „איך האָב שוין געזען ביי אונדז אין שול אייניקע אינספּעקטאָרן. איך וועל מסתמא אויך זען דעם, וואָס וועט קומען נאָך אייך...״

דער בונדיסט שואל גאָלדמאַן האַלט:

— דער קיום פון דער שול איז קודם־כל אַ פּאָליטישע פראַגע. דער אויס־גאַנג פון פּאָליטישן קאַמף, דער קלאַסן־קאַמף וועט אַנטשיידן דעם גורל פון דער שול. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ רעזשים פון רעאַקציע קאָן נישט געדייען אַ פרייע שול, אַ סאָציאַליסטישע, און דערצו נאָך אַ יידישע, דאַרפן די לערער אויך זיין פּאָליטישע קעמפער. אין קאַמף ווערט מען געקרעפטיקט.

דער פּועל־ציוניסט כמעלניק האָט אַן אַנדער מיינונג:

— דער זיג פון אַרבעטער־קלאַס וועט מסתמא קומען ברבות־הימים, ווען עס איז. די גוים האָבן צייט צו וואַרטן. איר זעט, אַז די פּע־פּע־עס מאַכן נישט קיין שולן, פאַר זיי איז גוט געוועזן די „פּאָוושעכני״. מיר האָבן נישט קיין צייט און קיין כח. דערציִען מיר אונדזערע קינדער פאַר ארץ־ישראל, האָט אַ זין, אַ באַרעכטיקונג יעדע שעה־שול, די תלמידים וועלן אַרויס פון שולן און ווערן חלוצים...

**דער „אומאָפּהענגיקער״ חבר אַבראַהמעס זאָגט:**

**— מיר לעבן מיט נסים און נסים האָבן שוין געשפּילט און וועלן נאָך שפּילן אַ ראָל אין דער יידישער געשיכטע. עס איז אַ נס וואָס די רעגירונג לאָזט אונדז זשיפּען. איך בין זיך מודה, אַז איך פאַרשטיי נישט דעם נס. מסתמא האָט זי צייט, האָט אַנדערע צרות אויפן קאָפּ, וויל אויסמיידן אַ געשריי פון אַמעריקאַנער יידן. דאַרפן מיר טאָן אונדזער אַרבעט אין דער שטיל, אויסמיידן פּאָליטישע דע־מאָנסטראַציעס, זאָלן דאָס טאָן פּאָליטישע פּאַרטייען, נישט די שול, וואָרום פאַר אונדז קען דאָס מיינען אונטערגאַנג. איך זאָג בפירוש, איך האָב מורא פאַר פּאָ־ליטיק אין און אַרום אונדזער שול...**

דער עלטערער העברעישער לערער לובעלסקי זאָגט אַזוי:

— אַט האָט די מאַכט אין וואַלין געשלאָסן זעקס און אַכציק קלאַסן פון יידישע שולן, זי האָט פאַראָרדנט, אַז די לערער דאַרפן אין פאַרלויף פון צען טעג ברענגען באַווייזן, אַז זיי זענען כשרע בירגער, דאַרפן צושטעלן לערער־צייגענישן, בילדונג־דיפּלאָמען, נו, — גייט, האַלט מלחמה מיט רשעות. און ברויט דאַרף אַ לערער אויך האָבן, אַ לערערס ווייב און קינדער קענען אויך נישט הונ־גערן... דו קענסט גיין אַ שווערן וועג, ווען דו זעסט כאָטש אין דמיון אַ ברעג, קענסט בראָדזשען אין אַ פינצטערן וואַלד, אין דער נאַכט, ווען דו ווייסט, אַז סוף־כל־סוף וועט זיך די נאַכט ענדיקן, עס וועט ווערן ליכטיק; אָבער אַז מען זעט נישט קיין ברעג, ווושע נעמט מען כח?...

זאָגט אסתר:

— מיר וועלן די שול נישט פאַרלאָזן. מיר וועלן אַרבעטן ביז דער לעצטער שעה. זאָל מען זיך נישט צונויפקומען, כדי צו מאָביליזירן די שרעק...

— מען דאַרף איר נישט מאָביליזירן, זי איז סיי ווי סיי דאָ...

— זי איז נישטאָ!... — רופט אויס אסתר — און אַלע אַנדערע ייִדן האָבן מער זיכערקייט?... — מיר זענען נישט געבוירן אין בעסערע הייבעלעך. נאָר מיר ווילן זען דעם סוף, דעם גוטן סוף, דעם קץ... יעדע שעה אַרבעט אין שול, ווי יעדע שעה לעבן, האָט איר אייגענעם קץ — די דערגרייכונג.

גייט אסתר פון דער לערער־פאַרזאַמלונג צוזאַמען מיט ברוכן. ער שווייגט. ער גייט אָבער ביי איר זייט און אסתר פילט מער זיכערקייט נעבן אים. טוט ער אַ קוק אויף איר, פילט אסתר וואַרעמקייט. קוקט זי צוריק אויף אים, אַ כאַפּ שטיפעריש אונטערן אָרעם:

— קום שנעלער...

— שווייג נישט...

— איך וואַרט צו הערן פון דיר... — זאָגט ער.

— וואָס? — פרעגט זי.

— די ווייסט אַליין...

טוליעט זי זיך צו נעענטער צו אים. עס טוען אַ שפּיל אַלע אירע אברים:

— לאָמיר היינט גיין עסן וועטשערע צו אונדז אַהיים, צו מיין טאַטע־מאַמע. עפּעס איז געווען בשורהדיק אין איר שטימע.

—אדרבה, לאָמיר גיין, — האָט ער געענטפערט.

אסתר איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ פריילעכע, אַ מונטערע, געזאָגט צו איר מאַמען:

— וועסט האָבן פאַר אונדז צו עסן? מיר זענען ביידע שטאַרק הונגעריק, אמת, ברוך?...

— אמת... — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— עס וועט שוין זיין, איך וועל שוין מאַכן... — האָט די מאַמע געזאָגט און זיך גענומען עוסקן אין שפּייז־קעמערל. די מאַמע מאַכט אַ געשמאַקן מאַלצייט —אַ געפּרעגלטע שטיקל הערינג, אַן אוגערקע, אַ פאַרווייסטן גריץ, ברויט מיט קעז, טיי...

אסתר האָט געלייגט אַ ווייסן טישטוך אויפן טיש, געלייגט מעסער־גאָפּל־לעפל.

עס איז אָנגעקומען דער טאַטע, לייבע. ער האָט אָנגעקוקט דעם ווייסן טיש, זיך טאָכטער אסתרן, ברוכן. ער האָט אין קוק געפרעגט שטיל מאַשען:

— וואָס איז?...

— איך ווייס נישט...

זאָגט אסתר צו איר טאַטן:

— ברוך איז אויך אַ באַלמעלאָכע. ער קען מאַכן אַעראָפּלאַנען...

— אַ צו גרויסער באַלמעלאָכע פאַר מיר.

— ער איז אַ לערער פון סטאָלעריי אין וויסאָצקיס האַנטווערקער־שול און ער האָט געשטעלט וואַרשטאַטן ביי אונדז אין שול.

— אַזעלכע רייד פאַרשטיי איך, איך מיין סטאָלעריי...

זיצט שוין דער טאַטע אויך ביים טיש. די מאַמע פּאַרעט זיך אין קליינעם קיכל ביים פייער אונטערן דרייפוס אין פאַררויכערטן ווינקל פון דער פּליטע.

— איך בין שוין לאַנג נישט געווען ביי אַזאַ היימישן פייער... — זאָגט ברוך צו אסתרן.

— איז דאָ נישט בעסער ווי אין קאַפע אויף ניקאָלאַעווסקע?

— דאָ איז היים, דאָרט איז דרויסן.

מען עסט צוזאַמען וועטשערע. פרעגט נישט אסתר ברוכן און זי זאָגט צו איר מאַמען:

— ברוך וויל נאָך אַ שטיקל הערינג...

— אָט שוין...

אַ מאַמעס האַרץ פילט. דאָס וואָרט „ברוך וויל" האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין מאַמעס טרויעריק האַרץ. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם ברוך ביים טיש און געזאָגט צו זיך אַליין:

— אַ פיינער מענטש, אַ סטאַטעטשנער...

לייבען האָט אָבער געראָפעט וואָס אסתר האָט פריער געזאָגט, פרעגט ער איבער ברוכן:

— קענט איר טאַקע מאַכן אַעראָפּלאַנען?

— מאַלע וואָס אייער טאָכטער זאָגט.

— טאַטע, גלויבסטו דיין טאָכטער?...

— אַ קשיא דאָס איז. דו ועסט נישט אויסטראַכטן.

לייבע וואָלט וועלן נאָך רעדן וועגן דער מלאכה, ווי באַלד עס זיצן ביים טיש צוויי באַלמעלאָכעס; אָבער דערווייל האָט זיך פאַרצויגן דער שמועס צווישן זיי ביידן — צווישן אסתרן און ברוכן:

— עס גייט דאָך נישט, ווי איך פאַרשטיי... — זאָגט ער — איז די איינצלנע שולן, זיי זענען דאָך נאָר משלים, דער נמשל איז — געכפּלט אין די הונדערטער לעתיד לבא.

„לעתיד לבא" — קלינגט גוט אין לייבעס אויערן. ער מוז זיין אַ שטיקל למדן.

— אַ שול־נעץ פון הונדערטער שולן מיט מלוכה־רעכט און מלוכה־אויס־האַלטונג איז דער חלום. ווען ער וועט מקוים ווערן, קען זיין, וועלן דעמאָלט די מלוכה־שולן נישט טויגן. איך בין נישט קיין חסיד פון מלוכה. איך האַלט נישט, אַז די קינדער זענען דאָס אייגנטום פון דער מלוכה. דערווייל האַלט מען ביי דעם משל, ביי די איינציקע שולן, און מען רעדט, און מען רעדט וועגן גרויסן חלום, וועגן דער שול־נעץ, וועגן דער יידישער מלוכה־שול, מיינט עס, אַז מען רעדט און מען מיינט גאָרנישט...

— רעד קלאָרער, איך פאַרשטיי נישט...

— נישט רעדן וועגן שול־נעצן, נאָר מאַכן איין גוטע שול מיינט, ביי דער לאַגע, אַז מען מייגט אַלץ. איך באַמי זיך צו מאַכן אַ גוטע בעט פאַר אַ מענטשן צו שלאָפן. איך קען נישט מאַכן בעטן פאַר אַלע מענטשן. זאָלן קומען אַנדערע סטאָלערס און אויך מאַכן.

— בעטן זענען נישט קיין שולן... — זאָגט זי.

— אָט בין איך געווען ביי דיר אין קלאַס — זאָגט ער — ביי דיר אין קלאַס פון פערציק קינדער.

די מאַמע האָט געהערט דאָס וואָרט ביי „דיר" — דו, דו, דו... — דאָס איז אַריינגעלאָפן אין איר האַרץ, אין מאַרך, ער „דוצט" איר. זיי רעדן וועגן בעטן, וועגן מעבל.

גייען זיי חתונה האָבן?...

— איך האָב געזען — רעדט ער ווייטער — ווי אַזוי דיינע קינדער האָבן געמאָלט בילדער צו פרצס מעשה, וואָס דו האָסט פאַר זיי געלייענט.

ווידער „דו". די מאַמע האָט עס גאָר ביז איצט נישט געוווּסט.

— דו האָסט פאַר די קינדער געלייענט וועגן אַ פאַרדאַרטן גאָרטן, וואָס האָט זיך צעבליט נאָך דער ברכה פון צדיק...

„ברכה פון צדיק"... — די דריי ווערטער פאַלן בכבודיק אַריין אין לייבע דעם בלעכערס האַרץ.

— איך האָב געזען ווי דער גאָרטן האָט זיך צעבליט פריִער אויף די פּאַפּירן און באַלד אין די אויגן פון די קינדער. די קינדערשע אויגן האָבן געהאַט ליכט. זיי האָבן געקוקט אין אַ געבענטשטער צוקונפט.

— אין די אויגן קען מען זען וואָס מען וויל — זאָגט אסתר — שווערער איז אויפן פּאַפּיר...

— איך האָב געזען, אסתר, אויך אין דיינע אויגן אַ צעבליטן, געבענטשן גאָרטן...

— און אין דיינע?... — פרעגט זי אים מיט אַ שמייכל.

— איך ווייס נישט. מען קען נישט קוקן אין אייגענע אויגן. איך ווייס נאָר, אַז איך בין געווען אַ צייט אויף אַ פוסטער לאָנקע, איצט בין איך אין אַ סאָד מיט צעבליטע ביימער, קאַרשן־ביימער, שמעקעדיקע עפּל־ביימער.

די מאַמע האָט דערלאַנגט אַ פּאָר עפּל צום טיש, זי האָט אויך דערלאַנגט טיי, קיכעלעך און איינגעמאַכטס.

שטום האָבן גערעדט מיט שמחה דער מאַמעס הענט מיטן כיבוד.

אסתר האָט פלוצלונג געטאָן אַ קוק אין ברוכס אויגן. אַ דרייסטקייט האָט אַ שלאָג געטאָן אין איר. זי האָט אַ רוף געטאָן צו דער מאַמען:

— קום אַהער, מאַמע, זאָג אונדז „מזל־טוב"...

ברוך איז געוואָרן איבערראַשט. אסתר האָט אים אַ נעם געטאָן מיט ביידע הענט.

— מאַמע, ער איז מיין חתן...

מאַשע איז געוואָרן צעטומלט. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. זי האָט געקוקט אויף לייבען — אפשר וועט ער עפּעס טאָן, זאָגן. דערווייל איז איר טאָכטער אַרויפגעפאַלן אויף איר און זי אויסגעקושט מיט טרערן אין די אויגן.

— זאָג אונדז, מאַמע, מזל־טוב...

ברוך איז אויך אונטערגעקומען, אַרומגענומען אסתרס מאַמען.

— לאָמיר אויך אַ קוש טאָן, מאַמע...

— קינדערלעך... קינדערלעך... — האָט מאַשע געפּלוידערט — זאָל זיין מיט מזל... טאָכטער מיינע...

ברוך האָט דעמאָלט געזאָגט צו לייבען:

— זאָלן זיך צוויי באַלמעלאָכעס געבן די הענט.

— זאָל דער השם יתברך העלפן... — האָט לייבע זיך אויפגעשטעלט — זאָל זיין מיט מזל, ברכה און הצלחה...

נעמט אַרום אסתר ברוכן און זאָגט צו אים:

— זע נאָר זע, איך האָב גאָר פאַרגעסן דיך צו פרעגן, צי דו ביסט מסכים, צי ווילסטו מיך פאַר אַ כלה...

דאָס וואָרט „כלה" האָט ווייס, ליכטיק אָפּגעקלונגען אין שטילן הויז.

— ווען דיין טאַטע האָט געזאָגט — האָט ער געענטפערט — „זאָל השם יתברך העלפן" — האָב איך ווידער געזען אין דיינע אויגן די צעבליטעביימער פון דער מעשהלע.

שפּעטער אַ ביסל האָט לייבע דער בלעכער גערעדט תכלית.

— ווו זענען דיינע עלטערן?...

— מיינע עלטערן?... — אויפן ראַדאָמער בית־עולם, זכרונם לברכה.

— זכרונם לברכה... — האָט לייבע איבערגעחזרט דאָס יראת־הכבודיקע וואָרט — ביסט אַ יתום, אַ קיילעכדיקער יתום?...

— אַזוי.

— וועלן מיר זיין דיין טאַטע־מאַמע.

דערציילט אסתר איר טאַטן ברוכס יחוס:

— זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין אור־זיידע זענען געווען ארון־קודש־שניצער.

צו ברוכן זאָגט זי:

— איך דערקען זיך אַליין נישט. אַלץ אַזוי אומגעריכט. איז דאָס טאַקע וואָר?... האָסטו זיך געריכט אויף מיר?...

— דאָס איז וואָר. אַזוי קען האַנדלען אסתר.

— שולדיק זענען — זאָגט זי — די צעבליטע ביימער.

## ניינטער קאַפּיטל

# דרשה־געשאַנק

די נאַכט פון תקיעת־כף... — האָט ברוך גערופן די וועט־טשערע ביי אסתרן אין הויז, ווען ער האָט זיך געקושט מיט דער כלה און איר מאַמען.

ער האָט געזאָגט צו אסתרן:

— דו ביסט געוואָרן פאַר מיר אין יענער רגע אַן אַנטפּלעקונג.

— איך האָב דיך איבערראַשט — זאָגט זי — און איבערראַשט זיך אַליין אויך. אַלע מיינע נעכטנס זענען אָפּגעפאַלן אין יענער שעה.

— קיין נעכטן — זאָגט ער — קען זיך נישט לייגן אַזוי שווער אויף דער וואָגשאָל און איבערוועגן דעם מאָרגן.

זי איז פאַרליבט. דאָס פילט זי איצט אין אַלע אירע אברים. וואָס איז ליבע? ברוך זאָגט, אַז דאָס איז שיינקייט און שיינקייט זאָל זיין געטלעכקייט. גייט דען אין נאָמען? וואָרום וואָס איז דען אַ נאָמען?

אַבי דאָס לעבן הייבט זיך אָן פון דאָס ניי.

— בראשית...

זי איז מער נישט קיין קליין, יונג מיידעלע. זי איז מער נישט די אומשולדיקע פאַרליבטע יונגע לערערין. זי איז אַ רייפע פרוי. זי איז מיט אַ קלאָרן קאָפּ אויף אירע פּלייצעס:

— ברוך וועט זיין מיין מאַן...

אַלע יאָרן אין איר, אַלע כוחות אין איר וועזן, דאָס הייסע בלוט אין איר — אַלץ שרייט מיט אַלע שטומע גלוסטן:

וועסט זיין זיין ווייב...

און פון יענער שעה פון „תקיעת־כף" איז ברוך געוואָרן אחריותדיקער, וואָגיקער, דרייסטער. ער נעמט אסתרן אין זיינע אָרעמס, ווי זיינס, זיין אסתר, זיין כלה, זיין ווייב. קושט אויס אירע ליפּן, איר האַלדז מיט אַזאַ קראַפט און פאַר־

כּאַפּטקייט, אַז אסתרן פאַרדרייט זיך דער קאָפּ — זי איז זיינע, אין גאַנצן זיינע:
— מיין ברוך...

זי קען עס מער נישט האַלטן אין זיך. זי זאָגט עס אָן אין שול. מער פאַר אַלע לערער האָט זיך געפּרייט אידאַ, די געקוועלטע פּיאַנאָ־לערערין. זי האָט געפּלוידערט, האַלטנדיק אסתרן אין אירע אָרעמס:

— איך בין אַזוי גליקלעך פאַר דיר, אסתר. איר זייט אַ פּאָר פון גאָט.

— מזל־טוב! — האָט איר געזאָגט איטשע מיט דער באָרד — איר זאָלט האָבן אַ טוץ קינדער.

אסתר האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז זי גייט פּראַווען אַ חתונה, ווען ברוך האָט גערעדט וועגן דעם זייער קלאָר און געמאַכט פּלענער.

— מיר וועלן חתונה האָבן, כשר חתונה האָבן, כדת וכדין... — זאָגט ברוך — דו וועסט פון דער שול נישט אַוועקגיין. דאָס איז דאָך אַ טייל פון דיין לעבן.

— איך וועל באַקומען דעם אַטעסטאַט פון אוניווערסיטעט און מיר וועלן זיך שטעלן בויען אַ גימנאַזיע. דאָס אור־אייניקל פון ארון־קודש־שניצער, וואָס האָט געבויט אַעראָפּלאַנען אין לייפּציק און לערנט סטאָלעריי ייִדישע יינגלעך אין ביאַ־ליסטאָק, וועט זיין מיין מאַן, און איך וועל הייסן אסתר לאַפּידעס־לוריע...

— איך האָב זיך געפילט אַ פאַרלאָרענער אין לעבן — זאָגט ברוך, — איך האָב זיך אַליין געפונען דורך דיר. דו וועסט לערנען די ייִדישע קינדער תורה און איך — מלאכה.

— וועסט זיי געבן תכלית...

ער קומט פאַרנאַכט אין שול אַריין, ער געפינט אָפּט אסתרן אין וואַרשטאַט פון דער שול. זי קערט אויס די סטרוזשינעס מיט אַ גרויסן בעזים. זיי זענען דאָרט ביידע. ער נעמט אין זיינע באַלמעלאָכישע, האַרטע הענט איר קאָפּ, קושט זי אויס. אין ווערקשטוב איז דעמאָלט אַ רעש, וואָס נאָר זיי ביידע הערן. עס שווייגן נישט די הערצער, עס שווייגן נישט די דלאָטעס, די העבלס. אין אַרבעטס־צימער איז טונקל. עס איז בין־השמשות. אין געמיט איז אָבער באַגינען.

— גלייב יאָ, גלייב נישט — זאָגט ער צו איר — אין באַשערטקייט. עס איז באַשערט געווען. איך האָב מזל געהאַט דיך צו געפינען.

לייבע האָט געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם. זיין אידעם געפעלט אים. ער קומט אַריין אָפּט אין שטוב, מען זיצט צוזאַמען ביים טיש און ער ווערט אים — ווי ער זאָגט מאַשען — אַזוי ווי אַן אייגענער זון. מאַשע זאָגט אים: „מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף אונדזער אסתרן". לייבע מיינט, אַז מען וואָלט דאַרפן רעדן וועגן זמן־חתונה, מען דאַרף שטעלן אַ חופה. ווער קען וויסן, היינטיקע צייטן. ער פילט זיך לעצטנס נישט מיט אַלעמען. ער וועט עס אָבער לאָזן צו זיין טאָכטער.

— זי איז דאָך אַ פאַלנער מענטש...

אין איינעם פון יענע אָוונטן האָט זיידל דער וועבער אויפגעזוכט אסתרן ביי איר טאַטע־מאַמע אין שטוב. ער איז נישט געקומען אַליין, מיט אים זענען

געווען פישל, דער סעקרעטאַר פון דער שול־אָרגאַניזאַציע און שמערקע מער־לינסקי פון דער וואַשליקאָווער פאָלקס־שול. ברוך איז אויך בשעת־מעשה אין שטוב. זיידל האָט שוין גוט געוווסט, אַז זיי זענען חתן־כלה, און ער האָט שוין געהאַט אָנגעוווּנטשן אַלדאָס גוטס אסתרן.

— וואָס איז, זיידל? — האָט אסתר אים געפרעגט.

— מען דאַרף ראַטעווען די שול אין וואַשליקאָווע. איך וויל, אַז דו, אסתר, זאָלסט פאָרן צום אינספעקטאָר.

— וואָרום וואָס איז?

דאָס ווערט דערקלערן פישל:

— איר זאָלט אַראָפּפאָרן צוזאַמען מיט שמערקען פון וואַשליקאָווע צום גראָדנער אינספעקטאָר און זען פועלן. שמערקע וועט דאָס דערציילן גענויער.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, דער רשע, דער גאַליציאַנער, האָט זיך אָנ־געזעצט אויף אונדז, ער וויל אונדז אומברענגען... — זאָגט שמערקע — פּראָסט און פשוט.

איז די מעשה אַזוי געווען:

— מען איז געקומען צו אונדז מיט אַ טענה, אַז דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט דאַרף האָבן די דירה פון אונדזער שול, אונדז וועט מען אַרויסזעצן. פּאָליציי וועט שוין זען, אַז קיין באַלעבאָס זאָל אונדז נישט פאַרדינגען קיין דירה פאַר דער שול, וועלן זיי פון אונדז פּטור ווערן.

גייט די מעשה ווייטער אַזוי:

— פּאָליציי האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז דינסטיק אינדערפרי זאָל די שול־מעבל אַרויסגעוואָרפן ווערן; אַכט אַ זייגער זאָלן קומען די פּאָליציי־לייט. די קינ־דער זאָלן נאָך נישט זיין אין שול.

די קינדער האָבן זיך שטילערהייט צונויפגענומען, אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע פאַרזאַמלונג. אַ שילערין פון פינפטן קלאַס, מירטשע די קליינע, האָט אַזוי גע־זאָגט: „אַלע קינדער זאָלן זיין זיבן אַ זייגער אין שול“. — אַזוי איז געווען. זיבן אַזייגער אינדערפרי זענען געווען אַלע קינדער. זיי האָבן צונויפגעשלעפּט אַלע שול־בענק אין שול־זאַל. אויסגעזעצט זיך אויף די בענק — שאַ, שטיל.

אַכט אַזייגער זענען געקומען די פּאָליציי־לייט. אין איין צימער — שטיל, ליידיק. אין צווייטן צימער — אויך אַזוי. זיי הערן אַ שעפּטשען פון שול־זאַל — אַלע קינדער זיצן אויף די שול־בענק, האַלטן זיך פעסט מיטביידע הענט אָן די בענק און שרייען מיט באַנומענע קולות:

„ניין! ניין!... ...“

דער געשריי האָט זיך אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס, עס איז דער אָפענער מאַרק. מען האָט געהערט אַ געשריי באַגינען, האָט מען אָנגעהויבן לויפן פון אַלע הייזער. אין געציילטע מינוטן איז שטעטל געשטאַנען אויף די פיס. די אַר־בעטער זענען געלאָפן פון די פאַבריקן. עס איז געוואָרן אַ בהלה. די פּאָר פּאָליציי־לייט האָבן זיך נישט געקענט אַליין קיין עצה געבן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר

שטאָט, זענען זיי געלאָפן אַהער־אַהין, טעלעפאָנירט, עס איז געבליבן:
— „מירן זען שפּעטער..."

דערווייל האָט מען די דירה נישט צוגענומען פאַרן קאָמענדאַנט, אָבער מען לאָזט נישט אַריין די קינדער. דער אינספּעקטאָר זאָגט, אַז ער האָט מער נישט קיין צוטרוי צו דער שול־פאַרוואַלטונג און צו איר פאַרזיצער שמערל מעכלינסקי, ווייל „זיי האָבן אויפגעהעצט די קינדער צו מאַכן אַ בונט קעגן דער פּאָליציי".

שמערקע האָט געענדיקט דערציילן. עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. מען מוז ראַטעווען. מען זאָגט, אַז די לערערין אסתר דאַרף פאָרן צום אינספּעקטאָר — זי איז אַ לערערין, זי איז פון ווילנער אוניווערסיטעט, זי רעדט גוט פּויליש.

וואַרט שמערקע אויף דער פּעולה פון זיינע רייד. אסתר וואַקלט זיך:
— איך? וואָס קען איך טאָן?

— וועסט פאָרן מיט שמערלען — זאָגט זיידל — נאָכסאָל האָבן מיר דיך געשיקט אין אוניווערסיטעט...

— איר וועט זאָגן — לערנט איר שמערל — אַז אויב דער קאָמענדאַנט דאַרף אַ דירה, וועלן מיר קריגן פאַר אים אַן אַנדערע...

וואַרט שמערל מיט בקשה אין זיינע אויגן:
— אסתר, טו דאָס...

ווער איז שמערל מעכלינסקי?

— שמערל האָט שוין אַמאָל געראַטעוועט וואָשליקאָווער שול — דערציילט זיידל דער וועבער.

די שול האָט געהאַט אַ לערער, וועלכער האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן די דחקות אין דער שול, וואָס שמערל האָט מיט אַנדערע חברים אויפגעבויט אין די יאָרן פון דער מילחמה. עס איז נישט געווען צו צאָלן שכירות דעם לערער. דער לערער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן פון טעקסטיל־ שטעטל — עס איז נישט קיין תכלית פאַר אים. ער וועט זוכן אַן אַנדער לערער־שטעלע. שמערל האָט דאָס געהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך. סטייטש, סטייטש... — ער האָט אַלץ געטאָן צו קריגן געלט און עס האָט נישט געהאָלפן. עס זענען געווען בלויז האָפענונגען — מאָרגן, איבערמאָרגן, אפשר וועט בעסער זיין? אַן דעם לערער וועט די שול אונטערגיין. וואָס זאָל שמערל שפּינער טאָן?

— קוקט ער אַרויס אין פרימאָרגן דורכן פענצטער און זעט, אַז אַ וועגל שטייט ביי דער שול. דער לערער פאָרט אַרויס. עס איז נישט געווען אין וואָשליקאָווע קיין באַן־סטאַנציע און מען האָט געמוזט פאָרן עטלעכע קילאָמעטער מיט אַ באַלעגאָלע צו דער באַן.

עס איז געווען קאַלט, בלאָטיק, האַרבסט. אָט־אָט רירט זיך דער וואָגן מיטן לערער. וואָסזשע האָט געטאָן שמערל? — ער האָט זיך געטאָן אַ ריס צום וואָגן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער בלאָטיקער ערד ממש צו די פיס און געשריגן:
— סיידן אַריבער מיר...

עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, אַז דער לערער האָט זיך אומגעקערט אין שול און שמערל האָט זיך אָוועקגעלייגט אין בעט אויף אַ פּאָר וואָכן מיט אַ לונגען־אָנצינדונג. וואָשליקאָווער שפּינער און והעבער האָבן צונויפגעטראָגן אַביסל געלט און די שול איז דעמאָלט נישט פאַרמאַכט געוואָרן.

— ווייס איך וואָס... — זאָגט שמערל — באַלבען אַ מעשה, אַ קו געפלויגן איבערן דאַך... איצט דאַרף מען ראַטעווען די שול...

ווי קומט ער, שמערקע, צו שול?

— נאָך אין „פינפטן יאָר" איז ער געווען אַ מיטגליד פון „קליינעם בונד". ער איז געזעסן אין גראָדנער טורמע צוזאַמען מיטן קרינקער „נר תמיד", וואָס איז בלינד געוואָרן אין קאַרצער... געווען שפּעטער פאַרשיקט אין סיביר פינף יאָר, אַראָפּגעקומען צוריק אין וואָשליקאָווע מיט אַ שוואַרצער באָרד, אָנגעטאָן אין אַן אויסגעניטער לייוונטענער פוילישער רובאַשקע, און מיט אַ סך וויסן אין קאָפּ, ער איז אַוועק שפּינען אין משה זילבערפאַרבס פאַבריק. אין פאַרלויף פון יאָרן האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ ביבליאָטעק פון ייִדישע און רוסישע ביכער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט ביי אים געלייענט. ער האָט געהאַט אויפגעהיט די רויטע פאָן פון „ניינצן פינף".

— וואָס איז, אין פלוג, אַ פאָן? — זאָגט שמערקע — אַ שטיקל רויטע זיידנס, אָפּגעפאַרבט אַזוי ווי אַלע שטאָפן אין אַפּרעטור־פאַבריק. טאָ וואָסזשע איז אייגנטלעך דאָ צו היטן?... הלמאי זיך אַרומטראָגן מיט איר אַזש צען יאָר?... — סיידן דאָס שטיקל זיידנס איז אויף דער דעמאָנסטראַציע, אין דער פאָן, גע־וואָרן גאַנץ עפּעס אַנדערש, אַ לעבעדיקער נפש, באַקומען אַ נשמה.

אין צייט פון דער מלחמה איז ער, שמערקע, דער „ביבליאָטעקאַר", געוואָרן דער בויער פון דער פאָלקס־שול. געווען אַ צייט אַזאַ — פון פאָלקסשולן. אין גראָדנע — שולן, אין קרינקיק — שולן, אין זאַבלודאָווע — שולן, אין וואָלקאָ־וויסק — שולן, דאַרף אין וואָשליקאָווע אויך זיין אַ ייִדישע פאָלקסשול!

— איך האָב געזען אין דעם די צילבאַוווסטע צונויפזאַמלונג פון אַלע מיינע באַוווסטזיניקע יאָרן, אַן אָפּקלאַנג פון די גלעקלעך פון סיבירער יאַמשטשיק.

— דאַרפסט פאָרן... — רופט זיך אָפּ ברוך — איך וועל פאָרן מיט דיר.

דערפרייט זיך שמערקע, איז צופרידן זיידל, ער זאָגט צו איר:

— אַז דו וועסט ראַטעווען די שול, וועט דאָס זיין אַ דרשה־געשאַנק צו דיין חתונה.

אויפן דריטן טאָג האָט דער אינספּעקטאָר אויפגענומען די דעלעגאַציע — אסתרן, ברוכן, שמערקען. פישל דער סעקרעטאַר איז געבליבן אין קאָרידאָר. פאָרגעשטעלט די דעלעגאַציע האָט ברוך מיט זיין עכטן און זינגענדיקן פויליש.

— ווער זייט איר?... — האָט אים געפרעגט דער קנעפּלדיקער אינספּעקטאָר מיט דינע ברילן אויף דער נאָז, ווען זיין סעקרעטאַר האָט אים אַריינגעטראָגן די פּאַפּירן וועגן דער וואָשליקאָווער שול.

— איך בין דער אינסטרוקטאָר פון דער ביאַליסטאָקער האַנטווערקער־שול, ד״ר רייגראָדסקי איז מיין פּאָרזיצער.

— אייער בילדונג?

— וואַוועלבערגס טעכנישע הויכשול אין וואַרשע.

—וואָס פאַרא אינטערעס האָט איר אין דער וואַשליקאָווער שול?

— אַ ריין הומאַניטאַרן.

פרעגט ער אסתרן:

— ווער זייט איר?

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. זי קען אים, דעם אינספּעקטאָר, פון ווילנער אוניווערסיטעט. זי איז אַ לערערין אין אַ ביאַליסטאָקער שול, אַ שכנה פון דער וואַשליקאָווער שול.

— איר האָט געמאַכט גוט די עקזאַמענעס, איך געדענק אייך. איר לערנט אין דער אָרעמער יידישער שול?... דאָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט דערזען שמערקען. — „ווער זייט איר?...״

ענטפערט פאַר אים אסתר:

— דער איידלסטער שול־אידעאַליסט. געווען פאַרשיקט דורכן צאַר אין סיביר. ער איז דער פאָרזיצער פון שול אין וואַשליקאָווע.

אסתר זאָגט נאָך עפּעס:

— מיט אַזעלכע מענטשן ווי שמערל מעכלינסקי ווערט גרינגער צו לעבן אויף דער וועלט.

— דו רעדסט פּאָעזיע... — זאָגט דער אינספּעקטאָר.

—דאָס איז פּראָסטע פּראָזע, הער אינספּעקטאָר.

דער אינספּעקטאָר האָט שוין פון די פּאַפּירן געוווּסט די איינצלהייטן פון דער מעשה וואַשליקאָווער שול. ער האָט געזאָגט צו אסתרן און ברוכן, נישט קוקנדיק אויף שמערקעס זייט:

— מילא, אַלץ ווי אַלץ, די דירה ווי די דירה, אָבער דער בונט פון די קינדער. דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל. דער בונט איז דאָך אָרגאַניזירט געוואָרן. ווי קען מען — קוקט ער אויף שמערקען — אָנטרויען אַזעלכע מענטשן די פאַר־וואַלטונג פון אַ שול?

— איך זאָג אייך דעם ריינסטן אמת — ענטפערט אסתר — עס איז געווען אַ קינדערשער אויפטו, אַן אומבאַהאָלפענע זעלבסטפאַרטיידיקונג. די שול־פאַר־וואַלטער זענען נישט אַזוי נאַריש צו אָרגאַניזירן די קינדער צו אַזאַ טאַט.

— דאָס קען נישט געדולדעט ווערן. די לערער, די פאַרוואַלטער מוזן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

נעמט זיך אָן אסתר מיט מוט און זאָגט אין איר בעסטן פּויליש:

— קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די נשמות פון די קינדער אין יענער נאַכט, אין יענעם פאַרטאָג, ווען זיי האָבן מורא געהאַט,

אַז זיי וועלן שוין מער נישט האָבן זייער שול, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב, האַלטן אַזוי טייער?...

— איך שטעל זיך פאָר. איך קען קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

— דאַרף מען נישט אויסצייכענען אַ שול — זאָגט אסתר ווייטער — וואָס קען אירע תלמידים אַזוי צובינדן צו זיך? זעט איר נישט אין זיי קומענדיקע שטאָלצע, אַקטיווע בירגער פון פּוילן?

— עס איז אָבער געווען אַ בונט.

— רופט דאָס נישט קיין בונט. וואָסזשע דען האָבן געוואָלט די קינדער חוץ ווייטער לערנען אין זייער שול? קומט זיי אַ שטראָף דערפאַר? קומט באַשטראָפן די לערער? עס דערמאָנט מיר מיצקעוויטשעס אַ ליד...

ווי נאָר אסתר האָט אַרויסגעבראַכט די ערשטע שורות פון מיצקעוויטשעס ליד, האָט דער אינספּעקטאָר, ביי זיין טיש, צוגעמאַכט די אויגן, געהערט, גע־שוויגן; געעפנט זיינע אויגן צוריק, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט:

— יאָ, האַלטן מיר ביי וואָס?... רעדט, רעדט... מיר וועלן נאָכזען, מיר וועלן פּרוּוון...

— איך דאַנק אייך! — זאָגט אסתר — אָבער די קינדער וואַרטן דאָרטן אויף אייערע פּאַפּירן.

האָט ער אַ שרייב געטאָן אַ פּאָר שורות, אַ גיב געטאָן דאָס פּאַפּיר אסתרן און געזאָגט האַלבע ווערטער אין דער שטיל, ווי ער וואָלט פאַר עמעצן מורא האָבן:

— גיט דאָס אָפּ אין וואַשליקאָווע.

זאָגט אים ברוך:

— איר האָט, פּאַניע אינספּעקטאָר, געהאַנדלט אין גייסט פון בעכטן פּאַט־ריאָטיזם.

— זייט איצט פאַרזיכטיק.

דער ערשטער איז אַרויסגעקומען אין קאָרידאָר שמערקע און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו פישלען, וואָס האָט דאָרט געוואַרט, מיט אַ פרייד פון זיינע אַלע אברים:

— מזל־טוב...

— זי האָט אָפּגעשריִען...

שמערקע האָט געהאַט אַ האַרץ פול מיט פרייד. עס איז געווען גוט איבער אַלע ברעגן. ער איז מיט פישלען אַוועקגעלאָפן קיין וואַשליקאָווע.

ברוך און אסתר זענען געפאָרן אַהיים.

טענהט ברוך צו אסתרן אין וואַגאָן:

— אָט די שמערל מעכלינסקיס, די זיידל נאָווינסקיס, די פישל קאַצענעל־בויגנס, און דו אסתר, צוזאַמען מיט די שולן, זענען — אויפן הימל אַ יאַריד. איר שטעלט זיך קעגן אַ רעגירונגס־מאַשין, קעגן אַ מלוכה־אַפּאַראַט, קעגן אַ גאַנצן סדר — זייט איר נישט חסר־דעה?... אויך די פרייד שמערקעס, פישלס, דיינע, האָט אויסגעזען ווי נישט קיין היגע, נישט פון דער וועלט.

— און דיינע?... דו האָסט פאַרגעסן זיך צו דערמאָנען.

— ריכטיק — זאָגט ער — מיינע אויך. איך בין שוין אויך אָנגעשטעקט. אַ גליקזעליקייט, וואָס קומט פון דער ווייטנס. עפּעס אַ נישט-געזעענער שפּילט אַ קאָנצערט פאַר אונדז אַלעמען.

ער מוז אסתרן נאָך עפּעס זאָגן:

— אַז דו האָסט גערעדט אין אינספּעקטאָרס קאַבינעט וועגן דעם צער פון די קינדער אין וואַשליקאָווער שול, האָסטו געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אויס-פירערין פון אַ גרויסער שליחות.

— איך האָב געפילט — זאָגט זי — אַז מיר קענען נישט אַוועק מיט אַן אָפּזאָג. דאָס איז אוממעגלעך. דער אינספּעקטאָר האָט דערשפּירט די עקשנות, און די גערעכטיקייט פון די קינדער, ער האָט נישט געקענט ביישטיין.

— ער האָט אויסטערליש אויסגעזען — דער שמערקע, וואָס איז געקומען אַהערצו פון סיביר... — זאָגט ברוך.

— עס איז גוט געווען וואָס ער איז געווען דערביי. איך האָב געדענקט זיין וואַרפן זיך אין בלאָטע צופוסנס די פערד.

קלאַפּן די רעדער פון וואַגאָן און ברוך זאָגט:

— אפשר האָסטו געפּועלט דערפאַר, ווייל עס האָט דיר געקומט אַ צוגע-זאָגטער דרשה-געשאַנק?...

— מיט דעם דרשה-געשאַנק בין איך צופרידן, — זאָגט אסתר.

זי איז מיד. עס האָט זיך אויסגעלאָזן איר געשפּאַנטקייט. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף ברוכס אַקסל. ער האָט געגלעט אירע האָר, זי געקושט אין קאָפּ און געשעפּטשעט:

— אסתר... אסתר... אסתר...

## צענטער קאַפּיטל

# גימנאַזיע

דער פאַקט, וואָס אסתר לאַפּידעס האָט באַקומען די צייגע־ניש פון ווילנער אוניווערסיטעט און זי האָט דאָס רעכט צו זיין אַ לערערין אין אַ גימנאַזיע, פאַרלייכטערט אונדזער אויפגאַבע צו האָבן אַ ייִדישע גימנאַזיע ביי אונדז אין שטאָט... — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג.

אסתר האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ. בליקן האָבן זיך געקערט צו איר. אַנדערע — מיט קנאה, נישט פאַרגינער.

— לאָמיר נישט רעדן וועגן שוועריקייטן — האָט ווייטער געזאָגט דער פאָרזיצער — אָן שוועריקייטן איז ביי אונדז גאָר נישטאָ; מיט אַ גימנאַזיע וועלן אונדזערע פאָלקס־שולן באַקומען מער אָנזען. די גימנאַזיע וועט זיין אונדזערע פליגלען.

— ווו וועלן מיר אָבער נעמען געלט? צו שווער פאַר אונדז אין אַזאַ שווע־רער צייט. די שולן מאַטערן זיך אָן אַ גימנאַזיע.

— מיר הייבן אָן מיט פופציק פראָצענט זיכערע, — זאָגט דער פאָרזיצער — איך מיין דעם דעפיציט. דאָס איבעריקע בויען מיר אויף נסים. אַ שטיין האָט געגעבן ייִדן וואַסער שוין מיט דריי טויזנט יאָר צוריק. מען האָט נאָר געדאַרפט אים גוט אַ קלאַפּ־טאָן מיט אַ שטעקן.

— וואַסער, אָבער נישט קיין געלט, — זאָגט חבר יאָסל.

— אַ גימנאַזיע — זאָגט זיידל — איז ווי אַן עליה ששי, ששי קאָסט טייער.

דער סעקרעטאַר פון וועבער־פאַריין, דער ראַטמאַן אין שטאָטראַט, חבר שואל, איז געגאַנגען לאַנגזאַם צום פונקט גימנאַזיע:

— אין שטאָט איז אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, וועלן זיין צרות מיט דער מאַכט. דריטנס — ווו וועט מען באַקומען גענוג לערער מיט גימנאַזיע־רעכט?... אָבער איך קען נישט זאָגן „ניין“. אָט האָבן מיר דאָך.

צוזאַמען מיט די פּוילישע סאָציאַליסטישע ראַטמענער, זיך דערשלאָגן צו דרייסיק פּראָצענט סובסידיע פאַר די פאָלקסשולן. מען האָט דאָך נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן באַקומען אַ פּרוטה. די ייִדישע ראַטמענער זענען דאָך אויך געווען קעגן. דאָס האָט פאַרגרעסערט אונדזער אָנזען אין שטאָט. ביי די נייע וואַלן האָבן מיר באַקומען מער שטימען. די ענדעקעס האָבן מער נישט געשריִען „זשידאָווסקאַ חוצפּה". דער פּרעזידענט פּוכאַלסקי האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ הונט אויף זיין טאַטן, אָבער נישט געבילט. פאַרביסן די ציין.

שואל האָט אָפּגעכאַפּט אָטעם, אַרונטערגעשלונגען שפּייעכץ אין זיין טרוקענעם האַלדז. זיין הויכער שטערן האָט ווייסער, וויכטיקער אַרויסגעגלאַנצט, און ער האָט אָפּגעציילט די ווערטער:

— „מיר האָבן דעם כבוד איך מיטצוטיילן — אַזוי וועט עמעצער פון אונדז זאָגן אויף דער טריבונע פון שטאָטראַט אויף אַלעקסאַנדראָווסקע גאַס — אַז אַ ייִדישע גימנאַזיע איז געעפנט". — זיי וועלן קראַפּירן.

אין זאַל איז פול געוואָרן מיט עקשנות פון ליטוואַקעס אויף מיטן וועג צווישן ווילנע און וואַרשע:

— „קראַפּירן!..."

דער העברעיִשער לערער ראובן ראַקאָווסקי מיטן בלאָנדן, אויסגעבלייכטן פּנים, אַ געלערנטער אין אַלטע ייִדישע ספרים, מיט אַ מאַטורע פון אַ גימנאַזיע, האָט עפּעס צו זאָגן:

— אַ פּראָגראַם פאַר אַ פאָלקסשול האָבן מיר, פאַר אַ גימנאַזיע איז עפּעס אַנדערש. עס איז דאָך נישט גענוג צו לערנען געאָמעטריע אויף ייִדיש. וואָס וועט מען לערנען אין ייִדישקייט מיט די גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס? אַ העכערער ייִדישער לער־אַנשטאַלט אָן תורה? אָן תלמידי־חכמים?

—וואָס פאַר אַ ייִדישקייט וועט עס זיין אין אַ גימנאַזיע?... אָן רעליגיע?... שוין פיר הונדערט יאָר ווי די וועלט וויל גיין פון רעליגיע צו וועלטלעכקייט און קען זיך אַלץ נישט קיין עצה געבן. מען קען די רעליגיע נישט מבטל מאַכן. ביי אונדז ייִדן איז גאָר אוממעגלעך. ייִדן און אמונה זענען איינס.

— דאָס איז רעליגיעזע מאַמריסטיק — זאָגט איטשע מיט דער באָרד — אמתע אמונה קויפט מען נישט אין קראָם. ריטואַל אָן אמתער אמונה איז נאָר אַש פון אמונה, אַש אָן פונקען.

ראַקאָווסקי איז אַ סך ייִנגער ווי די תורה וואָס קומט פון זיין מויל. זיין בלייכער פּנים איז אַביסל באַוואַקסן מיט בלאָנדע הערלעך. זיינע אויגן זענען קליינע און בלויע, ווי קליינע פלוימלעך, ער באַוועגט נערוועז זיינע ביידע לאַנגע הענט און זאָגט:

— אָן „שמע ישראל" איז נישטאָ קיין ייִדישע דערציִונג. גאַנצע דורות האָבן די מאַראַנען געוווּסט פון ייִדישקייט בלויז איין וואָרט: „שמע ישראל". מען קען נישט רייטן אויף מענדעלעס קליאַטשע מיט מענדעלעס טאָרבע איבער דער וועלט...

רייסט איבער דער פּאַרזיצער:

— מיר וועלן האָבן די זעלבע פּראָגראַם ווי די ווילנער גימנאַזיע. מיר וועלן דאָ אויף דער פאַרזאַמלונג נישט מאַכן קיין פּראָגראַמען. לאָזט אָפּ „שמע ישראל" און נעמט זיך בעסער צו „שמע קולנו". מיר וועלן זיך ווענדן צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען נאָך פינף און צוואַנציק גראָשן באַשטייערונג פון יעדן מיטגליד.

אין מיטן דער פאַרזאַמלונג איז אַריינגעקומען דער ספּעציעלער שליח פון דער שול־אָרגאַניזאַציע פון וואַרשע, דער חבר שלמה. ער איז טאַקע ספּעציעל געקומען צו דער גימנאַזיע־פאַרזאַמלונג. ער האָט זיך צוגעהערט די רייד ביז עס איז געקומען צו אים. „לאָמיר הערן וואָס זאָגט וואַרשע". ער האָט זיך שטיל צערעדט. זיינע ווערטער האָבן אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און פאַרטראָגן אין מרחקים. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, פון דער ערד, און אַוועקגעפלויגן אין דער הויך. ער האָט געשפּאַנט צום „מאָרגן פון דער וועלט", געפלויגן צום „מאָרגן פון יידישן פאָלק", צום „אויפשטייג" און פונאַנדערוווקס פון דער „יידישער קולטור".

— דריי אבות זענען געווען פון דער יידישער שול — זאָגט ער: — י. ל. פּרץ, דער בליץ, יעקב דינעזאָן — רחמים, וולאַדימיר מעדעם, — די אָרגאַנישע באַהעפטונג פון סאָציאַליזם מיט נאַציאָנאַליזם...

נאָכדעם האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די גרויסע מענטשן פון דער וועלט — צו געטע און זשאָרעס, צו גאָרקי און ראָמען ראָלאַן, צו באַדוען דע קורטונעי און זשעראָמסקי. ער האָט זיי אַזוי ווי אַראָפּגעבראַכט אין זאַל אַריין. צום סוף האָט ער אַריינגעפירט זשיטלאָווסקין און דובנאָוון. — מאַכט אַ וואַרע!...

מען קען מער נישט זיין קעגן. גיי שטעל זיך אַנטקעגן דער גדולה, וואָס מען גייט אַנקליידן די ביאַליסטאָקער שולן. דאָך זאָגט נאָך אַרויס ספקות יאָסל דער שלאָסער:

—איך ווייס אַלץ נישט, צי מען קאָן זיך דאָס אונטערנעמען. ווו וועלן מיר געמען כוחות? מיינע קינדער וועל איך סיי ווי סיי נישט קענען שיקן אין גימנאַזיע...

— וועסט קענען! — רייסט אים איבער און זאָגט אים אַריין מיט זיכערקייט דער פאַרזיצער.

ער גייט גלייך אַריבער צו מעשים:

— איז עמעצער קעגן? — קיינער נישט. טאָ לאָמיר זיך נעמען מיט געמיינזאַמע כוחות. לאָמיר גיין אין קאַמף אַקסל ביי אַקסל. לאָמיר שוין באַשטימען אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. מען דאַרף צוציען טוער. זאָל יעדער שול־טוער בלייבן ביי זיין שול. מיר מוזן אויסגעפינען נייע מענטשן.

ער זוכט מיט די אויגן אין גרויסן צימער פון דער פאַרזאַמלונג: ווו זעט מען נייע מענטשן? — ער דערזעט ברוכן נעבן אסתרן. ער קוקט אויף אים אַ רגע מיט אַ בקשה:

— חבר ברוך, זייט אַזוי גוט, שטעלט זיך אויף, מיר ווילן אייך זען. באַהאַלט זיך נישט.

חבר ברוך לוריע הייבט זיך נישט אויף.

— פוילט אייך נישט... שטעלט זיך אויף...

שטייט ברוך און קוקט אויף דער פאַרזאַמלונג. ער איז הויך, ברייטפּלייציק, שמייכלט: „וואָס וויל מען פון אים?...“

— חבר ברוך לוריע — זאָגט צו אים דער פאָרזיצער — איר וועט אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פאַר דער גימנאַזיע. מיר וועלן אייך העלפן. מען וועט דאַרפן פאָרן צום קוראַטאָר אין בריסק.

— ניין, ניין... — זאָגט ברוך און זעצט זיך אַוועק — איך טויג נישט צו דעם. איך בין אַ פרעמדער, בין נישט קיין לערער, קען ווייניק מענטשן אין שטאָט, בין דאָ אַ קורצע צייט.

— דאָך האָט איר באַוויזן צו געפינען אסתרן...

דער זאַל צעלאַכט זיך. ווענדט זיך דער פאָרזיצער צו אסתרן:

— וואָס זאָגסטו, אסתר? וואָס שווייגסטו?

זי קוקט אויף אים — זיי רעדן זיך דורך מיט די אויגן.

— איך קען נאָר העלפן — זאָגט ברוך — זיין איינער פון אַ גרופּע.

זיין שטימע איז געווען ווייך. די פּאָר ווערטער האָבן געוויגן.

— עס געפעלט מיר אייער דרייסטקייט. מען דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען. איך בין גרייט אויך צולייגן אַ האַנט.

אין דער רגע איז ברוך אַריינגעוואַקסן אין דער מחנה.

— געוויס וועט איר נישט זיין אַליין — זאָגט דער פאָרזיצער — אייער נאָמען אַלס אינסטרוקטאָר פון דער האַנטווערקער־שול איז גוט. אייער פּויליש וועט טויגן צו רעדן מיט דער מאַכט.

— זיין הויפּט־מעלה — זאָגט חבר זיידל — איז וואָס אסתר איז ביי זיין זייט.

אסתר האָט געפילט אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן וועגן דער גימנאַזיע. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט:

— מען האָט גערעדט — האָט זי געזאָגט — וועגן פּראָגראַם פאַר דער גימנאַזיע. חבר יאָסל האָט געזאָגט, אַז זיינע קינדער וועלן נישט גיין אין גימנאַזיע, וויל איך עפּעס זאָגן. גייט אַריין אין ווילנער גימנאַזיע און איר וועט האָבן דעם ענטפער אויפן פּראָגראַם. אויך זיי דאַרט האָבן נאָך נישט קיין פאַרטיקן פּראָגראַם. נישטאָ בכלל קיין פאַרטיקע פּראָגראַמען. פּראָגראַמען אַנטוויקלען זיך, ווערן געשאַפן. עס איז שווער? וואָס איז דען לייכט?... טאַקע דערפאַר ווייל עס איז שווער, דאַרף מען זיך נעמען צו דעם.

זי זוכט מיט די אויגן אין גרויסן צימער און שטעלט זיך אָפּ אויף חבר יאָסל שלאָסער:

— דריי טויזנט יאָר, אַז ייִדן זענען אַרויס פון מצרים און ביז היינט דאַרף זיך פילן יעדער ייִד ווי ער אַליין וואָלט אַרויס פון דאָרט. די גימנאַזיע, ווי אונדזער

שול בכלל, איז נישט נאָר פאַר מיין קינד, פאַר דיין קינד קאָנקרעט; זי איז פאַר אונדז, פאַר אונדז אַלע, פאַר דעם נייעם דור. מיר האָט געזאָגט חברטע ראָזאַ סימ־כאָוויטש: אונדזער שול אַליין וועט אונדז נאָך נישט געבן אַ נייע אינטעליגענץ, אַ נייע פירערשאַפט. זי וועט אַרויסקומען פון אונדזערע העכערע לער־אַנשטאַלטן.

— אָבער וואָס איז דיין מיינונג וועגן חבר ברוכס גיין אין קאָמיטעט אַריין?

— דאָס וועט ער אַליין באַשליסן.

וואַרט מען אויף ברוכס ענטפער, זאָגט ער אַזוי:

— איך בין אַ בעסערער שניצער פון געזימשן אויף אַ שאַפע, ווי אַ מאַכער פון ווענט. איך שטעל ליבער צונויף אַ טיש פון קליינע קוואַדראַטנע, אָדער דריי־קאַנטיקע שטיקלעך האָלץ ווי אַ בויער פון זיינע פיס. אויב איר וועט האָבן אַ קאָמיטעט, וועל איך אויך זיין איינער פון אים.

שטעלט ער איבער זיינע פיס, זוכט עפּעס אין זיין מח, טוט אַ שמייכל, ווערט נאָכדעם זייער ערנסט, ברענגט אַרויס שווער די ווערטער:

— איך בין נישט קיין לערער, נישט קיין שול־טוער. פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אומבאַקאַנט לאַנד. אויך איצט בין איך נישט אַריין אינעווייניק, אין שול. מיר געפעלט אָבער דער פאַרמעסט, דער אויפטו, דער צו־להכעיס. אויך אסתר איז פאַרקאָכט אין פּלאַן. איז מילא, נעמט מיך אַריין.

אין די קומענדיקע טעג, נאָך דער פאַרזאַמלונג, האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט. אומר ועושה. מען דאַרף מאַכן פּאַפּירן, זוכן אַ בנין, געפינען „לערער מיט רעכט", מען דאַרף האָבן געלט.

— ביז אַלץ וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען אָנהייבן מיט דריי גימנאַזיע־קלאַסן דערווייל אין דער פּרץ־שול.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ברוך קען האַלטן די זאַך אין זיינע הענט, פאַרטיק מאַכן פּאַפּירן, פאָרן קיין וואַרשע, זוכן אַ דירה, צוגרייטן מעבל...

מען האָט געזאָגט ברוכן אין בריסקער קוראַטאָריום, אַז מען וועט לאָזן אָנ־הייבן דערווייל „אָן פּראַוועס". מען וועט זען שפּעטער, ווי עס וועט זיין. עס האָט אָנגעהויבן וואַרשע אַריינשיקן די ערשטע לערער־קאַנדידאַטן:

פעליא לינדער, אַ טאָכטער פון אַ מאַנופאַקטור־סוחר אויף גענשע גאַס. זי האָט געענדיקט וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אַ לערערין פון דער העברעיִשער גימ־נאַזיע „הרצליה", אַ מיטגליד פון סאָציאַליסטישן סטודענטן־קרייז, אַ ייִדישיסטין. זי איז באַשטעטיקט געוואָרן. ווען זי האָט אַרויסגענומען איר ברוינעם, דראָבנעם נאָטיץ־ביכל אין זיידענעם איינבונד און אַריינגעשריבן אין אים עטלעכע פּרטים און דאַטעס וועגן דער גימנאַזיע מיט אַ דינעם בלייפעדער, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אַ זילבערן קייטעלע איבער איר הויכן האַלדז, האָט מען געזען איר גביריש־חסידישן אָפּשטאַם. זי האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אסתרן.

ד"ר צבי ברוין פון קראָקע וועט דאַרפן לערנען פויליש, העברעיִש און ייִדישע געשיכטע. פאַר אים איז דאָס געווען אַ שאַרפער קער אין זיין לעבן. אַנשטאָט אַ פריידיקער אין מערב־גאַליציע — אַ לערער אין דער ייִדישער גימנאַזיע פון די

סאָציאַליסטן. אַט די מעשה־נורא האָט אין אים אָפּגעטאָן זיין סאָציאַליסטישע מחשבה. לויט זיינע פּאַפּירן דאַרף ער זיין דער אָפּיציעלער דירעקטאָר. ער האָט געהאַט גימנאַזיע־דערפאַרונג אין דער ניי־סאַנצער העברעיִש־פּוילישער גימנאַזיע.

— מיינע פּאַפּירן — האָט ער געזאָגט צו ברוכן — זענען גוט. איך אַליין? — ווען מיר זען. אייער שול איז אַ נייע, מיין לימוד, געשיכטע און העברעיִש. איז אַלט; אָבער אַ שול שפּרינגט נישט, אַ שול מוז האָבן המשך.

— אַלט, ניי, המשך... — האָט ברוך געזאָגט אויך אַביסל פילאָזאָפיש — עס איז דאָך אַרום און אַרום אַ וועלט־קאָנצערט, וואָס אַ רואה ואינו נראה איז זיין דיריגענט. ער מישט און פּלאָנטערט זיין קאָמפּאָזיציע און פירט איר אָן נאָטן.

— גלויבט איר אין גאָט? — האָט אים געפרעגט מיט איבעררעשונג ד״ר צבי ברוין — איז ביי אייך אין גימנאַזיע גאָט אָנגעלייגט?...

— לאָמיר לאָזן די פראַגע הענגען... — האָט אים ברוך געענטפערט רויק, געלאַסן. — איך וואָלט וועלן, אַז די גימנאַזיע זאָל אַרויסלאָזן אירע תלמידים זיי זאָל זיין לייכטער צו לעבן אויף דער וועלט, און ס׳איז אַ צייט ווען ייִדן איז אַזוי שווער צו לעבן. ס׳איז גרינגער צו לעבן מיט גאָט איידער אָן אים. דאָס איז נאָר מיין מיינונג. איך ווייס נישט די מיינונג פון די אַנדערע. זיי זענען דאָ מער פאַראינ־טערעסירט אין רעכט פון מענטשן, ווי אין הימלישע דינים. די רעכט פון מענטשן איז נישט געשריבן אויף די שטערנס.

ד״ר צבי ברוין וויל רעדן וועגן געטלעכקייט. ער איז אַ קענער פון שפּינאָזאַ. זיין דיסערטאַציע האָט ער געשריבן וועגן אמונות. ער וויל וויסן, ווי וועט מען זיך דאָ באַגיין מיטן לימוד פון רעליגיע, וואָס איז פאַרפּליכטעט לויט פּראָגראַם?

— מיר גייען בויען אַ בנין... — זאָגט ברוך — עס איז ווי אַ שרייבער שרייבט אַ בוך. דעם לייענערס נשמה קומט אַריין אין ספר, באַזעצט זיך דאָרט. זוכט, געפינט. אין אונדזער גימנאַזיע וועלן זיך באַזעצן יונגע תלמידים. זאָלן זיי זוכן. גייסטיקס וועט דאָרט געוויס זיין. די גימנאַזיע דאַרף זיי נישט געבן קיין פּאַרטיקס, זי דאַרף זיי אויסלערנען זוכן.

— איז דאָס אויך די מיינונג פון דער גימנאַזיע? — פרעגט איינגעשפּאַרט ד״ר צבי ברוין.

— איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז די מיינונג פון דער לערערין אסתר לאַפּידעס.

זענען געקומען איינע נאָך די אַנדערע טעג פול מיט טוּונג. ברוך פלעגט זאָגן אסתרן נאָך אַ טאָג אַרבעט:

— מיין אַרבעט ענדיקט זיך און דיינע הייבט זיך אָן. אַנדערע לערער קומען פון דרויסן, דו קומסט פון אינעווייניק.

דער סעקרעטאַר פישל האָט שוין אַריינגעגעבן אין צייטונג אַ מעלדונג, אַז עס ווערן שוין פאַרשריבן תלמידים און תלמידות אין דער „ייִדישער גימנאַזיע״. דער רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, דער ייִדישיסט און העברעיִסט, פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר, האָט געדרוקט אַ פייערלעכן אַרטיקל מיט גרעסערע, שוואַרצערע אותיות וועגן דער

נייער יידישער גימנאַזיע. „מען קען האָבן חילוקי־דעות — האָט ער געשריבן — וועגן פּראָגראַם, וועגן איינצלנע לימודים, אָבער אין דער איצטיקער שעה באַגריסט די שטאָט דעם גרויסן אויפטו פון די לערער, פון די קולטור־עקשנים. זאָל די גימנאַזיע מצליח זיין״.

פּאַפּירן, פּראָגראַמען, סכעמעס, לימודים־פּלענער ליגן אויף אסתרס טיש. עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. זאָגט זי צו ברוכן:

— מצליח זיין?... — דאָס שרייבט זיך לייכט. וועלן מיר מצליח זיין?... עס איז אַ פּרווו, אַ פּאַרמעסט. איך פיל זיך ווי ערב אַ מילחמה. ווען נישט דו, ברוך...

— און אַלע אַרום דיר... — גיט ער צו.

— און די ווילנער גימנאַזיע — זאָגט זי.

## עלפטער קאַפּיטל

# בײַם ים

גראָד, צי אום?... ים, צי באַרג?...

עס איז געווען זומער. וואַקאַציע־צייט. אין פּרץ־שול איז שטיל, די טירן צוגעשלאָסן. די האַנטווערקער־שול איז פאַרמאַכט. אסתר און ברוך זענען אין וואַרשע אויף דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג פון אַלע ייִדישע פאָלקס־שולן און פון ווילנער גימנאַזיע. דאָס האַרץ איז פול געוואָרן און די נשמה האָט געהאַט פליגלען. ברוך זאָגט, מען זאָל זיך צוכאַפּן אויף אַ פּאָר וואָכן ערגעץ־ווייט — אָדער צו די טאַטרען אָדער צום ים. באַרג צי וואַסער, גראָד צי אום? — זאָל מען וואַרפן גורל.

זאָל מען דאָס אָפּלייגן אויף אַ טאָג, אויף צוויי טעג, אויף דריי שפּעטער. מען קען זיך נאָך נישט אָפּרייסן פון דער שלום־עליכם־אויסשטעלונג, פון אירע פיר גרויסע זאַלן. די קינדער פון די פאָלקס־שולן האָבן מחיה געווען דורך פאַרב, ליים, פּאַפּיר, האָלץ, שריפט „גאַנץ קאַסרילעווקע". מנחם מענדל איז געפלויגן מיט זיין שירעם איבער „גאַנץ בויבעריק". עס האָט געפּלאַקערט טאָפּעלע טו־טערייטעס שמחת־תורה־פאָן. מאָטל פייסי דעם חזנס האָט געקערט וועלטן — געמאַכט טינט, פאַרקויפט לעמאָנאַדע. בוזי האָט געזונגען שיר־השירים. טביהס פערדל פירט טוביהס מילכיקס קיין בויבעריק. דאָס פערדל איז געמאַכט פון ליים. ער לעבט אָבער אויפן טיש.

— שלום־עליכם דיר, טביה דער מילכיקער!...

און טביהס טעכטער, טביהס איידים פעפערל דער שניידער, היינט חוה און כוועדקע, און האָדל.

— זע, ברוך, די צוויי ייִדישע באַשעפענישן, דעם ייִדישן פערד מתושלח און דעם ייִדישן הונט ראַבטשיק...

אַ הונט אַ ווייסער מיט פלעקן. ער ליגט אויף דער ערד. עס איז נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען קלעפּ. ער ליגט און טענהט זיך אויס אין דער שטיל, ער

האָווקעט נישט, ער בילט נישט, ער איז פאַרטיפט אין געדאַנקען און מיט איין פיסל וויל ער כאַפּן אַ פליג. אונטער דעם בילד איז געשריבן מיט אַ קינדערשן כּתב: „עק וועלט!... אַ הונט זאָל נישט קענען צווישן הינט, צווישן אייגענע, איי־בערלעבן אַ טאָג אַפילו... מעג זיך שוין איבערקערן די גאַנצע וועלט...“

אסתר איז אַזוי אַנטציקט פון ראַבטשיקן, וואָס אַ תּלמיד פון אַ לובלינער שול האָט אויסגעקנאַטן פון ליים, אַז זי כאַפּט זיך אָן פון אַנטציקונג אָן ברוכן:

— האַוו־האַוו־האַוו... — מאַכט זי שטיפעריש נאָך דעם טרויעריקן ייִדישן הונט.

— איך וועל פּרוּוון — זאָגט ברוך — אויסשניצן פון האָלץ דעם זעלבן ראַבטשיק...

נישט ווייט פון ראַבטשיקן, אויפן זעלבן טיש, שטייט מתושלח, אַן אַלטער, אויסגעהאָרעוועטער פערד, אַ האָרעפּאַשנער. ער איז נעבעך, פאַרמאַטערט, פון באַזאָרגן גאַנץ קאַסרילעווקע מיט וואַסער. ער איז איצט אויסגעשפּאַנט פון פעסל וואַסער. עס שטייט נעבן אים די פּאַמעניצע מיט זיין אָרעמען מאַלצייט. זיין אונ־טערשטע ליפּ איז אַראָפּגעלאָזן. די איינציקע זעענדיקע אויג איז צוגעמאַכט, און ער איז פאַרטיפט אין זיינע פערדישע געדאַנקען. עס איז נישט געווען גענוג פאַרן תּלמיד־קינסטלער פון דער בריסקער שול, האָט ער נאָך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק נעבן מתושלחן: — כּתריאל דעם וואַסער־פירער און זיין ווייב כּתריאלעכע...

ברוך קען זיך נישט איינהאַלטן פון התפּעלות, שטייענדיק ביים בילד פון טאָפּל טוטעריטו און זיין שמחת־תּורה־פאָן. דאָס האָט געמאָלן אַ מיידל פון ווילנע. זי האָט דאָס בילד באַצירט מיט געכתיבהטע ווערטער: ייִנגעלע, ווי רופט מען דיך?... „מיך? — טאָפּל דיטל טלמנס“. העכער אַ ביסל!... „טאָפּל דיטל טלמנס“... ביי וועמען לערנסטו?... „ביי דרשין, דאַרדל דרדטי פון דאלאדאניוטע...“

— דו לאַכסט? — זאָגט צו אים אסתר — ביי שלום־עליכמען איז געשריבן: „דער עולם לאַכט און איך וויין“.

— וואָס וויינסטו? — פרעגט איר ברוך.

— איך ווייס אַליין נישט. עס איז מיר סיי גוט און סיי אומעטיק.

— גוט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס אומעטיק?

— פאַר די אָרעמע טאָפּעלעך...

צוויי תּלמידים פון ביאַליסטאָקער מענדעלע־שול האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן טיש מיט אַ שטיק וואַנט מיט זייער שיר־השירים. עס איז פּסח. עס איז די צייט פון שיר־השירים. בוזי איז אין דאָרף. עס איז פרילינג און ליבשאַפט. די זון שיקט אירע לעצטע שטראַלן. שימקע איז פאַרליבט אין בוזין. „איך קוק איר אין די אויגן אַריין און איך זע, ווי עס שיינט אָפּ אין זיי די גין־גאָלדענע זון, וואָס געזעגנט זיך מיטן טאָג“.

און אָט איז דאָס בערגל, אויף וועלכן עס זיצט שימעק מיט בוזין און דערציילן זיך מעשׂיות:

— מיר וועלן זיך אויפהייבן דורך דער כמאַרע און וועלן אַרומרייזן די וועלט...

— ווי אַזוי, שימעק, וועלן מיר זיך אויפהייבן?

— דורכן שם־המפורש...

אויפן טיש ליגט אַ העפט, אין וועלכן אַ דריטער תלמיד פון דער מענדעלע־שול האָט געשריבן וועגן שלום־עליכמס „שיר השירים״.

— קוק, ברוך...

לייענען זיי צוזאַמען אַ שריפט פון אַ תלמיד פון אַ פּינסקער שול, יודעלע כהן:

— „שלום־עליכם לאַכט נישט אויס, שלום־עליכם לאַכט!״

— זעסט, ברוך, די גאונות פון פּינסק! — עס וואַקסט אַ נייער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער, יודעלע כהן פון פּינסק!...

קאַרטאָן, פּאַפּיר, דיקט, האָלץ, פּלאַסטעלין, וואַסערפאַרב, קאָלירטע קרענצ־לעך, סטאָלעריי, מעכאַניק, שניידעריי... — „זע נאָר זע, שיינע־שיינדלס מלבוש, מנחם־מענדלס שירעם, קאַפּאָטע, קאַפּעלושל״...

פון אַלע שטעט זענען זיי געקומען אַהער מיט זייערע קוישן בכורים צו דער שלום־עליכם־פּאַנאָראַמע — פון ווילנע, פון בריסק, פון לאָדזש, פון ביאַליסטאָק, פון וואַרשע, פון לובלין, פון לוצק, פון וויסאָקע, פון ניי־ווילייקע, פון זשעטל...

— זע דונילעוויטש!

— זע הידוציִשעק!

שטייען אסתר און ברוך ביי „אַלט־קאַסרילעווקע״ — פּראָדוצירט אין דוני־לעוויטש — אַ מאַרק, הייזלעך, געוועלבלעך. עס איז אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל. דער סטראַזשניק איז אויפן מיטן מאַרק, יידן, גויים, אַ וואָגן מיט יידן פּאָרט אין מיטן מאַרק־טאָג קיין אַמעריקע.

אויף דעם „אַלט־קאַסרילעווקע״ האָבן געאַרבעט צען מייסטערס פון דוני־לעוויטש, הינטער ווילנע.

זענען געקומען די מייסטערס פון זשעטל מיט אַ „דענקמאָל טביה דעם מילכיקן״ — טביה זיצט אויף דער באַנק מיט זיין ווייב און טעכטער און שמועסן וועגן תכלית־זאַכן. זענען געקומען צו לויפן די מייסטערס פון לובלין מיט „די חלומות פון שמואליק דעם יתום״.

האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן עלף־יאָריקער הומאָריסט פון ווילנע און לעבע־דיק געמאַכט דעם שטרייק פון די הינער; זענען געקומען פינף פּרצס באַלמע־לאַכעס פון ביאַליסטאָק און אויסגעבויט דעם בערדיטשעווער טראַמוויי. אָט שטייט ביים פענצטער דער קאַסרילעווקער מלמד און חלומט זיין וווּנדערלעכן חלום: „ווען איך בין ראָטשילד!״...

ווי זאָל זיך אסתר אָפּרייסן?

זי זיצט אָפּ שעהן ביי די טישן מיט די שריפטלעכע אַרבעטן — בריוו צום שלום־עליכמס העלדן, וואָס קינדער פון די שולן האָבן געשריבן, באַשריי־

בונגען פון אויסגעטראַכטע באַגעגענישן מיט מאָטל פּייסי דעם חזנס. זי לייענט די פּאַפּירן פון די שפּראַך־למדנים: ייִדיש לשון ביי שלום־עליכם —

רעדענסאַרטן, פאַרגלייכן, מעטאַפאָרן, אַנעקדאָטן, גלייכווערטלעך —

און אַט זענען קינדער־האַלוציניאַציעס. מאָטל פּייסי לערנט אין אַ ייִדישער שול פון כעלם. טביה דער מילכיקער קומט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון שול־עלטערן: אליהו, מאָטלס ברודער, קומט אין דער ווילנער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה", צו טוישן ביכער...

זעכציק טויזנט ייִדן זענען געקומען אין משך פון צען טעג אויף דער אויס־שטעלונג. אַלע זאַלן זענען כסדר פול. קינדער־תלמידים שטייען ביי די ווענט און ביי די טישן און גיבן אויפקלערונגען, פּאַרטייטשונגען — „זיי, די פּאַרטיי־טשער, זענען די בעסטע אויסשטעלונג־ווערק" — זאָגט ברוך.

— זע די אויגן פון מאָטלען, זיין פאַרטראַכטן פּנים, די גוטמוטיקע חכמה. אַ גאַנצע ייִדישע וועלט קוקט פון אים אַרויס...

— דריי טויזנט עקספּאָנאַטן, זיי שטעלן פאָר נישט נאָר אַלט־קאַסרילעווקע. נאָר אויך דעם כח זי איבערצובויען...

פאַלט צו אסתר צו אַ שריפט פון אַ תלמיד:

— „שלום־עליכם דערציילט צום סוף פון זיין „שיר־השירים", אַז דאָרט אויף יענעם בערגל זענען געלעגן באַהאַלטן די בעסטע זכרונות פון זיין יוגנט. דאָס האָט ער אויסגעדריקט זיין בענקשאַפט נאָך זיין פאַרלאָרענער שולמית".

זאָגט אסתר ברוכן אין אויער אַ סוד:

— דער תלמיד פון זעקסטן קלאַס, וואָס האָט געשריבן „שיר השירים", איז שוין צוויי יאָר פאַרליבט אין רחלען פון זעלבן קלאַס. ער האָט זיך פאַר־שטעלט מיט שלום־עליכמען און האָט אַרויסגעשריבן זיין קינדערשע פאַרליבט־קייט...

קוקט ברוך אַריין אין אסתרס באַגייסטערטע אויגן און שמייכלט.

— וואָס לאַכסטו פון מיר?... — פרעגט זי.

— איך לאַך נישט, איך בין נאָר פאַרליבט. — נישט אין שולמיתן פון שיר השירים, נאָר אין דיר, — זאָגט ברוך.

דרויסן האָט געטריפט אַ ווילע אַ זומערדיקער רעגן. די פּוילישע הויפּט־שטאָט האָט אויסגעזען ווי אויסגעיום־טובט. די פרויען אין ווייסן, אין בלויען, אין גרינעם, אין זומערדיקע היט, אין בלומען, מיט נאַקעטע פיס און נאַקעטע העלדזער.

—ים, צי באַרג?... — האָט ברוך געפרעגט אסתרן. — גראַד, צי אום?...

אסתר איז קיינמאָל נישט געווען ביים ים און קיינמאָל נישט אויף די הויכע בערג. ברוך האָט זיי ביידן גוט געקענט — סיי דעם ים און סיי די בערג.

— די בערג — האָט ער איר געזאָגט — די טאַטרען, זענען געשטעלט צום שטייגן אויף זיי, צו שטייגן ביז די הימלען. די וואָלקנס ליגן אויף זייערע אַקס־לען. דער ים ליגט צו קוקן אויף אים און רוען, און טראַכטן און חלומען. צופלוס

און אַפּפּלוס, און מיט זיי טראָגן זיך דיינע דמיונות. גראָד, צי אום — ים אָדער בערג?...

— צום ים... — האָט אסתר באַשלאָסן.

חוץ איר היימשטאָט ביאַליסטאָק, און צו דעם וואַרשע, ווילנע, אַ פּאָר שטעט־לעך אין דער סביבה האָט אסתר נישט געקענט. די רייזע צום ים איז פאַר איר געווען אַ גרויסע געשעעניש.

גלעטקאָו איז אַ דייטשער פישער־דאָרף צווישן דאַנציק און צאָפּאָט ביים ברעג פון באַלטישן ים. אַ געסל מיט קליינע געמויערטע הייזלעך פּאַזע דעם ים־ברעג. דאָס איז דאָס דאָרף. דער ריח פון פיש און קאַווע — איז דער ריח פון גלעטקאָו. די פישער, ווען זיי זענען ניט אויפן ים, פאַררייכטן זיי די נעצן אָדער זיצן אויף זייערע גאַניקעס, רויכערן ליולקעס, דערציילן זיך מעשיות און קוקן אויפן ים.

ברוך און אסתר האָבן זיך באַזעצט אין אַ פישער־הייזל.

אסתר ווערט אַנטציקט און האָט הנאה פון איר אייגענער אַנטציקונג.

— ווי אַזוי האָב איך דאָס ביז איצט נישט געזען!...

— דאָס איז דאָס דער ים!...

אַזוי פיל באַשרייבונגען געלייענט וועגן ים, לידער, געזען בילדער. און איצטער — זעסטו עס מיט דיינע אויגן, גייסט מיט דיינע נאַקעטע פיס און נאַ־קעטן גוף אין ים אַריין!...

אסתר קען נישט שווימען. ברוך קען. ער איז קינדוויז געווען ביי דער ווייסל. בחורוויז געשווומען אין דער וואַרטע. עטלעכע יאָר זיך געבאָדן אין ים. ער קען גוט שיפלען. טראָגט ער אַריין אסתרן אויף די אָרעמס אין ים אַריין.

די כוואַליעס שלאָגן, שוימען. גוט אַזוי!... בלויער הימל, זון, קאַלט וואַסער, רייף לעבן, פאַרליבטקייט, פריידן... — זי, אסתר, האָט גאָרנישט געוווּסט ביז איצט דעם טעם פון דעם, אָט דעם טעם פון לעבן.

זי איז מער נישט יענץ מיידל פון אנגערס גאַס, כוואַלעסעס גימנאַזיסטקע, דאָס מיידל, וואָס שטעלט די ערשטע טריט אין פרץ־קינדערהיים; זי איז איצט אַ לערערין פון דער נייער יידישער גימנאַזיע אין שטאָט, די ערשטע גימנאַזיע. זי איז ברוך לוריאס יונגע פרוי, אַ רייפע, אַ האָפערדיקע, אַ גלוסטיקע. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געלעגן קיין נאַקעטע אונטערן הימל. איצט ליגט זי. די זון באַקט און ברוינט איר קערפּער, גיסט אין איר אַריין קראַפט, רייץ... — עס ווילט זיך טאָן אַ געשריי, איבערשרייען דעם געשריי פון די כוואַליעס. ווערן איינס מיט זיי, פאַראייניקט.

דער פישער מיט זיינע זין, ביי וועמען אין הייזל זיי וווינען, פאָרט ביינאַכט אַרויס, מיט נאָך פישערס, אויף פיש־געפאַנג. זייערע נעצן זענען אַראָפּגעלאָזט טיף אין ים, וויט, פאָרן זיי צו זייערע נעצן.

— ביינאַכט ציִען מיר אַרויס די פולע נעצן און ברענגען פאַרטאָג פיש אין גלעטקאָו. — זאָגט דער אַלטער פישער, וואָס ים־ווינטן האָבן אויסגעווינטעוועט זיין פּנים. — אויב איר ווילט, וועלן מיר אייך מיטנעמען.

פאָרן זיי אַרויס, אין מיטן דער נאַכט, די דריי פישערס, דער טאַטע מיט זיינע בנים, ברוך און אסתר אין ים אַריין נאָך פיש. איבערן לאַנגן און ברייטן שיפל איז אויסגעצויגן דער מאַסטבוים מיטן ווייסן זעגל. דער ים איז פינצטער, קאַלט, דער זעגל איז ווייס. ביים רודער זיצט דער יונגער זון פון אַלטן פישער. אַלע דריי פישערס מיט ליולקעס אין די מיילער. זיי רעדן וועגן דעם, אַז עס דאַרף זיין אַ גוטער געפאַנג. עס איז האַלבע נאַכט — הימל, שטערן, כוואַליעס און — אומרויקער געוויש. אסתר איז וואַרעם אָנגעטאָן. די ווייבער־פישערקעס האָבן איר געגעבן זייערע מלבושים. דער ווינט שמייסט אין פּנים, די כוואַליעס שמייסן דאָס שיפל. די פישערס זענען רויק. ברוך רעדט מיט זייער דייטשן פאָלקס־לשון. אין שווערן לעדערנעם רעקל זעט ער אויס אַצינד ווי איינער פון די פישער. ער רויכערט אויך אַ ליולקע.

מען איז דערשוואומען צו די נעצן און אָפּגעשטעלט דאָס שיפל. פון דער־ווייטנס האָבן זיך דערטראָגן מענטשלעכע שטימען — דאָרט אַרויפצו זענען פּי־שערס פון זעלבן פישער־דאָרף. יעדער איינער האָט דאָ אין די וואַסערן זיינע נעצן. די פישערס דערקענען זייערע נעצן.

די פישערס, דער טאַטע מיט זיינע צוויי בנים, האָבן זיך גענומען צו די נעצן, וואָס זענען געהאַנגען אין ים און זיך געהאַלטן אויף קאָרעק און גומי. זיי זענען באַלד געוואָרן פאַרנומען מיט די נעצן, מיטן ים, מיטן ווינט, וואָס האָט זיך געשטאַרקט, מיט די כוואַליעס וואָס האָבן זיך געהויבן, געשמיסן דאָס שיפל און אַריינגעפּלוסקעט. זיי האָבן פון מאָל צו מאָל געקוקט אויפן הימל, וואָס ווערט אָנגעלאָדענער, שווערער, פינצטערער און גיסט זיך צונויף מיטן ים. ווינט, ים, כוואַליעס, שוים, געוויש און צווישן — אַ קליין שיפל מיט פישערס, וואָס אַר־בעטן מיט אַלע כּוחות, שרייען, טומלען, שלעפּן, שעלטן...

אסתר זיצט אַ צעטומלטע, אַ צערודערטע און — צעשראָקענע. דאָס אומ־שליידערן פון שיפל האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַזוי ווי פאַרשיכורט, פאַר־טומלט. זי ווייסט גאָרנישט אויף וועלכער וועלט זי איז. דער געשריי פון ים, די מלחמה פון די כוואַליעס, די גוואַלטיקע נאַכט־מהומה וואָס טראָגט זיך, טראָגט זיך אָן פון אַזעלכע ווייטן און טיפענישן, די מעכטיק־שווימענדיקע כוואַליעס פאַר־טויבן יעדע מחשבה, יעדן ווילן — מען ווערט אַ טייל פון דעם אַלעמען, פון שטורמישן גערודער, פון מעכטיקן יאַריד פון ים, פיש, שטורעם, מענטשן...

דאָס שיפל מיטן זעגל שטייט אויפן אָרט, אַזוי ווי פאַראַנקערט. עס וויגט זיך נאָר אַרויף און אַראָפּ און יעדעס מאָל פון אַרויף און אַראָפּ ווערט איבער־געדרייט דאָס איינגעווייד. די פישער זענען פאַרנומען מיט שלעפּן די נעצן פון טיפעניש. עס גייט שווער. מען זיפצט, מען שרייט, מען שילט, מען יאָגט. די פּי־שער אַרבעטן מיט אַלע כּוחות — זיי זענען איצט אויף מיטן ים גבורים.

עס פירט אָן דער טאַטע, דער אַלטער פישער, דער גרויער מייסטער אין ים. ער שלאָגט זיך מיט די כוואַליעס, מיט די גרויסע פיש, וואָס שלעפּן די נעצן צוריק אין דער טיף. די גרויסע פיש שלאָגן מיט די קעפּ און מיט די עקן די

געפלאָכטענע שטריק פון די נעצן. ברוך קומט צו הילף די פישערס. זיי אַרבעטן מיט אַלע כוחות זאַלבעפערט.

— פיש!... פיש!... גרויסע פיש!...

זיי ווערן אַריינגעשליידערט מיטן נעץ אין שיפל אַריין. דאַרף מען זיך איצט נעמען צו דער צווייטער נעץ, צו דער דריטער. די געכאַפּטע פיש צאַפּלען זיך, רייסן זיך, וואַרפן זיך הויך. עס איז זייער פינצטער. עס בליאַסקען נאָר די שופּן פון די גרויסע פיש. די כוואַליעס שרייען ווי באַנומענע. די פישערס זעען איצט קיין זאַך נישט חוץ די נעצן מיט די פיש. אַ גרויסער געפאַנג, אַ סך פיש!...

— זיי זענען אַריבערגעבויגן מיטביידע הענט אין ים אַריין, געניטע הענט אין קאַלטן, שוימיקן ים־וואַסער, וואָס שלאָגט אַרויף דורך די ווינטן פון תהום, פון פינצטערער טיפעניש. זיי שלעפּן די נעץ, שלעפּן מיט אַלע כוחות — אָדער זיי, אָדער די פיש!... — ווער וועט גובר זיין? — אַזוי ווי די פיש און די נעצן וואָלטן איצט געהאַט צו־הילף פינצטערע ים־ און נאַכט־כוחות, די נישט־גוטע. ברוכן אין קאָפּ לויפן דורך בילדער פון דער מילחמה ביי די טראַנשייען.

אסתר קען גאָר נישט העלפן. זי וויסט גאָרנישט אויף וועלכער וועלט זי איז. זי זיצט, געדרייט אין דרייען, אַליין אין אַ ווינקל פון שיף. עס איז איר נישט גוט. זי איז צעטומלט. עס דוכט זיך איר, אַז דאָס לעבן ענדיקט זיך, עס גייט איר אונטער אונטערן האַרצן, עס קלעמט...

— האָב נישט מורא, דאָס איז ים־קראַנקייט!... — שרייט צו איר ברוך, וואָס מוז איצט אַרבעטן מיט די פישערס ביי די נעצן.

זי הערט שוין גאָרנישט, זי וויסט שוין גאָרנישט ווו זי איז, וואָס איז מיט איר, ביז זי דערפילט ברוכס האַנט. ער האַלט איר קאָפּ, זי הערט ווי ער זאָגט:

— שוין, שוין, אסתר, מיר שווימען שוין צוריק...

דאָס שיפל שטייט שוין מער נישט אויף אַן אָרט. עס טראָגט זיך איבערן ים, וואָס איז נאָך אַלץ פינצטער און שטורמיש. דאָס שיפל איז פול מיט פיש און נעצן — אַ באַרג לעבעדיקע פיש, געפאַנגענע.

— עס גרויט שוין...

מען זעט ווי ווייסקייט גיסט זיך אַריין אין הימל, דאָרט ווייט־ווייט גייט אויף די זון.

— קוק אַהינצו, מען זעט שוין דעם ברעג.

די פישערס זיצן אין שיפל רויק, זיי רוען זיך אָפּ פון דער שווערער האָר־רעוואַניע. זיי רויכערן ווידער זייערע ליולקעס. ברוך טרעט שוין נישט אָפּ פון אסתרן. די פישער רעדן וועגן די פיש. אסתר דערהערט שוין וואָס זיי רעדן. מען קומט שוין צום ברעג. מען זעט שוין פון דערווייטנס דעם ראַנד פישער־הייזלעך פון גלעטקאַו.

אויפן ברעג איז שוין פולער טאָג. די זון איז אַ פולע. ברוך העלפט אסתרן אַרויסגיין פון שיפל. זי איז מיד, צעטומלט, צערודערט — זי האָט זיך געלייגט אויפן זאַמד.

עס קומען צום ברעג אַלץ מער פישער־שיפן, זיי קומען אָן איינע נאָך די אַנדערע. אַלע מיט פולע נעצן. מען וואַרפט די פיש אַריין אין באַלייעס, קוישן און פעסער. די פישערקעס טראָגן אַרויס פולע קריגלעך שטאַרקע קאַווע, ברויט, דיק אָנגעשמירט מיט פוטער. די ווייבער הענגען די נעצן אויף סלופּעס.

אסתר קומט צו זיך. עס ווערט איר בעסער. זי קען זיך שוין אויפזעצן. עס ווערט שטיל אין איר אינעווייניק נאָך דער גרויסער איבערלעבונג. ברוך טראָגט אַרויס פאַר איר הייסע קאַווע מיט ברויט. עסן וויל זי נישט, אָבער טרינקען — יאָ. די נאַכט, דאָס פישער־שיפל, די דריי פישער־דייטשן, דער זקן מיט זיינע זין, דער שטורעם, די כוואַליעס מיט די ווייסע ריזיקע פערדישע גריוועס, זעט איר איצט אויס נישט ווי וואָר, נאָר ווי פאַנטאַזיע — אַ משל, אַ חלום. זי דערמאָנט זיך, אַז אין צעטומלעניש האָט זי דאָך דערזען, אַז ברוך איז געוואָרן אויפן ים איינס מיט די פישער. ער האָט געשלעפּט די נעץ צוזאַמען מיט זיי, פאַרטאָן, פאַרהאַוועט מיטן ים ווי זיי.

— מיין מאַן...

דאַרף מען זיך גוט אויסרוען נאָך אַזאַ גרויסער און צערודערטער נאַכט. ברוך נעמט זי אויף זיינע הענט, ווי זי וואָלט געווען אַ קליין יונג מיידעלע, אַ קינד. זי נעמט אים אַרום מיט ביידע הענט, טוליעט זיך צו אים. ער טראָגט זי אין שטוב אַריין, לייגט זי אַריין אין בעט:

— אסתר, מיין ווייב, איך האָב דיך ליב. רו זיך אויס...

זענען געגאַנגען די טעג ביים ים איינע נאָך די אַנדערע מיט זייערע וווּנדערלעכע באַגינענס און כישופדיקע זון־פאַרגאַנגען. זיצן זיי ביידע, אסתר און ברוך, ביים ברעג פון ים, קוקן אויף די זעגל־שיפן, וואָס טראָגן זיך פאַרביי גלייך און שלאַנק, מיט אַ ציל. זיי וויסן וווהין און נאָך וואָס. שווימט פאַרביי אַ גרויסע ים־שיף, וואָס גייט פון מרחקים צו מרחקים, אָדער פאַרט צום דאַנציקער פאָרט. זיצט מען ביים ים און מען וואַרפט שטיינדלעך אין וואַסער אַריין, מען קוקט נאָך די בלעזלעך וואָס ווערן, קרייזלען זיך און פאַרשווינדן, מען רעדט איינצלנע ווערטער, קורצע זאַצן, וואָס בינדן זיך שוין אַליין צונויף, מיט אַן אייגענעם כח, און קייטלען זיך.

— איך וואָלט וועלן פאָרן מיט אַ שיף אין ווייטע ימים... — זאָגט אסתר כתם אין דער וועלט אַריין.

— און די שול, און די גימנאַזיע, און דיינע פליכטן... און די שלום־עליכם־אויסשטעלונג?...

— גערעכט, גערעכט. מיר זענען געבונדן צו פליכטן...

— זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט — זאָגט ברוך, האַלטנדיק אסתרס קאָפּ אויף זיינע קני — איז מיין לעבן געוואָרן וואַגיקער. נעפּלהאַפטע זאַכן ווערן מיר קלאָר.

דערמאָנט זיך אסתר אין עפּעס, וואָס זי האָט לאַנג צוריק געלייענט. זעצט זי זיך אויף, קוקט אין ים אַריין און זאָגט ברוכן אַזוי:

— וואַרף אַראָפּ פון זיך דעם שטויב, דעם אָנוווקס פון ספיקות, וועסטו דערזען דאָס לעבן אין זיין נאַטירלעכן ליכט.

זאָגט ברוך:

— דו ביסט רייך, אסתר, זייער רייך. דו ביסט קלאָר. די קלאָרקייט גייט איבער אויף צו מיר. איך געפין זיך.

— דו צינדסט אָן כסדר — זאָגט זי — די ליבשאַפט אין מיר...

זי גיט נאָך צו:

— צוויי גרויסע בייעסן אין מיין לעבן, ברוך און די גימנאַזיע, און זיי זענען געקומען כמעט צוזאַמען... אַז דו ביסט געקומען צום ערשטן מאָל צו אונדז אין פרץ־שול, האָסטו מיר אויסגעזען אין דעם ערשטן מאָמענט אַ פרעמדער, אַ ווייטער. איצט ביסטו מיין אייגן בלוט און פלייש, מיין אייגן לעבן, מיין מאַן.

— דו, דו, אסתר, געליבטע מיינע. — ער נעמט זי אַריין אין זיינע אָרעמס און קושט זי. — ווערטער זענען צו־שוואַך, אסתר, אסתר...

פאַרנאַכט ביים ים.

די פישערין ביי וועמען זיי וווינען, שטייט אין טיר פון איר הייזל, קוקט צום ברעג ים, זי זוכט זיי. זי וויל זיי זאָלן קומען עסן. פיש — געפּרעגלטע פלאָנדערס. זי דערזעט זיי אין זייער האַלובעניש ביים ים:

— דער טיש איז גרייט!... עס ווערט קאַלט!...

און אַז זיי קומען נישט באַלד, שרייט זי ווייטער:

— גענוג שוין!... קאַווע!... פלאַנדערס!...

גייט מען צום טיש פון פישער. אין פישער־שטוב איז וואַרעם. די קאַווע איז שטאַרק, די פלאַנדערס זענען געשמאַק. די פישערין שטעלט אויפן טיש דעם דאַנציקער גאָלד־וויין. ברוך טרינקט, אסתר טרינקט. דער זקן, דער פישער, דער־ציילט אַ ים־געשיכטע.

זיינע זין זענען אַוועק צו זייערע ווייבער. ברוך וואַרפט אין דער הויך אַ זילבערנעם מאַרק, וואָס פאַלט אויפן טיש. ער דעקט אים צו מיט דער האַנט און פרעגט אסתרן:

— קאָפּ, צי אָדלער? אַ יינגל, צי אַ מיידל? — קאָפּ איז אַ מיידל, אָדלער איז אַ יינגל... — טרעף!...

אסתר ווערט רויט. זי מאַכט צו זיין מויל מיט איר האַנט.

## צוועלפטער קאַפּיטל

# „אונדזער קינד...“

בעם נישט ביי די קינדער... — האָט לייבע דער בלעכער געזאָגט צו זיין ווייב מאַשע — מיר האָבן זיך ס׳גאַנצע לעבן אַליין אַן עצה געגעבן...

לייבע האָט אונטערגעקרענקט. ער האָט איינגעדאַרט. דאָס בערדל זיינס האָט באַקומען אַ נכנעדיקן אויסזען, אַראָפּגעהאַנגען מיט צער. אסתר האָט אים געפירט צום דאָקטער, הגם לייבע האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין. דער דאָקטער האָט אסתרן געזאָגט:

— ער איז אַ חולה...

אסתר האָט נישט געלאָזט איר טאַטן קריכן אויף די דעכער. זי האָט אונטער־גערוקט דער מאַמען אַ ביסל געלט, זי זאָל זיך גרינגער אַן עצה געבן. לייבע האָט דאָס נישט געוואָלט פאַרטראָגן. ער האָט זיך דאָך אַן עצה געגעבן אַליין דאָס גאַנצע לעבן זיינס!...

אסתר האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט איר טאַטן. דאָס האָט שוין געטאָן די מאַמע. זי איז געווען אַריינגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס אין דער גימנאַזיע. מען האָט צייטווייליק געלערנט מיט די גימנאַזיע־קלאַסן אין דער פּרץ־שול. מען האָט אָבער געמוזט אַריבערגיין אין אַן אייגענער, צוגעפּאַסטער דירה. אין קוראַטאָריום האָט מען געזאָגט, אַז מען וועט דולדן די גימנאַזיע, רעכט גיט מען נישט ביז מען וועט זען ווי־וואָס־ווען, דאַרף מען זיך באַווייזן, מען דאַרף רעכט געווינען!...

ברוך איז געווען אין דער פאַרוואַלטונג. מען האָט אָפּגעדונגען אַ פּוסטע פאַבריק־געבײַדע, געמאַכט אַ קאָנטראַקט און ברוך מיט באַלמעלאָכעס האָבן זיך געשטעלט מאַכן די געוועזענע פאַבריק־געביידע „צו לייט“. מען האָט געדאַרפט פאַרטיק מאַכן דריי שטאָק. דאָס איז געווען אויף פאַבריטשנע גאַס, נישט ווייט פון פּוזשעס בית־מדרש און פון דער אַמאָליקער גימנאַזיע פון בישקאָוויטש־כוואַ־

לעס, ווו אסתר איז אַמאָל-אַמאָל געווען אַ גימנאַזיסטקע. שוין אַ לאַנגע צייט אַוועק. איצט איז אסתר אַליין אַ לערערין אין דער יידישער גימנאַזיע!...

די דריי שטאָק זענען פּאַרטיק געוואָרן. אַ סך צימערן, פענצטער און פענצטער. אַ פולע הויז מיט זון.

— פון אַ חורבה געמאַכט אַ פּאַלאַץ, ביסט אַ בריה, ברוך... — האָט זיך אַנטציקט דער סעקרעטאַר פון דער שול־אָרגאַניזאַציע פישל קאַצענעלבויגן.

ביי דער ווייסער פּאַראַדנער טיר איז אַן אויפשריפט אויף יידיש און פויליש: „גימנאַזיע". דער הויף איז אָפּגעצאַמט מיט הילצערנע שטאַכעטן. אַרום דער גימנאַזיע־געביידע איז אַ גאָרטן מיט גימנאַסטיק־מכשירים.

— מעשה פּריצים...

— אַן אמתע גימנאַזיע...

— אַז געמאַכט, איז געמאַכט... — האָט געטענהט ברוך.

אַ קליין טירל אין דעם הילצערנעם פּאַרקאַן פירט צום אַספאַלט־וועג אין דער גימנאַזיע אַריין. ווען די תלמידים האָבן צום ערשטן מאָל געשטעלט דאָ די פיס, האָט דער קליינער גרשון געזאָגט:

— בין איך טאַקע אַ גימנאַזיסט...

— אַן פּראַוועס...

— עס וועט זיין...

אַז מען האָט געעפנט די טירן און געזען די נייע צימערן, אויסגעקאַלכטע ווענט, רויט־אויסגעפּאַרבטע פּאָדלאָגעס, האָט דער לערער איטשע געזאָגט:

— עס שאַריעט אויף טאָג...

עס איז יום־טוב. די חברים טרעגער זענען געקומען אַריינצוטראָגן דאָס מעבל. זלמן דער טרעגער, דער גבור פון שטאָט, טראָגט אויף זיינע ברייטע, געזונטע פּלייצעס פעסטקייט און זיכערקייט. עמך!...

— צאַלקע — האָט זלמן דער טרעגער געשריִען צו זיין חבר — טראָגן די בענק איז אַ מצווה...

אַז עס איז געקומען צו דער פּיאַנאָ האָט ער אַ זאָג געטאָן צו טאַנע דעם טרעגער:

— טאַנע־באַרע, נעם זיך צו דער פידעלע...

אסתר איז נאָכגעגאַנגען אַן אַנגעלאָדעוועטן וואָגן מיט מעבל פון פּרץ־שול צו דער גימנאַזיע. זי גייט אים נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם, פּאַרטראַכטן קאָפּ — וואָס פּאַראַ שטח דו, אסתר, האָסט דורכגעשפּרייזט פון יענער שעה, ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל געעפנט די טיר פון פּרץ־קינדער־היים צו זיין אַ לערערין אין ערשטן קלאַס, ביז איצט, ווען דו גייסט נאָך דעם שווערן וואָגן מיט מעבל צו דער נייער געביידע פון דיין יידישער גימנאַזיע!...

אין גימנאַזיע אַרבעט שוין אַ קאָלעקטיוו פון אַכט לערער. מען האָט זיי דורך וואַרשע צונויפגעזאַמלט פון פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד — פון דער ליטע

ביז גאַליציע. „די ווילנער גימנאַזיע איז דער משל, די ביאַליסטאָקער — דער נמשל. וואַרשע וועט נאָך אונטערקומען!...״

אסתר גייט פּאַמעלעך, דער וואָגן לויפט נישט, אסתר גייט נאָך אים. זי טראָגט אין קאָפּ אַ פּרק געשיכטע, וואָס מען האָט ערשט מיט צוויי טעג צוריק געלערנט אין גימנאַזיע־קלאַס:

— ירושלים איז באַלאַגערט פון די רוימער אין צייט פון צווייטן בית־המקדש. אין שטאָט איז אַ שרעקלעכער הונגער. די זעלאָטן האָבן אונטערגעצונדן די שפּייכלערס מיט עסנוואַרג, וואָס נקדימון בן גוריון בן כלבא שבוע האָט גע־שענקט פאַר די הונגעריקע: אויב מען וועט זאַט זיין — האָבן די זעלאָטן געזאָגט — וועט מען צורו לאָזן די רוימער. „זאָל זיין הונגער און זאָל זיין קאַמף!״.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך יוחנן בן זכאי אַרויסגעגנבעט פון ירושלים. מען האָט אים אַרויסגעטראָגן כלומרשט ווי אַ מת. ער איז געקומען צו אספּסינוסן, דעם רוימישן אַרמיי־פירער, און צו אים געזאָגט: „גיב אונדז אָפּ די שטאָט יבנה מיט אירע חכמים״. אויב עס וועט זיין תורה — האָט ער געטראַכט, — וועלן זיין חכמים, וועט דאָס פאָלק נישט אונטערגיין״.

די גימנאַזיע אויף פאַבריטשנע גאַס איז נישט יבנה, אָבער עפּעס אַ ניצוץ פון יבנה האָט זי! אסתר, פאַרסט איצט מיטן וואָגן מעבל קיין יבנה!...

עס איז אויך געווען אויפן געמיט אַן אומרו צוליב דער מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אַ פּאָר טעג צוריק מיטן לערער בן־ציון. אַ למדן, אַ גרויסער ווײַ־סער, אַ ריינער אידעאַליסט, וואָס איז געקומען זיין אַ לערער אין גימנאַזיע פון דער שול אין לונע, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט צוליב אַ גזרה. ער איז געווען פאַרזונ־קען אין מרה־שחורה. ער האָט גערופן זיין פאַרמאַכטע שול „חורבן לונע״. ער האָט זיך אומגעשלעפּט ווי אַ שאָטן. ער האָט נאָר שטיל גערעדט וועגן גזרות, וואָס קומען אָן; וועגן רדיפות, וואָס וועלן היינט־מאָרגן אויסברעכן. ער האָט נאָר געזען שרעק און געטענהט, אַז מען טאָר נישט בלייבן, מען מוז אַוועק צוזאַמען מיט די קינדער. מען האָט געהערט און נישט געוואָלט הערן. ער האָט אָנגעיאָגט שרעק, ווען מען מוז האָבן אַ סך מוט.

— מיין האַרץ זאָגט מיר...

ביז מען האָט אים עטלעכע טעג נישט געזען, ער איז פאַרשוווּנדן. ווו איז בן־ציון? — קיינער ווייסט נישט. ערשט עס איז אָנגעקומען פון אים אַ בריוו:

„איך האָב נישט געקענט בלייבן. עס האָט מיך געשראָקן דאָס האַרץ טאָג און נאַכט. איך בין געפאָרן מיט דער באַן, האָב איך געזען שרעק. איך בין פאַרביי אַ קלויסטער — איז ער געווען פאַר מיר פול מיט אימה. עס גרייט זיך גרויל. ייִדן אין פּוילן וועלן אונטערגיין. איך זעץ זיך באַלד אויף אַ שיף אין קאָנסטאַנציע, וואָס וועט גיין קיין ארץ־ישראל״.

אפשר איז ער גערעכט, בן־ציון?... אפשר זעט ער עפּעס קלאָר, וואָס קיינער זעט נישט? אפשר איז דאָס וואָרע נביאות?... — ניין און ניין! גיי פעסטער, אסתר, נאָכן וואָגן מיט מעבל, וואָס קירעוועט זיך שוין אַריין אין פאַבריטשנע גאַס.

אין משך פון עטלעכע טעג זענען אַלע צימערן געווען גרייט אויפצונעמען די תלמידים. זי צימערן זענען הויך, ליכטיק, זוניק. דער ווייסער שניי וואָס אויף די אַרומיקע דעכער מאַכט ליכטיקער דאָס בילד. בן־ציון האָט געטאָן אַ נאַרישקייט. זעסט דאָך דאָס יונגע לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי האָפערדיק אין דער גימנאַזיע!

ברוך, דו האָסט מיט דײַנע באַלמעלאָכעס גוט געמייסטרעוועט. יעדער איי־נער האָט מיט פלייס צוגעלייגט אַ האַנט. עס איז געווען די שמחה פון יום־טוב.

עס איז געווען יום־טוב אַ גאַנצע וואָך. עס זענען געקומען אַהער עטלעכע לערער פון ווילנע, אַרויסצוהעלפן מיט זייער דערפאַרונג און וויסן. זיי האָבן זיך געשטעלט אײַנאָרדענען אַ לאַבאָראַטאָריע, אַזוי פאָדערט דאָס קוראַטאָריום. פון וואַרשע האָט מען געשיקט מכשירים.

שבת־צו־נאַכטס איז אין פּאַלאַס־טעאַטער דער יום־טוב פון חנוכּת־הגימנאַזיע. אַ חברה תלמידים פון ווילנער רעאַל־גימנאַזיע איז אַראָפּגעקומען צום גימנאַזיע־יום־טוב אויפצופירן:

„יוליוס צעזאַר...“

יוליוס און ברוטוס האָבן אין פּעסטן, גוט־אויסגעשמידטן ווילנער ייִדיש אַרויסגעבראַכט די קלאַסישע פּערזן פון דער גרויסער, וועלט־באַרימטער דיכטונג.

„אַ קלייניקייט — אַ גימנאַזיע!...“

ראָזאַ סימכאָוויטש האָט געשיקט אַ טעלעגראַמע צו אסתרן: „זאָל זײַן מיט הצלחה“.

אויפן גרויסן מאַסן־מיטינג, צו וועלכן עס זענען געקומען אויך די פירער פון וואַרשע, האָט מען גערעדט וועגן „רעכט פאַר דער ייִדישער גימנאַזיע“. זאָלן די רעדנער רעדן, ברוך מאַכט נאָך פּאָליצעס, שטעלט טישן, קלאַפּט מיטן האַמער לייסטלעך אַרום די ווענט. ער האָט אַרויפגעבראַכט פון האַנטווערקער־שול אַ כאָפּטע לערן־ייִנגלעך מיט לייטערס, מיט זעגלעך, מיט האַמערס, — מען קלאַפּט, מען זעגט, מען העבלעוועט...

דער שול־אינספּעקטאָר איז געקומען אין דער נייער רעכטלאָזער גימנאַזיע יעדן צווייטן טאָג. דאָס קוראַטאָריום האָט געזאָגט, אַז מען זאָל דערווייל לאָזן לערנען, מען וועט שפּעטער זען...

עס גייען אָן די לימודים. זאָל מען בעסער נישט רעדן און נישט טראַכטן וועגן צרות — געלט איז נישטאָ, מען דאַרף די לערער צאָלן, מען דאַרף הייצן די אויוונס. אויף דעם האָט רויִק געענטפערט דער סעקרעטאַר פישל קאַצענעל־בויגן:

— מיר זענען שוין געוווינט... מען דאַרף אַרבעטן...

מען לערנט אין די קלאַסן פיזיק. אויף די שוואַרצע טאָוולען לעבן די צייכנס און ציפערן פון אַלגעברע, געאָמעטריע. אויף די טישן — ביכער, פּאַפּירן; אין די קעפּ — תורה, עקשנות, טראַכטיקייט.

מען מוז קענען פּויליש, מען מוז גוט קענען. מען לערנט אויף אויסנווייניק

פוילישע פּאָעמעס. מען דאַרף דאָ קענען בעסער פּויליש ווי אין די פּוילישע גימ־נאַזיעס. מען קוקט אַהערצו, מען האַלט אַן אויג. מען דאַרף אויסהאַלטן.

— עס איז אַ מילחמה!...

מען האַקט אויסנווייניק מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי", מען זופּט די פּוילישע געאָגראַפיע, מען זאָגט דאַטעס, כראָנאָלאָגיע פון געשיכטע שנעל ווי אַ וואַסער.

מען דאַרף האַלטן שטיל, פּאַרדעקט די נישט־כשרע אָרגאַניזאַציע פון די תלמידים. די לערער וויסן נישט. דאָס איז דער שטילער אויפטו פון די תלמידים.

ווילסט אָפּרוען דיין געמיט, אָפּלאָזן די אָנשטרענגונג, קום אַריין אין קלאַס ווען מען לערנט „טביה דער מילכיקער" פון שלום־עליכם, אָדער „פאָלקסטימ־לעכע געשיכטן" פון פּרץ. מען שווימט אַוועק אויף אַ ברייטן, שטילן טייך ווען מען לערנט שלום אַשן.

אסתר זיצט אין שטוב ביינאַכט איבער פּעק העפטן. זי פאַרטראַכט זיך פון מאָל צו מאָל מיטן בלייפעדער אין די לאַנגע פינגער פאַרן שטעלן די צייכנס אויף די העפטן פון די תלמידים. מען דאַרף נישט אַריינפאַלן אין אַנטציקונג. נאָר נישט איבערטרייבן, ווייל דאָס קען צעלאָזן דעם תלמיד. תלמידים מוזן אַרבעטן!...

— „גוט" צי „באַפרידיקט"? — זאָל זיין „באַפרידיקט". אויף רחלס העפט מוז זי אָבער שטעלן „גוט". שטעלן ווייניקער איז פּשוט אַן אומרעכט. זי מוז עס אויך טאָן מיט אשרס העפט פאַר מאַטעמאַטיק. ער איז אַ מזיק.

ברוך לייענט אַ בוך. זי רייסט אים איבער.

— ווייסט וואָס איך וואָלט איצט געטאָן, ברוך?

ער ווייסט נישט. ער זעט אויף איר פּנים אַ שטיפעריי.

— איך וואָלט ערשט „געקאַטאַיעוועט" מיט אַ שליטל אין וואַלד.

— אין מיטן נאַכט?

— עס איז אַזאַ ווייסער שניי... איך זע דורכן פענצטער אַ פולע לבנה.

ברוך גלעט אסתרן איבערן קאָפּ:

— מאַמעלע, מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק...

פאַרזיכטיק!... — בלויז זייביידע וויסן דעם סוד. עס ווייסט נישט די מאַמע. שפּעטער וועלן דאָס געוואָר ווערן אַלע.

— מאַמעלע!...

אסתר גייט ווערן אַ מאַמע. גוט וואָס דאָס וועט אַרויסקומען אין זומער, ווען די שולן זענען געשלאָסן. זי וועט גאַרנישט דאַרפן איבעררייסן די אַרבעט אויף לאַנג.

— איך וואָלט וועלן פאָרן מיט אַ שליטל אין וואַלד אַריין...

און אפשר איז ברוך גערעכט? — עס איז שוין שפּעט אין אָוונט. באַלד וועט שוין זיין האַלבע נאַכט. אַלע העפטן האָט זי דורכגעקוקט. מאָרגן וועט זי זיי ברענגען אין קלאַס אַריין. זי זעט שוין איצט די נייגעריקע אויגן פון די תלמידים און תלמידות. זי זעט רחלס האַנט ציט זיך צו איר העפט. זי האָט אַ גוטן קאָפּ, די רחלע!... — אָבער אַן אָרעם קינד, גייט שלעכט אָנגעטאָן.

— ברוך, ברוך... — כאַפּט זי אים אָן ביי דער האַנט — ברוך, ברוך...
זי איז אויפגעציטערט, אויפגערודערט. זי כאַפּט מיטן האַנט ביי דער ברוסט:

— ברוך, ברוך...

— וואָס איז, אסתר?...

זי באַרויִקט זיך. זי שמייכלט צו זיך אַליין. זי קוקט אָן ברוכן און זאָגט צו אים:

— אונדזער גימנאַזיסט צאַפּלט זיך אין מיר...

ברוך פילט, אַז עס איז איצט אַ גרויסע רגע. עס איז טיף אין דער נאַכט. דרויסן איז שניי און לבנה. זייביידע, ברוך און אסתר, זענען מער נישט אַליין. עס איז דאָ אַ דריטער:

— אונדזער קינד...

## דרייצנטער קאַפּיטל

# אַ נייער מענטש אין משפּחה - רפאל

רפאלקע, אייניקל מיינס, קינדעניו, לאַך, לאַך...
אויף אַ ווייס קישעלע אַ קאָפּ פול מיט שיין און פרייד.
— רפאלקע, רפאלקע, קוק אויפן טעפּעלע...
צוויי בלויע אויגן קוקן גלייך אַנטקעגן.
די באָבע מאַשע איז אַליין אין שטוב מיט איר טאָכ־טערס זונעלע.

די ווענט קענען צעשפּאַרט ווערן פון נחת.

אסתרס און ברוכס זון קוקט אַרויס פון דער ווייסער וויג מיט צוויי גרויסע אויגן אין דער וועלט אַריין. די וועלט איז מחדש פאַר אים יעדע רגע מעשה־בראשית...

די באָבע מאַשע רעדט צו אים אַ גאַנצן טאָג ווען זיי בײדע, בלויז זיי בײדע צוזאַמען, זענען אין שטוב. ווען אסתר און ברוך קומען, רוקט זיך אָפּ די באָבע פון וויגל.

קוקט דער טאַטע ברוך און זיין זון ווי ער „קערט די וועלט", וואַרפט שמיי־דיק מיט די פיסלעך אַהין און צוריק גיך, גיך, אָן אויפהער, ווי אַזוי ער ווערט שטיל, פּאַרטיפט, פאַרקוקט, שפּילט מיטן ביינערדיקן רייפל מיט אַלע זיינע חושים. פרייט ער זיך, דער טאַטע, און זאָגט:

— די מאַמע מיט די ביינער.

ברוך גיסט זיך צונויף מיטן לעבנס־נס, רפאלקע, וואָס ער טראָגט אויף די הענט. ער גייט מיט אים אַרויס אויפן הויף, אין אנגערס גאָרטן, גייט מיט אים פון בוים צו בוים, „דערציילט" אים וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט...

—אַ בוים... אַ צווייג... גרינע בלעטער... אַ פויגל...

זאָגט אסתר:

— אַ קינד, איינס פון הונדערט מיליאָן, און דאָך — נישטאָ נאָך אַזאַ גליק. דער גרעסטער וואונדער פון דער וועלט — דיין קינד!...

קומט אַריין דער זיידע לייבע, וואָס ווערט עלטער און שוואַכער מיט יעדן טאָג. קפצה עליו זקנה. בלייבט ער שטיין אויף מיטן שטוב, קוקט אין וויגל אַריין, קומט צו צום איניקל זיינס און זאָגט:

— רפאלקע, רפאל המלאך...

ליגט רפאלקע שטיל, פאַרשוויגן, פאַרטראַגן, קוקט מיט זיינע יענע־וועלטיקע אויגן אויף די געוואַלדיקע חידושים אַרום און אַרום. יעדע זאַך איז ניי, צום ערשטן מאָל, איז אַ פלא, אַן אַנטדעקונג. קוקט רפאלקע אויפן שטריי, פון וועלכן דאָס וויגל איז געפלאָכטן, אויפן בלויען צודעק וואָס גרייכט צו זיין פנים, אויף די קליינע גלעקלעך, וואָס הענגען אויף אַ שטריקל איבערן וויגל און גלעקלען מיט וווּנדערלעכע קלאַנגען, ממש נאָך פון הימל, פון וואַנען דאָס עופהלע איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן.

אסתר רייסט זיך אַוועק פון אַלע אַנדערע וועלטן — פון גימנאַזיע, פון צרות, פון שווערקייטן. נישטאָ, נישטאָ קיין זאַך, נישטאָ גאָרנישט, חוץ דעם ייִנגעלע אין וויג. פלוידערט זי צו אים, צו זיך אַליין, מיט דעם נסימדיקן מאַמע־פלוידער וואָס איז שוין אַלט דורות און יונג ווי יעדער גרויסער אַהייב:

— וועסט לערנען, רפאלקע, אין מיין קלאַס „קמץ אלף אָ...‟ זאָג, אָ, אָ, אָ... וועסט זאָגן, רפאלקע, „אין די אותיות ליגן טרערן, טרערן און געוויין...‟ זאָג, רפאלקע, „מאַמע‟... „מאַמע‟... רוף מיך: „לערערין אסתר‟...

אַזוי ווי אַלע קינדער... שאַ, רפאלקע, הער זיך איין, איך וועל זינגען פאַר דיר אַ ליד:

אונטער רפאלקעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע...

די טאָג־טעגלעכע מאַמע־זאָרגן האָט גוטווייליק גענומען אויף זיך די באָבע. וואָלט געוועזן גענוג געלט, וואָלט די באָבע געוווּסט וואָס איינצוקויפן פאַר איר איניקל, איז דאָך נישטאָ, גיט זיך שוין די באָבע אַן עצה. אויף איינשפּאָרן איז זי שוין גענוג געלערנט. זאָל מען נישט וויסן, זאָל מען נישט אַרויסזען וואָס עס פעלט.

די מאַמע איז פאַרנומען גאַנצע טעג. פאַלט זי אַריין פאַרנאַכט אין שטוב, טוט אַ וואָרף אויפן טיש, אויף אַ שטול, אויפן בעט, דעם פּאַק העפטן און ביכער און פילט אַן די פּאָר צימערלעך מיט שמחה און ששון:

— זונעניו, וואָס מאַכסטו?... פריישטו זיך, רפאלקע, מיט דיין מאַמען?... זיי אויף מיר נישט אין כעס, איך האָב געמוזט לערנען מיט די קינדער... מיט דיר וועל איך אויך לערנען... דו וועסט אויך גיין אין גימנאַזיע... האָסט אַ שלעכטע מאַמע, זי האָט דיך געלאָזן אַליין, דערפאַר האָסטו אַ גוטע באָבע, זי איז מיין מאַמע... אַ בעסערע ווי דיינע...

— הער אויף צו פלוידערן... — זאָגט די מאַמע מיט נחת.

— איך קען נישט, מאַמע... איך קען נישט אויפהערן... איך מוז זיך אויסרעדן

פאַרן גאַנצן טאָג. ווי קען מען אַרויס פון אַנטציקונג, ווען מען זעט, מען פילט, אַז דאָס שוואַרצע קעפל מיט די גרויסע אויגן „פאַרשטייט יעדעס וואָרט?״.

ווי קען מען שווייגן, ווען מען זעט, אַז דער אָן־לשונדיקער „גרויסער מענטש״, אין וויג, רעדט אויף אַן אייגענער שפּראַך וועגן די חידושים וואָס ער זעט אַרום זיך, ווי ער ציט זיינע צווי ווייסע הענטלעך אויף אַלע זייטן, און פאַרטאָן איז ער אין גאַנצן ווער־ווייסט אין וועלכע וועלטן — ווי קען מען שווייגן?...

האָסטו אַמאָל זיך פאַרטיפט אין דער עובדה פון דיין אייגן קינד ווען עס עסט? — גאָטס וווּנדער! האַלט עס מיט ביידע הענט דאָס פלעשל. זויגט, זויגט, זופט. ווערט מיד, רוט זיך אָפּ. כאַפּט זיך ווידער צו מיט שטומערליידנשאַפט, מיט כח, וועסט עס פון זיין האַנט נישט אַרויסרייסן, ביז אַלע זיינע אברים זאָגן אָן אָט דעם מענטשן מיטן פלעשל אין מויל: „געַנוג״... — וואַרפט ער אָפּ דאָס פלעשל. ניין, ער וועט עס מער נישט נעמען, בשום אופן נישט!...

די נעכט, מיטן קינדער־בעטל נעבן אייגענעם בעט, ווערן אויסטערלישע, שפּאַנענדיקע, אומרויקע.

— וואָס שווייגט דאָס קינד?... פאַרוואָס הערט מען נישט זיין אָטעם?... — כאַפּסטו זיך אויף פלוצלונג אין מיטן דער נאַכט — ווער האָט דיך געוועקט, גע־רופן אין מיטן שלאָף? און אַז מען דערהערט זיין אָטעם, עס איז דאָ לעבן, דער קליינער מענטש אין וויג לעבט, קומט פרייד אין די ביינער — די גרעסטע פרייד, די לעבנס־פרייד, אויף דער וועלט!...

— הערסט, ברוך, ווי רויק ער אָטעמט...

דו הערסט אין מיטן נאַכט א זיפץ פון בעטל. כאַפּסט זיך אויף אין צערו־דערונג.

— רפאלקע, דו זיפצסט?... וואָס איז דיר, קינדעניו?...

דוכט זיך, ער רעדט עפּעס. ער גיט אַרויס אומפאַרשטעדלעכע קלאַנגען. פון וועלכע ווייטע וועלטן קומען זיי די קלאַנגען?... — עפּעס זאָגט דאָס נפשל, עפּעס וויל דאָס, עפּעס בעט דאָס. וואָס ווילסטו, זינדעלע? — איך וויל דיר דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל.

— זע, ווי זיינע אויגן קוקן אין דער פינצטער פון חדר. ער קוקט און שווייגט.

טרעפט, אַז רפאלקע וויינט אין מיטן דער נאַכט אין בעטל זיינס. ער איז נישט הונגעריק — ער האָט פאַרן שלאָף געגעסן. ער איז נישט נאַס — אַרום און אַרום איז ציכטיק און טרוקן. וואָס־זשע וויינט ער, וואָס?... טוט אים עפּעס וויי?... — עס קלעמט דאָס האַרץ. וואָס איז די סיבה פון אַ געוויין פון אַ קינד אין מיטן דער שטילער נאַכט? ווער שרעקט אים? וואָס שרעקט אים? — ער וויינט שטיל־שטיל, ביז ער צעשרייט זיך מיט גבורה. ווי קומט צו אים אַזאַ גרויס געשריי? קוקט אין דער שטיל, אין דער פינצטער ברוך אויף אסתרן, וואָס זיצט אין מיטן דער נאַכט, אין ווייסן נאַכט־קלייד, אירע שוואַרצע האָר אַראָפּ־

געלאָזן איבער איר נאַקן, רפאלקע איז אין אירע אָרעמס — זי וויגט אים, גלעט אים איבערן פּלייצקע, באַרויִקט אים. אירע נאַקעטע אָרעמס שיינען עשׂרותדיק אין דער פינצטער. דאָס קינד באַרויִקט זיך. עס גיט נאָר אַרויס אומפאַרשטענד־לעכע קלאַנגען. ער פּלוידערט עפּעס, בעבעט עפּעס:

— אסתר, וואָס רעדט דאָס קינד?... דו פאַרשטייסט?...

— איך ווייס נישט — ער זאָגט עפּעס.

רפאלקע קריכט שוין אויף דער ערד. ער קוקט אָנגעשטרענגט אויף אַ פליג, וואָס גייט אויף דער ערד, און ער גייט איר נאָך. די פליג פאָרויס, רפאלקע נאָך איר. ער וויל זי טאָן אַ כאַפּ מיטן הענטל, די פליג פליט אַוועק. רייסט רפאלקע דאָס קעפּל זיינס, די אויגן, דעם גאַנצן ווען צו דער פליג, וואָס איז אַוועקגעפלויגן. די פליג פליט און ער, רפאלקע, קען נישט פליִען, ער ליגט אויף דער ערד.

— רזין דרזין!... — זאָגט ברוך צו זיך זיידן, דעם ארון־קודש־שניצער, וואָס איז אויף יענער וועלט — גדולת הבורא!...

נעמט ברוך דעם זון זיינעם אויף זיינע גרויסע הענט, טוליעט אים צו זיין האַרץ. דער טאַטע איז גרויס, הויך, ברייט און זיין פּנים איז פול מיט הנאה, מיט טעם. רפאלקע נעמט אַרום מיט זיינע קליינע הענטלעך זיין גרויסן טאַטן און פּלוידערט אַרויס צום ערשטן מאָל אין זיין סודותפולן לעבן:

— טאַ... טאַ, טאַ...

ברוך איז גרייט צו שפּרינגען מיט זיין זון ביזן הימל:

— טאַ... טאַ... — פּליסטערן די קליינע, ווייכע, רויטע, ליפּעלעך.

— זאָג נאָכאַמאָל, קינדעניו.

— טאַ... טאַ...

ווערט ברוך אויך אַ קינד און רעדט צו זיין זון פּלוידער־לשון:

— טאַ־טאַ... טאַ־טאַ...

ער טאַנצט מיט אים און מיט אַ וווּנדערלעכן ליד פון רעטזולהאַפּטע ווער־טער, וואָס זענען אַלט הונדערט מיליאָן יאָר:

— טאַ־טאַ־טאַ....

דאָס קינד ענטפערט צוריק מיט גרויס התפּעלות:

— טאַ... טאַ... טאַ...

— טאַ־טאַ... איך בין דיין טאַטע, דאָס איז אַן אמת — דו ווייסט עס שוין... דו ביסט מיין זון.

— טאַ־טאַ־טאַ...

„טאַטע" איז אַ גרויס וואָרט, אַלט און גרויס ווי די וועלט, פון אדם הראשון אָן. דיין זיידע, דיין אור־זיידע, אור־אור־זיידע האָבן געדאַוונט צום טאַטן אין הימל, עס איז איין טאַטע אומעטום, אויפן הימל און אויף דער ערד.

אבינו שבשמים, טאַטע!...

רפאלן געפעלט זיין אייגענע פלוידעריי, זיין קלינגען מיט וואָרט־קלאַנגען, צעלאַכט ער זיך אַליין פון דעם. ער צעלאַכט זיך גאַנץ הויך.

אַזוי פליסטערן די וואַסער־קוועלעכלעך אין די בערג. ברוך, דו קענסט דאָך די קוועלכלעך אין די טאַטרען!

דערהערט די באָבע מאַשע, אַז דאָס אייניקל אירס פלוידערט שוין די זיסע ווערטער „טאַטאַ", זאָגט זי צו אים:

—זאָג מאַ... מאַ... מאַ...

— זאָג מאַ... רוף דיין מאַמען, מאַ־מאַ!...

הערט זיך רפאלקע גוט איין צו די רייד פון דער באָבען זיינער, שוויגט, ענטפערט נישט. ער האָט דאָס, זעט אויס, גוט אַריינגענומען אין זיך טיף. אַביסל שפּעטער ברענגט ער אַרויס און עס צעטראָגט זיך צום ערשטן מאָל דער ווונדערלעכסטער, דער טיפסטער, דער מחיהדיקסטער קלאַנג אין אַלע וועלטן און אין אַלע אייביקייטן:

— מאַ־מע...

— זאָג נאָכאַמאָל — מאַמע..

— מאַמע... מאַמע...

די באָבע האָט גרייט אין שאַפקע אין אַ ווייסן זעקעלע ראָזשינקעס, לויפט זי מיטן זעקעלע ראָזשינקעס און וואַרפט אויפן קינדס קעפּל און זי פרייט זיך מיט דער גרעסטער פרייד אין דער וועלט:

— זיס זאָלסטו זיין... זיס זאָל דיר זיין... זיסער רפאלקע...

דאָס אייניקל ציט זיך איצט מיטן גאַנצן קערפּערל זיינעם צו דער באָבען, ציט אַרויס און ציט צו איר זיינע בײדע צאַרטע, געבענטשטע, נאַקעטע הענטלעך, יעדעס פינגערל באַזונדער, און יעדעס פינגערל איז גאָטס־ווונדער. ער ציט זיך צום טייערסטן אוצר פון לעבן:

— צו דער באָבען...

נעמט די באָבע איר אייניקל און טאַנצט מיט אים. שטעקט אַריין אַ ראָזשינקע אין זיינע ליפּעלעך:

— זיסע ברכות אין דיין מיילכל... זיסע ברכות אויף דיין קאָפּ... אַ געזונט אויף דיר...

קומט אָן די מאַמע מיט איר פּאַק העפטן און ביכער פון גימנאַזיע, ווי שטענדיק אַ פּאַרטאָענע, אַ פאַרנומענע, וואַרפט זי די העפטן אַוועק, פאַלט צו צו איר קינד:

— רפאלקע, קום צו מיר...

גיט די באָבע געהאָרכזאַם אָפּ דאָס קינד אין דער מאַמעס הענט אַריין. זי בעט זיך ביי רפאלקען:

— זאָג מאַ... מאַ...

הערט ווידער רפאלקע מיט זיין גאַנצן קעפּל, מיט זיינע גרויסע אויגן, קוקט אויף דער באָבעס ליפּן, וואָס חזרט איבער די קלאַנגען „מאַ... מאַ", און ער

עפּנט זיינע קליינע, געשמאַקע ליפּן, עפּנט אויף דאָס שמאָלע טירעלע פון וווּנדער, פון טיפסטן קוואַל פון חכמה, און ער ברענגט אַרויס דעם זיסן קלאַנג אין דער וועלט:

— מאַ... מאַ...

שרייט אסתר אַ באַנומענע:

— ברוך, ברוך, ער זאָגט דאָך „מאַמע״.

— ער זאָגט אויך „טאַטע״... — ענטפערט ברוך.

רפאלקע רעדט נאָך זיין טאַטע־מאַמע:

— טאַ־טאַ — מאַ־מאַ...

דער זיבעטער הימל האָט זיך געעפנט איבער דעם הויז, דער טויער פון גן־עדן... עס קלינגען פון דאָרט וווּנדערלעכע שטימען:

— מאַמע...

— טאַטע...

אין אָוונט פון יענעם טאָג, ווען די באָבע איז שוין געלעגן אין איר בעט, אין איר צימערל, האָט ברוך געזאָגט צו אסתרן:

— עס איז אַריין ברכה אין אונדזער הויז דורך אונדזער קינד. אַלץ דו, אסתר...

— הלוואי, ברוך...

ווערט רפאלקע קראַנק, ברענט אין היץ. די בעקעלעך זענען רויט, די אויגעלעך טרויעריק, די הענטלעך און פיסלעך אַזוי ווי געליימט.

ברענט אַ שרפה אין שטוב.

עס איז הייס אין אייגענעם קאָפּ. עס טומלט דאָס האַרץ. וויגט זיך די באַשערטקייט אויף אַ נישט־געזעענעם וואָגשאָל צווישן דער־וועלט און יענער־וועלט.

— רפאלקע, ווער געזונט...

— האָב רחמנות אויף דיין באָבען...

— און דיין מאַמען...

דאַרף מען אַריינשטופּן דאָס רפואה־לעפעלע אין מיילכל, און ער, רפאלקע, האַלט פאַרשטשימעט דאָס מיילכל זיינס, פאַרעקשנט. מען דאַרף אים אַריינגעבן מיט גוואַלד, — נו, ברוך, ביסט דאָך אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, גיב אַריין די רפואה דיין זון.

זאָלן די שילער אין גימנאַזיע מוחל זיין זייער לערערין, וואָס גייט נישט היינט צו זיי אין קלאַס. זי קען נישט, זי איז צעררודערט, זי קען איר קראַנקן רפאלקען נישט איבערלאָזן — זי איז דאָך אַ מאַמע...

רויק איז די באָבע מאַשע:

— וואָס קערסטו וועלטן... אַ נאָווינע, אַ קינד איז קראַנק... מאַלע־וואָס?...

און די באבע איז גערעכט. אויפן דריטן טאָג לייטערט זיך אויס דער הימל, רפאלקע שמייכלט. ער נעמט די מילך מיט חשק. ער ציט אויס זיינע הענטלעך און כאַפּט דער מאַמעס האָר, ער שפּילט זיך. ער איז געקומען פון יענער וועלט אַ פריילעכער.

אסתר גייט מיטן פּאַק העפטן אין גימנאַזיע אַריין. די פיס טראָגן איר פריילעך.

## פערצנטער קאַפּיטל

# אַ לעבעדיקער נפש ראַנגלט זיך

גייען אַוועק לאַנגע חדשים, אַן אָנגעלאָדן יאָר, צוויי קאַמף־יאָרן — די גימנאַזיע איז נישט בלויז אַ לער־אַנשטאַלט פאַר צוויי הונדערט דרייסיק קינדער, זי איז אַ גרויסער לעבעדיקער וועזן, אַ שטורמישער, וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיין אויסטערלישן לעבן. די גימנאַזיע איז אַ יונגע פעסטונג, וואָס שטייט אין אָפענעם פעלד און עס ווערט אין איר כסדר געצילט מיט קאַנאָנען. עס פלאַטערט דאָס האַרץ פון דער גימנאַזיע — זי האָט אַ נערוועז האַרץ. עס ציטערן מיט איר צוזאַמען אַ סך הערצער אין שטאָט, אַ סך הערצער אין ווילנע, אין וואַרשע. מען שיקט פון דאָרט דערמוטיקונג:

— „האַלט זיך פעסט!“...

די יידישע לערן־ביכער זענען נישט געוואָרן באַשטעטיקט פון קוראַטאָריום — נישט כשר. זיי טאָרן נישט באַנוצט ווערן. לויפט מען אין בריסקער קוראַטאָריום, קלאַפּט מען דעפּעשן אין וואַרשע, פּאָרט מען נאָך עצות אין ווילנער גימנאַזיע, ביז — אָפּגעשריִען די גזרה אויף אַ יאָר...

גאַנץ אָפט קומט די „מאַכט“ אויף רעוויזיעס אין גימנאַזיע. עס קומט דער אינספּעקטאָר באַזשיצקי, אַ בייזער, אַ ברומענדיקער, אַ פּאַרריסענער פּריץ. ער וויל באַזוכן די קלאַסן, איינס און צוויי, נישטאָ קיין ברירה — אסתר באַגלייט אים אין די קלאַסן. ווי נאָר ער האָט געעפנט די פּראָנט־טיר, האָבן אַלע לערער און תלמידים געוווּסט:

— „זעקס!“... אַ רעוויזיע!...

די שילער־אָרגאַניזאַציע איז געווען די ערשטע אויף די פיס. חברה האָט וואָס צו היטן און וואָס צו טאָן. „כשרן די כלים!“...

— נעמט אַרויס אַלע ביכער פון די קעסטלעך — באַפעלט דער אינספּעקטאָר מיט אַ רוגזה אין פינפטן קלאַס — אָבער אַלע, אַלע!...

די קינדער איילן זיך נישט. זיי האָבן צייט. זיי נעמען אַרויס די ביכער

לאַנגזאַם, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — אַלץ איז געכשרט. כאַפּן דאַרף מען נישט. אַלע פּנימער שפּילן דעם חוזק־שפּיל: „מיר זענען אומשולדיק".

— שנעלער! — שנעלער! — באַפעלט דער אינספּעקטאָר.

די תלמידים זענען לאַנגזאַם. זיי קוקן דורך וואָס זיי לייגן אויס פון די קעסטלעך אויף די טישלעך. דער אינספּעקטאָר טרויט זיי נישט. ער לויפט צווישן די בענק און קוקט אַליין אַריין אין די קעסטלעך, שטופּט אָפּ די תלמידים. ער לייגט־אָפּ פאַרדעכטיקע ביכער. אין אסתרן ברענט די באַליידיקונג ווי אַ פייער. זי האָט נישט מורא, זי ווייסט, אַז קיין טרפות איז נישטאָ. קוקט זי און שווייגט. ווען דער אינספּעקטאָר לייגט אָפּ אַ פּעקל ביכער מיטצונעמען מיט זיך, זאָגט צו אים אסתר העפלעך, איינגעצוימט:

— איך וועל מאַכן אַ רשימה פון די ביכער, וואָס איר נעמט, און איר וועט אַזוי גוט זיין אונטערשרייבן.

— נישט נויטיק.

— פאַר אונדז איז דאָס נייטיק. מיר וועלן דאָך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ביכער פון אונדזער גימנאַזיע, זיי זאָלן נישט צונויפגעמישט ווערן מיט אַנדערע. אין אַזאַ פאַל איז באַזונדער נייטיק פּינקטלעכקייט. איר וועט מיר אַזוי גוט זיין אונטערשרייבן... דאָס איז מיין פליכט.

— זאָל זיין, מאַכט עס נאָר שנעל. איך זע, אַז איר זייט אויפגערעגט, פאַני לאַפּידעס.

— לאַפּידעס־לוריע... — האָט זי פאַרריכט און געזאָגט מאַכנדיק די רשימה —איר זייט אויך אויפגערעגט, פאַניע אינספּעקטאָזשע...

— איר מאַכט אַ טעות, איך בין נישט אויפגערעגט, דאָס זייט איר אויפּ־גערעגט.

— נישט אויפגערעגט — זאָגט אסתר — נאָר באַליידיקט. איך מיין, אַז מיר האָבן גרונט זיך צו באַליידיקן.

— מיר מוזן האַלטן די לער־אַנשטאַלטן ריין — זאָגט הויך דער אינס־פּעקטאָר.

— דאָס דאַרפט איר טאָן דורך די לערער. אַזוי זאָגט דער צירקולאַר פון בילדונגס־מיניסטער. אַלע אונדזערע לערער זענען באַשטעטיקט דורכן קוראַ־טאָריום.

— איר האָט רעכט צו קלאָגן אויף מיר, פאַני לאַפּידעס, אויב איך געפעל אייך נישט. איך פאַרשטיי נישט אייער צאָרן.

קען זיך אסתר נישט איינהאַלטן:

— איך גלויב נישט — זאָגט זי — אַז רעוויזיעס אין די טיש־קעסטלעך געהערן צו פּעדאַגאָגן.

דער אינספּעקטאָר איז אַוועק אַ כעסדיקער, אַ געקריוודעטער, פון קלאַס.

די קינדער האָבן זיך איינגעהאַלטן אַ פּאָר רגעס, דערנאָך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. מער האָבן זיי זיך נישט געקענט איינהאַלטן. דער קליינער,

קיילעכדיקער, אויפגערעגטער, געלער אינספּעקטאָר מיט די געדיכטע רויטע וואָנצעס, וואָס האָט געזידט ווי אַ טאָפּ, וואָס בולבעט מיט הייסן וואַסער, האָט אַרויסגערופן דאָס געלעכטער. כל־זמן ער איז געווען אין קלאַס זענען זיי געווען גענוג דיסציפּלינירט צו האַלטן אין זיך דאָס געלעכטער. מער האָבן זיי נישט געקענט.

— לאַכט נישט, באַרויקט איך... — זאָגט אסתר און שמייכלט אַליין.

לויפט די צייט און מיט איר לויפן איינע נאָך די אַנדערע די גזרות, — אויפרעגנדיקע, דראָבנע נגישותלעך, שיקאַנעס, שפּילקע־שטעך.

זאָגן די לערער נאָך די לעקציעס אין לערער־צימער אַזוי:

— זיי ווילן אונדז נישט דערוועגן מיט אַ טומל, זיי ווילן מיר זאָלן אַליין שטאַרבן, אויסגיין אָן לופט.

— אונדזער גימנאַזיע איז פאַר זיי אַ לייכטערער ביסן. ווילנע איז שטאַרק, איינגעפונדעוועט, זיבן הונדערט תלמידים, האָט „פּראַוועס״, מען וועט שרייען, וואַרשע וועט טומלען, עס וועט דערגיין צו אויסלענדישע ציטונגען. אונדז קען מען מאַכן טויט אָן אַ טומלדיקער לוויה.

— מירן אויסהאַלטן, זיי אויף צו־להכעיס...

— די קינדער האַלטן זיך ווי בריות...

— די יוגנט־אָרגאַניזאַציע...

ברענגט אינדערפרי די פּאָסט אַ נייעם באַפעל:

— די לערערין לינדמאַן, דער לערער זאַבלודאָווסקי, דער לערער ווינער דאַרפן צושטעלן אין פאַרלויף פון דרייסיק טעג כשרות־צייגענישן, באַשטעטיקט פון דער פּאָליציי פון זייערע שטאָט־ערטער...

איטשע ווערט נישט נתפעל, ווען אויף אַנדערע קעפּ ליגט שוין נאָך אַ שווערער וואָלקן:

— וועט עס אויסגיין צו שמיר־געלט אין דריי וואָיעוודסטוועס — זאָגט ער.

עס איז אָנגעקומען אַ לאַנגע מגילה פון בריסקער קוראַטאָריום מיט אַזאַ אויספיר:

„נישט געקוקט אויף אַלע אונדזערע דערמאָנונגען און אָנווייזונגען זענען די לימודים פוילישע געשיכטע און ליטעראַטור נאָך אַלץ שטאַרק אָפּגעשטאַנען. דאָס מאַכט אוממעגלעך אָנערקענען רעכט פאַר דער גימנאַזיע״.

— ס׳איז אַ ליגן...

— אַ בלבול...

— בלויז שנאה...

דאָס זענען די מיינונגען פון די לערער. אָן רעכט איז אָבער שווער צו לעבן. די עלטערן צאָלן נישט געהעריק שכר־לימוד ווען די גימנאַזיע האָט נישט די נויטיקע רעכט. די צאָל תלמידים איז נישט גענוג גרויס אין אַ יידישער גימ־נאַזיע אָן רעכט. עס איז אָבער אַ מילחמה־פעלד. מען מוז אויסהאַלטן. וועט מען זיך מאַטערן, ראַנגלען זיך נאָך אַ יאָר.

— אונדזער גימנאַזיע — טראַכט אסתר — איז שוין לאַנג נישט אַ הויז פון צען צימערן, נאָר אַ לעבעדיקער נפש, וועמען מען וויל דערוואַרגן.

ברוכס עצה איז אַזאַ:

— מען דאַרף באַווייזן פאַר דער שטאָט, פאַר דער מאַכט, אַז די גימנאַזיע אין אַן ענין פון גרויסן כלל, דאָס קען מען באַווייזן דורך אַ גרויסער מאַסן־באַשטייערונג לטובת דער גימנאַזיע. צען טויזנט באַשטייערער!...

די תלמידים שטייען פעסט אין דער מילחמה. זיי האָבן זייער געהיימע אָר־גאַניזאַציע. דער פאָרזיצער פון דער תלמידים־אָרגאַניזאַציע, אשר האָט אויס־געשריבן אַ שבועה, אַז מען טאָר נישט פאַרלאָזן די גימנאַזיע ביז מען ענדיקט. איינער מוז העלפן דעם צווייטן. איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם. „זאָל לעבן די גימנאַזיע!...“ — היט מען די געהיימע שבועה.

די זיצונגען פון פעדאַגאָגן־ראַט זענען שווערע. עס קומען צו די זיצונגען אויך מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. עס קומט אויך ברוך. מען רעדט ווײַ־ניקער וועגן פעדאַגאָגישע ענינים, מער וועגן צירקולאַרן פון קוראַטאָריום, פאַר־אָרדענונגען פון בילדונג־מיניסטער, וועגן קינדער, וואָס קענען נישט צאָלן שכר־לימוד, וועגן שכירות פאַר לערער וואָס מען צאָלט נישט. ד״ר צבי ברוין, אויף וועמענס נאָמען עס איז אָפיציעל די גימנאַזיע, האָט געהאָט געזאָגט:

— עס איז נישט קיין שולע, נאָר אַ פלוטאָן אויפן פראָנט.

וואַרשע און ווילנע שיקן שטאָפעטן צו שטאַרקן, טרייסטן. עס פאָרן פון דאָרט אַראָפ מענטשן אויף אַ פּאָר טעג. מען ווייסט, אַז ביאַליסטאָקער גימנאַזיע דאַרף האָבן קרעפטיקונג.

העלאַ, ראָזאַ סימכאָוויטש!...

אַ שמחה, אַ גדולה. אַראָפגעפאַלן אַזוי ווי פון הימל.

— מען האָט מיך געשיקט פון וואַרשע — זאָגט זי — זײַן מיט אײַך אַ פּאָר טעג.

אסתר האָט זיך מיט איר אַרומגענומען און זיך צעקושט. זיי זענען דעמאָלט ביידע געווען אַזוי ווי גלייכע.

עס איז געווען אַ גוטער איינפאַל ראָזאַס קומען אַהערצו. מיט איר וועט מען נישט רעדן וועגן מאַטעריעלע ענינים, וועגן געזעצן, צירקולאַרן, גזרות, מיט איר וועט מען רעדן וועגן פּראָגראַמען, פעדאַגאָגיק, מעטאָדיק. זי, ראָזאַ, וועט באַרויִקן די געמיטער מיט איר רויִקייט, מיט איר שמייכל. זי וועט פאַרטרייבן שווערקייטן מיט קלאָרער תורה און גוטער שטימונג פון ווילנער גימנאַזיע.

אָוונט באַך אָוונט זענען געווען לערער־זיצונגען מיט ראָזאַ סימכאָוויטש.

— נעם די לייטשעס און זיי דער איזוואָשטשיק... — האָט איטשע געזאָגט אסתרן, וואָס האָט געמיינט, אַז זי זאָל פירן די זיצונג.

די טעמע איז געווען — לערן־ביכער, קאָנספעקטן, געשיכטע־לימודים. עס זענען נישטאָ קיין טעקסט־ביכער, דערקלערונגען צו טעקסטן פון געשיכטע, קיין

כראָנאָלאָגיש־היסטאָרישע, קורצע איבערבליקן, ביבליאָגראַפישע אויסווייזן... — ווי זאָל מען זיך אַן עצה געבן?

— נישטאָ קיין געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַרן געברויך פון דער גימנאַזיע.

ווי אַזוי־זשע גיט מען זיך אַן עצה אין ווילנע?

— עס איז נישט אַזוי וויכטיק די געשיכטע פון דער ליטעראַטור, ווי די ליטעראַטור גופא... — זאָגט ראָזאַ.

דערציילט זי אירע גוטע איינדרוקן פון אירע בייטאָגיקע באַזוכן אין די קלאַסן פון דער גימנאַזיע און זאָגט אויף דער זיצונג תורה:

— עס איז גוט, ביים לימוד פון ליטעראַטור, דורכצופירן פאַרגלייכן, ווי למשל, צווישן שלום־עליכמס הומאָר און דיקענס, און מאַרק טווענס, גאָגאָלס, מאָליערס. די תלמידים דאַרפן צוגעגרייט ווערן דורך ביישפּילן. היפּש איז שוין דאָ פון די קלאַסיקער אין ייִדישער איבערזעצונג. עס איז רעכט צו נוצן אויך פּוילישע איבערזעצונגען ווען ייִדישע טעקסטן זענען נישטאָ.

גיט זי עס נאָך בעסער צו פאַרשטיין די נויטיקייט פון קלאַסישע פאַרגלייכן:

— אַזוי עפנט מען פאַר די תלמידים פענצטער צו דער וועלט. עס ווערט רחבותדיקער. דער האָריזאָנט ווערט ברייטער.

אין איר לשון קומט עס אויס גאַנץ פּשוט:

— מען קען פאַרגלייכן מענדעלעס וועגעלע צו טשיטשיקאָווס טאַראַנטעלע, צו פּיקוויקס דיליזשאַנס.

מען דאַרף נישט האַלטן אונדזערע שרייבער אין אַ געטאָ, מען דאַרף זיי אַריינברענגען אין דער סביבה פון קינסטלער פון דער וועלט: פּרץ און סלאָ־וואַצקי, בערגלסאָן און האַמסון, אָפּאַטאָשו און מיצקעוויטש, רייזן און טשעכאָוו...

מען צעשטרייט זיך אַ ביסל דורך ראָזאַס דערציילונגען וועגן קינדער, וואָס זי האָט באַגעגנט אין די ייִדישע שולן אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד. זי זאָגט, אַז די קינדער־ליטוואַקעס ווייזן אַרויס אַ וויסן־דורשט, אַ נייגונג צו חקירה, די פּוילישע ייִדישע קינדער — אַ לעבנס־לוסט, אַ זאַרגלאָזיקייט, אַן אייגנאַרטיקע זאַפטיקייט. דערציילט זי אַזאַ מעשה:

— איך בין אַריין אין אַ שול פון ליטוואַקעס, אין דונילאָוויטש, ביי ווילנע, האָבן די קינדער געזאָגט איינע צו די אַנדערע: „איינשפּריצן... איינשפּריצן...״

— זייער כח פון סברה האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז איך בין אַ דאָקטער און גע־קומען מאַכן איינשפּריצונגען. איך בין געקומען אין קוטנער שול ביי וואַרשע, האָט מיין קומען די קינדער גאָרנישט געאַרט: „מילא, איז זי געקומען — איז וואָס?...״ — זיי האָבן מיך גאָרנישט באַמערקט.

דערציילט זי נאָך מיט אַ שטילן קלוגן שמייכל:

— פרעג איך די קינדער אין לובלין: „ווי לעבט איר, קינדער?״. ענטפערן זיי מיר: „גאָט צו דאַנקען...״. פרעג איך זיי ווייטער: „ווי לעבן די גויִשע קינ־דער?״. ענטפערט מיר אַ קליין שוואַרץ שרעטעלע, אַ מזיקל: — „ווי חזירים״.

קערט זיך אום אסתר צום לימוד פון געשיכטע. זי זאָגט אַזוי:

— „100 יאָר" אין סתם איז אַן אַבסטראַקציע, אָבער „100 יאָר" אַ קאָמ־פּלעקס פון ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען און לעבנס־אַרטן איז רעאַל. מען דאַרף פאַרטיפן דעם בליק אין דער קעגנוואַרט. ביי יידישער געשיכטע דאַרף מען אַראָפּגיין צו די שטאַמען, פון וואַנען מיר וואַקסן. די יידישע געשיכטע דאַרף געלערנט ווערן אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער, פאַרשטייט מען זי בעסער. עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם דאָס אַריינברענגען די תלמידים אין גרויסע עפּאָכעס פון וועלט־עקספּאַנסיע.

— וועלט־עקספּאַנסיע, מיטללענדישע קולטורן, פּאַראַלעליזם פון באַזונדערע מלוכות, — קען מען דאָס אַריינקלאַפּן אין די קעפּ פון אונדזערע קינדער?... — צווייפלט ד״ר צבי ברוין.

זאָגט ראָזאַ:

— אונדזערע קינדער אין די עלטערע קלאַסן פון גימנאַזיע זענען שוין גרויסע מענטשן, דערוואַקסענע יידן, שוין נישט מער קיין קינדער, זיי דולדן נישט צו זיך אַן אַנדערע באַציִונג. ווען מען טרעט מיט זיי צו צו די פאַקטן, צו די געשעענישן, ווען מען דערנענטערט זיך צו די מענטשן פון יענע צייטן, צו זייער לעבנס־שטייגער און מען נעמט אַרויס נאָר דאָס וויכטיקסטע, דאָס קערנדיקסטע, ווערט דאָס אַלץ איינפאַכער, נענטער, די תלמידים הייבן אָן צו פאַרשטיין, זיך דורכנעמען מיט דעם...

זאָגט אסתר:

— איך דערמאָן זיך וואָס איר האָט געזאָגט אויף אייערער אַ לעקציע אין ווילנע ,אַז סוף־כל־סוף איז די אויפגאַבע פון לערער נאָר אָנצינדן אַ ליכט אין פינצטערניש, נאָר אויפוועקן אַן אינערלעכן דראַנג נאָך וויסן, דאָס איבעריקע וועלן שוין די תלמידים אַליין טאָן, אָפּהענגיק פון זייער לעבנס־וועג.

צו די זיצונגען מיט ראָזאַ סימכאָוויטש זענען געלאַדן געווען אויך עטלעכע לערער פון די פאָלקס־שולן, עטלעכע שול־טוער. עס איז אויך געווען ברוך, עס איז געזעסן זיידל וועבער און געגאַפט, געוואָרן אָנטציקט: „פּראָפעסאָרן!... גאָו־נים!..." טיף אינעווייניק האָט ער געקוואָלן: „אונדזערע!... מיר!... זיידל וועבער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז „אונדזער אסתר" איז שוין אַזאַ למדן.

עס האָט געלוינט די גאַנצע האָרעוואַניע, חבר זיידל!...

די זיצונגען האָבן זיך פאַרצויגן שפּעט. עס איז שוין אין מיטן דער נאַכט. די באַלויכטענע פענצטער אין מיטן דער נאַכט האָבן דערוועקט אַ חשד ביי דער פּאָליציי פון דער געגנט. איז אַרויפגעקומען פּלוצלונג מיט טומל, מיט גערודער אַן אָפּטיילונג פון פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט:

— „קיינער זאָל נישט אַוועק!..." — איז געווען דער האַסטיקער באַפעל.

מען האָט גיך פאַרנומען די פּאַפּירן פון טיש, דעם פּראָטאָקאָל פון דער זי־צונג, פאַרשריבן אַלע נעמען. פּאָליציי איז געווען זיכער, אַז מען האָט געפּאַקט אין מיטן דער נאַכט „אַ באָלשעוויסטישע נעץ".

דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן ברוך און צוגעגאַנגען צום קאָמיסאַר פּנים אל פּנים:

— אַנטשולדיקט מיר — האָט ער געזאָגט — איר מוזט דאָך געוויס האָבן אַ פּאַפּיר וועגן אַ רעוויזיע אין לער־אַנשטאַלט. די גימנאַזיע ליגט אין רשות פון דער בילדונג־מאַכט. וואָלט איך וועלן זען אייער פּאַראָרדענונג וועגן אַ רעוויזיע, איך וואָלט וועלן וויסן אויך אייערע נעמען. מיר מוזן באַריכטן וועגן דער אומגעזעצלעכער געשעעניש צום בילדונגס־מיניסטעריום.

— ווי איז דיין נאָמען? ווער ביסטו? — האָט געזאָגט דער פּאָליצײ־קאָמיסאַר אַ צערודערטער. די ווערטער „בילדונגס־מיניסטעריום" האָבן שטאַרק אָפּגעקלונגען. ווער וויסט זיי, די חברה!...

אין צימער איז געווען שפּאַנונג. אסתר האָט געקוקט סײ שטאָלץ און סײ אומרו:יק אויף ברוכן.

— מיין נאָמען איז ברוך לוריע — האָט ער געענטפערט מיט ווירדע — איך בין דער פאָרזיצער פון גימנאַזיע־קאָמיטעט און אינסטרוקטאָר אין האַנטווערקער־שול. איצט וויל איך האָבן דעם כבוד צו וויסן אויך אייער נאָמען. איך וויל זען דעם דאָקומענט וועגן דער רעוויזיע. איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיר זענען פאַרפליכטעט צו באַריכטן וועגן דעם אין וואַרשע.

דער פּאָליצײ־קאָמיסאַר איז געוואָרן ווייכער:

— דאָס איז די אָפּטיילונג פון דריטן קאָמיסאַריאַט. דער נאָמען פון קאָמיסאַר איז וולאַדיסלאַוו פּשינעצקי. מיר וועלן נאָכזען די פּאַפּירן און אויב זיי זענען אין אָרדענונג, וועלן מיר זיי אייך צוריקשיקן.

— „דאָבראַנאָץ"...

ווי נאָר זיי זענען געווען אויף יענער זייט טיר, האָט אסתר געפרעגט איטשען:

— האָסטו דעם פּראָטאָקאָל געשריבן אין אָרדענונג?

— איך בין אַ גראַמאַטנער — האָט ער געענטפערט — עס איז אַ פּראָטאָקאָל פון ריינסטער פּעדאַגאָגיק, וואָס קיין פּאָליצייסקע וועט נישט פאַרשטיין,

גייט מען אַהיים. אסתר נעמט מיט אַהיים ראָזאַן. יהודה שניידער האָט געזאָגט אויף זיין שטייגער:

— ברוך ד' יום־יום... מאָרגן וועלן מיר זינגען מיטן כאָר מכירת־יוסף־שפּיל...

— דיין ברוך האָט געהאַנדלט ווי אַ לייט, מיט ווירדע — זאָגט ראָזאַ.

אסתרן שמייכלט דאָס.

— ווען מיר נעמען דעם אומרו אין אונדזער שול־וועזן — זאָגט ראָזאַ — אין בילד פון דער אַלגעמיינער אומרו:קייט פון לאַנד, ווערט אַ ביסל לייכטער. צרת־רבים.

— עס איז אַ פּראָנט... — זאָגט ברוך — איבערן גאַנצן לאַנד. ביי אונדז דער קאָמיסאַר וולאַדיסלאַוו פּשינעצקי, אין וואַרשע אין סיים דער גלח טשעטשאַק מיט זיין עקספּערטיזע קעגן שחיטה. ער איז אַ בעל־רחמים אויף די בהמות.

— היינט איז דאָ אין צייטונג, אַז דער טשענסטאָכאָווער שטאָטראַט האָט שוין פאַרבאָטן שחיטה...

—אַז מען איז אַליין אויף אַ מילחמה־פראָנט — זאָגט ראָזאַ — ווערט מען פאַרלאָרן, מוטלאָז. מען איז אָבער נישט אַליין. מער נישט אונדזער ייִדישע מילחמה איז די דראַמאַטישסטע, זי ווערט איינגעפאַסט אין דער וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, ווי עס זאָגט דובנאָוו.

— איך פיל עס די לעצטע צייט, — זאָגט אסתר — מיט אונדזער גימנאַזיע האַלט מילחמה נישט נאָר דער קאָמיסאַר וולאַדיסלאַוו פשינעצקי; עס האַלטן מיט אונדז מילחמה דאָס קוראַטאָריום פון בריסק, דאָס מיניסטעריום פון וואַרשע.

— וואַרשע איז אויך נישט אַליין, מיט וואַרשע איז רוים און בערלין — זאָגט ברוך.

— אַז מען לאָזט איבער די אַליין־מאַכט נאָר צו דער לאָגיק, קומט מען צום אויספיר, אַז אונדזערע גימנאַזיעס, אונדזערע שולן זענען קעגן שכל־הישר, אונ־דזער מילחמה מיט קוראַטאָריומס, מיניסטעריומס, מיט דער נויט, מיט די גזרות, איז זינלאָז, שגעון, אַ פאַרשפּילטע שפּיל... — זאָגט ראָזאַ סימכאָוויטש — מיר לעבן שוין אָבער צוויי טויזנט יאָר נישט על פּי שכל...

— איר זייט גערעכט — זאָגט ברוך — ווען איר ווילט זען דעם קץ, אפשר וועלן מיר אים טאַקע נישט זען, עס האָט אָבער געזאָגט היינט יהודה שניידער — ברוך ד׳ יום־יום... יעדער טאָג, יעדע שעה איז ווערטפול פאַר זיך אַליין...

— דאָס איז אַ גוטע נחמה...

רייסט איבער אסתר דעם מיטן־נאַכטיקן שמועס:

— מען דאַרף גיין שלאָפן...

זי מאַכט פאַר ראָזאַן אַ געלעגער אויף דער צעראַטענער קאַנאַפּע.

ראָזאַ שלאָפט שנעל איין.

— זי איז מיד.

אין אסתר־ברוכס שלאָפצימער שלאָפט אויך דאָס זונעלע רפאלקע. ער באַ־וועגט מיט זיינע געטאָקטע ליפּעלעך. אים חלומט זיך עפּעס. ער וואַרפט מיט אַ פּיסל אין שלאָף.

— ראָזאַ איז קיינמאָל נישט אַליין — זאָגט אסתר ברוכן — זי איז מיט די שולן און מיט דער וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק.

ברוך שווייגט. אסתר רעדט ווייטער:

— איך בין אויך נישט אַליין... — זאָגט זי — איך בין מיט אונדזער ייִנגעלע און מיט דיר.

ברוך נעמט זי אַרום.

— ווייסט זען, ברוך... — זאָגט אסתר — מיר וועלן אויסהאַלטן. אונדזער רפאלקע וועט נאָך לערנען ביי אונדז אין גימנאַזיע. איך וואָלט נישט קענען זיין זיין לערערין. אַ מאַמע קען דאָס נישט...

— זאָל נאָר די גימנאַזיע אויסהאַלטן... — זאָגט ברוך — אַ לערער וועט שוין זיין.

— זי וועט אויסהאַלטן... — זאָגט אסתּר — זי מוז אויסהאַלטן.

רפאלקע ברומט אין מיטן שלאָף. זעצט זיך אויף אסתּר אין בעט, העדעט זיך צו צום ברומען פון איר קינד. זאָגט צו ברוכן:

— דאָס ברומט דער נייער דור...

— דער תּלמיד אין דיין גימנאַזיע... — זאָגט ברוך.

— אין אונדזער... — פאַרריכט אסתּר.

## פופצנטער קאַפּיטל

# אין איין מעת־לעת

װייסטו ווי אַזוי אומבאַקאַנטע, אומגעזעענע הענט טוען דיך אַ נעם, שטעלן דיך אַוועק אויף אַ פּאָסטן, אויף אַ וואַך — און דו שטייסט שוין אַזוי ביז דאָס לעבן אַוועקצוגעבן?...

אַזוי איז געווען מיט ברוכן ביי דער עלטערן־אָרגאַני־זאַציע. ער איז געוואָרן איר אויפבויער, איר פירער און איר וועכטער. די עלטערן האָבן זיך געקלעפּט אַרום אים געגאַנגען אין פייער און וואַסער.

— מיר זענען די פּיעכאָטע אויפן גימנאַזיע־פראָנט...

דער טשעסלער בענדעט קאַפּלאַן, אַ האַנטווערקער פאַר זיך אַליין, אַ כאַ־לופּניק, איז געווען דער פאָרזיצער פון דער עלטערן־פאַרזאַמלונג. זיין זון אשר לערנט אין עלטסטן קלאַס. בענדעט איז אַן אַלטער בונדיסט. אַמאָל־אַמאָל אין דער צאַרישער צייט האָט מען אים, אַ שטילן בחורל, אַנגעטרויט צו האַלטן די שטרייק־קאַסע. זי האָט געשטימט ביז אַ קאָפּעקע. אין יענער צייט איז ער געזעסן פאַר אַ שטרייק אַ יאָר צייט אין גראָדנער „רעשאַטקע". צו פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען קומט ער פּינקטלעך, אָבער ער „נעמט זעלטן אַ וואָרט", מחמת ער איז שוין אַ כאַלופּ־ניק, עס אַרבעט ביי אים אַ פּועל און אַ פּאָר לערן־ייִנגלעך — ער געהערט שוין צו אַן אַנדער קלאַס. די „פאַלקסצייטונג" לייענט ער יעדן טאָג פון א' ביז ת', זי פאַרבינדט אים מיט דער וועלט, מיט דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט דעם סאָ־ציאַליזם. פרייטיק קויפט ער אויך דעם ציוניסטישן „היינט", ערשטנס — דע מה שתשיב, און צווייטנס וויל ער טאַקע לייענען אַ פּאָר שרייבער־למדנים.

זיין כח הדיבור ווייזט אַרויס בענדעט קאַפּלאַן אין כאַלופּניקעס־פאַריין, וווּ ער איז פאָרזיצער. ער האָט ליב צו זאָגן אַ גלייכווערטל, זיך באַנוצן מיט אַ פּסוק, ער האָט הומאָר אויף זיין צונג.

אין די עלטערן־פאַרזאַמלונגען האָט ער אַריינגעלייגט אַ סך התמדה, ער גרייט זיך צו זיי. ער זעט זיין אשרן ביי די ביכער און ער זעט עס קלאָר, אַז עס וואַקסט אַ תלמיד־חכם:

— אַלגעברע, געאָמעטריע, פיזיק, געשיכטע, ליטעראַטור, אגדה...
ווערט פול בענדעטס האָרץ. מען האָט עפּעס, נישקשה, אַ שפּאַן געטאָן פון יענער „שטרייק־קאַסע" ביז היינט!...

שטייט ער שבת בייטאָג פאַר דער עלטערן־פאַרזאַמלונג און זאָגט אַזוי:

— דירה־געלט פאַר דער גימנאַזיע דאַרף איבערנעמען דער עלטערן־קאָמיטעט, מען דאַרף דאָס זען צו שאַפן, אַראָפּנעמען דעם יאָך פון די לערער. איך ווייס, אַז פאַר די לערער און דער פאַרוואַלטונג איז אויסהאַלטן די גימנאַזיע אַזוי ווי קריעת ים־סוף. שטייט אַ לערער אין קלאַס און לערנט מיט די קינדער און טראַכט גאָר וועגן דירה־געלט. אַז מיר איז אָנגעדראָלן אויפן האַרצן צוליב אַ פּאָר זלאָטעס, האַק איך שטאַרקער אַריין דעם טשוואָק אין האָלץ, אָבער דער לערער קען נישט האַקן שטאַרקער אין די קינדישע קעפּלעך. אונדזערער אַ לערער איז ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס פירט אין ים אַ שיף מיט פּאַסאַזשירן, און די פּאַסאַזשירן זענען קינדער...

— מיר צאָלן דאָך שכר־לימוד, און דאָס איז אויך שווער. זאָלן מיר נאָך נעמען נאָך אַן עול — דירה־געלט?... — רעדט קעגן אים איינער פון די פאַרזאַמלטע.

— וועמען טוען מיר דען אַ טובה, אַז מיר צאָלן שכר־לימוד? — רעדט ווייטער בענדעט קאַפּלאַן — וועו האָבן ייִדן נישט געצאָלט קיין שכר־לימוד? — זיי צאָלן שוין צווי טויזנט יאָר. וואָלטן ייִדן אויפגעהערט צאָלן שכר־לימוד, וואָלט כלתה תורה בישראל. דערצו נאָך צאָלן נישט אַלע עלטערן. נישט אַלע קענען צאָלן, פּאַרקוקט מען זיי. עס זענען טאַקע דאָ אַזעלכע, וואָס קענען נישט בשום אופן און זייערע קינדער זענען, נעבעך, גאָרנישט שולדיק... ווייסן מיר די נגישות, וואָס שיטן זיך אויף דער גימנאַזיע, מען שטיקט זי ביים האַלדז. ביי אַזעלכע צרות, פרעג איך אייך, ווי זאָלן זיך די לערער אַן עצה געבן?... — וועגן די פּעולות פון די קינדער דאַרף איך אייך נישט זאָגן, דאָס ווייסט יעדער איינער פון אונדז...

זעליג קאַפּאָטע איז אויך אַ באַלמעלאָכע פאַר זיך, ער איז אַ מייסטער פון „דאַמען־פּריוואַט", אַ שניידער. ער האָט אַ שפּיץ שאַרף גערגעלע, וואָס רוט נישט אײַן, לויפט אַרויף און אַראָפּ, צוגלייך מיט זיינע אויגן. ער איז אַ זשוואַווער, אַ פלינקער, אַ רירעוודיקער. ער איז זייער נתפּעל פון זיין טאָכטערס קענטשאַפטן אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע, זאָגט ער אַזוי:

— מען קען קריגן טויזנט ייִדן, וואָס זאָלן צאָלן צען גראָשן אַ וואָך. האָט איר שוין הונדערט זלאָטעס אַ וואָך פאַרטיק!...

— כאַפּ נישט. וועסט נישט קריגן קיין הונדערט פרעמדע ייִדן, וואָס האָבן דאָ נישט זייערע קינדער, זאָלן דיר געבן געלט.

— הונדערט נעם איך זיך אַליין צו קריגן אויף כאַניקעס און פּיאַסקעס

— העלפט אים אַרויס שמערל שוסטער.

— ביסט חסר־דעה? זיי וועלן דיר זאָגן, ווילסט אַ גימנאַזיע, צאָל אַליין.

— טאָ פֿאַרוואָס זענען געגאַנגען יעדע וואָך אַ טאָג די מוליאַרעס פֿון בריסק און אויפֿגעבויט די וויסאָקער שול?... באַשר דער אינספּעקטאָר האָט געזאָגט, אַז אין אַלטן הויז וועט ער שליסן די שול.

— ביאַליסטאָק איז נישט בריסק...

משה פינקל, מיט אַ קורץ, שפּיציק, בלאָנד בערדל, וועמענס טאַטער לערנט אויך אין גימנאַזיע, איז אַן „אָפּאָזיציאָנער" אין טעקסטיל־פֿאַבריק, אַ „רויטער", האַלט ער אַ שאַרפֿע, אַ פֿײַערדיקע רעדע:

— דאָס אַלץ, וואָס מיר טוען, זענען קליינע זאַכן, פּאַליאַטיוון, ביז עס וועט קומען די רעוואָלוציאָנערע ענדערונג. קוקט אויף מזרח!... הײַנט איז דאָ אין צײַטונג, אַז אין לאָדזש האָט אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־שטרייק פֿון הונדערט טויזנט אַרבעטער! עס הייבט זיך אָן אויך ביי אונדז!...

— די לאָדזשער פּוילישע טעקסטיל־אָוצעס לאָזן אָבער נישט אַרײַן אַ ייִדן אין פֿאַבריק. זיי וועלן נישט שטרייקן פֿאַר אונדזער גימנאַזיע, זיי וועלן נישט געבן קיין גראָשן...

— איר זײַט בלינד, איר זעט נישט די פּערספּעקטיוו, דעם אויפֿברויז פֿון כוחות — זאָגט משה פינקל, זײַנע אויגן בליצן אַרויס פֿון צווישן דעם עולם עלטערן — מען קען שוין מער נישט אויסהאַלטן, נישטאָ קיין כוח צו אָטעמען, נישטאָ קיין אַרבעט, קיין ברויט. די ממשלה פֿון דער בורזשואַזיע, פֿון די כראַביעס...

בענדעט קאַפּלאַן קלאַפּט אין טיש, מען איז אַראָפּ פֿון וועג. דערצו מוז מען זיין פּאַרזיכטיק. מען קען גאַרנישט וויסן. ער נעמט צוריק אין זײַנע הענט די פֿאַרזאַמלונג:

— פֿון דעם מעל — זאָגט ער — וועט מען קיין ברויט נישט באַקן. איך מאַך ווידער דעם פֿאַרשלאַג, מיר זאָלן איבערנעמען אויף אונדז דאָס דירה־געלט.

די פֿאַרזאַמלונג גייט אָן. עס איז שוין שבת־פֿאַרנאַכט. אין דער זעלבער צײַט, צווישן מנחה און מעריב, פּלאַמט דער מגיד ר' געצעלע אויף דעם ארון־קודש פֿון קראַכמאַלנער בית־מדרש. עס איז אַ קליין, אָרעם בית־מדרש צווישן די שמאַלע, געדרייטע געסלעך, אויפֿן ראָג פֿון בונים עסיק־ציערס געסל. קיין סך ייִדן זענען נישט געבליבן הערן דעם הייזעריקן מגיד. — אַ פּאָר מנינים עלטערע ייִדן. דער מגיד שטייט ביי די טרעפּלעך פֿון ארון־קודש, אײַנגעוויקלט אין אַלטן טלית, פֿון וועלכן עס שטעקט אַרויס זיין גרוי בערדל, ער רעדט זינגענדיק:

— חברה וויל איבערמאַכן דעם סדר־העולם, דער סדר־העולם וועט עס זייז אונדזער גואל. לאָמיר זיך שוין בעסער האַלטן ביים בורא־עולם...

ער רעדט וועגן שמירת שבת. ער שילדערט מיט מתיקות די אַמאָליקע, שבתדיקע ייִדן.

— פּרייטיק פֿאַרנאַכט פֿלעגט אַ שיינער, פֿרומער ייד זיך אײַנרייבן מיט בשמים, פֿאַרקעמען די באָרד איידער ער פֿלעגט זיך שטעלן צו קבלת־שבת.

נאָכן עסן פלעגט ער זינגען ביים טיש מיט דבקות שיר־השירים. שיר השירים אשר לשלמה...

דער מגיד זינגט. ער ווערט אַליין נתפעל פון די אַמאָליקע ייִדן.

דערציילט ער־אַ מעשה־פלא פון רבי ר׳ שמעלקע און זיין תלמיד משה־לייב פון סאסאָוו און ער קומט צום ריכטיקן, צום בעסטן, צום ייִדישן אויספיר: „לאָמיר גיין אין גאָטס וועגן און גאָט וועט זיך אויף אונדז מרחם זיין. ובא לציון גואל ונאמר אמן״.

עס איז שבת צונאַכטס נאָך הבדלה. עס גייען אַרויס צום פּאַלעסיער וואָקזאַל עטלעכע הונדערט יונגעלייט באַגלייטן הכשרהניקעס, בחורים און מיידלעך, חלוצים קיין ארץ־ישראל, גימנאַזיסטן פון „הרצליה״. מען רעדט הויך העברעיִש, די פּאָליאַקן אויף צעפּוקעניש. עס פאַרט אַ צענדליק, אָבער מיט די נשמות פאָרן מיט זיי עטלעכע הונדערט... מען זעגנט זיך, מען נעמט זיך אַרום, מען קושט זיך. די ארץ־ישראלניקעס זענען שוין אַלע אין וואַגאָן. זיי שטייען אין די פענצטער. די הערצער קלאַפּן. זיי שטעלן אַרויס אין דער לעצטער רגע אַ ציוניסטישע פאָן — בלוי און ווייס און אַ מגן־דוד. עס שיינט אין דער טונקלקייט פון אָוונט די בלויקייט פון דער פאָן און די ליכטיקייט פון מגן־דוד.

— להתראות בארץ...

— שלום וברכה...

די באַן רירט זיך. די וואַגאָנען גייען ווי זיי וואָלטן זיין לעבעדיקע, וואַגאָן נאָך וואַגאָן. טאַטעס־מאַמעס גייען נאָך דעם וואַגאָן מיט זייערע קינדער און טראָגן אין זיך דעם צער פון צעשיידן זיך מיט קינדער. מאַמעס האָבן טרערן אין די אויגן. מען טאָר נישט וויינען. אַ טאַטע שרייט צו זיין טאָכטער, נאָכלויפנדיק דעם וואַגאָן:

— גיטעלע, השם־יתברך... איך און די מאַמע וועלן נאָך קומען צו דיר... גיטעלע... גיטעלע, טאָכטער...

פון וואַגאָן שרייט מען אין כאָר:

— חזק ואמץ!...

אַלץ ווערט באַלד פאַרדעקט, פאַרטראָגן מיטן געזאַנג פון:

— עוד לא אבדה תקותנו...

עס איז אַ געזאַנג פון אַן אַנדער מזל. די געשיכטע שפּינט איר מיסטעריע.

די פּוילישע קאָנדוקטאָרן חוזקן:

— זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני...

אויף מאָרגן, אין סאַמע זונטיק, אין מיטן טאָג, איז געלאָפן אַ „רויטער בליץ״ אויף פּילסודסקי־גאַס. אַ יונגער, דאַרער, הויך־געוואַקסענער בחור האָט „אַרויפגעשאָסן״ אַ רויטן פענדל אויף די טעלעגראַף־דראָטן. דאָס פענדל האָט זיך געהאַלטן פעסט אויף די דראָטן, צוגעטשעפּעט מיט אַ מעכאַניזם ווי אַ קליפּה. די גאַס איז פון רויטן פענדל אָנגעצונדן געוואָרן. אַן אַנדער וועלט האָט אַ ווייַ געטאָן. מענטשן שטייען און קוקן, האָבן מורא און — קוקן. באַלד איז געוואָרן

## די לערערין אסתר

אַ פּייפעריי פון פּאָליציי, אַ בהלה. מען יאָגט זיך נאָכן בחור, וואָס האָט „אַרויפ־געשאָסן" די פאָן:

— כאַפּט אים!...

— האַלט אים!...

קיינער האָט אים נישט פאַרהאַלטן, קיינער האָט אים נישט געכאַפּט. אַ יונג לעבן איז געלאָפן און געהאָנגען צווישן הימל און ערד. אַ מענטש האָט, לויפנדיק, געטראָגן אין זיינע הענט זיינע אַכצן אָנגעצונדענע יאָרן. אָט פאַלן זיי אַרויס און צעטראַסקען זיך אויף די שטיינער.

לויף!... מאַך פיס!...

זיצסטו, אסתר, און טראַכסט וועגן דיין רפאלקען. וואָס וועט מיט אים זיין — וועט ער „אַרויפשיסן" אַ רויטע פאָן אויף די טעלעגראַף־דראָטן, אָדער וועט ער פאָרן קיין ארץ־ישראל?

## זעכצנטער קאַפּיטל

# פּשיטיק

א פּאָגראָם אין פּשיטיק...

— טויטע און פאַרווונדעטע...

— פעדערן פון צעפליקטע קישנס...

דינאַמיט, וואָס האָט אויפגעריסן די ייִדן אין גאַנץ פּוילן. די צייטונגען האָבן נישט געטאָרט שרייבן. מען האָט דאָס אָבער געוווּסט אין אַלע שולן, אין אַלע שטיבלעך, אין אַלע פאַבריקן, וואַרשטאַטן אין משך פון איין שעה.

ברוך איז געקומען צו לויפן אין גימנאַזיע, זיך צו געזעגענען מיט אסתרן, ער פאָרט אויף אַ פּאָר טעג קיין פּשיטיק, קיין ראַדאָם. עס איז געווען אין האַנטווערקער־שול אַ שנעלע באַראַטונג פון קהל מחמת טעלעפאָנישע ידיעות פון וואַרשעווער קהילה. עס פאָרט אַ דעלעגאַציע פון צוויי מענטשן. מען פירט הילף.

— איך בין אַ דאָרטיקער, פון ראַדאָמער גובערניע. איך בין אין דער דעלעגאַציע פון צוויי.

צאַפּלט זיך אַ צווילינג אין אסתרס האַרץ — געפאַר און שליחות. די אַנטשיידונג צו פאָרן תיכּף ליגט שוין אין זיינע אויגן. זי נעמט אים אַרום אָן ווערטער. דעמאָלט פילט זי בחוש ווי זייערע ביידנס לעבנס זענען איינס. עס איז שיקזאַל, אסתר, ברוך פאָרט!...

— לויף אַריין אין שטוב, גיב אַ קוק אויף רפאלן...

— איך בין שוין געווען...

פלאַטערט אסתר. אפשר דאַרף זי אים איצט זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס, איין וואָרט?... — פאַרשפּאָרסט, אסתר. ברוך הערט פון דיר אַפילו אָן אַ וואָרט. איר ברוסט איז ענג פאַר דעם שטורעם אין איר. אַ כּשרע פאַרליבטשאַפט פאַרגיסט איר פּנים, איר גאַנצן וועזן.

— פאָר, ברוך, זיי פאָרזיכטיק, קום געזונט...

— איך וועל קומען, אסתר...

אין די צייטונגען דערציילט מען וועגן דאָקטערס פּראָטאָקאָל, וואָס דער ייִדישער דעפּוטאַט האָט איבערגעלייענט אויף דער סיים־טריבונע, כדי די צייטונגען זאָלן שוין מעגן דרוקן, הגם די צענזור וויל דאָס נישט.

— שמואל מינקאָווסקי און זיי פרוי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. זייער זון, זעקס יאָר אַלט, האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט. דאָס קינד האָט געשוויגן, איינגעהאַלטן זיין אָטעם. אַזוי זיך געראַטעוועט. צווישן די פאַרווונדעטע — רבקה לענאַ — 75 יאָר, בער טויבער — 55 יאָר, גדליה העמפּל — 50 יאָר, שלמה טעפּער, יוכבד האָלאַנד, אברהם בערקאָוויטש.

די גאַסן האָבן אויסגעזען, צוליב די פעדערן פון די קישנס, ווי באַדעקט מיט שניי...

דאָס ייִדישע האַרץ צאַפּלט זיך אין דער הויפּטשטאָט, אין וואַרשע, אין זאַל פון דער וואַרשעווער גמינע אויף גזשיבאָווסקע 26. איבער הונדערט פופציק קילאָמעטער ווייטער, אין ביאַליסטאָק, צאַפּלען אַלע ייִדישע הערצער. מען זעט דאָ פון דער ווייטנס דאָס פּשיטיקער בילד:

— בהלה־פאַרזאַמלונגען פון רבנים, רביים, גוטע ייִדן, פּרנסים פון אַלע קהילות. פּקוח־נפש!... ווייסע בערד, שוואַרצע בערד, רויטע בערד, קאַפּעלושן און שטריימלעך. מען דאַוונט מנחה בציבור. דער ווילנער רב און סענאַטאָר רובינשטיין איז געקומען פון דער לוויה אין ראַדאָם און יאָמערט דעם יאָמער פון כל ישראל. אויף זיין פּנים איז גאַנץ ווילנע, ירושלים דליטא. ער שרייט אויס: „ווי באַלד עס פליִען שוין פעדערן פון די קישנס איז כלו כל הקצין. ייִדן, גוואַלט. ייִדן, מען טאָר נישט שווייגן!...״

גייט אַוועק אַ טאָג, אַ צווייטער. ווי קען מען זיצן אין די קלאַסן, אַז די ייִדישע וועלט ברענט. די קינדער רעדן, פרעגן. מען דערציילט, אַז אויפן שאָסיי פון ראַדאָם, פון פּשיטיק האָבן די זעלבסטשיצלער פון ראַדאָם באַגעגנט בוידן מיט אַנטלויפנדיקע ייִדן פון פּשיטיק. ייִדן אין שרעק, ייִדן מיט בעבעכעס, מיט זעק בהלה. טויזנט־יאָריקע גלותדיקע פּחד־בוידן. די זעלבסטשיצלער האָבן אָפּגעשטעלט די וועגענער, פאַרהאַלטן די פערד ביי די צוימען און זיי פאַרקירעוועט צוריק:

— האָט נישט קיין מורא!... אַנטלויפט נישט... מירן אייך באַשיצן!...

— אַז גאָט האָט אונדז נישט באַשיצט, וועט איר אונדז באַשיצן?...

ד״ר צבי לוריע זאָגט, אַז די ראַדאָמער בונדיסטן האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט פאַרקירעווען צוריק די בוידן ייִדן. איטשע האַלט, אַז אַנטלויפן איז דער אַלטער דרך, זעלבסטשוץ איז דער נייער און דער ריכטיקער. אַ נייעם דרך מוז מען אויסהאַקן.

— מיט זיך, נישט מיט אַנדערע...

— דערוויל וייסן מיר, אַז מיט בהלה האָט מען גאָרנישט אויפגעטאָן.

— די דערשפּירטע שרעק איז אָפּט געווען דער **שליח פון הצלה. אשרי המפחד תמיד.** אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער.

זאָגט אידאַ, די געקוועלטע מוזיקערין:

— איך בין זיך מודה, איך שרעק זיך. איך וואָלט נישט געבליבן מיט מיינס אַ קינד אין אַ שטאָט פון אַ פּאָגראָם. די מורא קומט דעמאָלט פון אומעטום, פון אַלע ווינקלען; איך געדענק נאָך דעם ביאַליסטאָקער פּאָגראָם...

אסתר הערט גוט וואָס מען רעדט אין לערער־צימער. זי זעט ברוכן אויפן שאָסיי ביי די בוידן. זי זעט אים נישט אַליין — זי זעט אים מיט אַ סך יידישע געשטאַלטן.

— דער זיכערסטער מקום־מקלט — זאָגט אסתר — איז די געשיכטע. איך פיל עס די לעצטע טעג אין קלאַס, ווען די קינדער פרעגן, רעדן וועגן פּאָגראָם אין פּשיטיק. איך האָב פאַר זיי געלייענט וועגן נעמיראָוו אין 1648, קנאַפּע דריי הונדערט יאָר צוריק. באַגדאַן כמעלניצקי, קאָזאַקן, זאַפּאָראָזשער; יידן וואַרפן זיך אין טייך אַריבערצושווימען אויף דער צווייטער זייט, שיסט מען אין זיי. קינדער וואַרפט מען אין ברונימער. מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט: „שמדט זיך!" — זענען זיי אַוועק אויף קידוש־השם. איך האָב דערציילט וועגן נעמיראָווער ראש־ישיבה ר׳ יחיאל מיכל, וואָס איז אַוועק אויפן בית־עולם און דאָרט אומגעקומען, צוזאַמען מיט זיין מוטער ווי אַ קדוש, האָב איך געפילט אַ הייליקייט און אַ גבורה אין קלאַס. פּשיטיק ווערט דעמאָלט אַ טייל פון אַ גרויסן יידישן באַרג, אַן אָנגעצונדענעם מיט ליכטיקייט...

זאָגט צבי לוריע, וואָס שווימט אין אַלטער יידישער געשיכטע, ווי אין אַן אייגענעם טייך:

— אין די ציַיטן פון ת״ח און ת״ט זענען די יידן נישט געבליבן אויף זייערע ערטער, נישט אין טולטשין, נישט אין זאַסלאַוו, נישט אין פּינסק, נישט אין בריסק, נישט אין האָמעל, זאַמאָשטש, לובלין, לעמבערג, נאָר זענען געלאָפן פון די רציחות זיך צו ראַטעווען. ווען זיי וואָלטן דאָס נישט געטאָן, וואָלט פון זיי נישט געבליבן קיין שריד ופליט...

— מען קען נישט נאָכטאָן געשיכטע. געווען אַ צייט ווען דער איינציקער וועג איז געווען אַנטלויפן; היינט איז אַ צייט ווען דער איינציקער וועג איז ווידערשטאַנד. געווען שוין דעמאָלט, אין די ציַיטן פון ת״ח, אויך פאַלן, ווען יידן האָבן זיך קעגנגעשטעלט מיט וואָפן אין די הענט.

— ווען מיר לערנען מיט די קינדער פון יענער צייט — זאָגט אסתר — מאַכט אויף זיי דעם גרעסטן איינדרוק נישט די רציחה, נישט דאָס אַנטלויפן, נאָר די גבורה, דער ווידערשטאַנד, און ווידערשטאַנד איז דאָך נישט דווקא מעסער קעגן מעסער. איך האָב דערציילט די קינדער וועגן דער ת״ח־ און ת״ט־צייט אין רוזשינאַי, וואָס ליגט נאָענט צו אונדז. עס איז געווען אַ בלוט־בילבול אין רוזשינאַי אין 1659. מען האָט נישט געקענט געפינען די שולדיקע, האָט מען געטויט צוויי שיינע יידן, ר׳ ישראלן און ר׳ טוביהן, האָבן זיי געבעטן ביים תליין: „גיב אונדז צייט אַ שעה, מיר זאָלן קענען לויבן גאָט"... פאַר דער תליה האָבן זיי ביידע געזאָגט: „לאָמיר מקדש זיין שם־שמים אַזוי ווי חנניה, מישאל און עזריה"... —

איך האָב עס געלייענט אין דער ייִדישער געשיכטע. מיינער אַ חבר, דער לערער מאיר, האָט אַמאָל מיר פאַרטייטשט וועגן דעם אין אַן אַלטער סליחה. איך האָב עס איצט געטאָן אין קלאַס, האָב איך געהאַט אַ געפּיל, אַז די צוויי קדושים, ר׳ ישראל און ר׳ טוביה, זענען אַריינגעקומען דאָ אין קלאַס, אונדז צו מונטערן, און זיי האָבן נאָך געבראַכט מיט זיך חנניה, מישאל און עזריה...

— איז דאָס נישט פאַרעמד פאַר אונדזערע קינדער? — פרעגט צבי לוריע.

— זיי זענען דאָך נישט גרייט אויפצונעמען די אַלטע תנאים, די עשרה־הרוגי־מל־כות. מיר זענען דאָך נישט רעליגיעז, מיר זענען דאָך וועלטלעך...

— רעליגיעז, וועלטלעך... — זאָגט אסתר — דאָס זענען באַצייכענונגען, באַגריפן, סיסטעמען — אין אונדזער שול און פאַר אונדזערע קינדער זענען די קידוש־השם־ייִדן פון כמעלניצקיס צייטן נישט ווייט. זיי געהערן צו אונדזערע אייביקייטן.

קומט אַ טעלעגראַמע גאַנץ פרי פון ברוכן צו אסתרן: „איך מוז נאָך דאָ בלייבן". אַבי ער לעבט!

קומט אין לערער־צימער דער פאַרשאַרפטער, פאַרעקשנטער, חבר שואל, דער סעקרעטאַר פון טעקסטיל־פאַבריק, דער ראַטמאַן פון „בונד":

— 17טער מערץ איז אַ פּראָטעסט־שטרייק...

אין די פאַבריקן קומען שוין פאַר „מאַסוווקעס". מען וועט דאַרפן שטרייקן אויך אין די שולן. מען וועט שליסן די געשעפטן. שואל איז אַ סאָציאַליסט. „בונד" איז פאַר אים אַן אָנגעצונדענע לאָמטערנע אין דער פינצטערניש. דער צע־קאַ האָט אים, שואלן, גערופן דורכן טעלעפאָן. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שטרייק אין ביאַליסטאָק. פּשיטיק ברענט אין זיין מאַרך. ער לעבט אין דער שעה אַ העכערן לעבן. ער האָט שוין געלאָזט דרוקן אַ פּראָקלאַמאַציע אויף פּויליש פאַר די פּוילישע אַרבעטער: „טאָוואַזשישי"...

— די יוגנט־אָרגאַניזאַציע לאָזט אַרויס אַן אויפרוף צום שטרייק. עס איז שוין אין דער אַרבעט די שילער־אָרגאַניזאַציע...

אין לערער־צימער האָט זיך געמאָלדן אַ דעלעגאַציע פון די תלמידים. זייערע פּנימער — זייער ערנסט. זיי זענען מער נישט קיין קינדער, נאָר זייער פאַרנומענע, פאַראַנטוואָרטלעכע דרייַ דערוואַקסענע ייִדן.

— מיר האָבן באַשלאָסן צו שטרייקן דעם 17טן מערץ... נישט נאָר אין גימ־נאַזיע, נאָר אין אַלע שולן. מען גייט איצט איבער די שולן, מיר דאַרפן אויך גיין...

זאָגט די סמוגלע ברונעטע גיטל:

— מיר ווילן נישט קומען אין שול. די לערער האָבן גאָרנישט געוווּסט. מען וועט שטיין ביי די טירן פון אַלע שולן...

די לערער דערשפּירן סכנה. דער קוראַטאָר וועט שליסן די גימנאַזיע.

— וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט דער לערער איטשע — לאָמיר זיך גוט באַ־רעכענען. איך פאַרשטיי אייך, קינדער. איר זייט ייִדישע קינדער. עס איז אָבער די סכנה פאַר דער גימנאַזיע גרעסער ווי פאַר די אַנדערע שולן. מען קען אונדז שליסן.

— סיידן מען וועט שליסן אַלע שולן. אַלע שולן וועלן שטרייקן. אַזוי פיל שלעסער זענען נישטאָ... — זאָגט אשר קאַפּלאַן, דער פאָרזיצער פון דער תלמידים־אָרגאַניזאַציע.

דאָס האָט אַ שלאָג־געטאָן אסתרן אין קאָפּ: „אַזוי פיל שלעסער זענען נישטאָ". נישט לאַנג האָט זי געליענט פאַרן קלאַס פון פרצס זכרונות: „קייטן פאַר יעדן איינעם?" — האָט געזאָגט פרצס טאַטע — „אַזוי פיל קייטן זענען נישטאָ"... איצט האָט אשר געבראַכט אַן עכאָ פון פרצן. אַזוי ווי ער וואָלט דאָ זיין, פרץ, מיט זיי.

— קינדער, — האָט אסתר געזאָגט — מיר האָבן גאָרנישט געהערט פון אייך...

— געוויס... — האָט אשר געענטפערט. גיטל האָט אויך געזאָגט דאָס זעלבע און זיך איבערגעקוקט: „געוויס".

דער אָפיציעלער און פאַראַנטוואָרטלעכער גימנאַזיע־דירעקטאָר ד"ר צבי איז אויפגעבראַכט...

— איר האָט זיי פאַקטיש דערלויבט. עס איז אַ שפּיל פאַרן טיוול. מען טאָר נישט מפקיר זיין די גימנאַזיע. און אויך מפקיר זיין זיך. מען טאָר נישט!...

— מען דאַרף נישט פילדערן, — זאָגט איטשע זאַבלודאָווסקי, וועמענס באָרד שלאָגט שוין מיט היבשער גרויקייט, — וועסט מיט אַ שפּענדל נישט פאַרשטעלן די ווילייע. פאַרפאַלן. וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט ר' ישראל... זאָגט אסתר:

— מיר שטייען אין מיטן אויף אַ לייטער. בלייבן שטיין קען מען נישט, אַראָפּגיין טאָר מען נישט, מוז מען גיין העכער. מיר קענען נישט פאַרווערן די קינדער. דאָס וואָלט געמיינט אַ ווונד אין האַרץ פון דער גימנאַזיע. זיי וואָלטן אויך נישט געפאָלגט.

— עס טרעפט — זאָגט ד"ר צבי — אַז גיין צוריק מיינט אויך גיין פאָרויס, וואָס איז עליה. מיר האָבן דאָך געהערט וואָס דער אינספּעקטאָר האָט געזאָגט, אַז פון אונדזער גימנאַזיע קומט אַרויס אַלדאָס בייז...

— האָט ער געזאָגט!... מיר קענען נישט האַנדלען קעגן דעם אַלעמען, וואָס מיר לערנען די קינדער, — זאָגט אסתר. — מיר דאַרפן זיין שטאָלץ מיט אונדזערע תלמידים.

מען קען נישט זיצן צו־לאַנג אין לערער־צימער. עס וואַרטן די קינדער אין די קלאַסן. וואָס זאָל איצט אין דער שעה אסתר טאָן אין איר קלאַס?...

— לייגט אַריין די געאָמעטריע־העפטן... — האָט אסתר געזאָגט אין קלאַס מיט אַ גוטמוטיקייט אויף איר פּנים, וואָס די קינדער קענען שוין אַזוי גוט — איך וועל פאַר אייך עפּעס לייענען.

דאָס איז גוט. וואָס וועט די לערערין לייענען?

— איך וועל פאַר אייך לייענען מעשה־נעמיראָוו פון חיים נחמן ביאַליק.

— מעשה פּשיטיק!... — האָט אויסגערופן דער וויסער לייזער.

— רוף עס ווי דו ווילסט.

## זיבעצנטער קאַפּיטל

# ווערט זייער ליבשאַפט לויטערער

עס איז מיטן נאַכט. ברוך שטייט ביי יענער זייט טיר און ישובט זיך — די טיר איז פאַרשלאָסן, אַלע שלאָפן. ער וויל נישט אויפוועקן. גייט ער צו צום פענצטער, קוקט אַריין. אין שטוב איז פינצטער. ער האָט נישט קיין ברירה, קלאַפּט ער אָן לייכט אין שויב. לייבע האָט זיך אָפּגערופן, ער איז נישט געשלאָפן, און געהערט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום פענצטער.

—ברוך? דו? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שוואַכן קול.

— יאָ, איך.

עפנט ער אים די טיר. „געקומען בשלום, אַ דאַנק דעם השם־יתברך". ער גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, גיט אים „שלום־עליכם".

— וואָס מאַכט איר, שווער?

— מילא, נו, אַ צעבראָכענע כלי.

לאָזט ברוך זיין טשעמאָדאַנטשיק אין קיך. לייבע האָט זיך צוריקגעלייגט אויף דער צעראַטענער קאַנאַפּע. פון אַלקער איז אַרויסגעקומען מאַשע מיט דראָבנע טריט, אַ באָרוועסע.

— גאָט צו דאַנקען, — זאָגט זי — דאָס קינד האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן.

זי מיינט דעם אייניקל.

אסתר איז אַרויסגעקומען די לעצטע. די האָר צונויפגעפלאָכטן אין אַ צאָפּ, די איברים נאָך פאַרדרימלט:

— ברוך... — זאָגט זי איין וואָרט.

ברוך האָט זי אַרומגענומען, געקושט, צוגעדריקט איר וואַרעמען און ווייכן גוף צו זיך. ער האָט זי לאַנג געהאַלטן אין זיינע אָרעמס.

— שוין איינגעשטילט?... — האָט ער געפרעגט, לייבע, מיינענדיק דעם פּאָגראָם אין פּשיטיק.

—איך בין געקומען שוין צו דער לוויה. דער פּשיטיקער רב האָט מספּיד געווען מיט דריי ווערטער: „ברוך דיין אמת“.

פון די לשון קודשדיקע, יענע־וועלטיקע ווערטער איז ביים טיש געוואָרן עצבותדיק.

— מען האָט נאָך געשטאָכן אַ ייִדן אין אַ הינטער־געסל אין דער נאַכט, ווען איך בין געקומען. פאַרוווּנדעטע האָבן מיר ראַדאָמער שפּיטאָל.

דערווייל האָט מאַשע אויפגעזאָדן טיי, דערלאַנגט צום טיש, געפונען אַ שטיקל קיכל — אים דערלאַנגט. די גאַנצע משפּחה האָט געטרונקען.

— גיי רו זיך אויס, לייג זיך צו, — האָט מאַשע געזאָגט ברוכן.

ברוך האָט אַריינגעקוקט אין רפאלקעס בעטל. זיין פּנים איז ליכטיקער געוואָרן. ער האָט אַ גלעט געטאָן זיין זון. געשטאַנען אַ ווילע איבער אים און אַרויסגערעדט:

— שלאָף געזונט, זונעלע מיינס.

דאָס קינד האָט עפּעס דערשפּירט אין שלאָף. עס האָט אַן עפן געטאָן די אייגעלעך, וועלכע זענען אין אַ סעקונדע געוואָרן וואַך, אַזוי ווי אויסגעשלאָפן, זיך געטאָן אַ הייב, אַ שטעל אויף:

— טאַטע... טאַטע... געקומען...

ברוך האָט אים אַרויסגענומען. די באַקעטע, וואַרעמע הענטלעך פון קינד האָט ער דערפילט אין אַלע זיינע איברים. דער מענטש האָט געציטערט ממש. פון פרייד.

אסתר האָט רפאלקען צוריק אַוועקגעלייגט:

— שלאָף, שלאָף, מאָרגן...

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט געהאָרכזאַם און באַלד איינגעשלאָפן.

זיי ביידע, ברוך און אסתר, זענען געבליבן אַליין אין זייער שלאָף־קאַמער. עס איז, ברוך, אַזוי שווער געווען צו זיין אַליין... — זי האָט געקוקט אויף אים און אַזוי ווי געפילט עפּעס נייעס. עס איז אויף אים געלעגן די עובדה פון שליחות.

— דערצייל עפּעס, ברוך...

— נישט איצטער, דאַרפסט דאָך שלאָפן.

— איך וויל הערן...

דערציילט ברוך וועגן מאַרק־טאָג, מאָנטיק, אין פּשיטיק, ווען דער פּאָגראָם איז געוואָרן.

— ייִדן זענען געשטאַנען אין מאַרק ביי זייערע סטראַגאַנעס, זענען אָנגעלאָפן פּויערים מיט שטעקנס, מיט אייזנס, מיט קאָסעס: „הוראַ נאַ זשידאַ!...“. אַ בהלה. ייִדן לאָזן הפקר זייערע סטראַגאַנעס און לויפן אין שרעק, וואָס איז שוין אַלט צווייטויזנט יאָר...

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער „ראַבונעק".

— אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן ר׳ איטשע מיטצמאַכער, איז געפאַלן ביי זיין סטראַגאַן אַ באַגאַסענער מיט בלוט...

— געהייסן?... — פרעגט איבער אסתר — ער איז שוין געווען טויט...

ברוך דערציילט ווייטער:

— פון שאָסיי האָט זיך געטראָגן אַ המון צעיאַכמערטע פּאָגראָמשטשיקעס...

אסתר הערט אין מיטן נאַכט און ציטערט. זי טוליעט זיך צו צו אים. ער שוויגט אַ ווײַלע, הייבט זיך אויף, שטעלט זיך ביים פענצטער, ער קען נישט איינזיצן ווען ער דערציילט, און ער זאָגט:

— דעמאָלט האָבן זיך געלאָזט ייִדן מיט רעוואָלווערן אין דער מחנה פּאָג־ראָמשטשיקעס.

— מיט גבורה... — זאָגט אסתר.

מען האָט דערציילט, אַז איין שטעטלשער ייִד, אַ גאַרבער, חיים לעסקאַ, איז אַרויסגעקומען אויף אַ באַלקאָן, צווייטן שטאָק, און געשאָסן אין מאַרק אַריין.

— צווישן די זעלבסטשיצלער איז געווען אַן אַלטער שוסטער, ר׳ פּנחס מאַלץ...

ווי נאָר ער האָט דערהערט „הוראַ נאַ זשידאַ", האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין גרויסע האַק, זיך געלאָזט אין מאַרק אַריין און זיך געשלאָגן מיט דער האַק ווי שמשון הגבור. געווען איז ער אַ גאַנץ לעבן אַ שוסטער אַ תמים, אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס „השכמה". איצט, אין שעה פון סכנה און פּקוח־נפש, איז ער געוואָרן אַ גבור. אין פשיטיק האָט מען גערעדט, אַז „ר׳ פּנחס הסנדלר" האָט צעטריבן מיט זיין האַק אין די הענט אַ המון רוצחים.

די דעלעגאַציע פון דער קהילה האָט גלייך געטיילט „טויטע אויף תכריכים, לעבעדיקע אויף ברויט". מען האָט געטאָן וואָס מען האָט געקענט. די ייִדן אין שטעטל האָבן זיך דערפילט, אַז זיי זענען נישט אַליין. כלל ייִדן איז מיט זיי.

— אַזש פון ביאַליסטאָק געקומען...

מען איז געקומען אויך פון אַנדערע שטעט.

— מען האָט זיך באַרויִקט, דאָס לעבן איז אַוועק אין זיין גאַנג...

ער דערציילט, אַז ער איז פאַרן אָפּפאָר פון פשיטיק געווען אויף אַ פאַר־זאַמלונג אין „פּראָפעסיאָנעלן פאַריין".

— צוויי צימערלעך, אויף די ווענט פּאָרטרעטן פון מאַרקס, טאָלסטאָי, פּרץ און מענדעלע. איבער זיי אַן אויפשריפט: „די ביבליאָטעק"... עס איז אַראָפּגעקומען אַ רעדנער, גערעדט וועגן פּאָגראָם און דערציילט אַ מעשה פון מאַקסים גאָרקי וועגן „אַלבאַטראָס", דעם שטורעם־פויגל...

דאָס וואָרט אַלבאַטראָס האָט גוט געקלונגען. שטורעם ווייסט מען וואָס דאָס איז — רעוואָלוציע. מען דאַרף נישט קיין צײַנער צו באַרשטש. ווו פּאָגראָם, ווען פּאָגראָם — עס האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ אַ שטורעם־פויגל, וואָס הייסט „אַלבאַטראָס".

נאָך דער פאַרזאַמלונג, אין יענער נאַכט, איז ברוך אַרומגעקראָכן מיט אַ פּאָר שוסטערס פון שוסטער־שטעטל איבער די גאַסן. דאָס איז דאָס הויז פון אַפּ־טייקער דעם ענדעק, דער אַנטיסעמיט פון שטעטל; דאָ וווינט דער פעלדשער, אַ נאַראַ׳ניק, אַ שוואַרצמאהניק. די יידישע הייזער מיט די אויסגעהאַקטע שויבן האָבן אויסגעזען אימהדיק — אויסגעלעכערטע אויגן... „מיר זענען געזעסן אין מאַרק אויף אַ פּריזבע. מען האָט נישט געקענט גיין שלאָפן. נישט ווייט פון קלויסטער איז דאָס הייזל פון די דערהרגעטע מינקאָווסקיס. אין דעם הייזל איז אונטערן בעט געלעגן באַהאַלטן דער קליינער שמואליק, ווען מען האָט געמאָר־דעט זיין טאַטן. דאָ שטייען די קליינע וועבער־פאַבריקלעך מיט די הילצערנע וועב־שטולן, אויף וועלכע עס האָבן געוועבט שטאָפן פאַר לאָדזש וועבער־זיידעס מיט לאַנגע בערד, וועבער אין טלית־קטנס, יונגע וועבער, זייערע זין, אין שוואַרצע העמדלעך״.

עס איז אַרויסגעקומען דרויסן אין מיטן נאַכט נפתלי דער שמש, וואָס האָט ליב צו נעמען גאַנץ אָפט אַ גלעזל משקה. ער קען נישט שלאָפן די נאַכט. האָט ער אַזוי גערעדט:

— אל תפחד עבדי יעקב, יידן זענען קיינמאָל נישט אַליין. אפילו אין וואַלד איז אַ ייד נישט אַליין, ווייל ער איז מיטן רבונו־של־עולם. עלעהיי פּאָגראָמען?... שוין געהערט אַזוינס. גויים שלאָגן יידן?... נאַ דיר אַ נאָווינע. אויף דעם זענען זיי דאָך גויים. אַ פּאָר לוויות פון יידן? — ד׳ נתן וד׳ לקח. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלן זיי האָבן, די יידן. מובטחני, צו סליחות וועל איך ווידער קלאַפּן אין יידישע לאָדנס, אם־ירצה־השם...

נפתלי דער שמש דערציילט אים, אַז שוין היינטיקן שבת, נאָך מעריב, איז ער געגאַנגען, ווי יעדן שבת־צונאַכטס, צווישן די בענק אין בית־מדרש, און געזאָגט יעדן איינעם: „גוט־וואָך״.

— אים איז מקנא צו זיין, זיין רויקייט און זיכערקייט... — זאָגט אסתר.

— איך בין נישט אַזוי רויק און אַזוי זיכער... — זאָגט ברוך — עס זעט מיר אויס פּשיטיקער פּאָגראָם נישט ווי אַ צופאַל, אַן אויסנאָם. שוין געווען אַ צייט, אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווען פּוילן איז געווען, לויט די אַלטע ספרים, דאָס יידישע שיינדל פאַר דער וועלט, דער מקום פאַר תורה, דאָס ווינאָרט פון גאָט, און די יידן זענען געוואָרן אויספּאַגראָמירט, די שנאה צו יידן ווינט נאָך היינט אין יעדן הויז...

— און דאָך... — זאָגט אסתר — איז פּוילן געוואָרן פאַר יידן דאָס לאַנד פון גרעסטער שעפערישקייט.

— ראַדאָם, פּיעטריקאָוו זענען נישט ווייט פון פּשיטיק — זאָגט ווייטער ברוך — מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָט דער העכסטער טריבונאַל אין פּיעטריקאָוו פאַרמשפּט דעם רב מחמת אַ בלוט־בילבול פון דאָמיניקאַנער גלח. האָט מען ביים רב אָפּגעהאַקט די הענט, אַרויסגעשניטן די צונג און פאַרברענט

אים אויפן שיטער. מיטן אַש פון פאַרברענטן רב האָט מען אָנגעפילט אַ קאַנאַן און אויסגעשאָסן אויפן מאַרק־פּלאַץ.

—דיר קומען איצט אין קאָפּ אַלע אַלטע גרוילן.

— ווען זיי קומען ווידער, ווערן באַנייט... — זאָגט ברוך — נפתלי דער שמש איז אַ לעמבערגער, האָט ער אין יענער נאַכט מיר דערציילט די לעמבערגער מעשה, ווי די פּאַליאַקן האָבן אַמאָל דערהרגעט דעם באַרימטן לעמבערגער רב אין שול, דעם „טורי זהב״, אויך זיינע צוויי זין, אויך דעם חזן ביים עמוד, אויך הונדערט מתפּללים... ער האָט דאָס דערציילט, כדי צו זאָגן, „אל תפחד עבדי יעקב״, האָב נישט מורא, שוין געווען אַזוינס, און יידן לעבן אַלץ; שוין געהערט פון אַזוינע רשעים, און נאָך ערגערע; אַז צו סליחות וועט ער ווידער קלאַפּן אין די לאָדנס... פאַר אים איז דער שטח פון דריי הונדערט יאָר גאָרנישט. ער האָט אַזוי דערציילט, ווי דאָס וואָלט נעכטן פּאַרלאָפן — דער „טורי זהב״ מיט זיינע זין אין לעמבערג און דער שוסטער מינקאָווסקי מיט זיינע זין אין פּשיטיק.

— דער שמש פון פּשיטיק — זאָגט אסתר — איז שטאַרקער פאַרן מיידל אין וואַרשע, וואָס האָט, ווי עס האָבן געשריבן די צייטונגען, באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד און געלאָזט אַ צעטעלע: „ווי די מערהייט פון דער היינטיקער יידישער יוגנט, בין איך אַן איבעריקע״.

אסתר האָט עפּעס וויכטיקעס צו דערציילן ברוכן:

— מען גרייט זיך אין שטאָט צו אַ פּראָטעסט־שטרייק. די קינדער אין די שולן האָבן אויך באַשלאָסן צו שטרייקן. די תלמידים אין גימנאַזיע האָבן אויך באַשלאָסן צו שטרייקן.

— מען דאַרף זיי אָפּהאַלטן, עס איז אַ סכנה.

— מען קען נישט.

— עס איז אָבער אַ רחמנות אויף דער גימנאַזיע.

— מען קען די קינדער נישט אָפּהאַלטן — זאָגט אסתר — זיי זענען טיף געטראָפן, אויפגעברויזט. די גאַנצע שטאָט איז אויפגעבראַכט. זיי ווילן שטרייקן, זיי ווילן עפּעס טאָן.

— איך זע, אַז דו ווילסט אויך זיי זאָלן שטרייקן.

— איך בין זיך מודה.

— מען טאָר נישט פאַרלירן דעם קאָפּ... — זאָגט ברוך — די מאַכט קוקט דאָך אויס אויף דעם. מען טאָר נישט מיט די אייגענע הענט פאַרגרעסערן דעם עלנט פון די קינדער.

— אונדזער קינד וועט נישט זיין קיין איבעריקס אויף דער וועלט, איינזאַם, ווייל עס וועט זיין אַן אַנדער וועלט.

— מיר דאַרפן האָבן אַן אַנדער וועלט זיך נישט צו פילן איינזאַם. נפתלי דער שמש האַלט, אַז אַפילו אַליין אין וואַלד איז אַ ייד נישט אַליין, נישט איינזאַם.

אין שטוב איז פינצטער, עס איז בחצי הלילה, מען הערט קלאָר דאָס אָטע־
מען פון אייגענעם קינד — אַזוי ווי מען וואָלט געהערט דאָס אייגענע אָטעמען.
אסתר מאַכט צו די אויגן און טוליעט זיך צו איר מאַן:

— איך האָב אַזוי געציטערט פאַר דיר ווען דו ביסט אוועק.

— איך האָב עס געפילט, אסתר.

— אָן דיר קען איך נישט לעבן.

— אסתר...

אויסגעטרונקען צוזאַמען דעם בעכער צער, ווערט די ליבשאַפט זיין לויטערער.

## אַכצנטער קאַפּיטל

# שטרייק!

עס איז געווען דינסטיק, דעם 17טן מערץ. ייִדן גייען שטרייקן איבער גאַנץ פּוילן. ייִדן אַליין. אסתר האָט נישט געהאַט קיין כח אין זיך אָפּצוהאַלטן די תלמידים פון גימנאַזיע פון שטרייק. זאָל זיין וואָס עס וועט זיין! שואל זאָגט, אַז גויִישע אַרבעטער וועלן אויך שטרייקן. הלוואי!... — מען האָפט, אַז עס וועלן שטרייקן אַ סך שולן. די גימנאַזיע וועט נישט זיין אַליין.

אשר, יאָסל, חיים, גיטל, מענדל, שימקע... — זיי און נאָך אַנדערע תלמידים סיי פון דער גימנאַזיע, סיי פון דער פּרץ־שול, פון מענדעלע־שול, פון גראָסער־שול, פון שלום־עליכם־שול, פון יוגנט־פאַריין־שול, זענען שוין געווען זיבן אינדערפרי ביי די טירן פון די שולן איבער דער שטאָט.

— פּשיטיק... פּראָטעסט־שטרייק... אַהיים!...

מען האָט צו די קינדער נישט געדאַרפט אַ סך רעדן. מען איז געגאַנגען צוריק אין די היימען מיט די ביכער און העפטן אין די הענט.

— געגאַנגען, נישט געשטאַנען, אָן טומל.

אשר, יאָסל, חיים, גיטל, מענדל, שימקע... — זיי זענען געלאָפן פון שול צו שול און איבערגעלאָזט ביי יעדער שול יונגע וועכטער: „קאָנטראָלירט, לאָזט נישט אַריין". די תלמידים האָבן געפאָלגט. עס איז גענוג געווען איין וואָרט: „פּאָגראָם!".

דאָס וואָרט איז אַלט, קומט אַרויס פון אונטער די געוועלבן פון יאָרהונדערטער. „פּאָגראָם!"... — עס קומט אַרויס די שרעק אין צעפליקטע קליידער, מיט צעשויבערטע האָר. „פּראָטעסט!" — דאָס וואָרט איז ניי, יונג, פלאַם־פייערדיק, בראַנד־מוזיק, מיט אַן אויפגעהויבענער פויסט, מיט אַ רויטער פאָן, מיט אָנגעצונדענע אויגן:

— „פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם!".

אשר, יאָסל, חיים, גיטל, רייזל, מענדל, שימקע... — זיי זענען איצט מער נישט בלויז תלמידים, וואָס לערנען אין יידישע שולן. זיי זענען בייע, יונגע יידן. זיי זענען בשורה־פייגל פון אַ נייער צייט. זיי וויסן גאָר אַליין נישט, וואָס פאַר אַ גרויסע עבודה עס איז געלייגט געוואָרן אויף זיי. זיי פּראָווען נצחון ביי די טירן פון די שולן. טויזנטער קינדער לויפן צוריק, צוריק, אַנצוזאָגן אין די היימען:

— פּאָגראָם... פּראָטעסט...

די יינגלעך וואָס לערנען אין תלמוד־תורה אויף פּיאַסקעס, זעקס הונדערט זענען זיי, אין רעקלעך, קאַפּאָטקעס, פּיאות, זיי האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט פון די תלמוד־תורה־קלאַסן דרויסן:

— פּאָגראָם... פּראָטעסט...

די תלמידים זענען געוואָרן צעטומלט: „היתכן?... הפקר?...״ — אָבער ר׳ יוזל, דער ראש־ישיבה, האָט געזאָגט:

— אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, זאָלן זיי גיין זייער וועג... מירן גוזר זיין אַ תענית... זאָלן זיי טאָן זייערס. עס זענען דאָך טאַקע באו מים עד נפש...

דער חבר שואל האָט טריומפירט: די פּ. פּ. ס. האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אויף פּויליש וועגן שטריק. חבר שואל האָט אים געלאָזט דרוקן אין אַ דרוקעריי: „לאָמיר נישט דערלויבן דערטרינקען אונדזער קאַמף פאַר דער סאָציאַלער אויס־לייזונג אין פּאָגראָמען קעגן די יידישע אַרבעטער״.

דער לשון איז נישט געפעלן געוואָרן: „נאָר צוליב דעם, מען זאָל נישט דער־טרינקען די סאָציאַלע אויסלייזונג פון די פּוילישע אַרבעטער? נאָר קעגן די פּאָגראָמען אויף יידישע אַרבעטער, אָבער אויף די יידן ביי די סטראַגאַנעס אין פּשיטיק מעג מען מאַכן אַ פּאָגראָם?... — וואָס קאָן מען העלפן, רעכט כאָטש אַזאַ פּראָקלאַמאַציע!...״

— שטרייק!...

— פּראָטעסט!...

גרופּעס אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט גיין פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין איבער די פאַבריקן:

— שטרייק קעגן פאַשיזם...

— קעגן פּאָגראָם!...

די שטרייק־פּאַטרולן זענען געלאָפן איבער די פאַבריקן, אָנגעטאָן אין צע־פלאָסענע רעקלעך, מיט צעדרייטע, פאַררוקטע היטלעך אָדער קאַפּעלושן אויף די קעפּ, מיט ווייסע שטעקנס אין די הענט. פּאַטרולן זענען געלאָפן איבער די קראָמען, מערסטנס יידישע, צוגעקלאַפּט די טירן:

— אויס מסחר!... צוגעשלאָסן!... שטרייקן!...

זיי האָבן נישט געוואַרט ביז די קרעמער האָבן געפּאָלגט, — זיי האָבן אַליין אַראָפּגעלאָזט די שטאָבן, צוגעקלאַפּט די טירן. איינגעעקשנטע קרעמער האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון זייערע געשעפטן:

— פינצטערער עלעמענט!... קאַפּיטאַליסט דו איינער!...

אויפן גרויסן מאַרק, אַרום שטאָט־זייגער, אַרום די „ברעמלעך" איז געווען אַ שווערע מלאכה. דאָרט דרייען זיך אַרום פּאָליציאַנטן. דער וואָיעוואָדע האָט אַרויסגעשיקט פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־וואַכן. ער האָט אַרויסגערופן שואלן דעם סעקרעטאַר פון וועבער־פאַריין:

— וואָס איז דאָס? רעוואָלוציע?... באָלשעוויזם?...

— דאָס איז פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם. מישט זיך גלייכער נישט אַריין. דאָס איז מיין עצה. עס איז אַ פּראָטעסט־שטרייק אין גאַנצן לאַנד. דער פאַריין האָט קאָנטראָל.

איבער די קראָמען האָבן זיך געלאָזט די טרעגער, די בעקער, די פליישער — די געזונטע יונגען. „גיי הייב זיך אָן מיט זיי!"...

אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוקלאַפּן די טירן פון די קראָמען, אַראָפּלאָזן די שטאַבן, איינע נאָך די אַנדערע, איז עס געווען אַ גערודער־מוזיק פון אַ תקופה, פּראָטעסט־גערודער אויף מיטן דעם גרויסן מאַרק. אַ סך קרעמער האָבן אַליין געשלאָסן זייערע געשעפטן, נישט געוואַרט מען זאָל זיי קומען זאָגן. באַלעבאַטישע, סוחרישע ייִדן האָבן געזאָגט:

— עס איז רעכט צו שליסן...

— אַ ייִדישע זאַך...

— מען קאָן טאַקע נישט שווייגן!... חברה זענען ייִדן!...

דוכט זיך וואָס — בלויז קלאַפּעריי פון שטאַבן, פון טירן, אַראָפּגעלאָזטע לאַדנס, עלעהיי שבת... — אָבער איצט, אינמיטן דינסטיק, אינמיטן דער וואָך, די קראָמען פאַרמאַכט, פאַבריקן פייפן, סירענעס שרייען איבער דער גאַנצער שטאָט. די מענטשן, אין די טויזנטער, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אין די גאַסן, אויף די טראָטואַרן. עס שטייען געזעמלעך... — טוט זיך אַ מיש אַ גרויס בלאַט פון געשיכטע. אַ נישט־געזעענע האַנט טוט עס.

ערשט אינמיטן דערינען: עס פייפט, עס שרייט די פאָזשאַרנע טרובע אויפן שטאָט־זייגער, אַזוי ווי עס וואָלט אויסבערעכן אַ גרויסע שרפה. עס פייפט און שרייט אָן אַן איבעררייס. מען הערט דעם געשריי פון שטאָט־זייגער איבער דער גאַנצער שטאָט.

— ווו ברענט?

מען קוקט אויפן הימל, מען זעט נישט קיין רויך.

די פרייע פייערלעשער־קאָמאַנדע, וואָס איר מערהייט זענען ייִדן, האָט אויך געטאָן אירס אין פּראָטעסט קעגן פּשיטיקער פּאָגראָם — געלאָזט שרייען די פאָזשאַרנע טרובע. וואָס קאָן מען זיי טאָן דערפאַר? מען וועט זיי אָפּזאָגן פון זייערע שטעלעס? זאָל דער וואָיעוואָדע אַליין טראָגן די קישקעס און לעשן שרפות!

אויף ליפּאָווע גאַס, אויף באַזאַרנע האָבן רייכערע קרעמער זיך פאַרעקשנט, נישט געוואָלט „פאָלגן די לאָבוסעס" און נישט גענומען באַלד שליסן די קראָמען. זענען אָנגעלאָפן פּשוטע ייִדן מיט שטעקנס און געשריען, געדראָט:

— עוכרי ישראל...

— ייִדיש בלוט גיסט זיך...

אין דער פּויליש־ייִדישער גימנאַזיע האָבן די לערער נישט געוואָלט פּאַר־שטרייקן. מען טאָר נישט. עס איז פאַרבאָטן. זיי האָבן געזאָגט צו די קינדער, וואָס זענען געזעסן אין קלאַס, אַז מען באַשטראָפט יענע, וואָס זענען נישט געקומען. אַ מיידל האָט זיך אונטערגעגנבעט צום לערערס פּליצע און אָנגעשריבן מיט גרויסע ווייסע בוכשטאַבן אויפן שוואַרצן טאָוול:

— „שטרייקן!...“

און אַלע קינדער האָבן זיך אַ הייב־געטאָן פון די בענקלעך און זיך געלאָזט צו דער טיר. געלאָזט דעם לערער אַליין ביים לערער־טישל. אַ דור איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג.

מען קאָן נישט איינזיצן אין די הייזער, מען קאָן נישט שטיין אין די איי־נענע גאַסן, עס ציט צו דער הויפּטגאַס — צום שטאָט־זייגער, צו וואַשליקאָווער גאַס. מען שטראָמט אַהינצו אין גרויסע מאַסן. פּאָליציי־רייטערס זענען שוין דאָ אין גאַס. די שול־יוגנט איז אויך אַראָפּגעקומען. עמעץ שטייט אויף עמעצנס פּלייצעס און האַלט אַ רעדע.

— עס איז מאָדנע — זאָגט איין אַרבעטער צום צווייטן — עס איז שרעק־לעך און עס איז יום־טובדיק...

די איזוואָשטשיקעס לאָזן זיך אַראָפּ פון מאַרק. זיי פאָרן גאַלאָפּ איינע נאָך די אַנדערע. אַ גאַלאָפּ פון צענדליקער דראָזשקעס. די איזוואָשטשיקעס קנאַקן מיט די בייטשן, מעשה־גערודער, מעשה־פּאַראַד. די פערד פּאַטשן מיט די פיס אײַ־בערן ברוק. עס קנאַלט, עס קלאַפּט, עס הילכט אָפּ. די בייטשן שרייען פּראָטעסט. אשר, יאָסל, חיים, גיטל, רייזל, מענדל, שימקע... און נאָך און נאָך אַנדערע פּאַטשן בראַוואָ צום גאַלאָפּ פון די דראָזשקאָזשעס.

— זאָלן נאָר קומען אַהערצו די כוליגאַנעס־פּאָגראָמשטשיקעס, מיר וועלן זיי צעטרעטן די לייבער...

— ברעכן די ביינער!...

— ביאַליסטאָק איז נישט פּשיטיק...

דאָס זענען די רייד פון די איזוואָשטשיקעס, וואָס לאָזן זיך גאַלאָפּ מיט זייערע דראָזשקעס פון מאַרק אַראָפּ אויף צוויי זייטן — רעכטס צום פּוילישן קאָשטשאָל, צו דער דייטשער גאַס; לינקס — צו דער רוסישער צערקווע און ליפּאָווע גאַס. זיי ווייסן נישט וווהין אַליין זיי טרייבן זייערע פערד, וואָס טראָגן זיך אַזוי שנעל, אַזוי שמידיק, ווי אין אַ מילחמה אַריין.

עס טראָגט זיי דער רוח.

אין יענער שעה האָבן אסתרן באַגעגנט אין גאַס אשר און יאָסל.

— לערעריק, מיר האָבן געמוזט... עס איז גוט...

— אַנדערש נישט געקאָנט...

— אַלע שולן האָבן געשטרייקט...

— אַלע!

אשר, יאָסל, חיים, גיטל, רייזל, מענדל, שימקע... — זיי זענען אומגעגאַנגען איבער די גאַסן ביז שפּעט אין אָוונט. עס איז אַ גרויסער טאָג. מען קאָן נישט גיין שלאָפן. די גבורה האָט געדודערט אין אַלע זייערע איברים.

זיי זענען געגאַנגען אַ גאַנצע כאָפּטע איבער די גאַסן. זיי האָבן דעמאָלט געאַרנישט געוווּסט צו וועלכער גבורה זיי וועלן נאָך דערגיין.

הינטער זיי, מיט שטילע טריט, אומבאַמערקט, איז שוין נאָכגעגאַנגען די קדושה.

## ניינצנטער קאַפּיטל

# די שטראָף איז געקומען

אסתר זיצט אין איר קלאַס און דערציילט די מעשה:

— שמואליק מינקאָווסקי, דער פּשיטיקער יתום, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע...

דערציילט זי, וואָס זי ווייס, אַזוי:

— זינט ער איז געלעגן אונטערן בעט און געזען ווי די פּאָגראָמשטשיקעס מאָרדן זיין טאַטן, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעק און אויפגעהערט צו רעדן, פאַרלאָרן דאָס לשון, האָט מען אים געבראַכט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

זעכציק אויגן זענען געשפּאַנט צו אסתרס מויל:

— שמואליק איז אַ קליינינקער, אַ שוואַרצינקער. די מורא טרעט נישט אָפּ...

די מעדעם־סאַנאַטאָריע שטייט אין אַ וועלדל אויף אַ גרינעם פעלד. דאָרט איז דאָ אַ גאָרטן מיט גרינס און מיט בלומען, אַ סאַזשעלקע. דאָרט האָדעווען זיך ווייסע קראָליקעס. עס זענען דאָרט דאָ הוידעס, אויף די סכך־ביימער קריכן די פלינקע קינדער. דאָרט זענען אויך דאָ טויבן־נעסטן. די קינדער שפּילן זיך, לויפן אום, שטיפן...

ווערט פריילעכער אין קלאַס. זעכציק הענט, זעכציק פיס, דרייסיק קעפּ ווילן אויך שפּילן, שטיפן, לויפן, קריכן, זיך הוידען.

— ווי קאָן גאָר איצט שמואליק מורא האָבן פאַר פּאָגראָמשטשיקעס — רעדט אסתר — אַז מען שפּילט זיך אין לויפעניש און כאַפּעניש, מען שפּייזט די קראָליקעס, מען קוקט ווי די פישעלעך שווימען אין וואַסער?

פאַרוואָס זאָל שמואליק האַלטן ווייטער פאַרמאַכט זיין מויל, ווען ער זיצט אין גרויסן עס־זאַל, אָדער אויף דער גרויסער אָפענער טעראַסע, מיט אַזוי פיל קינדער, און מען עסט צוזאַמען פרישע בולקעלעך, וואַרעמע, מיט פּוטער, און מען טרינקט קאַקאַאָ?

דער מחיהדיקער מאכל צעגייט אין דרייסיק מיילער:

— וואַרעמע בולקעלעך...

— זיסע קאַקאַאָ...

פאַרוואָס זאָל שמואליק זיצן אַליין אויפן גראָז און שווייגן, ווען ער קאָן אַראָפּ־וואַרפן דאָס רעקל זיינס און אַרומלויפן צוזאַמען מיט די קינדער, אין זיין ווייס העמדל, רונד־אַרום און רונד־אַרום?

זעכציק פיס באַוועגן זיך אין קלאַס אונטער די טישלעך. — רונד־אַרום און רונד־אַרום...

אסתר, זע נאָר ווי יונג עס איז געוואָרן דיין פּנים און ווי עס קלינגט דיין שטימע אין צימער:

— רונד־אַרום און רונד־אַרום!...

דערציילט זי:

— קומט דער אָוונט, לייגט מען זיך אויף ווייסע בעטלעך, וואָס שטייען אין גרויסע זאַלן מיט אָפענע פענצטער. מען האַלט אָפן די אויגן און מען זעט די לבנה און די שטערן. נאָכדעם מאַכן זיך די אויגן אַליין צו און מען שלאָפט איין. שלאָפט אויך איין אויף אַ ווייס בעטל שמואליק מינקאָווסקי.

איינמאָל האָבן זיך די קינדער אויסגעשטעלט אין אַ קרייזל, זיך גענומען פאַר די הענט און זיך געלאָזט אין אַ קאַראַהאָד, זינגענדיק:

„שפּילן מיר, שפּילן מיר אין זאַמד,
שפּילן מיר, שפּילן מיר...”

נישט נאָר דערציילט זי, אסתר, מיט ווערטער, נאָר זי זינגט עס אויך אויס. די קינדער אין קלאַס קענען דאָס ליד נאָך פון די ייִנגערע קלאַסן, ווערן די גימ־נאַזיסטן צוריק קליין און יונג, און מען זינגט צוזאַמען:

„שפּילן מיר, שפּילן מיר אין זאַמד...”

— דעמאָלט — דערציילט אסתר — האָט שמואליק זיך אַ הייב־געטאָן פון גראָז, אַריין אין קרייז, אויסגעצויגן זיינע הענטלעך און מיטגעזונגען:

„שפּילן מיר, שפּילן מיר אין זאַמד...”

— די קינדער וויגן און פּאַטשן מיט די הענטלעך, קלאַפּן מיט די פיסלעך און שמואליק פּאַטשט שוין אויך, קלאַפּט שוין אויך, און זינגט שוין אויך.

— אויס שטומער, אַ קינד מיט אַלע קינדער.

כּולו שמחה אין קלאַס.

הייבט זיך אויף אסתר פון איר אָרט, גייט צו צום טאָוול און שרייבט אָן די ערשטע שורה:

„צו שמואליק מינקאָווסקי...”

זי לאָזט שטיין די אותיות אויפן טאָוול, טוט אַ קוק אַ לענגערע רגע

אויף די קינדער. זי דאַרף שוין גאָרנישט זאָגן. פאַר איר זאָגט לאהקע באַראַן, די שטילסטע און פאַרטראַכטסטע קינד פון קלאַס:

— מיר וועלן שרייבן אַ בריוו צו שמואליקן.

— דאָס מיין איך — זאָגט די לערערין אסתר — דער גאַנצער קלאַס וועט שרייבן איין בריוו. די קינדער וועלן פאָרלייגן זאַץ נאָך זאַץ און מיר וועלן שרייבן צוזאַמען.

— מיר זאָלן אָנהייבן אַזוי — זאָגט קלמן אַראַנאָוויטש: — „צו אונדזער ברודער שמואליק. דו האָסט נישט קיין טאַטע־מאַמע, וועלן מיר זיין דיינע ברידער...״

שרייבט דער גאַנצער קלאַס, צוזאַמען מיט אסתרן, אַ בריוו צו שמואליקן. יעדע מינוט ווערט דאָ, אין קלאַס, געבוירן ריינע מענטשלעכקייט. עס ווערט געבוירן ליבשאַפט אין דרייסיק הערצער.

נאָך דער לעקציע, אַריינקומענדיק אין לערער־צימער, האָט אסתר, ווי זי וואָלט אַראָפּקומען פון אַן אַנדער וועלט, געזאָגט:

— אַפילו די טרויעריקסטע געשעעניש, אויב אין איר איז נאָר דאָ אַ פונק פון גרויסקייט, קאָן ווערן אַ באַחנטע לעגענדע.

די לערער ווייסן נישט וועגן וואָס אסתר רעדט. זאָגט זי ווייטער:

— די געשיכטע מיטן פשיטיקער יתום שמואליק האָט זיך אָנגעהויבן זייער טרויעריק; אָבער שמואליק אין ווייסן העמדל, אונטערביימער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, צווישן קראַליקעס און טויבן, איז שוין אַ פריילעכע מעשה.

— די מעשה ווי די מעשה, ער וועט נישט אויפהערן זיין אַ יתום.

— און די גזירות צוליב מעשה־פשיטיק הערן גאָרנישט אויף.

צוליבן פשיטיקער פּראָטעסט־שטרייק האָבן זיך אַ שאָט געטאָן גזרות — די פּאָליציי האָט געשלאָסן יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ביבליאָטעקן, קולטור־ליגעס, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט אַרעסטירט, פאַרפירט פּראָצעסן. אין די שולן איז געוואָרן שטאַרק אומרויק. מען האָט דערציילט, אַז די נקמה אָן די שולן וועט קומען אַ ליאַדע טאָג. אין גימנאַזיע איז געגאַנגען דער אינספּעקטאָר מיט שטרענגע באַזוכן און האַרבע פּראַגן. אין דער פּוילישער גימנאַזיע פאַר יידישע קינדער האָט מען דערציילט, אַז די רעגירונג וועט שלאָגן די יידישע שולן אויף זייער פּילבאַרסטן אָרט — מען וועט שליסן די גימנאַזיע!

— מען דאַרף זיין אַ מלאך דאָס אויסצוהאַלטן — זאָגט אידאַ.

— אַ מענטש איז העכער פון אַ מלאך, — ווערטלט זיך איטשע זאַבלודאָווסקי. — אַז מען איז אַ מלאך איז מען קיין מענטש נישט. — ער איז זיכער — מען וועט דאָס אויך אויסהאַלטן.

— זעסט דאָך, פונדעסטוועגן האָבן איצט פופצן טויזנט מענטשן באַזוכט די מענדעלע־שול־אויסשטעלונג.

— אַ קלייניקייט, ס׳פּאָלק.

עס איז אַ זיצונג פון פעדאַגאָגן־ראַט פון דער גימנאַזיע. אסתר לאַפּידעס־לוריע פירט די זיצונג:

— מיר האָבן אויף דער טאָג־אָרדענונג: „פּראָגראַם פון פּלאַסטיק“.

— דאָס הויז ברענט, און דער זייגער גייט... — זאָגט איטשע. — מילא, זאָל זיין פּלאַסטיק.

די לערערין ליובע קאָן נישט זיין קיין לערערין אין די קלאַסן, ווייל זי האָט נישט די ריכטיקע פּוילישע פּאַפּירן. זי קומט אָבער כסדר צו די זיצונגען פון פּעדאַגאָגן־ראַט. זי איז נישט צופרידן, וואָס צוליב די צירקולאַרן און פאַר־אָרדענונגען האָט מען זיך צופיל אַריינגעטאָן אין די פאָרמעלע פּראָגראַמען און שעה־פּלענער:

— לאָמיר ווייניקער רעדן וועגן די פּאַפּירענע פּראָגראַמען — זאָגט זי מיט אַביסל פאַרוואורף. — לאָמיר רעדן וועגן די קינדער.

— פּראָגראַם פון לימוד איז אויך אַ וויכטיקער ענין — זאָגט צוריק אסתר — מיר מוזן האָבן אָרדענונג, סיסטעם, גענעריקע צוגרייטונגען צו די לעקציעס, און טאַקע אויפן פּאַפּיר אויך. כדי עס זאָל עפּעס אַרויסקומען, מוזן מיר אַרומזען די ערד, באַגיסן. מיר מוזן האָבן אַ פּראָגראַם.

— געוויס דאַרף מען פּראָגראַם — זאָגט ליובע, אַביסל באַליידיקט, — אָבער פּראָגראַם אַליין איז אַ שטיק פּאַפּיר. מען דאַרף קענען די אינערלעכע מעג־לעכקייטן פון קינד; זיינע פּאָטענצן. די שול וואַקסט אַרום צופיל מיט פּאַפּירן, טעכניקאַליען, אין דער צייט ווען דאָס קינד גופא דאַרף זיין אין צענטער, דעם קינדס וועזן, זיין וועלט.

— איך האָב, ליובע, פון אייך אַ סך געלערנט אין די ערשטע און שפּע־טערדיקע יאָרן פון אונדזער שול. איך וויל נישט רעדן אַקעגן אייך. איך מוז אָבער דאָס טאָן. איר זעט נישט גענוג אונדזער קינד פון היינט. איר זעט מער די קינדער פון פעסטאַלאָצי אין דער שווייץ. אין אונדזערע קלאַסן זיצן דער־וואַקסענע ייִדן. זיי לערנען נישט נאָר אין דער שול, זיי לערנען אין זייערע היי־מען, אויף זייערע גאַסן, און גאַנץ באַזונדער אין זייער שילער־אָרגאַניזאַציע, וואָס גייט פּאַראַלעל צו אונדזער שול. האַרב און שאַרף איז זייער סביבה. קאַמף איז די לופט אַרום זיי. זיי ווילן נישט, מען זאָל זיי באַהאַנדלען ווי קינדער. אונדזער שול איז פאַרשאָטן מיט גזרות, צירקולאַרן און סטאַטוטן. מיר מוזן זיך מיט דעם רעכענען. מיר מוזן האָבן עקזאַקטע פּראָגראַמען, לערן־פּלענער, שעהן־אָרדענונג.

גייט זי באַלד שאַרף אַריבער צום ענין:

— חבר מאַרק הערשבערג, איר האָט דאָס וואָרט וועגן פּלאַסטישע אַרבעטן אין די קלאַסן.

מאַרק הערשבערג, אַ שוואַרצער, אַ דאַרער, איז, לויט זיין פּאַך, אַ סקולפּטאָר. ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטעלט זיינע סקולפּטורן אין וואַרשעווער „זאַ־כענטאַ“. ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע פּלאַסטישע אַרבעטן — סקולפּטור.

מאַלעריי. ער האָט אַ פולן קאָפּ מיט צעפּלאָנטערטער תורה וועגן קונסט. ער מוז ביי יעדער געלעגנהייט עפּעס אַרויסוואַרפן פון זיין מאַרך, ער קאָן עס נישט טאָן סיסטעמאַטיש:

— אַלע גרויסע קולטור־עפּאָכן — זאָגט ער — האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרק־אַנטוויקלטער פּלאַסטיק. דאָס פּלאַסטיק־געפיל איז שטאַרק ביים קינד. עס דערפרייט זיך, ווען עס דערזעט אַ קעגנשטאַנד פון דריי דימענסיעס. ער כאַפּט אים מיט זיינע הענט, טאַפּט אים אַרום.

אסתר דערזעט פאַר זיך איר רפאלקען.

— לערנט מען אָבער מיטן קינד — זאָגט הערשבערג ווייטער — הויפּט־זעכלעך שרייבן, לייענען, פירט מען אים אַריין אין אַ גראַפישער וועלט, נישט אין קיין פּלאַסטישער. מיר דאַרפן אָבער אַנטוויקלען אַרבעטנדיקע, קונסט־פילנ־דיקע מענטשן.

— האָבן מיר דאָך אויך פּלאַסטיק אין אונדזער שול — שלאָגט אים איבער אסתר און וויל אים דערפירן נענטער צום פּראַקטישן פּונקט.

— אָבער צו ווייניק שעהן, מיר גיבן פאַר דעם אָפּ צו ווייניק צייט. מיין פאַרשלאָג איז — מער צייט פאַר פּלאַסטיק. איך קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער קנאַפּער צייט. כאָטש נאָך אַ שעה אין יעדן קלאַס!

ליובע גייט צוריק געווינען איר אויטאָריטעט, וואָס איז פריִער געשלאָגן געוואָרן, אומדירעקט, דורך אסתרס ווערטער, פאַרריכט זיך די ברילן אויף איר נאָז, ציט אָפּ דעם אָטעם, און זאָגט אַזוי:

— מען טאָר נישט די לימודים איינלייגן אין קעסטלעך, אין שאַפּקעלעך, אַריינבראָקן זיי אין שעהן. אונדזערע קינדער, וועלכע איך קען גאַנץ גוט, זענען באַוועגלעכע, שטורמישע. אונדזער יאָרהונדערט איז אַ נערוועזער. נויט, אָרעמ־קייט, קעלט מאַכן נישט רייכער דעם קינדס סביבה. זי בלייבט אַן אָרעמע. זיין האָריזאָנט איז גייסטיק באַגרענעצט, זיינע איינדרוקן זענען גרוי. דאַרף אים די שול געבן די עקוויוואַלענט פון דעם. דער לערער איז דאָך פאַרן קינד דער אַלץ־וויסנדיקער האָפן, אין וועלכן עס לאַנדעט. דאָס קינד האָט פראַגן, וויל וויסן, קאָן מען נישט אַ קוק טאָן אויפן זייגער אָדער דערהערן דעם שול־גלאָק און זאָגן „די לעקציע איז געענדיקט. נישטאָ מער קיין צייט...״

וויל אסתר נישט פאַרזיצן אַ דעבאַטע און זי ווענדט זיך צו ליובען און צום גאַנצן פּעדאַגאָגן־ראַט:

— עס איז געוויס זייער אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ גייסטיקע עקספּעדיציע אין וועזן פון אונדזער קינד און מאַכן השערות, ווייל מער ווי השערות מאַכן קאָנען מיר נישט. פאַר אונדז שטייט אַ קאָנקרעטער פאַרשלאָג, אַז מען זאָל צו־געבן נאָך אַ שעה אין דער וואָך פאַרן קעגנשטאַנד פּלאַסטיק. פאַרגרעסערן דעם לערן־פּלאַן קאָנען מיר נישט און טאָרן נישט. פרעגט זיך, פון וועלכן קעגנשטאַנד זאָלן מיר די נויטיקע שעה אַראָפּנעמען?

מיט אַ היבשער ווײַלע פריִער איז אַריינגעקומען אין לערער־צימער חבר

פישל קאַצענעלבויגן, דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די שולן. ער האָט געהאַט עפּעס וויכטיקס צו דערציילן. ער איז אָבער געווען אַ געדולדיקער שווייגער. ער האָט גערעדט נאָר ווען ער האָט געמוזט. זאָלן די לערער ענדיקן רעדן וועגן פּלאַסטיק, וועט ער זאָגן צוליב וואָס ער איז געקומען.

חבר פישל איז שוין געווען טיף אין די פערציקער יאָרן. אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן שטערן און פליך אויפן קאָפּ, צווישן שוואַרצע ראַנדן. ער האָט תמיד געהאַט צו טאָן מיט די לונגען.

מיט יאָרן צוריק, אין ניינצן־פינף, איז פישל געווען דער פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעפּובליק אין גאַרבער־שטעטל קריניק. בונדיסטן און אַנאַר־כיסטן האָבן אין „ניינצן פינף" געמאַכט דאָרטן אַ רעוואָלוציע, אַריינגעזעצט אין „רעשאַטקע" די דריי פּאָליציייסקעס און אוריאַדניק, צוגענומען ביי זיי די געווער און אַליין באַלעבאַטעוועט איבערן שטעטל, וויבאַלד די רעוואָלוציע איז געקו־מען אין גאַנץ רוסלאַנד, אויף וועלכער די גאַרבערס אין קריניק האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. פישל, דעם שוחטס זון, דער בונדיסט, איז געווען דעמאָלט דער ראש פון קרינקער רעפּובליק. ער איז געווען אַ שטילער, אָבער אַ שאַרפער באַלמע־לאָכע. ווען ער האָט אויפגעהערט לייגן תּפילין און זיין טאַטע, דער קרינקער שוחט, האָט אים געפּאַטשט, האָט ער זיך געכאַפּט פאַר זיין טאַטנס חלף:

— הער אויף, טאַטע, וואָרום איך וועל אַ סוף מאַכן מיטן חלף...

דאָס איז געווען אַמאָל־אַמאָל, אין יענע צייטן. ער איז שוין פאַר דער צייט געזעסן יאָרן אין טורמע, געווען פאַרשיקט, געלערנט, געלייענט, געאַרבעט אַלס פועל, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער שול־אַרבעט. ער איז דער סעקרעטאַר פון די שולן. ווען מען האָט געגרייט די גימנאַזיע־געבײַדע אויף פּאַבריטשנע גאַס, האָט ער געבראַכט אַהין די פּריוויליקע באַלמעלאָכעס, די סטאָלערס, די פאַר־בערס, וואָס האָבן געאַרבעט, געפאַרבט, געוואַשן די פּאָדלאָגעס, די פענצטער.

די רייד פון די לערער האָבן זיך צו־לאַנג פאַרצויגן.

— איך האָב אייך צו זאָגן עפּעס וויכטיקס... — האָט ער זיך אַריינגעמישט.

פון זיין פּנים, פון זיינע איינגעגראָבענע אויגן, פון זיין נידעריקער שטימע האָט געשלאָגן אומרו.

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ לאַנגן קאָנווערט און איבער־געגעבן אסתרן:

— מען גייט שליסן די גימנאַזיע...

אַ דונער אין ווינטער. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צום קאָנווערט אין אסתרס האַנט. ד"ר צבי, דער אָפיציעלער פאַרוואַלטער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט אַריינצוקוקן אין פּאַפּיר, וואָס אסתר האָט געענדיקט דורכלויפן מיט די אויגן מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם. עס קומט אַ שטורעם. אסתר באַמיט זיך צו זיין רויק.

זי האָט נאָכדעם געלייענט דעם פּאַפּיר אין דער הויך, לאַנגזאַם:

— צוליב דעם, וואָס, נישט געקוקט אויף אונדזערע פּילמאַליקע וואָרענונ־גען, האָט זיך דער לערן־מצב אין דער גימנאַזיע פאַרערגערט, די דיסציפּלין איז שרעקלעך געפאַלן, די לאַבאָראַטאָריע איז נישט איינגעשטעלט ווי געהעריק, דער רעקרעאַציע־זאַל איז נישט איינגעאָרדנט, די לימודים פון פּויליש און געאָגראַפיע זענען נישט באַפרידיקנדיק, די לערן־ביכער, וואָס ווערן גענוצט, זענען נישט קיין באַשטעטיקטע פון בילדונגס־מיניסטעריום, ווערט פאַראָרדנט די גימנאַזיע צו שליסן אין משך פון פופצן טעג. די קינדער מוזן תיכף איבערגעשיקט ווערן צו אַנדערע שולן, און וועגן דעם דאַרפן צוגעשטעלט ווערן אויספירלעכע באַריכטן אין קוראַטאָריום...

פישל קאַצענעלבויגן קוקט אָן די פנימער פון די לערער. ער זעט די צע־רודערונג אויפן פנים פון ד״ר צבי. איטשע זאַבלודאָווסקי טראַכט אָן עצה. ליובע האַלפערן איז פאַרלאָרן. אסתרס פנים איז אָנגעשטרענגט, די אויגן קוקן שאַרף.

— יעדעס וואָרט איז אַ ליגן... — זאָגט אסתר.

— דאָס איז דער ענטפער אויפן פּראָטעסט־שטרייק. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט קומען, איך האָב אייך געוואָרנט... — זאָגט ד״ר צבי.

וואָס וועט זיין?

וואָס וועט מען טאָן?

—מיט אייגענע כוחות וועט מען שוין גאָרנישט אויפטאָן — זאָגט איטשע און זיין באָרד ווערט עלטער. — נאָך היינט ביינאַכט דאַרף מען פאָרן אין בריסק. מען דאַרף לויפן אין קוראַטאָריום, מען מוז אָפּשרייען...

— מען וועט אונדז דאָרט פרעגן וועגן שטרייק, מען וועט אונדז באַשולדיקן, אַז מיר האָבן אים אָרגאַניזירט — איז אַריבער ד״ר צבי אין פּויליש, ווי שטענדיק ווען ער ווערט אויפגערעגט. — איך האָב אייך געזאָגט אין צייט. עס איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט אָט דער שטרייק.

אסתר ווערט אויפגערעגט:

— און אַז איר האָט געזאָגט, איז וואָס?... און אַז איר האָט געוואָרנט, איז וואָס?... האָבן מיר געדאַרפט צווינגען די קינדער זיצן אין די קלאַסן, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויס פּראָטעסטירן? איך האָב געזען אונדזערע קינדער און שטאָלצירט מיט זיי. נישט אומזיסט זענען מיר געווען זייערע לערער. מיינט איר, אַז מיר האָבן זיי געדאַרפט צווינגען צו הכנעה? — אַ נאַרישקייט, זאָגט איר? דאָס, וואָס איר זאָגט איצט, איז אַ נאַרישקייט. איר זעט דאָך, אַז אין דער פאַראָרדענונג שרייבן זיי גאָרנישט וועגן שטרייק. דאָס וואָגן זיי נישט צו שרייבן. זיי טשעפּען זיך צו אַנדערע זאַכן, און די „אַנדערע זאַכן" זענען שקרים. איך בין גרייט צו גיין אין קוראַטאָריום און אויפדעקן דעם בלבול. זאָל קומען אַ קאָמיסיע פון קו־ראַטאָריום, זאָל זי זען.

ד״ר צבי איז באַליידיקט.

— איר וועט גיין, איר וועט זיי זאָגן, איר וועט איבערקערן וועלטן — דאָס איז אַן איינרעדעניש. דערווייל וועט זיין די גימנאַזיע געשלאָסן.

— זי וועט נישט זיין געשלאָסן. מיר וועלן קעמפן.

— מיט וועמען — מיטן קוראַטאָריום?

— אַפילו מיטן מיניסטעריום!...

— דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, דאָס זענען רייד... דערווייל וועט מען צונעמען ביי אונדז אַלע די לערער־רעכט.

— צוויי וואָכן האָבן מיר דערווייל נאָך צייט. מיר וועלן אַלץ טאָן אין פאַר־לויף פון די צוויי וואָכן.

— אָבער דעם פּופּצנטן וועט מען מוזן שליסן.

שטיל. אַלע שווייגן. איצט האָט וואָס צו זאָגן פישל קאַצענעלבויגן:

— מיר וועלן אָרגאַניזירן די עלטערן, זיי זאָלן נישט שיקן זייערע קינדער אין אַנדערע גימנאַזיעס, זיי זאָלן וואַרטן.

כאַפּט אויף אסתר:

— מיר וועלן לערנען מיט די קינדער אין פּריוואַטע גרופּן ביז די גימנאַזיע וועט צוריק געעפנט ווערן.

— די עלטערן וועלן נישט וועלן. זיי וועלן שיקן זייערע קינדער אין אַנ־דערע גימנאַזיעס. מיר וועלן האָבן בלויז ליידיקע צימערן.

— די קינדער וועלן נישט גיין אין אַנדערע שולן, — זאָגט אסתר, — אויב מיר וועלן מיט זיי לערנען אין באַזונדערע גרופּעס אין פּריוואַטע הייזער.

אסתר האָט דערזען אין איר דמיון דאָס בילד פון „אשר, יאָסל, חיים, גיטל, רייזל...״ — די קינדער וועלן נישט גיין אין פּוילישע גימנאַזיעס!

— דאָס מיינט — זאָגט ד״ר צבי — אַריינגיין אין פייער מיט אַ לעפל וואַ־סער. ווער עס וויל, זאָל דאָס טאָן.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך — זאָגט אסתר — ווער עס וויל. נאָר ווער עס וויל. מיר האָבן אָבער נאָך צייט פאַר דעם. דערווייל דאַרף מען לויפן קיין בריסק.

זאָגט פישל:

— די חברטע אסתר און ד״ר צבי זאָלן פאָרן קיין בריסק. די לימודים אין גימנאַזיע דאַרפן אָנגיין ווי געוויינלעך. דאָס פּאַפּיר פון קוראַטאָריום בלייבט דערווייל אונדזער סוד.

— איך האָב נישט נאָך וואָס צו פאָרן — זאָגט ד״ר צבי — סיידן דאָס מיניסטעריום וועט מיך אַרויסרופן. זאָל פאָרן אסתר מיטן פאָרזיצער פון דער שול־אָרגאַניזאַציע.

— וועל איך פאָרן, אויב מען דאַרף, — זאָגט איטשע.

— בלייבט איר בעסער אין גימנאַזיע, מיט די קינדער, — זאָגט ליובע האַלפּערן.

שליסט אסתר די זיצונג שפּעט אין דער נאַכט אַזוי:

— מיר האָבן איבערגעריסן אונדזער שמועס וועגן פּלאַסטיק, וועגן דריי דימענסיעס. עס איז דאָ נאָך אַ דימענסיע, וועגן וועלכער נישט אַלע ווילן וויסן — דאָס איז די דימענסיע פון אונדזער לעבן, אין וועלכער אונדזערע קינדער זענען איינגעפּאַסט. דאַרף מען פּאָרן...

— זאָלסט מצליח זיין, אסתר... — זאָגט ליובע.

און צעקושט זיך מיט איר.

## צוואַנציקסטער קאַפּיטל

# גיב אַ קוש רפאלקען

אין בריסקער קוראַטאָריום האָט מען גאָרנישט געפּועלט. דער ענטפער איז געווען אַ שאַרפער: די גימנאַזיע ווערט גע־שלאָסן. זאָל מען מאַכן אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ רעקרעאַציע־זאַל און אָנגעבן אַ נייע ביטע צום נייעם לערן־יאָר.

— „ווערט מען זען...“

אסתר איז צוריקגעקומען אַ פינצטערע. זי האָט געקוקט אומעטיק אַפילו אויף איר רפאלן. עקשנות האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. אַזוי זעט אויס אַ מענטש ווען זיין קאָפּ איז מער נישט קיין באַלעבאָס איבער אים. עס טרייבט אין אים אַ רוח.

— מירן גיין העכער, צום מיניסטעריום, — האָט זי געזאָגט שאַרף ברוכן.

דער באַפעל צו שליסן די גימנאַזיע האָט איר נאָכגעיאָגט פון בריסק. הגם מען האָט זיך גערעכט אויף דעם, אָבער דאָך האָט אַ שלאָג־געטאָן אַ דונער אין אַלע פענצטער. אָט פאַלט איין דאָס הויז.

איצט דאַרף מען אַרבעטן מיט ביידע הענט. מען דאַרף אויפהיטן די קינדער, זיי איינזאַמלען ביז איבערן שטורעם. מען דאַרף לערנען מיט זיי אין פּריוואַטע הייזער, באַהאַלטענערהייט. מלחמה!

דאָס אָרגאַניזירן די היים־לימודים האָט איבערגענומען די תלמידים־אָרגאַניזאַציע:

— אשר, משה, מענדל, רבקה, רייזל...

געגנבעט וואַסער איז זיס. געהיימע, פאַרבאָטענע אַרבעט טוט זיך מיט ברען. טראָציקייט האָט געשטאָלעוועט די תלמידים. זיי זענען געוואָרן עלטער און פאַראַנטוואָרטלעכער. זיי זענען מער נישט קיין קינדער — אַ יונגע, דיסציפּלי־נירטע קאַמף־מחנה. אשר איז דער פאָרזיצער. ביים טירל פון גימנאַזיע שטייט אַ פּאָליציאַנט, אַ שומר. זאָל ער שטיין. די בילדונג־אינספּעקציע האָט געהייסן די שולן פון שטאָט, זיי זאָלן צושטעלן די רשימות פון נייע תלמידים, וואָס קומען

צו. מען האָט געזוכט אין די רשימות די נעמען פון די תלמידים פון דער פאַר־שלאָסענער גימנאַזיע — נישטאָ קיין איין נאָמען!

האָט מען געפאָדערט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, פון גימנאַזיע־דירעקטאָר, זיי זאָלן צושטעלן אַ באַריכט וואָס איז געוואָרן מיט זייערע תלמידים, ווו זענען זיי. דער ענטפער פון דער שול־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ קורצער:

— אומבאַקאַנט...

געהיימע פאָליציי־אַגענטן האָבן זיך אָפּט באַוויזן ביי די וווינונגען פון די לערער, אפשר וועלן זיי דאָרט פּאַקן די תלמידים. זיי האָבן נישט געפּאַקט.

גיי זוך איבער אַלע הייזער פון דער שטאָט.

און אַז זיי וועלן אונדז פּאַקן מיט קליינע גרופּן קינדער לערנענדיק אַריט־מעטיק אָדער געאָגראַפיע — וואָס קאָנען זיי אונדז טאָן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרברעכן? מיר האָבן רעכט צו לערנען מיט קינדער לייענען און שרייבן!...

ווי מען האָט דאָס נישט געמוזט האַלטן בסוד, האָט דאָך „שטאָט" געוווּסט וועגן דעם. לערער פון אַנדערע שולן האָבן געקוקט אויף די לערער פון דער גימנאַזיע ווי אויף אַ קעמפער־גרופּע. מען האָט געהאַט פאַר זיי דרך־ארץ. מען האָט זיי אויך שטילערהייט געהאָלפן. אויב אַפילו מען האָט געוווּסט, וועט אָבער קיינער נישט מסרן וואָס עס טוט זיך אין די צימערן פון דער פּרץ־שול, פון דער מענדעלע־שול, פון דער גראָסער־שול.

זאָל זיין שטיל. די שטרענגסטע סוד־האַלטער זענען געווען די תלמידים פון דער גימנאַזיע. זיי האָבן נישט נאָר פלייסיק געלערנט, זיי האָבן געפילט און געוווּסט, אַז זיי פירן אַ קאַמף.

— לערערין אסתר... — האָט איינמאָל געזאָגט דער תלמיד אשר, — די לערער דאַרפן נאָר לערנען, דאָס איבעריקע טוען מיר שוין. מיר ווייסן יעדן טאָג ווער עס איז פון די תלמידים געקומען און ווער נישט, און פאַרוואָס. און אַז די גימנאַזיע וועט געעפנט ווערן, וועלן דעם ערשטן טאָג קומען אַלע תלמידים, ביזן לעצטן.

אין יענע טעג האָט אסתר געזאָגט ברוכן:

— האָב נישט מורא פאַר מיר, ברוך. איך פיל זיך נישט שוואַך. איך בין געזונט. זעסט דאָך ווי איך שפּיל און פריי זיך מיט אונדזער רפאלקען. און אויב מיר וועלן די מילחמה פאַר דער גימנאַזיע פאַרשפּילן, וועל איך אָנהייבן נאָך אַ מאָל פון דאָס ניי, אַריינגיין לערנען אלף־בית אין אַן ערשטן קלאַס.

די מילחמה פאַר דער ביאַליסטאָקער גימנאַזיע אין וואַרשעווער בילדונג־מיניסטעריום האָט געהאַלטן אין זיינע הענט שלמה מענדעלסאָן. עס איז געוואָרן זיין אַמביציע — די מילחמה צו געווינען. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דער מילחמה מיט אַן אימפּעט, וואָס קוואַלט פון הונדערט דורות, מיט אַן אימפּעט, מיט וועלכן עס האָבן זיך געלאָזט די גרויסע יידישע שתדלנים אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן — די טובי־העיר, די גרויסע רבנים, די שליחי־ציבור — וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו מלכים און רוזנים, כדי צו ראַטעווען יידן און

ידישקייט. ער, שלמה, איז אַן אָפּשטאַמיקער פון יענע. ער איז געלאָפן צו דע־פוטאַטן און סענאַטאָרן, געזען וויכטיקע מענטשן, געקלונגען אין טעלעפאָנען, געשריבן פּאַפּירן, געקלאַפּט טעלעגראַמעס, אויסגעלייגט קלוגע און שאַרפע טענות ביז ער האָט באַקומען אַ ידיעה פון בילדונג־מיניסטעריום:

— איר קאָנט קומען צום בילדונג־מיניסטער דינסטיק, 11 אינדערפרי.

ער האָט אַרויסגערופן פון ביאַליסטאָק אסתרן.

— טאָמער דאַרף מען אינפאָרמאַציעס. טאָמער פרעגט דער מיניסטער וועגן זאַכן, וואָס ער ווייס נישט. אגב, מאַכט אסתר אַ גוטן איינדרוק.

אסתר איז געקומען צולויפן. זי האָט אָנגעטאָן איר שענסטע קלייד. ברוך האָט איר געהאָלפן אָנטאָן דאָס שנירל פּאַטשערקעס אויפן האַלדז. אַז שלמה מענ־דעלסאָן האָט איר דערזען, האָט ער געזאָגט:

— גוט, אסתר.

שלמה מענדעלסאָן האָט אויסגעאַרבעט די טאַקטיק ביים בילדונג־מיניסטער.

— פּריִער רויק, איידל, ברענגען אַלע פאַקטן און נאָכדעם — אַ פּראָטעסט־אַטאַקע, אַרויס מיטן אמת. נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. מען לערנט געהיים? — יאָ. מען לערנט. גייט אַרעסטירט די תלמידים מיט די לערער.

עלף אַזייגער זענען זיי בײדע געווען אין קאַבינעט פון בילדונג־מיניסטער.

דער מיניסטער, אַן אַלטער, גרייז־גרויער פּראָפעסאָר מיט לאַנגע, ווייסע, אַראָפּהענגנדיקע וואָנסעס, איז געזעסן אויף זיין מיניסטער־פאָטעל, געקוקט אין דער „פּאַפּקע״ פאַפּירן פאַר אים, וואָס שלמה מענדעלסאָן האָט געשיקט אין מי־ניסטעריום, בריוו פון הויכע לייט, פון אַ פּאָר סענאַטאָרן, פון צווי באַרימטע פּוי־לישע שרייבער, אויסשניטן פון אויסלענדישע און אינלענדישע ציטונגען, געקוקט אויף דער שלאַנקער פרוי אסתר לאַפּידעס־לוריע, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים און זאַכלעך געוועדט, באַוויזן, אַז די טענות פון קוראַטאָריום זענען נישט קיין באַגרינדעטע. ער האָט מער געהערט דעם טאָן פון איר שטימע, ווי די איינצלהייטן פון די פאַקטן, אַרויסגעפּילט דעם אומרו און ציטער פון אסתרן פאַר דער גימנאַזיע, פאַר די תלמידים. ער האָט געהערט די אויסטערליש־גייסטיק־געפעפּערטע רייד פון דעם נידעריקן, געבויגענעם ייִדן שלמה מענדעלסאָן, וועגן וועלכן דער פּראָפעסאָר קאַלינאָווסקי שרייבט אַזעלכע הויכע ווערטער. ער האָט אויך דערשמעקט די באַהאַלטענע טראַציקייט, אַפילו חוצפּה, וואָס שטעקט אין די פּיינע, געשליפענע פּוילישע זאַצן פון דעם געבויגענעם ייִדן.

— איר האָט דאָך אין ביאַליסטאָק געבראַכן דאָס געזעץ — האָט געזאָגט דער אַלטער פּראָפעסאָר פון רעכט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און מיניס־טער, אַריינקוקנדיק אין די פּאַפּירן — דער קוראַטאָר האָט די גימנאַזיע געשלאָסן, און איר האָט איר ווידער געעפנט אומלעגאַל, געהיימערהייט. דאָס איז אַ בפירושער אַנטי־מלוכה־אַקט, דאָס קאָן נישט געדולדעט ווערן. פּאָליציי זוכט אייך אַרום, אייערע געהיימע נעסטן. זי וועט געפינען, זי וועט אייך פּאַקן, און איר וועט באַקומען די העכסטע שטראָף. פּוילן איז אַ מלוכה, און נישט קיין אַנאַרכיע.

שלמה האָט געהערט, ווי זיך אומגערן איינגעקנורעט, ווי געגרייט זיך צו אַ קעגן־אַטאַקע. ער האָט זיך אַלץ מער קאָנצענטרירט און אָנגעזאַמלט ענערגיע.

— זאָגט מיר... — האָט זיך געווענדט דער מיניסטער צו אסתרן — ווו דען זענען די דריי הונדערט תלמידים פון דער פאַרשלאָסענער גימנאַזיע, אויב נישט אין געהיימע, אומלעגאַלע נעסטן?... איר ווייסט עס געוויס. איר האָט דאָך אַ האַנט אין דעם. איר זייט אַ לערערין, אַ באַשטעטיקטע פון קוראַטאָריום, פון בילדונג־מיניסטעריום. איר דאַרפט אויף דעם ענטפערן.

דערווייל איז נאָך נישטאָ קיין ענטפער. רעדט דער אַלטער פּראָפעסאָר ווייטער, קוקנדיק אין דער „פּאַפּקע״ פּאַפּירן.

— אַ פּאָליציימאַן שטייט אַ גאַנצן טאָג ביי דער גימנאַזיע, ער היט, און ער זעט קיינעם נישט. איר טוט אייער אַרבעט געשיקט. מיר האָבן אַרויסגעפּאָדערט די רשימות פון די תלמידים פון אַנדערע שולן — אייערע תלמידים זענען דאָרט נישטאָ. זיי מוזן דאָך ערגעץ זיין. זיי מוזן דאָך ערגעץ לערנען. לערנט איר מיט זיי געהיים; אין אַן אונטערערדישער גימנאַזיע. דאָס איז קעגן געזעץ. דאָס איז אַ געהיימע שול. איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך.

שלמה מענדעלסאָן האָט אַ רוק־געטאָן זיינע ברילן איבער די אויגן. זיין הויכער שטערן האָט זיך צוזאַמענגעקנייטשט. זיינע ליפּן האָבן שוין געציטערט. ווי שטענדיק ווען ער גייט זאָגן עפּעס שטאַרקעס, געוואַגטעס.

— אייער עקסעלענץ, מיניסטער... — האָט ער אָנגעהויבן.

דער מיניסטער האָט אים איבערגעהאַקט:

— איך דערוואַרט נישט אויף דעם קיין תשובה פון אייך... איך דערוואַרט פון דער לערערין פון דער גימנאַזיע.

זייערעביידנס אויגן, שלמהס און אסתרס, האָבן זיך באַגעגנט. ער האָט צו איר מיט זיינע אויגן שטום געזאָגט:

— גיי אַרויס מיט דעם אמת! פאַרפאַלן!

אסתר האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף איר שטול, אָפּגעצויגן דעם אָטעם און איינגעשטעלט דאָס גרעסטע פון איר לעבן — די גימנאַזיע.

און אפשר וועט זי זי ראַטעווען?...

זי האָט געזאָגט אַזוי:

— איך וועל נישט באַהאַלטן. איך וועל אייך זאָגן, הער מיניסטער, דעם גאַנצן און דעם פולן אמת. יאָ, מיר לערנען ווייטער מיט די קינדער. מיר לערנען געשיכטע, מיר לערנען געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, פּויליש. מיר לערנען יידיש, העברעיש. אין באַהאַלטענע דירות? — יאָ, אין באַהאַלטענע דירות.

די לופט ווערט אָנגעשטרענגטער. שלמה מענדעלסאָן קוקט אויף אסתרן נישט נאָר מיט זיינע אויגן, נאָר מיט זיין האַרץ און נשמה. ער וויל איר צוגעבן כח. גיי, גיי, אסתר, מיט דעם וועג!

— מיר האַלטן עס בסוד? מיר זאָגן קיינעם נישט אויס? — רעדט ווייטער אסתר — יאָ!... אָבער, אויב דער מיניסטער וויל, אויב דער מיניסטער וועט מיר

צוזאָגן, אַז מען וועט נישט אַרעסטירן די לערער און די קינדער, בין איך גרייט צו גיין מיט אייך פון געהיימער באַהעלטעניש צו געהיימער באַהעלטעניש, און זאָל דער מיניסטער זען און הערן ווי אַזוי די לערער לערנען מיט זייערע תלמי־דים... און אויב עס קומט מיך אַרעסטירן, פאַרוואָס איך זאָג נישט אויס, פאַרוואָס איך מסר נישט, איז אדרבא, זאָל דער מיניסטער הייסן, מען זאָל דאָס מיט מיר שוין טאָן. מיר, די לערער, האָבן אַוועקגעגעבן פאַר דער גימנאַזיע אונדזערע הערצער, אונדזערע נשמות. אין איר ליגט אונדזער האָפענונג, אונדזער ליבע צו אונדזערע קינדער, צו אונדזער שול. אויב עס קומט אונדז פאַר דעם אַ שטראָף, איז פאַרפאַלן. זאָל דער מיניסטער קומען מיט מיר אין ביאַליסטאָק, נאָר דער מיניסטער, נישט קיין פּאָליציימאַן...

עס גלאַנצן אסתרס אויגן. דער מיניסטער האַלט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ.

— זאָל זיין עקסעלענץ מיר מוחל זיין... — האָט איבערגענומען די רייד שלמה מענדעלסאָן אין פּראַכטפולסטן פּויליש, מיט אַ זעלטענער עקשנותדיקער, קנאַיש־באַגייסטערטער קראַפט — איך וועל דעם פּראָפעסאָר עפּעס דערמאָנען. איך בין געווען דעם פּראָפעסאָרס אַ תלמיד, אייערס אַ תלמיד...

— איר?... — ווען?... — האָט דער מיניסטער אויפגעהויבן זיין ווייסן קאָפּ.

— אין דער צאַרישער צייט, ווען מיר האָבן פאַרשטרייקט, ווייל אין דער וואַרשעווער גימנאַזיע, וווּ איר זייט געווען פּראָפעסאָר, האָט מען פאַרבאָטן לער־נען פּויליש. אַלע תלמידים און לערער האָבן דעמאָלט פאַרשטרייקט. עס האָט אין אונדז אויפגעוואַכט דער גייסט פון פּוילנס „פּאָווסטאַניע“ פאַר איר פרייהייט. איר, די לערער, האָט דאָס אין אונדז אויפגעוועקט. אַלע, אַלע האָבן מיר גע־שטרייקט פאַר די רעכט פון דער פּוילישער מוטער־שפּראַך, הגם זי איז נישט געווען די מוטער־שפּראַך אין מיין מאַמעס הויז. מיר האָבן געשטרייקט פאַר רעכט און גערעכטיקייט, מיר האָבן געשטרייקט פאַר די רעכט פון פּוילישן פאָלק, געשטרייקט קעגן קולטור־אונטערדריקונג, קעגן צאַרישן נאַציאָנאַלן געוואַלט.

— געדענקט איר, הער פּראָפעסאָר, יענעם שטרייק? איך בין אַ יינגל געווען, איר זייט אַ סך יינגער געווען. אייער קאָפּ איז שוואַרץ געווען. אייערע אויגן האָבן געברענט. איר האָט מיט אונדז געלערנט אין געהיימע ווינונגען. עס קלינגען נאָך היינט אין מיינע אויערן אייערע ווערטער: „דאָרט, וווּ עס איז נישטאָ קיין פרייהייט פאַר מוטער־שפּראַך, פאַר נאַציאָנאַלער קולטור, דאָרט איז בכלל נישטאָ קיין מענטשלעכע פרייהייט“. מיר איז טייער פּוילן און איר פרייהייט. זעקס הונ־דערט יאָר זיצט שוין מיין משפחה אין פּוילן, ביי דער ווייסל. מיר האָבן ליב דאָס לאַנד, אירע פעלדער, אירע טאָלן, אירע בערג, אירע וועלדער, די סאָסנעס און די טאָפּאָלן, די ווייסל און אירע לעגענדעס. הער פּראָפעסאָר, „דורות קעמ־פער, דורות פּאָווסטאַנצעס קוקן איצט אויף אייך“ — דאָס זענען געווען אייערע ווערטער דעמאָלט צו אונדז, אייערע תלמידים. איך זאָג עס איצט צו אייך. צי געדענקט איר אייערע אייגענע ווערטער?

דער מיניסטער איז געוואָרן צערודערט. די דערינערונג פון זיינע יונגע יאָרן, פון יענע װוּנדערלעכע, העראָישע, דראַמאַטישע קאַמף־יאָרן, האָבן אים צעשרויפט. ער איז דעמאָלט געווען פול מיט באַגייסטערונג, מיט גלויבן, געווען אַ פּוילישער סאָציאַליסט, אַ פּוילישער רעוואָלוציאָנער.

— איר זייט אַ גרויסער רעדנער... — זאָגט דער מיניסטער. — זייט איר טאָקע געווען מיין תלמיד? איך האָב געהאַט נישט קיין שלעכטע תלמידים. ווי, זאָגט איר, איז אייער נאָמען?

— שלמה מענדעלסאָן.

— איך דערמאָן זיך, איך דערמאָן זיך, דער בעסטער פּאַלאָניסט פון מיין קלאַס... זייט איר מיין תלמיד...

— איך בין געווען אייער תלמיד — זאָגט שלמה ווייטער. — וואָס איר האָט מיך געלערנט, האָב איך נישט פאַרגעסן. מיר האָבן יענעם קאַמף געוווּנען — אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. עס איז שוין דאָ אַ פּוילישער שול־וועזן. איר האָט דערלעבט צום אַמט פון „מיניסטער פאַר בילדונג"... יאָ, „דורות פאָוסטאַנצעס קוקן אויף אייך". אָט זע איך אויף אייערע ווענט מיצקעוויטשן, סלאָוואַצקין, זשעראָמסקין, אָזשעשקאָ. איך האָב אַ געפיל, אַז זיי הערן אונדזער געשפּרעך. וועט איר מסכים זיין, מען זאָל שליסן שולן, מען זאָל שליסן די גימנאַזיע, ווייל מען לערנט דאָרט אויף דער יידישער מוטער־שפּראַך? יאָ, יידן האָבן אויך אַ מוטער־שפּראַך! וועט איר אָנערקענען פאַר אַ פאַרברעכן אָט דאָס, וואָס די לערער האָבן געלערנט מיט די תלמידים אין געהיים, ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה?

דער מיניסטער כאַפּט זיך, אַז ער האָט שוין געלאָזט צופיל רעדן ביי אים אין קאַבינעט. עס איז נישט פאַר דער ווירדע פון אַ פּוילישן מיניסטער. די רייד־כוואַליע קאָן אים פאַרפלייצן, צעטומלען.

— גענוג, גענוג. — האָט ער געזאָגט, — דאָס מיינט אַריינברענגען אין דעם פּשוטן ענין קאָמפּליצירטע מוטער־שפּראַך־פראַגן. מיר האָבן אויך שולן אויף יידיש, אויף העברעיש... דער ענין איז פיל איינפאַכער, די גימנאַזיע איז אָפּגעשטאַנען אין לערן־קענטשאַפט, האָט נישט די נייטיקע לאַבאָראַטאָריע, די נייטיקע לערנביכער. איז דאָס נישט אַזוי?

זיין פראַגע „איז דאָס נישט אַזוי?" האָט ווידער אַרויסגעבראַכט אסתרן:

— איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט אַליין זען און באַשטימען. זאָל מען דערלויבן עפענען די גימנאַזיע, זאָל קומען אַ מיניסטעריום־קאָמיסיע און זען... איר דאַרפט פאַרשטיין אונדז, לערער, ווען מען זאָגט אונדז: „מען וועט אייך צעזעצן אין די טורמעס!".

— איך דערמאָן זיך — זאָגט שלמה מענדעלסאָן — דעם רעש אין וואַרשע, ווען איר, הער פּראָפעסאָר, זייט געוואָרן אַרעסטירט.

— גענוג, גענוג... — זאָגט דער מיניסטער און ער הייבט זיך אויף נערוועז, אומגעדולדיק — עס איז נישטאָ ביי אונדז קיין פאַרבאָט אויף דער יידישער

שפראַך. דאָס איז גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע. עס איז אַ בלבול אויף פוילן אין די אַמעריקאַנער צייטונגען. איך וועל הייסן עפענען די גימנאַזיע און שיקן אויף אינספעקציע דעם פּראָפעסאָר קלאָט. זאָל גאָרנישט אַריינקומען אין די צייטונגען.

ער גיט אסתרן, דער דאַמע, די האַנט:

— צום ווידערזען... פאָרט אַהיים... לערנט מיט די קינדער...

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ יאָך פון זיין אַלטן, פּריצישן קאָפּ, פון זיינע לאַנגע, גרויע וואָנצעס:

— דאָ ווידזעניאַ, פּאַניע מענדעלסאָן...

זיי זענען נישט געגאַנגען פון די טרעפּ, נאָר געלאָפן. עס האָט זיי געטראָגן די פרייד.

כאָטש נעם אַרום די שטיינער פון גאָס. נעם און שריי פון שמחה. די גימנאַזיע איז געראַטעוועט.

— לאָמיר טעלעפאָנירן קיין ביאַליסטאָק... — האָט שלמה געזאָגט.

אסתר האָט אין טעלעפאָן נישט גערעדט, נאָר געשריגן, אַליין דאָס נישט פילנדיק. זי האָט גערעדט צו פישל קאַצענעלבויגן אין דער שול־אָרגאַניזאַציע. זי האָט געפּלאַטערט מיט אַלע אירע חושים:

— מזל־טוב... מזל־טוב... די גימנאַזיע איז אָפן... זאָגט אָן אַלעמען...

זי האָט אויך טעלעפאָנירט ברוכן:

— איך בין גליקלעך... גיב אַ קוש רפאלקען.

— פריער דיך — האָט ברוך געזאָגט מיט פרייד.

ביידנס אינטימע פרייד, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די קאַלטע טעלעפאָן־דראָטן, צווישן וואַרשע און ביאַליסטאָק, האָט זייביידן צונויפגענומען, צונויפגעקלעפּט אין איינס. אסתר האָט זייער געוואָלט אַרומנעמען ברוכן.

— דער צוג גייט עלף אַזייגער ביינאַכט, איך וועל קומען פאַרטאָג.

## איינאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אין נאַזשיקס שול

איר קאָנט נאָך אויסנוצן די צייט און ערגעץ גיין — האָט חבר שלמה געזאָגט אסתרן. — אייער צוג גייט ערשט אָפּ עלף אין אָוונט.

אין נאַזשיקס שול עפנט זיך פאַרנאַכט די אסיפה פון די קהילות וועגן דעם סיימס גזירת־שחיטה.

— איר וועט דעמאָלט זיך געפינען — זאָגט ער צו איר —אַ מיליאָן מייל פון ביאַליסטאָקער גימנאַזיע.

אסתר האָט געוווּסט פון די צייטונגען סיי וועגן גזירת־שחיטה און סיי פון דער פאַרשטייענדיקער אסיפה פון די קהילות. דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט איבער די נעכט. סטודענטן שניידן די ייִדישע קאַפּאָטעס מיט ראַזיר־מעסערלעך. אין מאָגעלניצע האָט מען אויסגערויבט די ייִדישע געוועלבער. אין לאָמזשע האָט מען געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די מאַרק־זיצערינס. אין וויסאָקע האָבן כוליגאַנעס דערהרגעט אַ ייִדן. איצט גייט די רעגירונג פאַרבאָטן שחיטה להכעיס די ייִדן. וואַרשעווער גמינע האָט אַרויסגעשיקט אַ קול־קורא צו אַן אסיפה אין אַלע ייִדישע קהילות.

—איך זע נישט דעם שטח פון אַ מיליאָן מייל — האָט געזאָגט אסתר — די גזרות אויף די שולן זענען דאָך דיזעלבע גזרות. אויב עס איז דאָ צייט, וועל איך דאָרט זיין. לאָזט מען אַריין אין נאַזשיקס שול פרויען?

—אין ווייבער־שול לאָזט מען.

זיי זענען אַהין געגאַנגען. אסתר איז געווען נייגעריק צו זען די אסיפה פון די קהילות. עס האָט אין איר געפונען אַ שייכות דער קאַמף אין קאַבינעט פון בילדונג־מיניסטער מיט דער פאַרשטייענדיקער אסיפה אין נאַזשיקס שול.

חבר שלמה איז אַריין אין שול פאַר די מאַנסלייט און אסתר איז אַרויף אין ווייבער־שול, אויף די טרעפּ. די שול איז שוין געווען כמעט פול. עס איז געקומען אין אומרו, אין בהלה דער ייִדישער קהל פון גאַנץ קרוין־פּוילן, פון גאַליציע און ליטע, די ייִדישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן.

ווערט פול די שול, צפופים ועומדים. מערסטנס — ייִדן מיט בערד. אַ סך ווייסע בערד, וואָס מאַכן חשובער די אסיפה. שטייען צוואַנציק ייִדן מיט צוואַנציק גרויע בערד — אַלעקסאַנדער חסידים, זקנים פון פאַרשיידענע קהילות. די זקנים האָט געצויגן איינעם צום צווייטן. שטייט אַ קרייז ייִדן מיט שוואַרצע, סמאַליענ־דיקע בערד, גערער חסידים, יונגעלייט, פועלי־אמוני־ישראל. אַ ים געמישטע בערד — ווייסע, שוואַרצע, רויטע. פאַרשיידענע נוסחאות פון פיאות — פּשוטע, וואָכעדיקע פיאות, שבתדיקע, יום־טובדיקע, גאַליציאַנער, אַריבערגעוואָרפענע אי־בער די אויערן, הענגענדיקע רעדלעך פון בײדע זייטן פון די בלייכע פּנימער.

שטייען מתנגדים, ליטוואַקעס, פרומע ייִדן פון ווילנע, גראָדנע, סלאָנים, ביאַליסטאָק, סאָקאָלקע, וואָלקאָוויסק, פּינסק; מורה־הוראות, כלל־טוער מיט בערד און אָן בערד, אַפילו גלוחים, אַדוואָקאַטן, ציוניסטן, מזרחיסטן מיט האַרטע קאַ־פּעלושן, קורץ־געקליידטע.

עס איז דאָ „חברה־פּאַטש״ — בונדיסטן, דאַזאַרעס פון גמינעס, אין גע־האַקטע, קורצע בגדים, אין ווייכע קאַפּעלושן און אַראָפּגעבויגענע היטלעך. די ייִדן מיט בערד קוקן קרום אויף זיי, זייטיק:

— חברה פּרייע...

גאַנץ ייִדיש פּוילן איז דאָ פאַראַן. אסתר זעט פון דער ווייבער־שול דעם גרויסן ייִדישן ספּעקטאַקל. ווייבער, וואָס שטייען ביי די לאַנגע, שמאָלע, אָפענע פענצטער, קענען די גרויסע ייִדן:

— יענער איינגעבויגענער אַלטיטשקער איז דער מוראדיקער גאון, דער חפץ חיים...

— יענער אין דער אַטלאַסענער זשופּיצע איז דער ראַדזינער צדיק, דער גרויסער שומר־שבת. יענער נידעריקער, פולער רבי איז דער קאָזשעניצער, דער הייסער רבי פון די פּראָסטע ייִדן, די טרעגערס, באַלעגאָלעס.

— אָט איז גער... דער רבי מיט זיינע זין און איידעמס, גבאים און מת־עסקים, סוחרים, פאַבריקאַנטן, וואַלד־ייִדן.

אָט זענען די ליטווישע רבנים, די מתנגדים, דער גראָדנער, דער סאָקאָל־קער, דער ביאַליסטאָקער...

די פּוילישע ווייבער רעדן פאַרצויגן, זינגענדיק, הייס, כאַפּנדיק. אסתר זעט אַזוינס צום ערשטן מאָל. זי איז פאַרכאַפּט. אַן אומבאַקאַנטע ייִדישע וועלט. אַ גרויסע. זי איז אינעווייניק צווישן. וואָס וועט דאָ באַלד זיין?

— ר׳ חיים־עוזר פון ווילנע...

דער גרויסער תלמיד־חכם, דער גרעסטער גאון, דער בקי און חריף, איז אַ קליין, געבויגן ייִדעלע, דער ש״ס, די פּוסקים, די גאונים, די מפרשים בייגן אים צו דער ערד, אָבער דער פּנים פּליט צו דער סטעליע. ער גייט גיך, מען מאַכט אַ וואַרע, מען לויפט אים נאָך.

— אָט איז ר׳ יהושע טהאָן, דער דעפּוטאַט פון קראָקע...

זיינעברילן זענען גרעסער ווי זיין פּנים. זיין גרוילעך בערדל מאַכט אים זויכטיקער, פאַרנעמער. קראַקויער ראַבינער!...

נאַזשיקס שול רוישט, קאָכט, רודערט. צווי טויזנט יאָר, דריי טויזנט יאָר זשומען דאָ. די ווענט זענען ווייסע, שטיינערנע, אָבער עס שלאָגן אָן זיי שוואַרצע כוואַליעס פון וועיסקע־גאַס און ברוינע פון בערלין:

— ייִדן, עס איז שעת־סכנה!

מען וואַרט. מען דערציילט, אַז מען וואַרט אויף דער רבנים־דעלעגאַציע, וואָס איז אַוועק צום פּרעמיער־מיניסטער. עס זענען געגאַנגען מיט די רבנים ייִדישע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן.

— דער באַנקיר רפאל שערעשאַווסקי, דער סענאַטאָר...

די זון פאַרגייט שוין. זי קוקט אַריין אין די גרויסע און הויכע פענצטער פון דער שול. זי, די רויט־גאָלדענע זון, האָט שוין אַ סך געזען אין דריי טויזנט ייִדישע יאָרן.

— מנחה! — שרייט אויס אַ רב — דאַוונען מנחה!

עס איז דורך ווי אַ העכערער באַפעל, אַזוי ווי עס וואָלט געהאַט אַ מגע־ומשא מיט דער אונטערגייענדיקער זון אין די פענצטער.

— אשרי יושבי ביתך...

גאַנץ קהל דאַוונט מנחה. חסידים שאָקלען זיך, וואַרפן זיך פאַנאַנדער. די ראַדזינער שאָקלען זיך אַנדערש ווי די גערער, די קאָזשעניצער אַנדערש ווי די סאָקאָלאָווער. די מתנגדים שאָקלען זיך גלייך שטייענדיק, רויק, ריטמיש. גאַ־ליציאַנער חסידים שאָקלען זיך מיט אימפּעט, מיט פייער. כל עצמותי תאמרנה. זיי שאָקלען מיט דער וועלט און מיטן אייגענעם לייב־און־לעבן.

כל ישראל פון גאַנץ פּוילן שטייט אין דער שעה שמונה־עשרה. עס הערן זיך קרעכצן פון דער טיפקייט פון די יסורים.

אַן אויסנאַם זענען געווען די פרייע, די בונדיסטן. זיי האָבן טראַציק נישט געשטאַנען שמונה־עשרה, יוצאים מן הכלל. אַנדערע פון זיי קומט אָן אַצינד דאָס נישט־דאַוונען שווערער ווי דאָס דאַוונען די פרומע.

— אַ רחמנות אויף זיי — האָט געזאָגט דער גראָדזשיסקער רבי — זיי זענען דאָך אויך ייִדן.

ביים סוף מנחה איז געוואָרן אַ טומל: — „זיי קומען שוין... זיי קומען פון פּרעמיער“...

דער ווילנער רב רובינשטיין, דער סענאַטאָר, מיטן קורצן גרויען בערדל און גרויסן שוואַרצן, ליטוויש־רבנישן קאַפּעלוש, איז אַרויף אויף דער בימה, זיך אויסגעווישט דאָס פּנים מיטן שנופּ־טיכל און אָנגעהויבן מיט זיין ליטווישן ייִדיש, מיטן שאַרפן „ריש“, אַזוי צו זאָגן:

— דער מיניסטער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן גאָרנישט טאָן אַקעגן דעם סיים. מען קאָן נישט פאַרווערן, האָט ער געזאָגט, די פּאָליאַקן, זיי זאָלן נישט זיין קיין צער־בעלי־חיימניקעס...

אין נאַזשיקס שול ווערט אַ רעש. דער ווילנער רב רעדט ווייטער און עס ווערט שטילער, אַזוי צו זאָגן:

— די חכמים זאָגן, אַז עס קומען צרות אויף יידן, דאַרף מען קודם־כל מפשפש זיין אין די אייגענע מעשים. מיר דאַרפן קערן אונדזערע הערצער אל אבינו שבשמים, וועט ער אָפּקערן דאָס שלעכטס פון אונדז, וועט ער צעשטערן די גזרות. ווען שונאים ווילן אונדז אויסרייסן, דאַרפן מיר מער מקיים זיין אחדות־ישראל. לאָמיר אָבער זאָגן, אַז קיינער קאָן נישט צווינגען יידן עסן טרפות, וועלן מיר נישט אַריינברענגען אין אונדזערע הייזער קיין שטיקל פלייש, מיר וועלן זיך קעגנשטעלן דער גזרה...

אויף דער בימה שטייט שוין אַן אַנדערער. מען זאָגט, אַז דאָס איז „דער ראַדאָמער":

— אויב מלכות איז עובר אויף זיינע אייגענע דינים — זאָגט ער — און עס דערגייט, חס־וחלילה, צו אסור שחיטה, בעוונותינו הרבים, דאַרפן אונדזערע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן גיין צום פּרעזידענט אַליין און לא יזוזו ממקומם, ביז זיי וועלן פּועלן.

עס רעדט ביאַליסטאָקער רב:

— עס איז אַן עת־צרה ליעקב, דאַרף מען מרעיש עולם זיין. מען דאַרף שרייען צו דער וועלט, מען דאַרף קלאַפּן קיין אַמעריקע און זשענעווו...

קומט אַרויף דער לובלינער ראש־הקהל:

— מען דאַרף גוזר זיין אויף דאָנערשטיק אַ תענית־צבור און באותו היום זאָל מען גיין צום פּרעזידענט... מען זאָל אין אַלע שולן, בתי־מדרשים און שטיבלעך זאָגן תהלים...

זאָגט דער קראָקעווער ראַבינער, יהושע טהאָן:

— מען קען נאָך טאָן אין סיים, אין סענאַט. מען דאַרף זען דעם פּולקאָווניק פּריסטאָר. מען דאַרף גיין צו די צייטונגען.

אין דער רגע איז אַרויף אויף דער בימה אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן מיט אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, אַ גלוח. ווער איז ער?

— אַ בונדיסט...

— אַ דאָזאָר פון וואַרשעווער גמינע...

— אַ תענית לייגט מען פּאַר — האָט ער אָנגעהויבן לכתחילה שטיל, און אַריבער באַלד העכער — אונדזערע ברידער דאַרן און קוואַרן, הונגערן און פאַסטן סיי־ווי־סיי.

— שאַ, שטיל זאָל זיין, דרך־ארץ!...

— גזרת־שחיטה, אַנטיסעמיטיזם, באָיקאָט — זיי האָבן אַלע איין מקור. שולדיק איז די רעגירונג... אויף קראַקאָווסקיע פּשעדמיעשטשע, אין פּאַלאַץ פון

פּרעמיער־מיניסטער, אונטער אַראָפּגעלאָזטע פּאַרהאַנגען, זיצט דער הויפּט־שול־דיקער. עס איז יד־אחת פון בערלינער „ברוינעם פּאַלאַץ" מיטן וואַרשעווער „בעל־וועדער" אין די לאַזשענקעס.

— גייך צום פּרעזידענט — האָט ער שוין גערעדט מיט אַ הויכער שטים

— יאָ, אָבער נישט בעטן, נישט בעטלען, נישט אַ פּאָר דעפּוטאַטן, נאָר אַלע זאָלן מיר גיין, אַלע דאָזאָרעס, אַלע דעפּוטאַטן, אַלע רבנים. גיין איבער די וואַרשעווער גאַסן אין „בעלוועדער". מיר זענען דריי מיליאָן בירגער! גלייכע בירגער! מיר זענען קעגן גזירות אויף אַ פּאָלק! אונדזערע ברידער זענען אומגעקומען אין די קאַמפן פאַר פּוילנס פרייהייט, אויף די מילחמה־פעלדער... שנײַדט נישט די ייִדן מיטן חלף פון שחיטה!...

ביים רעגירונגס־קאָמיסאַר האָט געפּלאַצט דאָס געדולד. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל און געשוויגן די גאַנצע צייט. מער האָט ער שוין נישט געקאָנט. אַ פּאָר פּאָליציאַנטן האָבן זיך געלאָזט צו דער בימה.

— ער מאַכט אונדז אומגליקלעך!

— נעמט אים אַראָפּ!

דער רעדנער איז אָבער נישט אַראָפּ. ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן אויף פּויליש, ווי ער וואָלט רעדן צום רעגירונגס־קאָמיסאַר:

— איך רעד אַלס פריקער און געטרייער בירגער פון פּוילן, אַלס ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט, ווי אַ סאָציאַליסט, ווען די קאָנסטיטוציע גיט דאָס רעכט אויסצודריקן זיין געדאַנק...

די שפּאַנונג איז געוואַקסן. פּחד און טראַציקייט האָבן זיך אויסגעמישט. ביי דער טיר זענען געשטאַנען חברה־לייט און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. פּאָ־ליציילייט האָבן זיך געלאָזט אַרעסטירן דעם רעדנער. אַ ציוויל־געקליידעטער רע־גירונגס־מענטש האָט זיך שטיל אַריינגעמישט, נישט געלאָזט אַרעסטירן, זאָל נישט ווערן קיין וועלט־סקאַנדאַל. ער האָט אָבער געזאָגט צום רעדנער:

— איך ווייס ווער איר זייט. מאָרגן אַכט פרי דאַרפט איר זיין אין רעגי־רונגס־קאָמיסאַריאַט.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט. מער איז קיין אסיפה נישט געווען. די דע־פּוטאַטן און סענאַטאָרן וועלן זיך צונויפקומען און זיך אַליין מיישב זיין. דער עולם האָט זיך געלאָזט דורך די טירן, וואָס מען האָט שנעל ברייט געעפנט. אַ צעטומלטער.

— עס איז געווען אַ סקאַנדאַל, אַ חוצפּה...

— ער איז געווען גערעכט...

— קיין גוטס וועט שוין נישט זיין...

אסתר איז אַרויס אַ צערוישטע. זי האָט אַפילו דרויסן נישט געקאָנט אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם. אויף די גאַסן איז געווען ליכטיק פון די גרויסע לאַמטערנעס. זי האָט נאָך גענוג צייט ביזן באַן. אויפן וועג קאָן זי גוט דורכטראַכטן היינטיקן טאָג — פון מיניסטערס קאַבינעט ביז נאָזשיקס שול.

# די לערערין אסתר

זיצנדיק שפּעטער אין וואַגאָן, וואָס איז געלאָפן קיין ביאַליסטאָק, האָט זיך אָפּגערוקט פון איר געמיט נאָזשיקס שול און עס איז נענטער צוגעקומען דאָס אייגנס — די גימנאַזיע.

זי האָט געזען די גימנאַזיע ווידער אַ פולע מיט קינדער. זי האָט אַפילו געהערט שטימען פון קינדער. עס זענען צוגעקומען צו איר איינצלנע קינדער — אשר, יאָסל, גיטל, רייזל...

— לערערין אסתר!...

אַזוי ווי זיי וואָלטן אַנלויפן אַהערצו, צום וואַגאָן, פון טונקעלן פעלד, דורך וועלכן עס לויפט דער צוג. די רעדער קלאַפּן מיט פרייד.

צווייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אַ גאַסט איז געקומען און אַוועק

די קלאַסן פון דער אויפגעלעבטער גימנאַזיע זענען געווען ווידער פול. לעבן שפּאַרט דורך די ווענט. אין דער צייט פון דער „גרויסער הפסקה" איז אַ געהויבענער רויש אין זאַל.

אין די ערשטע טעג זענען אשר, יאָסל, גיטל, — די תלמידים־פאַרוואַלטונג, — די אויפזעער פון דער „אונטערערדישער" גימנאַזיע, געווען פאַרנומען מיט קאָנטראָלירן די רשימות פון די צוריקגעקומענע תלמידים — „ווער איז נישט געקומען?... פאַרוואָס?..." — ביז זיי האָבן דאָס שוין מער נישט געדאַרפט. אַלע זענען געווען צוריק, חוץ משהל גרינשפאַן, וואָס איז געשטאָרבן אין ייִדישן שפּיטאָל פון טיפוס. אַ פּאָר וואָכן איז אומגעגאַנגען איבערן „שטאָט" די מעשה גימנאַזיע ווי אַ גוטע בשורה:

— אַלע תלמידים זענען דאָ. קיינער פעלט נישט.

די לערער האָבן זיך געפילט ווי נאָך אַ געוווּנענער מילחמה. אסתר האָט אין יענע טעג געזאָגט ברוכן:

— די גימנאַזיע איז איצט גרויס, פול־קעפּיק און איין־האַרציק לעבעדיק ווען אשר, יאָסל, גיטל, וואָס גייען אום מיט די רשימות אין די הענט און קאָנטראָלירן, זעען מיר אויס ווי געשטאַלטן פון אַ מעשהלע.

— עס איז וויכטיקער וואָס דאָס איז וואָר און נישט קיין מעשהלע — זאָגט ברוך — אפשר אין יאָרן שפּעטער וועלן זיי אַריבערשפּאַנען די וואָר און אַריין אין דער וועלט פון דער מעשה.

— גיי וויס די מחיצה צווישן וואָר און מעשה — זאָגט אסתר — איך האָב נישט לאַנג געלייענט, אַז ווען סיסטעמען פאַלן, סאָציאַלע סטרוקטורן — ווי אין רוים, אין גריכנלאַנד, אין צייט פון רענעסאַנס, אין דער מאָדערנער צייט — איז עס, אין אַ גרויסער מאָס, ווייל עס פאַלט דער מענטש אין גייסט, אין זיין ווילן...

— אַ קעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אַ קעגן אונדזערע קינדער, אַ קעגן זייער גייסט, אַ קעגן אונדזער דער־גרייכונג.

ברוך קילט אָפּ איר התלהבות:

— עס איז נאָר אַן אינדזל אין ים.

עס איז געווען שוין די צייט ווען אין ביעלאָוועזשער וועלדער איז גערינג פון בערלין געגאַנגען אויף יאַגד נאָך זוברעס צוזאַמען מיט פּרעזידענט מאָשטשיצקי און זיין סוויטע. דער יעגער־מייסטער פּולקאָווניק זדזשיסלאַוו פּשע־בודסקי, אַ דאַרער, אַ הויכער, אין געלע שטיוול, מיט שפּיציקע אויגן און גע־דיכטע, לאַנגע גרוילעכע וואָנצעס, האָט געהאַלטן צוגעבונדן אַ זובער צו אַ בוים אַ גאַנצע וואָך פאַרויס, כדי די הויך־געשטעלטע יעגער זאָלן האָבן אַ געלונגענעם יאַגד, וועגן וועלכן מען וועט בלאָזן נצחון אין פאַנפאַרן איבערן וואַלד, און נאָכדעם וועט מען גיין שכורן אין זאַל פון ביעלאָוועזשער שלאָס. פאַרן הער גערינג פון בערלין איז עס נישט געווען אַ יאַגד אויף זוברעס פון ביעלאָוועזש, נאָר אויף פּוילישע כראַביעס פון וואַרשע.

די פּאָליטישע לופט איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. פון בערלין און רוים האָט געשלאָגן מיט נייעם וועלט־מאָרד, מיט וועלט־מילחמה. מיליאָנען, צענד־ליקער מיליאָנען מענטשן, האָבן משוגע־שנעל פאַרלאָרן דעם שכל־הישר. דער דעפּיציט פון גייסט, פון מאָראַל, איז געוואָרן ממש תהומדיק, די נערוון פון גאַנצע מדינות זענען געוואָרן צעשרויפט. איבער די ייִדישע שטעט און שטעטלעך האָבן וויסטע פּחדים פון די פינצטערסטע תקופות אומגעגאַנגען אין די נעכט, געשטאַנען אונטער די פענצטער פון די הייזער, פון די שולן.

אין יענע טעג איז געקומען אַ שווערער קלאַפּ איבער די ייִדישע שולן. די רעגירונג האָט געשלאָסן דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע:

— מחמת אַנטי־מלוכהשקייט, קראַמאָלע, באָלשעוויזם...

דעם קלאַפּ האָט מען דערשפּירט אין יעדער שול.

„פאַר מיר איז דאָס מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. עס פעלט מיר לופט צו אָטעמען..." — האָט ראָזאַ סימכאָוויטש געשריבן צו אסתרן — „איך קען נישט לעבן אָן סעמינאַר. זיין טויט שטיקט מיך. איך האָב באַשלאָסן אַרויספאָרן אויף אַ צייט. איך פאָר קיין פאַריז. אפשר וועל איך דאָרט כאַפּן אַ ביסל לופט".

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט זי געשריבן נאָך אַ בריוו:

„אויפן וועג פון ווילנע קיין וואַרשע צו פאַריז וועל איך זיך אַריינכאַפּן אויף אַ פּאָר טעג צו דיר. איך וויל אַ קוק־טאָן אויף אייער אָפּגעשריגענער גימ־נאַזיע. ביי אונדז פלעגט מען אַמאָל אָפּשרייען אין שול ביים ארון־קודש אַ שטאַרבנדיקן".

אין זעלבן טאָג האָט איר אסתר געענטפערט:

„קום באַלד. מיר וועלן דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, מיטן גאַנצן

האַרצן. לאָמיר נישט רעדן וועגן שטאַרבנדיקע. עס איז די צייט פון איינהאַלטן און אויסהאַלטן. יעדער אויף זיין קליינער פּאָזיציע...״

ראָזאַ סימכאָוויטש איז אַראָפּגעקומען. געקליידט, ווי איר שטייגער — עלעגאַנט-באַשיידן, נעט, טונקל. אַ ווייסער קראַגן אַרום הויכן האַלדז; אַ זילבערנע קייטל אַרום אים; די האָר פאַרקאַמט מיט אַ שרינט אין מיטן; אַ געמיש פון שוואַרץ מיט גרוי. די גרויסע אויגן בלוי, אַ ביסל פאַרנעפּלט. אַ דינער, גוטער שמייכל אונטער זיי און אין זיי. פון דעם קליינעם מויל האָבן אַרויסגעקוקט קליינע ווייסע ציין, אַזוי ווי קינדערשע.

— שלום-עליכם, אסתר...

איז באַלד געקומען צו רייד וועגן איר אַוועקגיין פון ווילנע.

— רוף עס נישט אַוועקגיין... — האָט זי געזאָגט — איך מוז זיך נאָר אָפּרוען אַביסל. דער קלאַפּ איז געווען צו שטאַרק. עס איז אַזוי ווי אין אַ פאַרשטיקטן צימער, ווען מען מוז עפענען אַ פענצטער.

— בלייב דאָ, בלייב אין וואַרשע, פאַרוואָס פּאַריז?...

— איך מוז זיין אַביסל ווייטער אַ ווילע, זיין אַליין. אין ווילנע קען איך נישט זיין אָן סעמינאַר. ביאַליסטאָק און וואַרשע איז פאַר מיר די זעלבע ווילנע. איך קען פּאַריז, איך האָב דאָרט פאַר דער מילחמה געלעבט, געלערנט.

— דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט — רעדט אסתר — אַז דער מענטש האָט זיין וועלט אין זיך.

— איך קלייב זיך נישט אַוועקצוגיין פון זיך. דאָס קען מען נישט.

זי זאָגט נאָכדעם מיט אַ ליבן און אומעטיקן שמייכל:

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ היים ווי דו, אַ מאַן, אַ קינד, אַ שול, אַ מישפּחה וואָלט אַנדערש געווען. מיר איז דאָס נישט באַשערט געווען. איך האָב נישט געהאַט קיין מזל צו משפּחה. דער סעמינאַר איז געוואָרן מיין היים. ער איז געווען אין זיין סאַמע פאַנאַנדערוווקס. „אַזשעשקאָווע 7״ און „סובאַטש 29״ זענען דאָך שוין געווען צוויי אַדרעסן פאַר אַלע אונדזערע לערער. איך האָב מיט דעם געלעבט. איצט האָט מען דאָס אַרויסגעריסן פון מיינע הענט, דערשלאָגן מיט אַ דונער. איך האָב פאַרלאָרן באָדן אונטער מיינע פיס. איך מוז זיך אָנכאַפּן אָן עפּעס, זיך אָנהאַלטן. איז געקומען אין געדאַנק פּאַריז, די סאָרבאָנע, די מוזעאומס, די געוועלבטע געסלעך, דער פּלאַץ דע לאַ קאָנקאָרד.

— איך ווייס עס נאָר פון די ביכער — זאָגט אסתר — דו זעסט זיי פון דערוויטנס מיט די אויגן; וועסט אָבער דאָרט ווידער זען, פון דערווייטנס, די ווילנער געסלעך.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך גיי נישט אַוועק פון זיי. מען קען נישט אַוועק פון ווילנער ווילייע צו דער פּאַריזער סענע. דאָס וואַסערל פון אונדזער „פּושקאַרניע״ וועט זיין נענטער צו מיין האַרץ. איך גיי נאָר אויף אַ קורצער צייט. איך וועל זיך זעצן אין דער סאָרבאָנע אַ ביסל לערנען, אָפּפרישן דעם קאָפּ. מיין לערנען מיט די תלמידים די „איליאַדאַ״ און די „אָדיסייע״ איז שוין היפּש

אָפּגעשטאַנען. מיין קענען געשיכטע איז אויך אָפּגעשטאַנען. מען דאַרף טיפער אַריינבליקן אין די סאָציאַלע סטרוקטורן און אין די קולטור־קלימאַטן, אין מיטל־אַלטער, אין דער מאָדערנער צייט, כדי בעסער צו פאַרשטיין, זיך אָריענטירן אין היינט...

פירט זי אַריבער דעם שמועס צו עפּעס לייכטערס:

— אַז איך וועל קומען צוריק, וועסטו מיך אויפנעמען פאַר אַ לערערין אין גימנאַזיע?

— קענסט עס שוין נעמען אין דיינע הענט. איך וועל זיך לערנען ביי דיר.

— כאַפּ זיך נישט... — האָט ראָזאַ סימכאָוויטש געזאָגט — האַלט דאָס אין דיינע הענט, זיי זענען יינגער און זיכערער. דערצייל עפּעס גוטס וועגן דער גימנאַזיע. איך וועל עס מיטנעמען מיט זיך.

אסתר לאָזט זיך נישט בעטן. זי וועט דערציילן וועגן די פאַרגעקומענע עקזאַמענעס:

— דער קוראַטאָר האָט געשיקט אַ קאָנטראָלער פון וואַרשע איבער אונדזערע עקזאַמענס. ער האָט נישט אויסגעזאָגט, דער גאַליציאַנער פּאָליאַק, אַז ער פאַרשטייט ייִדיש. ער האָט אונדז געוואָלט כאַפּן ביי דער האַנט. וואַצלאַוו גיעוויאַדאָווסקי, אַ פּראָפעסאָר פון קראָקע, אַ משומדס אַ זון. דאָס זענען מיר שפּעטער געוואָר געוואָרן. עס האָט געפּלאָטערט די גימנאַזיע, אַפילו די ווענט האָבן געציטערט.

דערציילט זי, אַז עס איז נישט געווען קיין עקזאַמען, נאָר אַ קאַמף. די גימנאַזיע האָט אַרויסגעשטעלט אין קאַמף פאַר אירע רעכט צום לעבן אַן אַוואַנגאַרד — פינף און צוואַנציק תלמידים. זיי דאַרפן מילחמה־האַלטן מיט רשעות, מיט גזרת־כרת, זיי קענען געווינען נאָר מיט וויסן, מיט גוטע קעפּ, מיט מוט.

— תפיסה און חריפות... — וואַרפט אַריין, למדניש, ראָזאַ.

— דער עקזאַמענאַטאָר יאָגט זיך נאָך די פינף און צוואַנציק תלמידים מיט אַלע תחבולות, מיט שפּיצלעך, מיט אָנשרעקעניש. ער וויל זיי כאַפּן אויף דער ווענדקע. די תלמידים לאָזן זיך נישט, שפּרינגען אַרויס, שפּריצן מיט חכמה, מיט איינפאַל. דער עקזאַמענאַטאָר ווערט געבליפט, צעטומלט.

— „קעפּעלעך, ייִדישע קעפּעלעך״... — זאָגט ער אינדערשטיל מיט אַ שפּיציק חוזקל, ווי אַ שרעטעלע. יעדער טראָפּן בלוט צאַפּלט אין מיר. איך מוז אָבער זיין רויִק. די תלמידים קוקן אויף מיר און דאַרפן כסדר לייענען פון מיינע אויגן, פון מיין געזיכט.

— דערצייל, דערצייל, אסתר...

— ער האָט זיי געוואָלט פּאַקן אויף פּוילישער געשיכטע — זיי קענען אויף פּוילישער ליטעראַטור — זיי וויסן „אויפן צאָן!״ ער האָט געוואָלט פּאַקן „אַנטי־מלוכהשקייט״, זיי זענען געווען גרייט אויף דעם; זיי האָבן געוווּסט, אַז

אויף דעם פעלד וועט זיין דער כיטרער געיעג. מיצקעוויטשעס פערזן זענען געלאָפן אויסנווייניק. די „דזשאַדעס“ זענען געשטאַנען אין זאַל. שטיקער נאַרוויד האָבן געקלאַפּט דעם עקזאַמענאַטאָר אין קאָפּ...

נאָכדעם איז געקומען דאָס גרויסע שווישפּיל, וואָס נאָר ייִדישע קינדער קענען אויסשפּילן...

— וואָס מיינסטו?...

— זיי האָבן געשפּילט די שפּיל פון פּוילישן פּאַטריאָטיזם, געוואָרפן פּאַט־ריאָטישע טעמען, מליצות. די פּנימער ביי זיי ערנסטע. די יונגע שווישפּילער, אין דער פולקומענקייט פון זייערע ראָלן, שפּילן בראַוו. דער עקזאַמענאַטאָר איז צעחושט. ער גלייבט נישט זיינע אויערן:

— עס זעט דאָך אויס גוט... — זאָגט ער.

— ביז מען איז געקומען צו ייִדישער ליטעראַטור, צו פּרצן און שלום־עליכמען. דעמאָלט האָבן מיר אַלע אָפּגעצויגן דעם אָטעם. אַן אַנגעלאָדענע שיף איז אַרויסגעשווומען מיט אַלע אירע זעגלען אויף די ברייטע וואַסערן. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

גיט צו צום סוף אסתר טרויעריק:

— רעכט האָט ער דאָך נישט געגעבן; ער האָט געזאָגט, אַז אויף דעם דאַרף מען וואַרטן נאָך אַ יאָר...

— רעכט זענען ביי־זאַכן — זאָגט ראָזאַ — אַבי זיין, עקזיסטירן, אַבי נישט ווערן צוגעקלאַפּט.

אויף אָוונט איז ראָזאַ סימכאָוויטש געבליבן ביי אסתרן. די מאַמע האָט געגרייט וועטשערע. ברוך איז געקומען פון זיין האַנטווערקער־שול אַ שעה פריִער. עס איז אויך געקומען איטשע זאַבלודאָווסקי, אידאַ די מוזיק־לערערין, זיידל דער וועבער, פישל קאַצענעלבויגן. מען האָט געגעסן צוזאַמען מאַשעס באַשיידענעם מאָלצייט. דער טאַטע לייבע איז פאַרבליבן אין תורת־חיים־בית־מדרש. ער וועט נאָך קומען. לכתחילה איז דער קליינער רפאל אויך געווען ביים טיש. ער איז דאָך שוין אַ תלמיד אין שול. זיינע אויגן און זיין מאַרך זענען פאַרשערישע, נייגעריקע. ער וויל אַ סך וויסן. ער הערט די גרויסע מיט אַן אָפענעם קאָפּ. ער זאַפּט איין די וועלט אין זיך ווי אַ שוואָם. נאָכן עסן האָט אים אסתר געהייסן גיין שלאָפן. ער האָט נישט געוואָלט, געוועַרט זיך, געברומט, דאָך — אַוועק.

וועגן וואָס רעדט מען? — וועגן די שולן, וועגן סעמינאַר, וועגן דער פּאָ־ליטישער לאַגע אין דער מדינה, וועגן די סכנות פון בערלין און רוים, וועגן אַ נייער וועלט־מילחמה...

— דוכט זיך אָפּט — זאָגט ראָזאַ — אַז מיר טוען אַ סיזיף־אַרבעט. מיר טראָגן באַרג־אַרויף שווערע שטיינער, וואָס קייקלען זיך כסדר אַראָפּ. אַן אַנדערש מאָל דוכט זיך מיר, אַז מיר שטייען מיט נאַקעטע הענט קעגן שאַרפע מעסערס...

טראַכט זי אַ פּאָר רגעס און זאָגט ווייטער:

— איך פיל שרפה אין דער לופט. איך כאַפּ זיך אויף צומאָל ביינאַכט און

פיל רויך, אַזוי ווי דאָס הויז זאָל ברענען. עס חלומט זיך מיר, אַז די גאַנצע גאַס ברענט, אַז אַלע גאַסן ברענען...

זאָגט זיידל דער וועבער:

— געוויס איז נישט גוט ביי אונדז, נישט גוט אויף דער וועלט; אָבער ווען איז געווען גוט?... דאָס דאַרף נאָך ערשט זיין. וועט עס נישט זיין אין אונדזער צייט, וועט עס זיין פאַר אונדזערע קינדער, פאַר די אייניקלעך. מיר קענען טאָן אונדזער אַרבעט אָן עולם הזה, זענען נישט חולה. איז נאָך אַלץ ביי אונדז בעסער ווי אין בערלין. דאָרט הערשט שרעק, פּיין, ברוינער גוואַלד. פאַר מיר איז גענוג יום־יום, דורכשטופּן דעם טאָג און אויסהאַלטן. דורכשטופּן קען מען מיט האָפע־נונג, אַז מאָרגן וועט בעסער זיין.

— עס איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ — זאָגט ברוך — ווי געבן זיידלען גערעכט. איך מאַך טישן, איך ווייס נישט ווער עס וועט אַרום זיי זיצן; אָבער איך ווייס, אַז מענטשן וועלן זיצן און עסן ברויט אויף זיי. איך מאַך בעטן, איך ווייס נישט פאַר וועמען; איך ווייס אָבער, אַז מענטשן וועלן אין זיי רוען נאָך דער אַרבעט. איר מאַכט שולן — וואָס וועט זיין מיט זיי? אפשר וועלן זיי טאַקע אומ־קומען אין אַ שרפה, וואָס ראָזאַ סימכאָוויטש שפּירט איר אָנקום. אָבער אויב דאָס איז אומפאַרמיידלעך, בלייבט נאָר פאַרצווייפלונג, וואָס קען דיך שוין נישט בינדן צו גאָרנישט. איך פיל נישט אַזוי, עס איז נישט אומפאַרמיידלעך.

— איך בין אייך מקנא — זאָגט ראָזאַ — און, חס־ושלום, איך וויל מיט גאָרנישט אָפּשוואַכן אייער מוט, אייער זיכערקייט. ריכטיק, ריכטיק, דער מענטש טאָר נישט פאַרלירן זיין גלויבן אין זיך. דאָס מיינט פאָרן אויף אַ שיף אין אַ צעשטורעמטן ים אָן אַ קאָמפּאַס. איך קען אָבער נישט פאַרמאַכן די אויגן, וואָס זעען שלעכטס, סכנה. זען גוט מיינט אפשר אויסמיידן סכנה.

טראַכט זי אַ רגע און גיט צו:

— מילא, די וועלט ווי די וועלט. זי וויל זיך ווידער שלאָגן. די ערשטע וועלט־מילחמה האָט זיך נאָך נישט אָפּגעשלאָסן. עס איז נישט אַזוי וואָס זי האָט דערהרגעט מיליאָנען מענטשן, נאָר זי האָט דערהרגעט אידעאַלן, איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ באַציִונגען צווישן מענטשן, צווישן פעלקער. די וועלט האָט צייט און גערודלד. זי קען איבערלעבן אויך אַ צווייטע וועלט־מילחמה; אָבער מיר נישט. ייִדן — נישט. מיר קענען נישט לעבן אין אַ וועלט, וואָס אַנטלויפט פון גייסט. פּלאַטאָנאָס האָט געלערנט, אַז די מאַטעריע איז אָן אָפּשיין פון אַן אומענדלעכער גייסטיקייט. די מעשה מיט אונדזער לערער־סעמינאַר איז נאָר אַ ביישפּיל. אָט אומגעבראַכט, דערשטיקט, דערוואָרגן, און — שאַ שטיל, קיין פּיפּס, קיין פּראָ־טעסט, און עס איז דאָ אַן אוניווערסיטעט אין ווילנע, פּראָפעסאָרן, לערער: איך קען אויסגיין פון האַרצווייטיק.

זאָגט איטשע זאַבלודאָווסקי:

— איך זע ווי אַזוי אַ שטאַרקער קלאַפּ קען צעמישן אַפילו אַזאַ שטאַרקן מענטשן ווי ראָזאַ סימכאָוויטש.

— ניין, איך בין נישט קיין שטאַרקער מענטש. איך בין אַ שוואַכער מענטש מיט האַרצווייטיק. מערנישט מיין פעטער, דער סלוצקער רב, האָט אַמאָל געזאָגט: „אין אַ טאָג, ווען איך פיל נישט קיין האַרצווייטיק, איז נישט גוט מיט מיר. איך דאַרף בודק זיין מיינע מעשים".

איטשע זאַבלודאָווסקי האָט נאָך זיינס נישט געענדיקט:

— איר, ראָזאַ, האָט אַמאָל גערעדט אויף אַ פעדאַגאָגישער באַראַטונג וועגן לימוד פון געשיכטע, וועגן דער וויכטיקייט פון „צילנדיקן בליק". איך געדענק דעם גוטן אויסדרוק: „צילנדיקן בליק". עס איז אַ בליק, וואָס קוקט אַריבער שוועריקייטן, צרות, און קוקט צו אַ ציל, צו דער ווייטנס. אָט האָט דער לערער־סעמינאַר שוין אַרויסגעגעבן הונדערט צוואַנציק לערער. זיי לערנען שוין אין שולן. דאָס קען שוין קיין גאַראַדאָוואַי נישט כאַפּן צוריק. ביקסן שיסן אָפּ און ווערן פאַרזשאַווערט, פאַפּירן וועגן גזרות ווערן געלע שמאַרגאַלן, אשר־יצר־פאַפּירלעך...

קוקט אסתר אין ווייטן חלל, עס שוועבט איבער אים אַ גוטער, באַרויקנדיקער שמייכל, און זי זאָגט אַזוי:

— אַז מען טראָגט אַרויס דעם לערער־סעמינאַר אויפן מאַרק פון דער וועלט, אַז מען שטעלט אַרויס אונדזערס אַ שול ביי די קאַזאַרמעס פון ברוינע אַרמייען, ווערן מיר צערודערט און צעטומלט. דאַרף מען דאָס נישט. איך פיל, אַז מען וועט נאָך צוריק עפענען דעם לערער־סעמינאַר, ווי מען האָט געעפנט די גימנאַזיע.

— דאָס פאַרשטיי איך. דאָס איז גערעדט צו דער זאַך!... — זאָגט זיידל דער וועבער. — לאָמיר נעמען אַ „קאַפּיטשקע" לכבוד ראָזאַס אָפּפאָר און איר ווינטשן אַ גיכן צוריקקום...

שמייכלט ראָזאַ סימכאָוויטש:

— אסתר האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איר וועט מיך נעמען פאַר אַ לערערין ביי אייך אין שול.

מען האָט זיך געזעגנט.

— זיין מיט אייך, חברים, איז אַ נחת און אַ פּריווילעגיע.

— טאָ קומט טאַקע צוריק.

ברוך און אסתר האָבן באַגלייט ראָזאַן צו דער באַן. ביים צוג האָבן זיך אסתר און ראָזאַ געקושט אייך מאָל און נאָכאַמאָל.

— פון ערשטן שול־צוזאַמענפאָר — האָט ראָזאַ געזאָגט — ביסטו מיר געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. איך געדענק ווי מיר האָבן זיך דעמאָלט געקושט. דו האָסט נאָך אויסגעזען ווי אַ קינד.

— איך האָב דעמאָלט דערזען אַ מענטש, — האָט אסתר געזאָגט. — וועמענס לעבן איז לויטער און געהייליקט.

— איך בין נישט לויטער און נישט הייליק. איך בין אַ פּשוטער זינדיקער מענטש מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן.

און שוין ווען דער צוג האָט זיך גערירט האָט זי באַוויזן צו זאָגן:

— מיט אַ פאַרשפּילטער ליבע... היט אים, דיין ברוכן.

אסתר האָט שוין נישט באַוויזן עפּעס נאָך צו זאָגן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס זי האָט זיך אין דער רגע דערמאָנט אָן מאירן, וואָס איז פאַרשווּנדן געוואָרן אין די ווייטענישן. עס האָט איר צוליב דעם אַ קלעם געטאָן אין האַרצן.

זיי זענען זאַלבעצווייט, זי און ברוך, צוריקגעגאַנגען פון דער באַן און לאַנג געשוויגן. ברוך האָט גענומען אסתרן אונטערן אָרעם און זי צוגעטוליעט צו זיך. ער האָט עטלעכע מאָל געזאָגט:

— זי וועט קומען צוריק...

אסתר האָט נאָך אַלץ געפילט ראָזאַס לעצטע ווערטער. זי האָט געזאָגט צו זיך און צו ברוכן:

— איר אייגן לעבן האַלט זי שטענדיק פאַרשלאָסן. הייַנט בייַנאַכט האָט זיך עפּעס פון איר אַרויסגעריסן — „אַ פאַרשפּילטע ליבע...״

ברוך האָט גערעדט וועגן סעמינאַר:

— דער חורבן פון סעמינאַר האָט אויף איר שטאַרק געווירקט. ווען זי האָט גערעדט מיט אונדז האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי רעדט נישט מיט אונדז, נאָר פירט אַ דיאַלאָג אויך מיט איר אייגענעם מזל.

— זי איז אַוועק מיט אַ שווערן באַרג אויף אירע פּלייצעס.

— מיין טאַטע פלעגט זאָגן — באַמערקט ברוך — אַז די ייִדן זענען אַרויס מיט דריי טויזנט יאָר צוריק מיטן באַרג סיני אויף זייערע פּלייצעס, און טראָגן אים כסדר, טראָגן אים איבער דער וועלט. איז אַוועק קיין פּאַריז נאָך אַ באַרג־סיני־טרעגערין.

— און איך מיין אַלץ — זאָגט אסתר — אַז די „וועלט״ ליגט נישט אין דער וועלט, נאָר אין די אייגענע ד׳ אמות... פון וועלט־מאַסשטאַב־אויס וואָס איז דעמאָלט אַ סעמינאַר אין ווילנע, אַ גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק?... — וואָס מיינט גאָר אין שפּיגל פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן אַ קלאַס מיט דרייסיק קינדער?... אָבער די „גאַנצע וועלט״ ליגט אין יעדן ווינקל, די גאַנצע מענטשהייט וווינט דאָך אין איינציקן מענטשן.

— דאָס איז דעמאָלט — זאָגט צוריק ברוך — ווען דער איינציקער מענטש קען די מענטשהייט.

פרעגט אסתר אַזוי ווי זיך אַליין:

— פּאַריז, זאָגט מען, איז די שטאָט פון ליכט, פון גרויסקייט, פון געשיכטע. וואָלט איך אַוועק אַהין? — און זי ענטפערט: — געוויס וואָלט איך וועלן דאָרט זיין, זען, אָבער נישט בלייבן. איך קען נישט אַוועק פון מיין שטאָט. איך בין אַ היגע. דאָ איז מיין היים, טאַטע־מאַמע. איך בין נישט אייך מאָל אין אַ גורל־שעה געבליבן. דאָ איז אונדזער שול. דאָ איז אונדזער זון.

גיט ער צו:

— און דייך מאַן.

— טאַקע מיין מאַן.

עס איז טיף אין דער נאַכט. זיי גייען פאַרביי דעם קלויסטער־באַרג „שווענטי דוך“. דאָ איז קיינער נישטאָ. זיי זענען אַליין. עס איז נאָר איבער זיי דער אויס־געשטערנטער הימל, אויף וועלכן מיליאַרדן שטערן שפּילן אַ יענע־וועלטישע שפּיל — די שפּיל פון דער צעשטערנטער אייביקייט, פון פאַרצויבערטע, ווייטע וועלטן.

— איך דערמאָן זיך אַ לעקציע יידיש פון משה קולבאַק אין ווילנער גימ־נאַזיע — זאָגט אסתר — ער האָט געזאָגט, אַז יידישע בוכשטאַבן זענען ווי שטערן, וואָס פינקלען פון די הימלען. די קינדער האָבן געזונגען זיין ליד:

שטערנדל, שטערנדל,
בלויער שטאָפּעטעלע...

ראָזאַ סימכאָוויטש איז אויך געווען צוזאַמען מיט איר אויף משה קולבאַקס לעקציע. זי האָט איר געזאָגט אין דער שטיל:

— גוט צו לערנען יידיש מיט יידישע קינדער...

וויל איצט ברוך עפּעס זאָגן אסתרן שטומערהייט, אָן ווערטער דאָ אונ־טערן אויסגעשטערנטן הימל. האָט ער זי פעסט אַרומגענומען און שטאַרק געקושט.

אַ דראָזשקע איז אָנגעפאָרן אויף גומענע רעדער. די פּאַדקאָוועס פון פערד האָבן אָפּגעקלאַפּט און אָפּגעהילכט אין דער גאַס. ברוך האָט אָפּגעשטעלט די דראָזשקע:

— פיר אונדז אַהיים צו דער אַלייען־גאַס...

— גוט צו פאָרן אַהיים, — האָט געזאָגט אסתר, שוין זיצנדיק צוגעטוליעט צו ברוכן אין דער דראָזשקע.

## דרייאונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# אין מיטן טאָג אויפֿן אַלטן מאַרק

צי דו ווילסט, צי דו ווילסט נישט — די ווייטע שטעט, די גרויסע געשעענישן, מענטשן מיט צעבלוטיקטע קעפּ, לוויה־פּראָצעסיעס, דעמאָנסטראַציעס, קוילן־שטרייקן רייסן זיך אַריין אין די קלאַסן פֿון שול.

— אין קלאַס זענען זיי נאָך תּלמידים, אָבער אין זייער אָרגאַניזאַציע זענען זיי דערוואַקסענע מענטשן...

פּאָליטישע ווינטן לויפֿן אַריין אין די קלאַסן און טרייבן אָפּ די לימודים.

אסתּר ווערט אומרויִק. זי קומט פֿון שול אַהיים אַ צערודערטע, צעטומלטע, רעדט זי אַראָפּ פֿון האַרצן פֿאַר ברוכן:

— הונדערט טויזנט אַרבעטער האָבן אין קראָקע באַגלייט צום בית־עולם אַכט געפֿאַלענע אין דער דעמאָנסטראַציע. פֿינף און צוואַנציק פֿאַרווונדעטע, באַנדאַזשירטע, זענען נאָכגעגאַנגען די טרומנעס. דאָס איז געווען אין צייטונג. דאָס ווייסן אַלע תּלמידים. זיי ווילן רעדן, זיי ווילן וויסן מער. זאָגט וואָוועקע: „פּשיטיק איז געווען אַ ייִדיש אומגליק, קראָקע איז געווען אַ גויִשע דראַמע...‟. וואָוועקע איז אַלט נאָר צוועלף יאָר. ער פֿרעגט. מען מוז ענטפֿערן, דערקלערן, פֿאַרבינדן פּשיטיק מיט קראָקע, עס זאָל נישט בלייבן קיין חלל...

— איך ווייס נישט פֿאַרוואָס דו מוזט... — זאָגט ברוך — דאָס איז אויך געפֿערלעך פֿאַר דער גימנאַזיע, וואָס שטייט דאָך אויף הינערשע פֿיס.

— איך מוז באַרויִקן די געמיטער פֿון די תּלמידים.

— אַז דו ביסט דאָך אָבער אַליין מער אומרויִק פֿאַר זיי.

— אין די געשיכטעס פֿון קראָקע איז דאָ הערויִק. די קינדער הערן וועגן דעם, רעדן מיט ברייט־געעפֿנטע אויגן. פֿאָליציי האָט זיך געלאָזט אין דער מאַסע אַריין אויף פֿערד מיט בלאַנקע שווערדן.

„דאָ איז נישט בערלין!... דאָ איז פּוילן!... דאָ איז נישט היטלער!‟... — שרייט מען פֿון עולם. דער המון וואַרפֿט זיך מיט אייזנס, מיט דרענגער. פֿאָליציי

ענטפערט מיט זאַלפן פון ביקסן, וואָס מאַכט מאַוימדיקער די לופט. טויטע אויף די שטיינער. בלוט צינדט אָן די מוחות. דער המון קערט איבער טראַמווייען, לאַסטוועגענער, מען מאַכט באַריקאַדעס...

— אויס קלאַס, עס ווערט אַ גאַס, אַ באַריקאַדע... — ווערט זיך ברוך — די קינדער זענען נאָך צו־יונג...

— קענסט זיי נישט אָפּרייסן. דער קלאַס איז אַזוי ווי דאָס לעבן. ער איז נישט קיין אָפּגעריסן אינדזל. זיי הערן, זיי לייענען צייטונגען, זיי הערן אַפילו ווי עס פייפן צום שטרייק די סירענעס פון די פאַבריקן. ווען מען האָט פאַרגע־לייענט פון צייטונג די מעשה, ווי אַזוי אַ פרוי, צוזאַמען מיט אירע אַכט קינדער, האָט אַרומגעכאַפּט דעם טויטן קאָפּ פון איר מאַן און געזאָגט: „איינציקער, ליבער, איך וועל גיין אין קבר מיט דיר"... — איז דער איינדרוק אין קלאַס געווען שטאַרקער ווי ביים לייענען די גריכישע דראַמעס. „שטייט אַ באָבע מיט אויס־געלאָשענע אויגן, איינגעוויקלט אין אַ גרויען טוך און שעפּטשעט מיט איר אָן־ציינערדיקן מויל: „זון מיינער, מיעטשיסלאַוו טייערער". הערט עס דער קלאַס, אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע, אויף וועלכן עס שפּילט אַ ציטערדיקער סמיטשיק. וואָס זאָל איך טאָן, ברוך?... אפשר ביסטו גערעכט, אפשר איז עס נישט גוט פאַר די יונגע תלמידים, אפשר איז עס נישט גוט פאַר דער גימנאַזיע; אָבער ווי קען זיין אַנדערש אין אונדזער גימנאַזיע?...

— היינט האָבן געשריבן די צייטונגען — זאָגט ברוך — וועגן דעמאָנסטראַ־ציעס, טויטע און פאַרוווּנדעטע אין לעמבערג. מען האָט שוין דערביי אויך גע־האַקט יידישע שויבן, געברענט יידישע האַלץ־סקלאַדעס, דרייצן טויטע, צוויי־הונדערט פאַרוווּנדעטע... וועסטו דאָס אַלץ אַריינברענגען אין קלאַס?...

— וואַרט, וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט אסתר — פאַרוואָס מעג מען לערנען וועגן אַלטע מילחמות, אַלעקסאַנדער מוקדון, נאַפּאָלעאָן, טערקישע מילחמות, טאַ־טאַרישע, צאַרישע און מען טאָר נישט לערנען וועגן מילחמות ווי לעמבערג, און קראָקע, און וואַרשע?...

— ווייל די אַלע מילחמות זענען דורכגעגאַנגען דעם פילטער פון דער גע־שיכטע, פון די קינסטלער. די היינטיקע מילחמות זענען נאָך רוי, זענען פאַר די אויגן...

— אַז די קינדער ווילן וויסן, פרעגן, זאָל איך דאָס אָפּלייגן אויף די צייטן ווען די היסטאָריקער וועלן פילטרירן?... זאָל איך זיי אָפּשיקן צו די קינסטלער, וואָס דאַרפן נאָך געבוירן ווערן?...

— די פאַקטן וויסן זיי פון די צייטונגען און דו קענסט גאָרנישט צוגעבן. זייערע נערוון ווערן נאָר צעשרויפט...

— ווען דבורה גוטמאַן האָט אַרויסגעלייענט פון צייטונג — זאָגט אסתר — אַז נאָכדעם ווי די רעדנער האָבן אָפּגערעדט ביים ברודער־קבר, האָט מען פאַרקלאַפּט די טרומנעס, אַז די עכאָס פון די האַמערס זענען געווען אַ שרעקנדיקע מוזיק, אַז די מאַסע האָט געזונגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר"... — האָב איך

געטאָן וואָס פאַר מיר איז מעגלעך געווען. איך האָב די מוזיק פון די טויבע האַמערס אַרייַנגעגאָסן אין אַ גרעסערער, אין אַ באַפרייענדיקער מוזיק. איך האָב בשעת־מעשה דערפילט, אַז אין קלאַס איז געוואָרן גרינגער, דערהויבענער, עפּעס וואָס עס האָט געקלעמט די קינדערשע הערצער, און מיין האַרץ אויך, איז גרינגער געוואָרן. מען האָט געזען אָדער געשפּירט אַן אויסוועג, אַ האָפענונג...

— זעסט היינטיקע אָוונט־צייטונגען — רייסט איר איבער ברוך: —

„ייִדישע לאָבוסעס און מאָסקאַליעס זענען שולדיק..." „פאַרטרייבט די ייִדן און גאָט וועט אייך העלפן"... „קויפט נישט ביי ייִדן!"...

איך פיל, אסתר, ייִדישן אומגליק, איך זע דעם כראַביע וואָס האָט געשאָסן אין קאָפּ מיין עלטער־זיידן... איך זע דעם פּרייז, וואָס מיר וועלן באַצאָלן, איידער עס וועט קומען דער אויסגאַנג...

ווערט אסתר אויפגערעגט:

— וואָסזשע זאָלן מיר טאָן? לאָמיר זיך אַרויסקלייבן פון דער וועלט?... לאָמיר זיך גטן מיט דער געשיכטע?... מיין האַרץ פילט, ווי אַ סייסמאָגראַף, אַ קומענדיקע ערד־ציטערניש. איך זע מיינע קלאַסן, איך זע אונדזער זון... איך ציטער אין גאַנצן.

אירע אויגן גלאַנצן אומהיימלעך. ברוך דערשרעקט זיך...

— וואָס איז דיר, אסתר?...

— איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מעשה פון דער ייִדישער צייטונג, ווי כוליגאַנעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַ לויפנדיקן צוג, אויסגעלאָשן דאָרט דאָס ליכט, אין דער פינצטער געממיתט די ייִדישע פּאַסאַזשירן, אַרויסגעשליידערט זייערע פּעקלעך, געעפנט די טיר און אַרויסגעוואָרפן אַ ייִדישע פרוי פון לויפנדיקן צוג...

אין צווייטן צימער זיצט רפאלקע מיט חברים, וואָס גרייטן זיך צו דער מאָרגנדיקער לעקציע אין קלאַס. זיינע ווערטער, רויִקע, אָבער וואָגיקע קומען אַריין אַהערצו:

— „ירושלים איז געווען באַלאַגערט אַרום און אַרום. הונגער איז געווען אין שטאָט..."

דאָס קומט אַריין אין אסתרס געמיט. ווערטער אויסגעפילטרירטע, אַ קאַפּיטל געשיכטע. דאָס שטילט איר אַ ביסל. עס קלינגט אַן ענטפער פון די אַלטע ביכער: שוין געווען, שוין אַלץ געווען. אין חדש תחת השמש. געשיכטע איז חכמהדיק, געשיכטע איז טיף און ווייסט אויסדויער. שטורעמס טראָגן זיך אַריבער און ווידער לערנען קינדער אין די שולן.

— נעם זיך, אסתר, אין די הענט...

אין די קומענדיקע טעג איז זי געוואָרן פאַרטאָן און פאַרנומען, צוזאַמען מיט נאָך לערער, מיט דער איינאָרדענונג פון געזאַנג־קאָנקורס פון אַלע ייִדישע שולן פון שטאָט. וועלכע גרופּע קינדער וועט באַקומען די גרעסטע צאָל גוטע צייכנס פון די געזאַנג־שופטים, וועט געווינען דעם קאָנקורס.

ווער זינגט צום בעסטן און שענסטן?...

עס האָבן געזונגען גרופּן תּלמידים פון מענדעלע־שול, פון פּרץ־שול, פון גראָסער־שול, פון שלום־עליכם־שול. אסתּר איז געזעסן אין זאַל, וואָס איז פול געווען מיט קינדער, עלטערן, שול־טוער און לערער. זעט אסתּר, אַז די סאָ־ליסטקע פון דער שלום־עליכם־שול, חיהלע חומש, וואָס זינגט נישט נאָר מיט איר מיילכל, נאָר אויך מיט אירע אויגן, הענט און פיס. זי קלאַפּט צו צום טאַקט מיט איין פיסל, טראָגט גאָר אַ צעריסענעם שיכל, טאַקע מיט דעם שיכל קלאַפּט צו איר פיסל. חיהלע חומש איז אָנגעשטרענגט, איר מיילכל, מיט די קליינע ליפּן, ברענגען אַרויס מחיהדיק די רייך־אָנגעלאָדענע ווערטער פון ליד, מער נישט איר שוך איז צעריסן...

פאַרוואָס? פאַרוואָס איז חיהלעס געזאַנג אַזוי פריילעך און אירע שיך אַזוי אומעטיק?...

עס איז געווען גוט אויפן קינדער־קאָנצערט, עס איז געווען פריילעך. אויף מאָרגן אָבער האָבן די צייטונגען אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלע ייִדן.

— צען טויטע, הונדערט דרייסיק פאַרוווּנדעטע אין ארץ־ישראל...

— אויסנאַם־צושטאַנד אין תּל־אביב, אין יפו. אָפּגעשטעלט די קאָמוני־קאַציע.

— די אַראַבער האָבן דערקלערט אַ גענעראַל־שטרייק...

— אין די פּאָרטן איז אַ קאָנצענטראַציע פון ענגלישע קריגס־שיפן...

— אַראַבער האָבן אונטערגעצונדן אין ירושלים דעם ייִדישן קוואַרטאַל.

— 3500 אַנטלאָפענע אין תּל־אביב.

פינצטער דער הימל. אַ קאַלטער ווינט שלאָגט אין האַרץ אַריין.

ייִדן ווערן גערופן צו אַ גרויסער אסיפה אין דער „אַלטער שול".

— מען טאָר נישט שווייגן!...

— מען דאַרף אויפּרודערן די וועלט!...

— מען דאַרף שיקן הילף!...

זאָגט אסתּר צו ברוכן:

— די קלאַסן וועלן ווידער גיין כּאַדאָראַם. די קינדער וועלן ברענען אַ פייער.

— אַ ייִדישער פייער, — זאָגט ברוך — ער ברענט שוין צווי טויזנט יאָר...

— אין קאָפּ — זאָגט זי — אין האַרץ, ווערט עס איין פייער, ייִדישער און וועלטלעכער...

אסתּר וויל, אַז ברוך זאָל איר שטאַרקן, ער זאָל מסכּים זיין, אַז דאָס אַלץ וועט פאַרבייגיין, עס וועט גוט ווערן. דערמאָנט זי זיך דאָס שווימען אויפן פישער־שיפל אויפן ים ביי גלעטקאָו אינמיטן דער נאַכט. דער שטורעם האָט געשליידערט. זי האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פאַרלאָרן. אָבער שפּעטער איז מען אַרויסגעקומען צום ברעג; די זון איז אַרויסגעקומען; די פישערקע האָט אַרויסגעבראַכט הייסע און שטאַרקע קאַווע...

איז אַראָפּגעקומען דער ערשטער מאַי אין שטאָט, אין אַ מאַי־צוג מיט

רויטע פענער. פאָליציי און סאָלדאַטן האָבן געוואַכט איבערן מאַי־צוג. סכנה, איינשטעלעניש, טראַציקייט האָט געוויעט אַרום מאַי־צוג. אין סאַמע מיטן פון צוג זענען געווען די יינגסטע, אַפילו קינדער־גרופּן. זיי זענען געגאַנגען און געזונגען. עס איז נישט געווען אַן איינפאַך זינגען, עס איז געווען אַן אויס־שרייען פון דרייסטקייט און גרייטקייט:

— „חברשאַפט!... פרייהייט!...“

און צוזאַמען מיט דעם אויפגעהויבענע פויסטן. אָט אַזוי וועט מען זיך לאָזן איבערקערן די שלעכטע וועלט. באַלד־באַלד וועט דאָס געשען.

הימל און ערד וועלן זיך איבערקערן.

פאַבריק־אַרבעטער, וועבער, שפינער, שניידער. פרויען־אַרבעטערינס, ווע־מענס אויגן זענען יונגער ווי זייערע פּליצעס, וועמענס אינעווייניקסטער אימ־פּעט איז שטאַרקער פאַרן כח פון די פיס. די פרויען־מחנה גייט אין מאַרש און זינגט:

אָ, איך פרויען,
איר אַרבעטער־פרויען,
קעמפענדע פרויען
פאַר פרייהייט און רעכט...

ציניקער, לצים שטייען אויפן טראָטואַר און שפּאָטן:

— זיי גייען פאַרכאַפּן גאַנץ פּוילן...

— די גאַנצע וועלט...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שטאָט־זייגער, אויפן מאַרק־פּלאַץ. אַ פּרעמדער רעדנער, אַ געקומענער פון וואַרשע, איז געשטאַנען אויף אַ טיש און גערעדט. נעבן אים איז אויך געווען די רויטע פאָן מיט גרויסע אותיות: „בונד“... דער רעדנער האָט גערעדט זייער הויך, זייער שטאַרק און היציק:

— פייערצינדער פון בערלין און רוים גייען אונטערצינדן די וועלט, פונאַנ־דערפלאַקערן אַ וועלט־שרפה. די פייערן האָבן זיי שוין אונטערגעלייגט. מיר שמעקן שוין דעם רויך...

פינף טויזנט ייִדן שטייען און הערן. די זאַך איז אימהדיק און גרויס. מען גייט אונטערצינדן די וועלט. מען שפירט שוין דעם רויך.

— זיי וועלן טרעפן צום ערשטן אונדז, די ייִדן, צינדן אונדזערע היימען...

— זאָגט דער רעדנער.

קלאַפּט זייער האַרץ שטאַרקער. עס וועלן ברענען פּיאַסקעס, כאַנאַיקעס. מען מוז עפּעס טאָן אין דער לעצטער שעה, מען מוז ראַטעווען.

דער הויכער שטאָט־זייגער שטעקט זיין שפּיץ מיטן ציפער־בלאַט צום הימל. עס איז צוויי אַ זייגער, מיטן טאָג.

אָפּגערעדט, שפּילט דער בעקער־אָרקעסטער, אַרום וועלכן עס שטייען די געזונטע טרעגערס. יהודה שניידער דיריגירט מיטן אָרקעסטער.

נאָכן שפּילן פון אָרקעסטער רעדט אָן אַנדער רעדנער:

— ווען דער אַרבעטסמאַן נאָר וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל... אין דיין קאַמף קענסטו נאָר פאַרלירן דיינע קייטן און געווינען די גאַנצע וועלט...

— „די גאַנצע וועלט" — חזרט איבער אסתר די לערערין פאַר איר מאַן ברוך — עס איז אַ ווונדערלעכער אָפּקלאַנג, עס איז אַ נחמה, „די גאַנצע וועלט!"...

— לאָמיר זיך לערנען פון אַרבעטסלאָזן קוילן־גרעבער אין דער לעמבער־גער דעמאָנסטראַציע — זאָגט דער רעדנער — וואָס האָט געטראָגן דעם ארון פון זיין דערשאָסענעם חבר און אים האָט בשעת־מעשה אויך געטראָפן אַ קויל. ער האָט אַ געשריי געטאָן צו זיין חבר: „האַלט אונטער דעם ארון, איך פאַל"... ער איז געפאַלן טויט. מען האָט אַראָפּגענומען בלומען פון ארון, וואָס ער האָט געהאַט געטראָגן, און אַרויפגעלייגט אויף אים. לאָמיר עס, חברים און חברטעס, ברידער און שוועסטער, געדענקען. אויב איך פאַל, זאָלסטו טראָגן ווייטער...

— לאָמיר גיין, ברידער און שוועסטער, דעם מאָרגן־רויט אַנטקעגן.

אסתר איז צעפלאַמט צוזאַמען מיטן עולם אויף דעם ייִדישן מאַרק אין מיטן שטאָט, וועמענס שטיינער זענען תמיד אומעטיקע, עלנטע. איצט שטייט אויפן מאַרק די שול־יוגנט אין בלויע העמדער און רויטע קראַוואַטן און זינגט התלה־בותדיק:

מיר, די יונגע גוואַרדיע פון פּראָלעטאַריאַט...

ברוך קוקט אויף די קינדער, קוקט אויף אסתרן, אויפן עולם און עס עג־בערט אים אַ טרויער, ער וועט אָבער גאָרנישט זאָגן אסתרן. זי איז איצט אַ טייל פון אַ מיסטישן חלום אויפן אָרעמען אַלטן ייִדישן מאַרק. עס איז נישט בייַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק; עס איז אין מיטן טאָג. נישט קיין נאַכט־רוחות זענען דאָ, נישט קיין אויפגעשטאַנענע פון קברים, נאָר — זינגענדיקע יוגנט. אַזוי איז דאָך זיכער אסתר.

אין דער רגע איז געוואָרן אַ מהומה. מען הייסט זיך שנעל פונאַנדערגייען. אויפן פּלאַץ זאָל בלייבן נאָר די מאַי־מיליץ.

— פּאַשיסטן קומען פון אַלעקסאַנדער־גאַס...

— רייטערס קומען...

אסתר האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער יוגנט, צווישן אירע געוועזענע תלמידים, ווי אַ מאַמע וואָס וויל שיצן אירע קינדער:

— גייט זיך שנעל פונאַנדער אין די געסלעך...

## פיראונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

# לייבע איז אַוועק

לייבע דער בלעכער איז ממש איינגעפאַלן פון וואָך צו וואָך. מען האָט עס געקענט ,עֶן מיטן אויג. עס איז אים אַריין אַ מאַנקאָליע, פון וועלכער ער האָט שנעל געדאַרט. ער איז אויפגעגעסן געוואָרן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט נישט קיין יסורים, אָבער ער גייט איין. ער האָט דערפילט מיט אַן אומפאַרמיידלעכקייט, אַז מען ציט אים צום סוף. ער האָט דערפילט אַ שווערן טומל, אַ שווינדלעניש אין קאָפּ. דער זכרון האָט זיך אָנגעהויבן אָפּטראָגן פון אים, ער האָט געפּלאָנטערט מיט דער צונג און געזען מיט זיינע פאַרנעפּלטע אויגן זאַכן נישט-געשטויגן, נישט-געפלויגן.

אַז ער האָט דערשפּירט, אַז עס איז שלעכט מיט אים, האָט ער אָנגעזאָגט זיין איידעם ברוך:

— זאָלסט אסתרן טייער האַלטן.

ברוך האָט געוווּסט, אַז מיט זיין שווער איז נישט גוט. דער דאָקטער, וואָס ברוך ברענגט צו אים, גיט אים וויניק האָפענונג. ער זאָגט דאָס גאָרנישט אויס אסתרן. וויל ער זאָגן עפּעס גוטס דעם טאַטן, הונגערט ער נאָך אַן איינציקן וואָרט, וואָס זאָל זיין כולו אמת.

— זי איז דאָך מיר געווען באַשערט פון גאָט... זי איז דאָך די מאַמע פון אונדזער זון, אייער אייניקל.

„גאָט“, „באַשערט“, „זון“, „אייניקל“... — די אָנגעלאָדענע ווערטער קומען אַריין אין לייבעס „טיפענישן“, סאַמע-סאַמע טיף. זאָגט ער נאָך עפּעס:

— דער מאַמען אויך טייער האַלטן... ווי אַן אויג אין קאָפּ...

אסתר קומט אונטער: „טאַטע, רעד נישט אַזוי...“ — דעמאָלט ווערט לייבע פאַרזונקען אין מעמקים. ער גייט אַוועק אַליין זייער ווייט. ער זאָל נאָר קענען קומען צוריק...

אין די נעכט, ווען אַלע שלאָפן איין, ליגט לייבע אַ וואַכער, אָבער פּאַרטראַ־גענער, רעדט זייער שטיל נישט דאָ־וועלטיקע רייד. קיינער הערט זיי נישט. עס פאַלן אַרויס נאָר איינצלנע ווערטער. ער רופט זיינע קינדער פון מרחקים. ער רעדט צו זיין טאָכטער צלובה אין רוסלאַנד, צו זיין פאַרשווונדענעם זון אין אַמעריקע, צו זיין „מוזיניק“, פון וועמען נישט מען הערט און נישט מען זעט. זיין ווייב מאַשע שטייט אין מיטן נאַכט הינטער דער טיר און הערט די איינצלנע ווערטער מיט פלאַטערניש.

— „מזל טוב“... „חופה...“, „דרשה־געשאַנק פופציק רובל“...

איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט ער זיך אַ הייב־געטאָן פון זיין געלעגער און אָט לאָזט ער זיך גיין. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און געפאַלן. דער קלאַפּ האָט אַלעמען אין שטוב אויפגעוועקט. מען האָט אָנגעצונדן פייער, געלאָפן צו זיין טאַפּטשאַן. ברוך האָט גענומען זיין שווער אויף די הענט און אים אַרויפ־געלייגט צוריק אויפן טאַפּטשאַן. אסתר האָט אים איינגעגעבן אַ רפואה און דער־לאַנגט קאַלטע וואַסער צו די ליפּן.

לייבע האָט גענומען דאָס גלאָז וואַסער מיט זיין געל־געוואָרענער האַנט. ער האָט אַ זופּ־געטאָן, געזוכט זיין יאַרמלקע אויפן קאָפּ, ווי דער קאָפּ וואָלט געווען אַ פרעמדער, און נאָכדעם גערעדט גאַנץ מיושבדיק:

— גאָרנישט... גאָרנישט... אַביסל האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ... מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין אויפן דאַך פון דער „וואָדאָקאַטשקע“... זייער הויך... ביסט דאָך, ברוך, אַ גוטער באַלמעלאָכע, פאַרלאָז נישט אסתרס מאַמע, זי האָט אַ גאָלדן האַרץ...

לייבעס פּנים פאַרקרימט זיך אין צער, זיין באָרד פאַרדרייט זיך אין אַ זייט, גייט אַוועק פאַר זיך אַליין, זיין שטערן איז הוילע קנייטשן. קומען אַרויס טרערן אין זיינע אויגן. מאַשע שטייט דערביי, ווערט קלענער, צעשראָקענער, אַ קריגל פול מיט פּחד. זי איז איצט דראָבנער, אַן אַלטיטשקע און עלנטע, זי רעדט צו איר מאַן:

— לייבע, שטאַרק זיך... האָב רחמנות אויף מיר... עפן די אויגן... פאַרלאָז מיך נישט...

עפנט ער די אויגן, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט געקומען פון ערגעץ, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן. ער איז איצט אַ פולער בר־דעת, ווי דער קאָפּ וואָלט אים געוואָרן מיט אַמאָל ריין און קלאָר. מער נישט אַ קאַלטער ווינט בלאָזט דאָרט ביי די שלייפן, זאָגט ער צו זיין ווייב:

— זיי מיר מוחל, מאַשע... נישט געקענט מיט מיינע הענט אַליין מפרנס זיין די משפחה... אַלץ געהערט דיר... אסתר, זאָלסט אַכטונג געבן אויף דער טויב... ברוך, זאָלסט זיין צו איר ווי אַ זון...

לייבע ציטערט. מאַשע דעקט אים איין מיט אירע טרייע, צעשראָקענע הענט. זי גלעט איר מאַן איבערן קאָפּ. ברוך איז געלאָפן נאָכן דאָקטער. אסתר קוקט אויס דעם דאָקטער אין די פענצטער. דאָס וואָס איר טאַטע ציטערט אונטערי

צודעק, מאַכט ציטערן אַלע אירע איברים. עס איז איר הייס. עס שטעכט שאַרף אין האַרצן. עס קלעמט איר.

— טאַטע... טאַטע...

זי וואָלט איצט צוגעפירט איר זון צו אים. זאָל דער זיידע זען נעבן זיך זיין אייניקל. דערווייל איז ברוך שנעל אַריינגעקומען מיטן דאָקטער.

דער דאָקטער האָט דערזען לייבען פון דערווייטנס. ער איז צו אים שנעל צוגעגאַנגען, ער האָט אָפּגערוקט מאַשען פון בעט. דער חולה געהערט איצט צו אים. מאַשע האָט געפילט, אַז איר מאַן דערקענט איר שוין נישט.

דער דאָקטער אַרבעט אַרום לייבען. הערט אים אויס, קוקט אין זיינע פאַר־טונקלטע אויגן. ער האַלט זיין דופק... ער זאָגט צו ברוכן אויף פויליש:

— הייסע וואַסער...

אסתר לויפט געבן וואַסער. דער דאָקטער וואַשט זיינע כלים. ער דאַרף פריִער זיי אויסקאָכן. ער שטעכט אַריין אין לייבען אַ נאָדל. לייבע פילט גאָרנישט וואָס דער דאָקטער טוט מיט אים.

שפּעטער סודעט זיך דער דאָקטער מיט ברוכן אין קיך. צוויי מאַנסלייט. מאַשע וועקט איר מאַן, ער זאָל נישט איינשלאָפן אויף אייביק.

פלוידערט לייבע און וויזט מיט זיין געלער האַנט:

— צלובהס ייִנגעלע... אַרויס פון טייך... משהקע...

מאַשע און אסתר קוקן נאָך זיין האַנט. אַ פולע האַנט מיט אומעט. זיי זעען ביידע גלייך, אַז לייבע גייט אַוועק פון דער וועלט.

אַזוי ווי צלובהס דערטרונקען ייִנגעלע אין טייך, משהקע, הינטער סמאָלענסק, וואָלט אין דער רגע אַרויסגעקומען צו זיין זיידן לייבע, אויסגעצויגן צו אים פון יענער וועלט זיינע קליינע הענטלעך. דער האַלב־פּאַראַליזירטער אסתר האָט זיך געדוכט, אַז זי זעט צוגלייך מיט איר טאַטן משהקעס הענטלעך. זי זעט אַ יענעם־וועלטיקן בילד. זי האָט געכאַפּט שטאַרק איר מאַמען אין אירע הענט, אין איין שרעק.

— לייבע, לייבע... — האָט מאַשע געררופן.

— טאַטע... — האָט זיין טאָכטער אים געבעטן.

לייבע איז נאָך געהאַנגען צווישן ביידע וועלטן אַ פּאָר שעה. אַז עס איז גע־קומען פרימאָרגן איז ער אַוועק פון דער וועלט. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט צלובהס ייִנגעלע, משהקע, ביי דער האַנט.

דאָס טויטע אייניקל האָט געפירט דעם געשטאָרבענעם זיידן.

נישטאָ מער לייבע. פרחה נשמתו. ער איז שוין אַ טויטער. מאַשע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף זיין טאַפּטשאַן און געוויינט שטיל, זייער שטיל. עס איז געווען אַ וויינען, וואָס האָט געפלאַמט ווי אַ קוועלבל. מען קען אים נישט אָפּשטעלן. זי האָט געבראָכן די הענט:

— אסתר, נישטאָ מער דער טאַטע...

— אַליין בין איך...

אסתּר טוליעט צו זיך איר מאַמען. ניין, זי איז נישט אַליין. וויין נישט, מאַמע. מיר זענען אַלע צוזאַמען. רפאלקע איז אויך אַרויסגעקומען.

ברוך האָט זיי אַלעמען אַרויסגענומען פון צימער, נישט אַריינגעלאָזט צוריק. ער האָט זיך באַלד פאַרנומען מיט מאַכן די טויט־פּאַפּירן, מיט חברה קדישא, מיט אַ צעטל פון דער קהילה, מען האָט געדאַרפט וואַכן איבערן מת, וואָס איז שוין געלעגן אויף דער ערד מיט ליכט צוקאָפּנס.

די גאַנצע גאַס איז געקומען צו לויפן. מען האָט שנעל געוווּסט אַרום און אַרום, אַז „לייבע דער בלעכער איז געשטאָרבן".

זיין לוויה איז געווען דעם צווייטן טאָג.

כמעט דער גאַנצער תורת־חיים־בית־מדרש איז געקומען צו דער לוויה. דער רבי ר' גדליה טיקאָצינסקי האָט אים מספּיד געווען. ער האָט געזאָגט, אַז ר' לייבע איז געווען אַ ירא־שמים אַן איש תמים. זאָל זיין נשמה זיין בצרור החיים.

מאַשע האָט נישט געלאָזט ברוכן באַצאָלן די קבורה־הוצאות. זי האָט דאָס גוט צוגעהיט. זי האָט געזאָגט, אַז לייבע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַוועק אין אייגענע תכריכים. זי האָט אַוועקגעגעבן אַלע זלאָטעס וואָס זי האָט געהאַט אין שופלאָד פון קאָמאָדע. זי זאָל נישט הערן האָט ברוך געזאָגט צו די חברה־קדישא־לייט:

— איך וועל שוין גוט מאַכן.

נישט געווען קיין זון, וואָס זאָל זאָגן קדיש אויפן קבר, האָט געזאָגט דער רבי ר' גדליה אַליין. ברוך איז געווען גרייט צו זאָגן קדיש, אָבער די יידן פון תורת־חיים־בית־מדרש האָבן נישט געוואָלט איינשטעלן — זאָל זאָגן דער רבי. יידן באַלמעלאָכעס האָבן צוגעוואָרפן שופלעס ערד, דער חברה־קדישא־שמש האָט אַריינגעשטעקט שטעקלעך אין קבר, ווי דער מנהג איז שטאָט — מוכן ומזומן צו תחית־המתים. אסתּר האָט געטיילט צדקה פאַר דער מאַמען.

נאָך קבורה זענען זיי געפאָרן זאַלבע־דריט אויף אַ דראָזשקע — מאַשע, אסתּר און ברוך. די גומענע רעדער זענען שטיל געפאָרן, נאָר דער פערד האָט געפּאַטשט מיט די פיס אויפן ברוק. רפאלקען האָט מען נישט גענומען צום בית־עולם. מאַשע איז געזעסן אין מיטן, איינגעוויקלט אין איר פאַטשיילע און געציטערט. מען האָט נישט געהערט פון איר קיין קול, אָבער זי איז געווען אָנגעלאָדן מיט געוויין. עס איז געווען קאַלט. אסתּר האָט געהאַלטן אַרומגענומען איר מאַמען. מאַשע האָט אַרויסגעקוקט פון דראָזשקע און דערקענט, אַז מען פאָרט שוין צו צו זייער הויז, האָט זי געזאָגט:

— שוין... נאָך אַלעמען...

— נישטאָ דער טאַטע...

— מאַמע, זיי אַ מענטש, עס איז פאַרפאַלן. זיי אַ באַבע צו דיין אייניקל...

פּאַמעלעך, איינגעבויגן, איז מאַשע אַריין אין שטוב.

אין דערזעלבער צייט זענען אָנגעקומען אסתּרס און ברוכס חברים. ברוך האָט אַריינגעפירט די שוויגער אין איר צימערל, עפּעס איר איינגעגעבן צו שטאַרקן

און איר געהייסן זיך צושפּאַרן. זי האָט אים געהאַרכזאַם געפּאָלגט. אַ שברי כלי.

אין דער גרעסערער שטוב זענען שוין געווען יהודה שניידער, דער מוזיק־לערער און דיריזשאָר פון כאָר־שול, זיין ווייב אידאַ די לערערין, די געקוועלטע. עס איז געווען זיידל דער וועבער, פישל קאַצענעלבויגן, דער סעקרעטאָר פון דער שול־פאַרוואַלטונג. עס איז אויך אַריינגעקומען איטשע זאַבלודאָווסקי. דער לעצ־טער איז געקומען דער חבר שואל, דער סעקרעטאָר פון טעקסטיל־פאַריין.

דער הויפּט־מתעסק נאָך קבורה איז געווען יהודה שניידער. ער האָט גע־בראַכט מיט זיך, ווי דער מנהג, אַ פלעשל שנאַפּס. ער האָט אָנגעגאָסן גלעזלעך, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגענומען פון שאַפקע, מעשה אייגענער.

— נאָך קבורה — האָט ער געזאָגט — נעמט מען לחיים...

צו אסתרן האָט ער גערעדט ווי אַ מנחם־אבל:

— ברוך דיין אמת — זאָגט מען. עס איז פאַר די לעבעדיקע צו לעבן... עס איז דאָ אַ סך וואָס צו טאָן... עס איז אַ גרויסע צייט... אונדזער זאַך איז אַ גרויסע...

— די זאַך איז שטענדיק גרעסער פון אונדז... — זאָגט איטשע אַ רעיון.

— זי איז אין אונדז... — רופט זיך אָפּ אסתר — זי איז אַזוי ווי מיר קענען זיין, אויב מיר ווילן...

„די זאַך...״ — „וואָס פאַר אַ זאַך?...״ — מען דאַרף נישט אָנרופן מיטן נאָמען. מען ווייסט אַליין. און יעדער איינער ווייסט אַ ביסל אַנדערש.

— „די זאַך!...״

טענהט זיידל דער וועבער:

— געווען איז לייבע אַ טייערער ייד, אַ ווילער... דיין טאַטע, אסתר, איז געווען אַן ערלעכער יגיע־כפּים... אָבער אַזוי איז דאָס, פאַרפאַלן. די זיידעס גייען צוריק און די אייניקלעך גייען פאָרויס...

ברוך האָט געלאָזט די חברים אין דער גרויסער שטוב און אַליין איז ער אַוועק און אויסגעזוכט מאַשען אין איר צימערל, אַן איינגענורעטע אויפן בעטל. ער האָט זיך געזעצט נעבן איר און איר גערופן:

— מאַמע...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס־געעפנטע אויגן.

—עס איז דאָ אַ טאָכטער, אַן אייניקל, איך בין דאָ... מיר דאַרפן אַלע האָבן דער מאַמען...

מאַשע האָט זיך אויפגעזעצט. זי האָט אים אָנגעקוקט. טרערן זענען געשטאַ־נעז אין אירע אויגן. עס זענען געווען טרערן, פון וועלכע עס ווערט גרינגער אויפן האַרצן.

אין דער גרעסערער שטוב האָבן זיך געקליבן נאָך חברים. מען איז געקומען צו אסתרן. מען האָט איר געגעבן צו פילן, אַז זי איז נישט אַליין. מען איז אַלע צוזאַמען.

## פינפאונצוואנציקסטער קאפּיטל

# צו פּרצס קבֿר

עס איז נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, דערצו נאָך, אויב מיר וועלן אַרויספירן גרויסע מאַסן, וועלן זיי נישט וואַגן... — האָט מען גערעדט אויף דער שטילער לאַנד־באַראַטונג פון די יידישע שולן — מיר מוזן אַוועקשטעלן אָפן די מאַסן אין שוץ פון זייערע שולן.

— וואָס וועלן אויפטאָן די מענטשן אויף דער גאַס?... — האָט געפרעגט אַ מיושבֿדיקער שול־טוער פון ווילנע — זיי וועלן נאָר אויפרייצן די מאַכט און אַרויסרופן נייע גזרות...

— מיר מוזן ווייזן, אַז די שולן זענען אַ פאָלקס־זאַך, וועלן זיי זיך אָפּהאַלטן זיי צו דערשטיקן... — האָט געזאָגט אַ וואַרשעווער שול־פירער — אַזוי ווייטער, לאָזן זיך, קען נישט זיין.

דער געדאַנק איז געווען אַזאַ: מען זאָל אַרויסרופן אויף חול־המועד פּסח, צו פּרצס יאָרצייט, אַ גאַנג פון קינדער, עלטערן, לערער, שול־טוער צום גענשער בית־עולם, צום אוהל־פּרץ. עס וועט הייסן, אַז מען טוט עס צוליב יאָרצייט, דערווייל אָבער וועט מען ווייזן „דער וועלט" צענדליקער טויזנטער אין צוג.

— צענדליקער טויזנטער?... — האָבן איניקע געצווייפלט.

— אונדזער מאַסע וועט דערשפּירן — האָט געזאָגט אַ שול־טוער פון ביאַליסטאָק — אַז עס איז נישט נאָר אַ שול־גאַנג, — עס איז אויך אַן אויסדרוק פון זעלבסטשוץ, פון נאַציאָנאַלער טראָציקייט. מיר זאָלן האָבן געלט אויף צו פאָרן, וואָלטן מיר געקענט אַראָפּברענגען טויזנט ווער. מען וואָלט געפאָרן מיט אויטאָבוסן, מיט לאַסט־וועגענער.

— עס איז גענוג גרויס די מאַסע אין וואַרשע, וואָס מיר קענען אַרויסרופן...

— האָט געזאָגט שנעל דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „אונדזערע קינדער" אין וואַרשע — מען דאַרף נישט ברענגען ווער פון ביאַליסטאָק.

— עס זאָל גיין אין ברענגען — האָט געזאָגט דער פירער פון די באַראַכאָוו־

שולן אין לאָדזש — קענען מיר אַראָפּברענגען די טרעגער און פּליישער פון לאָדזש.

האָט מען באַשלאָסן אַזוי: מען דאַרף נישט מורא האָבן; דאָס וועט שטאַרקן די אייגענע כוחות.

פון וואַרשעווער שולן זאָלן גיין אַלע עלטערע קלאַסן מיט טראַנספּאַרענטן פון זייערע שולן איבער די באַזונדערע שול־גרופּן. פון אַנדערע שטעט, פון די גרעסערע, זאָלן קומען נאָר תלמידים־דעלעגאַציעס מיט טראַנספּאַרענטן פון זייערע שטעט. פון ווילנע און ביאַליסטאָק זאָלן קומען די עלטערע גימנאַזיע־קלאַסן. די עלטערן־קאָמיטעטן ביי די וואַרשעווער שולן זאָלן רופן די עלטערן צום צוג. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זאָלן שטילערהייט, נישט עפנטלעך, רופן זייערע מיט־גלידער.

— לאָזט דאָס שוין צו אונדז... — האָבן געזאָגט די מענטשן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

„וואָס וועט מען מיט דעם אויפטאָן?... וואָס איז דער שכל אַרויסצורופן קינדער אין דעמאָנסטראַציעס?... וואָס וועט זיין, אַז פּאָליציי וועט צעטרייבן?“..

— דאָס האָט מען געטראַכט אין דער שטיל, אָבער נישט אַרויסגעבראַכט אָפן. מען דאַרף נישט פרעגן קיין קשיות, מען טאָר נישט צווייפלען. אין די וויטערע שטעט האָט מען געזאָגט: „אַז וואַרשע רופט, ווייסט זי“... אין ווילנע האָט גע־זאָגט דער לערער יאָפע אויף דער לערער־פאַרזאַמלונג: „על פּי שכל וואָלט מען קיינמאָל נישט געגאַנגען אויף באַריקאַדעס...“ אין פּינסק האָט געזאָגט די לע־רערין שרה הערמאַן: „עס איז שוין מער נישטאָ קיין געדולד, אַ סוף אַן עק זאָל דאָס נעמען“.

ברוך האָט געזאָגט אסתרן: „איך וועל גיין מיט דיר“. די ייִדישע צייטונגען אין וואַרשע האָבן געשריבן גאַנץ פּשוט: „די ציש״אָ־שולן וועלן מאַכן אַ הזכרה אויף פּרצס קבר“. שלמה מענדעלסאָן האָט געלאָזט וויסן די לעצטע טעג, אַזוי האָט מען לויטן געזעץ געמוזט, אין רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט, דורך אַ פּאַפּיר, דעם מאַרשרוט פון „יאָרצייט־צוג צום קבר פון באַרימטן ייִדישן שרייבער, גרינ־דער פון די שולן“ —

— דורך נאַוואָליפּקי, נאַלעווקעס און גענשע.

מען האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז דער יאָרצייט־צוג וועט אַרויס־קומען אַזוי גרויס און אַזוי פייערלעך — נישט קיין טרויער־יאָרצייט, נאָר אַ שמחה גאָר. עס האָט פּשוט געפלאַקערט איבער די גאַסן, אַזוי ווי עס צינדן זיך אָן שטרויענע דעכער בעת אַ שרפה. האָט דאָס געמאַכט דעם וווּנדער דער גרויסער ייִד אין זיין אוהל?...

די גאַסן זענען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט מענטשן. די טראַמוויען האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן. צוועלף בייטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער גאַנג פון נאַוואָליפּקע און ווען ער איז אַריינגעקומען אין נאַלעווקעס, האָט ער שוין אויסגעזען ווי אַ פאַרפּלייצונג. אויף מיטן גאַס זענען געגאַנגען די מחנות פון די שולן, שול נאָך

שול, קלאַס נאָך קלאַס, שטאָט נאָך שטאָט. טויזנטער קינדער האָבן געטראָגן הויך פאַרביקע פּאַפּירענע פענדלעך פון זייערע שולן — אַ פאַרביקער ים מיט ידישע אותיות האָט זיך געטראָגן איבער די קעפּ. מען איז געקומען פון די שטעט מיט אויטאָבוסן, מיט לאַסט־וועגענער. יעדע שול־מחנה האָט געטראָגן אַ לייוונטענעם, ברייט־אויסגעצויגענעם שילד פון איר שול — שעדלעצער שול, קוטנער, לובלינער, בריסקער, פּינסקער, טשענסטאָכאָווער, לאָמזשער, לאָדזשער, ווילנער, ראָוונער, לוצקער, ביאַליסטאָקער, נאָווידוואָרער, גראָדנער... — נאָך און נאָך, אַלע, אַלע, איינע נאָך די אַנדערע. אין די אייגענע אויגן און הערצער האָט עס אויסגעזען געוואַלדיק, — פון גאַנצן לאַנד איז מען געקומען — גאַנץ פּוילן:

— „פאַר אונדזער שול...“

— פאַר אונדזער קינד...“

— פאַר אונדזערע רעכט...“

— פאַר מוטער־שפּראַך!...“

אַזוי פיל מענטשן פון די זייטן, אויף די טראָטואַרן, אַזוי פיל רייען, צו זעקס אין אַ ריי. הינטער די קינדער — יונגע מיליץ רינגלט אַרום די קינדער־מחנות. נייע און נייע שורות פון דערוואַקסענע פאַרמירן זיך אַליין, שנעל און גייען אין גאַנג, אין וווּנדערלעכן יאָרצייט־צוג. עס איז אַ מאַרש!...

די תלמידים און תלמידות פילן די גרויסקייט פון זייער גאַנג — ווער ווייסט גאָר וווּהין זייער גאַנג וועט זיי דערפירן!... זיי גייען מיט אויפגעהויבענע קעפּ, זיי גייען העלדיש. עס איז דיר נישט סתם אַזוי אַ גאַנג, סתם אַ מאַרש. עס איז גרויס, עס איז וויכטיק!...

וויפל מענטשן זענען שוין אין די גאַסן, אַרום און אַרום? — טויזנטער!... טויזנטער!... צוואַנציק טויזנט!... — עס איז אַרויסגעקומען דאָס אָרעמע פאָלק פון די אָרעמע גאַסן. מענטשן זענען צו די נאַלעווקעס נישט געגאַנגען, נאָר גע־לאָפן — מען איז געלאָפן פון נאָוואָליפּיע, פון סמאָטשע, פון סטאַווקע. עס איז געלאָפן דאָס אָרעמע, פאַרביטערטע, פאַרעקשנטע פאָלק —

— עס איז שיין, ברודער!... עס איז גרויס!... אונדזערע קינדער!...

— זאָלן שונאים קראַפּירן!...

— צעפּלאַצט ווערן!...

עס זענען נאָכגעלאָפן אָרעמע מאַמעס, געזוכט זייערע קינדער אין צוג, גע־בענטשט זיי, געווונטשן:

— אַ געזונט אויף זייערע קעפּ...

— זאָל נאָר דורך בשלום...

עס האָבן זיך באַוויזן, פאַרשטעלטערהייט, אָן צייכנס, אָן בענדער אויף די הענט, די בונדישע אָרדנער. מען דאַרף האַלטן אויג. היטן די אָרדענונג. לאָ־בוסעס זאָלן נאָר נישט באַפאַלן פון הינטן, פון די זייטן.

— בערל, היט די מוראַנאָווסקע...

— שאַיע, שטיי ביי דער מילע...

— לייזער, זיי ביי סטאַוקע...

חברה סטודענטן, ענדעקעס, נאַראַ־לייט, פאַשיסטן זאָלן זיך נאָר נישט „יאַוועון" אויף פּראָוואָקאַציע!...

לערער זענען געגאַנגען ביי די זייטן פון זייערע קינדער־גרופּן. די הערצער זענען געווען אָנגעצויגן. זאָל נאָר גאָרנישט געשען מיט די קינדער.

אויף מיטן פון די נאַלעווקעס און באַלד אויף דער לאַנגער געגנשע האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אַ היסטאָרישער ספּעקטאַקל. ווי אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן?... ווי אַזוי איז דאָס געשען?... ווער האָט דאָס צוגעגרייט?... עס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די קינדער־מחנות יונגע גרופּן־פירער און אַרויסגעצויגן איבער די קעפּ טאַוולען מיט לאָזונגען, אויפרופן, אויפשריפטן — געמאָלענע, געפּאַרבטע, געדרוקטע אויף ייִדיש, אויף פּויליש, גרויסע שול־בילדער, ריזן־קעפּ־פּאָרטרעטן פון י. ל. פּרץ:

— כבוד דער ייִדישער שול!...

— זאָל לעבן די ייִדישע שפּראַך!...

עולם, עמך, שער און אייזן, באַלמעלאָכעס, האַרעפּאַשניקעס, טרעגערס, באַלעגאָלעס, אַלט און יונג, האָט פול געמאַכט די טראָטואַרן, די טויערן פון די הייזער, די באַלקאָנען. מען ליגט שוין אויף די דעכער, מען איז אָנגעשטאָפּט אין די פענצטער. לאָזונגען ווערן אויסגערופן כאָר־מעסיק, לאָזונג נאָך לאָזונג. קולות פון טויזנטער קינדער פאַרקלינגען די גאַס, אַרום און אַרום — אַלץ העכער, אַלץ געשלאָסענער, אַלץ שטאַרקער.

— רעכט פאַר די ייִדישע שולן!... — רופט אויס אַ הויפּט־אויסרופער, וואָס צינדט אָן מיט זיין שטימע די מחנה. באַלד שאַלן אַרויס הונדערטער, זעט אויס אַז טויזנטער:

— רעכט!... רעכט! רעכט!...

— זאָל לעבן ייִדיש!... — רופט אַרויס אַ צווייטער קלינגענדיקער, שאַלנדיקער, שמייכלדיקער אַרויסרופער.

— ייִדיש!... ייִדיש!... ייִדיש!... — ענטפערן כאָרן, מחנה נאָך מחנה, לענג־אויס דעם צוג — ייִדיש!... ייִדיש!...

רופט שוין אָן אַנדער אַרויסרופער, אַ בעל־קריאה פון דער יונגער מחנה:

— כבוד י. ל. פּרץ!...

— כבוד! כבוד!... כבוד!... — טראָגט זיך דער כאָר־געשריי פון די קינדער, און מיט די קינדער דער עולם, די טויערן, די באַלקאָנען, די פענצטער:

— כבוד!... כבוד!... כבוד!...

דער טאָג איז געווען כּולו־פּרילינג. זון איז געווען אין די ייִדישע אותיות פון די הונדערטער טראַנספּאַרענטן. די טויזנטער פענדלעך מיט ייִדישע פּסוקים האָבן זיך געטונקען אין זון. יונגער כּח האָט זיך געריסן פון די קינדער־כאָרן. די מחנה, יונג און אַלט, קינדער און עמך, עלטערן און לערער, איז געוואָרן

אַזוי ווי פאַרשכורט. די לערער פון די באַזונדערע שולן קוקן מיט אַלע אויגן אויף זייערע קינדער צו היטן אָרדענונג.

— אַזאַ פריילעכער גאַנג צום בית־עולם... — זאָגט אין דער שטיל דער געשיכטע־לערער ברווידע צו דער טאַנץ־לערערין טעמפּל.

— אין מיר טאַנצט דאָס האַרץ פאַר אונדזערע קינדער... — זאָגט די לע־רערין טעמפּל.

אַט גייט מיט זיין גרופּע דער געשיכטע־לערער מירער. ער גייט געבויגן, מיטן גאַנג פון אַ תלמיד־חכם. די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט שוין צייט יאָרן געבויגן זיין קאָפּ, וואָס איז מלא וגדוש. שוין לאַנג ווי ער גייט זיין לערער־גאַנג — פון ווילנער לערער־אינסטיטוט אין די צאַרישע צייטן ביז דער גענשע־גאַס אויפן וועג צו פרצעס קבר. ווען ער איז נאָך געווען אַ לערער אין דער „נאַטשאַלנאַיע אוטשילישטשע" פון ראָוונע, מיט אַ קאָקאַרדע אויף זיין לערער־היטל, געווען אַ באַהאַלטענער בונדיסט, האָט געבויערט אין אים די מחשבה וועגן אַ שול אויף יידיש. „לערנען מיט יידישע קינדער אויף יידיש" — אַט דער געדאַנק האָט אים געפירט אין די רעוואָלוציאָנערע חדשים אין סוף פון דער וועלט־מילחמה. אַזוי איז ער געגאַנגען איבער זיין וואָלין ביז ער איז דער־גאַנגען צו דער גזרה, וואָס איז געפאַלן אויף אַלע ווילנער יידישע שולן — שליסן, פאַרחתמענען!...

איז ער געגאַנגען ווייטער, דערגאַנגען צו דער גרויסער פאָלקס־שול אויף דער אָרעמער מילע־גאַס אין וואַרשע, וווּ ער איז נישט נאָר דער לערער־פאַרוואַלטער, נאָר אויך דער טאַטע פון די קינדער. אַ טרייער טאַטע, אָבער אַ שטרענגער — מען דאַרף לערנען, מען דאַרף קענען!... די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק — איז זיין גרונט־רעיון, — פאַסט זיך אַריין, קליפּ און קלאָפּ, אין דער געשיכטע פון כדור־הארץ, יידיש פאָלק אין דער מענטשהייט. מיר גייען נישט אָן אַ זייט, נאָר אין מיטן, הגם מיט אייגענעם טראָט. אַט דער גאַנג צום גענשער בית־עולם פאַסט זיך אויך אַריין אין גאַנג פון יידישן פאָלק צו דער מענטשהייט. מער נישט — עס פרעגט זיך אַ פראַגע, צי קאָן מען שוין די קליינע קינדער מיטנעמען אין גאַנג מיט זייערע שוואַכע פיסלעך... און ווען וועט מען, סוף־כל־סוף, דערגיין...

פרעג נישט, לערער מירער, גיי דיין גאַנג מיט דיינע קינדער, מיט דיין שול, מיט דיין לימוד געשיכטע אין דער פאָלקס־שול מיט די קינדער פון דער אָרעמקייט. טייערע קינדער!... זיי זענען שוין גרויסע יידן. ביסט נישט אָן אַליין־גייער, מען גייט דאָך צוזאַמען, בחברותא.

אַט גייט דער לערער „באַטקא". ער איז געקומען צולויפן אַהער אויף דער גאַס פון מיעדזעשין, פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער האָט דאָרט נישט גע־קאָנט איינזיצן. זיינע קינדער גייען נישט, זיי זענען אין דער סאַנאַטאָריע, גייט ער מיט אַלע גרופּן, מיט אַלע קינדער. זיין קאָפּ איז פול מיט סצענעס פון קינדער־שפּילן, וואָס ער איז זייער מייסטער. ער איז דער מייסטער פון די

ליאַלקע־שפּילן, פון מאַריאָנעטן־שפּילן, דער מייסטער פון געשפּילטע פאָלקס־ווערטלעך. „איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן" — וואַרפט מען אַראָפּ אַ שטיין אויף דער ערד. ער איז דער מייסטער פון פּורים־שפּילן, פון „יוסף מיט זיינע ברידער". זעט אים אויס אָט דער גאַנג אַצינד ווי אַ גרויסע פאַרשטעלונג, וואָס אַן אומגעזעענער איז איר רעזשיסער. זאָל זיין גוט געשפּילט! עס וואָלט פּאַסן, אַז פאַרויס דעם צוג זאָל גיין פּרץ אַליין מיט זיין פעלערינע אויף די אַקסלען און ווייכן קאַפּעלוש. מען וועט קומען צום קבר, וועט ער זיין אַ ליידיקער. ער, פּרץ, איז גאָר אין דער מחנה. ער האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.

גייט די לערערין רבקה. זי גייט מיט איר גרופּע קינדער אין בלויע העמדלעך און רויטע שניפּסן. עס גייט שורה נאָך שורה. זי איז געקליידט ווי די קינדער — בלוי און רויט. איר קאָפּ איז שוואַרץ, קורץ געשוירן. אירע אויגן — גרויס און בולט, פרום, באַגייסטערט. גאַרנישט פרעגן, גאַרנישט קלערן — קינדער וואַקסן אין דעם גאַנג.

גיי, גיי, רבקה, די אַרבעטס־לערערין, מיט דיין גרופּע. האַנטאַרבעט דיסציפּלינירט. דאָס איז ריכטיק. נישט דורך ווערטער דערציט מען, נאָר דורך מעשים, דורך אַרבעט. מען דאַרף אויסאַרבעטן נישט נאָר שיינע זאַכן, נאָר אויך נוציקע קליידער, פאַרטיכער, טיכלעך, קיישלעך, טישטיכלעך.

גיי, גיי, רבקה די לערערין. דו גייסט נישט נאָר מיט דיינע שול־קינדער, דו גייסט אויך מיט דיינע אייגענע קינדער, וואָס זענען איצט ווייט אין צוג. זי גייט און פילט אירע פיס אין טאַקט פון גאַנג פון אירע אייגענע קינדער.

אַ רגע — און עס לויפט דורך פאַר איר די־ביוז איר אייגענער גאַנג אין לעבן, געמישט טרויער מיט פרייד. אָט זעט זי איר געשטאַרבענעם טאַטן, דעם קאַרלינער חסיד ר' משה מיט דער גרעסטער באָרד אויף גומיענער סוחרים־גאַס, דער פרומער חברה־קדישא־מאַן, וואָס שטעלט שאַרפן שנאַפּס, סאַמע נײַנציקער, נאָך יעדער קבורה. — לחיים, ידן!...

זי גייט איר גאַנג זינט זי איז אַוועק, אַ יונגע מיידל, וואָס גרייט זיך צו עקזאַמענעס, פון איר טאַטע־מאַמעס שטוב אין טעקסטיל־פאַבריק, צו זיין אַ שפּוליאַרקע, — צו גיין, „אין פאָלק אַריין". דער טאַטע, דער הייסער חסיד, האָט מער נישט געוואָלט קענען זיין טאָכטער די בונטאָווסטשיצע, די „פאַרברייטשנע". איר וועג איז געווען אַ לאַנגער — אַנגעהויבן מיט כאַשקע פיינסאָד, שרהקע דעם לערערס, אשר, מענדל, זיידל און מנחם בריסקער ביי „בנות ציון", אַוועק מיט די „פּאָליטישע קעמפער" פון מינסק, געגאַנגען מיט די ס. ס., אַוועק מיט די „פאַראייניקטע" און אַריינגעקומען אין דער מחנה פון „בונד". זי איז טריי, אָן פּשרות, פאַרעקשנט... האָט זי נאָר געשטעלט אירע אייגענע קינדער אויף די פיס, איז זי אַוועק לערנען געוועב־קונסט — שטריקן, נייען, פאַרבן, העפטן, קלעפּן, מאָלן און — געוואָרן אַ לערערין אין דער יידישער פאָלקס־שול.

זי קען און ווייס יעדעס קינד באַזונדער — זיין משפחה, זיין נויט. זי גייט איצט האַנט אין האַנט מיט איר שילערין גיטל די שוואַרצע, אַן אָרעם קינד, —

דאַר, קלוג און שאַרף. זי האָט נישט קיין מאַמען, אַ יתומה. זי לערנט שוין אין פערטן קלאַס. אין אַ הונדערטל סעקונדע קומט אַ בילד, אַ קלאַנג אין קאָפּ פון רבקה דער לערערין. גיטל די שוואַרצע איז נאָך אין צווייטן קלאַס און אינמיטן לערנען הייבט זי אויף איר קאָפּ מיט די גרויסע אויגן און טוט אַ זאָג: „לערערין רבקה, איך וויל עפּעס פרעגן. איך וויל פרעגן גאָט: — „פאַרוואָס איז געשטאָרבן מיין מאַמע?״.

אַזאַ שווערע פראַגע.

פאַרטראַכט זיך נישט, רבקה, אַצינד. דו פירסט איצט דיין גרופּע אין גרויסן צוג — די מחנה מיט די בלויע העמדלעך און רויטע שניפּסן. ווייסט גאָר אַליין נישט, לערערין און מאַמע, אַז דיינע קינדער גייען אויף אַ וועג ,וואָס קאָן דער־פירן צו קידוש־השם.

פאָרויס, פאָרויס, לאָמיר גיין. די פאָדערשטע גרופּן זענען שוין אָפּגערוקט, דאַרפסט זיי אָניאָגן.

אסתר לאַפּידעס־לוריע גייט מיט אירע גימנאַזיסטן. פאָרויס איר גרופּע גייט אשר פערקאָל.

צי געדענקסטו, אסתר, ווי אשרקע האָט געשפּילט אין דער חשמונאים־שפּיל ביי דער חנוכה־פאַרשטעלונג?... צי געדענקסטו, אסתר, אשרן בעת דעם פּשיטיקער שול־שטרייק פון די קינדער?... זע, ווי ער פירט איצט זיין מחנה!...

אָט איז גיטל די שוואַרצע. צי געדענקסטו איר, אסתר, בעת די אומלעגאַלע לימודים פון דער פאַרמאַכטער גימנאַזיע?...

איצט גייען זיין ביידע, חברים, אשר און גיטל, און טראָגן הויך זייער טראַנספּאַרענט מיט פּרצס ווערטער:

נישט געבעטן, נישט געבעטלט,
שטאָלצע יידן זענען מיר...

זיי ביידע, אשר און גיטל, גייען אַזוי שטאָלץ, ווי שטאָלץ עס זענען די ווערטער, וואָס זיי טראָגן אויף זייער טראַנספּאַרענט. ווער קען איצט וויסן, אשר און גיטל, אייער מאָרגנדיקן גורל, ווו איר, שטאָלצע יונגע יידן, וועלן נאָך אַריינמאַרשירן?... וואָס וועט נאָך זיין מאָרגן אייער גורל אויף דער זעלבער נענשע־גאַס?...

— עס איז אַ געפאַר פאַר די שולן זאָגסטו, ברוך?... — איך ווייס עס, ברוך. איך פיל עס, אָבער עס קען שוין נישט זיין איצט קיין אָפּהאַלט. געגאַנגען, איז — געגאַנגען, געזונגען, איז — געזונגען!...

זע נאָר ווי די זון פלאַקערט פונאַנדער די ווערטער:

„נישט געבעטן, נישט געבעטלט!...״

מוז דאָך אַזוי זיין!... מוז מען דאָך אַזוי האַנדלען!...

— הער און זע ווי די גאַס ענטפערט בראַוו, הילכיק, שטורמיש!...

דאָס ענטפערט נישט די גאַס, דאָס ענטפערט די געשיכטע.

פּאָליציי איז דאָ. זי גייט נאָך ביי די זייטן. באַוויזט זיך צווישן עולם אויף די טראָטואַרן. פּאָליציי־אַגענטן, געהיים־אַגענטן, זיי פאַרשרייבן עפּעס אין זייערע ביכלעך.

— זעסט זיי, שלמה, וואָס וועט זיין?...

— גאָרנישט וועט זיין...

— זיי קענען צעטרייבן...

— דער עולם איז צו־גרויס. זיי וועלן נישט וואַגן.

— זיי קענען נישט אַריינלאָזן אין טויער פון בית־עולם...

— איז פאַרפאַלן...

— נישט אָפּגעשטעלט זיך, געגאַנגען!...

די קינדער מאַרשירן. ווי זיי וואָלטן דערשפּירט געפאַר, מאַרשירן זיי איצט מיט העכער אויפגעהויבענע קעפּ, מיט מער אָרדענונג, דיסציפּלין, מער געשלאָסן.

דער טויער איז אָפן. עס שטייען ביים אַריינגאַנג פּאָליציי־לייט. די מאַסע פאַרשווינקט זיי. געגאַנגען!... אָן מוֹרא!... — מען גייט זיגנענדיק, דורכן ברייטן טויער.

— האָסטו שוין געהערט מ׳זאָל זינגען אויף אַ לוויה?...

— דאָס איז נישט קיין לוויה...

דער צוג גייט. מען קומט אַרויף אויף דער ברייטער בית־עולם אַלייע. מען גייט צום אוהל פּרץ.

דאָ איז אויסגעוואַקסן די מחנה פול־פּאַק. די וואָס האָבן נישט באַוויזן אָנ־יאָגן די מחנה אין די גאַסן, האָבן דורכגעשניטן צו סמאַטשע און אָפּגעוואַרט דעם צוג ביים טויער. די אייגענע מיליץ האָט פון פריער צוגעגרייט וואָך און אָרדנער אויפן בית־עולם. טויזנטער, טויזנטער, מענטשן אַרום און אַרום. ביים פּרץ־אוהל שטייט צוגעגרייט דער כאָר פון די וואַרשעווער שולן מיט זיין דיריגענט גלאַטשטיין. ער הייבט אָן דאָס פּרץ־ליד:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

עס זינגט נישט נאָר דער כאָר, עס זינגט די קינדער־מחנה אַרום און אַרום. מען זינגט צום גייסט פון דעם גרויסן ייִדן, וואָס ליגט דאָ אין בערגלדיקן קבר. אַרום אים די קברים פון זיינע שכנים — יעקב דינעזאָן, ש. אַנסקי, בייניש מיכאַלעוויטש.

דערמאָנסטו זיך, אסתר, יענע שעה, ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל דער־הערט די לייבן־שטימע פון ווייס־קעפּיקן בייניש מיכאַלעוויטש, פון ערשטן פאַר־זיצער פון ערשטן שול־צוזאַמענפאָר?... — אָט איז זיין קבר אויפן זעלבן בערגל.

מען זוכט אסתרן.

— חבר שלמה זוכט אייך...

— שלמה מענדעלסאָן...

— וואָס איז?

— מיר ווילן, אַז איינער פון די תלמידים פון אייער גימנאַזיע זאָל אַראָפּ־לייענען פון דער פרץ־מצבה אַ פּאָר שורות. זאָגט ווער.

— ווער?... ווער פון די תלמידים זאָל עס טאָן?... ווער וועט לייענען צום בעסטן? — מאיר!... מאיר גראַזאָווסקי!...

— ווו איז מאיר?...

אסתר האָט אים געזוכט מיט די אויגן, געפּרעגט מיט די הענט, איר האַרץ האָט געפּלאַטערט.

— אָט איז ער!...

— מאיר, זאָלסט גוט לייענען!... הויך!... קלאָר!...

באַלד־באַלד וועט עס זיין. מען האָט מאירן שוין צוגעפירט צום אוהל.

ער שטייט שוין דאָרט און וואַרט. דערווייל קוקט ער דורך די שורות, די ווערטער. ער ווייסט זיי. ער קען זיי אויף אויסנווייניק, דער תלמיד־חכם פון זעקסטן קלאַס.

אין אַ הונדערטסטל סעקונדע לויפט דורך פאַר אסתרן דאָס בילד פון קליי־נעם יינגעלע מאירקע, וואָס איז געזעסן אין ערשטן קלאַס און געמאָלן פייגל פליען. ער איז געפלויגן מיט זיי צוזאַמען. אָט טוט אַ קלונג איר אין קאָפּ מאירקעס פראַגע, ווען צום ערשטן מאָל איז געקומען צו איר אין קלאַס ברוך:

— וואָס זאָל מען טאָן?... קינדער קומען לייען אויף פרישטיק און אין ליי־קאַסע איז נישטאָ קיין געלט... וואָס זאָל מען טאָן?...

איצט שטייט מאיר גראַזאָווסקי ביים אוהל פרץ און זיין קול טראָגט זיך קלינגענדיק, ממש ווונדערלעך, איבער די קעפּ פון גרויסן עולם:

און אַזוי,
אַזוי גייען מיר,
זינגענדיק און טאַנצנדיק,
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
לענגער וואַרטן נישט געקענט...

# וועגן פערטן בוך

נאָך די דריי טיילן: „דער יסוד", „ווענט", „דער בנין" דאַרף זיין אַ פערט בוך — „די קדושה". דאָס פערטע בוך איז אָבער נאָך נישט געשריבן געוואָרן.

דער מחבר האָט באַגלייט אסתרס גאַנג ביז דעם טויער פון ביאַליסטאָקער געטאָ. אין טויער איז ער נישט אַריין.

דער מחבר האָט צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן, אויסגעהערט געטאָ־עדות, געגאַנגען אויף די שפּורן פון אסתרס טריט. פאַר זיין דמיון איז אויסגעוואַקסן די געשטאַלט פון אסתר בת טובים — פון דער יידישער לערערין אין געטאָ, ביז זי האָט מקריב געווען איר לעבן אין קדושה.

לא יאומן כי יסופר, — אָבער עס מוז דערציילט ווערן. דער מחבר האָט זיך גענומען דאָס צו טאָן. ער האָט געשריבן, געשריבן און — צום סוף אוועקגעלייגט די פען. זיך נישט געפילט בכח.

אפשר וועט ער קענען טאָן שפּעטער, אויב נאָר יאָרן און כח וועלן זיין. ער ווייסט און פילט, אַז ער איז געבליבן אַ בעל־חוב צו דער לערערין אסתר.

## אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) **י. ל. פרץ** — דריי חסידישע דערציילונגען
**אַלבום־פאַרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.**

2) **ח. ש. קאַזדאַן** — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
**(אויספאַרקויפט)**

3) **י. י. טרונק** — כעלעמער חכמים
**מיט קאַריקאַטור, געצייכנט פון י. שלאָס.**

4) **שלמה סיימאַן** — אַמאָליקע יידן

5) **פּראָפ. ליבמאַן הערש** — אויף דער גרעניץ פון צייטן

6) **יצחק פערלאָוו** — אין אייגענעם לאַנד

7) **י. י. טרונק** — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

8) **ש. סיימאַן** — תוך־יידישקייט

9) **נ. ב. מינקאָוו** — זעקס יידישע קריטיקער
פּרעמירט געוואָרן דורך דעם פאָנד פאַר יידישע ליטעראַטור
ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

10) **אברהם זאַק** — אין אומרו פון יאָרן
פּרעמירט געוואָרן דורך דער מ. סטאָלאַר־פּרעמיע
פון „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס.

11) **יוסף רייך** — וואַלד אין פלאַמען
12) **מ. וו. בערנשטיין** — אין לאַבירינטן פון תקופות
13) **לעאָן קאָברין** — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע **(2 טיילן)**
14) **יצחק פערלאָוו** — דזשעבעליאַ **(ראָמאַן)**
15) **ברוך ריווקין** — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק
16) **מלכה לי** — דורך קינדערשע אויגן.
17) **יעקב פאַט** — די לערערין אסתּר

## אין דרוק:

**שלמה סיימאַן** — וואָרצלען
**משה דלוזשנאָווסקי** — דערציילונגען און דראַמען
**משה אייזענבוד** — געלעבט הינטער קראַטן
**פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך
**מנחם באָריישאָ** — עסייען

ווענדן זיך פאַרלאַג פון ענינים אַלע וועגן:

EDITORIAL "IDBUJ"

BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 62-9566 — BUENOS AIRES

República Argentina

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 25 DE ENERO
DE 1956 EN LOS TALL. GRAF.
ZLOTOPIORO HNOS., GASCON
1231, BUENOS AIRES (R. A.)

JACOB PAT

# THE TEACHER ESTHER

★

"IDBUJ"

BUENOS AIRES

1956

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by
**J. PAT (New York)**

HECHO EL DEPOSITO QUE MARCA LA LEY

Industria Argentina

JACOB PAT

# LA MAESTRA ESTHER

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
Buenos Aires - 1956